ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# לב טוב

אידיש

**62**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ה לפ"ק

זה השער לה׳ צדיקים יבואו בו

# ספר

# לב טוב

אִיר אַלִי מֶענְטְשִׁין דִי בַּשֶׁעפֶּנִישׁ פוּן גָאט · וָואס עֶר הָט
בַּשַׁאפֶן דִי וָועלְט אוּנ יֶיענִי וָועלְט אַז אִיר וָועט לַייֶענֶן
דָם סֵפֶר וָועט אִיר דְרוּנֶן גִיפוּנֶן דָם גַאנְצִי יוּדִישְׁקַייט · אוּנ
עֶם וָועלִין גְרוֹס הֲנָאָה הָאבִּין דִיא וָוס וָועלִין לֶערְנֶן דְרוּנֶן :
דְרוּנֶן שְׁטַייט דוּא הַנְהָגָה פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין פוּן זַיין יוּגֶנְט
אָן · אוּנ אוֹיךְ פוּל דִינִים אוֹיף הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב ·
אוּנ אַלְץ וָוס גִיצְלִיךְ אִיז הַיינְטִגִי צַייטִין · אוּנ דֶער וָואס
וָועט הַאלְטִין וָואס דְרוּנֶען שְׁטַייט וָועט עֶר זוֹכֶה זַיין
צוּא עוֹלָם הַבָּא אָמֵן :

---

נדפס מחדש
בעיה״ק ירושלים תובב״א
שנת תשל״ה
נדפס בלובלין בשנת תרס״ד

# הקדמה

איך ליבע לייט איך וועל אייך מודיע זיין די סיבה וואס עס האט מיך געבראכט דעם ספר צו מאכן · דאס איז ווייל איך האב געזעהן פיל מנהגים וואס געפעלין מיר ניט · דען מיר האבן תהלה לאל) איין גרויש געליבטי תורה וואס הקב״ה האט אונז געגובן אויף דעם בארג סיני דורך משה רבינו ע״ה פאר די אויגן פון כל ישראל · דער נאך האבן מתקן געוועזן אונזערי נביאים אונ חכמים זייער גוטי תקנות · וויא זענין בשיידט אין דר גמרא אונ פוסקים · אבר אצונדרט אין אונזערי דורות אונ אין אונזערי קהילות דס עס זענין גאר וויינג לייט וואס בגערן צו וויסן די רעכטי מנהגים אונ איטלוכר מאכט זיך מנהגים וויא אים געפעלט : בפרט אין שיל זענין פאר האנדין פיל לייט וואס זוצן צו קדושה אונ שמונה עשרה אונ מודים · אויך ריידין זייא אין איר דברים בטלים · אונ קיינער איז ניטא זייא צוא שטראפין · אונ אויב עס גיפונט זיך ערגיץ איינער וואס וויל זייא יוא שטראפן · האט ער מורא איינס מען וועט אים ניט פאלגין: טראכט ער זיך וואס נוצט מיין ריידן · דאס אנדרי אז ער וועט אן שרייאן אויף איינים וועט ער אים נאך מזלזל זיין מיט פיל בזיונות אוך איז ניט פר האנדין אין דעם דור איין מענטש ער זאל אין זוך האבן דוא גוטו מדות פון לייטן צו שטראפין : דרום מאכט זיך איטלוכר איין מנהג ווי אים גיפעלט · אז וויא עס זענין פאר האנדן פיל לייט וואס זענין אין שיל נאר אן כוונה בשעת זייערי תפלות : אוך בשעת דר חזן זאגט דיא הויכי שמונה עשרה טואן פיל לייט גלייך וויא זייא געהערין ניט דער צו : אונ זעצין זיך אנידר אפילו צו קדושה אונ מודים אונ צו קדיש אונ צום לייאנין · אוך קערט אום איינר זיין פנים צום אנדרן אונ זעצין זיך אונטרין טיש אונ ווערין פרייליך בנאנדר · זעהט ווי די ישמעאלים טואן אין זייער תפלה דאס זייא שטייאן אין איין שרעקליכי מורא גלייך וויא פאר איין מלך : נוא מכל שכן ווי זאלין מיר ניט שטיין אין מורא פאר דעם לעבדיגן גאט געלובט איז זיין נאמן דאס ער האט בשאפין הימל אונ ערד אונ ער זעהט וואס בייא איטלכין אין הארצין טוט זיך · קער מען דאך בוודאי שטיין אין גרוס מורא : נון ליבי לייט זעהט ווי מיר האבן איין מנהג ווען מ׳בענטשט מזומן דא בענשט איינר אונ דיא אנדרי הערין אים ניט צוא · אודר זייא ריידין דר ווייל דברים בטלים : אזו איז ער דאך ניט יוצא אונ מוז נאך אמאל בענטשין · אזו טרעפט זיך זעלטין איינר זאל נאך אמאל בענטשין · אזו אויך אין שול איז קיינר ניט יוצא קיין הובת תפלה איבר זייער גרוסי עבירה פון דברים בטלים · אונ דאס איז אסור אפילו אין דר הם מכל שכן אין דר הייליגער שול · נאך מער אום שבת געשעהן אוך פיל עבירות אין אונזרי הייזיר ווייל דו בני בית ווייסן ניט וואס מותר איז אונ וואס אסור איז · דרום האב איך גמאכט דעם ספר אויף טייטש · אונ האב אים גירופן (לב טוב) דען דר וואס האט איין גיט הארץ דער קען באלד קומן צוא אלי גוטי מדות פון דער וועלט : אז וויא מיר לערנין אין פרק רבי יוחנן בן זכאי האט געזאגט צוא זייני פינעף קעסטליכי תלמידים דאס איטלוכר פון זייא זאל זיך בטראכטון אונ זאל זאגין וועלכים עס איז דוא בעסטי מדה וואס דר מענטש זאל זיך איז אים בהעפטין זאגט רבי אליעזר איין גוט אויג איז דו בעסטי מדה · דען ער פאר גינט איטלכן דאס זייניגי · רבי יהושע זאגט איין גוטר חבר : דען פון איין גוטן חבר לערנט מען פיל גוטס · רבי יוסי זאגט איין גוטר שכן : דען ער וועט זעהן פון אים פיל גוטש אונ וועט אים נאך טין · רבי שמעון זאגט דיא בעסטי מדה איז אז דר מענטש בדענקט זיך וואס עס וועט זיין · רבי אליעזר בן ערך זאגט איין גוט הארץ איז דיא בעסטי מדה : דא זאגט צו זייא רבי יוחנן מיר געפעלט דאס רבי אליעזר בן ערך האט בעסיר געזאגט פון אייך אלי: דען אין זייני רייד זענין אין כלל אלו אייערי רייד אוך : דען דר וואס האט איין גוט הארץ דער קען גרונג קומן צו אלי גוטי מדות : ער נעמט אן שטראף פון אנדרי : אונ אויך שטראפט ער זיך זעלבערט : ער האט ליב דוא לייט אונ האט איין גוט אויג ער פאר גונט איטלוכן אל דאס גוטש : אונ בגערט ניט קיין פרעמדם : אויך ווער עס וועט אין דעם ספער לייאנין וועט ער גיפונען פיל גוטי מדות צוא קומן דורך זייא צוא איין גיט הארץ · נאר דיא עצה וועל איך גובין דעם מענטשין וואס בגערט צוא האבן איין גוט הארץ דאס ער מוז אויף זוך פריי־

געמין דיא מדה פון ענוה · אז וויא עס שטייט אין פרק פון ענוה דען דער עניו קען גרונג בקומן איין גוט הארץ : אבר דעם בעל גאוה איז עס שווער : אויך אלי דו גוטי גרות העגגין אין ענוה · אויך הייסט דיא תורה לב טוב · דען זיא הייבט זיך אן מיט איין ב בראשית · אונ לאזט זיך אוס מיט איין ל (לעיני כל ישראל) דס מאכט לב · אויך הייסט זי טוב ווי דער פסוק זאגט (כי לקח טוב נתתי לכם תורתי אל תעזובו) נוא זעהן מיר אז דוא תורה הייסט (לב טוב) · דורך דעם וועלין מיר זוכה זיין אין היילגן לאנד אריין צוא קומן אמן :

יצחק בן לא"א מוהר"ר אליקום זצ"ל מק"ק פוזנא :

# הלכות בית הכנסת פרק ראשון

**כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו שנאמר כל הנקרא בשמי לכבודי בראתיו יצרתיו ואף עשיתיו :**

דער פסוק איז אזו טייטש הקב"ה הט דרום בשאפן דוא וועלט פון וועגין ער האט גיוואלט זיין אמלך דען אמלך אן פאלק איז קיין מלך ניט דרום האט ער בשאפן דו הומל אונ ערד אונ אלץ וואס איז אוף זיי (כל מה שברא הקב"ה לכבודו) אלץ וום גאט הט בשאפין איז פון זיין כבוד וועגין דיא הומלען אונ דו ערד אונ אלץ וואס איז אויפן הומל אונ אוף דער ערד אונ אלץ ווס איז אין וואסער הונטר דער ערד אלדונג הט הקב"ה בשאפן מיט רחמנות פון זיין כבוד וועגין אויבען אויפן הומל הט ער בשאפין דוא מלאכים אטייל פון וואסער אטייל פון פייער אטייל ווינד אטייל זענין האלב וואסר האלב פייאר אונ ווייל אין זייא איז ניט פאר האנדין קיין בלוט אונ פלייש דרום האבן זייא אוך קיין יצר הרע ניט דען דס אייני העגגט אין דעם אנדרן זיי טואן ניט קיין שום זאך נאר זייא לובן הקב"ה טאג אונ נאכט זיי זוצן ניט זייא שלאפן ניט זיי עסין נוט זיי טרונקן ניט נאר טאג אונ נאכט טואן זייא נאר געטליכי זאכין צו דעם שליחות וואס זיי זענון בשאפן גוואהרן דרום האבן זייא קיין שכר ניט ווייל זיי האבן קיין יצר הרע ניט · נוא קענין זייא קיין בייז ניט טאן נאר געטליכי זאכין · דר נאך הט הקב"ה בשאפן דיא בהמות אונ חיות אונ עופות אונ דוא פיש אין וואסער דו אלי זענון נאר אטייל בלוט אונ פלייש דרום זענון זייא אטייל יצר הרע דרום קענון זייא קיין גוט טון נאר אטייל מענטשלוכי זאכון עסן אונ טרונקן אונ שלאפן אונ צום ווייב בהעפטון אונ אלץ וואס צום יצר הרע גיהער · דרום האבן זייא אויך קיין עונש ניט ווייל זיי זענון אטייל יצר הרע · נוא זעהן מיר דאך אז דיא מלאכים אונ דוא בהמות האבן קיין שכר אונ קיין עונש ניט ווייל זייא קענון קיין ניט טון נאר צו דעם וואס זייא זענון בשאפון גוואהרן · נאך דעם אז אלץ איז שון בשאפן גוואהרן אונ אויך דר גיהנם אונ גן עדן הט דוא חכמה מיט גינומן אז מיזאל בשאפון דעם מענטשין דען ווען ניט דר מענטש צוא וואס נוצט דאם אלץ · איז דאם דעו דער כבוד הקב"ה אז דער גיהנם אונ גן עדן זאל אום זוסט בשאפון זיין · אזו האט הקב"ה גיטאן איין מלאך אין איין בהמה דס מיינט מען דוא היילגה נשמה איז איין מלאך אטייל יצר טוב · אין דעם גוף וואס איז בלוט אונ פלייש אטייל יצר הרע · דער מיט האט ער בשאפון איין מענטשון · דרום האט ער דעם מענטשון גיגובין דוא תורה אונ מצות דער מיט הט ער אים גיוויזין וויא ער זאל זיך נוהג זיין נאך צו גיין נאך דער נשמה אונ ניט נאך דעם יצר הרע אונ אוך האט ער אום גיוויזון דעם רעכטן וועג וויא ער קען קומן אין גן עדן : אונ אויב ח"ו פאר קערט קומט ער אין גיהנם דרום אז דער מענטש טוט געטלוכי זאכון : אונ בצווינגט דעם יצר הרע אונ אלי זיינו מענטשלוכי זאכון נאר זיין כוונה איז מיט אלים פון גאטס וועגון למשל ער עסט אונ טרונקט כדי ער זאל שטארק זיין צו דער דונסט פון הקב"ה ער שלאפט כדי זיין קאפ זאל אים זיין אפ גרואט וועט ער

קענן טואן גאטס דינסט מיט קלארקייט נוא אז דר מענטש איז זיך אזו נוהג אזו איז דער גוף איין קנעכט צו דעם הער דוא נשמה אזו ברענגט דער הער דעם קנעכט אין גן עדן אריין : דען וויא אהון דער הער גייט מוז דר קנעכט נאך גיין אזו איז דר זעלבגר מענטש בעסיר פון אמלאך דען דר מלאך הט קיין שכר ניט אונ דער מענטש האט יוא אגרוסן שכר אונ חלק לעולם הבא אבר ח"ו פאר קערט אויב דער מענטש גייט נאך דעם גוף אונ יצר הרע דאס זיין כוונה איז מיט אלים זוך אן צו טואן תענוגים אזו איז דר גוף דער הער אונ דוא נשמה דער קנעכט · זיא מוז נאך צוהן דעם גוף אין גיהנם אריין נוא ווערט גיפונן אז דר מענטש איז נאך ארגיר פון איין בהמה · דען דוא בהמה האט קיין שכל ניט דרום קומט זוא ניט אין גיהנם אריין אבר דער מענטש הט יוא שכל אונ פר דארבט זיין שכל דרום קומט ער יוא אין גיהנם אריין :

דא וועל איך אייך בשיידן אלץ וואס איז בשאפן גיווארן פון דעם מענטשן וועגן עש איז איין משל איין מלך מאכט אסעודה פאר זיין פריינד צום ערשטן רופט ער אום צוא איין שיינים פאליץ דאס ער זאל דרונגען מאכן דוא סעודה · דר גאך צינט ער אן ליכט · דער נאך בשטעלט ער סארוויירס ווס זאלין דונן צום טיש דר נאך שטעלט ער דארטן שיינע ביימיר אונ בשמים דר נאך שטעלט ער אריין דו ליכט אין לייכטער · דר נאך ברייט ער אן צו עסן פלייש אונ אלורלייא פייגעל אונ גוטי שפייז · דר נאך רופט ער זיין גוטן פריינד ער זאל קומן אויף דער סעודה ווס ער האט גימאכט פון זיינט וועגן · אזו איז דו זאך אויך · צום ערשטן הט גאט ב"ה צו גרוכט ג"פאליץ דאס איז דוא וועלט · דר נאך האט ער אן גיצונדן אליכט · דאס מיינט מען דעם אור וואס גאט האט בשאפן אין ערשטן טאג · דר נאך הט ער בשאפן דו מלאכים דס זענן דוא סארוויירס · דער נאך דוא ביימיר אונ אלירלייא קרייטורצער · דר נאך הט ער גישטעלט דו ליכט דס איז דו זון אונ דו לבנה אויף דעם לאכטער דס איז דר הומל : דס זייא זאלין לייכטן אויף דער ערד · דער נאך הט ער בשאפן אלורלייא בהמות אונ פייגל אונ פיש · נאך אלים הט ער בשאפן דעם מענשן · נוא זעהט מען דאך אז דאס אלץ איז בשאפן גווארן פונים מענטשן וועגן : נון וויל דער מענטש האט ניט גיקענט זיין אן עסן אונ טרונקן אונ שלאפן אונ אנדרו מענגשלובי זאכן · דרום האט אים גאט גיגעבן דו תורה אונ מצות · צוא ווייזן וויא ער זאל זיך נוהג זיין וועלכים מותר אונ וועלכים אסור איז דען ווען ניט וואלט דר מענטש גטאן אלי זיינו זאכן פון תענוג הגוף וועגין : אונ וואלט זוך אן גיטאן וואל טאג אונ וואלט זיך גמאכט יום טוב אלי טאג דאס וויל גאט ניט האבן ער זאל פאר דארבן זיין נשמה · אדרבה ער וויל האבן מיזאל דעם גוף נאך ציהן נאך דר נשמה · דרום שרייבט אן דוא היילוגי תורה (קדושים תהיו כי קדוש אני) איר זאלט זיין היילוג דען איך בין אוך היילוג דס טייטשן דו חכמים דו זאלסט זוך היילגן מיט וואס מותר איז · דו זאלסט ניט איבעריג עסן אונ טרונקן אונ אלי זיינו מעשים זאלין זיין לשם שמים דאס ער זאל גיזונד זיין צו גאטס דינסט · דען ווען דער מענטש איז שוואך קען ער ניט רעכט גאט דינן · אונ אלי זיינו עסקים אונ הענדיל פון דר וועלט זאל אלץ זיין לשם שמים · אבר ווען דער מענטש טוט דאס אלץ פון זיין גוט לוסט וועגין · אזו איז ער ערגור פון דר בהמה · דען דו בהמה הט קיין יצר טוב ניט אזו מוז זוא טאן אלץ ווס גיהער צו איר גוף אבר דר מענטש הט ביי זוך דעם יצר טוב דאס איז דיא היילגי נשמה · אונ לאזט זוא ארבוטן צו דעם גוף · דרום איז ראוי אז איטלוכר מענטש זאל זעהן ניט צוא פאר אום ריינגקן זיין היילוגי נשמה מיט וואל טעג · אונ דר גוף זאל זיין משועבד צו איר · דען איטלוכער ווייסט וואל וויא דר הער גייט מוז דר קנעכט נאך גיין אזו ווערט זוא קענן קומן צו דעם אורט וויא זוא איז גינומן גיווארן הונטר דעם כסא הכבוד אונ זאל ניט לאזן דוא היילוגי נשמה נאך גיין דעם גוף צו דער ערד · איך דארף ניט פיל מארוך זיין · נון וויל גאט האט אריין גיטאן דוא נשמה אין גוף אריין דרום האט ער דער צו בשאפן צווייא כלים איין כלי צום גוף דאס איז דער (וושט) ער נעמט אין זיך אריין אלץ ווס ער עסט אונ טרונקט אונ איין כלי צו דר נשמה דס איז דר (קנה) : ער צוהט ארויס דס קול · אונ נעמט ניט אריין אין זיך קיין שום זאך · נאר דס וואס ער פאנגט אריין

אונ ארוים דעם אטום כדי דם דו נשמה זאל קענן בשטיין בייא דעם גוף : נוא ווען דער מענטש איז משעבד דעם וויישט אויך צו דר נשמה · דס ער טוט נאר אטייל געטלוכי זאכן · אזו ווי איך האב גישריבן · דא איז ראוי ער זאל בעסער זיין פון אמלאך · דען דר מלאך הט נוט קיין כלי וס גיהער צום גוף : אונ דר מענטש האט יוא אונ איז עס פארט משעבד צו דר נשמה · אבר ח״ו ווען ער איז דעם קנה אויך משעבד צום גוף · אונ פר אום ריינוגט זיין גוטי כלי · אזו איז ראוי ער זאל ערגור זיין אז דו בהמה דען דוא בהמה הט ניט דו כלי וס גיהער צו דר נשמה · אבר דר מענטש הט יוא אונ פאר דארבט זוא · אונ אזו וויא דר וויישט דוא כלי וואס גיהער צום גוף איז פר באטן גיוואָרן פון צו עסין טריפות אונ נבילות אונ אלץ וס טמא איז · דהיינו חזיר אונ בלוט אונ חלב : דען דר מיט פר אום ריינוגט ער זיין כלי וואס גיהער צום גוף · אזו אוך דער קנה דיא כלי וואס גיהער צו דר נשמה איז אויך פר באטן גוואָרן פון צו ריידין בייזו רייד · דהיינו (שבועות) אונ (קללות) (לשון הרע רכילות ניבול פה) · דען דער מיט פר דארבט ער זיין גוטי כלי וואס גיהער צו דר נשמה · אזו וויא ער דארף ניט עסין אונ טרונקן אונ זוך וואלטאג אן טואן נאר צוא דער האלטון זיין גזונד · ווי אובן שטייט אזו אוך דארף ער ניט ריידין קיין איבעריגי רייד נאר צו זיין בדרעפנוש · אז וויא איך וועל דא נאך בעסיר בשיידן :

אוך דעם האט רבי שמעון גיזאגט אין פרקים אלי מיינ טאג בין איך גיצויגן גוואָרן צווישן תלמידי חכמים האב איך ניט גיפונן קיין בעסרי מדה אז שווייגן דאס מיינט ער מיזאל שווייגן אין וועלטליכי זאכן אונ דברים בטלים · אבר ניט ח״ו אין דברי תורה אונ מצות אזו אוך האט שלמה המלך גיזאגט גאט איז אין הומל אונ דו ביסט אויף דר ערד : דרום זאלין דיינו רייד ווינציג זיין דען איטליכם ווארט וואס דר מענטש רעט גוטס אודר בייז ווערט אלש איין גישריבן דען איטליכם ווארט וס דר מענטש לאזט ארוס פון זיין מול אנטפאנגט עס איין מלאך אונ ברענגט עס פר גאט : איז עס איין גוט ווארט אנטפאנגט עס איין גוטר מלאך אונ ברענגט עס פר גאט : אונ עס ווערט איין גשריבן אין גוטן בוך · איז עס אבר איין שלעכט ווארט אנטפאנגט עס איין בייזר מלאך אונ ברענגט עס ניט פר הקב״ה : נאר ער אליין שרייבט עס איין אין שלעכטין בוך : דען הקב״ה האט ניט צו טאן מיט בייזו לייט : נאר ער גוט זיי אפ צו דיא בייזו מלאכים מלאכי חבלה ר״ל : אז דר פסוק זאגט (אל תתן את פיך לחטוא את בשרך ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה היא למה יקצוף אלהים וגו׳) דס איז טייטש דו זאלסט נ״ט זונדיגן מיט דיין מול · דוא זאלסט ניט ריידן אזעלכי רייד וס מיט זייא מאכסטו זונ־יגן דיין לייב : אונ זאלסט ניט דארפין זאגין פארין מלאך וס אנטפאנגט דיינו רייד עס איז איין שוגג כלומר ניט ברצון האב איך עס גירעט : ווארום זאלסטו דער צערנן גאט איבר דיין שטום : אונ עס וועט פר דארבן ווערן דיא ווערק פון דיינו הענט : פון דאנן איז גידרונגן אז איטליכס ווארט אנטפאנגט עס איין מלאך אונ ער ווערט דרובר גישטראפט אונ ליידט גיהנם : דרום ווען עס איז יוא אזו איז ראוי צו בשיידן דו רייד וס מען מעג יוא ריידן · אונ וס מען בדארף ניט ריידן אוך וס עס איז איין חיוב צו ריידן : עס איז פיל צו שרייבן · עס זענן דרוף גשריבן פול ספרים אונ פסוקים : אבר איך וועל עס בקיצור בשיידן : דען מען בגערט ניט אין לאנגו דרשות : עס שטייט אמעשה אין ספר חסידים עס איז גיוועז איין חסיד וס פלעגט תמיד שווייגן : אונ ווינציג ריידן אין וועלטליכו זאכן : האבן אים דיא חכמים גיפרעגט ווארום איז דס : הט ער געענטפרט איך וועל אייך זאגן איר ליבי חכמים דיא רייד פון דר וועלט זענן גיטיילט אויף צעהן חלקים : דרייא חלקים פון דיא צעהן רייד איך יוא אונ ניט דיא איבריגו זיבן דרום זענון מיינו רייד ווינציג דס זענין די דריי ארלייא וס מען זאל ריידן (תורה תוכחה תפלת צורכי הבית) אונ דס זענון די זיבן וס מען זאל ניט ריידין (שבועות קללות לשון הרע רכילות חניפות ניבול פה ליצנות דברים בטלים) נון וועל איך זיי קורץ בשיידן אונ בגרייפן : דען עס וועט אטייל ווידר גשריבן ווערן היגטן אין דעם פרק : אונ איר וועט וואול פר שטייאן : די ערשטו וס מען דארף אונ טרייב צו ריידן דס זענן דיא רייד אין דר תורה : דס איז די רעכטו רייד ·

דען אויף דעם איז דר מענטש בשאפין גוואָרין ער זאל ליידין אין דר תּוֹרָה : אונ פון דיא מִצְוֹת ווי אַזוֹ זאל מען זיך מיט זיי נוֹהֵג זיין : אונ וואָס עס איז אָסוּר אודר מוּתָּר טְרֵיפָה אודר כָּשֵׁר : אין דעם כְּלָל איז מען זאל שטראָפין די לייט וואָס טון ניט רעכט · ווען ער זעהט : איין יְהוּדִי אודר איין יוּדְנִי איין עֲבֵירָה טאָן : איז ער מְחוּיָב זיי צו שטראָפין מיט גוּטוּ רייד · אונ ניט הי׳ זיי מְבַיֵּישׁ צוא זיין פאר לייטון · אֲפִילוּ ביז הונדערט מאָל ביסטו מְחוּיָב אים צו שטראָפין : איז ער אָבר אַזעלכר וואָס אַכט ניט קיין שטראָף ביסטו מְחוּיָב אים אָן צו שרייאַן אֲפִילוּ פאר לייטון אַזוֹ לאַנג ביז פר שייד זיך אָפּ פון זיינוּ בֵּייזוּ מַעֲשִׂים : אונ ווען דוּ ווייסט אַז ער וויל זיך ניט אָפּ שיידון דער פון ביסטו מְחוּיָב צו גיין פאר די (רָאשִׁים) אודר (דַיָּינִים) אודר פאר איין (רַב) אודר פאר איין (מַנְהִיג) איז ער אָבר אַזעלכר וואָס טרייבט גישפעט פון דיין שטראָף : אונ זאָגט צו דיר דוּא ביסט נאָך ערגר פון מיר דוּ האָסט דָס אונ דָס גיטאָן לאָז אים בלייבין אונ רייד אים ניט מיין : דען ער איז ניט ווערט מען זאל אים שטראָפּון : אויף אים הָט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גזאָגט (אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ) זאָלסט ניט שטראָפון קיין שפּעטיר טאָמוּר ווּעט ער דיך פיינד האָבין : (הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ) שטראָף דעם חָכָם ווּעט ער דיך ליבן : אויך שטייט פְרִיר אין פָּסוּק (יוֹכִיחַ לְלֵץ לוֹקֵחַ קָלוֹן וּמוֹכִיחַ לְרָשָׁע מוּמוֹ) דר וואָס שטראָפט איין שפּעטוּר דר בקוּמט שאַנד : אונ דר וואָס שטראָפט איין רָשָׁע וואַרפט אים אוס דר רָשָׁע אַלוּ מוּמִים וואָס גפוּנט זיך אין אים זעלבסט · אויך זאָגט דער פָּסוּק (בְּאָזְנֵי כְסִיל אַל תְּדַבֵּר כִּי יָבוּז לְשֵׂכֶל מִלֶּיךָ) (כְּסִיל) איז טייטש איין נאַר אודר איין רָשָׁע : דָס מיינט דר פָּסוּק דוּ זאָלסט דיינוּ שטראָף רייד ניט ריידון אין די אויערין פון אַנאַר אודר אַרָשָׁע · דען ער פאר שעמט דיינוּ קְלוּגֵי רייד דָס איז אַלְס אין כְּלָל פון דִבְרֵי תּוֹרָה : דָס אַנדרי איז די רייד אין דר תְּפִלָּה וואָס מען איז מִתְפַּלֵּל פר הקב״ה אונ דוּ תְּחִנּוֹת אונ לוֹב פון גאָט דָס איז אויך אַחוּיָב · נאָך איז פאר האַנדין אַזעלוכוּ רייד וואָס זענין מוּתָּר אָבר ניט קיין חוֹיָב : דָס הייסט (צָרְכֵי הַבַּיִת) וואָס מען בדאַרף צו ריידון אין זיין הויז פון צָרְכֵי הַבַּיִת וועגן : אין דעם כְּלָל איז אויך וואָס מען בדאַרף צו ריידון אין הענדיל פון פַּרְנָסָה וועגין צו קופן אודר פאר קופון : דָס מאָג מען וואול ריידון : אָבר ניט איבריגי רייד :

דא וועל איך אייך בשיידון דוּ זיבן אָרליא רייד וואָס מען בדאַרף ניט צוא ריידון : חאָטשוּ עס ווּעט ווידר שטיין דר פון אין דוּ הונטרשטוּ פְּרָקִים : דאָך קאָן איך זיך ניט אויף האַלטון פון צוא שרייבון : ווייל איך טוּא דרוּנָן ניט אָן ווערון : טאָמוּר ווּעט זיך אימנצר דר צו קערון דרוּם וועל איך ניט קוּקון אויף מיין טִירְחָה אונ וועל עס אויף שרייבון : ווייל דוּא וועלסט ווערון זייער גישטרוּכלט דרוּנן דָס ערשטוּ איז שְׁבוּעַת) דָס מיינט מען (שְׁבוּעַת שָׁוְא) פאלש שווערוּנג : אודר (שְׁבוּעַת חִנָּם) אוּם זוּסט שווערינג דיא ביידוּ זענון פאר באָטון אין דוּ עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת : דוּ עֲבֵירָה פון שְׁבוּעוֹת איז האַרבּיר פון אַלוּ עֲבֵירוֹת אין דר וועלט : ער שווערט הונדערט מאָל אין טאָג אונ האָט דער פון קיין הֲנָאָה ניט : אונ דר יֵצֶר הָרָע רעט אים נאָר ניט אָן דר צו (דען דער יֵצֶר הָרָע רעט מיין ניט אָן נאָר צו אַזוֹ איין עֲבֵירָה וואָס איז פר האַנדון אין איר הֲנָאָה) · נאָר פאר זיין גרוֹסוּ בֵּייזוּ מִדָּה וועגון וואָס ער הָט קיין מוֹרָא ניט פאר דוּ גיבאָט פון גאָט · זענון זייא ביא אים ניט גיאַכט · דרוּם איז זיין עוֹנֶשׁ זייער גרוֹס · אין דעם כְּלָל איז אויך ווער עס מאַכט איין בְּרָכָה לְבַטָּלָה · אין דעם כְּלַל איז אויך דוּ מענטשין וואָס זאָגון נאָך דוּ בְּרָכָה מוּטען חַזָן : ווייל זייא האָבן דאָך שוין פְּרוּר גיזאָגט דוּא בְּרָכָה הייסט עס איין בְּרָכָה לְבַטָּלָה · אַזוֹ איז ער עוֹבֵר אויף (לֹא תִשָּׂא אֶת שֵׁם ה׳ אֱלֹהֶיךָ לַשָּׁוְא) · אונ ווען איינר מאַכט אַבְּרָכָה איבר איין פְּרִי אונ דר נאָך פאַלט זוּ אַרוס פון זיין האַנט אויף איין מיאוּס אורט · דא איז ער מְחוּיָב צו זאָגון (בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד) אויף דר ערשטר בְּרָכָה · נון זעהט אוּר וואול דוּ האַרבּה עֲבֵירָה פון (שְׁבוּעַת חִנָּם) חאָטשוּ זיין כַּוָּונָה איז דאָך גוועין מיט דער בְּרָכָה איבר דער פְּרִי גאָט צוא לובּון : דאָך ווייל עס איז אוּם גערון אַרוס גיפאַלון פון זיין האַנט וועדט ער גשטראָפט דר איבר וואָרוּם ער האָט דוּא פְּרִי נוּט גיהיט . אונ ער מוּז זאָגון (בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד) · מכ״ש ווען איינר דר מאַנט איין שֵׁם אודר איין שְׁבוּעָה לְבַטָּלָה וויא גאָר גרוֹס איז זיין עוֹנֶשׁ · דָס איז דאָך יָדוּעַ אַז דוּ היילוגוּ מַלְאָכִים טאָרון ניט גידענקון דעם היילוגן שֵׁם צוא

לובן הקב״ה ביז נאך דרייא וועדטר (קדוש קדוש קדוש ה׳ צבאות) · אונ ישראל מעגן אום גידענקן נאך צווייא וועדטור (שמע ישראל ה׳ וגו׳) · אודר ברוך אתה ה׳ אבר דער רשע וואס שווערט אום זוסט גידענקט דעם שם צום ערשטן מאל אונ פאר שעמט אים דאס טוט ער אופט אלו טאג · דאס זענון דו רעכטו רשעים וואס פר שעמן זיין היילוגון נאמון דס זיי גידענקון אום נאך אוף איין אום ריין אורט · דס טאר מען בוודאי ניט טון · אוף דעם זאגט דו גמרא ווער עס הערט איין יהודי דר מאנט דעם שם אום זוסט זאל ער זאגון (ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד) אודר (ברוך הוא וברוך שמו) · אונ זאל דעם יהודי מחרים זיין · ער זאל אים זאגון דו ביסט מנודה · דו ביסט אין חרם · אונ באלד זאל ער אום מתיר זיין אונ זאגון מותר לך · זונט ווערט דו וועלט גשטרויכולט דריבר · דעסט גלייכון איז ער מחוייב זיין חבר יזהיר צו זיין אוף דעם אלום וום שטייט אובון אום גירעכונט דאס עס איז אין כלל פון (שבועת חנם)

נאך איז אין דעם כלל ווער עס מאכט אברכה אן כוונה נאר זיין כוונה איז אוף עפיס אנדרש דאס איז אוך ניט רעכט · ווי וואלט געווען איינר זאל ריידון מיט איין שר אונ ער זאל טראכטון אוף עפיס אנדרש · אונ דר שר זאל עס וואול מארקון אז ער טראכט אוף עפיס אנדרש וויא וואלט עס מיט אים גינאנגון · מכל שכן פאר איין מלך בשר ודם וואלט אים נאך ארגור געווען · נו מכל שכן פאר דעם (מלך מלכי המלכים הקב״ה · עס איז פול דער פון צו שרייבון · עס איז דרוף גימאכט גיווארון פול ספרים איך שרייב אבר נאר בקיצור אונ ווייטר אין פרקים ווערט ווייטר שטיין דר פון: דאס אנדרו וום מען בדארף ניט ריידין דס זענון קללות וואס איינר שעלט זיין חבר · כייא איין מאן סייא איין ווייב טאר מען ניט שעלטין · אונ אפילו זיין אייגון קונד · אונ אפילו זיך זעלברט אוך ניט · עס איז איין לאו אין דר תורה גלייך ווען איינר עסט חזיר · אדרבה דס איז נאך פיל אגרעסרו עבירה פון חזיר עסון דס וועל איך ווייזון אונ וואול בשיידון · איין טעם פון חזיר עסון איז האטשו פאר האנדין הנאה · אבר פון קללות איז ניטא קיין הנאה נוא טוט ער דאך דיא עבירה האטשו דר יצר הרע רעט אים ניט אן דר צו ווי אובון שטייט · דר אנדרור טעם איז דר וום עסט חזיר איז נאר מטמא זיין גוף אונ די כלי וום גיהער צום גוף דאס איז דר (ווֹשט) · אבר דער וואס לאזט ארום קללות פון זיין מול דער איז מטמא זיין נשמה אונ איר גוטי כלי דעם (קנה) · דס איז פול ערגור וויא מען איז דעם גוף מטמא · דר דריטר טעם ווער עס עסט חזיר קאן ער תשובה טאן פאר השם יתברך איז ער אים מקבל אונ ער הט אכפרה · אבר דער וום פלוכט אודר שעלט העלפט אים קיין תשובה ניט אונ ער האט קיין כפרה ניט · ביז ער מוז אובר בעטין זיין חבר וום ער הט אים גישאלטין · אונ אפילו ער שעלט זיין אייגון קונד מוז ער אים אוך אובר בעטון · דאס איז אוך איינס דער פון וואס דר גלות דר לענגורט זיך · אין דעם כלל איז ווען איינר זאגט אוב עס איז ניט אזו אונ אזו זאל אוף מיר קומן דיא קללה · דאס איז אוך זייער שלעכט · אונ עס איז אין כלל פון לאו (לא תקלל) · אז וויא מיר גפונן ביא יהודה ער הט גזאגט צו זיין פאטור גוב מיר דעם יונג בנימין · אונ אוב איך וועל אים ניט צריק ברענגין אונ שטעלין פאר דיר זאל איך זיין גיזונדיגט פר דיר אלו מיינו טעג · פון דעם ווארט ווענון האבן זיינו ביינור קיין רוא ניט גקענט האבין אין קבר ביז משה רבינו ע״ה הט גימוזט תפלה טאן פר אים דט אים גאט מוחל געווען קורץ פון דר זאך אוטלוכר מענטש זאל זיך הוטן עס זאל ניט ארום גיין קיין שבועה אונ קיין קללה פון זיין מול · אונ אוב ער איז דרונן מרגל גוואֵרין אונ קען זיך ניט אפ גיוויינון דר פון שטייט שון אין ספרים וויא ער זאל טאן · דאס ער זאל זיך איין קנס מאכין · אז ווען ער וועט ארום לאזון איין שבועה אודר איין קללה פון זיין מול · זאל ער געבין דעם זעלבינגן קנס צו עניים · אזו ווערט זיין עבירה צו אמצווה ניט מער ער מוז ייענום אובר בעטין אונ חרטה האבין אוף זיינו זונד:

אונ בפרט וייל אוטלכם ווארט וום דר מענטש לאזט ארום פון זיין מול ווערט איין גשרובן למעלה · דרום זאל ער זיך פריר גוט בטראכטון איידר ער רעט · אין ספר ראשית חכמה שרייבט ער אוך מוזאל בעסור געלט אום געבון איידר איין ווארט צו ריידון · דען דאס געלט קען מען ווידר גווינון

אבר דס ווארט איז שווער צוריק צוא חאפן וויל עס ווערט איין גישריבן למעלה מיידן מיט גרויס תשובה · אין דעם כלל איז אויך ווען איינר איז מבייש זיין חבר · אודר ער איז אויף אים מוציא שם רע · אודר ער איז זיך מתכבד מיטען חברס שאנד · דס זענון דו ארבסטו עבירות אזו ווי דא שטייט אין דוא פרקים ווען איינער איז מבייש זיין חבר הט ער ניט קיין חלק לעולם הבא · עס איז גלייך מיט איין קללה · אודער מיט אנאנדר ווארט איז ער אים גלייך מבייש · ווה דאך ווען איינער זעהט זיין חבר איין עבירה טאן · דא איז ער אים מחוייב צו שטראפון · אבער ער דארף אום ניט מבייש זיין פר לייט מיט זיין שטראף · דען ער וועט זיך דרויף מצער זיין · מכ"ש אז ער טאר אים ניט מבייש זיין מיט זיין אן שרייאון · אויף דעם זאגט קהלת (דברי חכמים בנחת נשמעים מזעקת מושל בכסילים) דס איז טייטש דו שטראף רייד פונעם חכם זענן שטולער הייר אונ פאמלעך דרום ווערן זיי גהערט · אבר דר נאר שרייאט אן אויף דו לייט אזו ווערן זיינע רייד ניט אהן גענומען · אין דעם כלל פון מוציא שם רע איז אויך ווען איינער הט אצונאמון וואס ער שעהמט זיך מיט אים זאלסטו אים ניט רופען מיט דעם צו נאמן · דען דר מיט בוסטו אים מבייש · אודר דר וואס איז זיך מתכבד מוטען הבערס שאנד · דאס איז ער ברומט זיך איך בין בעסור אונ גרעסור פון מיין חבר · אודר ער ברומט זיך איך האב מיין חבר טובות גיטאן דס איז אלץ אונ דעם כלל וואס איך האב גישריבן :

לשון הרע מיינט מען דר ווס ברעט דוא לייט מיא צוא רעכט אודר צו אום רעכט · דהיינו ער זאגט אונ דעם הויז עסט מען וואל אלי טאג דר הט שיינע קליידר · דר הט דס גטאן · דר הט יענש גטאן · אונ זיין כוונה איז צו בייז ברייידן דס הייסט (לשון הרע) בעוה"ר פון דער עבירה ווענין ווערט דו גאנצו וועלט גשטרויכלט · דפרט אום שבת אז דער עולם שטייאן אין מארק דא רעט איינער פון דעם אנדערון · אונ וועלכור עס קען אשמועה זאגן אויף אנאנדערן אשאנד אודער אזונד אודר ווען איינער זאגט עפיס אשאנד אודר אזונד אודער איין שפעט · דא פרייאון זיך דוא אנדרי דאס איז אלץ אונ כלל פון לשון הרע · דר פון קומט (שנאת חנם) : אונ בעוה"ר אונזר בית המקדש איז חרוב גיווארון אובר שנאת חנם דו עבירה ווערט בעוה"ר אלי מאל גמערט דרום לאז איך קיין חידוש ניט זיין ווס מיר זענן אזו לאנג אונ גלות דס קומט אלץ פון ליידיג ארום גיין · דר ווס הט ניט צו טאן שטעלט זיך אויף דער גאס אונ מאכט ארעדל ארום זיך אונ טרייבט גשפעט אום דוא לייט · אונ ברעט זיי אונ מאכט זייא לאכן · דו לייט ווס זוצעו אונ גיוועלבן דוא טואן ניט אנדרש נאר פון פרעמדי ריידן · אונ בפרט אום שבת איז דוא עבירה נאך גרעסור · דען ער איז דר מיט מחלל שבת דר צונט אן אזו אפייאר ווס דר הוצט דו לייט בנאנדר · אונ מאכט שנאת חנם אזו וויא איך וועל דא נאך בעסור בשיידן :

אין דעם כלל איז אויך רכילות דער ווס גייט פון איינעם צום אנדרון אונ טרייבט רכילות אונ זאגט ווס יענער הט גטאן אודר גרעט · אויף אים · אודר אויף אנאנדרן · דער פון קומט רציחות · אפילו עס איז אמת הייסט עס אויך רכילות איך דארף דר פון ניט מארוך זיין וויל איטלוכר ווייסט וואל ווס רכילות איז · אונ דר ווס נעמט אן רכילות הט אזו גוט איין עבירה אונ עונש וויא דער ווס זאגט רכילות · דר פון קומט (לשון הרע) אונ (שנאת חנם) · חניפות דאס איז ווער עס חנפת צו ארשע ווען ער זעהט אום טון אום רעכט אונ ער זאגט אים דו האסט רעכט גטאן ער מאכט דר דר רשע הט ניט הרטה אויף זייני בייזו מעשים אונ שטארקט אים נאך · אויך ווער עס חנפת ארשע פון זיין הנאה ווענן · דס ער וויל ביי אים עפיש בקומן דרום שטראפט ער אים ניט דס הייסט אויך חניפות ווי עס וועט בעסער בשיידט ווערון :

ניבול פה דס איז דר ווס רעט שענדלוכע רייד פר לייטון · דעם מאכט מען אטיף גיהנם · (איטלכר ווייסט וואל וואס ניבול פה איז) · אפילו דער וואס הערט צו (ניבול פה) מוז אויך עונש ליידן · אז ווי דו גמרא זאגט איטלוכר ווייסט ווארום דוא חתן כלה גייאן בנאנדר הונטער דער חופה · נאר דר ווס רעט ניבול פה דר הט קיין חלק ניט לעולם הבא · עייל ער פאר דארבט זיין

גוטע כלי אונ האט דער פון קיין הנאה ניט אזו איז דוא עבירה נאך גרעסר · דרום זאל אומלכער גווארונט זיין דרונען :

**ליצנות** דאס איז ווער עס שפעט פון לייטן אונ מאכט דו לייט לאכן דס קומט מחמת זיין הו"ל טאג אונ גאוה · דס עס דאכט זוך אים ער איז העכור פון אלי דרום שפעט ער פון איטלוכן· דעם זעלבוגן זאל מען ניט שטראפון דען ער נעמט ניט אן דו שטראף · אז וויא שלמה המלך ע"ה הט גיזאגט דוא זאלסט ניט שטראפון אשפעטור דען ער טרייבט גשפעט דרום · אונ הט דוך פיינט דרוכר · נאר דו זאלסט שטראפון אחכם וועט ער דיך לוב האבון · אונ דעם כלל פון ליצנות איז אוך דברים בטלים · דהיינו ער רעט פון מלחמות אודר שבועות דר פון קומט קיין גוטס ניט ארויס אונ ער פר דארבט זוך זיין גוטע כלי · נאך ערגור דר פון איז פר האנדן דו רייד וס דר מענטש רעט מיט צארן · עס איז פיל דר פון צו שרייבון · אבר איך וועל עס קורץ בשרייבון ווייל עס וועט דר נאך בשיידט ווערן · דר ראשית חכמה שרייבט אין פרק שטייט דער וואס ווערט באלד דער צערונט · אונ איז ניט באלד צוא בווילוגן דר הייסט ארשע · אוך שטייט אין קהלת (כעס בחיק כסילים ינוח) דר צארן רואט און דעם שוים פון דו נארון דוא משוגעים · אודר (כסילים) דו רשעים · דרום זאגן דו חכמים דר וס איז צארנדוג איז ער גליך אז וויא איין משוגע · ער רעט וויא איין משוגע · ער שרייט ווי אמשוגע · ער טוט ווי אמשוגע · דרום שטייט ניט אן קיין חכם צוא זיין צארנדוג · אז ווי מיר גיפונן אין דר גמרא אז הלל איז קיין מאל ניט צארונג גוועזן · אוך גיפונן מיר אונ דר תורה דריי מאל איז משה צארנוג גוועזן דרום הט ער זוך טועה גוועזן · תאמשו ער איז דאך גוועזן אנביא אובער אלי נביאים · האמשו ער איז רעכט צארונג גוועזן דאס ער האט גשטראפט דוא ישראל · אזו האט ער עס דאך גטאן פון קידוש השם וועגן · פון דעסט וועגן שרייבט אונז פא, ט דו תורה אז ער הט זוך טועה גיוועזן איבר זיין צארן · דען ער הט זיי גקענט שטראפון אן צארון · מכ"ש קל וחומר אז אנגדערור איז צארנדוג פון נארושקייט וועגון · איז ער זיך בוודאי טועה אין אלי זיינו עסקים · דרום האבון אום דוא חכמים גרופען משוגע · מה דאך אז איינר איז צארנדיג פון געלט וועגון פאלורט ער זיין שכל בפרט דו רייד וס ווערון גרעט אין צארון זיי שאטון בוודאי צו דר גאנצור וועלט נאט זאל אונז הוטן · אז ווי עס וועט דא נאך בעסור בשיידט ווערון · דען ווען איינר איז צארנדוג שטעלין זוך לעבין אין פול מלאכי חבלה אונ אנטפאנגן זייני בייזו רייד וס ער לאזט ארוס פון זיין מויל · אונ דו זעלבוגי מלאכי חבלה וילן אלץ פאר טולוגון וס זיי בגעגנן ר"ל · ווען ניט הקב"ה זעלבסט וואלט זייא אוף גיהאלטון אונ זאגט צוא זייא וואס זענון דיא אנדערו לייט שולדוג אז דר נאר איז צארנדוג אונ ווערט משוגע פון דברים בטלים אונ פון געלט וועגון · זוצט איר שטיל איך וועל אים זיין שכר אליין בצאלון אזו פיל חלאים אונ יסורים ווערין אוף אים קומן אונ דר נאך אלי דוא גיהנם וס איך האב בשאפון וועלין גוועלטוקן אין אים · אזו גייאן אוועק דו מלאכי חבלה אונ שרייבן אוף אלי זיינו ווערטור אונ אבוך אבר אויב ער צוא רייסט אודר ער צו ברעכט עפיס אזאך אין זיין צארון · אזו גיין זייא ניט אוועק · אונ זיי זאגן דר איז אונזערער · ער קאן קיין תשובה ניט טאן ער וועט נאך מער זונדעגון · ווייל ער לאזט אזויא גוועלטוקן אוף זוך דעם יצר הרע אונ זייא רייצען אים אן ער זאל אפילו עבודת כוכבים ומזלות דונן · דרום איז זייער גרוס דוא עבירה פון דעם וואס רעט בייזו רייד מיט צארון אודר ער ווארפט עפיס אזאך פון זיין האנט אין צארין :

**דיא חכמים** ז"ל גלייכון דעם צארון צו די ארבע עבירות · דער צארן אונ כעס קומט פון גאוה · אונ דר וס איז בעל גאוה איז גליך ווי מען דונט עבודת כוכבים ומזלות · דען ער פר לייקנט אין דעם (יחיד) איינציגן גאט · אונ הקב"ה הט פיינד דוא צארנדוגע לייט מכ"ש דו בעלי גאוה אונ בפרט ווען איינר שווערט אין צארען · אודער ער שעלט אונ שלאגט זיין חבער אפילו זיין קונד · תאמשו ער וויל אים לערנון צוא גוטען איז אוך איין איסור · אונ זיין זונד איז זייער גרויס דאס עס העלפט אים קיין תשובה ניט ווי אויבן שטייט · דרום האבן דו חכמים גיזאגט אז ווען איינער וויל

אַמוֹרָא מַאכִין אוּף זַיין הוֹז גִוּנְד אוֹדֶר אַיין אָב בֵּית דִּין אוֹדֶר רֹאשׁ הַקָּהָל וָוס וַויל אַמוֹרָא מַאכֶן זַיי אַזוֹ זָאל עֶר טָאן : זָאל עֶר זִיךְ מַאכֶן גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז צָארוּנְדֶעג • אָבֶּר בֶּאֱמֶת זָאל עֶר נִיט זַיין אִין צָארֶן • דֶער זֶעלְבּוּגֶר מֶענְטְשׁ וָוס טוּט אַזוֹ הָט עֶר בְּוַודַּאי מוֹרָא פַר גָאט • אוּנ גָאט הָט אִים לִיבּ • אָבֶּר אַיין (רַגְזָן) דֶר הָט נִיט אִין זִיךְ גָאטְס פָארְכְט • אַז וִויא אוֹבֶן שְׁטֵייט • דֶען אַז מֶען שְׁטְרָאפְט אִים אִיז עֶר נָאךְ מֶער צָארוּנְדוּג אוּנ רֶעט נָאךְ מֶער בֵּייזֵי רֵייד • עֶר הָט קַיין מוֹרָא נִיט פַר קֵיינִים • עֶר לָאזְט זַיין צָארֶן פְרוּר גֵיין אוּנ גִידֶענְקְט נִיט אַז עֶר פַאר דַארְבְּט זַיין גוּטֵי כֵּלִי • אוּנ פַאר אִים רֵיינוּגְט זַיין הֵיילֶעגִי נְשָׁמָה • אוּנ עֶס טָאר אִים קֵיינֶער נִיט רֵיידֶן אִין צָארֶן • אַזוֹ אוֹךְ שְׁטֵייט אִין פֶּרֶק דוּא זָאלְסְט דַיין חַבֵר נִיט אִיבֶּר בֶּעטוֹן בִּשְׁעַת כַּעַס • אוּנ קֵיין מֶענְטְשׁ טָאר אִים קֵיין וָוארְט נִיט רֵיידֶען • דֶען עֶר וֶוערְט נָאךְ מֶער אִין כַּעַס :

עֶשׁ אִיז אַמָאל גִיוֶוען אַחָסִיד הָאט עֶר גִילָאזְט צְוָואָה זַיין זוּן דָס עֶר זָאל נִיט צָערוּנֶן • אוּנ אִין קֵיין שׁוּם וֶועג זָאל עֶר נִיט צָארוּנְג וֶוערוּן • אוּנ אוֹיבּ עֶס וֶועט זוּךְ אִים טְרֶעפוּן דָס עֶר וֶועט נִיט קֶענוּן אוּף הַאלְטוּן זַיין צָארוּן • זָאל עֶר אוּם חָאטְשׁוּ נָאר אוּף הַאלְטוּן אַיין שָׁעָה אוּנ זָאל נִיט רֵיידוּן אוּנ קֵיין שׁוּם מַעֲשֶׂה נִיט טָאן • עֶר הָט דְרוּיף גִשְׁווּאוֹרֶן זַיין פָאטִיר אַז עֶר וֶועט זַיין צְוָואָה נִיט בְּרֶעכִין • דֶער חָסִיד אִיז גִישְׁטָארְבֶּן אוּנ זַיין זוּן אִיז גִיוֶוען אַגְרוֹסֶער סוֹחֵר • אוּנ הָאט גִינוּמֶען אַוַוייבּ אַפְרוּמִי יוּדֶענִי אַמָאל אִיז עֶר גְפָארוּן הַאנְדְלוּן אוֹפֶן יַם אוּנ הָט זוּךְ גִזָאמְט אוֹיפֶן וֶועג פוּפְצוּן יָאר • אוּנ אִיז אַהֵיים גִיקוּמֶן מִיט גְרוֹיס עֲשִׁירוּת אוּנ עֶר אִיז אַהֵיים גְקוּמֶען בֵּייא נַאכְט • אִיז עֶר דוּרְךָ גִיגַאנְגֶען בֵּיי דֶר קַאמֶר וָוס זַיין וַוייבּ לוּגְט דְרוּנֶן • זֶעהָט עֶר דָאס אַבָּחוּר לוּגְט בֵּיי זַיין וַוייבּ • אַזוֹ אִיז עֶר זֵייעֶר צָארוּנְדִיג גְוָוארוּן אוּנ הָט זֵיי בֵּיידוּ גְוָואלְט דֶר שְׁלָאגִין אִין בֶּעט הָאט עֶר זוּךְ דֶר מַאנְט אִין זַיין פָאטְרֶשׁ צְוָואָה אוּנ הָט אוּף גִיהַאלְטֶן זַיין צָארִין בִּיז אַשָׁעָה • הָט עֶר גְהָארְכְט הוּנְטֶער דֶער טוּר וִוי זֵייא רֵיידֶען בְּנַאנְדֶער • אוּנ עֶר הֶערְט וִויא זַיין וַוייבּ זָאגְט מַיין לוּבֶּער זוּן דִי וַויילִי אִיז מִיר גְרוֹיס בִּיז דַיין פָאטֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶן • עֶס אִיז שׁוֹין צַייט דִיר אַוַוייבּ צוּ גוּבֶּן • נָאר אוֹיבּ עֶר לֶעבְּט וֶועט עֶר בְּוַודַּאי קוּמֶן • אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין נִיט גִיזֶעהֶן וַויפְל דוּא בִּיסְט אַלְט • אַז דֶער סוֹחֵר הָאט דָאס דֶער הֶערְט אִיז עֶר אַרַיין גִיגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד • אוּנ הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט זַיין פָאמֶיער מִיט בְּרָכוֹת אִין קֶבֶר נוּן קֶענְט אִיר וואוֹל גִידֶענְקוּן וָואס עֶס קֶען קוּמֶען פוּן צָארֶן • דֶר פוּן קוּמְט אוֹיךְ חִילּוּל הַשֵּׁם • אוּנ דֶר צָארֶן אִיז פוּן דֶער מִדָּה פוּן גַאֲוָה • וָוס פוּן אִיר קוּמֶען אַלִי בֵּייזֵי מִדּוֹת זוּא אִיז דֶער מְקוֹר פוּן אַלִי מִדּוֹת • אוּנ הקב״ה הָאט אוֹךְ פַיינְד דֶעם בַּעַל גַאֲוָה • דֶען הקב״ה זָאגְט אִיךְ אוּנ הֶער קֶענִין מִיר בְּנַאנְד נִיט וואוֹנִין אִין אַיין וֶועלְט • אוֹךְ נֶעמְט עֶר קֵיין שְׁטְרָאף נִיט אָן פוּן קֵיין שׁוּם מֶענְטְשֶׁן • דֶען אִים דַאכְט זוּךְ עֶר אִיז בֶּעסֶר פוּן דֶעם וָואס שְׁטְרָאפְט אִים • עֶר הַייסְט אַיין גַאוְתָן • אוֹךְ אַיין (נַרְגָן) דָאס עֶס פַאר דְרוּסְט אִים אַלְץ וָואס יֶענִיר טוּט דֶען עֶר מֵיינְט יֶענִיר טוּט אִים דֶר וַוידֶר זַיין כָּבוֹד • עֶס פַאר דְרוּסְט אִים וָואס יֶענִיר רֶעט • עֶר הָט קַיין מָאל קֵיין רוּא נִיט אוּף זַיין הַארְצוּן • אַלְץ וָוס מֶען רֶעט אוּנ מֶען טוּט אִיז בֵּייא אִים צוּ אַיין גְנַאי • אוּנ דִי טוֹבוֹת וָוס מֶען טוּט אִים אִיז בֵּיי אִים אַלְץ קַארְג • דֶען עֶר מֵיינְט עֶר אִיז נָאךְ פִיל מֵיין וֶוערְט • עֶר הַייסְט אַיין (נרגן) דָס אִיז אַיין מָאלְמְלַר אַיין קִיפְלֶר אוֹדֶר אַבֶּעטְלֶר • אַלִי צוּ נֶאמִין זֶענוּן אִים קַארְג פַאר זַיין בֵּייזֵי מִדָּה :

נוּן אִיר לוּבִּי לַייט זֶעהָט דָאךְ וִויפְל בֵּייזֵי זַאכֶן הֶענְגֶן אוּנ דֶעם וָוס רֶעט אִין צָארֶן עֶר אִיז מְטַמֵּא זַיין גוּטוּ כֵּלִי דִי נְשָׁמָה דָס זֶענוּן דִי בֵּייזוּ רֵייד וָואס דֶר חָסִיד הָאט נִיט גִיוָואלְט רֵיידוּן • אוּנ דוּא זֶעלְבּוּגִי לַייט וָוס רֵיידֶן יוּא דוּא רֵייד הָאט זֵיי גָאט זֵייעֶר פַיינְט • אוּנ עֶס אִיז אוּם מִיאוּס פַאר זֶעלְבִּי לַייט • מִכָּל שֶׁכֵּן דָס זַיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִיט גְהֶערְט אוּנ גִבְּרַאכְט פַאר הַשֵּׁ״י עֶס אִיז אַמָשָׁל אַיין מֶלֶךְ הָט אַשֵׁיינֶע כֵּלִי וָוס עֶר טְרוּנְקְט דֶר פוּן תָּמִיד • אַזוֹ נֶעמְט אֵיינֶר דִי כֵּלִי אוּנ וַואלְגֶערְט זוּא אִין טִינוּף אוּנ קוֹיט אוּנ שְׁוֶוענְקְט זוּ נִיט רֶעכְט אוֹיס • אוּנ בְּרֶענְגְט זוּ פַארִין מֶלֶךְ עֶר זָאל דֶער פוּן טְרוּנְקֶן • קֶען עֶר דָאךְ אֲפִילוּ זוּא נִיט אָן זֶעהֶן • וַוייל מִיהָאט זוּא אַיין גְשְׁמוּרְט פַאר זַיינֶע אוֹגֶן • אוּנ עֶס אִיז מִיאוּס בֵּייא אִים אוּנ מֶען טָאר עֶס אֲפִילוּ נִיט בְּרֶענְגֶן פַאר אִים • מִכָּל שֶׁכֵּן דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים

הקב״ה ער זעהט אלץ וויא דר מענטש האט פר אום ריינוגט זיין גוטע כלי מיט בייזו רייד נוא וויא
אזו זאל זיין תפלה דר הערט ווערן אודר ווער טאר זוא ברענגן פר הקב״ה · דרום ווערט זיין תפלה
אוועק גישטוסען · אונ ער מאכט דאס זייני בייזו מעשים ווערין גראבט · אזו וויא עס ווערט ניט
גישענקט דעם וואס ברענגט פארין מלך איין אום ריינע כלי אונ גיט אים דרויש טרונקן · אונ ווען
אפילו דר מענטש זאל שון אפילו דוא כלי רעכט אויס שווענקען בוז עס זאל שון אוף איר ניט
בלייבן קיין שפרענקיל · דאך אז דער מלך נידענקט זיך דוא כלי איז גיוועזן אין קויט איז אים נאך
מיאוס צו טרונקן · בוז מען מוז די כלי איבר נייאס מאכן · אזו אויך אפילו דר מענטש טוט תשובה
גאר דוא תשובה איז ניט רעכט העלפט ניט · סיידן ער מאכט זיך איין נייאו מחשבה אונ נעמט
אוף זוך קיין מאל ניט צוא ריידן דוא בייזו רייד · אזו ווערט זיין גוטע כלי גימאכט איבר נייאס ·
דענקמאלט ווערט זיין תפלה דער הערט · דען ער איז שון ניט דער ערשטער מענטש · פרור איז ער
גוועזן אזונדערגר · אונ היינט אבעל תשובה · פרור האט אים השי״ פיינד גיהאט אונ היינט האט ער
אים ליב · פרור איז זיין תפלה מיאוס גוועזן פאר השי״ אצונד גלוסט ער צו איר ווייל ער האט אפ
גלאזט פון זייני בייזו רייד אונ אויב ער נעמט אוף זוך אז ער רעט עפיס ניט מיט ווילן גיט ער אקנס
דוא ארעמי לייט דא ווערט זיין עבירה צו א מצוה · אונ זיין תפלה ווערט דר הערט · השי״ האט לוב
אזעלכי לייט אונ גלוסט צוא זייערי תפלות · דרום זאל איטליכער מענטש לייאונן אין דוא ספרים
וואס שרייבן דר פון · אין ספר המדות אונ דאס ספר מוסר אונ דער בראנד שפיגל ער איז גנומען
גיווארן אויס דוא ספרים אונ אין דעם ראשית חכמה אונ אנדערו ספרים שרייבן אוך פיל דער פון
אונ ברענגן דרויף פיל פסוקים · עס איז צו לאנג דר פון צו שרייבן · אונ עס קומט זייער פול צו ניץ
אונ אונזערי דורות · אבר איך האב דרונען ניט גוואלט מאריך זיין ווייל עס ווערט ווידער פאר מעלט
ווערן הונטן אונ דו פרקים · דרום וויל איך עס לאזון בלייבן · אונ וועל אן הייבין צוא שרייבן וויא
מען זאל זוך נוהג זיין אין שול ווייל עס איז מיר עטליכע זאכן ניט גפעלין דם זייא זענן אום רעכט
דרום וועל איך עס קערץ בגרייפן אונ בשיידן :

## הנהגת בית הכנסת

דא וועל איך אייך · ארויס שרייבן פון דעם אורח חיים אונ אויס דעם ספר מוסר : אונ אויס
אנדערי ספרים וויא מיזאל זוך נוהג זיין איידר מיגייט אונ דר היילוגר שול אריין · אונ ווי מען
זאל זוך נוהג זיין אין שול · דר ווס וועט דם לייאנון וועט גיפונון דעם אמת דאס איך האב עס
גיט גישריבן פון מיין קאפ · נאר אלץ ווערט גפונן אין ספרים · גאנץ פרוא אז דער מענטש וואכט
זוך אוף זאל ער אוף שטיין גישווינד צו דונן דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה ווס ער האט ווידר געגבן
זיין נשמה ווס ער האט אים גיגעבן בהאלטון איבר נאכט · אונ דר מענטש בקומט זוא פיל בעסור
פון פרור · דען בשעת ער האט זוא גיגעבן בהאלטון אין האנט פון הקב״ה · אונ האט גזאגט (בידך
אפקיד רוחי) אין דייני האנט בהאלט איך מיין זייל · דענקמאלט איז זוא גוועזן מיד אונ אום גארבוט :
אונ אצונד בקומט ער זוא וואל אום גירואט · דרום דארף ער אים לובן אונ דאנקן · אוך זאל ער
זוך בטראכטון וויא וואלט גיוועזן ער זאל וויסן עפיס געלט צו פר דינן · אודר א מלך אודר אשר אודר
אסוחר זאל אים זאגן זייא בייא מיר מארגן גאנץ פרוא · וואלט ער זוך בוודאי ניט פר שלאפון אונ
וואלט גשווינד אוף גשטאנון · דען ער וואלט מורא גהאט פארון מלך אודר ער וועט דם געלט אהן
ווערון · מכל שכן דם ער דארף גיך אונ גשווינד אוף שטיין פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה :
דר נאך זאל ער זוך וואל ריינוגן · אונ זאל אום רומן זיין מיסט אונ אום פלייט · דם ער זאל
דר מיט ניט קומן פר השי״ : דר נאך זאל ער וואשון זייני הענט דריי מאל מיט ריין וואסר · אזו
גייט פון אים אוועק דר רוח הטומאה ווס האט ביי אים גרואט ביי נאכט · אונ זוסט גייט ער ניט
אוועק · אונ איידר ער וואשט זוך טאר ער ניט אן רורן מיט זייני הענט קיין עסין שפייז · אוך ניט
אוף זייני אויגן אונ זיין מויל אונ זיין נאז אונ זייני אויערון : דען עס איז א סכנה פון וועגון דעם

דוּחַ רָעָה וָוס רוּאַט אוֹיף זַיי · אוּנ נָאךְ דֶעם וַואשֶׁן זָאל עֶר מַאכֶן דוּא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם אוּנ
דוּא בְּרָכָה אֲשֶׁר יָצַר :

אַצַייל לַייט זֶענִין זוּךְ נוֹהֵג צוּא מַאכֶן דוּא בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם אִין שׁוּל · דֶען עֶס אִיז בֶּעסֶער
מִיט קָהָל · אוּנ עֶר זָאל דוּא בְּרָכָה זָאגֶן מִיט גְרוֹס כַּוָּנָה דֶעם עֶרְשְׁטֶען הַיילִיגֶען שֵׁם ·
הָאטְשׁוּ אַלֵי דוּ שֵׁמוֹת מוּזִין הָאבִּין כַּוָּנָה · אָבֶּר דֶר עֶרְשְׁטֶער שֵׁם דַארְף נָאךְ מֶער וִויא אִיךְ וֶועל עֶס
וואל בַּשַׁיידִין · עֶס אִיז אַמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער גֵייט פַר אַמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם · וֶוען עֶר רוּפְט דָם מֶלֶךְ בַּייא
זַיין נָאמֶן צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל הָט עֶר גְרוֹס פָּארְכְט אוּנ צוּטֶרְנִישׁ · אַז עֶר קוּמְט מִיט אִים אַרַיין אִין
רֵיידֶען אַזוֹ הָט עֶר שׁוֹין נִיט אַזוֹ אַגְרוֹסִי פָּארְכְט · אַזוֹ אוּךְ פַר דָם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה : אוּנ
וֶוען עֶר זָאגְט (בָּרוּךְ אַתָּה ה׳) זָאל עֶר דֶעם (שֵׁם הַמְיוּחָד) שַׁארְף אַרוֹס רַייְדֶן (אדני) מִיט גְרוֹס כַּוָּנָה
אוּנ פָּארְכְט אוּנ צִיטֶרְנִישׁ אוּנ דֶר שֶׁרֶקְנִישׁ · אוּנ זָאל גִידֶענְקֶען אִין זַיין רֵיידֶען (אדני) וְוואוּ עֶר אִיז
גִישְׁרוּבֶּן מִיט דֶר י אוּנ מִיט דֶר ה אוּנ מִיט דֶר ו אוּנ וִוידֶר מִיט דֶר ה : דָאס בַּטַייט (היה הוה
ויהיה) דָם אִיז טַייטְשׁ עֶר אִיז גִוֶועֶן אֵיידֶר דוּ וֶועלְט אִיז בַּשַׁאפֶן גִיוָוארִין · אוּנ אִיז אַצוּנְד אוּף דֶער
וֶועלְט · אוּנ וֶועט זַיין נָאךְ דֶר וֶועלְט · אוּנ מוּז אוּךְ אַיין כַּוָּנָה הָאבִּין (אדני) אִיז טַייטְשׁ אַיין הַאר
אִיבֶּר דֶר גַאנְצוּר וֶועלְט · אוּנ אוּף דוּא מַלְאָכִים אוּנ אִיבֶּר דֶם הוּמֶל אוּנ הוּנְטֶר דֶר עֶרְד · אוּנ אוּף
אַלֵי זַייטֶען · דֶם אִיז זֶעקְס אִירְלֵייא אוֹבִּין אוּנ הוּנְטֶען · אוּנ צוּא מִזְרָח אוּנ צוּ מַעֲרָב אוּנ צוּא צָפוֹן
אוּנ צוּ דָרוֹם · אוּנ וֶוענֶער זָאגְט (אלהינו) אוֹדֶר (אלהים) אוֹדֶר (אל) זָאל עֶר מְכַוֵּין זַיין עֶר אִיז אַשְׁטַארְקֶר
אוּנ מֶעכְטִיגֶר גָאט עֶר קֶען בַּוַויזֶען זַיין מַאכְט אוּנ קְרַאפְט אַלֵי צַייט וֶוען עֶר וִויל · אוּנ עֶר גֶוֶועלְטִיגְט
אִיבֶּר אַלֵי עוֹלָמוֹת וִוי עֶר וִויל אוּנ וֶוען עֶר וִויל · אוּנ הָט בְּכֹחַ דוּ וֶועלְט חָרוּב מַאכֶן אוּנ וִוידֶר צוּא
בּוֹיאֶען וִוי עֶס גִפֶעלְט אִים · אוּנ וֶוען עֶר וִויל לֶערְנֶען אוֹדֶר תְּחִנּוֹת זָאגֶען אוּנ דֶר הַיים אֵיידֶר עֶר גֵייט
אִין שׁוּל אַרַיין · זָאל עֶר זָאגֶען בִּרְכַּת הַתּוֹרָה · דָאס אִיז (אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ לַעֲסוֹק בְּדִבְרֵי תוֹרָה) אוּךְ
רֶעכְט גְלַייכֶען וֶוען עֶר וִויל זָאגֶען אוּנ שׁוּל תְּחִנּוֹת אוֹדֶר סְלִיחוֹת זָאל עֶר זָאגֶען דוּא בְּרָכָה פוּן דֶר
תּוֹרָה דֶען וַוייל מֶען זָאגְט פִיל פְּסוּקִים דְרוּם אִיז נִיט רֶעכְט מִיזָאל זָאגִין אָן אַבְּרָכָה :

אַצַייל זֶענֶען זוּךְ נוֹהֵג צוּ זָאגִין דוּ בְּרָכָה דֶר נָאךְ מִיטֶן חַזָן · אָבֶּר עֶס אִיז פִיל בֶּעסֶער מִיזָאל זָאגֶען
פַר דוּ פְּסוּקִים · בִּפְרַט דֶר וָוס לֶערוּנְט פַר טָאג · אָבֶּר דֶר וָוס זָאגְט דוּ בְּרָכָה אִין דֶר הַיים
אוֹדֶר אִין שׁוּל פַר תְּחִנּוֹת אוֹדֶר סְלִיחוֹת טָאר עֶר דֶר נָאךְ מִיטֶען חַזָן נָאךְ אַמָאל נִיט זָאגִין · דֶען עֶס
הַייסְט אַבְּרָכָה לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם · אוּנ גְלַייךְ וִויא אֵיינֶיר שְׁוֶוערְט אוּם זוּסְט · אוּנ אֵיידֶר עֶר גֵייט אוּנ
שׁוּל זָאל עֶר רֵיינִיגֶען זַיין גוּף אוּנ נְשָׁמָה · אוּנ זָאל נִיט לוֹיפֶן אוּנ גָאטֶם הוֹז אַרַיין מִיט אוּם רֵיינִקֵייט ·
אוּנ זָאל רַיין מַאכֶן זַיין גוּטֵי כֵּלִי וָוס עֶר הָט פְרוּר אַיין גִיזוּדוּלְט אִין קוֹיט · דָאס זַיין תְּפִלָּה זָאל נִיט
גַיין פוּן אַיין אוּם רֵיינִי כֵּלִי · דֶען וִוי אַזוֹ קֶען עֶר אַזוֹ אַבַּשְׁמוּרְטִי כֵּלִי בְּרֶענְגֶען פַר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי
הַמְּלָכִים הקב״ה · עֶס אִיז פוּל בֶּעסֶער עֶר זָאל אִין דֶר הַיים בְּלַייבִּין · וִויא אַזוֹ זָאל עֶר רַיינִיגֶן זַיין
גוּטֵי כֵּלִי דוּא נְשָׁמָה · עֶר זָאל זוּךְ שְׁטֶעלִין אִיךְ אַיין אוֹרְט אַלַיין אוּנ זָאל זוּךְ בַּטְרַאכְטֶען וָוס פַר זוּנְד
עֶר הָט גִיטָאן · סַייא מִיט מַעֲשִׂים סַייא מִיט בַּייזוּ רַייד · אוּנ זָאל חֲרָטָה הָאבִּין אוּנ וַויינֶען אוּף דֶעם
וָוס עֶר הָט בַּשְׁמוּרְט זַיין גוּטֵי כֵּלִי · אוּנ הָט זוּא בְּזוּדוּלְט אִין קוֹיט · אוּנ זָאל זוּךְ גֶרֶענְקֶען וִויא קָאן
אִיךְ אוּף הַייבִּין מַיין פָּנִים · וִויא קָאן אִיךְ קוּמֶען הוּנְטֶר דֶעם פָּנִים פוּן הַשֵּׁי״ת תְּפִלָּה צוּא טָאן · וַוייל
אִיךְ בִּין אַזוֹ אַחוֹטֵא · אוּנ הָאבּ דוּא אוּנ דוּ עֲבֵירָה גִיטָאן · אוּנ גֶרֶעט בַּייזוּ רַייד · אוּנ הָאבּ מַיין
גָאט י״ת דֶער צֶערוּנְט מִיט דֶר אוּנ דֶר עֲבֵירָה · אִיךְ וֶועל וַוייל מַיין לֶעבִּין וֶועט זַיין אַזֶעלְכֵי עֲבֵירוֹת
נִיט טָאן : דְרוּם גָאט י״ת זַייא מִיר מוֹחֵל מַיינִי עֲבֵירוֹת · אוּנ מֶעק אוּס מַיינוּ זוּנְד פוּן דֶעם בּוּךְ וָואס
זַייא זֶענֶען דְרוּנִין אַיין גִישְׁרוּבִּין גִיוָוארִין · דֶען אִיךְ וַויים וואל דָם אַלֵי מַיינִי זוּנְד זֶענֶען אַיין גִשְׁרוּבִּין
גִיוָוארִין דָא הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה אוּף אַלֵי מַיינוּ זוּנְד וָוס אִיךְ הָאבּ גִיטָאן פוּן מַיין יוּגֶנְט בִּיז אַצוּנְד · אוּנ
אִיךְ וֶועל שׁוֹין קַיין מָאל נִיט רֵיידֶען אַזֶעלוּכֵי בַּייזוּ רַייד אוּנ טָאן אַזֶעלוּכֵי בַּייזוּ מַעֲשִׂים · אוּנ אִיךְ
וֶועל נוּהִין קְנַס אוֹיבּ אִיךְ וֶועל רַיידֶען בְּשׁוֹגֵג אַשְׁלֶעכְט וָוארְט · גָאט יִתְבָּרֵךְ הִיט מַיין מוֹל עֶס זָאל
דֶר פוּן נִיט אַרוֹס גַיין קַיין בַּייז וָוארְט · אוּנ גָאט יִתְבָּרֵךְ בַּהוּט מִיךְ פַר עֲבֵירוֹת · אוּנ הֶעלְף מִיר דוּ

צוא איך זאל זיך קענען היטן דר פון : דען איטליכר וואס בגערט זיך צו ריינגן העלפטו אים דר צו · אונ נון אוף אלי דו בייזו רייד אונ מעשים וואס איך האב גטאן האב איך חרטה · אונ בין אוף מיר מקבל תשובה אונ קנס צוא עניים · אזו באלד אז ער בטראכט זיך אזו · אודער ער רעט אזו אליין אין אווינקול מיט גאנצן הארצן · אזו באלד איז ער גילובט אונ דו אוגן פון השי״ת · אזו מעג ער גיין אונ שול אריין תפלה צו טאן פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · דען לאז זיך דער מענטש אין זין אריין נעמן וויא וואלט גווען אז ער זאל גיין פר א מלך בשר ודם · אודר פאר אשר · אודר אפילו פר אפריץ · אונ דר מלך אודר דר שר ווייסט אז ער הט קוגן אים גזונדיגט וואלט ער דאך ניט גקענט קומן פר דעם מלך אודר דר שר ביז ער זאל שוקן לייט אים איבר צוא בעטן אונ ווידר צו קערן צו גינאד · מכ״ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · אבור ער דארף קיין אנדר מענטשן ניט שוקן פר אום תפלה צו טאן · נאר ער אליין זאל פאר זיך מתפלל זיין · דען דר מלך מלכי המלכים הקב״ה בגערט ניט מען זאל צו אים שוקן פרעמדי לייט אז ווי פר א מלך בשר ודם · אוך בגערט ער ניט קיין געלט אונ גוטס · נאר ווידוי אונ חרטה אוף דעם בייז וואס ער הט גטאן · ער מוז אונ זיין זין אריין נעמן מער ניט צו טאן · דס הייסט חרטה :

נוא ווען דר מענטש טוט דס אלץ איז ער גליך ווי אנייאור מענטש · דען פרור איז ער גווען איין חוטא · אצונד איז ער אפרומר מאן · פרור איז ער גווען ארשע · אצונד איז ער אצדיק · דען אלי זייני עבירות ווערן אים אלי אן גשריבן פר מצות · אז ווי עס וועט שטיין אין הלכות תשובה · פרור איז ער גפיינט גווען אין גאטס אוגן אצונד איז ער גלובט · דען הקב״ה איז איין רחמן · אונ דר בארומט זיך תיכף אובר זייני לייט · דרום זאל איטליכר זאגן ווידוי מיט גוויין אונ זאל חרטה האבן אוף זיינו בייזו מעשים · אזו דר בארומט זיך הקב״ה איבר אים · דען ער האפט אוף דר תפלה פון זעלוכי לייט · אונ דר מענטש איז מער גלובט בייא הקב״ה פון אצדיק אונ זיין חלק עולם הבא איז גרעסור ווי דר חלק פונם צדיק · דען דו צדיקים קענן ניט שטייאון אין דעם גבול ווי דו בעלי תשובה שטיין · אונ ווייטור אונ הלכות תשובה וועט שטיין וואס דוא תשובה איז אוף איטלוכר עבירה · אונ אז דר מענטש איז אוף זיך מקבל דוא תשובה איידר ער גייט אונ שול אריין · דער נאך איז זיין תפלה אן גנומן · עס זענן דרוף פיל פסוקים נאר איך וועל נאר ברענגן אטייל פון זייא :

דער פסוק זאגט (מודה ועוזב ירוחם) דר וס בקענט זיינו זונד אונ פר לאזט זייא ווערט ער דר בארומט · אונ עס שטייט אוך אין דר היילוגר תורה מיט דיין מויל אונ הארצן קענסטו תשובה טאן · אוך זאגט דר פסוק (יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח) לאז דר רשע פר לאזן זיינו בייזו וועג אונ דר אום רעכטור מענטש זיינו בייזו מחשבות אונ זאל ווידר קערן צו גאט וועט ער אים דר בארמן · אונ צו אונזער גאט · דען ער מערט צו פר גובן · דרום זאל איטלוכר מענטש זייער גווארנט זיין צו ריינגן זיין גוף מכ״ש זיין נשמה אז וויא איך האב דא גשריבן דאס ער זאל ניט לויפן אין גאטס הויז וויא אפויאר לויפט אונ ביר הויז · אונ ווען ער גייט אין שול אריין זאל ער גוך לויפן גלייך אז ווי איינר לויפט נאך אמציאה · אונ בשעת ער גייט פון דר שול זאל ער גיין באמלוך · עס זאל ח״ו ניט גלייך זיין וויא ער האט גיפאטורט פון זיך איין משא · אז וויא איך וועל נאך מער דר פון שרייבן :

אונ ווען ער גייט אין שול אריין זאל ער זעהן צו זיין דער ערשטור אין שיל · אונ אוב ניט זאל ער האטשו זעהן צו זיין פון דו ערשטו צעהן · דען דוא ערשטו צעהן האבון אזו פול שכר אז ווי דס גאנצו קהל · אונ אוב ער קען דס אוך ניט אום פירון זאל ער זעהן קיין שום ארבית ניט צו טון פארון דאווינן דען איטלוכר איז שילדוג צו בעטן פאר גאט אוף זיין לייב אונ האב אונ גוטס · אונ אוף זיין היילגי נשמה · אונ פר כל ישראל · אז וויא אונזרי תפלות זענון שון גמאכט גווארן נוא וויא זאל ער טון זיינו זאכן אודר אנדרו זאכן פר גאטס זאכן · אונ ווען ער גייט אין שול אריין זאל אוף אים פאלון איין מורא אונ ציטרניש · ווען ער וואלט גגאנגן פאר איין מלך בשר

דם וואלט דאך אוף אים גפאלן איין מורא · מכל שכן וק"ו פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה אונ ער זאל גיין מיט שווער גימוט ניט מיט גילעכטור אודר מיט עזות קייט אונ ניט מיט פאטשטון, נאר ער זאל אריין גיין מיט גרוס פארכט אונ ציטורניש : אז דר פסוק זאגט (ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך) אונ איך מיט דיין גרוס גינאד קום איך אין דיין הויז : איך בוק מיך צו דיין היילגן היכל מיט גרוס פארכט · דער נאך זאל ער גיין אין שול אריין אזו וייט הייא צוויי טורן בבייט · אודר ער זאל זומן אזו לאנג דס ער וואלט גיקענט גיין צווייא טורן בבייט : דער נאך זאל ער זיך בוקן פאר דעם מלך מלכי המלכים · הקב"ה · דער נאך זאל ער זיך אנודר זעצן אונ זאל גישט ריידן אונ זאגן · נאר ער זאל זיך בטראכטן ווער בין איך דס איך זאל זוכה זיין תפלה צו טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה פאר אזו איין גרוסן הער · איך בין דאך איין זינדיגר מענטש · אונ האב אופט דער צערונט הקב"ה מיט מיינו בייזו מעשים אונ בייזו ווערטור · אונ איך בין איטל בלוט אונ פלייש איטל יצר הרע · איך בין ניט ווערט אונ ראוי צו גדענקן זיין היילגן נאמון · מכל שכן דס איך זאל תפלה טאן · אונ זאל אזו אופט ריידן דיין היילגן נאמון מיט מיין מול · וויא קען איך אוף הייבן מיין פנים קוגן אים וייל איך האב אים אזו אופט דר ווידר גטאן · אבר פון וועגן זיין גרוס חסד אונ בארים הארציקייט · ווס ער דער בארומט זיך אובר זיינו לייטן ווס קערן זיך צוא אים מיט דז זאכון ווס אובון שטייאן · מיט דעם קום איך פר אים :

יד נאך זאל ער אוף שטיין אונ זאל זאגן (מה טובו אוהליך יעקב) · אונ אדון עולם אונ יגדל · אונ אוך אלו דו ברכות ווס שטייאן פאר אים מיט גרוס כוונה · אונ אוב ער האט שון גיזאגט עטליכו ברכות אין דר היים מאר ער זיי נאך אמאל ניט זאגן אין שול סיידון ער הט דר וייל זיין צורך גיטאן אודר ער הט משתין גווען · דא איז ער מחוייב נאך אמאל צו זאגן דוא ברכה (אשר יצר) אונ ער זאל זאגן איטליכי ברכה מיט גרוס כוונה · אונ זאל זיך פריר וואול בטראכטון · אונ זאל ניט לאזן ארוס פאלן דוא היילגי ברכה מיטן שם אן כוונה אונ בטראכטונג · ער זאל תמיד גדענקן ער שטייט פאר אמלך בשר ודם · אונ ווען ער וואלט אים גלובט אן בזונען · וואלט ער זיך בוודאי גשטראפט גווארון · מכ"ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אונ זאל זיך טראכטון מיט דעם בין איך בעסור פון אמלאך · דען דער מלאך טאר ניט גדענקן דעם שם סיידון נאך דרייא ווערטור · אונ אפילו אזו אוך ניט אזו גוט אז ווי איך · דרום זאל אומלוכר זיך פרור וואול בטראכטן איידר ער לאזט ארוס דעם גרוסון שם · אונ ער זאל אזו זאגן זוצונדיג ביז קטורת · אונ זאל ווידר אוף שטיין · דען דס איז אוף דעם אורט פון דעם קרבן · אונ אז מיהאט מקריב גוועזן דעם קרבן הט מען גמוזט שטיין · דער נאך מעג ער ווידר זוצן ביז ברוך שאמר · אונ פר ברוך שאמר מאג ער זאגן תחינות ווי פול ער וויל · אוך מעג ער לייגן דעם טלית אונ תפילין ווי ער וויל · אטייל לייט לייגן זיי פר עוטר ישראל בתפארה · אטייל לייגן זייא פר קטורת · אטייל פר ברוך שאמר · נאך ברוך שאמר הייבט זיך אן דוא דעכטו תפלה · אז וויא איך וועל דא נאך בעסור בשיידון · אונ דר ווס איז גוויינטליך צו זאגן תחנות אלו טאג זאל ער זיי זאגן פאר ברוך שאמר · אודר נאך דעם דאווינון · אבר צווישן די תפלות טאר מען שון ניט זאגן קיין תחנות :

אפילו לייט זאגן פר ויברך דוד די לוב פון הקב"ה דהיינו (אתה הוא אלהינו בשמים ובארץ) · אונ אוך (האדרת והאמונה) אבר קיין תחנות טאר מען ניט זאגן בשעת תפלות · בפרט אין דר קהלש תפלה · דס הייסט פון ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה · ביז נאך דעם הונטרשטן קדיש טאר מען קיין ווארט ניט ריידן · אונ אפילו נאך דעם הונטרשטן קדיש טאר מען אוך קיין שום ווארט ניט ריידן נאר דעם שבח פון הקב"ה · דען וייל מען רופט אום מצות דרום טאר מען קיין דברים בטלים ניט ריידן סיידן דברי תורה אודר תחנות אונ מעמדות אבר בשעת דר חזן זאגט שמונה עשרה טאר מען ניט ריידן אפילו קיין דברי תורה אונ תחנות · נאר אומלוכר איז מחוייב צו הערן אומלוכו ברכה פונם חזן · אונ זאל כוונה האבון אוף איר · אונ זאל נאך זאגון

בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ) אוֹדֶר (בָּרוּךְ הוּא וּשְׁמוֹ) · אוּנ זָאל זָאגִן אָמֵן אוֹיף אוֹבְּלוּבֶר בְּרָכָה · אִיךְ וֶועל דָא דִי זַאךְ בַּשֵׁיידִן; מִיט אַיין מָשָׁל · וֶוען עֶר זָאל שְׁטַיין פַר אַמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם אוּנ זָאל רֵיידִן מִיט אִים אִין מוּטִין דְרוּנְגִן זָאל עֶר דֶעם מֶלֶךְ אַוֶועק לָאזִין · אוּנ אָן הֵייבִּן רֵיידִן מִיט אַנְאַנְדֶרִן · וָואלְט עֶר אִיהֶם בְּוַודַאי גַהַרְגוּת · מִכָּל שֶׁכֵּן פַר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה · דְרוּם זָאל אוּטְלוּבֶר זַייעֶר גְוָוארְנְט זַיין דָם עֶר זָאל נִיט רֵיידִן קַיין שׁוּם וָוארְט בְּשַׁעַת דַאוְונִן · אוּנ זָאל אוֹךְ קַיין אַנְדֶרוּ מַחְשָׁבָה נִיט הָאבִּן נָאר צוּ הקב״ה:

פַאר צַייטִן אַז מִיר זֶענִן גִיזֶעסִן אוּנ אוּנְזוּר לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען דוּא יִשְׂרָאֵל הָאבִּן מִלְחָמָה גְהַאלְטִן מִיט דוּא אוּמוֹת · אִיז גְוֶוען אַיין (כֹּהֵן מְשׁוּחַ מִלְחָמָה) עֶר אִיז גְזַאלְבְּט גְוֶוען צוּא מִלְחָמָה · הָט עֶר אַזוֹ אוֹיס גְשְׁרוּגִן דֶר וָוס הָט אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן זָאל זוּךְ אוּם קֶערִן אַהֵיים · דָאס עֶר זָאל ח״ו נִיט נֶהֱרַג וֶוערִן פוּן זַיין עֲבֵירָה וֶועגִן · אוּנ וֶוען אַיינוּר הָאט גִיהַאט אוּנ זוּךְ דוּא עֲבֵירָה · דָם עֶר הָט גֶרֶעט פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז יִשְׁתַּבַּח · הָט עֶר זוּךְ אוֹךְ גִימוּזְט אוּם קֶערִן פוּן דֶר מִלְחָמָה: דֶען דוּ עֲבֵידָה אִיז זַייעֶר גְרוֹס · מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר הָט גֶרֶעט צְווִישִׁן דוּא בְּרָכוֹת פוּן ק״ש · בִּפְרַט בְּשַׁעַת דֶר חַזָּן זָאגְט דוּא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִיז זַיין עֲבֵירָה נָאךְ גְרֶעסוּר · עֶס טָאר קֵיינוּר קַיין שׁוּם וָוארְט נִיט רֵיידִן נָאךְ יִשְׁתַּבַּח אֲפִילוּ קַיין דִבְרֵי תּוֹרָה בִּיז דֶר חַזָּן לָאזְט אוּם דוּא שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה בִּיז נָאהּ קַדִישׁ · אוּנ אוּטְלוּבֶר מוּז שְׁטֵיין אוּנ צוּ הֶערִן אִיטְלוּכִי בְּרָכָה פוּנוּם חַזָּן אוּנ זָאל נָאךְ זָאגִין אָמֵן · אוּנ וֶוען דֶר חַזָּן זָאגְט (בָּרוּךְ אַתָּה ה׳) זָאל עֶר זָאגִן (בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ) · אוֹדֶר (בָּרוּךְ הוּא וּשְׁמוֹ) · דֶר נָאךְ זָאל עֶר זָאגִן אָמֵן · אוּנ זָאל דֶעם אָמֵן נִיט אַוֶועק חַאפִּין · אוּנ זָאל אִים אַזוֹ לַאנְג מַאֲרוּךְ זַיין בִּז עֶר זָאל גֶדֶענְקִן עֶס אִיז אֱמֶת וָוס עֶר זָאגְט · אוּנ אִיךְ גְלֵייבּ עֶס · דֶען דֶר וָואס זָאגְט נָאהּ אָמֵן אִיז חָשׁוּבֶר פוּן דֶעם וָוס מַאכְט דוּא בְּרָכָה · אוּנ זַיין מִצְוָה אִיז בֶּעסוּ״ · אַז וִויא אִיךְ וֶועל דָא בַּשֵׁיידִן:

דְרוּם זָאל עֶר נִיט טָאן אַזוֹ וִוי אַטַייל לַייט טוּאָן · דָאס זַיי זָאגִן תְּחִנּוֹת ווייל דֶר חַזָּן זָאגְט שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה · עֶס אִיז טוּיזוּנְט מָאל בֶּעסוּר עֶר זָאל גָאר נִיט זָאגִן · אוּנ עֶס וָואלְט בֶּעסוּר גְוֶוען עֶר זָאל נִיט גֵיין אוּנ שׁוּל אַרַיין דֶען עֶר הֶערְט נִיט צוּ דֶעם חַזָּן אוּנ זָאגְט נִיט נָאךְ אָמֵן · אוּנ אֲפִילוּ עֶר זָאגְט נָאךְ אָמֵן אַזוֹ טוּט עֶר עָרְשְׁט דֶר מִיט אַיין עֲבֵירה · דֶען עֶר וֵוייסְט נִיט אוֹיף וֶועלְכִי בְּרָכָה עֶר זָאגְט דָם הֵייסְט אַיין (אָמֵן יְתוֹמָה) · אוּנ זַיין עוֹנֶשׁ אִיז דֶר פַר דָם זַיינוּ קוּנְדֶר וֶוערִן פַאר ווייסְט אוּנ יְתוֹמִים · מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה · אַזוֹ וִוי דֶר יָתוֹם קֶען נִיט זַיין פָאטוּר אוּנ מוּטֶר · אַזוֹ אוֹךְ דֶר אָמֵן קֶען אוֹךְ נִיט זַיין בְּרָכָה · אוּנ וֶוען אַיינוּר זָאגְט נָאךְ אָמֵן בְּכַוָּונָה אַז וִויא אִיךְ הָאבּ אוֹבִּן גְשְׁרוּבִּן · אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים בַּשָׁעֲרְט שְׁלֶעכְטֶם פַר זוּבֶּצוּג יָאר אִיז עֶר דֶר מִיט מְבַטֵּל דוּ זֶעלְבּוּגִי גְזֵירָה:

נוּן אִיר לוּבִּי לַייט אִיר זָאלְט נִיט רֵיידִן אִין שׁוּל אֲפִילוּ נִיט בְּשַׁעַת דַאוְוינִן דֶען עֶס אִיז אַגְרוֹסִי עֲבֵירָה צוּ רֵיידִן אִין גָאטְס הוֹיז פוּן הֶעְנְדוּל · עֶס אִיז גְלַייךְ אַז וִוי אַיינוּר שְׁטֵייט אִין אַיין חֶדֶר פוּן אַמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם · אוּנ רֶעט פְּרָעמְדִי זַאכִן · אַזוֹ וֶוערְט עֶר דָאךְ דֶר פַר זַייעֶר הַארְט גְשְׁטְרָאפְט · מכ״ש אוּנ דֶעם חֶדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה טָאר מֶען בְּוַודַאי נִיט רֵיידִן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים · אֲפִילוּ אִין זַיין הֵיים אִיז דָאךְ אַגְרוֹסִי עֲבֵירָה צוּ רֵיידִן דְבָרִים בְּטֵלִים אַזוֹ וִוי דוּ גְמָרָא זָאגְט (וְדִבַּרְתָּ בָּם וְלֹא דְבָרִים בְּטֵלִים) אִין דֶר תּוֹרָה דַארְפְסְטוּ רֵיידִן · אָבֶר נִיט קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים · נוּא זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דֶר זֶעלְבּוּגֶר מֶענְטְשׁ וָואס רֶעט יוּא דְבָרִים בְּטֵלִים אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַיין עֲשֵׂה · מכ״ש אִין דֶר הֵיילוּגֶר שׁוּל פַאר דֶר הַיילוּגֶר שְׁכִינָה · נוּן ווייטוּר מכ״ש וְקַל וָחוֹמֶר דֶר וָואס רֶעט בְּשַׁעַת דַאוְוינִן פוּן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר בִּיז דֶעם קַדִישׁ נָאךְ שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה · אַזוֹ אִיז זַיין עֲבֵירָה פוּל גְרֶעסוּר אוּנ אַרְגוּר · דָאס עֶר אַכְּ״ט נִיט אִין הקב״ה אוּנ זַיין שְׁכִינָה אוּנ אִין זַיינוּ הַיילוּגִי תְּפִלּוֹת · אוּנ עֶר שֵׁייאְט זוּךְ נִיט פַר אוּם אוּנ פַר דֶר הַיילוּגֶר תּוֹרָה וָוס שְׁטֵייט אִין אָרוֹן קוֹדֶשׁ · אוּנ דֶר וָוס הָט קַיין מוֹרָא נִיט פַר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה אִיז עֶר דָאךְ בְּוַודַאי אַגְרוֹסֶר עַזּוּת פָּנִים · אוּנ עֶס שְׁטֵייט (עַזּוּת פָּנִים לְגֵיהִנֹּם) · דָאס הָאבִּן מִיר דָאךְ בְּקַבָּלָה אַז פַאר צַייטִן אִיז גְוֶוען אִין אַלִי לֶענְדִיר וִוי יְהוּדִים הָאבִּן גְוֶוינְט זַייעֶר שֵׁיינוּ שׁוּלִין אוּנ שֵׁיינוּ הַייזוּר · אוּנ גְרוֹס עוֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד · אִיז דָאס אַלְץ פַאר

שטערט גיווארן פון וועגן זיא האבן גרעט דברים בטלים אונ קרוג אונ זייערו שולין · אונ האב זיי ניט נוהג כבוד גיוועזן · אזו אוך דס היילוגי בית המקדש הט אוך גאט יתברך דרום פר שטערט ווייל זיי האבן דעם ניט נוהג כבוד גיוועזן · אזו וויא עס שטייט בשיידליך אין פסוקים :

אויך שטייט אין דר תורה צווייא מאל דר פסוק (את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו) מיין שבת זאלט איר היטון · אונ פאר מיין בהמ״ק זאלט איר זיך פארכטון · איין מאל שטייט אי (קדושים) · דס אנדרו מאל אין (בהר) דס דרשת דו גמרא אזו ווי מען איז מחויב שבת צו האלטו סייא בשעת דר בהמ״ק איז גשטאנון · אונ סייא אצונד אז דר בהמ״ק איז שון חרוב · אזו אי מען מחויב זוך צו פארכטון פר דעם בהמ״ק אפילו אצונד אז ער איז חרוב · דס מיינון זיי מען אי מחויב מורא צו האבון פר אונזערו שולן אונ בתי מדרשים · זיי זענון אוף דעם אורט פונם בית המקדש · אונ דרום שטייט דר פסוק צוויי מאל · דס ווייזט אונז · אז וויא ביא שבת דארף מען מוסיף זיין מחול על הקודש · דס מען דארף מקבל שבת זיין נאך פר נאכט · אונ דר נאך ניט אוועק צו לאזון אים ביז שטערין שטיין · אזו אוך דוא מורא פון דר שול דארף זיין סייא פארן דאוונון סייא נאך דעם דאוונון · דאס מיזאל ניט ריידון דרונון קיין דברים בטלים · מען טאר ניט אריין גיין אונ שול אריין מיט אשווערד זוך צו שפאצירין · אונ אוך ניט מיט אום ריינע שיך אונ ניט מיט פלעקודיגי קליידר · מיט אלי זאכון זאל ער דו שול האלטון אין כבוד · גליך אז וויא ער גייט פר אמלך בשר ודם · אזו אוך פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · אז דר פסוק זאגט (הכון לקראת אלהיך) דוא זאלסט זוך שיין אן ברייטון קוגון דיין גאט · דוא זאלסט זוך צירון גליך אז וויא פאר אמלך בשר ודם · תאמטשו עס איז ניט גליך צו אנאנדר (המבדיל בין קודש לחול) פון דעסט וועגן האבין דו חכמים ניט גיוואלט הארבור מאכון · הלואי וואלטון מיר אזו פיל מורא גהאט פר הקב״ה וויא פר אמלך בשר ודם · מיר זעהן דאך און דר שול איז פר האנדון דוא היילוגי תורה וואס גאט האט אונז גגובון אופון בארג סיני דורך משה רבינו ע״ה · אונ אין שול רוט זיין היילוגי שכינה · מיר האבין גהאט לאנד אונ לייט · אונ דס בעסטו לאנד אונ דר וועלט · אונ מלכים אונ שרים אונ נביאים אונ סנהדרין · פון אלי דוא טובות האבון מיר ניט מער נאר דו היילוגי ספר תורה · נוא ווער עס שיאט זוך ניט פאר איר אונ רעט דברים בטלים · מוז ער בוודאי אגרוסור עזות פנים זיין · דס ער זאל ניט גדענקן אין דר שכינה וואס רוט אונ אונזורי היילוגי שולין אונ אכט ניט דוא היילוגי תורה וואס הקב״ה זעלברט הט גשריבון מיט זיין רעכטי האנט · מיט שווארץ פייאר אוף וויים פייאר אז וויא דוא תורה וואס מיר האבון · גוט אווארט מער אונ ניט ווייניגר · נוא וויא זאל דעם מענטשון קיין מורא ניט אן תאפון אז ער זעהט דו היילוגי תורה אין ארון הקודש · אונ ער זאל ריידון דברים בטלים אודר נאך אנדרי רייד · אזו איז דאך זיין כוונה צוא פר טרייבון דוא היילוגי שכינה אוים דער שול :

עס איז אמשל איינור גייט אונ בעט אמלך בשר ודם אוף דר סעודה וואס ער האט אים גמאכט אונ ער בעט אים זייער אונ זייער אונ דר מלך האלט זוך גוט גרום [illegible] גייט צו אים אוף זיין סעודה · אז דר מלך זעצט זוך ביי אום הונטערון טיש · דא לאזט אום אוועק דר זעלבוגר שלעכטר מענטש · אונ גייט הערון אנדרי שמועות מיט אנדרי לייט · אודר ער קרוגט זוך מיט זיין הויז גזונד דר נאך גייט ער אונ ברענגט פארון מלך שטונקודוגו זאכון · אונ דר מלך זעהט דאס אלץ צו דא ווערט ער דאך זייער ברוגז אוף אום אונ זאגט דר עזות פנים הט מיך ניט גוואלט אפ לאזון ביז איך בין גגאנגון צו אים · אצונד טוט ער מיר אן אזעלוכי יסורים אונ זעט פאר מיר קיין מורא ניט · אזו איז אונזור זאך אוך · דען נאר אונזור תפלה איז דוא שכינה זאל רואון צווישון אונז · אונ מיר זאלון אום לובון · אונ ער זאל צו הערון אונזרו תפלות · דס איז כמעט אלי אונזערו תפלות · אונ דר עזות פנים לאזט אוועק דו שכינה אונ דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה אונ טוט נאר אנדורו זאכון · אונ בשעת דאוונון רעט ער מיטון מויל · אונ דס הארץ טראכט נאר עפיס אנדורס אוף הענדול אודר אנדורו נארושקייט · אונ אפשר נאך אוף איין עבירה · דס איז גליך ווי יענור וואס טראגט

שמתקרדיגג זאכון פארון מלך · פון דעם קען זוך אוטלוכער אמוסר נעמען וויא גם איז הארב דם ביידון אונ שול · ווי דם ער דר צערונט זיין היילגין נאמון · אונ ער מאכט דאס דוא היילוגי שול ווערט חרוב ח״ו · אונ מאכט דם ישראל ווערין פר טרובין הי״ו גאט זאל אונז הוטון · דרום זאל זוך אוטלוכור זעלבורט שטראפון · אונ זאל גידענקון פאר וועמון ער שטייט · אונ זאל האבין גאנץ פארכט · אונ ער זאל ניט פר זונדיגן זוך אונ כל ישראל ח״ו :

גון ווער איך בשיידון וויא מען דארף שטיין בשעת דאווינון · אונ וויא מען מעג זוצון · דר ראשית חכמה שרייבט פון דעם זוהר ווענגן דם אוטלוכור איז מחויב צו שטיין ביי דוא היילוגי זאכון · דם הייסט דאס וואס איין יחיד אליין טאר עם ניט זאגון · נאר מיט איין מנין · דהיינו קדושה אונ ברכו אונ קדיש · דם מוז דר חזן זאגון במנין · אונ דם קהל זאלין שטיין אונ נאך זאגון · נאך זענן פר האנדון ווס קיין יחיד טאר זייא ניט זאגון · דהיינו איבר הזרון דוא שמונה עשרה · אודר צוא לייאנון אוים דר ספר תורה מיט אברכה · אודר צו זאגון שלש עשרה מדות · דם טאר מען ניט זאגון סיידון בקהל נאך זענון עטלוכי זאכון וואס מען פלעגט שטיין פון מנהג ווענין · צו אדון עולם אונ יגדל פון ווענין דם איז דר גרוסר שבח פון הקב״ה · צוא קטורת ווייל עם איז אוף דעם אורט פונים קרבן · צו ברוך שאמר ווייל עם איז דר ערשטור שבח פון פסוקי דזמרה · דם מיינט מען דיא הללויה · אז מען זאגט (ישמחו השמים ותגל הארץ) ווייל דוא ר״ת זענון דר שם (הויה) · צוא (פותח את ידיך) ווייל מען דארף כוונה האבין דאס ער שפייזט גרוס אונ קליין אפילו דו ווערים אין דר ערד · צו (ויברך דוד) ביז (אתה ה׳ לבדך) דם זעלבוגי איז בקבלה · פון ישתבח ביז נאך ברכו · פון (תהלות לאל עליון) ביז נאה שמונה עשרה · אונ אוך ביי לאנג (והוא רחום) איז מען נאך מיין מחויב צו שטיין אז ווי ביי שמונה עשרה אונ ווען דר חזן לייאונט אום דר ספר תורה · ווייל עם איז איין דבר קדושה אונ עם מוז זיין במנין · אונ אז מען עפונט דעם ארון קודש זאל מען אוך שטיין · אונ ווער עם שטייט זאל גווארונט זיין דם זיין פנים זאל זיין צו מזרח · אונ ניט ווי אטייל לייט זענון ניט מקפיד דרוף אונ קערון זוך אום קיין מערב אודר קיין צפון · אודר קיין דרום · דם ווייזט ח״ו אז ער הט אנאנדר גלויבין · בפרט דוא לייט ווס קערון אום זייער רוקן צום ארון הקודש · זייא זענון בוודאי מחלל השם · אז דר פסוק זאגט גאט הט גיזאגט צום נביא יחזקאל (ואחוריהם אל היכל ה׳) אטייל לייט פון ישראל זענון רשעים אונ שטעלין זוך מיטען רוקון צום היכל פון גאט · אונ הש״י איז זייער צארונדוג גיוועט איבר דוא לייט :

דרום איטלוכר ווס וויל רעכט דונין גאט יתברך שמו זאל ער אום קערון זיין פנים צו מזרח ווען ער שטייט · אונ ניט צוא קיין אנדר זייט · אבר בשעת ער זוצט מעג ער אום קערון זיין פנים ווי אהין ער וויל דם איז קיין עבירה ניט · ווייל זיין שטאט ווס ער זוצט דרוף איז אזו גמאכט גווארון · אבר אין אטייל ערטור זענון גימאכט גווארון אלי שטעט צום ארון קודש · אבר אין אונזערו קהלות איז דר מנהג אז וויא איך האב דא גשרובין · נאך ארגורם דר פון קאן ארום קומן אז דער מענטש קערט ניט אום זיין פנים קיין מזרח · דען אמאל קומין אום צווייא לייט איינור אקוגון אנדערין · אזו האבין זייא גאר אנדערי מחשבות אודר ער רעט מיט אום פאטשטון בשעת דאווינון · אזו קומט דער פון איין חילול השם וויא אובון שטייט · דען ווען איטלוכיר זאל אום קערין זיין פנים קיין מזרח וואלט ער בוודאי ניט גיהאט קיין אנדערו מחשבות ווען ער וואלט גיזעהן דעם ארון קודש אונ דוא היילוגי ספר תורה · אונ אוך דוא פסוקים ווס שטיין גשרובין אויפון ארון קודש · דהיינו דר פסוק (שויתי ה׳ לנגדי תמיד) · אונ אנדרו פסוקים · דם דר וועקט אים בוודאי זיין כוונה צו גאט ב״ה · אבר דר ווס קערט זיך אים צו אנאנדער זייט דר בגערט ניט זיין כוונה זאל דר וועקט ווערין · לאז זיך איטליכר נעמין אמשל ווען איינר שטייט פר איין מלך בשר ודם קערט ער זיך דאך בוודאי ניט אום זיין זוקן צו אים · בפרט ווען ער האט עפים איין משפט פארין מלך ווערט ער דאך בוודאי שטיין אין בלויז צוטרניש אונ אנגסט · מכל שכן ווען דער משפט רורט אן אונ זיין גוף אודער אין זיין געלט ווערט ער דאך בוודאי נאך מער צוטרניש אונ אנגסט האבין · אונ ווערט בוודאי קלאר צו

הערון דו רייד פונים מליץ פונים מלך · דס ער זאל אים ניט פר געסן צו זאגין זייני זכיות · נון מכ"ש פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה דר משפט רורט דאך בוודאי אהן אונ זיין גוף אונ געלט נוא ווי זאל ער ניט רעכט צוא הערון דו רייד פונים חזן וס ער איז דר מליץ צווישן הקב"ה אונ ישראל :

אויך דוא לייט וס לעהנין זוך אן · אודר זייא לייגן זוך אופן שטענדור · אודר זיי שאקלן זוך אויפן שטענדור בשעת דר חזן זאגט שמונה עשרה ווי אזו וועלן זיי זוך קענוז פר ענפורן פר הקב"ה זיי פר שוועכן דאך גאטס דונסט אונ גידענקן ניט פר וועמן זיי שטיין · אונ לאזן זוך קיין פארכט ניט אן גיין · אונ טראכטן גאר אוף דברים בטלים · אוך פר זוימן זיי דרובר אמן נאך צו זאגון אוף איטלוכור ברכה אודר ווי קען איינר דאס האבון זיין פנים דאס ער זאל אום קערון זיין אחור צום ארון קודש · אודר ער זאל זוך אן לייאגון אונ אוינט אודר אונ אשטענדר · מכ"ש דר וס שאקולט זוך אוף אשטענדור אונ מאכט זוה איין שפילוכון אין שול גלייך וויא ער וואלט גוועזן אין דר היים · וען ער גייט דאך אונ אנדער הויז שעמט ער זוך דאך צו שאקלון אודר אנדערו הצפות טרייבון · אונ אין דר היילוגור שול שייאט ער זוך ניט פר גאט אונ פר לייט :

דער כלל איז אוטלוכן מענטשין זאל זיך דאכטון גלייך וויא ער האט עפים אמשפט פאר אמלך בשר ודם · אונ דר משפט רורט אן אין זיין גוף אונ געלט · מיט אזו איין מורא זאל ער שטיין פאר הש"י · האטשו דר משפט פון הש"י איז פול טוזונד מאל מער אונ גרעסור דען דער מלך בשר ודם קען בייא דור מיין ניט נעמון נאר דם געלט אבר ניט דו נשמה · אבר דער מלך מלכי המלכים הקב"ה קען בייא דור אלס אוועק נעמון אפילו דו נשמה · אונ אוך דוא וועלט אונ יענו וועלט נוא וויא זאל דעם מענטשון קיין מורא ניט אן חאפון · וויא זאל ער ריידון מיט זיין מול אונ דם הארץ איז ניט דר בייא · אודר וויא זאל ער ניט צו הערון דוא רייד פונום מליץ אודר וויא זאל ער פאר שעמון דוא גרוסו מצוה פון אמן נאך צו זאגון דם קאסט דאך אים גאר קיין געלט ניט · נון קענט איר דאך וואול פר שטייאן וויא הארב דוא עבירה איז פון דעם וס קערט אום זיין אחור צום ארון הקודש · אודר ער הערט ניט צו דוא תפלה פונם חזן · אודר ער זאגט ניט נאך אמן אוף איטלוכר ברכה · אודר דר וס רעט דברים בטלים אין שול אונ וייל דוא מצוה איז זייער גרוס צו צו הערון דעם חזן · דרום זאל קיין שום מענטש דרינן ניט העלפון דעם חזן · אונ מיט אים נאך זינגון אפילו ער וועט ניט זאגון דעם שם · דען מיוועט ניט וויסן וועמון צו צו הערון צו אים צו דעם חזן · דרום איז זיין עונש זייער גרוס · אוך זאל איטלוכר זעהן צו זאגון זיין תפלה מוטן קהל · דען אזו ווערט זיא גיבער אן גינומן · אז דר פסוק זאגט (הן אל כביר לא ימאס) נון גאט יתברך פאר שעמט ניט דוא תפלה פון פול לייט · אבר דוא תפלה פון איין יחיד ווערט באלד פאר שעמט פון זיינו זונד וועגון · אז וויא איך האב אובון גישריבן דם זיין תפלה ווערט ניט אן גינומן ווען עס קומט אים אריין איין פרעמדו מחשבה בשעת דאווינן · דם איז גלייך אז וויא איינר לאזט דעם מלך זיצן אונ גייט זיך שפאצירן · אונ זיינו זונד ווערון גידאכט · דען ער זאגט (השיבנו) אודר (סלח לנו) מאך מיך רעכט תשובה טאן אונ פר גיב מיינו זונד · אונ הט ניט חרטה אוף זיינו זונד · דם ער טוט זייא נאך אמאל · אודר ער זאגט (סלח לנו) אונ וויל האבון דם הקב"ה זאל אים פאר גובון זיינו זונד אן תשובה דם קען דאך ניט זיין · אז וויא עס וועט שטיין אין הלכות תשובה אודר ער זאגט (רפאינו) דם איז טייטש הייל מיך פון מיינו מכות אונ פון מיינו זונד אונ הט נאך קיין תשובה ניט גיטאן · נוא מאכט ער דאך דם זיינו זונד ווערון גידאכט · אבר ווען איינר טוט זיין תפלה מיט קהל בנאנד זענין דאך בוודאי פר האנדון צווישן זייא לייט וס האבון יוא תשובה גיטאן · אזו ווערון אפילו דו תפלות פון דו איבריגי לייט אוך אן גינומן · אז וויא דר פסוק זאגט (הן אל כביר לא ימאס) גאט יתברך פאר שעמט ניט דו תפלה פון פול לייט · נאך דעם אז ער הט שון אפ גיזאגט ישתבח אונ (ברוך ה' המבורך לעולם ועד) זאל ער זיך זעצון מיט גרוס פארכט · גלייך וויא ער זוצט פאר איין מלך בשר ודם ער זאל זיך

גִיט אָן לֶייָענִין אוּנ זָאל נִיט לַיינֶן זַיין הַאנְט אוּפֿוּן שְׁטֶענְדוּר • נאר עֶר זָאל זִיצְן מִיט גְרוֹס פָאָרְכְט זַיינוּ פּוּס זָאל עֶר הַאלְטוּן בַּנַאנְדֶר • זַיינוּ הֶענְט אוּף זַיין בְּרִיסְט • דֶעם קָאפּ אַרָאפּ גִילָאזְט • דָס־עֶר זָאל נִיט זֶעהֶן וֶוער עֶס זִיצְט אִין זַיינוּ פוּר אֵייגִן • אוּנ זָאל גְרוֹס כַּוָּונָה הָאבּוּן • דָס דִיזֵא וֶוערְטֶר פוּן זַיין מוֹל זָאלִין נִיט אַרוֹס פְלִיהֶן ח״ו אָן כַּוָּונָה • אוּנ אִיטְלִיכְן שֵׁם זָאל עֶר שַׁארְף אַרוֹס רֵיידִן אוּנ זָאל אִים נִיט אַוֶועק הַאפִּין • וֶוען עֶר וָואלְט גִירֶעט פַאר אֵיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם וָואלְט עֶר זִיךְ בְּוַדַּאי זַיינוּ רֵייד נִיט אַוֶועק גִיחַאפְּט • מכ״ש פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה • אוּנ זָאל גִידֶענְקִין דָס השי״ אִיז (הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה • אוּנ אִיז אַהֶער אִיבֶּר דֶר גַאנְצוּר וֶועלְט וֶוען עֶר זָאגְט (אֵל) אוֹדֶר (אֱלֹהֵינוּ) אוֹדֶר (אֱלֹהִים) זָאל עֶר גִידֶענְקִין דָס עֶר הָט דִי קְרַאפְט אוּנ מַאכְט אִיבֶּר דֶר גַאנְצֶר וֶועלְט אוּנ אוֹבֶּר אוּנְז • אוּנ אוּף אַלוּ פִיר זַייטוּן בִּפְרַט אִין ק״ש זָאל עֶר זָאגִן דִוא הֵיילוּגוּ שְׁמוֹת מִיט גְרוֹס כַּוָּונָה • בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל זָאל עֶר מִיט זַיינוּ אוֹגִן אַרוֹף קוּקוּן • דֶען (שְׁמַע) אִיז דִי ר״ת • (שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם) הֵייבְּט אוּף קוּגְן הוּמֶל אַייֶערוּ אוֹגִן • אוּנ וִוי בַּאלְד עֶר זָאגְט דֶעם הֵיילוּגְן שֵׁם זָאל עֶר צוּ מַאכוּן דִוּ אוֹגִן אוּנ דָס פָּנִים אַרָאפּ הַאלְטוּן • כְּדֵי עֶר זָאל כַּוָּונָה הָאבּוּן אוּפֿוּן שֵׁם • אוּנ עֶס זָאל אִים נִיט אַרַיין קוּמֶן קֵיין אַנְדֶר מַחְשָׁבָה ח״ו • עֶר זָאל דִיא הֵיילוּגוּ שְׁמוֹת זָאגוּן מִיט גְרוֹס פָארְכְט אוּנ צִיטְרְנוּשׁ אוּנ אַנְגְסְט אוּנ דֶר שְׁרֶעקְנִי״שׁ • אוּנ מִיט שְׁוִויים אוּנ מִיט גְרוֹס כָּבוֹד :

בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט (ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד) זָאל עֶר מְכַוֵּין זַיין דָס עֶר אִיז אַצוּנְד אוּנְזֶר גָאט • אוּנ נִיט אַזוּ וִויא דִיא יִשְׁמְעֵאלִים הַאלְטוּן אִים נִיט פַר אֵיין גָאט • עֶר וֶועט זַיין (ה׳ אֶחָד) אֵיין גָאט • אוּנ זָאל מְכַוֵּין זַיין דוּא (א) פוּן אֶחָד בַּטַייט עֶר אִיז אֵיין גָאט • דִיא (ח) בַּטַייט דָס עֶר אִיז אֵיינֶר אוּף דִי זִיבְּן הוּמֶל אוּנ אוּף דֶר עֶרְד • דִי (ד) בַּטַייט דָס עֶר אִיז אֵיינֶר אוּף אַלוּ פוּר זַייטוּן פוּן דֶער וֶועלְט • מֶען טָאר דוּא (א) נִיט לַאנְג מַארִיךְ זַיין דִיא (ח) אַבִּיסוּל לֶענְגֶר • דִיא (ד) נָאךְ לֶענְגֶר • דֶעם פָּסוּק זָאגְט מֶען גַאנְץ הוֹךְ • כְּדֵי זַיין כַּוָּונָה זָאל גַאנְץ זַיין • (בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ) זָאל מֶען נִיט הוֹךְ זָאגוּן • אוּנ זָאל אַבִּיסֶל שְׁטוּל שְׁוַויינְגוּן צְוִוישְׁן (וָעֶד) אוּנ (וְאָהַבְתָּ • דֶער נָאךְ זָאל עֶר זָאגוּן (וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ • אוּנ זָאל זִיךְ גִידֶענְקִין דָאס עֶר וִויל מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם זַיין אוּב עֶס וָואלְט גִיקוּמֶן אֵיינֶר אוּנ וָואלְט בַּייא אִים גִיוָואלְט אַוֶועק נֶעמוּן זַיין לֵייבּ אוּנ גֶעלְט אוּנ גוּטְס וָואלְט עֶר נִיט דֶר וִוידֶר גִיטָאן נָאט יִתְבָּרַךְ • אוּנ וָואלְט מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם גִיוֶועזְן גְלַייךְ אַז וִויא עֶס שְׁטֵייט אָן אַפְּרוּמוּן יוּדוּן • דֶען וֶוען עֶר נֶעמְט זִיךְ אַזוּ אִין זַיין מַחְשָׁבָה אַרַיין דָאס עֶר וִויל לוּבּ הָאבּוּן גָאט מִיט גַאנְצוּן הֶערְצוּן אוּנ מִיט גַאנְצוּן לֵייבּ אוּנ מִיט גָאר זַיין גוּטְס • אַזוּ אִיז גְלַייךְ אַז וִויא עֶר וָואלְט אַלוּ טָאג מְקַדֵּשׁ הַשֵּׁם גִיוֶועזְן עֶר זָאל זָאגוּן וָוארְט בַּיי וָוארְט • אוּנ זָאל קֵיין שְׁוּם וָוארְט נִיט אַוֶועק הַאפִּין • וֶוען אֵיין וָוארְט לָאזְט זִיךְ אוּס אַז וִויא דָס אַנְדֶרוּ הֵייבְּט זִיךְ אָן דְהַיְינוּ (בְּכָל לְבָבְךָ) אוֹדֶר (עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ) אוּךְ וֶוען אֵיין וָוארְט לָאזְט זִיךְ אוֹיס מִיט אֵיין (מ) אוּנ דָס אַנְדֶרִי הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט אֵיין (א) • זָאל עֶר אַבִּיסוּל מַפְסִיק זַיין צְוִוישְׁן דִיא וֶוערְטֶר • אַזוּ אוּךְ צְוִוישְׁן (נִשְׁבַּע) אוּנ דֶעם שֵׁם :

מֶען מֶעג זִיצְן בְּשַׁעַת ק״ש אוּנ אִירִי בְּרָכוֹת פוּם פְרִיר אוּנ דֶר נָאךְ בִּיז (תְּהִלּוֹת לְאֵל עֶלְיוֹן) • דֶר נָאךְ זָאל עֶר אוּף שְׁטֵיין אוּנ זָאל זִיךְ צוּא גְרֵייטִין גְלַייךְ אַזוּ וִויא עֶר וָואלְט אַרַיין גִיגַאנְגוּן פַאר אַן מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם אוּנ זָאל זִיךְ שְׁטֶעלוּן זַיין פָּנִים קֵיין מִזְרָח • זַיינוּ פוּס בַּנַאנְד גְלַייךְ אַז וִויא דוּא מַלְאָכִים שְׁטֵייאֶן • עֶר זָאל זִיךְ נִיט אָן לֵייאֶנִין נִיט אוּף קֵיין וַואנְט • אוּנ נִיט אוּף קֵיין שְׁטֶענְדוּר • זַיינוּ בֵּיידוּ הֶענְט זָאל עֶר הַאלְטוּן אוּף זַיין הַארְצוּן • זַיין רֶעכְטוּ הַאנְט אוּף זַיין לוּנְקֶר הַאנְט • זַיין קָאפּ זָאל זַיין גִיבּוּקְט נִיט אוּף גִירִיכְט • זַיינוּ אוֹגִן זָאל עֶר אַרָאפּ הַאלְטוּן דָס עֶר זָאל קֵיינוּם נִיט זֶעהֶן אֲפִילוּ אוּף דֶר וַואנְט • זַיין הַארְץ זָאל עֶר הַאלְטוּן אוֹבֶּר זִיךְ • זַיין כַּוָּונָה זָאל עֶר הָאבּוּן צוּ גָאט אַלֵיין נִיט ח״ו צוּ קֵיין מַלְאָךְ אוּךְ נִיט ח״ו אֲפִילוּ צוּ דֶר שְׁכִינָה • אוּנ עֶר זָאל מְכַוֵּין זַיין בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט דֶעם שֵׁם הַמְיוּחָד • אַז וִויא אוֹבּוּן אִיז גְשְׁטַאנוּן • עֶר זָאל שְׁטֵיין מִיט גְרוֹס פָארְכְט אוּנ אַנְגְסְט אוּנ צִיטְרְנוּשׁ אוּנ אַנְגְסְט אֵיין שְׁרֶעקְלִיךְ הַארְץ • גְלַייךְ וִויא עֶר שְׁטֵייט פַאר אֵיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם אוּנ בֶּעט בַּייא אִים

פאר זיין לעבן · עס טאר קיינר ניט אום שפייאן אין מיטן שמונה עשרה · אונ אויב עס קומט אים אריין שפייאכץ אין זיין מול זאל ער עס אראפ שלונגן · אונ ווער עס מיאוסת זיך זאל ער שפייאן אין איין טיך · האט ער קיין טיך ניט זאל ער זיך אום קערן צוא דר לונקר זייט אונ זאל הונטר זיך אוס שפייאן · עס טאר קיינר ניט היקטן אונ דוא נאז שנייצן אונ מוטן שמונה עשרה · אין שמונה עשרה אונ ק"ש זאל ער זיך אביסול שאקלן דאס ער זאל לובן גאט מיט זיין גאנצן לייב · אז דר פסוק זאגט (כל עצמותי תאמרנה ה׳) דם איז טייטש אלו מיינו ביינור טואן זאגן דיין לוב גאט יתברך: דא וועל איך אייך שרייבן ווי פול מאל מען בדארף זיך בוקן אונ וויא מען בדארף זיך בוקן:

האטשו עס וועט נאך אמאל בשיירט ווערן אין הלכות תפלה איטלוכר איז מחוייב זיך צוא ביקן פונף מאל אין ש"ע · ניט מער ניט ווייניגר · אז ער הייבט אן (ברוך אתה) זאל ער זיך בוקן אונ צום שם זאל ער זיך ווידר אוף רוכטן · דם אנדרי מאל אין סוף פון דר ברכה · צו (ברוך אתה) זאל ער זיך בוקן · צו (ה׳ מגן אברהם) זאל ער זיך אוף רוכטן דם דרוטו מאל צו מודים מוז ער זיך בוקן צו (אתה ה׳ אלהינו) אונ צום שם זאל ער זיך ווידר אוף רוכטן דם פערדו מאל אוך אזו · צו (בא״י הטוב שמך ולך נאה להודות) · דם פונפטו מאל סוף ש"ע זאל ער זיך בוקן · אונ זאל גיין דריא טרוט הונטר זיך אזו גבוקט מיט דעם לונקן פוס פרור · דר נאך זאל ער זיך אים קערין צו דר לונקר זייט · אונ זאל זאגן (עושה שלום במרומיו) דר נאך אוף דר רעכטור זייט אונ זאל זאגן (הוא יעשה שלום עלינו) דער נאך זאל ער זיך בוקן פאר זיך אונ זאל זאגין (ועל כל ישראל ואמרו אמן) · דם אלם איז גירעכנט פר איין בוקן: ווייל ער מוז אזו הינטר זיך גיין איין גבוגן · אונ ער טאר זיך ניט אוף רוכטן ביז ער הט גזאגט אמן · דר נאך זאל ער זאגן (יהי רצון) ווי לאנג ער וויל · אונ זאל אזו בלייבן שטיין ביז דר חזן הייבט אן שמונה עשרה · אודר ביז קדושה · דר נאך זאל ער ווידר גיין אוף זיין אורט אונ זאל זיך ווידר בוקן · גלייך אז ער קומט ווידר פאר דעם מלך · אונ עס טאר קיינר זיך ניט ארום קוקן אין שמונה עשרה · ביז ער קומט ווידר אוף זיין אורט נאך (עושה שלום) מכל שכן דאס ער טאר זיך ניט ארום קוקן אז דער חזן זאגט שמונה עשרה · אונ אז ער גייט אום (עושה שלום) זאל ער בלייבן שטיין אוף זיין אורט איין ווייל גלייך אז וויא איינר ווס ווארט אוף איין ענטפר · אונ אויב ניט איז גלייך אז וויא אהונט וואס האט זיך בשייקוט אונ פרעסט ווידר דאס סייקובץ איז דאך דאס זייער מיאוס · אזו איז אוך דר מענטש ווס לופט גשווינד צריק אוף זיין אורט:

איטלוכר זאל גווארנט זיין צו זאגן אמן אוף איטלוכר ברכה · אונ זאל גוט צו הערן די ברכה ווס דער חזן לאזט אוס · דען אויב ניט איז זיין אמן ווס ער זאגט אוף דר ברכה איין (אמן יתומה): אונ די קדושה זאל ער זאגן מיט גרוס פארכט · אונ זאל אזו גדענקן איך זאג קדושה אזו ווי די מלאכים אין הומל · צו (מודים) זאל ער זיך בוקן · אבר ווען דר חזן זאגט (מודים) זאל ער זיך ניט שטארק בוקן · נאר ביז עס זאל ווערן איין שפאלט ביי דעם הארץ גרובל · אונ ווער עס בוקט זיך שטארק איז דם איין גאוה · אוך זאל ער זיך ניט צו שטארק בוקן ביז זיין פנים זאל אום קומן פר זיין ערוה · אונ ווייל ער איז אזו איין גבוגן זאל ער זאגין (מודים דרבנן) · אוטלכן זאל זיך דוכטן ער איז פון די צעהן ווס דארפן צו הערן דעם חזן · דען ווען ניט עס איז פר האנדן צעהן ווס הערן צו דעם חזן אונ זאגן אמן · איז עס איין ברכה לבטלה ח"ו אבר די לייט ווס זוגן אונ זאגין נאך דעם חזן אז ער זאגט שמונה עשרה אודר ער לייאנט אין דר תורה · וואלט פר זייא בעסור גוועז אין דער היים צו בלייבן דען מיר דארפן אלו זיין אין איין קשר · אונ דארפן טאן אונזרו תפלות בנאנדר · כדי זייא זאלן אן גנומן ווערן · אבר די ווס שיידן זיך אפ פונם קהל: אזו איז עס אגרוסו עבירה · איך וועל אייך דא שרייבן דער פון · אטייל דר פון שטייט שון אובן: דען דר ווס טוט זיין תפלה בזונדר ווערט זיא ניט דר הערט · בפרט אז ווען דם קהל דאוונין מאכט ער זיך איין בזונדר תפלה: דם איז גלייך אז וויא ער בויאט איין (במה): דם מיינט מען דר וואס ברענגט ניט זיינו קרבנות קיין ירושלים: אונ האט זיך גיבויאט אבזונדר מזבח: (במה) הייסט

איין הויבט עבירה • דען אונזרע תפלות זענען אויף דעם אורט פון דיא קרבנות: אונ דער גייט איין שול אריין אונ טוט זיין תפלה בזונדר: דרום זאל איטליכר נזהר זיין דס ער זאל דאווינן מיטן קהל: אונ זאל צו הערן דעם חזן אונזר מליץ: אונ זאל זאגן אמן אויף איטליכר ברכה • אונ זאל אזו שטיין אין פארכט גלייך וויא זיין מליץ וואלט גירעט פארן מלך • אונ ער האט איין משפט וואס רורט אן אין זיין גוף אונ געלט אזו וואלט ער זיך בוודאי גישטאנון אין גרוס פארכט • אונ וואלט גיט צו גהערט דעם מליץ דס ער זאל זיך ניט טועה זיין • אודר ער זאל אום ניט פר געסן זיינו זכיות • אונ ווערט זיך בוודאי גווים ניט אנידר זעצן • אויך ווערט ער דאך בוודאי זיין פנים ניט אום קערן פונם מלך • אונ ווערט זיך ניט אן לענגן אין איין וואנט אודר אופן טיש • אויך ווערט ער זיך ניט שאקלן אויף איין שטענדור • אונ ווערט בוודאי קיין אנדר ווארט ניט ריידן ווס גיהער ניט צו זיין משפט • אויך ווערט ער מיט קיין אנדרן ניט ריידן פארן מלך • נוא ווען דס איז אזו פאר איין מלך בשר ודם • ווס היינט לעבט ער אונ מארגון איז ער אין קבר • מכ״ש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה ווס ער לעבט אייבוג • אונ זיין כבוד הט קיין סוף ניט (ברוך הוא וברוך שמו) : אונ אויך זעהט ער אלו הערצור • אונ פריבט אלו מחשבות • קער מען דאך בוודאי שטייאן פאר אים אין ציטרנוש • בפרט ווען אונזר מליץ דער חזן דאווינט וויא זאל דר מענטש טון אזעלוכו בייזו מעשים • דאס ער זאל אום קערן זיין אחור צום ארון קודש צו דער היילוגר ספר תורה • אודר דס ער זאל זיך שאקלן אויף איין שטענדר • אודר ער זאל זיך אן לענגן אין איין וואנט • אונ אלו דו בייזו מעשים • דרגם איר ליבה לייט נעמט אייך אין אייערו הערצור גלייך וויא איר שטייט פאר אמלך בשר ודם • אין זיין חדר • אונ ער זעהט אלו אייערו מעשים אונ רייד• אונ מיט אלו זאכון זאל זיך אייך דאכטון גלייך וויא איר שטייט פאר אמלך בשר ודם מכל שכן דס איר ווייסט דאך דס דו היילוגו שכינה איז אין אונזר שול • אין השי״ זעהט אונ ווייסט אלס ווס איז אין דעם הארץ פונם מענטשון אונ אין זיינו מחשבות • נוא וויא זאל אויף אים קיין מורא ניט פאלן: לאמור זעהן דר מענטש איז דאך מחוייב צו גידענקון אין דעם נאמן פון הקב״ה אפילו אין זיין חדר • דס ער זאל ניט זאגן ווער זעהט מיך גייארט עס זאל זיך אים דאכטן דאס הקב״ה שטייט קעגן אום אונ זעהט אלו זיינו מעשים • אז דר פסוק זאגט (מלא כל הארץ כבודו • עס איז דו גאנצו וועלט פול פון זיין כבוד • אויך זאגט דר פסוק • (שויתי ה׳ לנגדי תמיד) • איך האב גיטאן גאט יתברך קעגון מיר תמיד • אויך זאגט דר פסוק (בכל דרכיך דעהו) אין אלו דיינו זאכון זאלסטו גידענקון אין הקב״ה אונ עס זאל זיך דיר תמיד דאכטון דו שטייסט קעגון הקב״ה מכל שכן אז ער איז מחוייב צו גידענקון אין גאט אונ גאטס הויז אין דער היילוגר שיל • וואס דארטון איז דו היילוגו שכינה אונ היילוגו תורה • קער ער דאך נאך מיין מורא האבין • אזו וויא דער מענטש ווס שטייט פאר איין משפט פארון מלך האט ער דאך מער מורא וויא אין זיין הויז • דער זעלבוגר מנהג איז אין דער היילוגר שול :

בשעת מיזאגט קדושה זאל איטליכר מענטש זיינו אוגון ארויף האלטון אז ער זאגט קדוש קדוש קדוש • אונ דר נאך צום שם זאל ער זייא אראפ האלטון : צוא דער (ברכה ירושלים) זאל ער אביסול איין בייגון זיין קאפ אונ זאל אים באלד אויף ריכטן • נאך דעם אז ער האט אום גיהערט אלו ברכות פונם חזן • מאג ער זאגון (אמן ואמן) אויף דער הונטרשטר ברכה (המברך את עמו בשלום) • דער נאך זאל ער צו דעקון זיין פנים מיט דער לונקר האנט אונ זאל זאגון (רחום וחנון) דס הייסט תחינות דס איז גירעט גיווארון פאר נאכט אז ער האט ניט קיין תפילין אויף זיין לונקר האנט אבר אין דר פרי זאל ער פאלון אויף זיין רעכטו האנט: אונ זאל אויך נייגון זיין קאפ צוא דער לונקר זייט: אונ ווען דער חזן הייבט אן (קדיש) זאל ער ווידר אויף שטיין אונ צו אשרי ובא לציון מאג ער זיצון אודר שטיין וויא ער וויל • אבר עס איז בעסור צו זיצן • דען דער אורח חיים שרייבט מען מיז אגרוסו כוונה האבין צו דער קדושה פון (ובא לציון) אונ זיצנדוג קען מען מער כוונה האבון • אז וויא דער דין איז בייא ק״ש • צו קדיש מוז ער ווידר אויף שטיין • קורץ פון דער


זאך

זאך אַלְם וָואס מֶען טָאר נִיט זָאגִין נָאר בְּמִנְיָן דַארְף מֶען עֶס זָאגִין שְׁטֵייאוּנְדִיג. אוּנ דָם וָואס יָחִיד אַלֵיין מָאג עֶס אוֹךְ זָאגִין מֶעג עֶר עֶס זָאגִין זִיצִינְדִיג: נָאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּנ לַאנְג (וְהוּא רַחוּם) הָאטְשׁוּ מֶען מֶעג עֶס זָאגִין בִּיחִידוּת דַארְף מֶען פָארְט שְׁטֵייאֶן דֶער בַּייא. דֶען מֶען הָאט אַזוֹי מְתַקֵּן גְוֶועֶן:

וֶוער עֶס אִיז אַיין אוֹנֵס דָם עֶר קֶען נִיט שְׁטֵיין אוֹדֶר עֶר פָארְט אוֹף אַיין וָואגִין מָאג עֶר אֲפִילוּ בַּייא שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוֹךְ זִיצְן אָבֶּר עֶר זָאל נִיט זִיצְן אָן גִילֶעהְנְט. נֵייאָרְט אַז וִויא דֶער דִין אִיז בַּייא ק״ש: אוּנ וֶוען דֶער חַזָן לֵייאֶנְט אוּם דֶער סֵפֶר תּוֹרָה דַארְף מֶען אוֹךְ צוּ שְׁטֵיין אוּנ עֶר טָאר זַיין פָּנִים נִיט אַוֶועק קֶערִין פוּן דֶער סֵפֶר תּוֹרָה. אוּנ זָאל צוּ הֶערִין דֶעם חַזָן וָואס לֵייאֶנְט: אוּנ טָאר אִים נִיט הֶעלְפִין. צְוִוישְׁן דֶעם אוֹף רוּפִין פוּן אֵיינֶם צוּם אַנְדֶרִין מָאג מֶען זִיצְן: בְּשַׁעַת דֶער חַזָן זָאגְט קַדִישׁ דֶעקְט מֶען דָאךְ צוּ דוּא סֵפֶר תּוֹרָה: אַזוֹ מוּז מֶען זִיךְ אוּם קֶערִין פוּן דֶער סֵפֶר תּוֹרָה מִיט דֶעם פָּנִים קֵיין מִזְרָח וַוייל דִי סֵפֶר תּוֹרָה אִיז צוּ גִידֶעקְט: נָאךְ קַדִישׁ זָאל מֶען זִיךְ וִוידֶר אוּם קֶערִין צוּ דֶער סֵפֶר תּוֹרָה. וֶוען מֶען זָאגְט הַלֵל דַארְף מֶען אוֹךְ שְׁטֵיין. (בָּרוּךְ הוּא אֱלֹהֵינוּ שֶׁבְּרָאנוּ לִכְבוֹדוֹ) זָאל עֶר זָאגִין מִיט אַפְרֵיילִיךְ הַארְץ: גְלַייךְ אַז וִויא אַיינֶר וָואס גֵייט אוּם אוֹף אִים זַיין מִשְׁפָּט צוּ פַאר בְּרֶענִין אוּנ עֶס זָאל קוּמֶן אַיין מֶלֶךְ אוּנ זָאל אִים מַצִיל זַיין אִין נָאךְ גוּבִּין גְרוֹסוּ שְׂרָרָה. וָואלְט עֶר דָאךְ גְוֶועֶן אִין גְרוֹס שִׂמְחָה: אַזוֹ אוֹךְ זָאל עֶר פְרֵיילִיךְ זַיין דָם הַשֵׁ״י הָאט אוּנְז אָפּ גִישֵׁייְדְט פוּן דוּא עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וּמַזָלוֹת. אוּנ הָאט אוּנְז גִיגוּבִּן אַיין גוּט גְלֵייבִּין: דֶער מִיט וֶוערִין מִיר בְּהוּט פוּן דֶעם פַייאֶר פוּנֶם גֵיהִנָם: אוּנ גִיט אוּנְז דוּא גְרוֹס שְׂרָרָה דֶעם גַן עֵדֶן: דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר זֶעהִן נִיט צוּ פַר זִינְדִיגִן דוּא שְׂרָרָה מִיט זַיינוּ בֵּייזוּ מַעֲשִׂים. אוֹדֶר בֵּייזוּ רֵייד: וִויא אוֹבִּין שְׁטֵייט:

צוּ מִנְחָה צַייט זָאל אִיטְלוּכֶר גִיוָוארוּנְט זַיין צוּ גֵיין צוּ גֵיין גִישְׁוִוינְד אִין שׁוּל אַרַיין. אוּנ זָאל אַוֶועק וַוארְפִין זַיינוּ הֶענְדְל. אוֹךְ זָאל עֶר גִיוָוארוּנְט זַיין נִיט צוּ גֵיין אוֹף אַסְעוּדָה צוּ מִנְחָה צַייט. אוֹךְ זָאל עֶר נִיט אָן הֵייבִּין קֵיין שׁוּם מְלָאכָה הָאטְשׁוּ עֶר וַוייסְט עֶר וֶועט זוּא קָאנְטְשׁוּן פַאר מִנְחָה: אוּנ עֶר זָאל זֶעהִן צוּא דַאוִוינִין מִנְחָה בְּקָהָל. אוּנ עֶר זָאל זַייעֶר גִיוָוארוּנְט זַיין נִיט עוֹבֵר מִנְחָה צוּא זַיין. דֶען דוּא תְּפִלָה פוּן מִנְחָה אִיז אָן גִינוּמֶן בַּייא הקב״ה מֶער פוּן אַלוּ תְּפִלוֹת. דֶען עֶס אִיז בַּייא טָאג אוּנ עֶר וַוארְפְט אַוֶועק אַלוּ זַיינוּ הֶענְדְלִין אוּנ גֵייט לוֹבִּין גָאט. דָם אִיז בַּיי גָאט זַייעֶר לוֹב. פַאר מִנְחָה מוּז מֶען אוֹךְ רֵיינוּגִין זַיין גוּף אוּנ נְשָׁמָה. אוּנ מִיט שְׁטֵיין אוּנ זוּצְן אִיז דֶער דִין וִויא צוּ שַׁחֲרִית. מַעֲרִיב צוּ (בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן) אוּנ צוּ עָלֵינוּ מוּז עֶר אוֹף שְׁטֵיין. צוּא מָארְגוּנְס פְרִיא אִיז דֶר דִין וִויא אוֹבִּין שְׁטֵייט בְּשַׁעַת עֶר וִויל אַרוֹם גֵיין פוּן דֶער שׁוּל זָאל עֶר זִיךְ אַבִּיסוּל אַנִידֶר זֶעצְן אוּנ זָאל נִיט גֵיין אַיילִינְדִיג אוּנ זָאל זִיךְ פְרֵייאֵן אִין זַיין הַארְץ דָם הַשֵׁ״י הָאט אִים מְזַכֶּה גְוֶועֶן תְּפִלָה צוּ טָאן פַאר אִים מֶער אַז אַלוּ עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים: דָאס זֵיי טוּאֶן זַייעֶר תְּפִלָה צוּ אַיין אָבְּ גָאט אָבֶּר אִיךְ טוּא מַיין תְּפִלָה צוּ דֶעם לֶעבֶּדִיגִין גָאט ית״ש. וָוס עֶר דֶער הֶערְט דוּא תְּפִלוֹת פוּן אַלוּ מֵיילִיר וָוס רוּפִין אִים אָן מִיט גַאנְצִין הֶערְצִין: אָבֶּר עֶר זָאל זִיךְ נִיט גִידֶענְקִין עֶס אִיז רָאוּי הַשֵׁ״י זָאל אָן נֶעמִין מַיין תְּפִלָה וַוייל זוּא אִיז מִיט גְרוֹס כַּוָונָה. דֶען עֶר גִידֶענְקְט נִיט אִין זַיינוּ עֲבֵירוֹת אוּנ בֵּייזוּ רֵייד. אוּנ דָאס עֶר הָאט מְטַמֵּא גִיוֶועֶן זַיין גוּטִי כֵּלִי אוּנ דוּא עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גִיטָאן מִיט זַיינוּ בֵּייזוּ מַחְשָׁבוֹת אוּנ הָט נָאךְ דְרוּף קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט גִיטָאן אוּנ וִויל הָאבִּין דָם זַיין תְּפִלָה זָאל דֶער הֶערְט וֶוערִין: אוּנ דֶר וָוס גִידֶענְקְט זִיךְ יוּא אַזוֹ עֶר טוּט גְרוֹסוּ זוּנְד אוּנ מַאכְט דָאס זַיינוּ זוּנְד וֶוערִין גִידַאכְט. אוּנ עֶר וֶוערְט גִימִשְׁפָּט חוּ ושם גֵיהִנָם. נָאר עֶר זָאל זִיךְ אַזוֹא גִידֶענְקִין מַיין לוֹבֶּר גָאט דוּא טוּסְט דָאךְ גִינָאד אוּנ בַּארִים הַארְצִיקַייט מִיט מִיר זוּנְדִיגֶר מֶענְטְשׁ. אִיךְ הָאבּ פוּל זוּנְד גִיטָאן מִיט אַלוּ מַיינוּ גְלִידֶר. אוּנ הָאבּ דוּר דֶער וִוידֶר גִטָאן אוּנ דָאךְ שְׁטֶעל אִיךְ מִיךְ פַאר דִיר אוּנ טוּא תְּפִלָה גְלַייךְ וִויא אִיךְ וָואלְט נִיט גִיזוּנְדִיגְט. נָאר אִיךְ הָאף צוּא דַיין בַּארוּמְקַייט אוּנ הֶערְלִיכְקַייט אוּנ דַיין גֶעטְלִיךְ גִינָאד דָם דוּ וֶועסְט פַאר דוּר נֶעמִין מַיין תְּשׁוּבָה אוּנ וֶועסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אַלוּ מַיינוּ זוּנְד. כְּדֵי מַיין תְּפִלָה זָאל דֶער הֶערְט וֶוערִין דָאס זָאל זִיךְ

אומלוכר מענטש גידענקען פארן דאווינין אונ נאך דעם דאווינין:

אויך זאל זיך דער מענטש בטראכטן ווען איך וואלט גירעט פאר איין מלך בשר ודם אונ מיין הארץ זאל ניט זיין דר ביא אודר איך זאל מחשבה האבן אויף עפים אנדרש · וואלט עס אים בוודאי פאר דראסן · אזו אויך וויא קען איינר תפלה טאן פר הקב"ה אונ דם הארץ זאל ניט וויסן וואס ער רעט · אויף דעם האט ישעיה הנביא גישטראפט דיא ישראל אונ גיזאגט גאט יתברך האט גיזאגט דאס פאלק ישראל גינענען תפלה צו טאן מיט זייער מויל אונ לובן מיט זייערו לעפצין אונ דם הארץ איז וייט דער פון · זייא טואן נאר זייער גוואונקייט דאס מויל רעט אונ דאס הארץ ווייסט ניט דער פון נון ליבי לייט וויא זאל זיין תפלה דער הערט ווערן אז זיין מחשבה איז אויף עפים אנדרש · ווען הקב"ה וועט אים ענטפערין אלס וואס דוא בגערסט וועל איך דיר גיבין וואס וועט ער קענין ענטפערין דער ער ווייסט דאך זעלבסט ניט וואס זיין בגער איז · דרום זאל איטלוכר מענטש זיין תפלה וואול פר שטיין אונ זאל וויסן וואס ער רעט אונ בגערט פון הקב"ה · אונ ווער עס פאר שטייט ניט קיין לשון קודש: זאל ער זיין תפלה טאן מיט וואס פאר איין לשון ער פאר שטייט · אונ דר וואס דאווינט בכוונה אפילו אביסל איז עס פיל בעסור פון דעם וואס איז מאריך אין דאווינין אן כונה:

אצונד וועל איך איך שרייבן פון דוא לייטן וואס זאגן פול תחנות אודר מעמדות אודר יוצרות אודר מערבית אודר מחזיר אודר סליחות אונ פאר שטייאן עס ניט · איז פול בעסיר אז זייא זאלין גאר ניט זאגן: חאטשו זיין כוונה איז דאך דער מיט גאט צו דינן · אבר ער ווייסט דאך ניט וויא אודר וואס ער דונט · עס איז פול דער פון צו שרייבן · דאס איז דאך ידוע אז דיא תפלה וואס מיר זענן מחוייב צו דאווינין אלו טאג איז בעסור פון אלו תפלות פון דר וועלט · דם מיינט מען קריאת שמע אונ שמונה עשרה · דם האבן מתקן גווען דוא אנשי כנסת הגדולה אונ דוא סנהדרין · אונ צווישן זייא איז גווען הונדרט מיט צוואנצג נביאים · אונ (חגי זכריה ומלאכי) אונ אנדרי פרומי לייט וואס האבן גיקענט (כל התורה כולה) · זייא האבן אונזרו תפלות מתקן גווען מיט גרוס כוונה · אונ גרוסו סודות וואס איז ניט צו דער גרינטווין דאס ווייסט איטלוכר וועדליג זיין שכל אונ וום ער האט בקבלה · אונ אצונד איז גאר ווינציג לייט פאר האנדן וואס זאלין וויסן דוא חכמה דער פון · פון דעסט וועגן זענן זייא דאך יוצא דער מיט · דען וואלטן דו אנשי כנסת הגדולה גיוואלט האבין מען זאל עס וויסן · אזו וואלטן זייא עס ניט גישריבן בסוד אונ פאר דעקט · דרום אפילו דער גימיינר מאן וום ווייסט ניט דוא סודות איז ער דאך יוצא · אבר דוא טייטש פון דוא ווערטור מוז איטלוכר וואול פר שטיין אונ דרויף כוונה האבן אויך שטייט (טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה) עס איז בעסור ווינציג תפלה מיט כוונה איידר פול אן כוונה · נוא אז ער ווייסט ניט דוא טייטש פון דוא ווערטור וויא אזו קען ער מכוין זיין · אונ דאס איז דאך אויך ידוע אז אונזרי תפלות זענן גימאכט גווארן אויף דעם אורט פון דוא קרבנות · נוא ווען איינר זאל ברענגן איין קרבן אונ זאל ניט מכוין זיין אויף וואס ער איז מכפר אונ צו וואס ער ניצט · אזו איז ער דאך חייב מיתה · דען עס הייסט חולין בעזרה · אויך איז דער דין גווען בייא דעם קרבן איין עושר האט גיבראכט איין אוקס · דער מיטלער מענטש האט גיבראכט איין שאף · איין ארומאן האט גיבראכט איין טויב · אונ דר וואס איז גאנץ ארום האט גיבראכט אביסול זעמול מעל צו איין קרבן · שטייט דרויף אין דר תורה (ריח ניחוח לה') דוא מנחה דער קרבן פונם ארומאן איז אן גינומן בייא הקב"ה גלייך אז וויא דער קרבן פונם עושר: אדרבה עס איז נאך מער אן גינומן · דען עס שטייט דער בייא (ונפש כי תקריב) מיט דעם ביסול מעל וום ער ברענגט איז בייא הקב"ה אן גינומן גלייך וויא ער וואלט מקריב גווען זיין נפש אוב זיין הארץ איז נאר גוט דער צו:

דיא גמרא זאגט (אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים) עס איז גלייך ביי הקב"ה דר וום ברענגט פול קרבנות אונ דר הם ברענגט ווינציג קרבנות · נאר ער דארף מכוין זיין זיין הארץ צו הקב"ה נן ווען יו״ז אונזערו תפלות זענן אויף דעם אורט פונים קרבן · דרום איז פול

בְּעֶסוּר דֶר וָם דַאוִייְנְט אַבּוּסוּל מוּט כַּוָּונָה אוּנ וַוייסְט דוּ טַייטְשׁ פוּן דוּ וָוערְטוּר פוּן דֶעם וָם דַאוִוינְט פוּל אָן כַּוָּונָה אוּנ פַר שְׁטֵייט נִיט דוּא טַייטְשׁ פוּן דוּ וָוערְטוּר · דְרוּם דֶר וָואס וִויל יוֹצֵא פוּל תְּפִלּוֹת זָאגוּן זָאל עֶר זָאגוּן מִיט דֶעם לָשׁוֹן וָואס עֶר פַר שְׁטֵייט · דֶען וָוען אֵיינֵיר זָאל אֲפִילוּ זָאגוּן אַגַאנְצוּן טָאג דוֹרֶךְ אַנַאנְדֶר אוּבּ עֶר וַוייסְט נִיט וָום זַיין בַּגֶער אִיז צוּא וָום נוּצְט זַיין זָאגוּן אַדְרַבָּה עֶר אִיז נָאךְ מְחָרֵף וּמְגַדֵּף מִיט עֶטְלוּכֵי וָוערְטוּר וָום עֶר זָאגְט נִיט רֶעכְט · דָם אִיז דָאךְ אַגְרוֹסֵי עֲבֵירָה · דֶען דוּא תְּפִלּוֹת זֶענֶן נָאר גְמַאכְט גְוָוארוּן פַר דוּ לַייט וָום פַר שְׁטֵייאוּן זֵיי · דְרוּם זָאל זוּךְ אִיטְלוּכֶר הוּטוּן נִיט צוּ זָאגוּן דוּ תְּפִלּוֹת וָום עֶר פַר שְׁטֵייט זֵיי נִיט · אוּנ אִיטְלוּכוּר אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנוּן דוּ טַייטְשׁ פוּן דֶעם דַאוִוינוּן פוּן אַלִי טָאג אוּנ אוּבּ נִיט זָאל עֶר עֶס זָאגוּן מִיט דֶעם לָשׁוֹן וָוס עֶר פַר שְׁטֵייט :

פָּאר צַייטוּ פְלֶעגְט נִיט שְׁכִיחַ זַיין קֵיין מַחֲזוֹרִים אוֹדֶר סְלִיחוֹת אוּנ שׁוּל · נָאר אֵיין מַחְזוֹר פוּן דֶעם חַזּוּנִים וֶועגוּן · אַזוּ פְלֶעגְט קֵיינוּר נִיט זָאגוּן נָאר דֶער חַזּוּן אַלֵיין · דֶען עֶר הָאט גִימוּזְט וואל פַאר שְׁטֵיין דוּא טַייטְשׁ דֶער פוּן · דֶען מֶען פְלֶעגְט נֶעמוּן חַזָּנִים פוּן (רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת) · אוּנ מֶען הָט נִיט גִיקוּקְט אוּף זַיין קוֹל · אַז וִוי מִיר טוּאִין בעו״ה דָאס וָוען עֶר הָאט נָאר אַשֵׁיין קוֹל אִיז שׁוּין נִיגּוּג · אָבֶּר פַר צַייטוּן פְלֶעגְט מֶען נֶעמוּן חַזָּנִים צַדִּיקִים אוּנ חֲסִידִים · אַז וִוי דֶר דִין אִיז · אוּנ אוּיךְ אַנְדֶערִי לַייט וָום הָאבֶּן פַאר שְׁטַאנֶן דוּ טַייטְשׁ פוּן דוּא וָוערְטוּר הָאבֶּן נָאךְ גְזָאגְט מִיטוּן חַזָּן · אָבֶּר וַוייטוּר הָאבֶּן קֵיינוּר נִיט גְזָאגְט נָאר דוּא תְּפִלָּה פוּן אַלִי טָאג · אוּךְ דוּ יוֹצְרוֹת אוּנ דוּ מַעֲרָבִית פְלֶעגְט נָאר דֶער חַזּוּן אַלֵיין זָאגוּן אוּנ וַוייטוּר קֵיינוּר נִיט · אָבֶּר אַצוּנְד הָאבֶּן אִיטְלוּכִיר אֵיין מַחְזוֹר אוּנ אֵיין סְלִיחָה · דָם מַאכְט וַוייל דוּ דְרוּק אִיז אוּף גִיקוּמוּן · אוּנ אִיטְלוּכֶר שְׁרַייט נָאךְ הָעֲבוּר פוּן חַזּוּן גְלַייךְ וִוי עֶר פַר שְׁטֵייט עֶס וואל · אוּף זֵיי זָאגְט דֶר פָּסוּק (נָתְנוּ עָלַי קוֹלָם עַל כֵּן שְׂנֵאתִי) אִיר הָט אַגְרוּם גְשְׁרַיי גְשְׁרוּגוּן אִין אַייעֶר בהמ״ק דָם הָאבּ אִיךְ פַיינְט זָאגְט גָאט · אוּיךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (לָמָּה לִי רוֹב זִבְחֵיכֶם כו׳) (מִי בִקֵּשׁ זֹאת מִיֶּדְכֶם רְמוֹס חֲצֵרָי כו׳ לֹא תוֹסִיפוּ הָבִיא מִנְחַת שָׁוְא קְטֹרֶת תּוֹעֵבָה) דָם אִיז טַייטְשׁ צוּ וָום נִיצוּן מִיר אַייעֶרוּ קָרְבָּנוֹת וָוער בַּגֶערְט דָם פוּן אַייךְ אִיר זָאלְט טְרֶעטָן אִין מַיין הוּיף זָאגְט גָאט אִיר זָאלְט נִיט מֶערוּן בְּרֶענְגוּן פַאלְשׁוּ מְנָחוֹת · אוּנ אוּם וָוערְדוּגִי קְטוֹרֶת · אוּךְ זָאגְט וַוייטוּר דֶר פָּסוּק · (גַּם כִּי תַרְבּוּ תְפִלָּה אֵינֶנִּי שׁוֹמֵעַ יְדֵיכֶם דָּמִים מָלֵאוּ) · אֲפִילוּ אִיר וֶועט מֶערוּן תְּפִלָּה וֶועל אִיךְ נִיט הֶערִין וַוייל אַייעֶרִי הֶענְט זֶענוּן פוּל מִיט בְּלוּט · אוֹדֶר (דָמִים) אַייעֶרוּ הֶענְט זֶענוּן פוּל מוּט גֶעלְט דָם בְּשַׁעַת אִיר דַאוִוינְט אִיז אַייעֶר מַחֲשָׁבָה אוּיפוּן גֶעלְט · נוּא אַזוּ וואל אַז אֵיינוּר בְּרֶענְגְט אֵיין קָרְבָּן אוֹדֶר קְטוֹרֶת אוּנ זַיין כַּוָּונָה אִיז אוּף עֶפִּים אַנְדוּרְשׁ אִיז דָאךְ עָס אִים וָוערְדוּג · אַזוּ אוּךְ בַּיי תְּפִלָּה · דְרוּם זָאגְט דֶר נָאךְ דֶר פָּסוּק (רַחֲצוּ הִזַּכּוּ הָסִירוּ רֹעַ מַעַלְלֵיכֶם מִנֶּגֶד עֵינָי חִדְלוּ הָרֵעַ לִמְדוּ הֵיטֵב · אִם יִהְיוּ חֲטָאֵיכֶם כַּשָּׁנִים כַּשֶּׁלֶג יַלְבִּינוּ אִם יַאְדִּימוּ כַתּוֹלָע כַּצֶּמֶר יִהְיוּ) דָם אִיז טַייטְשׁ וַוייסְט אוּנ לַייטוּרְט אַייךְ אוּנ טוּט אָפּ אַייעֶרוּ בֵּייזוּ וָוערְקְפוּן קוּגוּן מַיינִי אוּגִין · פַר מַייד דָם בֵּייז אַזוּ וָוען אַייעֶר זוּנְד זֶענֶן רוֹיט וִוי אַרוֹיטֶער פַאדִים וָועלִין זֵיי ווייס וָוערוּן אַזוּ וִוי שְׁנֵיי אוּנ אוּבּ זֵיי זֶענוּן אַזוּ רוֹט וִוי אַוָּערִימֶל זַייד וָועלִין זֵייא זַיין אַז וִויא ווייסִי וָואהְל דְרוּם לֶערוּנְט אַייךְ צוּ פַאר שְׁטֵיין אַייעֶרוּ תְּפִלּוֹת אַזוּ וָועלִין זֵיי אָן גִינוּמוּן וֶוערוּן אוּבּ אִיר וֶועט נָאר טוּן וִוי דֶר נָבִיא זָאגְט · פוּן דֶעם קֶען מֶען אָפּ לֶערְנוּן אַז עֶס אִיז נִיט גִיט דֶר וָום דַאוִוינְט אוּנ וַוייסְט נִיט דוּ טַייטְשׁ דֶר פוּן אוֹדוּר זַיין כַּוָּונָה אִיז אוּף עֶפִּים אַנְדוּרְשׁ · דָם קוּמְט אַלְץ פוּן וֶועגוּן גְרוֹס גַּאֲוָה · דְרוּם נֶעמְט עֶר זוּךְ אַגְרָאבּוּן מַחְזוֹר אוּנ סְלִיחָה אוּנ אַגְרוֹסוּן סִידוּר אוּנ שְׁרַייט מִיטוּן חַזּוּן אוֹדֶר נָאךְ הָעֲבוּר גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט גְוַוייסְט דְרוּנוּן · דָם אִיז גְלַייךְ וִוי אַפּוִוינגִיל שְׁרַייט אוּנ וַוייסְט נִיט וָום עֶר שְׁרַייט · אוֹדֶר אַז וִוי אֵיין הוּנְט וָום בּוּלְט אוּנ וַוייסְט נִיט וָום עֶר בּוּלְט · דָם קוּמְט אַלְץ פוּן גַּאֲוָה · דָם אַגַאנְץ יָאר נֶעמְט עֶר נִיט קֵיין סְלִיחָה אוּנ קֵיין מַחְזוֹר אִין דְרוּנוּן צוּ לֶערְנוּן · אוּנ אַז עֶס קוּמְט יוֹ״ט אוֹדֶר אַגוּטוּן שַׁבָּת דָא שְׁרַייט עֶר דְרוּנוּן גְלַייךְ וִויא עֶר הָאט עֶס אַגַאנְץ יָאר גְלֶערוּנְט :

נוּן אִיר לוּבִּי לַייט וִוי זָאל עֶס הקב״ה וואל גְפֶעלוּן דָם אִיז אֵיינְס פוּן דוּ זַאכוּן וָואס דֶר גָלוּת דֶער לֶענְגוּרְט זִיךְ בעו״ה · אוּנ אוּנְזֶערוּ גְרוֹיסוּ לַייט שְׁטוּסוּן זוּךְ נָאר דְרוּף נִיט דָם זֵיי זָאלוּן וַויסוּן דָם זֵיא בִּיגוּן מֶענְטְשׁוּן צוּ שְׁטְרָאפוּן דְרוּם זָאל זוּךְ אִיטְלִכִיר אַלֵיין שְׁטְרָאפוּן אוּנ זָאל נוּט זָאגוּן אַנְעֶלְכֵּי

תפלות וואס ער פר שטייט ניט אונ דאס דאווינען פון אלי טאג זאל ער לערנען דוא טייטש דר פון • אונ אויב ניט זאל ער מתפלל זיין מיט דעם לשון וואס ער פאר שטייט אויך שטייט גישריבן (תפלה בלא כוונה כגוף בלא נשמה) ווען איין גוף איז אן אנשמה וואלט דאך בעסור גוועזן פאר אים ער זאל ניט גיבארן ווערן • אזו אויך דער וואס דאווינט אן כוונה איז בעסור ער זאל גאר ניט דאווינען • זעהט איר לובי לייט ווי דו וועלט זענין גאר בלונד אונ דר זאך אונ אז מען פרעגט איינם ווייסטו וואס דו האסט גידאווינט שפעט ער דרויס אונ זאגט צום מענטשן וואס פרעגט דוא ווייסט דען אלץ אונ לאכט פון דעם גלייך ווי ער דארף ניט וויסן • דס זענין דו רעכטו נארן וואס מען טאר זייא ניט שטראפן • אז ווי עס וועט בעסור בשיידט ווערן • אונ דאס איז דר עיקר אפילו דר מענטש ווייסט וואל אונ הט כוונה דרויף אונ טוט תשובה פארין דאווינען אונ אלץ וואס אויבן שטייט • דאך זאל ער זוך טראכטן אונ פארכטן טאמור האב איך נאך ניט יוצא גוועזן ווי איך בין שולדיג • אויך טאמור האב איך פר געסן מתודה זיין אויף עטלוכי זונד • אודר טאמיר האב איך אזו פיל גאט דר צערונט דאס ער וויל מיר ניט מוחל זיין • אונ ער זאל שטיין מיט גרוס פארכט אונ מיט איין צו בראכון הארץ אונ מיט ענוות מיט אנגסט אונ פארכט אונ צוטרניש פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה אונ זאל אזו גדענקן אונ זיין הארצון הקב"ה איז דר בארומג אובר זיין פאלק ישראל אונ גלוסט צו זייערו תפלות מער אז פון אלי פעלקור פון דר וועלט דרום מיין לובר הער גאט מיין גאט פר נעם מיין גבעט • אונ דר הער מיין תפלה פון וועגן דעם זכות פון מיינו עלטורן אברהם יצחק ויעקב אבר ניט פון מיין זכות וועגין דען איך בין אזונדיגר • אונ איך בין ניט ווערט דאס איך זאל שטיין פר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה • נאר פון וועגין זיין גרויס דר בארומקייט איבר זיין פאלק ישראל • אבר ער זאל זיך ניט גדענקן ווען איך האב שון תשובה גטאן אונ חרטה גהאט אויף מיינו עבירות • אזו איז ראוי מיין תפלה זאל דר הערט ווערן • דען דר וואס גדענקט אזו מאכט ער דאס מען גדענקט זיינו עבירות אונ מ'זאגט דער הדיוט וויל האבן דאס זיין תפלה זאל זיין אן גנומן פון זיין תשובה וועגין: אונ ער הט דאך גטאן דו אונ דו עבירה • אונ באמת האט ער דאך ניט חרטה גהאט דרויף • אונ ער ווערט פר שטויסן אונ זיין תפלה ווערט פר שעהמט:

דאס זאל זוך איטלוכור מענטש בטראכטן ווען איך זאל אפילו זיצון טאג אונ נאכט אונ זאל דער ציילון דו גינאד וואס השי"ת הט גטאן מיט מיר זונדיגור מענטש אונ בפרט מיט מיינו עלטורן • אונ טוט נאך אצונד אויך גנאד • וואלט איך דאך ניט גקענט אום דר ציילון אפילו קיין טויזנט חלק פון זיין לוב אונ אכפורקייט אונ פון זיין גרוסו ניסים וואס ער האט גטאן מיט זיין פאלק ישראל • אונ טוט נאך היינט אלי רגע • דרום זאל זוך קיין שום מענטש ניט גרוס האלטן מיט זיין תורה לערנן אודר מיט זיין צדקה אודר מיט זיינו גוטו מעשים • דען דר מענטש איז נאר דרויף בשאפן גווארן מכ"ש דאס א מענטש טאר זוך נוט בארומן מיט זיינו גוטו מעשים • אז וויא עס שטייט אין פרקים (אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך כי לכך נוצרת) • דוא זאלסט זוך ניט אובר נעמן מיט דיין תורה לערנן דען דו בוסט דרויף בשאפן גווארן • נון איך זאל וועלן ארום שרייבן אלי מצות פון דר תורה איז אום מיגלוך צוא דר שרייבן דען עס זענין זעקס הונדרט מיט דרייצען מצות • אונ איטלוכור מענטש זאל ארום קוקן אז עס זאל אים צוא קומן א מצוה • גלייך ווי ער קוקט ארויס עפיס אויף אזאך • אונ ווער עס בטראכט זוך ניט דס ער איז אויף זוך מקבל אלי מצות דר טוט ניט רעכט • אוך דר מענטש וואס אכט ניט אין א טייל מצות אונ טוט זייא נוט אודר אין א טייל עבירות אונ טוט זיי יוא • אפילו עס איז דוא גרונגסטו זאך פון דר תורה איז ער אין כלל פון (ארור אשר לא יקום את דברי התורה הזאת) • דאס איז דר גרוסור חרם פון משה רבינו ע"ה גאט זאל אונז הוטן • סייא ער זאגט משה רבינו האט ניט אזו גמיינט אודער ער הט ניט אזויא גידאכט • אודר ער זאגט איך דארף דר פר קיין עונש ניט לידן • אודר קיינור וועט פאר מיר ניט לידין • נמצא הגלקט ער זיך עס פר קיין עבירה ניט אודר פון קיין מצוה ניט • אזו איז ער אלץ אין כלל פון דעם (ארור) • אבר דר מענטש וואס טוט איין עבירה בשוגג • אודר אפילו במזיד מיט דעם

אָן רַייצוּן פוּנִים יֵצֶר הָרָע · דֶר אִיז נִיט אִין כְּלַל פוּן דֶעם חֵרֶם · דוּא מִצְוֹת פוּן דֶר תּוֹרָה וֶוענוּן זֶעקְס הוּנְדֶרְט מִיט דְרַייצוּן · דְרוּנוּן אִיז דְרַיי הוּנְדֶרְט אוּנ פוּנְף אִין זֶעכְצִיג לַאוִין וָואס מִיטָאר נִיט טָאן קוּגוּן דִי טֶעג פוּנֶם יָאר · אוּנ אוּמְלוּכוּר טָאג זָאגְט צוּם מֶענְטְשׁוּן אִיךְ בֶּעט דִיךְ טוּא אוּנ מִיר קַיין עֲבֵירָה נִיט · אוּנ וַוייטוּר זֶענוּן דְרוּנוּן צְוַויי הוּנְדֶרְט מִיט אַכְט אוּנ פֶערְצִיג מִצְוֹת עֲשֵׂה וָוס מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ טָאן קֵייגוּן דוּ אֵבָרִים פוּנֶם מֶענְטְשִׁין · אַזוּ זָאגְט אִיטְלוּכוּר אֵבֶר צוּם מֶענְטְשׁוּן אִיךְ בֶּעט דִיךְ טוּא מִיט מִיר אַמִצְוָה · אַזוּ אִיז סַךְ הַכֹּל זֶעקְס הוּנְדֶרְט מִיט דְרַייצֶעהְן :

אַטַייל מִצְוֹת זֶענִין נָאר נוֹהֵג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דְהַיְינוּ תְּרוּמָה אוּנ מַעֲשֵׂר אוּנ דוּ מִצְוֹת וָוס זֶענִין נוֹהֵג אִין בהמ״ק · דְהַיְינוּ (קָרְבָּנוֹת) אוּנ (בִּגְדֵי כְּהוּנָּה) · אַטַייל קוּמֶן נִיט צוּא אִיטְלָכוּן מֶענְטְשִׁין דְהַיְינוּ חֲלִיצָה אוֹדֶער גִיטִין · אַטַייל מִצְוֹת זֶענוּן גָאר נִיט נוֹהֵג אוּנ דוּא דוֹרוֹת דְהַיְינוּ (שְׁמִיטָה) אוּנ (יוֹבֵל) אוּנ (עֶבֶד עִבְרִי) · נָאךְ זֶענִין פַר הַאנְדוּן עֶטְלוּכוּ מִצְוֹת וָוס זֶענוּן נִיט נוֹהֵג בַּיי אוּטְלוּכוּן מַאנְזְבּוּל אוּנ אִשָּׁה · עֶס אִיז פִיל דֶר פוּן צוּ שְׁרַייבּוּן · נָאר אִיךְ וֶועל שְׁרַייבִּין דוּ מִצְוֹת וָוס זֶענוּן אַצוּנְד נוֹהֵג אוּנ אוּנְזוּרוּ הַייזוּר אוּנ קְהִילוֹת אוּנ אוּנְזוּרוּ דוֹרוֹת · אוּנ וֶועל פַאר מִיר נֶעמִין דֶעם סֵפֶר הַמּוּסָר · אוּנ וֶועל דוּ זַאכִין בְּרֶענְגוּן אוּנ צְוָואנְצִיג פְּרָקִים · אַטַייל וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגוּן פוּן סְפָרִים · אוּנ דֶם וָוס נִיצוּג אִיז וֶועל אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטוּן שְׁרַייבּוּן דֶען דֶר סֵדֶר אִיז פוּן דֶר וֶועלְט דֶם זַיי לֵייאוּנוּן נָאר פָארוּנְט אוּנ אַסְפָר אוּנ הוּנְטוּן לָאזוּן זַייא בְּלַייבּוּן דְרוּם וֶועל אִיךְ אָן הַייבּוּן שְׁרַייבּוּן הִלְכוֹת תְּפִלָּה אוּנ הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה אוּנ הִלְכוֹת צְדָקָה · וְויא עֶס שְׁטֵייט (תְּשׁוּבָה תְּפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵירָה) · דֶר נָאךְ וֶועל אִיךְ שְׁרַייבִּין אַטַייל פוּן הִלְכוֹת שַׁבָּת אוּנ פוּן הִלְכוֹת יוֹם טוֹב אוּנ פוּן הִלְכוֹת חוֹל הַמּוֹעֵד · דֶר נָאךְ הִלְכוֹת דֶרֶךְ אֶרֶץ · חָאטְשׁוּ דֶם שְׁטֵייט צוּם הוּנְטֶערְשְׁטוּן אִין סֵפֶר הַמּוּסָר · דֶען אוּנ זַיינוּ צַייטוּן אִיז מֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ גְוֶועזְן וִוי אִין אוּנְזֶרִי צַייטוּן דְרוּם אִיז גוּט עֶס זָאל שְׁטֵיין פוּן פָארוּנְט · דֶען דֶס אִיז נוֹהֵג בַּיי אִיטְלוּכוּן מֶענְטְשׁוּן וָוס וִויל אָן נֶעמִין שְׁטְרָאף · אז וְויאַ אַצוּנְד אִיז דֶר מִנְהָג · אוּנ דְרוּם וֶועל אִיךְ נִיט מַאֲרִיךְ זַיין דְרוּנוּן · דֶען דֶר וָואס קֶערְט זוּךְ נִיט צוּ שְׁטְרָאף וֶועט אִים קַיין פִיל שְׁטְרָאף אוּיךְ נִיט הֶעלְפוּן · אוּנ דֶר וָוס קֶערְט זוּךְ יוּא דֶעם אִיז גֶינוּג וִוינְצוּג שְׁטְרָאף · אוּנ אִים אִיז לַייכְט צוּא שְׁטְרָאפוּן · אוּנ אִין אִים אִיז בְּלוּיז קִיּוּם בְּרָכָה · אוּנ עֶר אִיז אַיין בֶּן עוֹלָם הַבָּא :

## הִלְכוֹת תְּפִלּוֹת פֶּרֶק שֵׁנִי

אֶת ה׳ אֱלֹהֶיךָ תִּירָא וְאוֹתוֹ תַעֲבוֹד וּבוֹ תִדְבָּק וּבִשְׁמוֹ תִּשָּׁבֵעַ) פַר גָאט זָאלְסְטוּ זוּךְ פָארְכְטוּן אוּנ זָאלְסְט אִים דוּנֶן · אוּנ אִין אִים זָאלְסְטוּ זוּךְ בַּהֶעפְטוּן וֶוען דוּ הָאסְט אוּנ דִיר דוּא אַלִי מִדּוֹת אַזוּ מֶעגְסְטוּ שְׁוֶוערִין בַּיי זַיין נָאמִין · דוּ גְמָרָא דַרְשׁוּת אַזוּ (אֶת ה׳ אֱלֹהֶיךָ תִּירָא) אִיז דָאךְ דָאס וָוארְט (אֶת) אִיבֶּרִיג דֶם קוּמְט מַרְבָּה צוּ זַיין דוּ בוּסְט זוּךְ אוּךְ מְחוּיָב צוּ פָארְכְטוּן פַר אַיין תַּלְמִיד חָכָם · (וְאוֹתוֹ תַעֲבוֹד) דֶם מֵיינְט מֶען צוּ אִים זָאלְסְטוּ דַיין תְּפִלָּה טָאן (וּבוֹ תִדְבָּק) אִין אִים זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּהֶעפְטִין · דִי גְמָרָא פְרֶעגְט וִוי אִיז דֶם מִיגְלִיךְ זִיךְ צוּ בַּהֶעפְטִין אִין גָאט · עֶר אִיז דָאךְ בְּלוּיז פַייאֶר וָוס פַר בְּרֶענְט אַנְדֶר פַייאֶר נָאר דָאס מֵיינְט מֶען דוּ זָאלְסְט זוּךְ בַּהֶעפְטִין צוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּנ זָאלְסְט זִיךְ אָפּ לֶערְנוּן זֵייעֶרִי גוּטִי וֶוענִין אַזוּ אִיז גְלַייךְ וִוי דוּ וָואלְסְט זִיךְ בַּהֶעפְט אִין הקב״ה דֶם זֶענוּן דוּ גוּטִי וֶועגִין דוּ זָאלְסְט זוּךְ פִירִין אִין זַיי · דֶם דוּא זָאלְסְט זַיין אַיין רַחֲמָן אוּנ אַגוֹמֵל חֶסֶד אוּנ צוּ שְׁפַּייזוּן דוּ גַאנְצִי וֶועלְט אוּם זוּסְט · אוּנ זָאלְסְט בַּגֶערִין תְּשׁוּבָה אוּנ זָאלְסְט מוֹחֵל זַיין דֶעם וָוס הָט דִיר דֶר וִוידֶר גִיטָאן · אוּנ זָאלְסְט מַאכִין דוּ לַייט תְּשׁוּבָה טָאן · אוּנ זָאלְסְט בַּגוּטֶעגִין דֶעם גוּטֶען מֶענְטְשִׁין סַייא דֶעם שְׁלֶעכְטִין מֶענְטְשִׁין · אוּנ דוּ אִיבֶּערוּגִי גוּטִי וֶועגִין מִיט אַלִים זָאלְסְטוּ זִיךְ אָפּ לֶערְנוּן פוּן הקב״ה אוּנ אַזוּ וִוי עֶר בַּגֶערְט מִיזָאל פַר אִים תְּפִלָּה טָאן מִיטֶן גַאנְצִין הַארְצִין אוּנ בַּגֶערְט דוּ תְּפִלָּה פוּן דוּ צַדִּיקִים · אַזוּ אוּךְ זָאלְסְטוּ פַר אִים תְּפִלָּה טָאן מִיט דַיין גַאנְצִין הַארְצִין אוּנ לַייבּ : אוּנ זָאלְסְט זַיין אַצַדִּיק · כְּדֵי עֶר זָאל גְלוּבְּטִין צוּ דַיין תְּפִלָּה · וְויא דֶר מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ נוֹהֵג זַיין פַאנֶרִין בַּאוִוינֶנְן שְׁטֵייט שׁוֹן אוּבֶּן אִין הִלְכוֹת בֵּית הַכְּנֶסֶת · דֶר כְּלַל אִיז מִיט אַלִים זָאל זִיךְ אִים דוּכְטֶן גְלַייךְ



גלייך

גלייך ווי ער גייט אודר ער שטייט פר א מלך בשר ודם · אונ איידור ער גייט אין שול אריין זאל ער זיך צו ריכטן מיט אלי זאכן גלייך וויא ער וואלט גיגאנגן פר א מלך בשר ודם · דס זייני קליידר זאלין זיין ריין ניט איין גירוכט · ניט בפעדריג · אוך זיין בארד אונ די האר פון זיין קאפ זאלין ניט זיין מיט פעדורן תאמטשו דו זאך איז ניט גלייך · דען א מלך בשר ודם היינט לעבט ער מארגין איז ער אין קבר · אבר הקב״ה לעבט דאך אייביג · נוא דארף מען זוך אים פול טויזונט מאל מיין כבוד אן טואין · דאך האבן די חכמים קיין חילוק ניט גימאכט · אונ זאגין הלואי וואלט דר גימיינר מאן תאמטשו אזו זיך גהאלטן · אבר בעו״ה איז פר האנדרן אזעלכי לייט וואס האבן פר א מלך בשר ודם מער מורא ווי פאר הקב״ה · אונ טואין אים אן מער כבוד · דרום זאל איטלוכר זייער גיוויינט זיין דאס זייני קליידור זאלין ריין זיין · אונ אויך זיין נשמה :

אונ אזו וויא איינור וויל גיין פר איין מלך בשר ודם צום משפט אונ ער ווייסט דס דר מלך איז ברוגז אויף אים אונ האט אים פר ווערט אריין צו קומין פאר אים · אזו מוז ער אים דאך פרור איבר בעטן · אזו אויך ווען איינור וויל זיך שטעלין פר גאט אונ ער ווייסט דאך דס גאט הט איין שנאה אויף אים פון וועגין זיינו זונד · דרום מוז ער פרור תשובה טאן אונ זאל ניט זאגן דם חו השי״ת ווייסט מיך ניט · דען דר וואס הט בשאפן די אוגן אונ די אויערן איז דען מוגלוך דס ער זאל ניט זעהן אונ הערן אלו זאכין פון דעם מענטשן · אויך זאלסטו ח״ו נוט מיינן דס ער האט פר געסן אודר דו דארפסט דר פר קיין עונש ניט ליידין דס איז נאך פול ערגור · דרום איז איטלוכר מחויב אכטונג צו געבין אויף זיינו קליידר אונ שוך דס עס זאל אויף זיי ניט זיין קיין אומריינוקייט · אונ אוך אזו ווי איינר גייט צום משפט פר איין מלך בשר ודם אין זיין חדר גייט ער דאך מיט מורא אונ מיט צוטרניש אן גלעכטור אונ פר געסט זיינו נארושקייט גאר ער טראכט זיינו טענות · אזו אוך זאל ער גיין אין שול אין דעם חדר פון גאט דען ווען איינור גייט אין שול אריין מיט פאטשטן אודר מיט גלעכטר הייסט עס איין קלות ראש אונ דאס איז זייער פר באטן פר אגרוסן איסור בשעת מען גייט אין שול אריין אונ בשעת דאוונן · דען ווען איינר זאל גיין מיט פאטשטן אונ גלעכטיר פר איין מלך בשר ודם אזו איז דס דאך אים קיין כבוד ניט אונ ער ווערט בשטראפט · דרום איז אין איטלוכר שול איין פאלוש דאס מען זאל זיך דארטין וואול צו גרייטן איידר מען קומט פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה דיא חכמים רופן דעם פאלוש (פרוזדור) איין פיר הוז · אזו אוך שטייט אין פרקים גרייט דיך אן אין (פרוזדור) איידר דו גייסט אין חדר פון דעם מלך מכל שכן דם דר מענטש איז זיך מחויב צו גרייטן איידר ער גייט פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה אונ וויא אזו ער זאל ריינוגן זיין גוף אונ נשמה שטייט שון אובן אין הלכות בית הכנסת :

דער מדרש פרעגט אויף דעם פסוק (שומע תפלה עדיך כל בשר יבוא כו׳) דו דער הערסט דיא תפלות פון ישראל · עס וואלט גקערט שטיין (תפלות) לשון רבים · ניט תפלה לשון יחיד · ענפרט ער ווייל כל ישראל טואן ניט זייערו תפלות אין איין צייט נאר איין קהל פר דעם אנדרין אונ ווען דס הונטרשטו קהל האבן שון גטאן זייער תפלה דא קומט איין מלאך וואס איז ממונה דרובר אונ נעמט אלו די תפלות אונ מאכט פון זיי איין קרון אויף דעם קאפ פון הקב״ה · דס איז איין תירוץ · דר אנדרר תירוץ איז א מענטש קען ניט אום הערין קיין צוויא זאכין אבר הקב״ה דער הערט אלו תפלות מיט אמאל גלייך וויא איין תפלה · דר דרוטר תירוץ איז לאמיר זעהן דער סדר איז פון איין מלך בשר ודם אז ווען עס קומט פאר אים בעטן איין ארומאן מיט מיאוסע קליידר · אזו לאזט ער אים גאר ניט אבר אז עס קומט פר אים איין עושר אודר איין שר שיין אן גקלייד לאזט ער אים באלד צו אונ בגערט צו זיין גבעט אבר הקב״ה איז ניט אזו ער נעמט אן אלו תפלות גלייך אפילו אין מיאוסי קליידר אוב עס איז נאר מיט כונת הלב אדרבה הקב״ה הט בעסר לוב די תפלה פון דעם ארומאן אזו ווי פון דעם רייכן · דען ער איז נעבוך איין עניו · אבר איין רייכור האלט זיך בגאוה אונ גאט הט דאך פיינט גאוה פון דאנן איז גדרונגן אז הקב״ה בגערט אין תפלה · אז דער פסוק זאגט (קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳) נעמט מיט אייך רייד

פון תְּפִלָּה אונ קָערְט ווידֶר צו גָאט · אונ פון וואנון איז גְדרוּנְגֶן אַז דיא תְּפִלָּה פון דָעם אָרוּמַאן וָוערְט פְרוּר אָן גנוּמוּן · אַזוֹ וויא דָר פָּסוּק זָאגְט (לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה) דָם צוּ בְּרֶאכְן אונ צווא שְׁטוּסְן הַארְץ טוּט גָאט נִיט מְבַזֶּה זַיין :

דָאס איז דָאךְ יָדוּעַ אַז אִיטְלוּכֶר פון דוּ דְרַיי אָבוֹת (אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב) איז אַיין סִימָן אוּף דוּ גָלוּתֶן פון זַייעֶרוּ קִינְדֶר · אַבְרָהָם איז גְוֶועְן אַיין סִימָן אוּף גָלוּת מִצְרַיִם · אַזוֹ וויא עֶר הָאט גְצוֹגְן קַיין מִצְרַיִם פון וֶועגִין דָעם הוּנְגֶר וָוס איז גְוֶועְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · דֶר נָאךְ הָט פַּרְעֹה גְנוּמֶן זַיין וַוייבּ אַזוֹ הָט אִים גָאט גְשְׁלָאגִין מִיט גְרוֹסִי מַכּוֹת אונ עֶר הָט זְיא גְמוּזְט ווידֶר גֶעבִּין מִיט גְרוֹס גוּטְס אונ גֶעלְט אַזוֹ אוּךְ הָאבִּין זַיינוּ קִינְדֶר גְצוֹגְן קַיין מִצְרַיִם מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ פון וֶועגוּן הוּנְגֶר דֶר נָאךְ הָט עֶר זַיי גְנוּמֶן אונ הָט גְאַרְבּוּט מִיט זַיי איז עֶר גְשְׁלָאגִין גְוָוארִין מִיט גְרוֹסִי שְׁלֶעק אונ דֶר נָאךְ זֶענוּן זַיי אוּךְ אַרוֹס גְגַאנְגֶן מִיט גְרוֹס גוּטְס אונ גֶעלְט · יִצְחָק איז גְוֶועְן אַיין סִימָן צוּ גָלוּת בָּבֶל עֶר איז אוּךְ פַר טְרוּבְּן גְוָוארִין פון אֲבִימֶלֶךְ דֶר נָאךְ איז אֲבִימֶלֶךְ ווידֶר גְקוּמֶן מִיט זַיין הוֹבְּסְט קֶנֶעכְט אונ הָט אִים אִיבֶּר גְבֶּעטִין אונ שָׁלוֹם גְמַאכְט · אַזוֹ אוּךְ אִין גָלוּת בָּבֶל זֶענוּן דוּ יִשְׂרָאֵל אוּךְ חָשׁוּב גְוֶועְן אִין דוּ אוֹגוּן פון דָעם מֶלֶךְ אונ דוּ שָׂרִים · אונ אַזוֹ וויא דָם אִיבֶּל גַיין פון יִצְחָק הָאט נִיט לַאנְג גְוֶוערְט אַזוֹ אוּךְ דֶר גָלוּת בָּבֶל הָט מַיין נִיט גְוֶוערְט נָאר זִיבְּצִיג יָאר · יַעֲקֹב איז אַסִימָן צוּ הַיינְטוּגְן שְׁוֶועְרִין בּוּטְרִין לַאנְגִין גָלוּת · אַזוֹ וויא יַעֲקֹב הָט פוּל צָרוֹת גְהַאט פוּן זַיין בְּרוּדֶר עֵשָׂו אונ פון לָבָן הָאֲרַמִּי · דֶר נָאךְ ווידֶר עֵשָׂו · דֶר נָאךְ הָט עֶר גְהַאט אַיין אוּם גְלוּק מִיט דִינָה · דֶער נָאךְ מִיט יוֹסֵף אונ שִׁמְעוֹן אונ בִּנְיָמִין · דִי אַלוּ צָרוֹת הָאט עֶר אוּם גְלוּטְן · דֶר נָאךְ איז עֶר פְרַייא אונ דֶר פְרַייאט גְוָוארִין פון אַלוּ זַיינוּ צָרוֹת · אַזוֹ אוּךְ הָאפִין מִיר דָאס מִיר וֶועלִין בַּאלְד דֶר לַייזְט וֶוערִין אונ ווידֶר דֶר פְרַייאט וֶוערִין פון אַלוּ אוּנְזֶרֶי צָרוֹת אָמֵן :

דְרַייא אָבוֹת הָאבִּין אוּנְז מְתַקֵּן גְוֶועְן דִי דְרַייא תְּפִלּוֹת קֶעגוּן דוּ דְרַייא גָלוּתֶן · אַבְרָהָם הָאט מְתַקֵּן גְוֶועְן דוּ תְּפִלָּה פון שַׁחֲרִית · אַזוֹ ווי דֶר פָּסוּק זָאגְט (וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר) אַבְרָהָם הָט זִיךְ גְפֶעדֶרְט גַאנְץ פְרִיא אונ הָט גְדַאווינְט תְּפִלַּת שַׁחֲרִית · (מִנְחָה) הָט מְתַקֵּן גְוֶועְן יִצְחָק אַזוֹ וויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב) יִצְחָק איז אַרוֹס גְיגַאנְגוּן תְּפִלָּה טָאן אִין פֶעלְד פַאר נַאכְט : דָם איז תְּפִלַּת מִנְחָה · יַעֲקֹב הָאט מְתַקֵּן גְוֶועְן תְּפִלַּת עַרְבִית · אַז וויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ) עֶר הָאט תְּפִלָּה גִיטָאן אוּף דָעם אוֹרְט אונ הָאט דָארְטוּן גִינֶעכְטִיגְט וַוייל דוּ זוּן איז שׁוֹן גִיהַאט הוּנְטֶר גִיגַאנְגוּן דָם איז תְּפִלַּת עַרְבִית · קֶעגוּן דָעם גָלוּת מִצְרַיִם וָוס הָט גִיוֶוערְט פוּר הוּנְדֶרְט יָאר · איז דוּא תְּפִלַּת שַׁחֲרִית פִיר שָׁעָה אוּפוּן טָאג · אַזוֹ וויא אִיךְ וָועל דָא בְּעֶסִיר בַּשֵׁיידוּן · מִנְחָה איז דיא צַייט זִיבְּן שָׁעָה אוּפוּן טָאג · קֶעגוּן דָעם גָלוּת בָּבֶל וָוס הָאט גְוֶוערְט זִיבְּצִיג יָאר · אונ אַזוֹ וויא דֶערְצֶמַאלְט אַז מֶען הָט אָן גִיהוֹבּוּן צוּ בּוֹאוּן דָעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען אִים נִיט גִיטָארְט עֶס קֶענְטְשִׁין בִּיז נָאךְ צְווַייא אונ צְוַואנְצִיג יָאר · אַזוֹ אוּךְ איז דוּ צַייט פון מִנְחָה צְווייא אונ צְוַואנְצִיג שָׁעָה אוּפוּן מְעַת לְעֵת דָם הַייסְט צְוַייא שָׁעָה פַאר נַאכְט : אונ אַזוֹ וויא דֶער הַיינְטִיגֶר גָלוּת איז זַייעֶר לַאנְג · אַזוֹ איז אוּךְ דָא צַייט פון מַעֲרִיב אַנְאנְצוּ נַאכְט : דֶען דָם גָלוּת איז גִיגְלַייכוּן צוּ דֶער נַאכְט :

אונ אַזוֹ אוּךְ דָם אַנְדֶרוּ אוֹת פון (אַבְרָהָם) איז דוּא (ב) דָאס מַאכְט (בּוֹקֶר) . דוּא פְרוּא תְּפִלָּה : דָם אַנְדֶרוּ אוֹת פון יִצְחָק איז דוּ (צ) דָם מַאכְט (צָהֳרַיִם) נָאךְ מִיטָאג תְּפִלָּה : דָם אַנְדֶרוּ אוֹת פון יַעֲקֹב איז דוּא (ע) דָם מַאכְט עַרְבִית : דָם איז תְּפִלַּת מַעֲרִיב . דֶער נָאךְ הָאבּוּן זַייעֶרוּ קִינְדֶר גְהַאלְטוּן דוּא תְּפִלּוֹת אִין מִצְרַיִם . אונ אִין דֶר מִדְבָּר אונ דֶר נָאךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל : אָבֶּר דֶער נָאךְ אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז גִיבּוֹיאַט גְוָוארוּן הָאבּוּן זַייא נָאךְ מוּסִיף גְוֶועְן מִתְפַּלֵּל צוּא זַיין אַז דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אונ דָם (מַלְכוּת בֵּית דָּוִד) זָאלוּן אַקִיוּם הָאבּוּן : אַזוֹ אוּךְ אַצוּנְד טוּן מִיר אוֹיךְ אַזוֹ תְּפִלָּה דָם דֶר בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל גָעךְ גְבּוֹיאַט וֶוערוּן אונ מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד זָאל קוּמֶן בִּבִיאָ . נִמְצָא זֶענוּן דוּא תְּפִלּוֹת פון אַייבּוּג אָן . נָאךְ גָלוּת בָּבֶל איז אוּף גִיגַאנְגוּן עֶזְרָא מִיט וַויינִיג לַייט מִיט פֶערְצִיג טוֹזוּנְט . אונ הָאבִּן דָם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ ווידֶר גְבּוֹיאַט אִין אַייטֶל אונ צִיטֶרְנִישׁ פַאר דוּא שׂוֹנְאִים וָואס הָאבּוּן זַייא גִיט

גילאזט בזאון דענצמאלט זענן זיך צום אוף גיגאנגן דוא (אנשי כנסת הגדולה) הונדרט אונ צוואנציג זקנים · אונ צווישן זייא (חגי זכריה ומלאכי) · אונ מרדכי וום שטייט אין דר מגילה זייא האבן ערשט רעכט מתקן גוועזן דו תפלות וואס מיר האבן אונ האבן גיציילט די אותיות אונ ווערטורי דאס עס זאל ניט זיין קיין אובריג אות אונ אוך ווינציגר איין אות · אונ האבן עס גימאכט קעגן פסוקים · אונ האבן דרונן גימאכט גרוסו סודות אונ כוונות וום איז ניט צוא דער שרייבן אונ האבן וואול אום גיטראכט דו צאל פון דו ווערטור פון איטלוכר ברכה אונ דם איין ברכה הענגט אין דער אנדרר · דוא ערשטו אונ דו אונטרשטו דרייא ברכות זענן קעגן דו דרייא אבות אברהם יצחק ויעקב · דוא מוטלסטו ברכות קעגן דוא צוועלוף שבטים נאר איין ברכה האט מען מתקן גיוועזן אין דער ישיבה פון (יבנה) קעגן דוא (מינים) אונ אנדרו שלעכטו לייט · זוא איז קעגן דעם דרייצענטן שבט · דען יוסף הצדיק איז גירעכונט פאר צווייא שבטים (אפרים ומנשה) אזו איז סך הכל אין שמונה עשרה נייצעהן ברכות · דוא ערשטו דרייא ברכות זענן גלייך אז וויא איינר וום קומט פאר איין מלך גוט ער אום אפ צום ערשטן איין גוט מארגן אודר אנאנדר ברכה · דו מוטלסטו זענן גלייך אז וויא איינר בגערט עפוס פונם מלך · דוא אונטרשטו דרייא ברכות זענן איטל לוב אונ דאנק גלייך אזו ווי איינר דאנקט דעם מלך אוף דעם וום ער הט אים גיטאן זיך בגער דער נאך גייט מען אום (עושה שלום) דרייא טרוט אונטר זוך · גלייך אז וויא איינר גייט אוועק פונם מלך אזו קערט ער זיך דאך נוט אום צו אום מוטען רוקען אונ זאל בלייבן שטיין איין ווילו אוף דעם אורט וום איז אהין אום גיגאנגן וועדלוג מען קען גיין פור איילון · גלייך אז ווי איינר ווארט אוף איין ענטפערנאונ רשות פונם מלך · אונ דר וום גייט באלד צריק אוף זיין אורט גלייכון אום דוא חכמים צו איין הונט וום האט זיך בגייקעט · אונ עסט ווידר זיין מייקעכץ · אונ צום בעסטן איז ער זאל בלייבן שטיין ביז דער חזן הייבט אן דוא הוכי שמונה עשרה · אודר ביז קדושה · נמצא אז דוא דרייא תפלות זענן גימאכט גווארן קעגן דוא דרייא אבות · אונ קענגן דוא דרייא גלותון גלות מצרים אונ גלות בבל אונ היינטוגר בוטרר גלות אדום · אונ אזו וויא מיר זענן דער לייזט גיווארן פון יענו צווייא גלותון אזו האפן מיר אוך אז מיר וועלן גיך אונ באלד דער לייזט ווערון פון דעם בוטרן גלות אמן :

אוך זענן דוא תפלות גימאכט גיווארן קעגן דוא קרבנות וום אונזרו עלטרון פלעגון ברענגון אין בית המקדש (תפלת שחרית) איז קעגן דעם (תמיד של שחר) דאם קרבן וואס מיהאט גיבראכט גאנץ פרוא · (תפלת מנחה) · איז קעגן דעם קרבן וואס מען האט גיבראכט צו מנחה · (תפלת ערבית) איז קעגן דוא קרבנות וום האבון גיברענט אגאנצו נאכט אופן מזבח · אז דער בית המקדש איז גישטאנון ווען איינר האט איין עבירה גיטאן · אזו האט ער גבראכט איין קרבן (חטאת) אודר איין (אשם) אודר איין עולה) · אודר איין שלמים · וועדלוג זיין עבירה איז גוועזן · אונ האט גיזאגט צום כהן דאס ברענג איך פאר איין (חטאת) אודר (אשם) אזו האט ער אים שון ניט גידארפט זאגון וואס זיין עבירה איז · בייארט ער האט זיא מתודה גוועזן שטולך הייד קיינור זאל אום נוט הערון · דרום איז דם אוך גוועזן איינס פון דוא צעהן ניסים וואס זענון גיוועזן אין בית המקדש · דם האטשו זייא זענן דאך גישטאנון הענג אבר אז זייא האבון זיך גיבוקט אונ מתודה גיוועזן זייערו עבירות זענן זייא גוועזן ווייט פיר איילן איינר פון דעם אנדרון · דם איינר זאל ניט הערון דוא ווידוי אונ תשובה פון זיין חבר אונ הקב״ה האט אים מוחל גיוועזן · אבר אצונד מיר אביונים האבון מיר ניט קיין בית המקדש אונ ניט קיין כהן · אונ אוך ניט קיין קרבן מיט וואס ווערון פאר גובין אונזרו עבירות :

דרום זאגט דער נביא איך בגער ניט אייערו קרבנות נאר איר זאלט זיין פרום אין נידרוג גימוט אז דר פסוק זאגט (זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה) די קרבנות פון נאט איז דיא צו ברעכונג גימיט · דאס צו ברעכין אונ צו שטוסן הארץ טוט נאט ניט פר שעמן · אוך זאגט דר פסוק (קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳) נעמט מיט אייך רייד פון תפלה אונ קערט ווידר צו נאט :

נון וֶוען דִיא תְּפִלָּה אִיז יוֹא אוֹף דֶעם אוֹרְט פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת דְרוּם וָוען אַיין מֶענְטְשׁ טוּט זַיין תְּפִלָּה
פַאר הקב״ה מִיט גַאנְצִין הַארְצוּן אוּנ לַייבּ אוּנ זָאגְט ווִידוּי אוּנ הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינוּ בֵּייזוּ מַעֲשִׂים אוּנ טְרַאכְט אִין זַיין הַארְצִן דָאס עֶר זָאל קֵיין מָאל נִיט טוּאָן אַזְעלְכִי בֵּייזוּ מַעֲשִׂים · אַזוֹ דר הֶערְט גָאט זַיין תְּפִלָּה אוּנ אִיז אִים מוֹחֵל אַלִי דִיא עֲבֵירוֹת וָוס זֶענֶן צְווִישְׁן גָאט אוּנ צְווִישְׁן דֶעם זָעלבִּיגִין מֶענְטְשְׁן אָבֶּר דִי עֲבֵירוֹת וָוס זֶענוּן צְווִישְׁן אִים אוּנ זַיין חַבֵר אִיז אִים הקב״ה נִיט מוֹחֵל בִּיז עֶר מוּז אִיבֶּר בֶּעטוּן זַיין חָבֵר אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט דֶער נָבִיא זָאגְט פוּן גָאטְס וֶועגוּן (שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים אֶרְפָּא מְשׁוּבוֹתֵיכֶם) טוּט תְּשׁוּבָה אִיר ווִילְדוּ קִינְדֶר · דָאס מֵיינְט מֶען זִינְדִיגוּ לַייט אַזוֹ וֶועל אִיךְ אַייךְ הַיילוּן פוּן אַייעֶר ווִילְדִקַייט דָס אִיךְ וָועל אַייךְ מוֹחֵל זַיין אַייעֶרוּ זִינְד · אוּנ וָוען אַייעֶר ווֵיינְט בְּשַׁעַת דַאוִוינֶן אוֹף זַיינוּ זִינְד דָס דְרוּבֶּר קֶען נִיט גִיבּוֹיאֶט וֶוערוּן דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ · אוּנ אוּבֶּר דוּא זִינְד פוּן זַיינוּ עֶלְטֶרוּן וָוס דְרוּבֶּר אִין דֶר בּיהמ״ק חָרוּב גִיוָוארוּן · אַזוֹ אִיז עֶס בַּאלְד אָן גִינוּמֶן פַאר הקב״ה · דֶען הקב״ה אִיז אַיין רַחֲמָן אוּנ דֶר בַּארוּמְט זִיךְ אוּבֶּר אוּם דֶען דֶער זָעלְבּוּגֶר מֶענְטְשׁ הָאט בְּוַודַאי חֲרָטָה אוּנ גֶעמְט אוֹף זִיךְ נִיט צוּ טָאן קֵיין מָאל קֵיין עֲבֵירָה · אוֹךְ דָעסְט גְלַייכְן זָאגְט דֶער פָּסוּק (קִרְעוּ לְבַבְכֶם וְאַל בִּגְדֵיכֶם) דָס מֵיינְט מֶען צוּ רַייסְט אַייעֶרוּ הֶערְצוּר דוּרךְ תְּשׁוּבָה · אַזוֹ וֶועלְן ח״ו נִיט שְׁטַארְבּוּן אַייעֶרוּ קִינְדֶר אוּבֶּר אַייעֶרוּ זִינְד · אוּנ אִיר וֶועט נִיט דַארְפוּן צוּ רַייסוּן אוּבֶּר זַייא אַייעֶרוּ קְלַיידֶר · אוֹךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק (שׁוּבוּ עָדַי נְאוּם ה׳ בְּצוֹם וּבִבְכִי כו׳) קֶערְט ווִידֶר צוּ מִיר מִיט פַאסְטוּן אוּנ גִיוַויין · אַזוֹ וֶועט דֶער הֶערְט וֶוערוּן אַייעֶר תְּפִלָּה נָאךְ אַיין פֵּירוּשׁ אִיז אוֹף דֶעם פָּסוּק (קִרְעוּ לְבַבְכֶם כו׳) צוּ רַייסְט אַייעֶרוּ הֶערְצוּר דָס אִיר זָאלְט נִיט זַיין בַּעֲלֵי גַאֲוָה · נַייאֶרְט עֲנָוִים · דֶען הקב״ה הָאט פַיינְט דוּא תְּפִלָּה פוּן דוּא הָאפִירְדִיגוּ לַייט · אַזוֹ וִויא מִיר גִיפִינֶן דוּא חֲכָמִים הָאבּוּן אַמָאל גוֹזֵר תַּעֲנִית גִיוֶוען אוֹף רֶעגוּן אוּנ הָאבּוּן דוּא תַּעֲנִיתִים גִיהַאלְטוּן מִיט אַלוּ זַאכוּן גְלַייךְ ווִיא יוֹם כִּיפּוּר הָט זִיךְ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גִישְׁטֶעלְט פַארוּן עַמוּד אוּנ הָאט גִידַאווִינְט פוּר אוּנ צְוָואנְצִיג בְּרָכוֹת אִין זַיין תְּפִלָּה אִיז נִיט דֶר הֶערְט גִיוָוארוּן · דָא הָט זִיךְ רַבִּי עֲקִיבָא גִישְׁטֶעלְט פַארוּן עָמוּד אוּנ הָאט תְּפִלָּה גִטָאן · אוּנ הָאט גִיזָאגְט (אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָטָאנוּ לְפָנֶיךָ) · אַזוֹ אִיז בַּאלְד גִיקוּמֶן אַיין גוּטֶר רֶעגוּן · אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגוּן אַיין בַּת קוֹל פוּנֶם הוּמֶל אוּנ הָאט גִיזָאגְט אִיר זָאלְט נִיט מֵיינוּן אַז רַבִּי עֲקִיבָא אִיז פְרוּמֶר פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר · נַייאֶרְט ווַייל דֶער אִיז אַיין עָנָיו דְרוּם אִיז זַיין תְּפִלָּה דֶער הֶערְט גִיוָוארוּן · אָבֶּר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אִין אַיין בַּעַל גַאֲוָה אוּנ הָט נִיט אִיטְלוּכֶן מוֹחֵל גִיוֶוען · דֶער נָאךְ זָאגְט וַוייטֶר דוּא גְמָרָא עֶס אִיז נָאךְ אַמָאל קֵיין רֶעגְנוּן נִיט גִיוֶוען · הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גוֹזֵר גִיוֶוען דְרַייצֶען תַּעֲנִיתִים · אוּנ עֶס אִיז נִיט גִיקוּמֶן קֵיין רֶעגְנוּן · צוּם הִינְטֶערְשְׁטוּן הָאט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גִיזָאגְט צוּ דוּא יִשְׂרָאֵל גֵייט אוּנ גְרָאבְּט אַייךְ אִיטְלוּכֶר אַיין קֶבֶר אוּנ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין דְרוּנֶן אֵיידֶר אִיר זָאלְט שְׁטַארְבּוּן פַאר הוּנְגֶר · אַזוֹ הָאבּוּן כָּל יִשְׂרָאֵל אָן גִיהוּבּוּן צוּ ווַיינוּן אוּנ הָאבּוּן תְּפִלָּה גִיטָאן אִיז בַּאלְד גִיקוּמֶן אַיין רֶעגוּן · נוּא זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דֶער וָואס מַאכְט זִיךְ הוּנְטֶר טֶענוּג קֶענוּן הקב״ה · אוּנ טוּט תְּפִלָּה מִיט גִיוַויין · אַזוֹ וֶוערְט
זוּא בַּאלְד אָן גִינוּמֶן :

אוֹךְ הָאבּוּן גִיזָאגְט דוּא חֲכָמִים ז״ל דֶער וָואס טוּט תְּפִלָּה אִין דֶר צַייט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּא דֶר
וֶועלְט אוּנ צוּ יֶיענֶער וֶועלְט · אַזוֹ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְהַלְלוּ ה׳ דוֹרְשָׁיו יְחִי לְבַבְכֶם לָעַד) דיז וָוס לוֹבּן גָאט אוֹף דֶער וֶועלְט וֶועלְן לֶעבּוּן אֵייבִּיג אוֹף יֶיענֶער וֶועלְט · אוּנ פוּן וֶועגוּן דֶעם זְכוּת פוּן תְּפִלָּה וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ בַּהוּט פַאר אַיין מִיתָה מְשׁוּנָה · אוּנ זַיינוּ קִינְדֶר וֶוערוּן בַּהוּט פַאר יְסוּרִים אוּנ פַאר חַיּוֹת רָעוֹת · דֶער (סֵפֶר הַמּוּסָר) בְּרֶענְגְט דְרוּף פוּל מֶענְטְשׁוּן זֶענוּן זַייעֶרוּ קִינְדֶר בַּשׁוּרְמְט גִיוָוארוּן פוּן יְסוּרִים פוּן וֶועגִין דֶעם זְכוּת פוּן תְּפִלָּה · אִיךְ ווִיל נִיט מַאֲרִיךְ זַיין דְרוּנֶן · דֶר וָוס טוּט תְּפִלָּה אִין שׁוּל מִיט דֶעם קָהָל וֶוערְט זַיין תְּפִלָּה פוּל פְרוּר אָן גִינוּמֶן פוּן דֶעם וָואס טוּט תְּפִלָּה בִּיחִידוּת · אַז וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (הֵן אֵל כַּבִּיר לֹא יִמְאָס) כו׳ גָאט פַר שֶׁעמְט נִיט
די תְּפִלָּה פוּן פוּל לַייט · דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר תְּפִלָּה טוּאָן בְּקָהָל :

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ זָאגְט דֶער וָוס הָט אַיין שׁוּל אִין שְׁטָאט אוּנ גֵייט נִיט אִין אִיר דַאוִוינֶן וֶוערְט
ער

ער גרופן איין שבן רע · אונ מאכט דס זיינו קונדר ווערן פר טרובן · אזו וויא דר פסוק זאגט (כה אמר ה' על כל שכני הרעים הנני נותשם מעל אדמתם) דר נביא זאגט אזוא זאגט גאט ווייא גשרוגן אוף מיינו שלעכטו שכנים וואס קומן ניט תפלה טאן אין גאטס הויז · נון איך וועל זייא פר שטוסן פון זייער לאנד · (רב) זאגט ווער עס גייט אלו טאג אין שול אריין · אונ איין מאל גייט ער ניט פרעגט גאט אוף אים וואָרום איז דער (פלוני) ניט גקומן אין שול אריין זאגט הקב"ה איז ער אנדורש ניט גקומן אובר איין מצוה (נוגה לו) זאל אים די מצוה לייכטן לעולם הבא איז ער אבר ניט גקומן אובר זיין האנדול · אזו ווערט פונצטרט זיין ווען כלומר ער ווערט גשטראפט ווארום ער הט זיך ניט פר זורגט אין גאט · דס ער קען אים וואל ממלא זיין דעם היזק וואס ער וואלט פאר וומט · רבי יוחנן זאגט פון רבי יצחק ווענגן ווען דיא ישראל דאווינן אין זייער שול אונ בית המדרש רואט די שכינה אוף דרונן:

אויך זאגט רב הונא פון רבי יצחק ווענגן די שכינה רואט אין די שולן אונ בתי מדרשות אזו וויא דער פסוק זאגט (ואהי להם למקדש מעט כו') אונ איך וועל זיין צו ישראל אין גלות אין זייערו שולן צו איין קליין בית המקדש · אזו ווי די שכינה האט גרואט אין גרוסן בית המקדש אזו רואט זיא אוך אין אונזרו שולן · דס הייסט דס קליין בית המקדש · נוא איז פון דאנן גדרונגן אז די שכינה רואט אין אונזרו שולן · דער פסוק זאגט (הקול קול יעקב והידים ידי עשו) דס דרשת דיא גמרא ווען עס ווערט גהערט דס קול פון יעקב אין די שולן אונ בתי מדרשות דס די ישראל דאווינן אונ לערנן דרונן · אזו קען זיי קיינר קיין שלעכטן ניט טאן · אונ אוב ניט האבן ח"ו די אומות כח זייא שלעכטן צו טאן אונ ווען ישראל זאמלן זיך איין אין זייער שולן אונ לערנן אונ דאווינן מיט כוונת (לשם שמים) · אזו גדענקט הקב"ה אין דעם חורבן פונם בית המקדש · אונ דס ישראל זענון פר שפרייט צווישן די אומות · אונ איז זיך מצער דרובר אונ דר בארומט זיך אובר זיי · אזו ווי דר גמרא זאגט דס אמאל איז רבי יוסי בן קסמא אריין גיגאנגן אין איין חורבה תפלה צו טאן · איז (אליהו הנביא) גקומן אונ הט גוואַרט אוף דר טור ביז ער איז ארוס גגאנגן הט ער גזאגט צו אים (שלום עליך רבי ומורי) האט (אליהו הנביא) אים גפרעגט מיין זון ווס האסטו גהערט אין דיין תפלה · האט ער אים גענפרט איך האב גיהערט איין בת קול וואס האט גיברומט וויא איין טויב · אונ הט אזו גיזאגט ווייא דס איך האב פר וויסט מיין הויז אונ האב פר ברענט מיין בית המקדש · ווייא דס איך האב פר טרובן מיינו קונדר צווישן דוא פעלקור · האט (אליהו הנביא) צו אים גיזאגט מיין זון איך שווער ביא מיין קאפ אונ ביא מיין אייבוג לעבן דאס ניט אצונד אליין האט הקב"ה גילאזט אוס גיין איין קול · נאר אלו טאג ווען דוא ישראל גייאן אין זייערו שולן אונ זאגן (אמן יהא שמיה רבא וגו') מיט גרוס כוונה · אזו שאקילט הקב"ה מיט זיין קאפ אונ זאגט וואול צוא דעם מלך דאס מען לובט אים אזו אין זיין הויז אונ ווייא צו דעם פאטור דאס זיינו קונדר זענון פאר טרייבון · אונ ווייא צו דוא קונדר דס זייא זענון פאר טרובן גיווארון פונם פאטרס טיש · נון דער וואס גייט אלו פרוא אונ אבונט אין שול אריין תפלה צו טאן · דער לעבט לאנג:

אויך זאגט דוא גמרא רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט צו זיינו תלמידים פעדרט אייך אונ שפעטונג אייך אין שול · כלומר איר זאלט גייאן אין שול אריין אין דער פרוא אונ פאר נאכט כדי איר זאלט מאריך ימים זיין · רבי אחא בר חנינא ברענגט דרויף אפסוק · עס שטייט (אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום לשמור מזוזות פתחי) · וואול דעם מענטשן וואס הערט מיך צו · צוא קלאפן אוף מיינו טורן אלו טאג · צו היטן דוא מזוזות פון מיינו טורן · שטייט ווייטר (כי מוצאי מצא חיים ויפק רצון מה') דען דער וואס גיפונט מיך טוט גיפונן לעבון אונ צוהט אום איין ווילון פון גאט · פון דוא פסוקים איז גידרונגן אז ווער עס פעדרט זיך פרוא אונ פאר נאכט אין שול אריין איידר דער חזן הייבט אן דאווינון · דער לעבט לאנג (אבא בנימין) זאגט קיין שום תפלה איז ניט אזו אן גינומן אז וויא די תפלה פון קהל אין שול אזו וויא דער פסוק זאגט (לשמוע אל הרנה ואל התפלה) אוף דעם אורט וויא מען פלעגט לובן מיט גיזאנג · דאס מיינט מען אין שול דארט איז אן

גינומן דוא תְּפִלָּה (רָבִין בַּר אַדָּא) זָאגְט פוּן וֶועגֶן (רַבִּי יִצְחָק) פוּן וַואנֶען אִיז גִידְרוּנְגֶען דָם הקב״ה אִין גִיוַוינְטְלוּךְ אִין שׁוּל · עֶס שְׁטֵייט אַפָּסוּק (אֱלֹהִים נִצָּב בַּעֲדַת אֵל) הקב״ה שְׁטֵייט כְּלוֹמַר זַיין שְׁכִינָה רוּאַט צְוִוישֶׁן דֶר עֵדָה וָוס זַאמְלוּן זִיךְ אֵיין תְּפִלָּה טָאן צוּ גָאט · נוּא זֶעהְן מִיר דָאךְ וואול דָם הקב״ה לָאזְט רוּאָן זַיין שְׁכִינָה אוּנ אוּנְזָרוּ שׁוּלֶן נוּן אוּר לוּבּוּ לַייט וִוי זָאל דָם מֶענְטְשִׁין קֵיין מוֹרָא נִיט אָן הַאפּוּן אַז עֶר גֵייט אִין שׁוּל אַרַיין · לָאז זִיךְ אוּם דוּכְטֶן עֶר גֵייט פַאר אֵיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם אוֹדֶר פַאר אֵיין שַׂר · אוֹדֶר פַאר אֵיין שׁוֹפֵט · אוֹדֶר אֲפִילוּ פַאר אֵיין פָּרִיץ אוּף אֵיין עֵצָה · אוֹדֶר פַאר אֵיין שְׁרַייבֶּר · הַלְוַאי וָואלְט עֶר גִינַאנְגוּן אִין שׁוּל אַרַיין חָאטְשׁוּ מִיט הֶעלְפְט מוֹרָא דֶער פוּן אַזוּ · וָואלְט עֶר בְּוַודַאי נִיט גִינַאנְגוּן מִיט (קַלּוּת רֹאשׁ) אוּנ מִיט פַּאטְשְׁטוּן אוּנ גְלֶעכְטֶער · אוּנ וָואלְט זִיךְ בְּוַודַאי פְרוּר צוּ גִיגְרַייט אִין פָּאלִישׁ · גְלַייךְ וַויא אֵיינֶר גְרַייט זִיךְ צוּ אֵיידֶר עֶר קוּמְט פַאר אַמֶּלֶךְ בָּשָׂר וָדָם· דְרוּם זָאל אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶערוּן מַזְהִיר זַיין אוּנ דֶער מַאנִין דְרוּף · דָאס עֶר זָאל גֵיין אִין גָאטְס הוּז אַרַיין מִיט גְרוֹיס מוֹרָא · דָא ווֶעל אִיךְ אֵייךְ שְׁרַייבּוּן אַזוּ אֵיין זַאךְ וָוס אַבִיסוּל דֶער פוּן שְׁטֵייט שׁוּן אוֹבוּן·

נָאר וַוייל דֶער (סֵפֶר הַמּוּסָר) שְׁרַייבְּט עֶס: דְרוּם מוּז אִיךְ עֶס נָאךְ אַמָאל אוֹבֶּר חַזְרוּן:

ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ וַואכְט אוּף פוּן זַיין שְׁלָאף אִיז עֶר מְחוּיָּב צוּ לוֹבּוּן אוּנ צוּ דַאנְקִין הש״י דָם עֶר הָאט ווידֶר גְגֶעבּוּן זַיין נְשָׁמָה · דָם עֶר אִיז נִיט טוֹט גִיבְּלוּבְּן אִין שְׁלָאף · אוּנ הש״י הָאט זִיא אִים נָאךְ בֶּעסוּר אָפּ גְגֶעבּוּן אֵיידֶר וַויא פְרוּר בְּשַׁעַת עֶר הָאט זִיא גִיגֶעבּוּן בַּהַאלְטוּן · דֶען פְרוּר אִיז זִיא גִיוֶוען מִיד אוּנ אוּם גִיאַרְבִּיט · אַצוּנְד בַּקוּמְט עֶר זִיא אוּם גִירוּאַט · דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר מֶענְטְשׁ גִידֶענְקוּן אִין דֶעם חֶסֶד וָוס הש״י טוּט · אַזוּ וֶועט אִים בַּאלְד אָן פַאלוּן אֵיין פַּחַד אוּנ מוֹרָא · אוּנ זָאל בַּאלְד אַרוּס שְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין בֶּעט · גְלַייךְ אַז וַויא אֵיינֶר וָואס הָאט עֶפִּיס אֵיין מִשְׁפָּט פַאר אֵיין מֶלֶךְ אוֹדֶר פַאר אֵיין שַׂר · אַזוּ וֶועט עֶר דָאךְ בְּוַודַאי נִיט פַאר שְׁלָאפוּן · אוּנ וֶועט גִישְׁווינְד אוּף שְׁטֵיין פוּן זַיין בֶּעט מכ״ש פַר דָם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה· אוּנ עֶר זָאל זִיפְצֶן אוּנ זַיין בַּזָארְגְט · אוּנ זָאל זִיךְ בַּדֶענְקוּן וַויא קֶען אִיךְ פַאר גֶעסוּן דֶעם גְרוֹסוּן חֶסֶד וָואס הקב״ה הָאט מִיר גִיטָאן · ווֶען אִיךְ זָאלְט אֲפִילוּ לֶעבּוּן צְוַוייא מָאל צְוַוייא טוֹזוּנְט יָאר · אוּנ זָאל טָאג אוּנ נַאכְט מֶע״ נִיט טָאן נָאר לוֹבְּן אוּנ דַאנְקוּן הקב״ה אוּף דִיא גְרוֹסוּ גִינָאד וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר אַלֵיין גְטָאן · אִיז דָאךְ אוּךְ נִיט גִינוּג · מכ״ש דוּא גְרוֹסוּ חֲסָדִים אוּנ נִיסִים וָוס עֶר הָאט גִיטָאן מִיט אוּנְזָרוּ עֶלְטְרוּן · דֶען עֶס אִיז דָאךְ אוּם מוּגְלוּךְ צוּ דֶער צֵיילְן · זַיינוּ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת · ווֶען עֶר וֶועט זִיךְ אַזוּ בַּדֶענְקוּן וֶועט אוּם בְּוַודַאי אֵיין מוֹרָא אָן חַאפּוּן:

אוּנ ווֶען דֶר יֵצֶר הָרָע וֶועט דִיךְ אָן רֵייצוּן עֶס אִיז נָאךְ פְרוּא אוּף צוּ שְׁטֵיין · דוּא וֶועסְט נָאךְ בַּצַייטְן קוּמֶן אִין שׁוּל אַרַיין גָאט יִתְבָּרַךְ · אוֹדֶר עֶר וֶועט דוּר זָאגוּן דוּא קֶעלְט אִיז זֵייעֶר גְרוֹס · אוֹדֶר אוּם זִימֶר וֶועט עֶר דִיר זָאגוּן דוּא נַאכְט אִיז נָאר קְלֵיין עֶס אִיז נָאךְ צַייט צוּא שְׁלָאפוּן · אַז וַויא דֶער סֵדֶר אִיז פוּנֵם יֵצֶר הָרָע: דָאס עֶר קֶען פַאר פוּרֶן דֶעם מֶענְטְשׁוּן מִיט טַעֲנוֹת · דָא זָאל עֶר דֶעם יֵצֶר הָרָע אַקֶעגוּן גֵיין אוּנ זָאל אִים עֶנְטְפֶערוּן אִין זַיינוּ גִידַאנְקוּן גֵייא אַוֶועק דוּא יֵצֶר הָרָע ווֶען עֶס זָאל מִיךְ רוּפֶן אֵיין מֶלֶךְ אוֹדֶר אֵיין שַׂר עֶפִּיס צוּ פַאר דוּנֶן וָואלְט אִיךְ דָאךְ בְּוַודַאי גִישְׁווינְד אוּף גִישְׁטַאנוּן פוּן מַיין בֶּעט מִיט גְרוֹס לוּסְט · מכ״ש תְּפִלָּה צוּ טוּן פַר דָם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה· דָם אִיז דָאךְ אַגְרוֹס פַאר דוּנְסְט · אוּנ אוֹב נִיט אִיז עֶס אֵיין גְרוֹס אָן וֶוערוּנְג · דֶען דָאס רוּרְט אָן אִין זַיין לַייב אוּנ גוּטְס · אִין דֶער נְשָׁמָה · אוּנ אִין דֶער וֶועלְט אוּנ יֶענוּר וֶועלְט · אוּנ ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בַּדֶענְקוּן אִין דִיא גִינָאד אוּנ בַּארוּמְהַרְצִוּקֵייט אוּנ נִיסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס הקב״ה טוּט מִיט אוּם אַלוּ שָׁעָה אוּנ אַלוּ רֶגַע וָואס עֶר זָעלְבְּסְט ווַייסְט גָאר דֶער פוּן נִיט אוּנ דָם עֶר הָאט אִים גִישְׁפַּייזְט פוּן זַיין יוּגֶענְט בִּיז אַצוּנְד · אוּנ הָאט אִים בַּשִׁירוּמְט פַאר אַלוּ בֵּייזוּ בַּגֶעגִינוּשׁ אוּנ פַאר אַלוּ בֵּייזוּ צוּא קוּמֶנִישׁ ר״ל · אוּנ זָאל אוּךְ גִידֶענְקוּן אִין זַיינוּ פוּל חֲטָאִים נוּא וַויא וָואלְט עֶר גִיזָאגְט אֵיין לוּגוּן אוּנ זָאל נִיט אוּף שְׁטֵיין צוּ לוֹבּוּן דֶעם הֶערוּן וָוס הָאט אִים אַזוּ פוּל גוּטְס גִיטָאן אוּנ טוּט אִים נָאךְ הַיינְט אוּךְ · דְרוּם הֵייבְּט אָן דֶער (אוֹרַח חַיִּים) אוּנ זָאגְט אַזוּ (רַבִּי יְהוּדָא בֶּן תֵּימָא) זָאגְט זַייא אַזוּ שְׁטַארְק וַויא אֵיין לֶעמְפֶּרְט · אוּנ אַזוּ גְרִינְג וַויא אֵיין אָדְלֶיר אוּנ אַזוּ שְׁטַארְק וַויא

איין לייב · אונ אזו גשווינד וויא איין הירש · צו טאן דאס ווילן פון השי"ת עי האט דרום גיזאגט רז פיר ארליא דען דרוגן הענגט אלו דוא מעשים פונם מענטשין ער הייבט אן זייא אזו שטארק וויא אלעמפרט · אז וויא דר לעמפרט איז איין עזות פנים · דאס אז ער פר צוקט א בהמה העסט ער זיא בפרהסיא פר אלי לייט · אונ שייאט זיך ניט פר קיינום · אזו זאלסטו זיך אוך ניט שייאן פר דיא שפעטורס ווען דו האסט גטאן עפוס גוטץ · אודר דו ווילסט טאן עפוס גוטץ · אונ טוא דס ווילן פון השי"ת · דר נאך זאגט ער זיי אזו גרונג אז ווי איין אדליר · דס ער פלוהט גאר גשווינד אזו זאלסטו אוך זיין גשווינד אין גאטס דונסט · אונ זאלסט ניט פאלגן דעם יצר הרע · אז וויא אובן שטייט · דר נאה זאגט ער זיי אזו גשווינד וויא א הירש דס מיינט מען דו זאלסט גשווינד לופן צו איין מצוה אונ זאלסט ניט פול זיין דרוגן · עס זאל זיין ביא דיר גלייך ווי דוא וואלסט גלאפן נאך איין מציאה אודר אנאנדר ריוח · דר נאך זאגט ער זיי אזו שטארק וויא א לייב · דס מיינט מען אוב דער יצר הרע ווערט דיך אפ ריידון פון גאטס דונסט אונ ווערט זאגן עס איז קאלט אודער איין רעגון אודער אגרוסו הויץ אודר ער ווערט דיר זאגן ווי קענסטו פאסטן דו ווערסט ח"ו קראנק ווערן אודר ער ווערט זאגן ווי קאנסטו צדקה גובין דיינו קונדר זענון בילכר · דו האסט דאך זעלברט ניט דיין גנוגן צו טאן · אז ווי דר סדר איז פונם יצר הרע · דרום זאגט ער זייא אזו שטארק ווי איין לייב · דס ער הט קיין מורא ניט פר קיינום אונ לאזט זיך ניט אפ ריידון ווען ער פר צוקט עפוס · אזו זאלסטו זיך אוך ניט לאזון אפ ריידון דעם יצר הרע מיט זיינו בייזו טענות · אונ זאלסט זיין גפרושט אונ גרונג אונ שטארק אין גאטס דונסט ביי טאג אונ ביי נאכט · אונ זאלסט דונן גאט ית' מיט דיין גאנצון הארצון אונ מיט דיין גאנצון לייב :

אונ אידר ער הייבט אן צו טאן גאטס דונסט זאל ער פרור זיין צורך טאן · דס ער זאל ניט גיין צו גאטס דונסט מיט טינוף אונ אומריינקייט · דר נאך זאל ער וואשון זיינו הענט · דס ער זאל אוף גוסן אוף זיי פון איין כלי · אונ אוב ער וואשט זיך פון איין פאס · זאל ער אוף עפונן דעם צאפן אונ גוסן אוף זיינו הענט אונ ווידר פאר מאכין · אונ ווידער עפונון אונ ווידר פאר מאכון ביז דרייא מאל · דען דר רוח רעה וס רואט אוף זיינו הענט אין שלאף · ער גייט ניט אוועק ביז מען גוסט אוף וואסור אוף דיא הענט דרייא מאל אונ אידר ער וואשט זיך זאל ער ניט אן רורן אין מול אודר אין די אוגון · אודר אין דר נאז · אודר אין די אוערון · דען עס איז אסכנה נאך דעם וואשין זאל ער מאכן דיא ברכה (על נטילת ידים) אונ (אשר יצר) · אונ ווען ער וויל פרור לערנון אידר ער גייט אין שול אריין זאל ער מאכון די (ברכת התורה) · אונ וויא מיזאל זיך נוהג זיין אידר מען גייט אין שול אריין אונ אז מען איז אין שול · אונ וויא מיזאל ריינגון דעם גוף אונ מכ"ש די נשמה אונ דס מיטאר ניט ריידון אין שול קיין דברים בטלים דס שטייט אלס אובון אין הלכות בית הכנסת · אונ דער ספר המוסר שרייבט אוך פול פון דוא לייטון וס ריידון אין שול :

אין מדרש שטייט א מעשה רבי יוסי זאגט אמאל בין איך גיגאנגון אין וועג האב איך בגעגנט (אליהו הנביא) · אונ ער הט מיט זיך גיהאט פיל קעמלון אן גילאדני · האב איך אים גפרעגט מיט וס האסטו דוא קעמליך אוף גלאדין · הט ער מיר גיענפורט מיט בלויז מלאכי חבלה וס הייסט (אף) אונ (חמה) דא פרעג איך אים פון וועמים ווענין האסטו דס אן גלאדין · אונ ווי אהין פירסטו עס · זאגט ער איך פיר עס אין גיהנם אריין צו בצאלין די לייט וס ריידון אין שול בשעת ראווינון · פון (ברוך שאמר) ביז נאך שמונה עשרה) · אונ נאך דעם קדיש וס נאך (רחום וחנון) · אוך דוא תפלה פון דעם זעלבינן מענטשון ווערט ניט דר הערט · אונ ער איז איין עזות פנים דאס ער שייט זיך ניט פר דר היליגור שכינה אונ פאר דוא היילוגי (ספרי תורות) וס זענין אין שול · דר (ראשית חכמה) שרייבט אוך פול דר פון אונ דס דר זעלבוגר מענטש פאר זונדוגט זיך אונ אויך דוא היילוגי שול אונ כל ישראל ח"ו · אזו ווי אויבן שטייט אין הלכות בית הכנסת · דרום איז דר דין ווען מען שרייט אן אויף דעם וס רעט אין שול · אונ ער קערט זיך ניט דרוגן · מאג מען אים זאגין עזות פנים גייא ארויס אונ פר זונדוג ניט דו שול אונ כל ישראל ח"ו · דס הט גפסקית (מהר' ליב יצ"ו) דער

בַּעַל גוּר אַרְיֵה ד״ל · נוּן וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבִּין פוּן דֶעם (רֵאשִׁית חָכְמָה) וֶועגִן פוּן וַואנִין דָס קוּמְט זָיִם פוּל לַייט רֵיידִן אִין שׁוּל אוּנ גִידֶענְקִין נִיט אִין דֶעם גְרוֹסְן עוֹנֶשׁ דֶר פוּן · דָאס קוּמְט וַוייל דוּא זֶעלְבּוּגִי לַייט הָאבְּן אִין זִיךְ נִיט גָאטְס פָארְכְט · אֵיינֶר זֶעהְט עֶס פוּנֶם אַנְדֶרִין אוּנ שְׁרַייט אִים נוּט אָן אַדְרַבָּה עֶר הֶערְט נָאךְ אוֹיךְ צוּ · דֶען עֶר מֵיינְט עֶס שַׁאט אִים גָאר נִישְׁט · אוּנ עֶר וַוייסְט נִיט אַז עֶס אִיז גְלַייךְ דֶר עוֹנֶשׁ פוּן דֶעם וָוס הֶערְט צוּ רֵיידִן וִוי דֶר וָוס רֶעט אַלֵיין · דֶען וֶוען עֶר וָואלְט אִים נִיט צוּ גִיהֶערְט וָואלְט יֶיעֶנֶר נִיט גֶרֶעט · וָואלְט עֶר זִיךְ גִפָארְכְטִין פַר גָאט וָואלְט עֶר יֶיעֶנִים נִיט צוּא גִיהֶערְט · מִכָּל שֶׁכֵּן דָס עֶר וָואלְט אַלֵיין נִיט גִירֶעט · דָס קוּמְט אַלְץ פוּן דֶעם וָוס דוּ לַייטוּן קֶערִין אוּם דָס פָּנִים אֵיינִיר צוּם אַנְדֶרִין · אוּנ זֶעצִין זִיךְ אַרוּם טִישׁ גְלַייךְ וִוי אוֹף אַסְעוּדָה · אוּנ זֶעהְן אַלְץ וָוס טוּט זִיךְ אִין שׁוּל · וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אוּנ וֶוער עֶס גֵייט אַרוֹיס · וָואלְטִין זַייא מוֹרָא גִהַאט פַאר גָאט וָואלְט זִיךְ אִיטְלוּכֶר אוּם גִקֶערְט זַיין פָּנִים צוּ דֶר וַואנְט וִוי דֶר דִין אִיז · דָאס אִיטְלוּכֶר זָאל זַיינִי אוֹיגִין הַאלְטוּן אַרָאפּ · אוּנ דָס הַארְץ אַרוֹיף צוּ הקב״ה · אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶר זוּצְט אִיז דֶר דִין דָס עֶר זָאל נִיט קוּקִין וֶוער עֶס שְׁטֵייט אוּנ גֵייט אִין זַיינִי פִיר אֵיילִין · דְרוּם מַאכִין צוּא בְּלוֹיז לַייט זַייעֲרִי אוֹיגִין בְּשַׁעַת ק״ש אוּנ (שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה) · דְרוּם וֶוער עֶס וִויל אִין זִיךְ נֶעמִין גָאטְס פָארְכְט זָאל אִים זַיין פָּנִים צוּ דֶר וַואנְט בְּפְרַט בְּשַׁעַת דֶר הַזּוּן זָאגְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · כְּדֵי עֶר זָאל קֶענִין מְכַוֵּין זַיין נָאךְ צוּ זָאגִין אָמֵן אוֹיף אַ טְלוּכֶר בְּרָכָה · אַז וִוי אוֹיבְּן שְׁטֵייט · אוּנ זָאל מְכַוֵּין זַיין פַר וֶועמִין עֶר שְׁטֵייט אוּנ טוּט זַיין תְּפִלָּה · אוּנ מִיט וֶועמִין עֶר רֶעט · אוּנ זָאל גִידֶענְקִין דוּ מוֹרָא וָואס עֶר וָואלְט גִישְׁטַאנְן פַאר אַיין מֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם · מִכָּל שֶׁכֵּן קַל וָחוֹמֶר פַאר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה · אָבֶּר וֶוען אֵיינֶר קוּקְט אוּפִין אַנְדֶערִין פַר גֵייט אִים זַיין מוֹרָא :

נֶעמְט אַייךְ אַמָשָׁל פוּן דוּ יִשְׁמְעֵאלִים וִויא זַיי שְׁטֵיין אָן בְּלוֹיז מוֹרָא פַר זַייעֶר גְלוֹיבִּין · גְלַייךְ אַז וִוי פַר אַמֶלֶךְ · אוּנ קוּקִין זוּךְ נִיט אַרוּם · נוּן וָוס זָאלִין מִיר טָאן מִיר שְׁטֵיין דָאךְ פַר אוּנְזֶר גָאט וָוס לֶעבְּט אֵייבִּיג · אוּנ אִיז (הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה) · אוּךְ זֶענוּן מִיר אַהֵיילִיג פָאלְק (בְּנֵי בְּרִית) דוּא קִינְדֶר פוּן (אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב) · מִיר הָאבּוּן אַוָואר הַפְּטוּגוּן נָאט · אוּנ אַוָואר הַפְּטוּגוּ תּוֹרָה אוּנְזוּר אֱמוּנָה אִיז אֱמֶת אוּנְזוּר תְּפִלָּה אִיז אֱמֶת · נוּא וָוארוּם זָאלוּן מוּר נוּט טוּזִנְט מָאל פְרוּמוּר זַיין פוּן זַייא מוּט אוּנְזוּר גְלוֹיבּוּן · דְרוּם זָאל אִיטְלוּכוּר שְׁטֵיין אוּנ בְּלוֹיז מוֹרָא אוּנ זָאל טְרַאכְטוּן אַיין תְּקָנָה דָס זַיין תְּפִלָּה זָאל זַיין מִיט כַּוָּונָה :

וֶוער עֶס גֵייט פַאר טָאג אִין שׁוּל אַרַיין דַארְף עֶר קֵיין טַלִּית נִיט לֵייגוּן · (אַרְבַּע כַּנְפוֹת) דַארְף יוֹצֵא אָן טָאן אָן אַבְּרָכָה · אוּנ וֶוען עֶר טוּט אָן אִין שׁוּל דֶעם גְרוֹסוּן טַלִּית זָאל עֶר אוּנ זוּנְן הָאבְּן יוֹצֵא זַיין מִיט דֶר בְּרָכָה אוֹף דֶעם (אַרְבַּע כַּנְפוֹת) אוֹךְ · אוּנ בְּשַׁעַת עֶר טוּט אָן דֶעם טַלִּית אוֹדֶער (אַרְבַּע כַּנְפוֹת) זָאל עֶר מְכַוֵּין זַיין דָס עֶר וִויל מְקַיֵּים זַיין דוּא מִצְוָה פוּן צִיצִית אַז וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶר תּוֹרָה (וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִית עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם) · אוּנ זָאל אַזוֹ זָאגוּן דָא בִּין אִיךְ מְקַיֵּים דוּ מִצְוָה פוּן צִיצִית · דָס אִיךְ וִויל זַיין גְצֵייכוּנְט מִיט דֶר גְרוֹיסוּר הֵיילוּגִי מִצְוָה וָוס הקב״ה הָט אוּנְז גִיגוּבּוּן זוּא אִיז גִיוָואגְן קֶעגְן כָּל הַתּוֹרָה · אַז וִוי עֶס וֶועט דָא נָאךְ בֶּעסוּר בַּשֵּׁייט וֶוערוּן · אוּנ בְּשַׁעַת עֶר לֵייגְט תְּפִלִּין זָאל עֶר זָאגְן דָא בִּין אִיךְ מְקַיֵּים דוּ גְרוֹסִי מִצְוָה פוּן תְּפִלִּין · דָס אִיךְ וִויל זַיין גְצֵייכוּנְט מִיט דֶעם צֵייכִין פוּן הקב״ה אַז וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל יָדֶךָ וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ) · אוּנ דְרוּנִין אִיז גְשְׁרוּבְּן דוּ פִיר פַּרְשִׁיּוֹת (קַדֵּשׁ : וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ שְׁמַע וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ) · אוּנ בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט דוּא בְּרָכָה זָאל עֶר זוּא זָאגִין מִיט גְרוֹס כַּוָּונָה · אוּנ זָאל אוֹף זִיךְ מְקַבֵּל זַיין (עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם) דֶעם יָאךְ פוּן הקב״ה · אוּנ דָס אִיז אַיין עֵדוּת אַז מִיר זֶענִין זַיין פָאלְק אוּנ עֶר אִיז אוּנְזוּר גָאט · אַזוֹ וִוי אַמֶלֶךְ הֶענְגְט אָן זַיינִי קְנֶעכְט אַיין חוֹתָם דָס זַיי זָאלִין אִים קֶענוּן אַזוֹ אוֹךְ דוּ צִיצִית אוּנ תְּפִלִּין אִיז דֶר חוֹתָם פוּן הקב״ה · דְרוּם אִיז אִיטְלוּכֶר מְחוּיָב צוּ הַאלְטוּן דוּ תְּפִלִּין הֵיילִיג אוּנ רֵיין · מִיטָאר נִיט שְׁלָאפְן אִין דוּ תְּפִלִּין מִיטָאר מִיט זַיי נִיט גֵיין אוֹף אַיין אוּם רֵיין אוֹרְט · אוֹךְ טָאר מֶען אִין זַייא נִיט רֵיידִן קֵיין דְבָרִים בְּטֵלִים עֶר מוּז תָּמִיד אוּנ זוּנְן הָאבְּן אוֹף דִיא תְּפִלִּין דֶר הֵיילוּגֶר שֵׁם (הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא) · מֶען טָאר אֲפִילוּ קֵיין רֶגַע אִין זַייא נִיט פַר גֶעסִין :

אונ ווייל מיר קענין זיך ניט האלטון אנאנצן טאג הייליג אונ ריין · דרום האבן די חכמים גזאגט דס מיזאל גאר אן טון תפילין בשעת (קריאת שמע) אונ (שמונה עשרה) ביז נאך (ובא לציון) · דען די ווייל קען מען זיי האלטון הייליג אונ ריין · אונ במורא אונ זאל תמיד גדענקין אין דעם שם (המיוחד הגדול הגבור והנורא ברוך שמו הגדול) וס ער האט אוף זיך · אונ זאל לכל הפחות האבן אין זיך גאנץ פארכט די ווייל דס ער זאל ניט ריידון אין די תפילין · אבר די ציצית זענין ניט אזו הייליג ווי תפילין דען אין תפילין שטייט גישריבן דר שם · וויפל מאל אבר ניט אין ציצית · דרום מעג מען וואל גיין מיט זיי אפילו אין בית הכסא אריין · אויך טאר קיינר ניט גיין פיר איילין אן ציצית · דען די מצוה איז זייער גרוס · אונ איז גרעכינט קיגין אלי תרי״ג מצות דען דס וואָרט ציצית בטרעפט זעקס הונדרט · אונ אכט פאדים אונ פינף קניפין · איז סך הכל זעקס הונדרט מיט דרייצעהן · אונ זיי הענגין אוף דוא פיר עקין · דס בטייט אוף די פיר עקין פון דער וועלט · ווי די ביסט מחויב צוא האלטון דוא תרי״ג מצות · זעה (יוסף הצדיק) איז גוועזן אין דוא הענט פון די מצריים אונ הט פארט גהאלטון אלי מצות אוך זאגט דר פסוק (וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה׳ וגו׳ ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם וגו׳) · אין דעם פסוק איז צוא פרעגין פול קשיות אונ דוא גמרא שרייבט פיל דער פון · נאר איך וועל קורץ בשרייבן :

דיא גמרא פרעגט וואָרום שטייט (וראיתם אותו · בלשון יחיד עס וואלט גיקענט שטיין וראיתם אותם) · בלשון רבים דען עס גייט דאך אוף די ציצית · דרום זאגט די גמרא פון דאנן לערנין מיר ווער עס האלט רעכט די מצות איז ער זוכה צו זעהן די שכינה זעלברט · אונ אוך דר וס איז גיוואורנט אין דר מצוה פון ציצית · דר הט ארום זיך פיל שומרים וס היטון אום פר אלים בייזן · אונ ווערט בשירמט פון דעם יצר הרע · אויך גיפונן מיר איין מעשה אין דר גמרא · עס איז גיוועזן אמענטש וס פלעגט זייער נזהר זיין אין דר מצוה פון ציצית · אמאל הט ער גהערט ווי עס איז פר האנדון איין שטאט אשייני זונה · אונ זוא איז בייא קיינים ניט גילוגין סיידין ער הט איר גיגבן פיר הונדרט גולדון · דר מענטש הט גישוקט צו איר פיר הונדערט גולדון · אונ זוא הט אים אפ גישטעלט אצייט ווען ער זאל צו איר קומון · ער איז אהין גיקומון צו איר אוף דר צייט · אונ ער הט זוך גיזעצט אוף איר טיר · איז אריין גיגאנגין איר מויד · הט ער איר גיוויזון דוא בריב וס די זונה הט צו אים גישוקט · זוא הט דס דר צוילט דר זונה · הט זוא אים גהייסון אריין קומון · אונ זוא הט אוים גיבעט זיבן בעטון פון בלויז זולבר אונ נאך אבעט פון בלויז גאלד · אונ ביי איטלוכין בעט איז גוועזן אזולבריר לייטור · אונ ביי דעם גילדענים בעט אגילדינר לייטיר · זוא איז ארוף גגאנגון אונ הט זוך גזעצט אופון גילדענים בעט · אונ ער האט זוך גיזעצט אקיגון איר · אין דעם קומען זייני פיר ציצית אונ שלאגין אים אוף זיין פנים · אזו גייט ער אראפ אונ זעצט זיך אוף דער ערד · גייט זוא אוך אראפ אונ זעצט זוך לעבין אים · אונ פרעגט אים וואס פאר איין אום ווערדוקייט האשטו גיפונן אין מיר · דס דו וויקסט ביי מיר ניט לוגין · דא שווערט ער איר איך האב קיין מאל קיין שענירון מענטשין ניט גיזעהן פון דיר · נאר איך וועל דיר זאגין וואָרום איך וויל ביי דיר ניט לוגין · גאט הט אונז גיגובן דוא מצוה פון ציצית שטייט דר ביי צווייא מאל (אני ה׳ אלהיכם) דאס בטייט אזו ווי איך שטראף דעם וס אכט ניט דוא מצוה · אזו אוך גיב איך שכר דעם וואס אכט יוא די מצוה · אונ אצונד זענון מיר אקעגון גיקומן אלי פיר ציצית אזו ווי פיר עדות וס ווילן עדות זאגין דס איך טוא מיט דיר דוא עבירה · דרום בין איך פון דיר אוועק גיגאנגין · איך וועל לאזין פר פאלין דוא פיר הונדערט גולדון · אונ וויל מיט דיר ניט זונדוגון · דא זאגט זוא איך וועל דיך ניט אוועק לאזון ביז די זאלסט מיר אוף שרייבן וויא די הייסט אונ פון וואנון די ביסט · אונ צוא וועלוכין רבי גייסטו אין בית המדרש אריין · ער הט איר דאס אלץ אוף גישריבן · אונ לאזט איר דס געלט אונ גייט אהיים · אזו באלד איז די זונה גיגאנגון אונ הט צו טיילט איר געלט אוף דריי חלקים · אשליש הט זוא אפ גגובן דעם מלך וואס זוא האט דארטון גיוואנט · איין שליש דוא ארומי לייט · אונ איין שליש הט זוא מיט זוך גנומון · אונ זוא איז גקומון פר רבי חייא אונ זאגט


זייא

ווייס מיך מגייר · איך וויל ווערן איודני · זאגט ער צוא איר מאמיר האסטו גיגובן דייני אוגין אוף אבחור · דס דו האסט לוסט צו אים אונ בוסט ביי אים גילוגין דרום ווילסטו זיך מגייר זיין · זאגט זוא ניין מיין לובר רבי אזו אונ אזו איז דו מעשה גיוועזן · אונ זוא ווייזט אים דוא בריב וואס דר מענטש הט איר גיגובן · דא זאגט רבי חייא צו דעם זעלבוגן מאן אונ צוא דר זעלבוגר פרוא גייט אונ נעמט זוך בנאנדר · אונ איר זאלט האבן מזל · אונ ברכה בנאנדר · אונ דו בעט וום איר הט דידוף גיוואלט לוגין באיסור לוגט אצונד בהיתר דעם שכר האסטו בקומען אוף דר וועלט אונ דעם רעכטן שכר וועסטו האבן אוף יענער וועלט · דר הט גאר קיין שיעור ניט · דרום זאל איטלוכור גיווארוגט זיין אין דו מצוה פון ציצית אונ זאל זיי בודק זיין פאר דר ברכה אויב עס זענון גאנץ

אלי אכט פעדים אומזוסט הייסט עס אברכה לבטלה :

אונ ווען איינר וויל אן טואן זיינו ציצית באלד ווי ער שטייט אוף פון זיין בעט דאס ער וויל ניט נויין פור איילון אן ציצית זאל ער זיי אן טואן אן אברכה · אונ נאך דעם וואשון זאל ער זיי בודק זיין אונ זאל מאכון דו ברכה · אונ ווען ער גייט אונ שול אריין אונ טוט אן דעם טלית דארף ער נאך אמאל אברכה מאכון אודר ער זאל אין דר היים קיין ברכה ניט מאכון נאר ער זאל אין זון האבון יוצא צו זיין מיט דר ברכה פון דעם טלית אוף ביידו אזו אוך ווען איינר טוט אן ביינאנדר צעהן קליידר מיט ציצית זאל ער מאכון איין ברכה אובר אלו · אבר אז ער טוט זיי ניט אן דורך אנאנדר אודר ער באטראכט זיך נאך דר ברכה נאך קליידר אן צו טאן דארף ער אובר דו איברוגע אובר נייאם אברכה מאכן · אוך אום שבת אונ אום יום טוב איז גוט מען זאל אוף אוטלזכון בזונדר

אברכה מאכון · דען אין דו טעג איז גוט מען זאל פול ברכות מאכון :

רבי אליעזר זאגט דר וום הט ביי זיך ציצית אונ תפילין אונ מזוזות אין זיינו טורון דס זענון דריי גשווינדי קעסטלוכו אונ גרוסו מצות · דער קומט ניט באלד צו קיין עבירה דען דר יצר הרע הט קיין מאכט נים אין דם מענטשין וום איז ארום גירונגילט מיט מצות (רבא) זאגט דר וום טוט אן דעם טלית אונ לייגט תפילין אונ לייאנט קריאת שמע מיט כוונה אוז ער פר זוכרט אז ער איז איין בן עולם הבא : (אביי) זאגט איך בין אים ערב אז דם גיהנם וועט ניט שולט זיין אין אים (רב פפא) זאגט איך בין אים ערב אז דם הקב״ה איז אים מוחל אלו זיינו עבירות דרובר · דרום וויל דו רבנים זענון אזו ערב זאל איטלוכר גיווארונט זיין צו לייגון טלית אונ תפילין מיט כוונה אונ זאל אוך מכוין זיין דם מיר זענון דאס פאלק פון הקב״ה אונ מיר וועלון טראגון אוף זיך זיין חותם · אונ דר מיט נעמון מיר אוף זיך דעם יאך פון זיינו מצות צו טאן זייא מיט דעם גאנצון הארצון אונ לייב · איטלוכור זאל גווארנט זיין צוא זיין אין שול פון דו ערשטו צעהן · דען דיא

חכמים זאגון אז דר זעלבוגר מענטש בקומט אזו פול שכר וויפול דם גאנצו קהל :

דיא צייט וום מען מעג שון אברכה מאכון אובר דיא ציצית איז ווען מען קען דער קענן צווישן וייס אונ בלאוואל אבר דער וואס טוט אן דעם (ארבע כנפות) פרור טאר ער קיין ברכה ניט מאכון · נאר אז עס קומט די צייט זאל ער בודק זיין די ציצית אונ זאל אברכה מאכון אודר ער זאל אן טאן אנגדר קלייד מיט ציצית אונ זאל אין זון האבון יוצא זיין מיט דר ברכה אוף יענום אוך · אונ דו צייט וואס מען מעג שון אברכה מאכון איבר דיא תפילין איז ווען עס איז שון אזו טאג דס ער דר קענט פיר איילון ווייט דם פנים פון זיין חבר וום איז ניט גוויינטלוך ביי אים אבר פריר ניט · אבר ווען איינר וויל ארוס גיין אין פעלד אריין פר טאג זאל ער זיי לייגן אן אברכה · אונ אז עס ווערט טאג זאל ער גרייפון אין זיי אונ זאל אברכה מאכון · אבר חאטשו ער איז אין פעלד דארף ער דיא תפילין ריין האלטין · דס ער זאל ח״ו קיין נפיחה ניט לאזין אוך ניט משתין זיין אונ אוך כל זמן ער הט די תפילין אוף זיך מוז ער זייא אין זון האבן אוך טאר ער אין זייא ניט ריידון קיין דברים בטלים גלייך וויא ער גייט אין זיי אונ שול ווייל ער האט אוף זיך דעם (שם הגדול) אונ די לייט וום גייאן אזו אהיים מיט טלית אונ תפילין · אודר זיי שפאצורון זיך אין זייא אונ ריידין פאטשטון אונ דברים בטלים אודר אפילו זייערו עסקים דו וועלון בוודאי עונש ליידן



ליום

ליום הדין · אמייל לייט לייגן די תפילין אין דר היים איידר זיי גייאן אין שול אריין · כדי דס זיי זאלן ארום גרונגלט זיין מיט דריי גרוסו מצות ציצית אונ תפילין אונ מזוזה · עס איז זייער גוט ווער עס קען דס טאן אבר די לייט וואס גייאן אוועק אין שול אריין נאך פר טאג קענען זיי דס ניט טואן : אמייל לייט לייגן די תפילין פר (ברוך שאמר) אמייל פר קטורת אמייל צו (עוטר ישראל בתפארה)

אוטלוכור האט זיך זיין כוונה אונ עס איז אלס גוט · אונ איטלוכער מענטש זאל לופן אונ שול אריין גשווינד · אונ פון דר שול זאל ער גיין באמעלוך · אונ בשעת ער גייט אריין אין שול זאל ער אריין גיין ווערלוג צווייא טורן ברייט · אודר ער זאל ווארטן אזו לאנג ביז ער וואלט גקענט זיין צווייא טורן ברייט דר נאך זאל ער זיך בוקן אונ זאל ניט טואן ביז ער זעצט זיך אנודר אונ ווייא באלד ער זעצט זיך זאל ער זיך בדענקן ווער בין איך · פון וואנון בין איך ארום גקומן אונ ווי קאן איך אוף הייבן מיין פנים קעגן דעם גרוסין הער וואס איך האב קעגין אים גזונדיגט אונ האבן אים אופט דער ווידר גטאן דאך פון זיינו גרוסי גנאד אונ בארום הארצוקייט וואס ער טוט מיט זיינו לייט · דער מיט קום איך זונדוגער מענטש תפלה טאן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · דר נאך זאל ער אוף שטיין אונ זאל זאגון (מה טובו) אונ זאל זאגין אלו די ברכות דורך אנאנד ווי זיי שטייאן פר אים · אונ קטורת אונ איזהו אונ ברוך שאמר מזמור לתודה · אשרי הללויה ויברך דוד ויושע ישתבח אונ ברכו אונ קריאת שמע אונ אמת ויציב · אונ שמונה עשרה אונ מיט זיצן אונ שטייאן שטייט שון אובין :

דיא צייט פון דר תפלה פון שחרית איז זונט עס ווערט טאג ביז דרייא שעה אופן טאג · דס איז די רעכטו צייט · אבר דר עיקר מצוה איז אזו ווי די פרומי לייט האבן גטאן אין ירושלים דאס זייא האבון אן גהובו קריאת שמע איידר דיא זון איז אוף גגאנגן אונ האבן באלד אן גהובן (שמונה עשרה · זיי זענען גוועזן חכמים אונ האבון גקענט טרעפין די זעלביגע רגע אבר מיר ווייסן ניט די חכמה · דרום איז דיא צייט ביז דרייא שעה אוף דעם טאג · אונ אוב ער האט ניט גקענט דאווינן אין דיא ערשטו דרייא שעה האבון איםדו חכמים גגעבין נאך אשעה צייט ביז פיר שעה אופן טאג · אבר דר וואס דאווינט דר נאך איז די צייט פר זומט אונ ער נעמט אזו איין גרוסן שכר וויא דר וואס דאווינט אין דר צייט אבר דר וואס פר זומט די תפלת שחרית ביז נאך מיטאג · דא מוז ער צו מנחה צווייא מאל דאווינן · קיין מענטש טאר ניט גיין צוא זיין חבר אים אפ צו געבין אגוט מארגין איידר ער האט זיין תפלה גטאן פר הקב"ה · אבר אז ער בגעגינט אים אוף דר גאס מאג ער אים וואול זאגין אגוט מארגין · ווייל ער פלייסט זיך ניט צו גיין צוא אים אהיים · אוך טאר קיינער קיין שום בוסן ניט עסן פר דעם דאווינן · אבער וואסער מעג ער יוא טרינקן אוב ער וויל נאר איין טרונק טואן :

ווען איינר קומט שפעט אין שול אריין אז דס קהל האלטן שון אין מיטן דאווינן · אונ ער איז דאך מחויב צו דאווינן בקהל דס זיין תפלה זאל בעסר מקובל זיין · וויא זאל ער טאן זאל ער אן הייבן פארונט אונ זאל אובר הופן (איזהו) · אונ זאל ווייטר דאווינן בקהל כסדר · אונ נאך דעם דאוונין זאל ער זאגון (איזהו) אונ אוב ער קומט אן נאך שפעטור זאל ער (הודו) אוך אובר הופן אונ ווען ער קומט אן נאך שפעטער זאל ער אן הייבן פון (ברוך שאמר) · קומט ער אבער אן אז דס קהל זאגון ברכו זאל ער מיט זייא דאוונין כסדר · דר נאך זאל ער אן הייבין פארינט · אבר ברכת התורה דארף ער שון ניט זאגון ווייל ער הט שון יוצא גוועזן מיט ברכת (אהבה רבה) דאס זיא איז אוך אברכה אוף דר תורה · אונ אוך (ברוך שאמר) אונ (ישתבח) זאל ער זאגן די ברכה אן איין שם דאס ער זאל זאגין (ברוך מלך מהולל בתשבחות) אונ צו ישתבח (ברוך אל מלך גדול בתשבחות כו') · אבער דיא איבריגי ברכות דארף ער יוא זאגון :

דיא גמרא זאגט אין פרק (אין עומדין) דס קיינר טאר זיך ניט שטעלון שמונה עשרה ווען ער הט גרעט רייד אפילו דברי תורה סיידין ער מאכט זיך פרור אלוטרי מחשבה מכ"ש דורך אייטל גלעכטר תיו דס הייסט קלות ראש · נייארט דורך גרוס כוונה · ער זאל זיך גדענקן פר וועמין ער

שטעלט זיך צו ריידין זיינו רייד דרום הט מען מתקן גוועזן מען זאל פרור דאוונין (ברוך שאמר) און הללויה און ישתבח און קריאת שמע כדי אז דער מענטש וועט קומן אן צו הייבן שמ"ע וועט ער שון זיין אין אלוטרי כוונה· דרום די ערשטע חסידים און צדיקים און אנדרע גוטי לייט פון פר צייטן פלעגן זומין איין שעה איידר זיי האבן אן גהובן שמונה עשרה· דס זיי האבן פון זיך אראפ גווארפן די אנדרע מחשבות און האבן אן גהובן שמונה עשרה גפלייסט מיט גרוס כוונה ווען מען הט אפילו פיאר גלייגט אויף זייער לייב בשעת שמונה עשרה האבן זיי אויך ניט גפילט · און דיא גמרא ברענגט אויך דרויף פול מעשיות · דס עס זענין גוועזן פול צדיקים און חסידים וואס איז זיי צו גקומן פול סכנות בשעת שמונה עשרה און זיי האבן ניט מפסיק גוועזן · איטליכר איז מחויב זיינו פוס גלייך צו האלטן בשעת שמונה עשרה· אזו ווי דו מלאכים שטייאן ווי דר פסוק זאגט (ורגליהם רגל ישרה) · דיא מלאכים שטייאן גלייך גיפלייסט מיט זייערו פוס · און זאל אום קערון זיין פנים צו דר וואנט פון מזרח אזו ווי דר פסוק זאגט (ויסב חזקיהו פניו אל הקיר) חזקיה הט אום גקערט זיין פנים צו דר וואנט און האט תפלה גטאן · און אפילו ער שטייט ביי אנאנדרו זייט ניט ביי מזרח זאל ער דאך אום קערון זיין פנים צו דר וואנט :

**אויך** זאל מען צו האלטן דוא אוגון בשעת קריאת שמע און שמונה עשרה כדי זיי זאלון נוט קוקון בשעת דאוונון אויף קיין שום זאך וואס איז מבטל זייער כוונה · און אז דר חזן זאגט דו הוכו שמונה עשרה זאל ער אויך אום קערון זיין פנים צו דר וואנט פון מזרח און אפילו דו לייט וואס האבין שטעט זאלון אויך אום קערון דס פנים צו דר וואנט דס זיי זאלון נוט זעהן וואס עס טוט זיך אין זייערו פיר איילון · און סייא ער זוצט סייא ער שטייט טאר ער ניט קוקן וואס עס טוט זיך אין זיינו פיר איילון · איטלוכור איז מחויב צו האלטן זיינו אוגון אראפ און דס הארץ ארויף צוא הקב"ה · און ער טאר ניט קוקן אויף דער וואנט אפילו זיא איז אין זיינו פיר איילון · ווען ער איז אויף אזו איין אורט דס ער ווייסט נוט ווי מזרח איז · זאל ער זיך שטעלון וויא אים דאכט זיך צום בעסטון · און זאל זיין הארץ האבון צו הקב"ה · איטלוכון זאל זיך דאכטון ער רעט מיט הקב"ה · אזו וועט אים בוודאי אן חאפון איין מורא און פחד · און זאל גדענקן מיט וועמון ער רעט און פר וועמון ער שטייט · עס טאר קיינר ניט אום שפייאון אין מיטן שמונה עשרה · און ווען עס קומט אים אן שפייאכץ אין זיין מול זאל ער שפייאון אין איין טוך · אודר אין קאפטין · און אוב ניט זאל ער אום קערון זיין פנים הונטר זיך צו דער לונקר זייט און זאל אום שפייאון · אבר ניט אויף זיין רעכטו זייט · מכ"ש דס פר זיך · און זאל אוויילע שטול שווייגן פר דעם שפייאון און נאך דעם שפייאון · דס ער זאל די צייט קיין שם ניט זאגון ח"ו · דען עס איז גלייך אזו ווי איינר רעט מיט איין מלך און שפייאט אים און זיין פנים :

**ווען** איינר דאווינט פר דעם קהל איז עס אויך איין איסור און אפילו ווען איינר דאווינט אין דער היים זאל ער זיך פלייסון צו דאוונון אין דר זעלבוגר צייט וואס דס קהל דאוונין דען דענמאלט איז זיין תפלה מער אן גנומן און בווילוגט פר השי"ת · אזו ווי דר פסוק זאגט (ואני תפלתי לך ה' עת רצון) דוד המלך זאגט איך טוא מיין תפלה צו דיר גאט אין דר צייט אז דאס קהל טואן זייער תפלה · דען דו זעלבוגע צייט איז דו תפלה אן גנומן און בווילוגט פאר דיר גאט · איטלוכור איז מחויב צו זעהן ער זאל האבון אשטאט אין שול · ניט היינט זאל ער דאוונין אויף דר שטאט און מארגון אויף אנאנדר שטאט · רב הונא זאגט ווער עס הט איין שטאט צו זיין תפלה איז דער גאט פון אברהם אין זיין הולף :

**איטלוכור** איז מחויב צו האבון בזונדרו קליידר צום דאוונין דס זיי זאלון ריין זיין · די צדיקים און חסידים און אנדרו גרוסו לייט זענון זייער נזהר דרונון · ער זאל שטיין בשעת דאוונין אזו ווי אקנעכט שטייט פר זיין הערון · און אזו ווי איינר שטייט פר אמלך אודר פר איין שר און הט פר אים אזו אמשפט וואס רורט אן אין זיין גוף און געלט · ער זאל שטייאן מיט זיינו אוגון אראפ און זיין הארץ ארויף צו השי"ת זיינו הענט אויף דעם הארץ · די לונקו האנט אין דער

רעכטור · אונ זיין קאפ זאל זיין איין גבוגין ניט מיט גאוה · איטליכור איז מחויב צו צו דעקון זיין קאפ · ניט צו גיין מיט דעם הולן קאפ אונ אוך ארום צו גארטלון זיך מיט אגארטול · דאס ער זאל מאכן איין צווישן שייד צווישן זיין הארץ אונ דו ערוה · דאס זיין הארץ זאל ניט זעהן די ערוה : אונ זומט טאר ער קיין שם ניט זאגון · אוך זאל איטלוכור זיך וואל ריין מאכון פר דעם דאווענין · ער זאל זיך פרור אויס היסטן אונ אום שנייצון די נאז · ווען איינם בייסן אום פליט בשעת דאווענין טאר ער זייא ניט אראפ נעמון מיט דיא הענט נאר דורך אמלבוש · ווען איינם פאלט אראפ זיין מאנטול אודר זיין טלית בשעת דאווענין זאל ער ניט מפסיק זיין די כוונה אים אן צו טאן נאר ער זאל ווייטר דאווענון דען דר וואס דאווינט מיט כוונה זאגט אוף אים דר פסוק (תכין לבם תקשיב אזניך) דיא וואס ברייטון אן זייערו הערצור בשעת דאווענון פר נעמט הקב״ה זייער תפלה · אונ אוב ניט ווערט זיין תפלה ניט דר הערט אזו ווי דר פסוק זאגט (בפיו ובשפתיו כבדוני ולבם רחוק ממני ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה) מיט זייער מול אונ לעפצון הערלוכען זייא מיר אונ זייער הארץ איז ווייט פון מיר אונ זייער פארכט פר מיר איז נאר אזו וויא איינר טוט זיין גוויינטליך קיוט כלומר דס מיינט מען אן כוונה · אוך זאגט דר פסוק (קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותם) זיי זענון נאהונט מיט זייער מול אונ ווייט מיט זייערו גדאנקון · אוך זאגט דר פסוק (ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו) זיי ריידן אים אובר מיט זייער מול אונ זייער צונג לייקענון זייא גאר צו אנאנדר מחשבה · דען זיין הארץ איז ניט אן גרעכט צו הקב״ה · אוך זאגט דר פסוק גאט ב״ה זאגט (ולא אותי קראת יעקב) ניט מיך האסטו גרופן יעקב מיינט מען ישראל דס זייער כוונה איז ניט צו גאט :

**נוא** זעהן מיר דאך אז דער וואס טוט תפלה אן כוונה ווערט זיא ניט דר הערט · אונ ווען ער קען קיין כוונה ניט האבון איז בעסר ער זאל גאר ניט דאווענין · דען תפלה אן כוונה איז אזו וויא אגוף אן אנשמה · אטייל זאגין ווער עס הט גדאווינט אן כוונה דארף ער אובר נייאם דאווענין · אונ אטייל זאגין וואס נוצט עס אים העלפון · ער ווערט דאך דס אנדרו מאל אוך קיין כוונה ניט האבין · אזו איז דאך עס נאך אגרעסרי עבירה · דרום האבון דו חכמים מבטל גוועזן די זאך טאמור ווערט ער דאס אנדרו מאל אוך ניט מכוין זיין · אבר ווען ער הט ניט מכוין גוועזן אין די ערשטו דרייא ברכות · דארף ער זיי נאך אמאל זאגון מיט כוונה · אטייל זאגן אז אפילו דו ערשטו דרייא ברכות זאל מען אוך נאך אמאל ניט דאווענין · נון קענט איר וואל פר שטייאון וויא גרוס די עבירה איז דר פון · אובין איז אוך פול גשריבין דר פון אוך איז איטלוכר מחויב דו ווערטר שארף ארום צו ריידין מיט די לעפצין · דס דיא אויערין זאלון הערון וואס דם מול רעט · אבר ער זאל חיו ניט הויך שרייאון · דען ער איז חיו (מקטני אמונה) דאס ער גלייבט ניט דאס הקב״ה דר הערט דו תפלה וואס מען דאווינט שטולר הייד :

ווען איינער איז אזו שיכור דס ער וואלט שון ניט גטארט ריידין פר אמלך · טאר ער ניט דאווענן · אונ ווען ער דאווינט יוא איז זיין תפלה אום ווערדוג · כלומר הקב״ה איז ממאס זיין תפלה נאר ער זאל ווארטין ביז ער ניכטרט זיך אום דער נאך זאל ער דאווענין · אבר אפילו אז ער האט גדאווינט בשעת שכרות הייסט עס אויך אתפלה דאס ער דארף ניט נאך אמאל דאווענין · אבר ארעכטר שיכור איז זיין תפלה גאר ניט · ער מוז נאך אמאל דאווענין · ווען איינר הט פר זוימט די צייט פון שמונה עשרה זאל ער בצאלין צו דר אנדרור תפלה וואס ער דאווינט דר נאך · אז וויא עס ווערט בשיידין ווערון אוך טאר קיינר ניט זוצן אין חברים פיר איילין בשעת דער חבר שטייט שמונה עשרה · אפילו ער דאווינט אוך · ווען איינער האט שון גידאווינט שמונה עשרה · אונ קומט אין שיל אריין בשעת דס קהל דאווענון שמונה עשרה · אויב ער קען עפיס מחדש זיין אין זיין תפלת וואס ער הט עס פרור ניט מתפלל גוועזן · למשל ער וויל זאגן איין (יהי רצון) פאר אקראנקין אין דר ברכה פון (רפאינו) · אודר וויזוי אין דר ברכה (סלח לנו) אודר עפיס אנאנדר חידוש אודר ער הט פרור גדאווינט אן כוונה מעג ער נאך אמאל דאווענין מיט קהל · אונ זומט ניט · אונ וואס ער זאל מכוין זיין בשעת שמונה עשרה אונ פרור אונ דער נאך שטייט שון אויבן · קיינר זאל זיך ניט

איבר נעמין מיט זיין תורה אונ מעשים טובים אודער מיט זיין כונה · דס ער ווערט זאגין דרוּבּר איז ראוי זיין תפלה זאל אן גנומן ווערין · דען ער מאכט נאך זיין תפלה צו איין עבירה חס ושלום · נאר ער זאל תפלה טאן ווייל השי״ איז ארחמן אין דר בארומט זיך איבר דוא וואס רופן אים אהן מיט גאנצין הארצין אונ לייב :

נון וועל איך שרייבין וויא מען מעג מחדש זיין אונ שמונה עשרה · אונ ווי מען טאר ניט אין דוא ערשטו אונ דוא הונטרשטו דרייא ברכות טאר קיין יחיד ניט מחדש זיין · אבר אונ דו מוטלסטו דרייצעהן מעג מען יוא מחדש זיין · ווען איינר וויל מתפלל זיין נאט זאל אים גבן זאל קענן לערנן ער זאל אגוט הארץ האבן זאל ער זאגן זיין (יהי רצון) אין דר ברכה פון אתה חונן · ווען איינר וויל מתפלל זיין דער יצר הרע זאל אים ניט אפ ריידן פון תשובה זאל ער זאגן זיין יהי רצון אונ דר ברכה פון (השיבנו) · וויל ער זאגן ווידוי זאל ער זאגן אין דר ברכה פון (סלח לנו) · וויל ער מתפלל זיין פר אקראנקן זאל ער זאגן זיין (יהי רצון) אין (רפאינו) · וויל ער מתפלל זיין אוף פרנסה אונ שפייז · זאל ער זאגין זיין (יהי רצון) אין ברך עלינו) אטייל זאגן אין דר ברכה פון (ראה נא בענינו) · אין דר ברכה פון (שמע קולינו) מעג ער מתפלל זיין וואס ער וויל · דען זוא איז דר כלל פון אלי ברכות · ווי ער זאל זוך בוקן אין שמונה עשרה שטייט אויבן אין הלכות בית הכנסת :

ווען איינר הט זוך טועה גוועזן אונ שמונה עשרה אין דוא ערשטו דריי ברכות מוז ער נאך אמאל אן הייבן פונעם אן הייב · הט ער זיך טועה גוועזן אין דו הונטרשטי דריי ברכות דארף ער זוך אום קערין צו רצה · אבר אז ער הט זיך טועה גוועזן אין דו מיטלסטו ברכות זאל ער זיך אום קערון צו דר ברכה וואס ער הט זוך טועה גוועזן · ווען איינער הט גיזאגט (משיב הרוח) אום זומער זאל ער נאך אמאל אן הייבין פון (אתה גבור) · אבר אז ער האט שוין אויס גילאזט דוא ברכה פון מחיה מתים) מוז ער אן הייבין פונם אן הייב · אזו איז אויך דר דין אז ער הט פאר געסין צוא זאגין (משיב הרוח) אום ווינטר · אבר אז ער הט פר געסן צו זאגן (טל ומטר) איז אנאנדר דין · דר מאנט ער זיך פר רצה · זאל ער עס זאגן אין דר ברכה (שמע קולינו) · דער מאנט ער זיך אבר נאך רצה אפילו פאר (עושה שלום) זאל ער זיך אום קערון צו (ברך עלינו) אבר אז ער דר מאנט זיך אז ער איז שוין אויס גיגאנגין (עושה שלום) מוז ער ווידער אן הייבין פונם אן הייב · אונ מוז דאווינן איבר גייאם שמונה עשרה · ווען איינר האט פאר געסין צו זאגין יעלה ויבא אום ראש חודש אודר חול המועד · איז דר דין אזו · הט ער פר געסין צו שחרית אודר צו מנחה דארף ער נאך אמאל דאווינין ש״ע · אבר ניט צו מעריב · אונ ווען ער דר מאנט זיך פר עושה שלום זאל ער אן הייבין פון רצה · אונ ווען איינר הט פר געסין צו זאגן על הניסים אים (חנוכה) אודר (פורים) דארף ער זיך ניט אום קערין · ווען איינר הט גזאגט דוא וואכונדיגי שמונה עשרה אים שבת אונ האט זיך דר מאנט אונ מיטען אברכה · זאל ער גומר זיין דוא ברכה · אונ זאל אן הייבין פון שבת · דער נאך זאל ער זאגין רצה ביז סוף · דא וועל איך בשיידין ווען איינר הט פר זוימט איין תפלה ווי זאל ער טאן :

ווען איינר הט פר געסין צו דאווינן מנחה · אודר ער איז גוועזן איין אונס · אונ האט ניט גיקענט דאווינין · דארף ער דאווינין צו מעריב צווייא מאל שמונה עשרה · דאס נאך מעריב זאל ער אן הייבין (אשרי) אונ דאווינין מנחה · הט ער פר געסין דאווענין מעריב זאל ער דאווינין צו שחרית צוויי מאל שמונה עשרה · הט ער פר געסין צוא דאווינין שחרית · זאל ער דאווינון צו מנחה צווייא מאל שמונה עשרה · אבר דו תפלה פון דר זעלבגר צייט זאל ער פרור דאווינין · דר נאך דאס בצאלונג · דען ער קען ניט בצאלין קיין אלטין חוב אידר ער בצאלט דעם נייאם חוב · אונ ווען ער הט פר געסין צו דאווענין מנחה אום ערב שבת זאל ער דאווינין צו מעריב צווייא שמונה עשרה פון שבת · דעסט גלייבין אז ער האט פאר געסין מנחה פון שבת · זאל ער דאווינין מוצאי שבת צווייא וואכונדיגי שמונה עשרה · אבר ער דארף ניט זאגין (אתה חוננתנו) אין דר אנדירר שמונה עשרה · אונ אויב ער הט יוא גזאגט אין ביידי איז ער אוך יוצא · אבר אז ער הט אין דר ערשטור ניט גיזאגט · אונ אין דר אנדורר יוא · נוא וויל ער דאך האבן דו ערשטי פר מנחה אונ דו אנדרי

פר מַעֲרִ״ב · דְרוּם אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא · אונ מוּז נָאךְ אַמָאל דַאוָוענִין אַיין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה פַר מִנְחָה :

אונ ווען אַיינֶר ווִיל בַּצָאלִין אַיין שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט דֶעם דָס עֶר וֶועט צוא הֶערִין דֶעם הַזָן · אונ נָאךְ זָאגִין וָוארְט בַּייא וָוארְט אִיז עֶר אוֹיךְ יוֹצֵא · נָאר עֶר זָאל זֶעהְן נִיט צוא פַאר הֶערְן קַיין שׁוּם וָוארְט אונ זָאל נָאךְ זָאגְן אָמֵן אוֹף אִיטְלֶכֶר בְּרָכָה · אונ אוֹיב נִיט אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא · אַזוֹ אִיז אוֹיךְ דֶר דִין מִיט יַעֲלֶה וְיָבֹא · אונ ווִי אִיז דָס גִירֶעט אַז עֶס הֶעלְפְט בַּצָאלִין נָאךְ אַשְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · דָאס אִיז נָאר אַז עֶר הָט פַר גֶעסִין · אוֹדֶר עֶר אִיז גִיוֶועז אַיין אוֹנֵס · דָס עֶר הָט גִהַאט אַמִשְׁפָּט פַר אַיין שַׂר אונ הָט נִיט צַייט גְהַאט · אוֹדֶר עֶס הָט אִים זִיךְ גִיטְרָאפִין אַסַכָּנָה · אוֹדֶר עֶר הָט גְמֵיינְט עֶס אִיז נָאךְ פְרִיא אִיךְ וֶועל נָאךְ צַייט הָאבִין צוּ דַאוִונִין · אָבֶר דֶר וָוס הָט אִין מוּטְמָן פַר זוֹימְט דִי צַייט אוֹף אִים זָאגְט דֶר פָּסוּק (מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן) דֶער פַאר קְרוּמְטֶר קֶען נִיט בַּצָאלִין · אָבֶר פוּן דֶעסְט וֶועגִין אַז עֶר ווִיל נָאךְ אַמָאל דַאוָונִין בְּתוֹרַת נְדָבָה נִיט בְּתוֹרַת חוֹבָה מָאג עֶר דַאוִונִין אונ דַארְף נָאר נִיט מְחַדֵּשׁ זַיין · אונ ווִי עֶר זָאל זָאגִין אָמֵן שְׁטֵייט שׁוֹן אוֹבְן אַבִּיסֶל דֶר פוּן ·

דִיא חֲכָמִים זָאגְן עֶס אִיז מֶער מִצְוָה דֶר וָוס זָאגְט נָאךְ אָמֵן פוּן דֶעם וָוס זָאגְט דִי בְּרָכָה דֶען דֶער וָואס זָאגְט דִי בְּרָכָה אִיז גְלַייךְ אַז ווִי אַיינֶר דֶר צַיילְט עֶפִּיס אוֹדֶר עֶר ווַייזְט אַשְׁטַר אָן עֵדוּת אַזוֹ קָאן זַיין אַז עֶס אִיז אַיין שֶׁקֶר · אָבֶר אַז עֶר הָט עֵדוּת דְרוֹף מַאכְן זַייא אִים פַר אַיין וָוארְהַפְטִיגְן מֶענְטְשִׁין · אַזוֹ אוֹיךְ דֶר וָוס זָאגְט נָאךְ אָמֵן אִיז גְלַייךְ אַז ווִיא אַיין עֵדוּת · נוּן וֶוען יוֹא עֶס אִיז אַזוֹ אַגְרוֹסִי זַאךְ · דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר גְוָארְנְט זַיין דְרוּנְן · אַז ווִי אִיךְ וֶועל דָא בַּשֵׁיידוּן · אִיטְלוּכֶר אִיז מְחוּיָיב נָאךְ צוּ זָאגִין אָמֵן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה · דָס עֶר זָאל גְלֵייבוּן אִין דֶר בְּרָכָה וָוס דֶר חַזָן זָאגְט אַז עֶס אִיז אַזוֹ גְוֶוען · אונ עֶס וֶועט אַזוֹ זַיין · אונ זָאל אַזוֹ לַאנְג מַאֲרִיךְ זַיין מִיטְ׳ן אָמֵן בִּיז עֶר זָאל דָס מְכַוֵּין זַיין · נִיט מֶער אונ נִיט ווִינְצִגֶר דוּא גְמָרָא זָאגְט וֶוער עֶס זָאגְט נָאךְ אָמֵן מִיט דֶער גַאנְצֶער כַּוָּונָה אֲפִילוּ עֶס אִיז אוֹף אִים נִגְזַר גְוָוארוּן בַּייז ח״ו פַר זוּבְּצִיג יָאר · אִיז עֶר עֶשׁ דֶער מִיט מְבַטֵּל · עֶס אִיז פַר הַאנְדוּן פוּל כַּוָּונוֹת אוֹף דֶעם אַלִים וָוס שְׁטֵייט דָא · אָבֶר דָס אִיז דֶר עִיקַר כַּוָּונָה חָס דֶר מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְן בְּשַׁעַת עֶר זָאגְט אָמֵן דְרוּם זָאגְט דִיא גְמָרָא עֶס זָאל קַיינֶר נִיט זָאגְן קַיין אָמֵן (חֲטוּפָה) · דָס הָט אִין זוּךְ צְווַיי טַייטְשְׁן · דָס עֶר זָאל נִיט זָאגְן מִיט אַיין פַּתָּח (אַמֵן) אוֹדֶר אִימֵן : נָאר עֶר זָאל זָאגוּן (אָמֵן) · נָאךְ אַטַייטְשׁ אִיז · (חֲטוּפָה) פַר צוּקְט · דָס עֶר זָאגְט אָמֵן אַיידֶר יֶענִיר לָאזְט אוֹיס דִי בְּרָכָה · דְרוּם זָאגְט בֶּן עַזַּאי וֶוער עֶס זָאגְט אַיין (אָמֵן חֲטוּפָה) וֶוערִין פַר צוּקְט זַיינִי יָאר ח״ו · דֶר נָאךְ זָאגְט דוּא גְמָרָא וֶוער עֶס זָאגְט אַיין אָמֵן (חֲטוּפָה) אַיילוּנְדִיג אונ פַאר צוּקְט אָן כַּוָּונָה · וֶוערוּן זַיינִי יָאר אַיילוּנְדִוּג פַר צוּקְט · אונ דֶר וָואס זָאגְט אַיין (אָמֵן יְתוֹמָה) כְּלוֹמַר עֶר ווַייסְט נִיט אוֹף וֶועלְכִיר בְּרָכָה עֶר זָאגְט דֶעם אָמֵן · אִיז זַיין עוֹנֶשׁ דָס זַיינִי קִינְדֶר וֶוערוּן יְתוֹמִים · אָבֶר דֶר וָוס אִיז מַאֲרִיךְ אַזוֹ לַאנְג ווִי אִיךְ הָאבּ אוֹיבְן גְשְׁרִיבְן דֶר לֵיינְגֶרְט מֶען אִים זַיינִי יָאר :

דֶער וָואס זָאגְט אָמֵן מִיט דֶר גַאנְצֶר כַּוָּונָה עֶפִינְט מֶען אִים דֶעם טוֹיעֶר פוּנֶם גַן עֵדֶן · אַז ווִיא דֶר פָּסוּק זָאגְט (וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שׁוֹמֵר אֱמוּנִים) עֶס זָאל אַרַיין קוּמֶן דֶר צַדִּיק וָוס ווַארְט מִיטְ׳ן אָמֵן בִּיז יֶענִיר לָאזְט אוֹס דוּא בְּרָכָה אונ זָאגְט עֶס מִיט גְרוֹס כַּוָּונָה · בְּשַׁעַת דֶער חַזָן הַאלְט (מוֹדִים) אִיז אִיטְלוּכֶר מְחוּיָיב זוּךְ צוּ בוּקְן · אונ זָאל זָאגְן (מוֹדִים דְרַבָּנָן) אונ זָאל אוֹס לָאזִין בָּרוּךְ אֵל הַהוֹדָאוֹת אָן אַשֵׁם · אונ זָאל זוּךְ נִיט צוּ שְׁטַארְק בוּקְן · דָס זַיין פָּנִים זָאל נִיט אוֹם קוּמֶן קוּגוּן דֶר עֶרְוָה · דוּא לַייט וָוס שְׁטֵיין נִיט אוֹף צוּ (מוֹדִים) · אונ בוּקְן זוּךְ נִיט · דָס אִיז אַיין עֲבֵירָה אִין דוּ אַנְדֶרוּ · אַיינְס עֶר זוּצְט בְּשַׁעַת דֶר חַזָן זָאגְט דוּ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · דָס אַנְדֶרִי עֶר בּוּקְט זוּךְ נִיט צוּ (מוֹדִים) · דִיא גְמָרָא זָאגְט וֶוער עֶס בּוּקְט זוּךְ נִיט צוּא מוֹדִים וֶוערְט פוּן זַיין (שִׁדְרָה) נָאךְ זַיין טוֹיט אַיין שְׁלַאנְג · דֶען אִיז דֶר דִין עֶר זָאל זוּךְ בּוּקְן גִישְׁווִינְד · אונ זָאל זוּךְ בַּאמֶעלִיךְ אוֹף הַייבִּין אַזוֹ ווִיא דוּא שְׁלַאנְג טוּט אונ עֶר טוּט דָס נִיט · דְרוּם וֶוערְט עֶר אַשְׁלַאנְג · ווֶען אַיינֶר הַאלְט אונ מִיטְ׳ן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · אונ דֶר חַזָן הָט אָן גְהוֹיבִּן צוּ זָאגוּן קְדוּשָׁה · זָאל עֶר שְׁטוּל שְׁווַייגוּן · אונ נָאר צוּא הֶערוּן אִין הַארְצְן · אַזוֹ אִיז אוֹיךְ דֶר דִין בַּיי מוֹדִים · זָאל עֶר צוּא הֶערוּן אִין הַארְצְן · אונ מֶאר זוּךְ נִיט בּוּקְן · סַייא עֶר הַאלְט אִין מוּטְן אַבְּרָכָה · אוֹדֶר תְּחִלַּת אוֹדֶר סוֹף פוּן דוּ בְּרָכוֹת וָוס מִידַארְף זוּךְ נִיט בּוּקְן · אַטַייל

זָאגְן מִיטָאר נִיט צוּא הֶערִין אִין הַארְצוּן אוּךְ · נָאר עֶר זָאל דַאוְונֶן כְּסֵדֶר :

**נָאךְ** שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה זָאל עֶר אוּם גֵיין (עוֹשֶׂה שָׁלוֹם) אַז וִוי אוּיבּוּן שְׁטֵייט אִין הִלְכוֹת בֵּית הַכְּנֶסֶת · דֶר נָאךְ זָאל מֶען זָאגוּן תַּחֲנוּן · פַאר נַאכְט זָאל מֶען פַאלוּן אוּף דֶער לִינְקֶר הַאנְט · אִין דֶר פְרִוּא אוּף דֶר רֶעכְטוּר אַז וִויא אוּבּוּן שְׁטֵייט · דֶר נָאךְ זָאל מֶען זָאגוּן (אַשְׁרֵי לַמְנַצֵּחַ וּבָא לְצִיּוֹן) : מֶען בַּדַארְף גְרוֹס כַּוָּנָה הָאבּוּן צוּ דֶר קְדוּשָּׁה פוּן (וּבָא לְצִיּוֹן) · דֶען עֶס אִיז אוּף תַּרְגוּם לָשׁוֹן · אוּךְ שְׁרַייבְּט דֶר טוּר אוֹרַח חַיִּים רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן גַּמְלִיאֵל זָאגְט פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי וֶועגוּן זִינְט דֶם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גְוָוארוּן וֶוערְט אַלִי טָאג גְמֶערְט קְלָוִיז קְלָלוֹת · אוּנ עֶס נִידֶרְט נִיט קֵיין טוּיא פוּן בְּרָכָה פוּנֶם הוּמָל : אוּף וָואס דֶען שְׁטֵייט דוּ וֶועלְט · אוּף דֶעם וָוס מִיזָאגְט וּבָא לְצִיּוֹן · אוּנ אוּף דֶעם (אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא) וָוס מִיזָאגְט נָאךְ דֶר דְּרָשָׁה · דֶם אִיז זֵייעֶר אַגְרוֹסִי מִצְוָה · דְרוּם מוּז מֶען עֶס זָאגִין מִיט גְרוֹס כַּוָּנָה · אוּנ אַז עֶר קוּמְט צוּא (בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ) זָאל עֶר זוּךְ פְרַייאוּן מִיטְּעֶן גַאנְצִין הַארְצוּן · אַז וִויא אוּיבֶן שְׁטֵייט דֶער מָשָׁל דֶר פוּן · דֶר נָאךְ זָאל דֶער חַזָּן זָאגוּן גַאנְץ קַדִּישׁ · דֶער נָאךְ (עָלֵינוּ) אוּנ קַדִּישׁ יָתוֹם · אוּנ עֶר זָאל נִיט בַּאלְד אַרוֹס גֵיין פוּן דֶער שׁוּל אַז וִויא אַיין אִשָּׁה טוּט · דֶען עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר פַאטוּרְט אַרָאפּ פוּן זוּךְ אַמַשָּׂא ח״ו · נָאר עֶר זָאל זִיצוּן אַבִּיסוּל · אוּנ דָאס אִיז אוּיךְ אַגְרוֹסִי מִצְוָה · אַז וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ עוֹד יְהַלְלוּךָ סֶּלָה) · אוּם מָאנְטִיג אוּנ דָאנֶרְשְׁטוּג זָאגְט מֶען לַאנְג (וְהוּא רַחוּם) אוּנ ה׳ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל) דֶען דָם וֶוענִין דוּ צְוַויי טֶעג וָוס הקב״ה הָאט מוֹחֵל גִיוֶועֶן צוּ דוּא יִשְׂרָאֵל אוּף דֶעם חֵטְא (עגל) דֶען אַז זֵיי הָאבֶן דֶר נָאךְ תְּשׁוּבָה גִיטָאן דֶהט גָאט ב״ה גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה גֵייא אוּף צוּא מִיר אוּפֶן בַּארְג סִינַי וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבִּין אַנְדֶערוּ לוּחוֹת אוּף דֶעם אוֹרְט פוּן דוּ עֶרְשְׁטוּ וָוס דוּ הָאסְט צוּ בְּרָאכוּן · דָא אִיז מֹשֶׁה אַרוּף גִיגַאנְגוּן אוּנ דָאנֶערְשְׁטוּג אוּנ הָאט זוּךְ דָארְטוּן גְזוּמְט פֶערְצִיג טָאג אוּנ פֶערְצִיג נֶעכְט · אוּנ אִיז וִוידֶר אַרָאפּ גְקוּמֶן אוּם מָאנְטוּג · הָט אִים הקב״ה אַבְּשׂוֹרָה טוֹבָה גְזָאגְט סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶיךָ) אִיךְ הָאבּ פַר גוּבִּין אַז וִוי דוּ הָאסְט גְבֶּעטוּן דוּ אַלִי פֶערְצוּג טֶעג אוּנ אוּךְ נֶעמְט מֶען אוּס דוּ סֵפֶר תּוֹרָה · אוּנ מֶען לַייעֶנְט צֶעהְן פְּסוּקִים אוּנ דֶר פַּרְשָׁה פוּן דֶר וָואךְ · אָבֶּר קֵיין הַפְטוֹרָה זָאגְט מֶען נִיט וַוייל · דֶם פָאלְק אַיילִין זוּךְ צוּא זֵייעֶר מְלָאכָה אוּנ הֶענְדִיל :

**אוּיךְ** דֶעסְט גְלַייכוּן אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט מֶען אוּיךְ קֵיין הַפְטוֹרָה נִיט פוּן דֶעם טַעַם וֶועגִין · אָבֶּר שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב זָאגְט מֶען יוּא אַיין הַפְטוֹרָה · תַּעֲנִית צוּא מִנְחָה זָאגְט מֶען אוּךְ אַיין הַפְטוֹרָה וַוייל דֶענְמָאלְט אַיילִין זוּךְ נִיט דָאס פָאלְק צוּ זֵייעֶר אַרְבִּיט · אוּנ אַטֵייל עֶרְטוּר זָאגְט מֶען (אֵל אֶרֶךְ אַפַּיִם) אוּם מָאנְטִיג אוּנ דָאנֶרְשְׁטוּג · אוּנ שַׁבָּת צוּ מִנְחָה אוּנ אִין אַיין תַּעֲנִית רוּפְט מֶען מֵיין נִיט אוּף נָאר דְרַייא אוּנ אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ רוּפְט מֶען אוּיף פִיר · אוּנ אוּם יוֹם טוֹב פִינִיף · אוּנ א״ם יוֹם כִּפּוּר זֶעקְס · אוּנ אוּם שַׁבָּת זִיבֶּן · בְּשַׁעַת לַייעֶנוּן מוּז זַיין אַמִנְיָן אוּנ אוּיבּ עֶס אִיז מֶער נִיטָא נָאר נַיין תְאמְטְשִׁי עֶס זֶענוּן פַר הַאנְדִין וַוייבִּיר אוּנ קוּנְדֶר וָוס זֶענוּן נָאךְ נִיט הַאלְט דְרַייצוּן יָאר טָאר מֶען נִיט לַייעֶנִין מִיט אַבְּרָכָה · אוּךְ אַז דֶער מִנְיָן זֶענִין אוּנ צְוַויי הֶדְרִים טָאר מֶען אוּךְ נִיט לַייעֶנִין מִיט אַבְּרָכָה · סַיידִין דֶר חַזָּן שְׁטֵייט אוּף דֶר טִיר וָוס פוּן אַיין חֶדֶר אוּנ אַנְדֶרוּן · דֶעם וָוס מֶען רוּפְט אוּף טָאר עֶר נִיט מַאכוּן דוּא בְּרָכָה בִּיז דֶר חַזָּן וַוייזְט אִים וִוי מִיוֶועט אִים לַייעֶנִין אוּנ עֶר זָאל זוּךְ אוּם קֶערוּן אוּף אַזֵייט אוֹדֶר עֶר זָאל צוּא מַאכוּן דוּא סֵפֶר תּוֹרָה בְּשַׁעַת עֶר מַאכְט דוּ בְּרָכָה · כְּדֵי מִיזָאל נִיט מֵיינִין אַז דוּ בְּרָכָה שְׁטֵייט אוּנ דֶר סֵפֶר תּוֹרָה · אַזוּ אִיז אוּךְ דֶער דִין בַּיי דֶר אַנְדֶרוּר בְּרָכָה וָוס נָאךְ דֶעם לַייעֶנוּן · אוּנ מִיזָאל דוּא מֶענְטְשׁוּן דוּרְךְ אַנַאנְד אוּף רוּפֶען · אוּנ דֶעם וָואס מֶען רוּפְט אוּף צוּם הוּנְטֶרְשְׁטוּן זָאל בְּלַייבּוּן שְׁטֵיין אוּיפֶן בְּלֶעמִיר בִּיז מֶען הֵייבְּט אוּף דוּא סֵפֶר תּוֹרָה אוּנ זָאל זוּא בַּלֵייטוּן אַז וִוי דֶר בַּעַל גְלִילָה · דֶם פִיל לַייט זָאלִין זוּא בַּלַייטוּן · אוּנ טוּן אִיר כָּבוֹד · נָאךְ דֶעם לַייעֶנוּן הֵייבְּט מֶען אוּף דוּ ס״ת אוּנ מֶען וַוייזְט דָאס כְּתַב אִיטְלוּכֶען מֶענְטְשׁוּן דְרוּם גֵייט דֶער בַּעַל הַגְבָּהָה אוּיף אַלִי זֵייטוּן אַזוּ וִויא דֶר סֵדֶר אִיז · אַטֵייל קְהִילוֹת זָאגוּן תְּחִנּוֹת אוּנ (יְהִי רָצוֹן) אוּנ אַטֵייל זָאגוּן (אַב הָרַחֲמִים) נָאךְ דֶעם לַייעֶנוּן · אִיטְלוּכִי שְׁטָאט וִוי אִיר מִנְהָג אִיז · דֶער נָאךְ זָאגְט מֶען (אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיּוֹן) :

דיא צייט פון מנחה איז נאך זעקס שעה מיט אהאלבו אופון טאג · אונ מיר רעכנין תמיד דעם טאג פאר צוועלוף שעה · אונ אוף דוא נאכט פאר צוועלוף שעה · סייא אום זומר סייא אום ווינטר · אונ דוא צייט פון מנחה איז דרייא שעה · דהיינו ביז ניין שעה · מיט אהאלבו אופון טאג · דס הייסט מנחה גדולה · רבי יהודא זאגט דוא צייט איז ביז עלף שעה מיט אפערטול אופון טאג דס איז דרייא פערטול שעה פאר נאכט · אונ וויא איטלוכר וויל זאל ער טאן · נאר ער זאל זעהן ניט צו פאר זומן דוא צייט · דרום זאל זיך איטלוכר אין זון אריין נעמן ניט צוא פאר זומן דוא צייט פון מנחה · דען דיא תפלת מנחה איז מער אן גינומן ביא הקב"ה פון אלו תפלות · אזו וויא מיר גפונן אוך ביא אליהו דס זיין תפלת מנחה איז דער הערט גיווארן אונ עס איז ארויס גיקומן אפייאר פונם הומל פאר דוא אוגן פון כל ישראל אונ דס איז דער טעם דרום איז דוא תפלת מנחה מער אן גינומן · וייל דענמאלט האט דר מענטש זיינו רעכטו עסקים · אונ ער בצווינגט זיין יצר הרע אונ גייט אונ טוט תפלה פאר הקב"ה · דען הקב"ה האט לוב דוא לייט וואס בצווינגן דעם יצר הרע · אונ האט פיינט דוא לייט וס צוהן אים נאך · דרום האבן דוא חכמים פאר באטן דס קיינר זאל זיך ניט זעצן עסן אודר אן הייבן אמלאכה פאר מנחה אפילו ער וועט זוא קאנטשון פאר מנחה · ביז ער זאל פרור דאווינון מנחה · אונ וען איינר האט אן גיהובן איין מלאכה אודר דר האט זיך גיזעצט צו איין סעודה איז ער מחוייב אוועק צו ווארפון אונ דאווינון מנחה · דען דו תפלת מנחה איז חשובר ביא הקב"ה פון דוא קטורת אונ קרבנות · אז וויא דער פסוק זאגט עס זאלון אן גינומן ווערון מיינו תפלות מער פון דוא קטורת אונ מער וויא איך וואלט אוף גיהובן מיינו הענט צו ברענגן קרבנות דאס מיינט מען תפלת מנחה:

אין איין תענית מוז מען מיין כוונה האבן צוא מנחה איידער אנאנדרט מאל · דען דענמאלט איז מען הונגרוג אונ מיד · אונ דאס לייב איז דער שלאגון · אז וויא דער פסוק זאגט (תפלה לעני כי יעטוף) דאס מיינט מען דוא תפלה פון איין עני וואס ווענד זיך ארום מיט אן מכטקייט ער פאר גיסט זיין תפלה פאר גאט מיט כוונה · איטלוכר איז מחוייב זיינו הענט צו וואשן איידר ער קומט אין שול אריין · אפילו איינר זוצט אובר איין ספר אונ לערנט טאר ער · דער נאך ניט דאווינון ביז ער מוז פרור דוא הענט וואשין · וען איינר האט אבר קיין וואסר ניט איז ער מחוייב צו גיין איין מייל וועגם ווייטר פון וואסר וועגון · אונ צריך איז ער נאר מחוייב גיין אתחום שבת אונ מער ניט · אבר אז עס שון שפעט דם ער וועט מיט זיין גיין עובר זיין דעם זמן תפלה: אודר עס איז אום מוגלוך וואסר צו קרוגון · זאל ער אפ רייבון זיינו הענט אין דר וואנט:

מען דארף זאגון (אשרי) פאר שמונה עשרה אז וויא דוא גמרא זאגט דער וואס זאגט אשרי דרייא מאל אלו טאג דער איז בוודאי איין בן עולם הבא · דער טעם איז וייל דרונן שטייט (רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם) הקב"ה טוט דם ווילן פון זיינו פארכטור אונ דער הערט זייער גישרייא אונ העלפט זייא · אזו וועט ער דר נאך דאווינון שמונה עשרה מיט אפרייליך גימיט · דו גמרא זאגט עס זאל קיינר ניט שטעלון שמונה עשרה · (בקלות ראש) דס מיינט מען אז ער רעט פרור פאטשטון · אודר מכ"ש דברים בטלים · אודר ער איז אין צארון · גייארט דורך פריידון אונ פארכט אונ זאל אביסול ווארטון פאר שמונה עשרה אונ נאך שמונה עשרה אזו וויא ביא שבת ביסטו מחוייב מוסיף צו זיין (מחול על הקודש) פרור אונ דר נאך · אזו אוך ביסטו מחוייב בכבוד האלטון אונזרו שולן וואס זיי זענון אוף דעם אורט פונם בית המקדש פארון דאווינון אונ דער נאך · אוך זאגט דיא גמרא אפילו איין חרובי שול ביסטו אוך מחוייב נוהג כבוד זיין · אז וויא דר פסוק זאגט (והשימותי את מקדשיכם) איך וועל פר וויסטון אייער בית המקדש · נוא ווערט עס דאך גירופן בית המקדש האטשו סאיז שון וויסט אונ די קדושה איז נאך דרוף וען איינר גייט אין שול אריין אמיצון ארום רופן אודר עפוס ארום טראגון אונ אריין טראגון איז ער זיך מחוייב אין שול אנודר זעצן אונ זאל זאגון עטלוכו פסוקים וייל די שכינה רואט דרונן · אונ אוב ער קען קיין פסוק ניט זאל ער זאגון (אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה) קאן ער דם אוך ניט זאל

שְׁוִי אַזוֹ בְּלַייבּוּן זוּצֶן אַיין וַויילֶה · אוּנ זָאל זִיךְ גְדֶעוְקִין וָועון עֶר וָואלְט גְגַאנְגוּן פַר אַמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם אִין זַיין חֶדֶר אַזוֹ וָואלְט עֶר דָאךְ גְגַאנְגוּן מִיט גְרוֹס מוֹרָא · מכ״ש פַר דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הקב״ה · אוּנ נִיט אַזוֹ וִוי אַטַייל לַייט מַאכוּן אַגִישְׁרַייא נָאךְ דֶעם דַאוִוינוּן וִוי אִין אַבִּיר הוֹז אוּנ אוֹפְט קְרִיגֶן זִיי זִיךְ אִין שׁוּל · דָס אִיז אַיין הַארְבּוּ עֲבֵירָה צוּ דִי זֶעלְבּוּגוּ לַייט וָוס טוּאָן אַזֶעלְכוּ בּוּטְרִי עֲבֵירוֹת אִין דִי לוּבּוּ שׁוּלֶן :

נוּן אִיר לוּבּוּ לַייט אִיךְ וֶועל אַייךְ לֶערְנוּן וָוס אִיר זָאלְט טָאן אַז עֶס זָאל אוֹף אַייךְ פַאלוּן דִי מוֹרָא פוּן גָאט · אִיר זָאלְט זִיךְ אוּם קֶערוּן מִיטוּן פָּנִים צוּ דֶר וַואנְט דָאס אִיר זָאלְט קֵיינוּם נִיט זֶעהֶן אִין דוּא פוּר אַיילוּן בְּשַׁעַת דַאוִוינוּן אוּנ טְרַאכְטֶן פַר וֶועמוּן אִיר שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ רֵיידוּן · וֶועט אַייךְ בְּוַדַאי אַיין מוֹרָא אָן חַאפּוּן אוּנ דֶר וָוס הָט נִיט קֵיין שְׁטָאט צוּ דֶר וַואנְט זָאל עֶר אַרָאפּ הַאלְטוּן זַיינוּ אוֹגוּן אוּנ זָאל אוֹף קֵיינוּם נִיט קוּקוּן אוּנ וֶוער עֶס בַּגֶערְט דָאס צוּ טָאן הֶעלְפְט אִים הקב״ה דֶער צוּ · אַז וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט (הַבָּא לִטַהֵר מְסַיְיעִין לוֹ) וָוער עֶס קוּמְט זִיךְ רַיינוּגוּן הֶעלְפְט מֶען אִים פוּנֶם הוּמֶל · (הַבָּא לְטַמֵא כו׳) אוּנ וֶוער עֶס קוּמְט זִיךְ מְטַמֵא זַיין מִיט זַיינוּ בַּייזוּ מַחֲשָׁבוֹת בַּקוּמְט עֶר אוֹךְ זַיין בַּגֶער · דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר אוֹף זִיךְ נֶעמוּן דִי מוֹרָא פוּן גָאט · דֶר מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר אָן הֵייבּוּן · אַז וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת) אַלֵי אָן הֵייבִּינְס אִיז שְׁוָוער אָבֶּר דֶר נָאךְ קוּמְט עֶס אִים גְרוּנְג אָן · אִיר לוּבּוּ לַייט לָאז אַייךְ דוּא (יִרְאָה) קֵיין קְלֵיינוּ זַאךְ נִיט זַיין · דֶען דִי וֶועלְט אוּנ יֶענִי וֶועלְט הֶענְגְט דְרוּנוּן אַז וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה׳ אֱלֹהֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה׳ אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ) מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע״ה הָט גְזָאגְט צוּ יִשְׂרָאֵל נוּן וָוס בַּגֶערְט הַשֵּׁי״ פוּן דִיר נָאר דִי זָאלְסְט זִיךְ פָארְכְטוּן פַר גָאט דַיין גָאט מִיט דַיין גַאנְצִין הַארְצוּן אוּנ לַייבּ נוּן זֶעהֶן מִיר אַז אוּנְזֶר גְלַייבּוּן הֶענְגְט אִין גָאטְס פָארְכְט דֶען דֶער זֶעלְבּוּגֶר מֶענְטְשׁ וָוס פָארְכְט זִיךְ פַר גָאט טוּט נִיט בַּאלְד קֵיין עֲבֵירָה · אוּנ אַלֵי מִצְוֹת קוּמֶן אִים גְרוּנְג אָן אוּנ עֶר הָט דִיא וֶועלְט אִין יֶענוּ וֶועלְט אוּנ דֶר מֶענְטְשׁ וָוס פָארְכְט זִיךְ נִיט פַאר גָאט אִיז בַּיי אִים אַלְס פַאר קֶערְט · אוּנ עֶר אִיז אַז וִוי אַיין גוּף אָן אַנְשָׁמָה אַז וִויא עֶס וֶועט נָאךְ בְּעָסוּר בַּשַׁיידְט וֶוערוּן אִין פֶּרֶק (עִנְיַן הַמִצְוֹת) :

דֶער וָוס גֵייט אוֹהֵד עֶר פָארְט אִין וֶועג אוֹדֶר עֶר רַייט אוֹף אַיין פֶערְד · אוּנ עֶס קוּמְט דִי צַייט צוּ דַאוִוינוּן זָאל עֶר אַזוֹ דַאוִוינֶן גַייאוּנְדוּג אוּנ זוּצִינְדוּג אוֹדֶר רַייטוּנְדוּג אֲפִילוּ עֶר קוּמְט נִיט אוּם מִיט זַיין פָּנִים קֵיין מִזְרָח דֶען אַז עֶר וֶועט זִיךְ אַנוּדֶר שְׁטֶעלוּן וֶועט עֶר קֵיין כַּוָּונָה נִיט קֶענוּן הָאבּוּן וַוייל עֶר אַיילְט צוּ זַיין וֶועג · אַטַייל לַייט זֶענוּן זִיךְ יוּא נוֹהֵג אַנוּדֶר שְׁטֶעלוּן צוּ דֶעם עֶרְשְׁטוּן פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע דָס אִיז (שְׁמַע יִשְׂרָאֵל) אוּנ צוּא דוּא הִינְטֶרְשְׁטוּ דְרַייא בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה · כְּדֵי זַייא זָאלוּן קֶענוּן אוּם גֵיין (עוֹשֶׂה שָׁלוֹם) · דָס אִיז אוֹךְ רֶעכְט · אוּנ דֶער וָואס דַאוִוינְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה רַייטוּנְדוּג אוֹפוּן פֶערְד · זָאל עֶר עֶס פוּרוּן דְרַייא טְרִיט אוּנְטֶר זִיךְ צוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם דְרוּם אוֹךְ וֶוער עֶס פָארְט אִין אַיין וָואגוּן אוֹדֶר אִין אַשְׁוִוף אוּב עֶר קֶען זִיךְ שְׁטֶעלוּן אִיז זַייעֶר גוּט וֶוען אֵיינֶר אִיז אִין וֶועג אִין אַיין מְקוֹם סַכָּנָה דָאס עֶר קֶען נִיט זַיין תְּפִלָּה פוּן עוֹשֶׂה שָׁלוֹם וֶועגוּן · אוּנ אִיטְלוּכֶר זָאל טָאן : זָאל עֶר זָאגוּן דוּא קוּרְצוּ תְּפִלָּה וָוס שְׁטֵייט אִין (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ק״י) · אוּנ זָאל עֶס זָאגוּן בַּאלְד אַז עֶר גֵייט אַרוֹס פוּן זַיין הוֹז : זִיךְ אוֹף שְׁרַייבּוּן דוּא (תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ) · אוּנ אַז עֶר הָאט פַאר גֶעסוּן אוּנ עכ״פ זָאל קֵיין מֶענְטְשׁ · נִיט גֵיין קֵיין מַייל אָן (תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ) · אוּנ אַז עֶר הָאט פַאר גֶעסוּן זָאל עֶר עֶס נָאךְ זָאגוּן בִּיז אַיין תְּחוּם שַׁבָּת פוּן דֶער שְׁטָאט וָואס עֶר וַויל דָארְט בְּלַייבּוּן נֶעכְטוּגוּן · אַזוֹ וֶוערְט עֶר אִיטְלוּכֶר אִיז מְחוּיָיב גְוָוארוּנְט צוּ זַיין צוּ לַייאָנוּן קְרִיאַת שְׁמַע אוֹף זַיין בֶּעט · אַזוֹ וֶוערְט עֶר בַּשֶׁערְמוּנְט פַאר רוּחוֹת רָעוֹת אוּנ פַאר אַלוּ מַזִיקִים ר״ל · אוּנ עֶר זָאל אַזוֹ לַאנְג לַייאָנוּן קְרִיאַת שְׁמַע בִּיז עֶר וֶוערְט אַנְטְשְׁלָאפוּן · אַזוֹ וֶועט אִים נִיט צוּא קוּמֶן קֵיין בַּייזוּ חֲלוֹמוֹת דוּא זֶעלְבּוּגוּ נַאכְט וַוייל עֶר אִיז אַנְטְשְׁלָאפוּן גִיוָוארוּן פוּן דִבְרֵי תּוֹרָה :

אוֹךְ זָאל אִיטְלוּכֶר גִיוָוארוּנְט זַיין דָאס עֶר זָאל זַיין בִּצְנִיעוּת אִין זַיין קַאמוּר · אוּנ זָאל זַיין הֶעמְד נִיט אוּם טָאן בִּיז עֶר לֵייגְט זִיךְ אִין בֶּעט אַרַיין · אוֹךְ אִין דֶער פְרִיא זָאל עֶר עֶס אָן טָאן

בצניעות דאס דוא פור ווענט זאלון ניט זעהן זיין בלוז לייב · דער כלל פון דער זאך איטלוכר זאל גידענקון (מלא כל הארץ כבודו) אז דער כבוד פון הקב"ה איז אובר דער גאנצר וועלט אונ דוא קענסט זיך ניט פאר באהגון פאר אים: דער צדיק וום הט גאטס פארכט אין זיך איז ער גווים מדקדק אין אלו זיינו מעשים אונ עס דאכט זיך אום תמיד ער שטייט פאר הקב"ה. אזו וויא דוד המלך ע"ה האט גיזאגט (שויתי ה' לנגדי תמיד) איך טוא גאט יתברך צו קעגון מיר תמיד: אוך האט ער זיין זון שלמה צוואה גילאזט (בכל דרכיך דעהו) אין אלו דיינו וועגון אונ מעשים גידענק אום · אונ לאז זיך דור דאכטון דוא שטייסט פאר הקב"ה · אין דוא צוויא פסוקים הענגט (כל התורה כולה) · אונ דער זעלבוגר מענטש וואס האט גאטס פארכט אין זיך גידענקט ער אין דוא פסוקים אונ ער ווערט בוודאי קיין עבירות ניט טואן אונ דוא מצות קומן אים גרונג אן · אונ איז ארעכטור צדיק אונ חסיד · אבר דער וואס איז ניט קיין גאטס פארכטר העלפט אים ניט אפילו קיין הונדרט פסוקים: דען ער קערט זיך ניט דרונון אונ גייט נאך דעם יצר הרע · אונ ער איז פון דוא רעכטו רשעים וואס הקב"ה האט פיינט אונ זייער תפלה ווערט ניט דער הערט · אבר דוא תפלה פון צדיקים איז גלובט אין גאטס אוגון אונ ער גלוסט דער צוא:

## סליק הלכות תפלה: בעזו"ת האל אשר לו נאה תהלה:

### איידר איך וועל שרייבון דעם אנדרון פרק וועל איך שרייבון איין הג"ה:

דיא (יראה) אונ (אהבה) פון הקב"ה איז גיטיילט אוף צווייאן · עס איז פאר האנדרון איין מענטש וואס פארכט זיך פאר הקב"ה. דס ער ווערט אים שטראפון אין זיין לייב אונ גיטס · אודר ער פארכט זיך פארון גיהנם: דוא זעלבונו יראה איז זייער גוט דאס ער פארכט זיך תמיד פאר הקב"ה: אז דער פסוק זאגט (למען תהיה יראתי על פניכם לבלתי תחטאו) דרום זאל זיין דוא פארכט פון גאט אוף אייך כדי איר זאלט ניט זונדוגן · אבר עס איז נאך פאר האנדרון אבעסרו יראה דער פון דס איין מענטש פארכט זיך פאר הקב"ה וייל ער איז אגרוסר הער אונ הט אין זיך זייער פיל מעלות גדולות · דער זעלבוגר וואלט זיך גיפארכטון פאר הקב"ה ווען אפילו עס זאל קיין עונש ניט זיין · דאס איז דוא רעכטו יראה · אוף דעם הט משה רבינו ע"ה גיזאגט וואס בגערט הקב"ה פון אייך ניט מער נאר איר זאלט זיך פארכטון פאר אים דער וום האט דוא מדה אין זיך וואול צו אים אבר דער וואס פארכט זיך פאר עונש איז עס ניט קיין רעכטו יראה · דען ווען ניט דער עונש וואלט ער עובר גיוועון אוף אלו עבירות אונ וואלט נאך גיגאנגון דעם יצר הרע · אוף דעם זעלבוגון זאגט דר פסוק (ויראת מאלהיך אני ה') זאלסט זיך פארכטון פאר דיין גאט: דען איך בין גאט וואס קען שטראפון:

דיא (אהבה) איז אוך גיטיילט צווייא חלקים · עס איז פאר האנדרון א מענטש וואס האט לוב הקב"ה פון שכר וועגון · דהיינו דאס ער האט אים גיגעבון עושר אונ כבוד · אודר ער זאל אים געבן גן עדן · אודר פון עולם הבא וועגון עס איז וואול גוט דאס ער האט זיין בטחון אוף הקב"ה: אבר עס איז ניט דוא רעכטו (אהבה) דען ווען ניט דאס וואלט ער אוועק גילאזט דוא (אהבה) · דיא אנדרו איז דוא רעכטו (אהבה) דאס איין מענטש האט לוב הקב"ה ניט פון שכר וועגון נאר ער בגערט תמיד צו דונון צו זיין היילוגון נאמון אונ צו טאן זיין רצון פון ליבשאפט וועגון גלייך אזו וויא איין קונד וואס האט לוב זיין פאטר אזו וויא (אברהם אבינו) האט גיטאן דאס ער האט זיך גילאזט אין פייאר ארייין ווארפון פון קידוש השם וועגון; אונ אזו אוך (חנניה מישאל ועזריה) אונ נאך פול צדיקים אונ חסידים האבון מקדש השם גוועז · אונ האבון זייער לייב אונ גיטס ניט גיאכט קעגן דר ליבשאפט פון הקב"ה: וואול צו דעם מענטשן וום איז זוכה צו קומן צו דיא מדה וואול צו זיינו עלטרן · אונ זיינו קונדר אונ קונדס קונדר דורי דורות גנוסין זיין זכות:

דר פרק רעט פון תשובה וויא מיזאל תשובה טאן:

שובה ישראל עד ה' אלהיך כי כשלת בעונך) דר נביא שטראפט די ישראל און זאגט טו תשובה צו גאט דיין גאט דען דו בוסט זייער געשטרוכולט אין דיינע זינד · (רבי לוי) זאגט די תשובה איז אגרויסע זאך דס זיא גרויכט ביז אין דעם כסא הכבוד · ווי דער פסוק זאגט (שובה ישראל עד ה' אלהיך) דאס מיינט ביז אין דעם כסא הכבוד · אויך זאגט דר פסוק (אם תשוב ישראל אלי תשוב) ווען איר ישראל וועט תשובה טאן וועט אייער תשובה גרייכן ביז צו מיר צו מיין כסא הכבוד : (רבי יהודא בר סימון) זאגט טוט תשובה ישראל ווען אפילו איר הט פאר לייקנט אזו גאט ח"ו דס איז דאך די ארגסטע עבירה העלפט פארט תשובה : אזו ווי מיר גיפונן דאס די ישראל האבן עטליכע מאל עבודת כוכבים גדינט · און הקב"ה הט זיי אובר געענפרט צו די פיינט אין די הענט אריין דר נאך אז זיי האבן תשובה געטאן האט גאט יתברך זיא אן גנומן און הט זייא גשוקט איין נביא און ער האט זייא גיהאלפן פון זייערע פיינד · און האבן גטאן נקמות אין זייערע פיינד · פון דעם לערנן מיר אז דיא תשובה העלפט אויף אלע עבירות אין דער וועלט · אז וויא עס וועט דא נאך בעסור בשיידט ווערן · רבי אליעזר זאגט דר מנהג איז אז איין מענטש איז מבזה זיין חבר · פאר לייט און דר נאך בעט ער אים אובר זאגט ער צו אים בעט מיך אובר פר לייט וועל איך דיר מוחל זיין אבר אליין וויל איך דיר ניט מוחל זיין · אבר הקב"ה איז ניט אזוא ווען אוינר טוט איין עבירה פר לייטן אודר ער שענט און איז מבזה פר לייטן · דר נאך אז ער שטעלט זיך אין זיין חדר אליין און וויינט און פאסט און טוט תשובה און בעט מחילה פון הקב"ה דא איז ער אים מוחל :

און הקב"ה האלט אויף זיין צארן · און האפט אויך דר תשובה פון די רשעים · אז ווי מיר גפונן גפונן ביי משה רבינו ע"ה אז ער איז ארויף גקומן אויפן הוימל הט ער גזעהן דס הקב"ה האט גישריבן (ה' ארך אפים) גאט ית' האלט אויף זיין צארן טאמער וועט ער תשובה טאן · האט אים משה רבינו ע"ה גיפרעגט פאר וועמן שרייבסטו דאס · האט אים הקב"ה גיענפערט פאר דוא צדיקים און פאר דוא רשעים · האט משה רבינו גיזאגט דוא רשעים לאזן באלד פלארן ווערן · און זייא זיא דן מיט דיין צארן · האט הקב"ה גיזאגט משה דוא וועסט נאך קומן דער צו · און אז דוא ישראל האבן גיזונדיגט מיטן עגל און מרגלים האט משה גיבעטן (ה' ארך אפים) : האט אים הקב"ה גיענפערט משה דוא האסט דאך גיזאגט דוא רשעים לאזן פלארן ווערן האט משה אן גיהובן און גיזאגט (ועתה יגדל נא כח ה' כאשר דברת לאמר) אצונד לאז זיך דער גרייסן דער כח פון גאט וויא דוא האסט גירעט צו זאגן דאס דוא דער לענגירסט דיין צארן צו דוא רשעים : האט הקב"ה גיזאגט יוא איך וועל אויף האלטן מיין צארן אוב זייא וועלן תשובה טאן · אויף אלע דוא עבירות האלט אויף הקב"ה זיין צארן · אבר ניט אויף דער עבירה פון זנות · דען פון וועגן זנות קומט איין אום קומעניש אויף דער וועלט ר"ל · אז וויא עס איז ווישונגלייך · עס איז אגרויסע זאך דוא תשובה · און ווען מען זאל רעכט תשובה טאן וואלט באלד גיקומן דוא גאולה :

דיא גמרא זאגט אז ישראל וועלן תשובה טאן וועלן זייא אום · גילייזט ווערן פונם גלות · און אוב ניט וועלן זייא ח"ו ניט אום גילייזט ווערן · אזו זאגט רבי אליעזר · רבי יהושע זאגט אפילו זיי וועלן קיין תשובה ניט טאן וועלן זייא אויך דער לייזט ווערן · און ווען דוא צייט וועט קומן פונם קץ וועט הקב"ה אויף שטעלן איין שלעכטן מלך וויא (המן) · ער וועט מאכן פול בייזע גיזעץ און גזירות · דא וועלן ישראל מוזן תשובה טאן · אזו וועט זיין דוא גאולה · און משה רבינו ע"ה האט אונז דרויף פאר זוכרט ווען מיר וועלן תשובה טאן וועט הקב"ה מקבל זיין אונזר תשובה · און וועט אונז דער לייזן פונם גלות · אזו וויא דער פסוק זאגט (ושבת עד ה' אלהיך ושמעת בקול וגו') : אז וויא עס וועט נאך בעסור בשיידט ווערן אין פרק פון דער גאולה · רבי יהושע בן לוי זאגט דוא תשובה איז אגרויסע זאך · דאס אפילו דוא עבירות ווערן אים גירעכנט פאר מצות · און דוא תשובה דער לענגערט אים זיין לעבן אויף דר וועלט און אויף יענער וועלט · אזו ווי דער פסוק זאגט (בשוב רשע מרשעתו ועשה משפט וצדקה חיו יחיה) אז דער רשע קערט ווידר פון זיין שלעכטן און טוט משפט און צדקה דער לענגערט אים הקב"ה זיין לעבן אויף דער וועלט · און אויף יענער

וועלט · (רבי חמא בר חנינא) זאגט דו תשובה איז זייער גרוס דאס זיא ברענגט ארפואה אוף דר וועלט · אזו וויא דער פסוק זאגט (שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם) טוט תשובה איר זונדיגע לייט וועל איך אייך שוקן איין רפואה אוף דער וועלט :

רבי אליעזר זאגט קום אונ זעה וויא איין גרוסי זאך איז דוא תשובה · הקב"ה איז ניט וויא איין מענטש · דען אז איין מענטש דער צערונט דעם אנדרון · דער נאך וויל ער אים אובר בעטון · אזו איז אים אספק אוב ער וועט אים מוחל זיין אונ אוב ניט · אוך איז אים אספק טאמר דארף ער צו אים שוקן לייט · אודר ער זאל אים אובר בעטן מיט געלט · אבר הקב"ה איז גיט אזו · ער בגערט ניט מען זאל צו אים שוקן לייט אונ אוך קיין געלט · נאר ווערטור אונ אגוט הארץ · אזו וויא דער פסוק זאגט (קחו עמכם דברים ושובו אל ה') נעמט מיט אייך רייד אונ קערט ווידר צו גאט · אזו וועט אור בקומן אל דאס גוטס · אוך זאגט דער פסוק (מודה ועוזב ירוחם) דער וואס בקענט זיינו זונד אונ פאר לאזט זיא ווערט ער דער בארומט · אונ זיין רייד אונ ווידוי וואס ער זאגט פאר הקב"ה איז גלייך אז ער וואלט גיבראכט אלו קרבנות פון דער וועלט · אונ ווען ניט תשובה וואלט דוא וועלט קיין קיום ניט גיהאט · אוך הקב"ה האט ניט גיוואלט בשאפן דוא וועלט ביז ער האט פרור בשאפון דוא תשובה · אונ דאס איז איינס פון דוא זובן זאכון וואס זענין בשאפון גיווארון איידר דוא וועלט איז בשאפון גיווארון · דען הקב"ה האט גוויסט דאס דר מענטש ווערט בשאפון מיטן יצר הרע · אזו וועט ער בוודאי זונדיגן · נוא ווען הקב"ה זאל אים משפטין נאך זיינו מעשים נאך אזו וואלט דוא וועלט קיין קיום ניט גיהאט · דרום האט הקב"ה בשאפון דוא תשובה · אונ ער האלט אוף זיין צארון אונ דער בארומט זיך אובר דעם וואס טוט תשובה · אזו וויא מיר גפונן אין פסוקים דאס הקב"ה איז מקבל תשובה אוף דוא גרעסטו עבירות אין דער וועלט · אזו וויא איך וועל בעסור בשיידון · הקב"ה האט אן גינומן דוא תשובה פון קין אונ פון אדם הראשון אונ פון ראובן אונ יהודא · אונ פון (אחאב מלך ישראל · אוך מנשה האט פול ארבי עבירות גיטאן ווס זענון פאר באטון אין דר תורה · האט דאך הקב"ה מקבל גיוועז זיין תשובה אונ אוך דוא תשובה פון דער שטאט נינוה · אונ פון דוד המלך :

נון זעהן מיר דאך אז סייא דו תשובה פון איהיד סייא דו תשובה פון רבים · סייא פון דעם ווס הט גטאן ארבי עבירות סייא פון דעם ווס האט גיטאן גרונגי עבירות · סייא פון אמלך איז דאך הקב"ה אלץ מקבל · דרום הט הקב"ה אן גשריבן דו עבירה פונם עגל · פר ווס זאל איטלכר נוט טון תשובה בציטון איידר ער גייט אוועק פון דר וועלט · דען אלי שעה דארף דר מענטש מורא האבין פארון טויט · אונ דר נאך העלפט אים קיין תשובה ניט · אז ווי מיר גיפונן אין דר גמרא (רבי שמעון בן לקיש) הט גיהאט צוויי חברים דס זיי פלעגין בנאנדר גנבנון אונ גזלונן · אמאל הט (רבי יוחנן) זוך גבאדין אין טייך · אונ (רבי שמעון בן לקיש) איז ארובר גיגאנגן דעם בריק אונ הט אים דר זעהן אזו הט ער באלד תשובה גטאן אונ איז גיגאנגון אבינט אונ מארגין אין שיל אונ אין בית המדרש ארייין · אונ הט גיטאן בלויז מעשים טובים · אמייל זאגין רבי יוחנן הט איהם גוואלט גיבן זיין שוועסטר פר אווייב הט ער זוא ניט גוואלט נעמין · דס מיזאל ניט זאגן ער הט דרום התורה גלערונט פון אשיין ווייב ווענגן · אונ אמייל זאגון ער הט זוא יוא גינומן · דס ער הט גוואלט זיין רבי יוחנן אשוואגיר · דעם טאג ווס (רבי שמעון בן לקיש) איז גישטארבן זענין זייני חברים אוך גישטארבן · דעם רבי שמעון זענין אקיגן גיגאנגון פיל מלאכים אונ פיל צדיקים אונ חסידים · אונ האבן אים גאר שיין אנטפאנגון · אונ האבן אים גיבראכט הונטר דעם כסא הכבוד ווי דו אנדרי צדיקים זוצן · אונ צו זייני צוויי חברים זענון אקיגן גיקומן מלאכי חבלה · אונ האבן זייא גיווארפן אין תהום פונם גיהנם · האבן זייא גיפרעגט ווארום טוט מען אן דעם רבי שמעון אזו אגרוסן כבוד · ער איז דאך גוועז אונזער חבר · דוא אונ דוא עבירה הט ער מיט אונז גטאן · הט מען זיי גענפורט ער הט תשובה גטאן · וואלט איר אויך תשובה גטאן וואלט איר אויך גהאט דעם כבוד · האבן זיי גיזאגט מיר וועלן נאך איין תשובה טאן פון איצט · הט מען זיי געענפרט

עס העלפט ניט קיין תשובה נאך דעם טויט · נאר פאר זיין לעבין :

אזו אויך האט שלמה המלך גיזאגט ווילסטו תשובה טאן טוא תשובה פר דיין לעבין · דען אין דם גרוב וואס דו גייסט אהין איז קיין תשובה ניט פר האנדון · דרום זאל זיך איטליכר בדענקון אונ זאל תשובה טאן בצייטון איידר ער שטארבט · אונ עס זאל קיינר ניט ווארטון אויף דער לעצטור שעה · דען אלי שעה איז דר מענטש ניט זיכר פארון טויט · דרום זאל איטליכר מענטש מיט זיך ברענגון תורה אונ מעשים טובים · דס איז דאס צורונג אויף יענור וועלט · עס איז אמשל איינער ווערט זיך אונ אשוף אונ פארט אויפן ים אז ער נעמט ניט מיט זיך קיין שפייז שטארבט ער דאך אין שיף פר הונגר · דען אויפן ים בקומט ער ניט קיין עסין אזו איז דם אויך ווער עס נעמט זיך ניט מיט קיין שפייז אויף יענור וועלט · דאס מיינט מען דוא תשובה אונ מעשים טובים · העלפט אום שון דארט קיין תשובה ניט · דרום זאל איטלוכר תשובה אונ מעשים טובים טאן אונ זיין יוגנט · דען אויף דר עלטור איז אים שון גאר שווער · צום ערשטון איז דר מענטש מחוייב צו וויסן דוא פיר זאכון וואס איך ווער דא שרייבין :

ווען איינר האט עובר גיוועזן אויף איין (מצות עשה) דאס איז אזו אמצוה וואס הקב״ה האט גיבאטון זוא יוא צוא טאן · דהיינו ער לייגט איין טאג קיין תפילין ניט · אודר ער זוצט ניט אין סוכה · אודר ער עסט אום גיוואשין · אודר ער בענטשט ניט קיין אתרוג · אודר אנדערו מצות עשה פון דו צוויי הונדרט אונ אכט אונ פערציג מצות עשה · דר נאך האט ער חרטה אונ טוט תשובה · איז אים באלד הקב״ה מוחל · אבר ווען איינער איז עובר אויף איין מצות לא תעשה דס איז איין (לאו) · דהיינו ער עסט חזיר אודר ער טרונקט (נסך אודר ער גייט אין שעטנז אודר דו איברגי (לאוין) · דר נאך אז ער טוט תשובה דרוף איז אים הקב״ה ניט מוחל ביז נאך (יום כיפור) · אבר אז ער טוט אזו איין ארבי עבירה וואס ער איז חייב מיתה אודר כרת · העלפט אים קיין תשובה אונ קיין (יום כיפור) אויך ניט ביז ער מוז אויף זיך נאך מקבל זיין יסורים אונ תעניתים · דענמאלט ווערט עס אים ערשט פר געבין · אבר אז איינר טוט איין עבירה וואס העגט דרונן חילול השם · דהיינו ער טוט איין עבירה בפרהסיא פר אמנין לייט · אודר ער שווערט שבועת שוא · אודר שבועת שקר · אודר שבועת חנם דר מיט איז דאך ביי אים גאר ניט גיאכט דר כבוד פון (השם יתברך) · אודר ער מאכט דם דוא אומות זאגון אז אונזער גלייבון איז חס ושלום ניט רעכט · אודר ער איז מחלל השם מיט זייני בייזו מעשים · אודר אתלמיד חכם וואס איז זיך ניט נוהג ווי מען דארף · דר מיט ברענגט ער דם דו עמי הארצים פר שעמהן דו תורה · אודר איין תלמיד חכם וואס טוט איין אום רעכט אונ ער מאכט דם דו לייט טון עס אים נאך · דעם זעלבוגון העלפט ניט ביז ער מוז האבין דוא פיר · תשובה אונ יום כיפור · אונ תענית · דר נאך אז ער שטארבט ווערט עס אים פר גובן · דוא פיר אירלייא תשובה דארף וויסען איטלוכר בעל תשובה :

נאך זענון פר האנדון זובן זאכון וואס איטלוכר בעל תשובה דארף זיי וויסען · דס · ערשטו ער מוז ליידון גיהנם פון וועגין זייני זונד · אונ מוז השבון אפ גובון אויף זייני מעשים וואס ער האט גיטאן ביי זיין לעבין ער זאל חיו זיך ניט נידאנקון עס איז ניט פר האנדון קיין דין ומשפט אויף יענער וועלט · דרום מאג איך טאן וואס מיין הארץ גלוסט · ווארום זאל איך פאסטין איך ווער בעסיר לעבין אין וואל טעג · דר וואס גדענקט זיך אזו אונ טוט קיין תשובה ניט · זאל ער וויסן דאס הקב״ה וועט אים ברענגון צום דין אונ משפט · ווי דר פסוק זאגט (על כל מעשיך יביאך אלהים למשפט) · אוף אלי דייני זאכון וועט דיך גאט ברענגון צום משפט סייא אוף דו גוטי סייא אוף דוא שלעכטי · אונ אפילו דו פר הולטו זאכון וואס דו מיינסט עס איז שוין לאנג פר געסון אונ דוא וועסט גיצאלט ווערון נאך דייני מעשים נאך · אזו ווי דר פסוק זאגט (כי אתה תשלם לאיש כמעשיהו) דען דו גאט בצאלקסט איטלוכון נאך זייני מעשים נאך · דרום זאל ער זיך גידענקון אז ער וועט תשובה טאן אין ווידוי זאגין וועט זיך גאט מרחם זיין איבר אום אונ וועט אים מוחל זיין · אז ווי דר פסוק זאגט (מכסה

פשעיו לא יצליח) דר וואס פאר היילט זייני זינד · ווערט ניט בגליקן · אבר דר ווס בקענט זייני זינד ווערט דער בארומט :

דאס אנדרו ער מוז זיך בדענקן אונ בטראכטן ווס פר עבירות ער הט גיטאן · אונ מוז זוך תמיד צום הארצן נעמון אז ער איז אחוטא · אזו ווערט ער תשובה טאן דרויף · אזו ווי דר פסוק זאגט (אחרי שובי נחמתי ואחרי הודעי ספקתי על ירך וגו') נאך מיין ווידער קערון האב איך מיך בדאכט ווס פאר עבירות איך האב גיטאן · אונ נאך דעם אז איך בין גיוואר גוווארן פון מייני זינד האב איך מיך גיקלאפט אוף די זייטון אונ אויפן הארץ אונ האב ווידוי גיזאגט · דם דריטע ער מוז וויסן דעם גרוסן שכר ווס ער ווערט האבן אז ער ווערט רעכט תשובה טאן · אז ווי דר פסוק זאגט (יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח) לאז דר רשע פר לאזין זיין בייזן וועג · אונ דר אום רעכטור מענטש זייני בייזו מחשבות · אונ זאל ווידר קערון צו גאט מיט תשובה · אזו ווערט זוך הקב"ה דר בארומין איבר אים אונ צו אונזער גאט ווען ער מערט צוא פאר געבון · אונ אז ער ווערט ניט גדענקן אונ דעם שכר ווערט ער בוודאי קיין תשובה ניט טאן · דאס פירדי · ער מוז גדענקן אז אלי זייני עבירות ווערין איין גישריבן אונ גיחתמת אוף אלי זייני גלידר ווס ער הט מיט זיי גיזינדיגט · אז ווי דר פסוק זאגט (וביד כל האדם יחתום לדעת כל איש מעשיהו) אונ דר האנט פון איטליכין מענטשן איז גיחתמת צו וויסן איטליכר מענטש זייני מעשים · אונ הקב"ה גדענקט אלי דיא מעשים · אז וויא דר פסוק זאגט (הלא הוא כמוס עמדי חתום באוצרותי לי נקם ושלם וגו') פאר וואר אייערי שלעכטו מעשים זענין פאר חתמת אין מיין אוצר איך וועל מיך נוקם זיין אונ וועל בצאלין נאך זיין פאר דינסט נאך · נוא ווען ער ווערט דרונען גדענקן ווערט ער בוודאי רעכט תשובה טאן :

דאס פינפטו ער מוז וויסן דס זייני זינד ווערון אים פר גובין אונ הקב"ה איז אים מוחל דורך רעכטו תשובה · אז ווי דר פסוק זאגט די ישראל האבן גיזאגט צום נביא (כל פשעינו אתנו וחטאתינו עלינו ובם אנחנו נמוקים ואיך נחיה) אלי אונזערו שולד זענין מיט אונז אונ אונזערו זינד אוף אונז · אונ דורך זיי ווערין מיר מוזן צו גיין אין גיהנם ווי קענין מיר האפין דס איביג לעבין הט זיי דער נביא גיענפורט אזו הט גאט גיזאגט (חי אני נאום ה' אלהיכם אם אחפוץ במות הרשע כי אם בשובו מדרכיו וחיה) איך שווער ביי מיין איביג לעבין זאגט גאט אייער גאט אויב איך וויל אונ דעם טויט פונם רשע דס ער זאל קומן אין גיהנם · נאר ער זאל תשובה טאן אוף זייני בייזו מעשים ווערט ער בקומן דאס איביגי לעבין :

דאס זעקסטו איטליכר זאל זוך צום הארצן נעמון אונ זאל וויסן ווס השי"ת הט אים גטאן ער הט אים בשאפון מיט אלי זייני גלידר · אונ הט אים גיבראכט אוף דר וועלט · אונ הט אים גגובן איין הארץ צו פרובן אונ צו פר שטיין אזאך · אונ אויגן צו זעהן · אונ אויערין צו הערון · אונ דיא איבריגי גלידר ער זאל מיט זיי דינן הקב"ה אונ טאן זיין ווילן כדי ער זאל זוכה זיין צו עולם הבא · אונ ער הט גיזונדיגט קיגון אים מיט אלי זיינו גלידר · אונ אויב ער ווערט בוודאי ניט גדענקן ווערט ער קיין תשובה ניט טאן דרום איז איטליכער בעל תשובה מחוייב צוא ווענין מיט זיין שכל דעם שכר קיגן דעם עונש אונ זאל בצייטן תשובה טאן :

דאס זובטו ער זאל ליידון דעם יאך פון דער תשובה · אונ זאל זוך אפ שיידון פון אלי עבירות ווס ער פלעגט צוא טאן · אונ אז דר יצר הרע ווערט אים אן ריידין צו עבירות זאל ער אום בצווינגן · אונ זאל בעסור פאלגון דעם יצר טוב · אונ זאל ניט קוקון אוף דעם ווס איז אים שווער אונ שלעכט אוועק צוא ווארפון זיין גיוואנטלוכקייט ער זאל זוך גדענקן אזו ווי איין קראנקן גיט מען ביטערי גיטראנק אונ רפואות · כדי ער זאל גיזונד ווערין אונ לעבין בלייבון · נוא וויפל איז דען נאר דס לעבין פונם מענטשן נאר זובציג יאר : מכל שכן וקל וחומר דס איינר זאל זוך וויא טון דס זיין נשמה זאל גיזונד ווערין אונ זאל בקומן דס איביגי לעבין · ווען אזו ווי דר קראנקר איז קראנק אונ זיין נוף · אזו איז דר חוטא קראנק אין זיין נשמה · אז ווי דר פסוק זאגט (שובו בנים שובבים ארפא



משובותיכם

משובותיכם) קערט ווידר איר ווידי קונדר וועל איך היילין פון אייער ווילדקייט אונ זונד · אויך שטייט (וישב ורפא לו) לאז ער ווידר קערון וועט אים גאט היילן אויך שטייט (הסולח לכל עוניכי הרופא לכל תחלואיכי) גאט פר גיט אוף אלי אייערו זונד אונ היילט אלי אייערי ווייטאג · נוא זעהן מיר דאך אז עס שטייט דם לשון רפואה ביי תשובה · דרום איטלוכר וואס וויל תשובה טאן מיטן גאנצון הארצון זאל ער גדענקן אין דוא זובן זאכון · אונ אויב ניט וועט ער ווייל זיין לעבין וועט זיין קיין תשובה ניט טאן · אונ אויב אפילו ער וועט יוא תשובה טאן וועט זוא ניט זיין מיטן גאנצון הארצון ·

אויך דוא תשובה הט פיר כללים · אונ איטלוכר כלל האט פינף פרטים · אזו ווי איך וועל דא בשיידין אי"ה · דר ערשטור כלל איז ער זאל זוך בדענקון אוף זייני זונד אונ בייזו מעשים דאס אנדרו ער זאל זיי פר ראזון · דם דרוטי ער זאל גדענקון הקב"ה מיט זיין תשובה · דם פערדו ער זאל גדענקין דעם גרוסן שכר פונם בעל תשובה · אצונד וועל איך בשיידון דוא פינף פרטים פונעם ערשטון כלל · דר ערשטור פרט איז ער זאל באלד תשובה טאן · אונ זאל זוך פארכטון טאמר וועט ער שטארבן איידר ער וועט תשובה טאן · אודר טאמר וועט אים הקב"ה באלד שטראפון אויף דר וועלט ווי דר פסוק זאגט (תנו כבוד לה' אלהיכם בטרם יחשיך) גיט כבוד צוא אייער גאט איידר עס ווערט פונצטר אייער ליכט · אויך זאגט דר פסוק (זכור את בוראך בימי בחורותיך עד אשר לא יבואו ימי הרעה) גידענק דיין בשעפר · אונ דייני יונגע טעג איידר עס וועלון קומן דוא בייזו טעג · כלומר טוא תשובה אין דיין יוגנט · דען אוף דר עלטור וועט דיר שווער אן קומן · דר אנדרר פרט ער זאל הונטר טעניג זיין פר הקב"ה פון וועגון זיינו זונד ווי דר פסוק זאגט (ויכנעו עמי אשר נקרא שמי עליהם · זייא זאלון הונטר טעניג זיין מיין פאלק כדי עס זאל גרופן ווערן מיין נאמן אוף זייא · אוך שטייט ובהכנעו שב חרון אף ה' ממנו) דער וואס איז זוך מכניע קינגן גאט קערט ער ווידר זיין צארין פון אים :

דער דרוטר פרט איז דר וואס וויל זיין ארעכטר בעל תשובה זאל ער פר ענדרון זיינו קליידר אונ עסון אונ טרונקון אונ זיינו רייד · דען אבעל תשובה דארף טאן איטל מעשים טובים · אונ זאל גיין אין ארעכט פארטונן וועג · אויך זאל ער זיך זעצון אוף אנאנדר אורט ווייא ער פלעגט פרור צו זוצן · סייא אין שול סייא אין דר היים · אוך זאל ער וואנדרוין פון איין שטאט אין דער אנדרור · אונ דאס איז זייער מכפר דען צווישן פרעמדו ווערט מען זייער הונטר טעניג · אונ זאל זיך פארכטון פר דו עבירות ווס ער פלעגט צו טאן · דהיינו הט ער גזונדיגט מיט איין אשה זאל ער מיט קיין שום אשה ניט ריידון אונ ניט קופון אונ פר קופון איר · סייא מיט אלמנות סייא מיט בתולות · אונ זאל תמיד זופצון אונ ווינון אונ שרייאון ווייא אובר מיינו זונד · ווס איך האב גטאן אונ זאל בעטון פון הקב"ה ער זאל אים מוחל זיין · אונ זאל מקבל זיין זיין תשובה · אזו וויא דער פסוק זאגט (קרעו לבבכם ואל בגדיכם) צו רייסט אייערו הערצור מיט ווינון · אזו וועט איר ניט צו רייסן אייערו קליידור אובר אייערו קונדר · דען פון דו זונד וועגין שטארבון דו קונדר ר"ל · דר נאך זאגט דר פסוק (ושובו אל ה' אלהיכם) אונ טוט תשובה צו גאט אייער גאט · אוך זאגט דר פסוק (על זאת חגרו שקים וספדו והילילו) אוף דעם דאזון גורט אן זעק אונ קלאגט אונ ווינט אוך שטייט (הלכוף כאגמון ראשו ושק ואפר יציעו ויתכסו שקים האדם והבהמה ושובו אל ה') בוקט אייער קאפ אזו וויא איין טשרעטול · אונ טוט אנאק אונ אש אוף אייער קאפ · לאזון זיך בדעקון מיט זעק דו מענטשון אונ בהמות · דם מיינט מען די שלעכטו לייט זענון ווי דו בהמות אונ טוט תשובה דען זיא גרייכט ביז אין דעם כסא הכבוד פון גאט :

דער פערדור פרט ער זאל זיך פר וואונדרון אוף דעם ווס ער הט גטאן אזעלוכי גרוסו עבירות · אונ זאל ווינון אונ זופצן אונ טרוארון דרויף · ווי דר פסוק זאגט (פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתיך) טאכון מיט וואסור האבון גרונו מיינו אוגון אובר די לייט ווס הוטן ניט דיין תורה · דר פונפטר פרט איז ער זאל תמיד אזו זאגן ווייא צו מיר דאס איך האב זיך ניט געשעמט

אזעלכי עבירות צו טאן · וויא האב איך געקענט אזו דר צערנן מיין ליבן גאט יתברך אז ער וועט זיך אזו איין ריידן וועט ער בוודאי תשובה טאן · ווי דר פסוק זאגט (כי אחרי שובי נחמתי ואחרי הודעי ספקתי על ירך בושתי וגם נכלמתי וגו׳) נאך מיין תשובה האב איך מיך בדאכט · אונ נאך דעם אז איך בין געוואר געווארין פון מיינע זינד האב איך מיך געשעמט · דא וועל איך שרייבן די פינף פרטים פון דעם אנדרן כלל :

דער ערשטער פרט איז ער זאל פר לאזין זיינע בייזע מעשים · אונ זאל טאן אייטל מצות אונ דס ווילן פון הקב״ה כן לובשאפט ווענן · וויא דר פסוק זאגט (שנאו רע ואהבו טוב) האסט פיינט בייז אונ האט ליב גוטס · אוך שטייט (שש הנה שנא ה׳ ושבע תועבת נפשו · עינים רמות · ולשון שקר · וידים שופכות דם נקי · לב חורש מחשבות און · רגלים ממהרות לרוץ לרעה · יפיח כזבים עד שקר · ומשלח מדנים בין אחים) זעקס זאכן וואס הקב״ה האט פיינט · אונ דס זיבטי פר אום ווערדונט זיין לייב · די הוכי אויגן · דס מיינט מען בייזע אויגן וואס פר גונט ניט די לייטן · אונ די פאלשע צונג · אונ די הענט וואס פר גוסן אום שולדיג בלוט · דס מיינט מען דר וואס פר שעמט זיין חבר דא פר גוסט ער זיין בלוט אונ דס הארץ טראכט אום רעכט · אונ די פוס וואס לופן צו בייזן · אונ דר וואס זאגט פאלש עדות · אונ דר וואס מאכט קריג צווישן איינעם אונ זיין חבר · אוך שטייט (שומר ידו מעשות כל רע) ער זאל היטן זיינע הענט פון צו טאן אלו דאס בייזע · אוך שטייט (יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה׳ וירחמהו ואל אלהינו כי ירבה לסלוח) לאז דר רשע פר לאזן זיין בייזע ווענן · אונ דר אום רעכטער מענטש זיינע בייזע מחשבות · אונ זאל ווידר קערן צו גאט וועט ער זיך דער בארמן אובר אים · אונ צו אונזר גאט דען ער מערט צו פאר געבין · למשל ער זאל ניט קוקן אויף איין אשה וואס איז אסור צו אים · אודר אויף איין עבודת כוכבים · דער אנדרר פרט איז ווען עס קומט אים אריין אשלעכטע מחשבה זאל ער טראכטן אמצוה צו טאן אודר צדקה צו געבין אזו ווי דר פסוק זאגט (ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם) אונ איר זאלט ניט אפ קערן נאך אייערע הערצער אונ אויגן בייז צו טאן :

דער דריטר פרט איז ער זאל פאר לאזן דיא עבירות פון זיין תשובה וועגן · אונ פון גאטס פארכט וועגן · אזו וויא דער פסוק זאגט (סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי) עס האט גיגרולט פאר דיין פחד מיין לייב · אונ פאר דיינע משפטים טוא איך מיך פארכטן אונ נאך שטייט (יראה ורעד יבא בי ותכסני פלצות) פארכט אונ שרעקנוש איז גיקומן אין מיר אונ עס האט מיך בדעקט ציטרניש דער פערדור פרט איז ער זאל פאר לאזן דוא עבירות פון וועגן גאטס פארכט · ניט ער זאל ווייזן פאר לייטן אז ער איז פרום · אונ דס הארץ איז גאר אנדרש אז וויא דער פסוק זאגט (ותהי יראתם אותי מצות אנשים מלומדה) גאט האט גיזאגט צום נביא דוא פארכט פון ישראל פאר מיר איז נאר וויא דוא מענטשן וואס טואן זייער גיוואונטליכקייט · למשל ער איז גיוואינט צוא גיין אונ שול אריין · אונ טוט עס גוט פון מצוה וועגן · אודר ער דאווינט אן כוונה · דאס מול רעט אונ דאס הארץ ווייסט ניט וואס · איין בעל תשובה דארף זיך דער ווייטרן דער פון · נאר ער זאל זיין כוונה האבן צו גאט יתברך :

דער פופטר פרט איז ער זאל פאר לאזן זיינע עבירות · אונ זאל אויף זיך נעמן ער זאל ווייל זיין לעבן וועט זיין קיין בייזע מעשים ניט צו טאן : אזו וויא דר פסוק זאגט (ולא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו) מיר וועלן ניט זאגן נאט צו אונזרע מעשים · כלומר מיר וועלן ניט זאגן צוא דער עבודת כוכבים דו ביסט אונזר גאט אוך זאגט דר פסוק (אם פעלתי און לא אוסיף) אוב איך האב גוועקט אום רעכט · וועל איך שון ניט מערן צו טאן אזעלכוס · דא וועל איך שרייבן די פונף פרטים פונם דריטן כלל :

דער ערשטער פרט איז דעם בעל תשובה זאל זיך דאכטן זיינע עבירות זענן זייער גרוס · אונ אפילו ער האט גיטאן קליינע עבירה פאר לויט ער אוך פול גוטס · אזו וויא דער פסוק זאגט (וחוטא אחד יאבד טובה הרבה) פון וועגן איין חטא וועט ער פאלורן פול גוטס · דער אנדרר פרט

איז עס זאל זיך אום דאכטון דוא עבירה שטייט פאר אים אזו וויא דער פסוק זאגט (וחטאתי נגדי תמיד) מיין זונד איז קעגון מיר תמיד דער דריטר פרט איז ער זאל אוף שטיין פאר טאג אונ זאל תפלה טאן צו גאט אז ער זאל מקבל זיין זיין תשובה · אזו וויא דער פסוק זאגט (קומי רוני בלילה לראש אשמורת) שטייא אוף אונ טוא תפלה בייא נאכט אין אן הייב פון דער דריטר (אשמורה) דען דוא נאכט איז גיטיילט אוף דרייא (משמורות) דאס איז חלקים · אונ זאל זאגון ווידוי אונ תחנות דען דוא זעלבּוגו צייט גידענקט הקב״ה אין זיין בית המקדש וואס איז חרוב גיווארון · אונ דאס זיינו קינדר זענון פאר טריבן גיווארון צווישן דוא אומות · אונ גידענקט אין זיינו צדיקים אונ חסידים וואס לאזון זיך אום ברענגון פון קידוש השם וועגון · דרום איז דוא זעלבּוגו צייט מרוצה פאר גאט: דער פערדור פרט איז ער זאל זאגון ווידוי · אונ זאל בקענון זיינו זונד פאר גאט ניט פאר לייט :

אז וויא דער פסוק זאגט (חטאתי אודיעך ועוני לא כסיתי) מיינו זונד האב איך פאר דיר גימאכט וויסן אונ ניט פאר לייקון · אונ מיינו זונד האב איך ניט פאר הולון · דער פופטר פרט ווען דער בעל תשובה זעהט אימעצן איין עבירה טאן זאל ער אום זאגון וואס עס ברענגט אים צו דער עבירה · אונ דעם גרוסון עונש וואס ער וועט מוזן ליידון אובר דער עבירה · אונ דעם שכר וואס ער וועט האבון אז ער וועט תשובה טאן · אונ זאל אים לערנון וויא אזו ער זאל תשובה טאן · אז ווי דער פסוק זאגט (אלמדה פושעים דרכיך וחטאים אליך ישובו) איך טוא לערנון דוא זונדיגו דיינו וועג · אונ וויא אזו זייא זאלון צו דיר תשובה טאן · דא וועל איך שרייבון דוא פונף פרטים פונם פערדון כלל :

דער ערשטור פרט איז ער זאל גידענקון אז דער וואס פאר לאזט דוא עבירה אונ קוקט ניט אוף דער הנאה פון איר · דען דוא זעלבּוגו הנאה גיוועהרט ניט לאנג · דער בקומט דאס אייבּוגו לעבן צו דער רעכטור רוא אונ צו דעם גרוסון שכר פון עולם הבא אז וויא דער פסוק זאגט (וראיתם וששׂ לבבכם) איר וועט זעהן דאס עס וועט זיך פרייאן אייער הארץ · אונ אייערו ביינור וועט בליקן אז וויא איין גראז דענמלט וועט איר גיוואר ווערון דאס דוא האנט פון גאט יתברך איז מיט זיינו קנעכט · אונ ער איז זייער צארונג אוף זיינו פיינד · אבר דער וואס ליבט דוא הנאה פון דער עבירה אוף דער וועלט זאל ער וויסון אז זיין עונש לעולם הבא הט גאר קיין סוף ניט אז ער שטארבט אן תשובה · אזו וויא דער פסוק זאגט (ויצאו וראו בפגרי האנשים) דוא צדיקים וועלון אום גיין פון ירושלים · אודר פונם גן עדן · אונ וועלון זעהן אין דוא לייבור וואס האבן גישולדוגט אין מיר : זייערו ווערים וועלון ניט פיינרון · אונ זייער פייאר ווערט ניט פאר לאשון · כלומר זייערו יסורים בלייבון אוף אלאנגו צייט · דער אנדור פרט איז ער זאל גידענקון אז ער וועט ניט באלד תשובה טאן · טאמור וועט ער פלוצלונג פאר ניין · אונ טאמור וועט אוף אים קומן דער גרוס צארון פון גאט · אונ ער וועט נוט קענון בשטיין · אז וויא דר פסוק זאגט (ומי יכלכל את יום בואו וגו׳) ווער קען אום ליידון דעם טאג פון זיין קומן · אונ ווער וועט קענון בשטיין ווען ער וועט זיין גרוס צארון שוקון דער דריטר פרט אוז ער זאל דער קענון דאס הקב״ה האט אים פול טובות גיטאן פון וועגון ער זאל אים דינון מיט גאנצון הארצון אונ לייב · אזו וויא דער פסוק זאגט · (כי מעולם שברתי עולך וגו׳) דען פאר צייטון פון אייבּוגו יארון האב איך צו בראכון דיין יאך · אונ האב פאר רוקט דיינו בונד רוטן · דער פערדור פרט איז ער זאל אפ געבון אלו גניבות אונ גזילות: אזו וויא דער פסוק זאגט (אם און בידך הרחיקהו) אוב עס איז אום רעכט געלט אין דיין האנט דער ווייטר דיך דער פון · אונ גוב עס אפ צו וועמון עס גיהער :

דער פופטר פרט איז ער זאל זיך נעמון צום הארצון דאס ער האט פאר קרומט זיין גלייכון וועג · אונ האט בצאלט שלעכטץ פר גוטס · וויא דער פסוק זאגט (הלה׳ תגמלו זאת) אוב צו גאט זאלט איר דם בצאלון · אוך זאגט דר פסוק (שחת לו לא) דר וואס פאר דארבט זיך מיט עבירות טוט ער עס זיך · אבר צו הקב״ה טוט ער גאר ניט · דרום ווען איין מענטש נעמט זיך צום הארצן די פיר כללים מיט אירו פרטים · אונ מאכט זיך איין סכנה באלד תשובה צו טאן · אזו ווען

זיינע מַעֲשִׂים אָן גִנוּמֶן פַאר גָאט · אוּנ זַיין תְּשׁוּבָה אִיז בְּוִוילוּנְט אוּנ הַשֵׁי אִיז אִים בְּוַדַאי מוֹחֵל אוֹף זַיינֶע עֲבֵירוֹת · עֶס זֶענֶען פַאר הַאנְדֶען פוּר צְוַואנְצִיג וָואס הַאלְטֶען אוֹף פוּן דֶער תְּשׁוּבָה · פוּר דֶער פִין זֶענֶען הָאס דוּא עֲבֵירָה אִיז זַייעֶר גְרוֹס בִּיז זוֹא דֶער לָאזְט אוּם נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה טוּאָן דָאס עֶרְשְׁטֶע עֶר מַאכְט פוּל לַייט זוּנְדִיגֶען · אִין דֶעם כְּלָל אִיז אוֹךְ דֶער וָואס דֶער לָאזְט נִיט דוּא לַייטֶען מִצְוֹת טוּאָן · דָס אַנְדֶערֶע וֶוער עֶס רֶעט אָן זַיין חָבֵר צוּ שְׁלֶעכְטֶען · דָאס דְרִיטֶע עֶר זֶעהְט זַיין זוּן גֵייט אַרוֹם (לְתַרְבּוּת רָעָה) אוּנ וָוערְט אִים נִיט · דֶען וַוייל עֶר הָאט אִים בְּכֹחַ צוּא וֶוערֶען אוּנ חָערְט אִים נִיט אִיז גְלַייךְ אַזוֹ וִויא עֶר זֶעלְבֶּרְט גֵייט אַרוֹם (לְתַרְבּוּת רָעָה) · אִין דֶעם כְּלָל אִיז אוֹךְ וֶוער עֶס קֶען דוּא לַייט וֶוערֶען אַז זַייא זָאלֶען נִיט זוּנְדִיגֶען אוּנ וֶוערְט זַייא נִיט : דָאס פֶערְדֶע דֶער וָואס זָאגְט אִיךְ וֶועל אַיין עֲבֵירָה טוּאָן · אוּנ דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טָאן · אוֹדֶר יוֹם כִּיפּוּר וֶועט מִיר מְכַפֵּר זַיין · אוֹדֶר עֶר זָאגְט אוֹךְ הָאבּ נָאךְ אַחוּפָּה פַאר מִיר · דֶער מִיט אִיז עֶר זִיךְ צְוַוייא מָאל טוֹעֶה · אַיינְס דוּא חוּפָּה אִיז נִיט מְכַפֵּר סַיידֶען דוּרְךְ תְּשׁוּבָה · דָאס אַנְדֶערֶע הקב"ה אִיז נִיט מוֹחֵל בְּשַׁעַת דֶער חוּפָּה דֶעם וָואס הָאט גִיקֶענְט תְּשׁוּבָה טָאן · אוּנ הָאט נִיט תְּשׁוּבָה גִטָאן · דָאס זֶענֶען דוּא אַרְבַּע פוּר עֲבֵירוֹת וָואס הַאלְטֶען אוֹף פוּן דֶער תְּשׁוּבָה :

נָאךְ זֶענֶען פַאר הַאנְדֶען פוּנְף זַאכֶען פוּן דוּא פִיר אוּנ צְוָואנְצִיג וָואס הַאלְטֶען אוֹךְ אוֹף דֶעם מֶענְטְשֶׁין פוּן תְּשׁוּבָה · אָבֶּר דוּא עֶרְשְׁטֶע פוּר זֶענֶען אַרְבִּיר דֶער פוּן דָאס עֶרְשְׁטֶע וֶוער עֶס שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶם קָהָל וָוען זַייא טוּאָן תְּשׁוּבָה · אוֹדֶר דָאס קָהָל הָאבֶּען גוֹזֵר תַּעֲנִית גִוֶועזֶען · אוּנ עֶר שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ דֶר פוּן · אַזוֹ אִיז עֶר נִיט זוֹכֶה צוּ זֶעהֶן אִין זַייעֶר נְחָמָה · אוּנ עֶר הָט קֵיין חֵלֶק נִיט אִין זַייעֶרֶע (זְכִיּוֹת) · דָס אַנְדֶערֶע דֶר וָוס קְרִיגְט אוֹף דִי רֵייד פוּן דִי חֲכָמִים · דֶר פוּן קוּמְט דָס עֶר גֵייט נִיט צוּ זַייא · אוּנ לֶערְנְט זִיךְ נִיט פוּן זַיי דֶעם וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה · דָס דְרִיטֶע וָוען אֵיינֶר זֶעהְט זַיין חָבֵר אַמִצְוָה טוּאָן שְׁפֶּעט עֶר אוּנ לַאכְט פוּן אִים · דָס פֶערְדֶע וֶוער עֶס אִיז מְבַזֶּה זַיינֶע רַבָּנִים : אוּנ רֶעט אוֹף זַיי שֶׁענְדְלוּכֶע רֵייד · דָס פִינְפְטֶע דֶער וָוס הָט פַיינְט שְׁטְרָאף דָס עֶר זָאגְט צוּ זַיין חָבֵר עֶס דַארְף מִיךְ קֵיינֶער נִיט שְׁטְרָאפֶען צוּא דִיךְ זֶעלְבֶּרְט בַּייא דַיין נָאז · דָס מֵיינְט מָען שְׁטְרָאף דִיךְ זֶעלְבֶּרְט אוּנ קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים · דֶער זֶעלְבִּיגֶר הֵייסְט אַיין לֵץ אוּנ אַיין (כְּסִיל) דָס הָאט אִין זִיךְ צְוַוייא טַייטְשֶׁען · (כְּסִיל) אִיז אַיין נַאר · אוֹדֶר אַיין רָשָׁע · שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה הָט אוֹךְ גִזָאגְט מְזָאל קֵיין לֵץ אוּנ קֵיין כְּסִיל נִיט שְׁטְרָאפֶען · דְרוּבֶּר קֶען עֶר אוֹךְ קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן דֶען עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַיין פְרוּמֶען מַאן אוּנ אַז דֶער רַב אוּנ דַרְשָׁן פוּן דֶר שְׁטָאט קוּמְט שְׁטְרָאפְט דִי לַייט קוּמְט עֶר נִיט צוּ דֶר דְרָשָׁה · אוּנ אֲפִילוּ עֶר קוּמְט שׁוֹן יוֹא הֶערְט עֶר נִיט צוּ אוּנ קֶערְט זִיךְ נִיט דְרַ״ צוּ · דֶען זַיינֶע מַעֲשִׂים גִפֶעלֶען אִים זַייעֶר וואוֹל :

נָאךְ זֶענֶען פַאר הַאנְדֶען · פוּנְף זַאכֶען פוּן דִי פוּר אוּנ צְוַואנְצִיג וָואס דְרוּבֶּר קֶען דֶר מֶענְטְשׁ קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן סַיידֶען דוּרְךְ שְׁוֶועֲרְקֵייט · דָס עֶרְשְׁטֶע דֶר וָואס שֶׁעלְט פִיל לַייט דָס וֶוען אֵיינֶר שֶׁעלְט אַיין מֶענְטְשֶׁען קֶען עֶר אִים אִיבֶּר בֶּעטֶען · אוּנ אַז עֶר אִיז אִים מוֹחֵל · אִיז אִים הקב"ה אוֹךְ מוֹחֵל · אָבֶּר פוּל לַייט וַוייסְט עֶ״ נִיט וֶועמֶען צוּ בֶּעטֶען · דְרוּם קֶען עֶר נִיט תְּשׁוּבָה טָאן סַיידֶן דוּרְךְ שְׁוֶועֲרְקֵייט · דָס אַנְדֶערֶע וֶוער עֶס טֵיילְט זִיךְ מִיט אַגַנָּב · דֶר גַנָּב זֶעלְבֶּרְט קֶען בְּעִסּוּר תְּשׁוּבָה טָאן פוּן אִים · דֶען עֶר וַוייסְט בַּיי וֶועמֶען עֶר הָט גִגְנָבוֹת אַזוֹ קֶערְט עֶס אִים אוּם · אוֹדֶר עֶר בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין אָבֶּר דֶר זֶעלְבִּיגֶר מֶענְטְשׁ הֶעלְפְט דָאךְ דֶעם גַנָּב · אוּנ עֶר מַאכְט אִים מֶער גַנְבֶנֶען · אוּנ עֶר וַוייסְט נִיט דָאךְ וֶועמֶען אָפּ צוּ גוּבֶּען אוֹדֶר פוּן וֶועמֶען עֶר זָאל בֶּעטֶען מְזָאל אִים מוֹחֵל זַיין · דְרוּם אִיז זַיין תְּשׁוּבָה דוּרְךְ שְׁוֶועֲרְקֵייט דָאס דְרִיטֶע וֶוער עֶס גִפִינְט עֶפּוֹס אוּנ לָאזְט נִיט אוּם רוּפֶען · דָס פֶערְדֶע וֶוער עֶס גַזְלֶת עֲנִיִּים אוֹדֶר יְתוֹמִים אוּנ אַלְמָנוֹת · דָאס פוּנְפְטֶע דֶער דַיין וָואס נֶעמְט שׁוֹחַד אַיינֶם צוּ צוּ פַּאסְקֶענֶען דָאס אִיז אוֹךְ אַגְרוֹסֶע עֲבֵירָה וַוייל עֶר וַוייסְט נִיט וִויפוּל גֶעלְט עֶר הָאט יֶענֶעם אוּם גִבְּרַאכְט מִיט דֶעם וָוס עֶר הָט דֶעם צוּ גִפַּסְקֶנְת :

נָאךְ זֶענֶען פַר הַאנְדֶען פוּנְף עֲבֵירוֹת פוּן דִי פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג דָס אוּבֶּר זַייא קֶען עֶר נִיט תְּשׁוּבָה טָאן וַוייל זַייא זֶענֶען בַּיי אִים גְרִינְג · אוּנ נִיט גְאַכְט אִין זַיינֶע אוֹגֶען דָס עֶרְשְׁטֶע וֶוער עֶס עֶסְט



סימ

מיט איין בעל הבית · און דר בעל הבית זעלברט הט ניט גנוג צו עסן האטשו ער הט אים אך גבעטן עסן · הייסט עס דאך איין (אבק גזל) דאס אנדרו ווער עס לייאט געלט איין ארומאן אוף אזו איין משכון וס דר ארומאן האט זיין פרנסה דער פון · דהיינו איין האק אודר איין עג · און ער נוצט דר מיט · דס ער טראכט וס שאט עס דר כלי · דס איז אוך איין אבק גזל · ד ז דרוטו ווער עס קוקט אוף דיא ווייבור וס זענען אסור צו אים און הט הנאה דער פון · דס איז אוך איין ארבי עבירה · דען ער טראכט איך האב מיט זיי חלילה קיין עבירה ניט געטאן אזו טוט ער קיין תשובה דרוף ניט · אז וויא דער פסוק זאגט (ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם) איר זאלט ניט אפ קערן נאך אייערו הערצור און אייערו אוגן · דס מיינט מען איר זאלט ניט גלוסטן מיט אייערו הערצור און אוגן וס אסור איז דס פערדו ווער עס איז זיך (מתכבד) מיט דר שאנד פונם חבר דס מיינט מען ער האלט זיך חשוב און דר מיט איז ער מבזה זיין חבר און שאנד אים אפילו דר חבר איז ניט דר ביי איז עס אוך אגרוסו עבירה דער טוט אוך קיין תשובה ניט דען ער טראכט זיך וואס האב איך יענים געטאן · דס פופטו ווער עס איז חושד (בכשרים) איין ערלוכן מאן אז ער האט אים רעכט געטאן · דער טוט אוך קיין תשובה ניט · דען ער טראכט זיך וואס האב איך יענום געטאן :

נאך זענען פאר האנדון פונף הארבו עבירות פון די פור און צוואנצוג וס דער מענטש קען זיך ניט אפ גוויינן פון זייא · אז וויא די גמרא זאגט ווער עס טוט איין עבירה צווייא דרייא מאל איז זוא בייא אים שון גלייך וויא איין היתר · דרום טוט ער דרוף קיין תשובה ניט · דרום מוז אטמולבר זייער און זייער גווארנט זיין אוועק צו ווארפן דיא שלעכטו מדות · דאס ערשטו איז רכילות און לשון הרע · דאס אנדרו איז איין רגזן · דאס דרוטו איז דר וואס פלוכט איין חכם אודר אפילו זיין איגון קינד אודר אפילו זיך זעלברט דס פערדו ווער עס שווערט פאלשו שבועות אודר אום זוסטו שבועות · דס פופטו ווער עס טראכט שלעכטו מחשבות און דר וס בהעפט זיך צו רשעים דען ער לערונט זיך פון זיי קיין גוטס ניט די אלו טואן קיין תשובה ניט · דען וויל זיי זענען גוואונט דרונון איז עס בייא זייא קיין עבירה ניט · נון לובו לייט דאס זענען דיא פור און צוואנצוג זאכון וס דר לאזון ניט דעם מענטשון תשובה צו טאן · דאך ווען ער טוט יוא תשובה דרוף הייסט ער אוך איין בעל תשובה · און הט אוך איין חלק לעולם הבא :

בזמן שבית המקדש היה קיים) אין דר צייט אז דס בית המקדש איז געשטאנון ווען איינר האט איין עבירה געטאן · און האט דרוף תשובה געטאן · אז עס איז געקומן יום כפור האט מען גנומון איין צוקלו און מיהאט עס אוועק געשוקט (לעזאזאל) אין דר מדבר אריין · דא הט דס זעלבוגו צוקלו מיט זיך גנומון אלו די עבירות פון כל ישראל אין דר מדבר אריין אבר אצונד בעו"ה האבון מיר קיין בית המקדש ניט · אבר די תשובה איז נאך געבלובון · און אפילו ווען איינער איז געוועזן ארשע אלו זיינו טע"ג און טוט תשובה איידר ער שטארבט ; אזו ווערון אים פאר גובון אלו זיינו עבירות · און עס ווערט אים ניט גדאכט קיין שום עבירה · אדרבה זיי ווערון אים נאך גרעכונט פר מצות · אז וויא דער פסוק זאגט (ורשעתו לא יכשל בה ביום שובו מרשעתו) · און זיין שלעכץ פונם רשע ווערט ער ניט געשטרוכלט אין דעם טאג ווען ער טוט תשובה דרוף · (איזהו היא תשובה גמורה) וועלכוס איז דיא רעכטו תשובה וס גאט וויל האבון פונם מענטשון · און ז"א איז גלובט אין זיינו אוגון · דס איז ווען דער מענטש טוט סייא איין גרונגו סייא איין ארבו עבירה און האט חרטה דרוף · און זאגט וידוי · און דר נאך קומט אים ווידר דיא עבירה צו דיא הענט און ער הט זיא בכח צו טאן און טוט זוא ניט למשל ווען ער האט עפוס גגנבת און טוט תשובה דרוף און דר נאך קומט אים ווידר צו די הענט דס ער וואלט ווידר געקענט גנבנון און קיין מענטש וואלט ניט גוואר גווארן דר פון אודר ווען איינר הט מזנה געוועזן מיט איין אשה · און טוט תשובה דרוף דר נאך קומט די אשה ווידר צו אים און ער טוט ניט די עבירה · דס איז די רעכטו תשובה וס גאט וויל האבון · אז וויא דר פסוק זאגט (וזכור את בוראך בימי בחרותיך) גדענק דיין בשעפר אין

דיין יוגנט אז דו האסט נאך בכח די עבירה צו טאן לאז זוא אוועק פון וועגן דיין בשעפור וס הט דיך בשאפן · אונ ווער עס טוט תשובה ערשט אויף דר עלטור · האטשו זוא איז ניט אזו גוט וויא דר וס טוט תשובה אין דר יוגנט ווערט ער דאך גרעכונט פר איין בעל תשובה · אונ אפילו ער איז גוועזן איין רשע גמור אלו זיינו טעג נאר דעם טאג פארון טוט טוט ער תשובה אונ שטארבט אין דר תשובה ווערון אים אוך פר געבון אלו זיינו עבירות אז ווי עס שטייט אין פרק (שוב יום אחד לפני מיתתך) טוא האטשו תשובה אטאג פארון טוט אזו הייסט עס אוך איין תשובה :

אויך זאגט דר פסוק (תשב אנוש עד דכא ותאמר שובו בני אדם) הקב״ה ברענגט יסורים אוף דעם מענטשון דס ער זאל תשובה טאן איידר זיין נשמה גייט אים אוס · אונ דס איז אים אוך גרעכונט פר איין תשובה · אונ זיינו עבירות ווערין אים פר געבון · אוך זאגט דר פסוק אין איוב (ותקרב לשחת נפשו וגו׳) איידר עס גנעהנט צו דר גרוב זיין לייב דס איידר זיין נשמה גייט אים אויס · אונ ער בעט צו גאט מיט תשובה אונ ווידוי · אזו איז עס אוך בווילוגט צו גאט · אזו ווי מיר גפונן אינ דר גמרא עס איז גוועזן איינר וס הט גהייסון רבי אליעזר בן דורדאי · ער האט אלו זיינו טעג אייטל זנות גטריבן · אונ הט דרונן פר בראכט גאר דס געלט וס איז אים גבליבן ירושה פון זיין פאטור · אמאל הט ער גהערט עס איז פר האנדון אשייגו זונה אין ים · אזו האט ער מיט זיך גנומן איין זאק געלט אונ איז גנאנגון אובר זובן וואסרון ביז ער איז צוא איר גקומן · האט ער איר געגעבון דעם זאק געלט אונ הט מיט איר מזנה גוועזן אזו הט ער איין (נפוח) גטאן · אונ הט גהערט אקול הט גזאגט אזו ווי דו נפיחה קומט ניט ווידר אויף איר אורט · · אזו וועט אוך דו נשמה ניט קומן אוף איר אורט · אונ דו תשובה פון דיר אליעזר וועט מען ניט מקבל זיין · דר נאך אז ער הט דאס קול אוס גהערט האט ער גמיינט עס איז איין בת קול · אזו איז ער גגאנגון אונ האט זיך גזעצט צווישן צווייא בערג · אונ הט גלייגט זיין קאפ צווישון דו קנואן אונ האט גוויינט אזו לאנג ביז זיין נשמה איז אים אוס גיגאנגון מיט ווידוי · דער נאך האט ער גהערט ארעכט בת קול רבי אליעזר הט איין חלק לעולם הבא · דא האבון דו חכמים זייער גוויינט אונ גזאגט מיר לערנון תורה טאג אונ נאכט אונ הוטון זיך פר עבירות · ווייסון מיר ניט אוב מיר זענון זוכה צו עולם הבא · אונ דער אליעזר הט אלו זיינו טעג אייטל עבירות גטאן אונ אין איין שעה האט ער זיך גקופט עולם הבא · אונ הט בקומן דס מען רופט אים רבי אליעזר · נוא זעהן מיר דאך ווער עס איז ארשע אלו זיינו טעג · אונ איין שעה פאר זיין טויט טוט ער תשובה · אזו איז זיא אן גנומן · אונ ער האט עולם הבא :

אונ דר תנא זאגט אוך אין פרק קוקט דיך ארום בצייטון דו זאלסט ניט זומן דעם טאג פארין טוט אן תשובה · דרום איז איטלוכור מענטש מחויב אלו טאג תשובה צו טאן · ווייל ער ווייסט דאך ניט ווען ער וועט שטארבון · דרום הייסט הקב״ה (נורא) דען ער וועט גפארכט · וואלט ער ניט מוחל גוועזן דו עבירות · דא וואלט איטלוכר פארט עבירות גטאן אונ וואלט זיך ניט גפארכטן פר הקב״ה · אבר ווייל הקב״ה איז יוא מוחל דו עבירות · אזו הט איטלוכור מורא פר הקב״ה אונ טוט תשובה כדי ער זאל אים מוחל זיין דו עבירות · דען עס איז אמשל אמלך וס הט לוב אטייל שרים · אונ זיי זענון זייער חשוב אונ הויך גיאכט אין זיינו אוגן · אמאל האלטון די שרים צווישן זיך איין עצה אונ גייאן ביי נאכט אונ עפונן אוף דעם מלכות אוצר · אונ גאנבונון גאלד אונ זילבר אונ אבנים טובות אונ דר פרוא שטייט ער אוף אונ גפונט דס זיין אוצר איז אופון אונ עס איז אלס ארום גגאנבות · דא גביט דר מלך זיינו קנעכט דס זיי זאלון נאך קלערון ווער עס הט דיא מעשה גטאן · די קנעכט זענון גוואר גווארון · אונ גייאן צום מלך אונ זאגון צו אים ווייסט איר ווער עס הט דס גטאן אייערו לובי שרים וס איר האלט זיי אזו חשוב · זיי האבון איך ביי גאנבית · אזו איז זיך דער מלך זייער מצער אוף זיינו שרים מער וויא אוף זיין גוטס · אונ ער וואלט זיא גגערין בשערומט פון דעם פאלק וואס ווילון אין זייער נקמה · אזו הייבט ער אן צוא זאגון צו זיינו קנעכט איר זענט לונגרס גייט אונ ברענגט זיי פר מיר וועל איך זעהן אוב זיי האבון עס גטאן אודר נוט

אונ ער שוקט שטולער הייד צו זיי איין גטרייאון קנעכט ער זאל זיי זאגון וואו ער פט אריין דו גניבה אין ים אריין · דען מיר גייט ניט אין געלט · איך האב נאך פול אוצרות · אונ דוא עבירה איז ניט גיאכט אין מיינו אוגון קענון אייער לובשאפט · אזו האבון אלו אריין גיווארפון דו גניבה אין ים אריין · נאר איינר הט זיך גפונון וואס הט בהאלטון זיין גניבה · נון זיי קומון פארון מלך שוויגט ער זיך קעגון זיי זייער צארונג אונ הייסט זיי בזוכן : אונ הייסט זיי אוס טואן זייערו קליידר · אונ גפונט ביי קיינום נוט נאר ביי דעם איינום · אזו ווערט ער זייער ברוגז אוף אים · אונ זאגט דו אנדרו עבירה וואס דו האסט גטאן איז ערגור פון דר ערשטו · דען פרור האב איך זך גיטראכט עס איז קיין חידוש ניט דען עס קען זיין דער יצר הרע האט דיך אן גרעט · דרום האב איך דיר גלאזט ווערגון דו זאלסט דו גניבה אין ים אריין ווארפון · אונ די האסט מיינו רייד ניט פר נומן · אונ דיינו חברים האבון מיך יוא גפאלגט · נון זעה איך דיין בייז הארץ · אזו וועל איך דיר דיין שכר געבון · אונ הט אים גהייסון אן טאן גרוסו יסורים · אונ דו אנדרו הט ער אהיים גשוקט מיט גוטון מיד · אונ דר רשע מוז יסורים לידון פר זיי אלו · אזו איז דאס אוך הקב״ה הט גשוקט זיינו משרתיו משרתים דס זענגון דו נביאים · אונ הט זיי גווארנט אוף דר תשובה · אונ זייא זאלון פון זיך אפ ווארפון דו זונד איידר זיי קומון צום משפט · אונ דר רשע וויל נוט זיינו זונד אראפ ווארפון אונ האלט זיי ביי זיך · דס איז ערגור פון דעם וואס ער הט די עבירה גטאן · דען פרור הט אים דר יצר הרע בצווינגן · אבר דא זעהט ער דאך זיין טוט פר זיינו אוגון · אונ האלט פארט ביי זיך דו עבירות · אונ קערט זיך ניט צו דו רייד פון דו נביאים וואס האבון גזאגט טוט תשובה איר קונדר ישראל אזו וועט איר האבון דס אייביגו לעבון · אונ אוב ניט וועט איר פלוצלונג שטארבון אונ וועט פר לורון אייער עולם הבא · אבר דער וואס טוט תשובה אפילו אשעה פר דעם טוט האט ער אחלק

לעולם הבא אזו ווי מיר זעהן וויא עס איז גגאנגון מיט רבי אליעזר בן דורדאי :

**אזו** אוך זאגט דער פסוק (טוב שם משמן טוב כו׳) עס איז בעסער איין שם טוב פון אלו דוא שמעקינדוגו אייל · אזו איז אוך בעסר דער טאג וואס דער מענטש שטארבט אין איז מיט תשובה איידר דר טאג וואס ער איז גבארן גווארון · דען אז דר מענטש ווערט גבארון איז אספק אוב ער וועט שטארבון מיט תשובה אונ אוב ניט · אבר ווען ער איז שון גשטארבון מיט תשובה דא איז גוט זיין חלק אוף יענור וועלט צוא עולם הבא · דרום זאל אוטלוכור בצייטון תשובה טאן איידר זיין זון נייט הונטר · דאס מיינט מען איידר עס קומט דו צייט ער זאל שטארבון · נון וועל איך בשיידון וועלכום עס הייסט ארעכטו תשובה · דס ערשטו ער מוז פר לאזון זיינו עבירות זייא ניט צו טאן · דס אנדרו ער זאל אין זיין מחשבה האבון ער וויל דו עבירות שון ניט טאן · דס דרוטו ער זאל זיך תמיד בדענקון · אונ זאל חרטה האבון אוף דעם וואס איז אים גשעהן אונ זאל זיך דרוף זייער מצער זיין · דס פערדו ער מוז זיין מחשבה לוטר מאכון · ביז דס הקב״ה זעלבערט וועט אוף אים עדות זאגון דס ער הט שון די עבירות ניט גוואלט טאן · דס פונפטו ער מוז ווידוי זאגון · אונ בקענון זיינו זונד פר הקב״ה · אונ אין זיין ווידוי זאל ער כוונה האבון ניט צו טאן די עבירות · אונ זאל זיך מצער זיין · אונ אוב ער איז דס ניט מכוין איז זיין תשובה אונ ווידוי גאר ניט גרעכונט · ניט אזו ווי עטלוכו לייט זאגון ווידוי אן כוונה · אונ ווייסון ניט וואס זיי זאגון · דס זעקסטו ער מוז ארוס ריידון מיט דעם מול איטלוכו עבירה בזונדר אונ דרוף בקענון אונ חרטה האבן פר הקב״ה :

אונ ער זאל זאגון זיין ווידוי שטולר הייד · דאס קיינר זאל אים ניט הערון · אדרבה עס איז איין עזות קיט ווער עס בקענט זיינו זונד פר לייטון · דרום איז דס אוך גוועז איינס פון דו ניסים וואס זענון גוועזן אין בית המקדש · דס בשעת זיי זענון גשטאנון זענון זיי גשטאנון זייער ענג · אונ בשעת זיי האבון זיך גבוקט איז גוועזן נייט איינר פון דעם אנדרון פיר איילון · דאס קיינור זאל ניט הערון דו ווידוי פון זיין חבר · דס איז אלס גרעט גווארון ביי דו עבירות וואס צווישן אים אונ צווישן הקב״ה · אבר ווען איינר הט איין אום רעכט גטאן קעגון זיין חבר · סייא מיט געלט אודר מיט אנאנדר זאך · איז זיין תשובה ער זאל זאגון פר לייטון · לובו רבותי איך האב מיין חבר אום רעכט

גטאן · אצונד בעט איך פרוּר מחילה פון הקב"ה דר נאך פון מיין חבר איך האב גזינדיגט צו גאט יתברך דר נאך צו מיין חבר · היינט האב איך חרטה אונ בין אויף מיר מקבל תשובה דס איך וועל אים שון קיין מאל קיין אום רעכט ניט טואן · אונ אויך ניט קיין אנדרן · דאס איז דוא רעכטו תשובה · אוך זאל איטלוכור מענטש וויסן דס יום כפור איז ניט מוחל דורך תשובה נאר די עבירות וס צווישן אים אונ צווישן הקב"ה דהיינו ווען איינר הט גזונדיגט מיט אזונה · אודר ער הט גגעסו טריפות אודר נבילות · אודר ער הט גטרונקן נסך אודר העסט גלייכן אנדרו עבירות דרוף דארף ער זיינו עבירות ניט בקענגן פר לייטן נייארט ער זאל פר רעכטון מיט פאסטון אונ חרטה אונ ווידוי אונ תשובה אבר דיא עבירות וס זענן צווישן אים אונ זיין חבר · מוז ער פרוּר זיין חבר אובר בעטון אזו וויא אובון שטייט :

אזו אוך אפילו ער הט זיין חבר נאר דר צערונגט מיט רייד מוז ער אים אובר בעטון · וויל ער עס אים ניט מוחל זיין · זאל ער אים אובר בעטון פר דריי לייט · וויל ער אים נאך ניט מוחל זיין זאל ער ווידר גיעמון אנדרו דרייא לייט אזו ביז דרייא מאל · אבר אז ער וויל אים נאך דעם אלוס נאך ניט מוחל זיין זאל ער אים לאזון גיין · אונ דיא עבירה איז אויף אים · ווייל ער איז אזו אום דר בארמוג אונ וויל אים די עבירה ניט מוחל זיין · וויא זאל אים דען גאט זיינו זונד מוחל זיין · אונ דר וואס איז גרונג צו דר צערנון · אונ איז שווער צו בווילוגון דר איז ניט פון דו קונדר פון אברהם אבינו · דרום זאל איטלוכור באלד מוחל זיין כדי גאט זאל אים אוך באלד מוחל זיין אוך דר וס וויל ניט מוחל זיין ווערט זיין תפלה ניט דר הערט · אדרבה ער מאכט דס זיינו זונד ווערון גדאכט · דען מען זאגט ווי אזו זאל אים גאט מוחל זיין זיינו זונד · ער הט דאך יענום ניט גוואלט מוחל זיין · דרום ווערט זיין תפלה פר שטוסון · אונ ווערט ניט דר הערט · אונ ווען זיין חבר איז גשטארבן איידר ער הט אים אובר גבעטון · זאל ער נעמון צעהן לייט · אונ זאל זיך שטעלון אויף זיין קבר · אונ זאל זאגון איך האב גזונדיגט צו גאט ישראל אונ צו דעם (פלוני) וואס ליגט דא אין דעם קבר · אונ אוב ער איז דעם מת עפוס שולדיג גבליבן זאל ער עס אפ געבון זיינו יורשים · אונ אוב עס איז ניט דא קיין יורשים זאל ער עס אפ געבון דעם בית דין · דר בעל תשובה זאל זיך ניט אריין געמון דס הקב"ה הט אים פיינט פון וועגון זיינו עבירות וס ער הט גטאן פר זיין תשובה עס איז ניט אזו · אדרבה ער איז נאך גלובט אין דו אוגון פון הקב"ה גלייך ווי ער איז ערשט נייא גבארון · אונ נאך מער זיינו זונד ווערון אים גרעכונט פר מצות · ווייל פרוּר הט ער הנאה גהאט פון דר עבירה · אונ אצונד לאזט ער אוועק דו הנאה אונ זיא איז אים מיאוס אונ בצווינגט זיין יצר הרע · אונ פר לאזט זיינו בייזו מעשים :

דיא חכמים זאגון אפילו דו רעכטו צדיקים קענון ניט שטיין אויף דעם אורט וויא די בעלי תשובה שטייאן לעוה"ב · איך וועל דא קורץ בשיידון דו זאך · איין בעל תשובה האט פר זוכט דוא הנאה פון עבירות · אונ פר לאזט עס פון זיין תשובה וועגון · אבר דר צדיק הט ניט פר זוכט דוא הנאה · אזו קען זיין אפשר אוב ער וואלט זיא יוא פר זוכט וואלט ער זיא ניט אפ גלאזט · נון ווערט וס פר אגרוסו מעלה דר בעל תשובה האט · פרוּר איז ער גפיינט גוועזן אין גאטס אוגון · אצונד איז ער גלובט · פרוּר איז ער אפ גשייד גוועזן פון הקב"ה · אצונד איז ער בהעפט אין אים · אונ איז ביי אים נושא חן · פרוּר איז זיין תפלה ניט דער הערט גוועזן · אצונד איז זיא יוא דר הערט · אונ ער ווערט געענפורט אויף אלו זיינו בקשות · אונ ניט דס אליין הקב"ה גלובט נאך צו זיין תפלה · דר בעל תשובה זאל זיך אזו נוהג זיין · ער זאל זיין איין עניו · אונ ווען איינר שפעט פון אים אונ זאגט צו אים וס האסטו דיך אזו פרום דו האסט דאך דו אונ דו עבירה גטאן · אזו זאל אים דס ניט הארון · אדרבה ער זאל שווייגון אונ זאל זיך פרייאון דען דר נעמט ביי אים אראפ זיינו עבירות אונ דר וס ווארפט אים דס אום איז ער אנאר אונ ארשע · אונ ער מוז דרובר עונש ליידון גלייך ווי ער וואלט עבר גוועזט דו עבירה גטאן · דרום זאל איטלוכר גיווארנט זיין ניט צו שפעטון פון א בעל תשובה · דען ער פאר זונדיגט זיך באלד אין אים :

**אוך** אוך זָאגְט דו גְמָרָא וָוען דו זָעהְסְט אײנגם אײן עֲבֵירָה טָאן זָאלְסְטוּ אים נִיט אום וַוארְפִן גָאר
שְׁטְרָאף אים שְׁטוּלָר הַייד • אוּנ וָוען דוּא זָעהְסְט אַיין תַּלְמִיד חָכָם אַיין עֲבֵירָה טוּאָן זָאלְסְטוּ
אים דְרוּבָּר נִיט שְׁפָּל הַאלְטוּן • דֶען עֶר הָט בְּוַדַאי דְרוּף תְּשׁוּבָה גְטָאן • אַזוּ אוּך דֶעסְט גְלַייכְן אַיין
אַנְדֶרוּן טָארְסְטוּ אוּך נִיט אום וַוארְפִן • דֶען טָאמוֹר הָט עֶר דְרוּף תְּשׁוּבָה גְטָאן • דוּ תְּשׁוּבָה פוּן
אַיְחִיד אִיז נִיט אַזוּ וְויא דוּ תְּשׁוּבָה פוּן אַקָהָל • דֶען דוּ תְּשׁוּבָה פוּן אַקָהָל וָוערְט תָּמִיד אָן גְנוּמָן •
אַזוּ וְויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (הֵן אֵל כַּבִּיר לֹא יִמְאָס) נוּן גָאט פַר שֶׁעמְט נִיט דוּ תְּפִלָּה אוּנ תְּשׁוּבָה פוּן
פוּל לַייט • אוּך זָאגְט דֶר פָּסוּק (וּמִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹהִים כו׳) וָוער אִיז אַזוּ אַהוּך פָאלְק וָוס גָאט
אִיז נָאהוּנְט צוּ זַיי אוּנ אַלוּ צַייט וָוען זַיי רוּפִן אִים עֶנְפוּרְט עֶר זַיי אוּנ נֶעמְט אָן זַייעֶר תְּשׁוּבָה אוּנ
תְּפִלָּה • אָבֶר דוּ תְּשׁוּבָה פוּן אַיְחִיד אִיז נִיט אַזוּ גוּט נָאר עֶס אִיז פַר הַאנְדְרוּן צַייטוּן דְרוּף דְהַיְינוּ
אוּם עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אוּז מֶער אָן גְנוּמָן וְוי אַנְאנְדֶרְט מָאל • אַזוּ וְוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (דִּרְשׁוּ אֶת ה׳
בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב וגו׳) פָארְשְׁט גָאט אִין דֶער צַייט אַז אִיר גְפִינְט אִים • רוּפְט אִים
אִין דֶר צַייט אַז עֶר אִיז נָאהוּנְט צוּ אַייך • זָאגְן דוּ חֲכָמִים אַז דָאס גֵייט אוּף עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה •
אוּך זָאגְט דֶר פָּסוּק (וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת ה׳ אֱלֹהֶיךָ כו׳) אִיר זָאלְט זוּכְן פוּן דָארְטוּן פוּן דֶעם גָלוּת
גָאט דַיין גָאט • אוּנ דוּא וָועסְט אִים גְפִינְן אוּב דוּא וָועסְט צוּ אִים תְּשׁוּבָה טָאן מִיט דֶעם גַאנְצְן
הַארְצְן אוּנ לַייבּ • זָאגְן דוּ חֲכָמִים אַז דָס גֵייט אוּך אוּף דוּ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה • דֶען הקב״ה הָאט
אוּם דֶעד וַוייְלְט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ תִּשְׁרִי מֶער אֵיידֶר אִין אַלוּ הֳדָשִׁים וַוייל עֶר אִיז דֶר זוּבְּטוּר • אַזוּ
אוּך הָט גָאט אוּם דֶר וַוייְלְט דֶעם זוּבְּטוּן טָאג צוּ מַאכְן שַׁבָּת • אוּנ דָס זוּבְּטוּ יָאר צוּ מַאכְן שְׁמִיטָּה
דוּ זוּבְּטוּ שְׁמִיטָּה צוּא מַאכוּן (יוֹבֵל) • אַזוּ אוּך דָאס זוּבְּטוּ טוּזוּנְט יָאר אִיז גָאר הֵיילוּג • אַזוּ וְויא
עֶס וָועט בַּשֵׁייד וָוערוּן אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת • אוּך הָאט זִיךְ הקב״ה אוּם דֶר וַוייְלְט אִין דֶעם זוּבְּעטוּן
הוּמָל וָוס הֵייסְט (עֲרָבוֹת) • אוּך דוּ זוּבְּטוּ שָׁעָה אִיז דוּ נְשָׁמָה אַרַיין גְגֶעבּוּן גְוָוארוּן אִין אָדָם הָרִאשׁוֹן
יֵם זוּבְּטוּן דוֹר פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז חֲנוֹךְ לֶעבּוּדוּגוּר הַייד אִין הוּמוּל אַרַיין • דָס זוּבְּטוּ דוֹר פוּן
אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גְוָועזְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע״ה • דֶר זוּבְּטוּר זוּן פוּן יִשַׁי אִיז דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה • דֶר זוּבְּטֶר
זוּן פוּן דָוִד אִיז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ ע״ה • דְרוּם אִיז אוּך דוּא תְּשׁוּבָה אִין דֶעם חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי מֶער גְלוּבְּט
אִין גָאטְס אוּגוּן • אָבֶר בֶּאֱמֶת אִיז דוּ תְּשׁוּבָה אַגַאנְץ יָאר גוּט אָבֶר נִיט אַזוּ וְוי אִין חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי :
**אוֹדֶר** דְרוּם אִיז אִין דֶעם חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי מַיין אָן גְנוּמוּן דוּ תְּשׁוּבָה • וַוייל אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּשַׁאפוּן
גְוָוארוּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה • אוּנ אִין דֶעם זָעלְבּוּגְן טָאג הָט עֶר גְזוּנְדוּגְט • אַזוּ אִיז הקב״ה זַייעֶר
צָארוּנְג גְוָועזְן אִיבֶּר אִים • אוּנ זָאגְט צוּ אִים אַיין מִצְוָה הָאבּ אִיךְ דִיר גְבָּאטוּן • אוּנ דוּא הָאסְט זוּא
נִיט גְקֶענְט הַאלְטוּן • וְוי וָועלִין דַייְנִי קִינְדֶר טוּן אַז אִיךְ וָועל זַיי גוּבִּין זֶעקְס הוּנְדֶרְט מִיט דְרַייצוּן
מִצְוֹת • אַז אָדָם הָרִאשׁוֹן הָט דָס דֶר הֶערְט הָט עֶר חֲרָטָה גִיהַאט • אוּנ הָט תְּשׁוּבָה גְטָאן • אַזוּ
הָט אִים הקב״ה מוֹחֵל גְוָועזְן • אוּנ הָט אִים דֶר לַייְנְגוּרְט זַייְנִי יָאר • אוּנ הָט צוּא אִים גְזָאגְט דוּא
זָאלְסְט זַיין אַסִימָן צוּ דַייְנִי קִינְדֶר • דָס וָוען זַיי וָועלִין תְּשׁוּבָה טָאן וָועל אִיךְ זַיי אוּךְ זַייעֶרוּ זוּנְד פַר
ציי״י אַז וְוי אִיךְ הָאבּ דִיר פַר גוּבּוּן • דוּ גְמָרָא פְרֶעגְט וָוארוּם הָט דוּ תּוֹרָה אָן גִישְׁרוּבְּן אוּף יִשְׂרָאֵל
דוּ גְרוֹסִי עֲבֵירָה פוּנֶם עֵגֶל • הקב״ה הָט זַיי דָאךְ מוֹחֵל גְוָועזְן דְרוּף • אַזוּ אוּךְ וָוארוּם הָט דוּא תּוֹרָה
אָן גְשְׁרוּבְּן דוּ אַרְבִּי עֲבֵירָה פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה הקב״ה הָט אִים דָאךְ מוֹחֵל גִיוָועזְן דְרוּף • אוּנ אוּךְ
עֶס אִיז דָאךְ פַר הַאנְדְרוּן אַנְדֶרוּ מְלָכִים וָוס הָאבּן גְרֶעסוּרִי עֲבֵירוֹת גִיטָאן • (אָמוֹן) הָט מְזַנֶּה גְוָועזְן
מִיט זַיין מוּטֶר • אֵיינֶר הָאט מְזַנֶּה גִיוָועזְן מִיט זַיין שְׁוָועסְטֶר • אוּנ אֵיינֶר מִיט זַיין טָאכְטֶר • וָוארוּם
הָט דָס דוּ תּוֹרָה נִיט בַּשֵׁיידְלִיךְ אָן גְשְׁרוּבְּן • עֶנְפֶרְט דוּא גְמָרָא דָאס קוּמְט צוּא וַוייזוּן אַז וָוען אַקָהָל
אוֹדֶר אֲפִילוּ אַיְחִיד וָועט אַיין עֲבֵירָה טוּן • אַזוּ זָאלִין זַיי תְּשׁוּבָה טוּן וָועט זַיי גָאט מוֹחֵל זַיין :
**אוּנ** זֶעקְס אִירְלַייא מַעֲלוֹת אוּנ צַייטִין אִיז פַר הַאנְדִין אוּף דֶר תְּשׁוּבָה אֵיינִי עֶרְגִיר פוּן דֶר אַנְדֶרוּר
דוּ עֶרְשְׁטוּ מַעֲלָה אִיז וָוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה אִין דֶר יוּגְנְט אַז דֶר יצ״ה אִיז נָאךְ שְׁטַארְק בַּיי אִים •
אוּנ עֶר בַּיְזוִינְגְט אִים אוּף דֶעם הָט גְזָאגְט דֶר נָבִיא (הַשְׁלִיכוּ מֵעֲלֵיכֶם אֶת כָּל פִּשְׁעֵיכֶם וגו׳) וַוארְפְט
פוּן אַייךְ אַרָאפּ אַייעֶרוּ זוּנְד אוּנ מַאכְט אַפְרִישׁ הַארְץ אוּנ נַייא גֶימוּט • דָס אִיר זָאלְט נָאךְ נַיין דֶעם

יֵצֶר טוֹב · אוּךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק (וּזְכוֹר אֶת בּוֹרְאֶךָ בִּימֵי בְּחוּרוֹתֶיךָ) גֶידֶענְק דַיין בַּשֶׁעפֶּר אוּנ טוּא
תְּשׁוּבָה אוּנ דַיינֶי יוּנְגֶי טֶעג · דוּא אַנְדְרִי מַעֲלָה אִיז אוֹיךְ וָוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה אוּנ דֶער יוּגֶנְט ·
אָבֶּער זַיין תְּשׁוּבָה קוּמְט דְרוּם וַוייל עֶר קֶען שׁוֹין נִיט קוּמֶן צוּ דֶר עֲבֵירָה · דָס אִיז אוֹיךְ גִיט אָבֶּער
גִיט אַז וִוי דוּ עֶרְשְׁטֶי דוּ דְרוּטוּ מַעֲלָה אִיז וָוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה דְרוּם וַוייל עֶר פָאַרְכְט זוּךְ פַאר
יְסוּרִים אוּנ עוֹנֶשׁ פוּן זַיין זוּנְד וֶועגְן · דוּא פֶערְדוּ מַעֲלָה אִיז וָוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה דְרוּם וַוייל עֶס
הָט אִים גִיטְרָאפוּן יְסוּרִים אוֹדֶר אַנְאַנְדֶר זַאךְ · דוּ פוּפְטוּ מַעֲלָה וָוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה אוֹף דֶר עֶלְטוּר
אַז עֶר וֶוערְט אַלֵי מָאל שְׁלַאפִּיר · אוּנ קָאן שׁוֹין נִיט טוּן אַזָעלְכוּ עֲבֵירוֹת וִוי עֶר פְלֶעגְט צוּא טוּן ·
דוּ זֶעקְסְטוּ מַעֲלָה אִיז וֶוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה אַז עֶר לוּגְט שׁוֹן קְרַאנְק פַארוֹן טוֹיט · דְרוּם וַוייל עֶס אִיז
יוּא אַזוּ אַז אֵיין תְּשׁוּבָה אִיז בֶּעסוּר פוּן דֶער אַנְדֶערוּר · זָאל קֵיינֶר נִיט פַר זוּימֶן מִיט זַיין תְּשׁוּבָה ·
אוּנ וִויא בַּאלְד אֵיינֶר וֶוערְט קְרַאנְק זָאל עֶר תֵּיכֶף וִידּוּי זָאגִין · אוּנ זָאל נִיט וַוארְטוּן בִּיז דוּא
קְרַאנְקְהַייט וֶועט זַיין שְׁוֶוער אוֹף אִים · טָאמוּר וֶועט עֶר ח"ו דֶר נָאךְ נִיט קֶענֶגין וִידּוּי זָאגִין · אוֹדֶר
טָאמִיר וֶועט עֶר ח"ו פוּן זוּנֶן קוּמֶן · אוּנ דוּ מֶענְטְשׁוּן וָוס זֶענוּן בַּיי דֶעם קְרַאנְקִין זֶענוּן מְחוּיָיב אִים
צוּ דֶר מַאנוּן עֶר זָאל וִידּוּי זָאגְן אוּנ זָאלְן צוּ אִים זָאגְן עֶס זֶענוּן דָאךְ פַר הַאנְדוּן פִיל מֶענְטְשׁוּן וָוס
הָאבְּן שׁוֹן וִידּוּי גִיזָאגְט · אוּנ אַצוּנְד גֵייאֶן זַייא אַרוּם אוֹפוּן מַארְק · דֶען דוּ וִידּוּי אִיז אַרְפוּאָה ·
אוּנ עֶס זֶענוּן פַר הַאנְדוּן פִיל לַייט וָוס הָאבְּן נִיט גִוָואלְט זָאגְן קֵיין וִידּוּי · אוּנ זֶענִין אַזוּ גִישְׁטָארְבְּן
אָן וִידּוּי אָבֶּר מֶען טָאר אִים נִיט זָאגוּן דוּ רַייד פַר זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶר דָס וָוארוּן זַיי וֶועלִין וַויינֶן אוּנ
וֶועלִין אִים שְׁוֶוער מַאכוּן זַיין הַארְץ מִיזָאל אִים אוֹיךְ זָאגְן אֲפִילוּ דוּא מֶענְטְשׁוּן וָוס גֵיין אַרוּם אוֹיפוּן
מַארְק זֶענוּן אוֹיךְ נִיט זוּכֶר פַארוּן טוֹיט דְרוּם וֶועט דִיר נִיט שַׁאטוּן אַז דוּ וֶועסְט וִידּוּי זָאגִין :

עֹנֶשׁ אִיז פַר הַאנְדִין אַמֶענְטְשׁ וָואס טוּט אֵיין עֲבֵירָה · אוּנ וֶוערְט אוֹף אִיר מֶער גִישְׁטְרָאפְט וִוי זַיין
חָבֵר וֶוערְט אוֹף אִיר גִישְׁטְרָאפְט דְהַיְינוּ אַז אֵיין תַּלְמִיד חָכָם טוּט אֵיין עֲבֵירָה הָאט עֶר מֶער
עוֹנֶשׁ פוּן אַיין עַם הָאָרֶץ וָוס טוּט אֵיין עֲבֵירָה · אַזוּ אוֹיךְ אֵיין אַלְטוּר אַז עֶר טוּט אֵיין עֲבֵירָה הָט
עֶר מֶער עוֹנֶשׁ פוּן אַיוּנְגִין · אַז אֵיין רַייכִיר גַנְבֶת הָאט עֶר מֶער עוֹנֶשׁ וִויא אֵיין אָרוּמֶר גַנְבֶת אוּנ וֶוען
אַשְׁלֶעכְטוּר מֶענְטְשׁ הַאלְט זוּךְ בְּגַאֲוָה הָט עֶר מֶער עוֹנֶשׁ וִוי אַגְרוּסֶר מַאן הַאלְט זוּךְ בְּגַאֲוָה · אוּנ דֶר
וָוס גַזוּלְט אֵיין אָרוּמַאן הָט עֶר מֶער עוֹנֶשׁ וִוי עֶר גַזוּלְת אֵיין רַייכַן · אַזוּ אוֹיךְ וֶוען עֶר טוּט אַשְׁאַרְדִן
צוּ אַצַדִיק אוֹדֶר צוּ אֵיין הַאלְטֶן מַאן · אוֹדֶר עֶר אִיז אִים מְצַער · הָאט עֶר מֶער עוֹנֶשׁ וִוי עֶר וָואלְט
עַם אַנַאנְדֶרִיי גִטָאן · אַז וִוי דוּ גְמָרָא זָאגְט (הַכֹּל לְפִי הַמְבַיֵּישׁ וְהַמִּתְבַּיֵּישׁ) דֶר עוֹנֶשׁ אִיז אַלְץ וֶועדְלִיג
דֶעם וָוס פַר שֶׁעהְמְט אוּנ וֶוערְט פַר שֶׁעהְמְט אוֹךְ דֶר וָוס טוּט אֵיין עֲבֵירָה אוּם שַׁבָּת אוֹדֶר אוּם יוֹם
טוֹב אוֹדֶר אִין אֵיין תַּעֲנִית אִיז זַיין עוֹנֶשׁ גְרֶעסִיר וִוי אַנַאנְדֶערְט מָאל · אוֹיךְ זֶענִין פַר הַאנְדִין אַטַייל
זְכִיּוֹת וָוס זֶענוּן בֶּעסוּר פוּן דוּ אַנְדֶערוּ דְהַיְינוּ דוּ תְּפִלָּה פוּן אַצַדִיק אִיז בֶּעסוּר פוּן דֶר תְּפִלָּה פוּן אַרָשָׁע
אוּנ וֶוען אַיוּנְגֶער דוּנְט גָאט מִיטֶען גַאנְצִין הַארְצוּן · אִיז בֶּעסוּר אַיידֶר וִוי אֵיין אַלְטוּר טוּט דָאס אוּנ
וֶוען אֵיין אָרֶעמִיר הַאנְדוּלְט בֶּאֱמוּנָה אִיז פוּל בֶּעסוּר אַיידֶר וִויא אַרַייכוּר הַאנְדוּלְט בֶּאֱמוּנָה הֶערְט
גְלַייכוּן פַר קֶערְט קוּגֶן עוֹנֶשׁ · אוּנ וֶוען אֵיין גְרוּסֶר מַאן אִיז אֵיין עָנָיו אִיז עֶר מֶער גִלוּבְּט אוּנ גָאטְס
אוּגֶן וִויא אֵיין שְׁלֶעכְטוּר מַאן אִיז אֵיין עָנָיו :

אִיר לוּבִּי לַייט זַייט וִויסֶען דָאס דוּ וֶועלְט אִיז גִיגְלוּכוּן צוּ אֵיין יַם וָוס שְׁטוּרְמְט דוּרְךְ אֵיין שְׁטוּרֶם
ווִינְד · אַזוּ גִפִינְן זוּךְ פִיל לַייט וָוס ווִילִין פָארְט אַרוּבֶּר גֵיין · אוּנ וֶוערִין דֶר טְרוּנְקֶן אוּנ דוּ טִיפִּי
וַואסֶער · דוּ אַנְדְרִי זֶעהֶן אַז דוּ זֶענִין דֶר טְרוּנְקֶן גִיוָוארוּן · אוּנ גֵייאֶן זַיי פָארְט נָאךְ · אוּנ וֶוערִין אוֹיךְ
דֶר טְרוּנְקֶן · דֶר נָאךְ קוּמֶן נָאךְ מֶער לַייט אוּנ זֶעהֶן דָס יֶיעֶנִי זֶענוּן דֶער טְרוּנְקֶן · אוּנ קֶערוּן זוּךְ נִיט
דְרוּנֶען אוּנ גֵיין אוֹיךְ אַרַיין אוּנ וֶוערִין אוֹיךְ דֶער טְרוּנְקֶען · אִין דֶעם קוּמְט צוּא גֵיין אֵיין חָכָם אוּנ
בַּטְרַאכְט זוּךְ מִיט כָּל הַמְצָאוֹת · אוּנ מַאכְט זוּךְ אַשׁוּף מִיט אַזֶעגִיל בּוֹים · אוּנ מִיט גְרָאבִּי שְׁטְרִיק ·
אוּנ דוּנְגְט זוּךְ רוּדֶער וָואס זָאלְן אִים רוּדְלִין דוּא שִׁיף · אַזוּ פָארְט עֶר בְּשָׁלוֹם אִיבֶּר דֶעם יַם · אַזוּ
אִיז אוֹיךְ דוּ וֶועלְט · דוּ לַייט לוֹפְן נָאךְ נַייעֶר הֶענְדִיל · אוּנ דוּא לַייט וָוס וֶוערוּן דְרוּנֶן דֶר טְרוּנְקֶן דָאס
זֶענוּן דוּ רְשָׁעִים · זַיי טְרַאכְטוּן נִיט אוֹף עוֹלָם הַבָּא · אוּנ פַאלִין אִין גֵיהִנָּם · אוּנ דֶר חָכָם דָס אִיז

דֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה · דוּ שׁוּף אִיז דוּ תְּשׁוּבָה · אוּנ דוּ רֵידֶר דָס זֶענֶן דוּא מַעֲשִׂים טוֹבִים · פַאסְטֶן אוּנ צְדָקָה אוּנ תְּפִלָּה · אַזוֹ וִוי דוּ רוּדֶער הָאבֶּן גְרוֹיס מִיא · אַזוֹ הָט דֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אוֹיךְ גְרוֹיס מִיא מִיט זַיין תְּשׁוּבָה · אוּנ דֶר פֶֿעגִיל בּוֹים דָס זֶענֶן דוּ מִצְוֹת בְּכַוָּונָה · דֶען אַזוֹ וִוי מִיקֶען נִיט פָארוֹן אָן דֶעם פֶֿעגִיל בּוֹים · אַזוֹ אוֹיךְ דוּ מִצְוֹת אָן כַּוָּונָה זֶענֶן נִישְׁט גֶערֶעכוּנְט אוּנ דוּא גְרָאבִּי שְׁטְרִיק דָס זֶענֶן דוּא תְּפִלּוֹת דָס דוּרְךְ זַיי וֶוערְט דֶר מֶענְטְשׁ אָן גִיקְנִיפְּט אוּנ הקב״ה אוּנ וֶוערְט גִיבְּרַאכְט לְעוֹלָם הַבָּא :

פִינְף צַייטוּן אִיז פַר הַאנְדוּן וָוס דֶר מֶענְטְשׁ הָט צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טָאן · דוּ עֶרְשְׁטוּ צַייט אִיז תֵּיכֶף דֶעם טָאג אַז עֶר טוּט דוּ עֲבֵירָה · עֶס אִיז גְלַייךְ אַז וִוי עֶס קוּמְט אַפְלֶעק אוֹיף אַמַלְבּוּשׁ · אַז מֶען נֶעמְט אִים תֵּיכֶף אַרוֹיס אִיז גִיט · אוּנ אוֹיבּ נִיט אִיז נִיט גוּט · אַזוֹ אוֹיךְ מִיט דֶר עֲבֵירָה מַאכְט עֶר אַפְלֶעק אִין זַיין נְשָׁמָה · אַזוֹ אַז עֶר טוּט בַּאלְד תְּשׁוּבָה גֵייט אַרוֹיס דֶר פְלֶעק · אוּנ אוֹיבּ נִיט גֵייט עֶר נִיט אַרוֹיס · דָס אַנְדֶרִי וֶוער עֶס פַאר זוּמְט דֶעם טָאג אָבֶּר עֶר טוּט נָאךְ תְּשׁוּבָה אִין זַיין יוּגֶנְט · דָס דְרוּטִי וֶוער עֶס טִיט עֶרְשְׁט תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶר עֶלְטוּר · דָס פֶערְדוּ וֶוער עֶס טוּט עֶרְשְׁט תְּשׁוּבָה אַז עֶר לִיגְט קְרַאנְק אוֹיפֶן טוֹיט בֶּעט דָס פוּפְטוּ וֶוער עֶס שְׁטַארְבְּט גָאר אָן תְּשׁוּבָה · אוּנ בְּלַייבְּט אוּנ זַיין בַּייזְקַייט · דָס אִיז אַמָשָׁל צוּ פוּנְף כִּיתּוֹת וָוס פָארִין אִין אַיין שׁוּף אוֹיפוּן יַם · דָא קוּמְט אַיין שְׁטוּרְם וִוינְט אוּנ וַוארְפְט זַייעֶר שִׁיף טָאג אוּנ נַאכְט · אוּנ זַיי קֶענוּן נִיט קוּמֶן צוּ קַיין יַבָּשָׁה · אַמָאל הָט זַיי דֶר וִוינְט פַר טְרָאגֶן צוּ אַיין אִינְזוּל אִין מִיטֶען יַם · דוּ לַייט גֵיין אַרוֹיס אוֹיפֶן אִינְזוּל אוּנ גֶפוּנֶן דָארְטוּן גוּטִי פֵּירוֹת אוּנ גִיטֶע קְרַייטֶכְצֶר אוּנ אַסוּרְלֵייא פֵייגוּל אוּנ בְּהֵמוֹת אוּנ קְוַואלוּן מַאסֶר · אוּנ אַלִין וָוס זֵייעֶר הַארְץ בַּגֶערְט · דוּא עֶרְשְׁטוּ כִּיתָּה זָאגְט מִיר וֶועלוּן נִיט אַרוֹס גֵיין פוּן דֶער שִׁיף פוּן אוּנְזוּר ווֹאל טָאג וֶועגוּן · דֶען טָאמוּר וֶועט קוּמֶן אַשְׁטוּרְם וִוינְד אוּנ וֶועט פַר טְרָאגִין דוּ שִׁיף · אַזוֹי וֶועלִין מִיר מוּזֶען שְׁטַארְבּוּן אוֹיף דֶעם אוּנְזוּל · אוּנ אוּנְזֶער הָאבּ אוּנ גוּטְץ וֶועט אַלִין פַאר לָארִין וֶוערִין · דוּ אַנְדֶרוּ כִּיתָּה גֵייאֶן יוֹא אַרוֹיס אוּנ עֶסִין פוּן דוּ מַאֲכָלִים אוּנ גֶעמוּן מִיט זִיךְ אִין שׁוּף אַרַיין אָבֶּר זַיי קֶערוּן זִיךְ אוּם בַּאלְד אוּנ שִׁיף אַרַיין דוּ דְרוּטוּ כִּיתָּה גֵיין אַרוֹס אוּנ בְּלַייבּוּן פוּן דְרוֹיסוּן · אוּנ גֵיין נָאךְ נָאךְ ווֹאל טֶעג · אוּנ עֶסוּן אוּנ טְרוּנְקֶען אוּנ בָּאוִין זִיךְ שַׁיינִי הַייזוּר אוּנ טוּן זִיךְ אָן גְרוֹיס תַּעֲנוּג אוֹיפוּן אוּנְזֶעל · בִּיז עֶס קוּמְט אוּוִינְט אוּנ דוּ רֵידֶער הֵייבּוּן אָן צוּ רוּדֶרוּן דוּ שׁוּף · אוּנ מֶען הֵייבְּט אָן צוּ טְרוּמֵייטֶרִין אַזוֹ לוֹיפֶן זַיי בַּאלְד אִין שׁוּף אַרַיין אוּנ גְפוּנֶן דָאס דִיא אַנְדֶרוּ לַייט זִיצֶן אוֹיף זֵייעֶר שְׁטֶעט · אוּנ זַיי מוּזֶען זִיךְ שׁוֹן זֶעצוּן אוּן אַיינְגְשַׁאפְּט · דוּא פֶערְדוּ כִּיתָּה זָאגְט מִיר וֶועלִין נָאךְ קוּמֶן אוּנ שׁוּף אַרַיין דוּ רוּדֶר וֶועלוּן עֶרְשְׁט עֶסוּן אוּנ וֶועלוּן עֶרְשְׁט אוֹיף שְׁטֶעלוּן דֶעם פֶֿעגִיל בּוֹים · אוּנ זַיי זוּיכֶן זִיךְ אוֹיפוּן אוּנְזֶער אוּנ גֵיין נָאךְ נָאךְ תַּעֲנוּגִים · אוּנ זַיי מֵיינִין זַייא וֶועלִין נָאךְ קוּמֶן צוּ דֶר שׁוּף · אִין דֶעם הֵייבְּט אָן דוּ שׁוּף צוּ גֵיין · אַזוֹ דֶר שְׁרֶעקוּן זַיי זִיךְ · אוּנ דוּא שׁוּף אִיז אָבֶּר שׁוֹן וַוייט אַוֶועק פוּן זַייא · אַזוֹ מוּזֶען זַייא שְׁווִימֶן אוּנ גֵיין בִּיז אוּנ הַאלְז אוּנ וַואסֶר בִּיז זַייא גְרַייכוּן צוּא דֶר שׁוּף · אָבֶּר זַייא מוּזֶן נָאךְ פִיל הֶענְגִיר זוּצֶן פוּן דֶר דְרוּטֶה כִּיתָּה · דוּא פוּפְטִי כִּיתָּה בְּלַייבּוּן אוֹיפוּן אוּנְזֶעל אוּנ קֶערוּן זִיךְ דְרוּגֶן וָוס דוּא שׁוּף פָארְט אַוֶועק · אוּנ זַיי מֵיינִין זַיי וֶועלוּן זַייעֶרוּ טֶעג אַזוֹ פַר בְּרֶענְגוּן אִין תַּעֲנוּג אוֹיף דֶעם אוּנְזֶעל · דֶר נָאךְ קוּמְט דֶר וִוינְטֶר אוּנ דוּ בֵּיימֶר וֶוערֶן פַאר דַארְט אוּנ עֶס קוּמְט דוּ קֶעלְט אוּנ שְׁנֵייא אוּנ רֶעגוּן · אוּנ זַיי הָאבֶּן נִיט צוּ עֶסִין אוּנ טְרוּנְקֶן אוּנ מוּזֶן זִיךְ נָאךְ בַּהַאלְטוּן אוּנ זַייעֶרִי הַייזוּר פַר דוּ חַיּוֹת רָעוֹת · אוּנ זַיי וַויינֶען אוּנ שְׁרַייאֶן אוּנ קַיינוּר קֶען זַיי נִיט הֶעלְפוּן · אוּנ זַיי מוּזֶן דָארְט שְׁטַארְבּוּן פַר הוּנְגֶר · אוֹדֶר זַיי וֶוערוּן צוּא רִיסֶן פוּן דוּ חַיּוֹת רָעוֹת · אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶר מֶענְטְשׁ · דוּ וֶועלְט אִיז גְלַייךְ צוּא אַיין אִינְזִיל אוּנ דוּא מַעֲשִׂים טוֹבִים זֶענֶן גְלַייךְ אַז וִוי אַשִׁיף · דֶען וֶוען אַיין מֶענְטְשׁ גֵייט אוּנ גְלַייכוּן וֶועג · אוּנ דִינְט הַשֵּׁי״ת אוּנ לָאזְט זִיךְ נִיט בַּצְווִינְגֶן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע אַזוֹ גֵייט עֶר אַרוֹם אוֹיף דֶר וֶועלְט בְּשָׁלוֹם אוּנ קוּמְט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא בְּשָׁלוֹם אוּנ גַן עֵדֶן אַרַיין · דוּ עֶרְשְׁטוּ כִּיתָּה דָס זֶענֶן דוּ רֶעכְטוּ צַדִּיקִים · זַיי ווִילֶן נוּט נָאךְ גֵיין נָאךְ ווֹאל טֶעג אוּנ תַּעֲנוּג · דוּ אַנְדֶרוּ כִּיתָּה אִיז דוּ וָוס טוּן עֲבֵירוֹת אָבֶּר זַייא טוּן בַּאלְד תְּשׁוּבָה דְרוּף · זַיי קוּמֶן ווִידֶר אוֹיף זֵייעֶר אוֹרְט אוּנ גַן עֵדֶן אַרַיין · אוּנ זוּצוּן גְרוֹיס · דוּ דְרוּטוּ כִּיתָּה אִיז דוּ וָוס טוּן פִיל עֲבֵירוֹת אוּנ טוּאֶן קַיין תְּשׁוּבָה נִיט בִּיז אוֹיף דֶר עֶלְטוּר · חָאטְשׁ דָאס הֵייסְט דָאךְ אוֹיךְ אַיין תְּשׁוּבָה · אָבֶּר עֶס

אִיז נִיט אַזוֹי גּוּט וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע כִּיתָּה דִי פֶערְדִי כִּיתָּה אִיז דִי וָוס טוּן עֶרְשְׁט תְּשׁוּבָה פַארִין טוֹיט • דְרוּם הָאבֶּן זֵיי נָאר אֵיין עֶנְג אוֹרְט אוּנ גַן עֵדֶן • וַוייל זֵייא הָאבֶּן פַר זוֹימְט מִיט זֵייעֶר תְּשׁוּבָה • אוּנ זֶענִין פְרוּר נָאךְ גְגַאנְגִין נָאךְ הַתַּעֲנוּגִים דוּא פוּפְטֶע כִּיתָּה זֶענִין דוּא רֶעכְטֶע רְשָׁעִים וָוס טוּן גָאר קַיין תְּשׁוּבָה נִיט זֵיי בְּלַייבִּין אוּנ גֵיהִנֹּם וַוייל זֵיי הָאבֶּן נִיט גְדֶענְקְט אוּנ זֵייעֶר שׂוֹף דָס אִיז דִי תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים • אוּנ דִי חַיּוֹת רָעוֹת צוּ רֵייסִין זֵיי • דָאס מֵיינְט מֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה ר״ל • זֵייא וַוארְפִין אִים אוּנ דֶעם אֶפְּ גְרוּנְד פוּנֶם גֵיהִנֹּם אוּנ אִיטְלוּכֶר זָאל זוּךְ דֶעם מָשָׁל אוּנ מוֹחַ אַרַיין נֶעמִין אוּנ זָאל נִיט פַר זוֹימִין מִיט זַיין תְּשׁוּבָה :

פִיר כְּלָלִים זֶענִין פַר הַאנְדִין אוֹיף דֶר תְּשׁוּבָה אֵיינְס עֶר מוּז זוּךְ בַּדֶענְקִין אוֹיף אִיטְלוּכֶר עֲבֵירָה וָוס עֶר הָט גְטָאן • דָס אַנְדֶרִי עֶר מוּז זֵייא פַר לָאזִין גָאר נוּט טָאן דָם דְרִיטֶע עֶר דַארְף וִידּוּי זָאגִין • דָס פֶערְדִי עֶר דַארְף אוֹיף זוּךְ מְקַבֵּל זַיין קֵיין מָאל קֵיין עֲבֵירָה נִיט טָאן • אוּנ דַארְף אַזוֹ זָאגִין (רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים) אִיךְ הָאבּ גִיזוּנְדִיגְט דִיר אוּנ דִי עֲבֵירָה הָאבּ אִיךְ גְטָאן • אוּנ אִיךְ וֶועל עֶס שׁוֹין קֵיין מָאל נִיט טוּן • אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה דְרוֹיף (חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי וכו׳) אוֹיךְ זֶענִין פַאר הַאנְדִין פִיר אִירְלַייא תְּשׁוּבוֹת (תְּשׁוּבַת הַכָּתוּב) דָס מֵיינְט מֶען עֶר זָאל זֶעהְן אוּנ דֶר תּוֹרָה וָוס פַר אֵיין עוֹנֶשׁ עֶס שְׁטֵייט אוֹיף אַזוֹ אֵיין עֲבֵירָה וִויא עֶר הָאט גְטָאן • אִיז דֶער עוֹנֶשׁ הַארְבּ אִיז זַיין תְּשׁוּבָה אוֹיךְ הַארְבּ • אוּנ (תְּשׁוּבוֹת הַמִּשְׁקָל) עֶר זָאל וֶוענִין דִי הֲנָאָה פוּן דֶר עֲבֵירָה קֶוגִין דֶעם צַעַר וָוס עֶר וֶועט לַיידִין דְרוֹיף • אוּנ וִוידֶר (תְּשׁוּבַת הַחֲרָטָה) דָס עֶר מוּז חֲרָטָה הָאבִּין אוֹיף זַיינֵי עֲבֵירוֹת • אַזוֹ הֵייסְט עֶס קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט • אוּנ עֶס אִיז גְלַייךְ אַז וִויא אֵיינֶר טוֹבֵל אִיז זוּךְ אוּנ הַאלְט אַשֶּׁרֶץ אוּנ זַיין הַאנְט • הקב״ה הָאט גְוָוארוּנְט דִי יִשְׂרָאֵל אוֹיף דֶר תְּשׁוּבָה אַזוֹ וִוי אוֹיבֶּן שְׁטֵייט דָס עֶר בַּגֶערְט נִיט אוּנ דֶעם טוֹיט פוּנֶעם רָשָׁע • נָאר עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט עֶר לֶעבִּין דָס אֵייבִּגֵי לֶעבִּין אוּנ הָט זֵיי אוֹיךְ גְוָוארְנְט ד״וּף דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע״ה • אַז וִוי עֶס שְׁטֵייט (אַתֶּם נִצָּבִים) אוּנ אוֹיךְ דוּרְךְ אַנְדֶרִי נְבִיאִים • דְרוּם זָאל קֵיינֶער זוּךְ נִיט טְרַאכְטִין אִיךְ בִּין נָאךְ יוּנְג אוּנ הָאבּ נָאךְ קֵיין עֲבֵירוֹת נִיט גִיטָאן • אוּנ דַארְף קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט • נֵיין עֶס אִיז נִיט אַזוֹ אִיטְלוּכֶר בַּדַארְף תְּשׁוּבָה • אוּנ דֶר וָוס נֶעמְט זוּךְ מִיט דִי עֲבֵירוֹת אוֹיף יֶיענוּר וָועלְט וַוייא צוּא אִים :

נָאךְ דֶעם אַז עֶר הָט תְּשׁוּבָה גְטָאן זָאל עֶר מַאכִין אַנְדֶרִי אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טָאן אַזוֹ וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט דֶר וָוס קָאן שְׁטְרָאפִין דִי לַייט אוּנ שְׁטְרָאפְט זֵייא נִיט : וֶוערְט עֶר גְשְׁטְרָאפְט דְרוֹיף דְרוּם אִיז מְחוּיָּיב אִיטְלוּכֶס קָהָל צוּ הָאבִּין אֵיין (בַּעַל דַּרְשָׁן) וָוס זָאל שְׁטְרָאפִין דִיא לַייט אַזוֹ אוֹיךְ אֵיין (בַּעַל הַבַּיִת) וָואס שְׁטְרָאפְט נִיט זַיין הוֹיז גִיזִינְד מוּז עֶר עוֹנֶשׁ לַיידִין אִיבֶּר זֵיי אָבֶּר דֶר וָוס מַאכְט יוֹא דִיא לַייט תְּשׁוּבָה טוּן הָט זַיין שָׂכָר גָאר קֵיין שִׁיעוּר נִיט • אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (בְּשָׁלוֹם וּבְמִישׁוֹר הָלַךְ אִתִּי וְרַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן) מִיט שָׁלוֹם אוּנ גְלַייכְקֵייט אִיז עֶר גִיגַאנְגִין מִיט מִיר • אוּנ פוּל לַייט הָט עֶר וִוידֶר גִיקֶערְט פוּן זוּנְד • אוֹיךְ זָאגְט דוּא גְמָרָא מִיזָאל גִיוָוען שְׁטְרָאפִין אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶרִין וָואלְט דֶער בהמ״ק נִיט חָרוּב גְוָוארִין • אוּנ דָאס שְׁטֵייט דָאךְ שׁוֹין אוֹיבֶּן דָאס דֶר מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּיב צוּא שְׁטְרָאפִין זַיין חַבֵר צְוֵויי דְרַיי מָאל אוּנ אַז עֶר קֶערְט זוּךְ נִיט דֶר צוּא הֵייסְט עֶר אֵיין נַאר • אָבֶּער דֶר וָוס נֶעמְט יוֹא אָן שְׁטְרָאף הֵייסְט עֶר אַצַדִּיק אוּנ אַחָכָם • דְרוֹיף זָאגְט דֶער פָּסוּק (אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ) זָאלְסְט נִיט שְׁטְרָאפִין קֵיין שְׁפֶּעטוּר טָאמוּר וֶועט עֶר דוּךְ פֵיינְט הָאבִּין • שְׁטְרָאף צוּ אַחָכָם וֶועט עֶר דוּךְ לִיבּ הָאבִּין • אוֹיךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (בְּאָזְנֵי כְּסִיל אַל תְּדַבֵּר) אוּנ דִי אוֹיעֶרִין פוּן אַנַאר זָאלְסְטוּ נִיט רֵיידִין • אוֹיךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (אֹזֶן שׁוֹמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים בְּקֶרֶב חֲכָמִים תָּלִין) דֶר אוֹיעֶר וָואס הֶערְט צוּא שְׁטְרָאף דֶער בַּקוּמְט דָס אֵייבִּגֵי לֶעבִּין • אוּנ צְוִוישִׁין דוּא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶועט עֶר אִיבֶּער גֶעכְטוּגִין אָבֶּר דֶער וָואס הָט פֵיינְט שְׁטְרָאף אִיז פִיל עֶרְגִיר פוּן אַבְּהֵמָה • אוּנ וֶוערְט נִיט גְרֶעכוּנְט צְוִוישִׁין דִי לַייט • וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (שׂוֹנֵא תוֹכַחַת בַּעַר) דֶר וָוס הָאט פֵיינְט שְׁטְרָאף אִיז אֵיין נַאר • אוּנ אִיז אוֹיס גְלֶעהְרְט פוּן דֶער וָועלְט אוּנ פוּן יֶיענוּר וָועלְט • דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר אָן נֶעמִין דִי שְׁטְרָאף • אֲפִילוּ דֶר וָוס אִיז אֵיין אַלְטוּר מַאן אוּנ אֵיין תַּלְמִיד חָכָם •

אז ווי עס שטייט דרוף פיל מעשיות אונ דר גמרא · אונ דר ווס מאכט דו לייט תשובה טאן אין
ער מקרב דוא גאולה :

פון וועגון דר תשובה איז דר מענטש זוכה צו פור זאכון · איינס הקב״ה איז אים מוחל אלו זייני
עבירות אונ זיי ווערון אים גרעכונט פאר מצות · דאס אנדרו ער ווערט גהיילט פון זיינו זוכד
אונ פון אלו קראנקהייט · אז וויא דר פסוק זאגט (הרופא לכל תחלואיכי) דאס דריטו ער ווערט
בשרומט פונם גיהנם · אונ קומט אין גן עדן · אז וויא דר פסוק זאגט (הגואל משחת חייכי) ער
לייזט אוס פונם גיהנם דיין לעבון דס פערדו הקב״ה נייגט אוף אים חן אונ חסד אונ דר בארומקייט
וויא דר פסוק זאגט (המעטריכי חסד ורחמים) גאט מאכט דיך קריינון גנאד אונ דר בארומקייט ·
אונ דרום וויל הקב״ה הט לוב די ישראל מער פון אלו אומות דרום הט ער אונז גיגובן די תשובה
דס איבגו לעבון אוך זאגט דר פסוק (כי חסיד אני) הקב״ה זאגט אפילו איינר טוט מיר שלעכטין
טוא איך אים גוטס · אונ ווען איר וועט תשובה טואן וועל איך אייך מוחל זיין אייערו זונד · אונ
דורך דר תשובה וועלון מיר זוכה זיין צו דר גאולה במהרה בימינו אמן :

סליק הלכות תשובה :

# הלכות צדקה פרק רביעי

דער פרק רעט וויא מיזאל צדקה גובן · אונ ווען מיזאל צדקה גובין אונ וועמון מיזאל צדקה גובין
אונ וויא דיא צדקה זאל זיין :

דר פסוק זאגט (זרעו לכם צדקה וקצרו לפי חסד) דיא פסוקים זענון אזו פאר טייטש איר זאלט זייאן
דיא צדקה גליך וויא איינר זייאט קארון · אודר ווייץ דא וועט איר אפ שניידון (חסד) · אונ ווען
איינור זייאט קארון אודר ווייץ · אזו ווייסט ער ניט אוב עס וועט וואקסון · אודר אוב ער וועט עס
אפ שניידון · דען עס קען זיין דר האגול וועט עס אוס שלאגון אבר דר וואס זייאט צדקה וועט ער
בוודאי שניידון · אונ אזו וויא פון אקרון וואקסון אוס פול קארונס אזו אוך פאר איין שולנגר צדקה
ווערט מען גבענטשט מיט אלפי אלפים אונ דאס איז דאך ידוע אז (גמילות חסד) איז פול בעסור
אונ השובר פון צדקה · דען צדקה איז נאר פאר עניים · אונ גמילות חסד איז פאר עשירים אוך ·
צדקה איז נאר פאר איין לעבונדוגון · אונ גמילות חסד קאן זיין מיט דעם טוטון אוך · צדקה גוט
מען נאר געלט · אבר (גמילות חסד) איז מיט זיין לייב אונ גוטס · דרום זאגט דר נביא זייאט אייך
צדקה וועט איר אפ שניידון חסד · אונ דרום אוך זאגט ער דאס לשון זייאון ביי צדקה · דען אזוא
וויא איינור זייאט קארון בהאלט ער עס אין דר ערד · אזו אוך איז צום בעסטון צדקה צו גובון
שטולר הייד · אזו ווי איך וועל עס דא בעסור בשיירון · אוך זאגט דר פסוק (נירו לכם ניר ועת
לדרוש את ה׳) אקורט אייך איין אקור · דס מיינט מען אזו וויא אז איינור וויל אקרון איין פעלד
קלובט ער זיך אוס אזו איין פעלד ווס זאל דרוף גוט וואקסון אזו אוך זאל מען זעהן צדקה גובון
צו פרומו לייט · אונ צוא דעם וואס לערונט תורה · אונ ניט צו שלעכטו · אונ אוב דוא וועסט
וועלון זאגון וויא קען מען וויסון אז דר איז אגוטר אונ דר איז אשלעכטור · דרום זאגט דר נביא
(ועת לדרוש את ה׳) עס איז איין צייט צו פארשטון גאט כלומר אפילו דו ווייסט ניט דם מענטשון
גוב אים פארט צדקה · אונ האלט אים פאר פרום ביז אליהו הנביא וועט אונז ווייזון וועמן מען
זאל צדקה גובון · דר נאך זאגט דר נביא (אשריכם זורעי על כל מים) וואול צוא אייך דאס איר
זייאט אוף אלו וואסרון דאס מיינט מען גוט אייער צדקה צו דיא ווס לערנון תורה וואס זיא איז
גגלוכין צו וואסור אונ זוא בלייבט נאר ביי די נודרוגו לייט אונ ניט ביי די בעלי גאוה :

דער פסיק (בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך) דס טייטשון די חכמים ווען דו האסט צדקה
גיגובין צו איין עני זאלסטו צוא אים ניט זאגין איך האב שון היינט גיגובין קום אנאנדרט
מאל · נייארט דו זאלסט אים ניט אוועק לאזון לידוג : דען אין דעם זכות פון צדקה איז מען זוכה
צום לעבון אוף דר וועלט אונ אוף יענור וועלט : אונ דר ווס גוט צדקה וויא רעכט איז וויא עס

וועט דא ווייטור בשיידט ווערן · דר איז זוכה אויף צוא שטיי צוא (תחיית המתים): אונ איז זוכה צו קומין צו דר (מחיצה) פון הקב"ה · אונ ער וועט הנאה האבין פון דעם לוטורקייט פון דר שכינה · אונ דיא צדקה גייט פארון מענטשן אויף דר וועלט אונ אויף יענור וועלט דרויף זענן פר האנדרון פול פסוקים · נאר איך וויל דרונון ניט מאריך זיין · ווער עס וויל דס ניט גלייבון זאל זיך נעמון דעם (ספר המוסר) וועט ער גיפונון בשיידלוך · אוך בהוט אים די צדקה פאר מיתה משונה אונ פר דעם גיהנם · אונ ברענגט אים צוא עולם הבא · אונ זיא גייט פאר אים אונ ווייזט אים דעם וועג אין גן עדן אריין · אונ זוא איז זיין מליץ אונ טענות פאר אים ביא דעם גרוסון משפט אוך האבון דיא חכמים ז"ל גזאגט ווען דו האסט ביא דיין טיש עניים זאלסטו זיך פרייאן אויף דעם וס דו האסט די הונגרגו זאט גמאכט · כדי דו זאלסט לאנג לעבון אוף דער וועלט אונ וועסט אויך בקומון דס איביגו לעבון · אז ווי דר פסוק זאגט (אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה') וואול דעם מענטשן וס קלוגט צום ארומאן · אין דעם בייזון טאג וועט אים גאט מציל זיין פרעגט די גמרא וס הייסט גקלוגט צו איין ארומאן: נאר מיינט מען ער בקלערט מיט זיין חכמה צו העלפן דעם ארומאן מיט כל המצאות · מיט לייאון · אודר מיט אנאנדר זאך (ביום רעה ימלטהו ה') דר וים טוט אזו וועט אים קיין בייז ניט קומון:

וועז איין ארומאן קומט צו איין עושר אונ בגערט פון אים צדקה אודר ער זאל אים לייאן · דא שוקט גאט איין מלאך אונ שטעלט זיך לעבון דעם ארומאן · אונ זעהט אונ הערט אלס וס ער רעט מיט דעם עושר · אונ וס דר עושר ענפרט אים · דען גאט ב"ה פרובט אוב ער איז זיך נוהג מיט זיין צדקה ווי עס קער צו זיין · אוב ער גוט זוא מיט גוטון מיט אונ מיט שמחה אודר מיט איין טרוארוג פנים: אונ אוב ער גוט זוא בשתיקה אודר בפרהסיא · אוך פרובט ער דעם ארומאן אוב ער לאזט זיך בנוגון מיט דעם וס מען גוט אים: אונ אוב ער רעט ניט קיין שלעכטו רייד קוגין דעם עושר · אודר אוב ער איז ניט מתרעם אויף גאט צו זאגון ווארום הט ער יענום גיגובון פול געלט אונ עשירות אונ אים ניט · דען מיט די רייד טוט ער אגרוסו עבירה · דר וס גוט ניט קיין צדקה ווערלוג זיין עשירות ווערט אים זיין עשירות בהאלטון צו בייזון ער ווערט פאלארון פון דר וועלט אונ יענור וועלט · אונ זיין עשירות ווערט אוך פלארון · אזו אוך דר ארומאן וס לאזט זיך בנוגין מיט וס מען גוט אים אונ ער רעט ניט קיין שלעכטו רייד וואס זענן דר ווידר גאט אונ לייט ח"ו · אונ נעמט אן זיין ארומקייט פאר ליב · דס וויא גאט הט מיט אים גמאכט איז אלס רעכט · דר בקומט זיין שכר כפל כפליים אוף יענור וועלט · אונ זיין שכר איז גרעסור פון דעם וואס גוט צדקה · דען ער זאגט צו הקב"ה ליבר גאט האסטו מיר אוך גיזאלט גיבון נערט וואלט איך אוך צדקה גיגעבון · פון דעסט וועגן זאל דר ארומאן אוך צדקה גובון פון דעם ביסול וס ער הט:

אוך זאל אוטלובר וויסון אז דר ארומאן וס נעמט צדקה ביי דעם עושר טוט ער מיט אים פול מער גוטס · וויא דר עושר טוט מיט אים · דען דר עושר גוט אים געלט אודר עסן אונ טרונקן: אודר ער מאכט אים איין מלבוש · אבר ער בקומט דורך אים טוזונט מאל מער · דאס גאט גוט אים מזל אונ ברכה אונ לאנג לעבון · אונ אלס וס אובון שטייט אום גרעכונט · אוך זאל אוטלובר וויסון אז דר וס ניט זיין חבר צדקה גובין · האט ער מיין שכר פון דעם וואס גוט צדקה · דען דר טוט גוטס מיט דעם ארומאן · אונ נאך מער גוטס מיט דעם עושר וואס ווערט גיגייט · אונ אוך דר וס גייט זיין חבר צו צדקה איז ער דאך בודאי אוך איין בעל צדקה · אזו איז זיין שכר זייער גרוס עס שטייט אין פרק (יוסי בן יועזר) זאגט דיין טור זאל תמיד אפון שטיין אונ עס זאלון זיין ארומו לייט אין דיין הוז בשעת דוא עסט · אודר ווען דיא האסט עפוס צו ארבוטון זאלסטו עס גובון צו עניים · כדי זיי זאלון זיך פאר דינן אוף פרנסה · נאך איין פשט איז דיין טור זאל תמיד האפון זיין דס די אורחים זאלון אריין גיין · דען אז די טור איז צו שעמון זיי זיך אן צו קלאפון · אודר טאמור קומט איין הונגרגור אורח · אונ איידר דו וועסט אים עפנון וועט ער אוועק

פאר דר טור ח"ו · אונ דר שכר פון הכנסת אורחים איז גרעסור פון צדקה אונ זיין גרוסר שכר האט גאר קיין שיעור ניט · אזו האט אויך גטאן אברהם אבינו ע"ה · אונ דר וואס איז איין מכניס אורח איז ער מזרע אברהם אבינו · אונ ווען דר אורח קומט אין דיין שטוב אריין זאלסטו אים צו נעמן מיט ליבשאפט · אונ זאלסט אים תיכף גובן עסן טאמור איז ער הונגריג אונ זאלסט אים ניט פרעגן אוב ער וויל עסן · דען טאמור שעמט ער זיך פאר דיר אונ וועט זאגן ניין · אזו ווי מיר גיפונן דרוף פול מעשיות אין דר גמרא דס אטייל לייט זענען דרובר גשטארבן · דרום זאל מען אים תיכף גובן אונ זאל מיט אים ניט ריידן קיין פאטשטון ביז ער עסט אפ :

אונ אז דו גוסט אים עסן זאלסטו אים גובן מיט אפרייליך פנים אונ זאלסט עם אים פר גונן אונ זאלסט זוך שטעלן קוגן אים גלייך ווי דו האסט גונוג אום מכבד צו זיין · אונ וואלסט אום גוגערן מער גטאן · אונ זאלסט זוך דרוף מצער זיין · אונ זייא אים מכבד מיט דעם בעסטן עסן אונ טרונקן . אונ דס בעסטו גילעגור · אונ דו בוסט אים מחוייב איין צוא ריידן ער זאל זוך ניט שעהמן עסן · אונ בשעת דער אורח איז ביי אים טאר ער ניט ווייזן קיין שום רוגזה אוף זיינו (בני בית) · דען ער וועט מיינון דו רוגזה איז אובר אים · אזו וועט ער דר שראקון ווערון · אונ וועט זוך שעהמון צו עסון · אויך טאר אים דר בעל הבית ניט דר ציילון פון זיינו היזיקות אונ בלבולים · אדרבה ער זאל אים טרייסטון מיט גוטו רייד · ער זאל צו אים זאגון מיין לוב האבור עס אונ טרונק אונ זארג ניט · אצונד בוסטו ביא מיין טיש · עס קען נאך וואל זיין איך זאל ביי דיר איין אורח זיין · איך האב גלובט אין גאט גנו"ג צוא געבין עסון פר זעלוכו אורחים · איך וואלט גערן דו זאלסט צו מיר נאך אורחים אריין ברענגון · ליבר גאסט עס איך פר גון דיר עס מיטון גאנצון הארצון עס ווייכט קיינור ניט ווי גאט קען מיט אום פורון · אונ ער זאל זוך דרויף מצער זיין וואס ער קען אים ניט מער כבוד אן טאן · דס אלץ איז מחוייב צו טאן צו איטלוכון אורח אפילו צו איין עם הארץ · מכ"ש צו אתלמיד חכם · אויך איז דר בעל הבית מחוייב צוא שטיין ביי דעם טיש אונ זאל אוועק נעמון אונ דר לאנגון אלץ וואס מען דארף · אז ווי אברהם אבינו ע"ה האט גטאן אז דו דריי מלאכים זענון צו אים גיקומן · אונ משה רבינו ע"ה פאר זיין שווער :

נון קענט איר וואל פר שטיין וויא גרויס דו מצוה איז דר פון דען אברהם אבינו האט דאך גיהאט פול משרתים אונ איז פארט זעלבסט משמש גוועןביי דעם טוש · אונ דר בעל הבית וואס איז ניט מקיים דס אלץ וואס אויבן שטייט וויי צו אים · דען ער מאכט זיין מצוה צו איין עבירה אויך טאר דר בעל הבית ניט דר מאנון דעם עני זיין אום גליק דאס ער זאל ניט טרויארוג ווערון · אז וויא שלמה המלך האט גיזאגט (טוב ארוחת ירק ואהבת שם משור אבוס ושנאת שם) עס איז בעסר אבוגדל קרויט מיט ליבשאפט איידר איין פעטור אוקס מיט פיינד שאפט · דר מדרש שרייבט אוף דעם האט שלמה המלך גזאגט דעם פסוק · אז דר אשמדאי האט אים אוועק גיגובן אוף פיר הונדרט מייל · איז ער ארום גיגאנגון אין אלי לענדר · אמאל איז ער אריין גקומן צו איין בעל הבית · אונ ער האט אים דר קענט אז ער איז שלמה המלך · דא האט ער אים זייער מכבד גוועןw · אונ האט אים גשעכט אפעטון אוקס · בשעת ער האט גיגעסון האט דר בעל הבית אים אן גהובן פרעגון · מיין לובר שלמה ווי אזו איז דס גקומן דאס איר זענט אזו פאר שטויסון פון אייער מלוכה · איך גדענק דס איר האט גיגעכט פול טויזנט אוקסון אונ איין טאג · עס איז דאך ניט גוועןאוף דער גאנצור וועלט אזוי איין מלך ווי איר זענט · האט שלמה המלך אן גיהויבן צו וויינון אונ האט ניט גקענט עסון · אזו איז ער פון דארט אוועק גגאנגון אונ איז גיקומון צו אנאנדר בעל הבית · אונ דר איז גוועןארום : אונ האט אים גיגובן צו עסון קרויט אונ פלייש · בשעת עסון זאגט ער צו אים מיין לובר שלמה נעמט אלץ אן פר ליב · אונ ווערט גטרייסט · דען דעם וואס גאט האט ליב שטראפט ער · אזו ווי דר פסוק זאגט (את אשר יאהב ה' יוכיח) · דרום מיין לובר שלמה איר וועט אי"ה ווידער צוא אייער גדולה קומן · עסט אונ טרונקט מיט מיר וואס גאט ב"ה האט בשערט · איך פר גין עס אייך מיטען גאנצון הארצון · איר וועט שון באלד זיין אונ דר היים איר האט שון גט פול ארום צוא וואנדרון · אזו איז

שלמה המלך זייער פריילך גיווארן אויף זיינע רייד · אונ איז זייער ברוגז גיוועזן אויף דעם ערשטן בעל הבית אז ער איז ווידר אהיים גקומן צו זיין מלוכה האט ער גזאגט דעם פסוק (טוב ארוחת ירק וגו׳) עס איז בעסור די קרויט פון דעם ארומאן · דס ער האט מיר בוויזן לובשאפט דר ביי · פון דעם פעטן אוקס פונם עושר · דס ער האט מיר דר מאגט מיין אום קליג :

אויך זאל דר אורח ניט איין שטיין ביי אקמצון · דען ער פאר שטעהט זוך זעלבורט · אונ בשעת ער עסט מיט אום פר גונט ער עס אים ניט · אונ מען העסט אים זיין בלוט אונ פלייש · אויף דעם זאגט דר פסוק (אל תלחם לחם רע עין) זאלסט ניט עסן קיין ברויט מיט אקמצון · עס אונ טרונקט זאגט ער צוא דוד · אונ זיין הארץ איז ניט דר בייא · ער פר גונט דיר ניט · אפילו דאס טרונקן ברויט · מכ״ש די אנדרו שפייז · אונ אויב די בוסט הונגריג שטעק בעסור אמעסיר צווישן דיינע ציין איידר די זאלסט מיט אים עסן · ער איז בלויז לוגען אונ פאלש · אוך זאגט דער פסוק ווען די העסט זיין ברויט וועסטו עס מוזן אויס מייקונן · אונ עס ווערן פר דארבן דיינו גוטו שפייז וואס דוא האסט מיט אים גיגעסון · אונ אגוטער בעל הבית זאל נאך גיין נאך אורחים · אונ אז ער בקומט זיי זאל עס ביי אים גלייך זיין ווי ער וואלט גפונן איין מציאה · אונ אז דר אורח בלייבט ביי אים איבר נעכטונגן זאל ער אים גובון אבעט מיט אגוט גלעגור · דען דס איז ביי אים לובר ווי עסון אונ טרונקען · אונ אז ער גייט אוועק זאל ער אים מיט גובען אויפון וועג אשטוק ברויט · דען מיר גפונן דם פיל רציחות אונ שטרויכלונג איז גישעהן פון אשטיק ברויט וועגון · איך וויל דרונען ניט מאריך זיין · אונ ער איז אים מחוייב צו בלייטון · אונ זאל אים נאך זאגין (ברכת כהנים) · אונ זאל בלייבן שטיין אזו לאנג ביז ער וועהט א״ם שוין נישט · ווער עס איז דוא מצוה רעכט מקיים איז ער בוודאי מזרע אברהם אבינו · אונ זיין שכר האט קיין שיעור ניט · דוא גמרא זאגט מיזאל אימיהובן אורח מכבד זיין גלייך ווי ער וואלט גיוועזן רבן גמליאל אבר דו זאלסט פאר אים ניט פאר טרויארן קיין שום זאך טאמור איז ער איין גנב :

דוא צדקה וואס דוא ווייבור גובן איז מער בווילונט אונ אן גינומן פון דר צדקה פון מאנזבלין · דען דר מאנזבול גיט אים געלט אזו דארף ער ערשט קויפן וואס ער דארף · אבר דו ווייבור גובן ברויט אונ שפייז · דס זיי קענון עס באלד עסון · אזו ווי מיר גפונון אונ דר גמרא (מר עוקבא) מיט זיין ווייב פלעגין גיין אלי מארגון פרוא אונ שול אריין · אונ עס האט גוואנט איין ארומאן אונ זייער שכונות פלעגין זייא אים אלי אונ דר פרוא הונטר ווארפון פיר גראשון הונטר דר טיר · אונ דער ארומאן פלעגט זייא גיפונען אונ האט גקויפט פר זייא ברויט זיינע קונדר אמאל זאגט דר ארומאן איך וואלט גיגערון גיוויסט ווער עס ווארפט מיר אלץ הונטר דוא פיר גראשין · אזו האט ער זוך גישטעלט הונטר דר טור · ווי מר עוקבא מיט זיין ווייב זענין גיקומן אונ האבן זוך איין גיבויגן אים הונטר צו ווארפון די פיר גראשין · אזו האט דר ארומאן אויף גיעפונט די טור צו זעהן ווער עס איז · אזו זענגן זיי אוועק גלאפון · אונ ער איז ניי נאך גלאפון ביז זיי זענון אהיים גיקומן · אזו איז גוועזן אום גהייצט דער אויבון צו באקן ברויט · אונ ער איז גיוועזן זייער הייס · אזו האבן זיי אויף זוך גנומן בעסר פר ברענט צו ווערון איידר מבייש צו זיין דעם ארומאן · אונ זיי זענגן אריין גילאפון אונ אויבון אריין אונ האבון זוך דארטון אנודר גיזעצט · כדי דר ארומאן זאל זיי ניט זעהן וויא זייא זוצן אזוי זאגט (מר עוקבא) צו זיין ווייב מיינע פיס ברענין מיר זאגט זוא צו אים לייג זיי · אויף מיינע פיס · דם פייער האט זוך אלי מאל מער דר היצט · אונ עס האט זיי גאר ניט גישאט דר נאך אז זייא זענון ארויס גיגאנגון דא זאגט (מר עוקבא) צו זיין ווייב די בוסט פרומר פון מיר זאגט זו צו אים די גוסט דעם ארומאן געלט האט ער ערשט מיא דר פאר צו קויפון שפייז · אבר איך גיב אים גרייטו שפייז דס ער קען עס באלד עסון :

אויך שטייט איין מעשה (חונה המעגל) מיט זיין ווייב פלעגין תמיד תפלה טאן אויף רעגון · אונ ער איז גיוועזן אגרויסור צדיק · אמאל האבן די חכמים צו אים גישוקט ער זאל תפלה טאן פאר כל ישראל · אזו איז ער ארויף גיגאנגון מיט זיין ווייב אויפון בוידם · אונ ער האט זוך גשטעלט

אונ איין ווינקל • אונ זוא אונ אנדרון ווינקל • אונ האבון תפלה גיטאן • דא איז גיקומי׳ אוואלקדו צו רעגנון אוף איר ווינקל • האבון דו חכמים גיפרעגט ווארום איז דאס • האבן זיי אים גיענטפורט ווייל זוא גיט דו ארומי לייט גרייטש שפייז אויך ער טוט אופט תפלה דו רשעים זאלון שטארבן • אבר זוא הט תפלה גיטאן גאט זאל זיי שטארקון זייער הארץ דער מיט איז זוא אוך פרומר גיוועזן פון אים • דס איז אויך איינס פון דו צעהן תקנות ווס עזרא הט מתקן גוועזן בשעת דו ישראל זענון אויף גיגאנגון פון בבל קיין ארץ ישראל • דס איטליכי אשה זאל אויף שטיין גאנץ פרוא • אונ זאל באקון ברויט • דס דו ארומי לייט זאלון גיפונן פריש ברויט צו עסן • דר פון זעהן מיר אז דו צדקה פון דו ווייבור איז מער אן גינומן פון דר צדקה פון מאנזבלון דען דו אשה איז תמיד אין דער היים אויך ווען דוא אשה גיט עפיס דעם ארומאן זאל זוא עס אים גובון מיטען גאנצון הארצון • אונ מיט גוטי רייד • דס זוא זאל אים ניט מבייש זיין • אונ דר וואס דר בארומט זוך איבר איין ארומאן דר בארומט זוך גאט איבר אים אונ דר הערט זיין תפלה • אונ וויא מער ער גיט צדקה ווערט ער אלי מאל רייכור • אז ווי דר פסוק זאגט (יש מפזר ונוסף עוד) עס איז פר האנדרן איינר וואס פאר שפרייט זיין געלט אויף צדקה • אונ ווערט נאך גימערט מיט עשירות :

דער פסוק זאגט (מלוה ה׳ חונן דל) דר ווס דר בארומט זוך איבר דעם ארומאן אונ גיט אים צדקה אנטלייאט ער עס גאט • אויך זאגט דר פסוק (נותן לרש אין מחסור) דר ווס גיט צדקה צום ארומאן ווערט אים ניט גימונערט פון זיין געלט • אבר דר ווס וויל ניט צדקה גיבין דר ווערט ארום • אונ דר ווס פר הוילט זייני אוגן פונם ארומאן גלייך ווי ער זעהט אים ניט קומן אוף אים פיל קללות אונ זיין געלט ווערט גימונירט איטלוכער איז מחוייב מעשר צו גובון פון זיין געלט סייא פון ירושה סייא פון מתנות סייא פון מציאות אונ אוך פון זיין פאר ארבוטונג • אונ ווען ער האט נאר רווחים וויינוגר פון צעהן שילונגיר אזו קען ער דאך דער פון קיין מעשר ניט גיבין זאל ער עס האלטין אונ ניט אן רורין ביז עש ווערט אים נאך רווחים צו קומן אזו וועט ער גובין מעשר בנאנד • אונ ווען ער הט פאר דונט מער פון צעהן שילונגר זאל ער פון צעהן גיבין מעשר • אונ דאס איברוגי זאל ער האלטון ביז עס וועט אים צו קומן נאך רווחים • ווער עס וויל זוך רעכנט נוהג זיין מיט דעם מעשר גובין • זאל ער לייגין זיין געלט אונ דרייא כלים אויף איין הארט זאל ער אוף שרייבון (טבל) דס איז נאך ניט גימעשרט אוף דר אנדרור (מעשר) דס איז דאס מעשר געלט זעלבסט • אוף דר דרוטר זאל ער אוף שרייבון (חולין) דס הייסט שוין גימעשרט • אונ מיט דעם מאג ער טון ווס ער וויל • נאר צדקה איז ער מחוייב דר פון צו גובין • ניט פון דעם אום גימעשרת געלט :

דאס מעשר געלט זאל ער אוועק גובון ארומו לייט תלמודי חכמים • אודער אפראסטון ארומאן איז ער אוך יוצא • ער מעג עס גובון זייני ארומו קרובים אפילו זיין ארומון זון • אודר זיין טאכטור אודר זיין ברודר אודר זיין ארומו שוועסטור • אטייל לייט קויפון דר פאר ספרים אודר מצות • אונ זענון מכבד לייט אונ זוך אויך מיט דעם מעשר געלט דס איז איין איסור • דען ער הט נאר דרונון דו (טובת הנאה) צו גובין וועמון ער וויל אבר ניט דו הנאה זעלבסט דס איז אוך איין צדקה • אבר עס זענון פר האנדרון עטלוכי חילוקים צווישן צדקה אונ מעשר • איינס צדקה מעג ער גובון וויפל ער וויל • אבר מעשר איז ניט וויינוגר אז איינס פון צעהן • דאס אנדרי צדקה איז מען מחוייב צו גובין אפילו הונדרט מאל אונ איין טאג • דאס מיטאר קיין ארומאן ניט ליידיג אוועק לאזון • אבער מעשר דארף מען נאר גובין פון ריוח דס דרוטו דר ווס הט נאר יעדליג זיין עסן איז ער פטור פון צדקה • אבר מעשר איז ער חייב • דס פערדי זיין מעשר מעג ער גובין וועמין ער וויל אבר צדקה איז זיין קרוב בילוכר אונ מעשר הט אויך איין קצבה וויפול ער זאל גובין איטלוכן ארומאן • אז ווי איך וועל עס בשיידון דרום דו לייט ווס לייגין ביי נאנדר מעשר אונ צדקה געלט זאלין זייא פרויר אתנאי אויס נעמון דאס זייא זעגין עס פון דעסט וועגין מנדר • עס זאל האבן אונ זוך דעם דין פון מעשר צו גובון וועמין ער וויל :

דיא גמרא ברענגט איין מעשה (רבי יוחנן בן זכאי) איז גפארון פון ירושלים • אונ זיינו תלמידים

וֶוענן אִים נָאךְ גְגַאנְגֶען · הָט עֶר גְזֶעהְן אַיוּנְגֶע פְרוֹיא הָט גְקְלוֹיבּן גֶערְשְׁטִין פוּן הוּנְטֶער דִי בְּהֵמוֹת פוּן עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים · אַז זִיא הָט דֶר זֶעהְן (רַבִּי יוֹחָנָן) אִיז זִיא אִים אַקֶעגְן גְלָאפְן אוּנ זָאגְט רַבִּי שְׁפַּייז מִיךְ · גִיבּ מִיר עֶפֶּעס עֶסְן · פְרֶעגְט עֶר זִיא וֶוער בִּיסְטוּ וֶוער אִיז דַיין פָאטֶער · זָאגְט זִיא מַיין פָאטֶער הָט גְהֵייסְן (נַקְדִימוֹן בֶּן גָרְיוֹן) · פְרֶעגְט עֶר זִיא וַויא אִיז אַהִין גְקוּמֶען דַיין פָאטֶערְס גֶעלְט עֶר הָט דָאךְ גְהַאט פוּל גֶעלְט אוּנ גוּטֶער · זָאגְט זִיא רַבִּי הָט אִיר דֶען נִיט גְהֶערְט דֶעם מָשָׁל זָאגִין אִין יְרוּשָׁלַיִם וֶוער עֶס וִויל זַיין גֶעלְט אַיין זַאלְצְן עֶס זָאל אַקִיּוּם הָאבְּן · זָאל עֶר גֶעבְּן דֶער פוּן מַעֲשֵׂר אוּנ צְדָקָה · אוּנ אוֹבּ נִיט פַאר גֵייט דָאס גֶעלְט · דְרוּם אִיז מַיין פָאטֶערְס גֶעלְט גָאר אוּנ גָאנְצְן אַרַיין גְקוּמֶען צוּ דִי כּוּתִים אִין דִי הֶענְט אַרַיין · פְרֶעגְט זִיא רַבִּי יוֹחָנָן וַויא אִיז דַיין שְׁוֶוערְס גֶעלְט · עֶנְפֶערְט זִיא עֶס אִיז צוּם אוֹיף גְקוּמֶען בַּאַנְדֶר אִיז עֶס אוֹיךְ פַר לוֹרְן גְוָוארְן · דֶר נָאךְ זָאגְט זִיא רַבִּי גֶדֶענְקְט אִיר נִיט אַז אִיר זֶענְט גְחַתְמֶת אוֹיף מַיין כְּתוּבָּה · זָאגְט עֶר צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיךְ גֶדֶענְק דָס אִיךְ בִּין גְחַתְמֶת אוֹיף אִיר כְּתוּבָּה · אוּנ זִיא אִיז גְוֶועִי גְשְׁרִיבְּן אוֹיף טוֹיזְנְט מָאל טוֹיזְנְט גָאלְד גוּלְדְן וָוס זִיא הָט גְהַאט פוּן אִיר נַדְן · חוּץ וָוס דֶר מַאן הָט אִיר נָאךְ מֶער פַר שְׁרִיבְּן · דָא הֵייבְּט אָן (רַבִּי יוֹחָנָן) צוּ וֵויינֶען אוּנ זָאגְט ווֹאוֹל אַייךְ יִשְׂרָאֵל וֶוען אִיר זֶענְט פְרוּם אוּנ טוּט דָס וִוילְן פוּן הקב״ה דָא קָאן אַייךְ קֵיין שׁוּם אוּמָה קֵיין שְׁלֶעכְטְס נִיט טָאן · אָבֶּער וַוייל זַייא זֶענֶען נִיט פְרוּם גְוֶועזְן זֶענֶען זַייא גְפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים · אוּנ נִיט אַזוֹי אִין זַייעֶרֶע הֶענְט אַלֵיין · אֲפִילוּ אִין דִי הֶענְט פוּן זַייעֶרֶע בְּהֵמוֹת דָס זִיא הָט גְקְלוֹיבְּן גֶערְשְׁטְן פוּן הוּנְטֶער דִי בְּהֵמוֹת :

פְרֶעגְט דִי גְמָרָא הָט דֶען דֶר נַקְדִימוֹן בֶּן גָרְיוֹן קֵיין צְדָקָה נִיט גְגֶעבְּן · עֶר הָט דָאךְ פוּל צְדָקָה גְגֶעבְּן · אוּנ נָאךְ מֶער אַז עֶר אִיז גְגַאנְגֶען פוּן זַיין הוֹיז אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרַיין · הָאט מֶען הוּנְטֶער גְלֵייגְט זַיינֶע פוּס סַאמוֹט אוּנ זַיידֶענֶע קְלֵיידֶר · דֶר נָאךְ זֶענֶען גְקוּמֶען דִי אָרוֹמֶע לַייט אוּנ הָאבְּן זִיךְ צוּ טֵיילְט · אַזוֹי אוֹיךְ אַז עֶר אִיז גְגַאנְגֶען פוּן דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ · עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא יוֹא עֶר הָט פוּל צְדָקָה גְגֶעבְּן אָבֶּר וֶועדְלוּג זַיין עֲשִׁירוּת אִיז עֶס קַארְג גְוֶועְן · דְרוּם אִיז זַיין גֶעלְט פַאר לָארְן גְוָוארְן · אַטֵייל זָאגִין עֶר הָט יוֹא גְגֶעבְּן גְנוּג צְדָקָה וֶועדְלוּג זַיין גֶעלְט · נָאר דְרוּם אִיז עֶר גִשְׁמָרָא פֶּט גְוָוארְן וַוייל עֶר הָאט גְגֶעבְּן בְּפַרְהֶסְיָא כְּדֵי דִי לַייט זָאלְן אִים לוֹבְּן · נִיט פוּן גָאטְס וֶועגְן דְרוּם זָאל אִיטְלִיכֶר פוּן אִים אַמָשָׁל נֶעמֶען דָס זַיין כַּוָּונָה זָאל זַיין מִיט דֶר צְדָקָה (לְשֵׁם שָׁמַיִם) אַזוֹי וֶועט זַיין עֲשִׁירוּת אַקִיּוּם הָאבְּן אוּנ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי וֶועלְט אוּנ יֶענֶע וֶועלְט :

נָאךְ אַיין מַעֲשֶׂה בְּרֶענְגְט דִי גְמָרָא עֶס אִיז גְוֶועְן אַיין פְרוּמֶר מֶלֶךְ עֶר הָט גְהֵייסְן (מוֹנְבָּז) אַמָאל אִיז גְוֶועְן אִין זַיינֶע צֵייטְן אַגְרוֹסֶר הוּנְגֶער · אוּנ דִי אָרוֹמֶע לַייט הָאבְּן נִיט גְהַאט וָואס צוּא עֶסְן · הָט עֶר אוֹיף גְעֶפֶנְט זַיינֶע אוֹצְרוֹת אוּנ דִי אוֹצְרוֹת פוּן זַיינֶע עֶלְטֶרְן אוּנ הָט גְנוּמֶען גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּר אוּנ הָט צוּ טֵיילְט דִי אָרוֹמֶע לַייט · זַיי זָאלְן זִיךְ קוֹיפְן עֶסְן · זֶענֶען גְקוּמֶען צוּ אִים זַיינֶע בְּרוּדֶר אוּנ קְרוֹבִים אוּנ הָאבְּן גְזָאגְט צוּא אִים וָואס טוּסְטוּ דַיינֶע עֶלְטֶרְן הָאבְּן לַאנְג אַיין גְזַאמוֹלְט אוּנ הָאבְּן גְמַאכְט אוֹצְרוֹת · אוּנ הָאבְּן עֶס גְהַאלְטְן טַאכֶער וֶועט אַמָאל זַיין אַכְּלְהָכֶה אַזוֹי וֶועלְן זַייא עֶס דַארְפְן · אוּנ דוּ פַר בְּרֶענְגְסְט דָס אַלְץ אִין אַיין יָאר · אוּנ לֹא דַי דוּ מֶערְסְט נִיט דְרוֹיף דוּ פַר בְּרֶענְגְסְט עֶס נָאךְ · זָאגְט עֶר צוּ זַייא אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגְן מַיינֶע עֶלְטֶרְן הָאבְּן גְמַאכְט אוֹצְרוֹת אוֹיף דֶר עֶרְד אוּנ אִיךְ מַאךְ אוֹצְרוֹת אוֹיף דֶעם הִימֶל · מַיינֶע עֶלְטֶרְן הָאבְּן גְמַאכְט אַזֶעלְכֶע אוֹצְרוֹת וָואס דֶר מֶענְטְשׁ קֶען זַייא אוּם בְּרֶענְגְן · אוּנ מַיינֶע אוֹצְרוֹת קֶען קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ נִיט אוּם בְּרֶענְגְן מַיינֶע עֶלְטֶרְן הָאבְּן גְמַאכְט אַזֶעלְכֶע אוֹצְרוֹת וָואס קֶענֶען זִיךְ נִיט מֶערְן · אָבֶּער מַיינֶע אוֹצְרוֹת מֶערְן זִיךְ פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט · זַייעֶרֶע אוֹצְרוֹת זֶענֶען פוּן אַייטְל גָאלְד אוּנ זוּלְבֶּר אוּבֶּער מַיינֶע אוֹצְרוֹת זֶענֶען פוּן אַייטְל נְפָשׁוֹת · מַיינֶע עֶלְטֶרְן הָאבְּן גְמַאכְט אוֹצְרוֹת פַאר אַנְדֶערֶע לַייט · אָבֶּער אִיךְ מַאךְ אוֹצְרוֹת פַאר מִיר זֶעלְבְּסְט · אַזוֹי וַויא דֶער פָּסוּק זָאגְט · (וְהָלַךְ לְפָנֶיךָ צִדְקֶךָ) עֶס וֶועט גֵיין פֶר דִיר דַיין צְדָקָה · אוּנ וֶועט זַיין דַיין מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיף יֶענֶר וֶועלְט · אוּנ דִי צְדָקָה אִיז אַיין כְּלִי פוּן הקב״ה אַזוֹי וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (לְךָ ה׳ הַצְּדָקָה) · דֶען קֵיין מֶענְטְשׁ קָאן דָאךְ קֵיין צְדָקָה נִיט גֶעבְּן בִּיז גָאט גִיט אִים פְרִיהֶר עֲשִׁירוּת פוּן זַיין מוֹלְדוּ הָאנְט · אַזוֹי וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט

והעושר

(וְהָעוֹשֶׁר וְהַכָּבוֹד מִלְּפָנֶיךָ) דָאס עֲשִׁירוּת אוּנ כָּבוֹד אִיז פוּן פַר דִיר :

**אוֹיךְ** זָאגְט דֶר פָּסוּק (לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב אָמַר ה׳ צְבָאוֹת) צוּ מִיר אִיז דָאס גָאלְד אוּנ זִילְבֶּר זָאגְט גָאט ב״ה • אוֹיךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה הָט גְזָאגְט (כִּי מִמְּךָ הַכֹּל וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ) פוּן דִיר אִיז אַלְץ • אוּנ פוּן דַיינֶר הַאנְט גוּבּוּן מִיר דִיר • דָס מַיינְט מֶען דָס וָוס מִיר גוּבּוּן דִיז אָרוּמוּ לַייט אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען גוּט עֶס גָאט • אַזוֹ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (מַלְוֵה ה׳ חוֹנֵן דָּל) דֶר וָוס דֶר בַּארוּמְט זִיךְ אוּבֶּר דֶעם אָרוּמַאן מִיט צְדָקָה אַנְטְלַייאֵט עֶר עֶס גָאט • אוּנ כִּבְיָכוֹל הקב״ה אִיז אִים מְחוּיָב צוּא בַּצָאלוּן • אַזוֹ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (עֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה) דֶר וָואס הָט אִים גֶלוּגוּן • כִּבְיָכוֹל מְטָאר עֶס נִיט רַיידוּן • דָס גָאט ב״ה אִיז אַיין מְשׁוּעְבָּד אִים צוּ בַּצָאלוּן • דֶר פוּן זֶעהְט אִיר אוֹיךְ לוּבּוּ לַייט וִויא גְרוֹס דִיז צְדָקָה אִיז • דְרוּם זָאל אִיטְלוּכֶר זֶעהֶן זַיין צְדָקָה רֶעכְט צוּ גוּבּוּן אִין דֶר רֶעכְטוּר צַייט וָועדְלוּג עֶס אִיז רָאוּי פוּן זַיין עֲשִׁירוּת • אַזוֹ וָועט אִים הקב״ה ווידֶער גֶעבּוּן עוֹשֶׁר אוּנ כָּבוֹד אוּנ לֶעבּוּן • אוּנ אוּבּ עֶר גוּט נִיט רֶעכְט וֶוערְט זַיין עוֹשֶׁר פַר לוּרוּן • אַזוֹ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (וְאָבַד הָעוֹשֶׁר הַהוּא) עֶס וָועט פַר לוּרוּן ווערוּן דֶר זֶעלְבּוּגֶר עוֹשֶׁר פוּן דֶעם וָוס גוּט נִיט לְשֵׁם שָׁמַיִם • נָאר כְּדֵי לַייט זָאלוּן אִים לוּבּוּן • אוֹיךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (עוֹשֶׁר שָׁמוּר לְרָעָתוֹ) דָאס עֲשִׁירוּת וֶוערְט אִים גְהוּט צוּא בַּייז • אוֹיךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק (הֲתָעוּף בּוֹ וְאֵינֶנּוּ) עֶר גוּט אַיין בְּלָאז אִין עֲשִׁירוּת פְלוּהְט עֶס אַוֶועק :

**אָבֶּר** דֶר וָוס גוּט צְדָקָה וִויא רֶעכְט אִיז בֶּענְטְשׁוּן אִים דִיז לַייט • אַזוֹ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (טוֹב עַיִן יְבוֹרָךְ) דָס גוּטוּ אוּג אוֹיךְ צְדָקָה וֶוערְט גְבֶּענְטְשְׁט (וְכִי מִלַּחְמוֹ נָתַן לַדָּל) וַוייל עֶר הָאט פוּן זַיין בְּרוֹט גְגֶעבּוּן צוּם אָרוּמַאן • אוֹיךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה׳) פוּן וֶועגוּן דֶר צְדָקָה וָועט דִיךְ בֶּענְטְשׁוּן גָאט דַיין גָאט • אוֹיף דֶעם הָאבּוּן דִיז חֲכָמִים גְזָאגְט וָוען אַיינֶם גַייט וואוּל זָאל עֶר צְדָקָה גֶעבּוּן • כְּדֵי זַיין עֲשִׁירוּת זָאל אַקְיוּם הָאבּוּן אַזוֹ אוֹיךְ וָוען אַיינֶם וֶוערְט אַלְז מָאל נִמוּגֶרְט זַיין גֶעלְט זָאל עֶר זֶעהֶן צְדָקָה גֶעבּוּן אֵיידֶר עֶר וֶוערְט אָרוּם • דֶען דֶר נָאךְ וָועט עֶר נִיט קֶענֶן גֶעבּוּן אֲפִילוּ עֶר וָועט וֶועלוּן • עֶס אִיז אַמָאל גְוֶוען אַחָסִיד וָוען אַיין אָרוּמַאן פְלֶעגְט קוּמֶן פַר זַיין טוּר הָט עֶר גְזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ מַיין לוּבּ וַוייבּ דֶר בַּארוּם דִיךְ אוּבֶּר דִיז אָרוּמוּ לַייט • כְּדֵי דִיז לַייט זָאלוּן זִיךְ אוֹיךְ דֶר בַּארְמוּן אוּבֶּר אוּנְזֶרוּ קוּנְדֶר • הָאט זִיא צוּ אִים גְזָאגְט וָוארוּם עֶפוּנְסְטוּ דַיין מוֹל צוּ רַיידוּן אַזֶעלוּכוּ שְׁלֶעכְטוּ רַייד • הָאט עֶר גְזָאגְט עֶס אִיז דָאךְ גְוֵויינְטְלוּךְ דִיא זַאךְ אֲפִילוּ אַיינֶר אִיז רַייךְ זֶענוּן זַיינוּ קוּנְדֶר אָרוּם • אוּנ אוּבּ זַיינוּ קוּנְדֶר זֶענוּן אוֹיךְ רַייךְ זֶענוּן זַיינוּ אַיינוּקְלוּךְ אָרוּם • אַזוֹ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (וְלֹא יֶחְדַּל אֶבְיוֹן מִקֶּרֶב הָאָרֶץ) דֶען עֶס וֶוערְט נִיט פַר מוּטִין קַיין אָרוּמַאן פוּנֶם לַאנְד • (רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַקַּפָּר) זָאגְט אִיטְלוּכֶר זָאל תְּפִלָּה טַאן עֶר זָאל נִיט אָרוּם וֶוערֶן דֶען אֲפִילוּ עֶר אִיז רַייךְ זֶענוּן זַיינוּ קוּנְדֶר אוֹדֶר זַיינוּ אַיינוּקְלוּךְ אָרוּם • דֶען דָס אִיז אַיין (גַּלְגַּל חוֹזֵר בָּעוֹלָם) אַיין רָאד וָוס דְרַייט זִיךְ אַרוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט • הַיינְט אִיז דֶר רַייךְ אוּנ דֶר אָרוּם מָארְגוּן קֶען זַיין פַר קֶערְט :

**דִיא** חֲכָמִים הָאבּוּן גְזָאגְט אַגְרוֹסוּ זַאךְ דֶר וָוס פַר הוּלְט זַיינוּ אוֹגוּן פוּן דֶר צְדָקָה • אוֹדֶר דֶר וָואס הָאט נִיט צוּ גֶעבּוּן טְרַייסְט אֲפִילוּ נִיט דֶעם אָרוּמַאן מִיט גוּטוּ רַייד • אִיז גְלַייךְ אַז עֶר וָואלְט גְדִינְט עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים • זַיי לֶערְנוּן דָס אָפּ פוּן פְּסוּקִים • אָבֶּר דֶר וָוס גוּט צְדָקָה וִוי רָאוּי אִיז דֶר אוּן מְקָרֵב דִוא גְאוּלָּה • וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (שִׁמְרוּ מִשְׁפָּט וַעֲשׂוּ צְדָקָה כִּי קְרוֹבָה יְשׁוּעָתִי לָבוֹא) הוּט מִשְׁפָּט אוּנ טוּט צְדָקָה דֶען מַיין הוּלְף אִיז נָאהוּנְט צוּ קוּמֶן (וְצִדְקָתִי לְהִגָּלוֹת) אוּנ מַיין צְדָקָה וָועט זִיךְ אַנְפְּלֶעקְן • אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי וָועט נִיט גְבוּאַט וֶוערוּן אוּנ דִיז יִשְׂרָאֵל וֶועלוּן נִיט אוֹיס גְלַייזְט וֶוערוּן בִּיז זַיי וֶועלוּן הָאבּין אִין זִיךְ דֶעם זְכוּת פוּן צְדָקָה • אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה וגו׳) צִיּוֹן וָועט דֶר לַייזְט וֶוערוּן מִיט מִשְׁפָּט • אוּנ דִיז יִשְׂרָאֵל מִיט צְדָקָה • אוּנ דִיז צְדָקָה אִיז אָן גְנוּמֶן בַּיי גָאט בֶּעסֶער פוּן אַלוּ קָרְבָּנוֹת • אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט דֶר וָוס טוּט מִשְׁפָּט אוּנ צְדָקָה אִיז עֶס הָשׁוּבֶר אֵיידֶר אַלֵי קָרְבָּנוֹת אוּנ דֶר וָוס פַר שֶׁעמְט אַיין אָרוּמַאן טוּט עֶר אַגְרוֹסוּ עֲבֵירָה • אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט וָועט עֶס שְׁפֶּעט פוּן אַיין אָרוּמַאן דֶר שְׁפֶּעט פוּן זַיין בַּשֶׁעפֶר • אַדְרַבָּה אִיטְלוּכֶר

דארף ערליך האלטן די ארומע לייט · אזו איז עס גלייך ווי ער האלט ערליך הקב"ה אזו וויא דער פסוק זאגט ווער עס וויל ערליך האלטן · זאל ער די ארומע לייט ערליך האלטן דען דר וואס איז מבזה דעם ארומאן ווייזט ער דס הקב"ה הט ח"ו ניט בכח אים רייך צו מאכן · דען דער ארומאן מיט דעם עושר זענן דאך ביידי בשאפן פון גאט · נאר דער האט געלט אונ דער האט ניט · נוא ווארום זאל מען אים מבזה זיין פאר זיין ארומקייט · דער ארומר קאן דאך רייך ווערן · אונ דער רייכור קאן ‒ דאך ארום ווערן :

עס איז איין משל צו איין בן מלך וואס הט דר צערונט זיין פאטור · אונ דר פאטור הט גוזר געוועזן אוף אים ער טאר פר אים ניט קומן אין זיין הויז · אמאל מאכט דר מלך א סעודה אונ ער מייסט דאך וואול דס זיין זון איז זייער הונגריג · דא זאגט ער ווער עס וועט מיין זון געבן עסן וועל איך אים בצאלן כפל כפליים · הט אים איינר גנומן צו זיך אונ הט אים גגעבן עסן אונ טרונקן · אזו איז דאך וואול צו דעם זעלבוגין · דען אלם וום דר מלך האט איז דאך דעם זונס · אזו איז דאס אוך דר ארומאן איז דר זון פון הקב"ה · אונ ווער עס גוט אים עסן הט ער בוודאי גרוס שכר לעולם הבא · נן קענט איר וואול פאר שטיין דס גרוסקייט פון דר מצוה פון צדקה · ווען דו זעהסט איין בעל הבית וום איז גפאלן פון זיין גוטס : זאלסטו אים ניט שפל האלטן ארבה האלט אים בכבוד אזו זאלסט גדענקן דאס גאט האט אים גשטראפט פון זיין טובה וועגן אז וויא דר פסוק זאגט (את אשר יאהב ה' יוכיח) ווערמן גאט הט ליב שטראפט ער אוף דר וועלט · אבר ווערמן ער האט פיינט דעם גוט ער אפ זיין שכר אוף דר וועלט · דס ער האט וואול טעג אונ תענוגים · אז וויא דר פסוק זאגט (לא יאחר לשונאיו) גאט ב"ה פאר זומט ניט דעם שכר פונם רשע אוף זיינו מצות · (על פניו ישלם לו) ער בצאלט אים זיין שכר אוף דר וועלט · אבר דר שכר פונם צדיק דעם ארומאן בהאלט גאט אוף יענור וועלט · אז ווי דר פסוק זאגט (וידעת כי ה' אלהיך הוא האלהים וגו') משה רבינו ע"ה זאגט צו ישראל דו זאלסט וויסן אז גאט דיין גאט איז איין גאט אובר אלו מלאכים · אונ אובר דר גאנצור וועלט · אונ ער איז בגלייבט מקיים צו זיין אלם וום ער זאגט צו · אונ ער וועט גובין איין גוטן שכר צו די וום האלטן זיין תורה אונ מצות · אונ זיינו קונדר אונ קונדס קונדר ביז טויזנט דורות וועלן גנוסן אין זיין זכות דרום זאלסטו הוטן אוף דר וועלט די מצות וואס שטייאן אין דר תורה · אזוא ווערסטו בקומן דיין גוטין שכר לעולם הבא · דרום שטראפט ער דעם צדיק מיט ארומקייט אוף דר וועלט וואס זוא איז נאר איין ווייליו כדי ער זאל אים גובן זיין גוטן שכר אוף יענור וועלט וום גווערט אומר אונ אייביג · אונ דעם רשע גיט ער אפ זיין שכר אוף דר וועלט כדי ער זאל גשטראפט ווערן אוף יענור וועלט · אונ זיין שטראף הט קיין סוף ניט · דרום זאגט ער דו זאלסט דעם ארומאן ניט שפל האלטן פון וועגן זיין ארומקייט ארבה זאלסט אים ערליך האלטן פון וועגן זיין גרוסן שכר אוף עולם הבא :

דרום זאל זיך אוטליכר אין זן אריין נעמן אונ זאל זארגן טאמור האט אים הקב"ה אפ גיגובין זיין שכר אוף דר וועלט מיט דעם עשירות · אונ דאס ער וועט ח"ו אוף יענור וועלט עונש לידן · אונ זאל זיך בטראכטן וום פאר עבירות ער האט גטאן · אונ זאל דרוף באלד תשובה טאן וויא אובן שטייט אין הלכות תשובה · בפרט דר וום פאר שעמט די ארומו לייט אונ ווארפט אים פור זיין דלות · איז בוודאי זיין עונש זייער גרוס · דר ארומאן האט דאך גנוג דאס ער לייט אזעלכו יסורים אוף דר וועלט · אונ דיא גמרא זאגט אוך ווען איינר הט יסורים · אונ זיין חבר ווארפט עס אים אום · איז ער עובר אוף (לא תונו) דאס איז איין לאו אין דר תורה גלייך מיט חזיר עסן · אונ נאך ארגיר · אז וויא אובן איז גשטאנון · איר זאלט ניט מיינון אז דס ארומקייט איז קליינו יסורים · ניין ווען אפילו מיזאל לייגון אלו יסורים פון דר וועלט אין איין וואג שאל · אונ דיא יסורים פון עניות אין דר אנדרר וואג שאול · וואלטן דיא יסורים פון עניות אובר גוואוגן : דיא גמרא זאגט אוך · גאט הט גזאגט צו איוב וום ווילסטו בעסור צו דעם דלות · אודר אנדרו יסורים · האט ער גיענפרט (רבונו של עולם) הער פון דר גאנצור וועלט · איר וויל ליבר האבן

אלו

אלו יסורים פון דר וועלט איידר דעם דלות · נאך דעם אז עס זענון אויף אים גקומון די יסורים האט ער זייער גוויינט אונ גקלאגט · האבון זיינע חברים צו אים גזאגט וואורום וויינסטו דו האסט דאך זעלבסט אויף דיר גנומען דו יסורים · דא זעהן מיר דאך אז דאס עניות איז ערגור פון אלו יסורים אין דר וועלט · אונ דס איז דאך אויך ידוע אז דר וואס לייט גיהנם אויף דר וועלט · דארף ער שון ניט ליידון אויף יענער וועלט · אונ עניות איז דאך דר גרעסטיר גיהנם · אונ קענט איר וואול פר שטייאן וויא גאר חשוב איז דר ארומאן לעולם הבא · אוב נאר ער גייט אין רעכט פארטוגון יוענ אונ איז מקבל אויף זיך גאטס שטראף פר ליב וואול דעם זעלבוגון מענטשון :

נון וועל איך בשיידון וויא מיזאל צדקה גובון · אונ צדקה נעמון דרוף זענון אכט פרקים · אונ אין איטלוכן פרק ווערט בשיידט אנגדר דין :

דר ערשטור פרק רעט וועד זענון די לייט וואס זענון מחויב צדקה צו גובון :

איטלוכר איז מחויב צדקה צו גובון · אפילו דר ארומאן וואס נעמט צדקה איז אויך מחויב צו גובון צדקה פון דעם וואס ער נעמט אוטלוכר נאך זיין פאר מעג נאך · אונ ווען איין ארומאן גיט צדקה פון זיין ארומקייט · וועט ער זוכה זיין צו גובין פון עשירות · (רבי זכריה בן רבי יהושע בן לוי) הט צדקה גינומן · אונ ער האט עס גיט בדארפט האבון · די לייט זייער גרעט אויף אים · אז ער איז גשטארבן איז מען גוואר גווארון אז ער הט עס צו טיילט אנדרו ארומו לייט אויך זאגט די גמרא (רבי חמא) איז גוועזן איין ארומאן · אונ הט גדארפט צדקה נעמון · אונ אז מיהאט אים גיגובון הט ער עס צו טיילט אנדרו ארומו לייט אונ האט זיך אובר גלאזט גאר ווייניג דר פון · אונ דר וואס דארף גיט נעמון אונ נעמט יוא שטארבט ער גיט ביז ער דארף יוא דר צו · דען ער בנזולת די ארומו לייט : אבר דר וואס בהעלפט זיך מיט זיין דלות אונ לאזט זיך בנוגון : אונ וויל קיין צדקה גיט נעמון אויף אים איז גזאגט גווארון דר פסוק (ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו) וואול דעם מענטשון וואס פר זוכרט זיך אין גאט · אונ וויל קיין צדקה גיט נעמון אונ גאט וועט זיין זיין פאר זוכרונג · אבר דר וואס לייד גרוס דוחק אונ צרות · אונ וויל קיין צדקה גיט נעמון פון גאוה וועגן : דס דיא לייט זאלון אים לובון ער לייד גרוס דוחק אונ וויל קיין צדקה גיט נעמון · דר איז איין רוצח · גאט האט אים גיט גיהייסון ער זאל זיך זעלברט אום ברענגון :

דר אנדורור פרק רעט וויפול מיזאל צדקה גובון

איטלוכר זאל גובן צדקה נאך זיין פאר מעג נאך · אונ וויא זיין הארץ בווילגט · אונ הקב"ה הט אונז גבאטון מיר זאלון תמיד דיא האנט אפון האלטון צדקה צו גובון · אז וויא דר פסוק זאגט (פתוח תפתח את ידך) דיא זאלסט עפונון דיין האנט צו גובין צדקה כדי גאט דיין גאט זאל דיך בענטשון : קיין שום מענש איז קיין מאל גיט ארום גווארון פון דעם וואס האט צו פול צדקה גגעבון · אונ עס קומט גיט קיין שלעכטץ פון צדקה נאר איטול גוטץ · אז ווי דר פסוק זאגט (והיה מעשה צדקה שלום) דיינו מע"ים וואס קומן פון צדקה זאלון זיין אייטל שלום · אונ תמיד ווען ער טוט תפלה פר הקב"ה זאל ער גדענקון איך בגער מיין שפייז פון הקב"ה · אונ איך וואלט גגערון דס הקב"ה · זאל דר הערון מיין תפלה : אזו אויך אז דר ארומאן קומט צו אים אונ בגערט פון אום שפייז זאל ער אים גובין אונ זאל גדענקון איך וועל אים צדקה גובין איידר איך זאל ח"ו אויך ארום ווערון · אונ אויך זאל ער גידענקון דאס ער איז איין שליח פון הקב"ה צו גובין דעם ארומאן · אונ אז ער וועט גיט טון רעכט זיין שלוחות וועט הקב"ה בייא אים דס געלט אוועק נעמון אונ וועט עס גובין אנאנדרון · אונ ביי צדקה גובין איז דר דין אזו : ווער עס איז זייער מולד אונ הט אגוט הארץ זאל ער גובין וויפול די ארומו לייט בדארפון · אונ ווער עס פאר מאגט גיט אודר ווער עס וויל גיט גובין צו פול אודר צו ווייניג גאר וויא עס קומט זאל ער צום ערשטון גובין איין פופט חלק פון זיין קרן דר נאך זאל ער גובין איין פופט חלק פון ריוח · אבר מער פון איין פופט חלק טאר ער גיט גובין · סיידון אז ער לוגט קראנק אונ שרייבט איין צוואה מעג ער פאר שרייבון א"ף צדקה מער פון איין פופט חלק · אבר גזונטרהייט טאר ער גיט גובין מער פון איין פופט חלק דען טאמור האט

ער אזו איין עבירה גטאן ווס דרובר סוז ער ארום ווערן אזו וועט ער אן העגנון זיין ארומקייט קומט אובר דר צדקה · אונ דר ווס וויל ניט גבין קיין פופט חלק איז ער עכ"פ מחויב צו גבין איין צעהנטזול פון קרן אונ ריוח ניט ווייניגר · אונ דר גרעסטטור ארומאן אין דר וועלט זאל ניט ווייניגר גבין דורך דעם יאר וויא איין שליש פון (אשקול) · דאס בטרעפט אנדר האלבון פולשו גולדין אונ אוב ניט איז ער ניט מקיים די מצוה :

דער וואס וויל קיין צדקה ניט גבין וועדלוג נאך זיין פאר מעג נאך אזו זאל אים דם ב"ד נייטון מיט אלים ווס זיי האבון יכולת · יתומים דארפון אוך צדקה גבין · אבר מיקאן זייא ניט נייטון · סייא מען טוט עס פון זייער פאטרם כבוד וועגן · אודר דער ארומאן איז זייער קרוב אזו איז עס דאך זייא איין שאנד צוא פאר לאזון זייערו קרובים · דא זאלן דיא אפטרופסים געבון פון זייערט וועגון :

דר דרוטר פרק רעט ווס די צדקה זאל זיין ·

דיא צדקה איז דרייא ארלייא זאכון · איין צדקה איז ווס מען גייט אלו טאג אום נעמון אלורלייא עסון שפייז · דאס הייסט (תמחוי) שוסל צדקה אונ מען צו טיילט עס באלד דיא ארמו לייט · אונ בייא דר צדקה איז דר פרעמדור ארומאן מיטון היימושין גלייך · דס אנדרו הייסט (קופה של צדקה) דס מען גייט ארום אלו ערב שבת אונ מען נעמט אום געלט אונ עסון שפייז · דיא צדקה גוט מען נאר דיא היימ'שו ארומו לייט · סיידון דר מנהג איז אין דר דאזגר שטאט צו גובין דיא פרעמדו אוך דאס דרוטו איז וואס די גבאים גייאן ארום · דאס הייסט סתם צדקה · דיא גבאים מעגון עס גובין וויא אהין זייא ווילון צום שול אודר בית החיים ווס מען דארף דר צו מתקן זיין :

דר פערדור פרק רעט ווער עס מעג נעמון צדקה ·

דיא חכמים ז"ל האבון גזאגט ווער עס הט זיין אייגענם צווייא הונדרט גילדון אפילו ער האנדולט ניט דר מיט אודר ער האט ווייניגר פון צווייא הונדרט גולדון נאר ער האנדולט אונ דער גערט זיך דר פון טאד ער קיין צדקה ניט נעמון · אבר דר וואס האט ווייניגר פון צווייא הונדרט גולדון אונ האנדולט ניט דר מיט מעג ער יוא נעמון · דר סימן איז (צדקה) בטרעפט צווי הונדרט אן איינס · אונ אפילו ער האט נאר איין גולדון ווייניגר אונ מען גוט טווזנט גולדון מיט אמאל מעג ער נעמון אין די צווייא הונדרט גולדן רעכונט מען ניט זיין גיפעס וואס ער דארף צו זיין טו"ש אפילו זייא זענון גולדנו אודר זולברנו כלים · אונ אוך זיינו קליידר אונ זיין ווייב אונ קונדרם קליידר וויל ער דארף דם האבין צו זיין לייב :

דר פופטר פרק רעט ועמון מיזאל גובין צדקה ·

צום ערשטון איז ער מחוייב זיך זעלברט צוא דר נערון · דר נאך זיין ווייב דר נאך זיין פאטור אונ מוטר · דר נאך זיינו קונדר · דר נאך זיינו ברודר אונ שוועסטר · דר נאך זיינו פעטורס אונ מומים דר נאך זיינו גשוועסטר קונדר · דר נאך די אנדרו קרובים · דר נאך דיא ארומו לייט ווס וואנון אין זיין שטאט · דר נאך די פרעמדו אונ זיין רבי איז פרור פון אלו אפילו פון זיין פאטר סיידון זיין פאטור איז אתלמוד חכם · אזוא איז אוך דר דין או זייא זוצן אין דר תפיסה זאל ער פרור אלים דעם נאהנטרון קרוב אוס לייזון :

דר זעקסטור פרק רעט וויא מיזאל גובה זיין די צדקה ·

עס טאר ניט ארום גיין גובה זיין צדקה איינור אליין · נאר צווייא אונ זייא טארון ניט גיין ווייט איינר פונם אנדרון · דס די לייט זאלון אים ניט חושד זיין · אונ ווען איינר גפונט עפום איין מציאה בשעת זייא גייאן ארום · טאר ער עס ניט אריין לייגון אין זיין בייטול אריין דם מיזאל אים ניט חושד זיין · נאר ער זאל עס אריין לייגון צווישון דר צדקה · אונ אז ער קומט אהיים מעג ער עס ארוס נעמון · דען אוטלוכר איז זיך מחויב צו הוטן פאר איין חשד · ווען ער מאכט דיא וועלט זונדוגן · דיא פרומי אונ ערלוכו ווייבור פלעגון זיך מאכין (גבאיתות) · אונ פלעגון ארום גיין גובה צדקה זיין אונ האבון עס צו טיילט דיא ארומו לייט · אודר ארומו ווייבור אודר קראנקו ·

אונ פלעגן אכטונג געבן אויף ארומי לייט · אונ ווען איין אשה גוט צדקה פון איר ארבייט אודר פון איר ריוח דם איז ארעכטע צדקה. דר מיט בשורמט זיא איר מאן אונ קינדר פונם גיהנם אונ פונם טוט · אז וויא דר פסוק זאגט (וצדקה תציל ממות) צדקה איז מציל פונם טוט · אונ ווען זיא זעהט איר מאן איז פאר טראגן אין הענדיל זאל זיא אים דר מאנון ער זאל צדקה גובין · אונ דאס ער זאל תאטשו איין שעה אודר צווייא עפוס תורה לערנון · אונ ער זאל זיך אלו טאג מאכון איין צייט אויף צו לערנון · אויך זאל זיא אים דר מאנון מעשים טובים צו טאן · דיא הייסט איין פרומי אשה אונ איין צנועה אונ חכמה · אז וויא דר פסוק זאגט (פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה) איר מול טוט זיא עפונון מיט חכמה · אונ דו רייד פון תורה אונ גמילות חסד איז תמיד אויף איר צונג · דס זיא זאל דר מאנון איר מאן אונ קינדר :

דר זובנטר פרק רעט וויפול מ'זאל גובין צדקה סייא די פרעמדו סייא די היימשו ·

קיין גבאי צדקה טאר ניט אליין צו טיילון דאס צדקה געלט · דען עס מוזן זיין דר ביי דריי פרומי אונ קעסטלוכו לומדים · וס ווייסון אלו דיא דינים פון צדקה · אבר ניט עמי הארצים · אונ דרייא דיינים מוזן זוצן אונ משפטון ועטון מ'זאל גובין פול אודר ווינוג · דס ערשטו דר ארומאן וס שעמט זיך ניט ארום צו גיין אויף די טורון · גיט מען אים נאר א שטוקל ברוט · אודר א שטולינגר · דס אנדרו דר ארום מאן וס וואנדרט ארום פון שטאט צו שטאט דעם גוט מען זיין צערונג וואס ער דארף איבער נאכט אונ אז ער בלייבט שבת האלטון גוט מען אים געלט אודר שפייז אויף דריי סעודות · דס דריטו איז ווען איין יתומה דארף חתונה האבון גוט מען איר פופצונ גולדון · דס פופטו איין יתום וס וויל חתונה האבון · דארף מען אים גובין איין דירה אובר די חתונה אונ איין בעט · אונ נפעם וס ער דארף האבון צום טיש · אונ זיינו קליידר וס ער דארף דס פופטו ווען עס קומט איין ארומאן וס ער איז פון גרוסו לייט אודר פון עשירים · זאל מען אים גובין וס ער דארף צו דעם זעלבוגין טאג · אפילו איין פערד דרויף צו רייטון דס זעקסטו איין ארומאן וס שעמט זיך צדקה נעמון זאל מען אים לייאן · דר נאך זאל מען עס אים שיינקון · וויל ער איזו אויך ניט לייאון זאל מען צו אים זאגון ברענג מיר איין משכון וועט מען דיר לייאון · אונ מ'זאל מיט אים ניט מדקדק זיין · אונ מ'זאל אים באלד לייאון · דס זובנטו ווען איין תלמיד חכם איז ארום · זאל מען אכטונג גובין אויף זיין כבוד · דס מ'זאל אים גובין דורך אזו איין אופן ער זאל ניט פאר שעמט ווערון · אונ אז ער וויל קיין צדקה ניט נעמון זאל מען אים ניט לאזון קיין דוחק ליידון נייר מ'זאל מיט אים עסקים האבון מ'זאל אים וואלוויל פר קופון · אונ ביי אים טייאר אפ קופון אונ אז ער ווייסט עפוס אהענדיל וס ער קען דר פון גישפייזט ווערון · זאלון אים לייאון געלט אודר סחורה · כדי ער זאל בכבוד גישפייזט ווערון · אויף דעם האבון דיא חכמים גזאגט ווער עס לייאט געלט איין תלמיד חכם אויף הענדיל · איז ער איין בן עולם הבא · אונ דר וס וויל פר דינן רעכט עולם הבא · זאל ער זעלבסט האנדלון פר דעם תלמיד חכם · אונ זאל אים לאזון תורה לערנון · אזו העלפט ער אים דאך צו דר תורה · דרום האט ער אויך אחלק דרונון :

אויך דיא בעלי בתים וס קענון ניט תורה לערנון ווען זיי האלטון אוים אונ גובון הספקה דו יונגא אונ בחורים אונ תלמידים פון דר שטאט · דס איז גירעכנט גלייך וויא זייא זעלבורט וואלטון תורה גילערנט · אז ווי דר פסוק זאגט (שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך) · ווען ניט (זבולון) וואלט גישפייזט זיין ברודער (יששכר) וואלט ער ניט גיקענט קיין תורה לערנון · דען זבולון האט גיהאנדולט מיט סחורה איבר דעם ים · אונ האט זיך גטיילט דעם ריוח מיט זיין ברודר יששכר · דס ער זאל קענון ביי דעם לערנון בלייבון · דרום זאגט דוא תורה פרייא דוך (זבולון) ווען דוא ציהסט נאך סחורה · ווייל (יששכר) זוצט אונ דו גיצעלטון אונ לערנט תורה · אונ אפילו דוא תורה לויבט מיין (זבולון) אז (יששכר) והא ראיה ער שטייט דאך פאר יששכר אונ פסוק · אויך זאגט דר פסוק (עץ חיים היא למחזיקים בה) דו תורה איז אבוים פון לעבין צו דו וס העלפון צו איר · דרום זאל איטלוכר בעל הבית וס קענון ניט לערנון דרויף אכטונג גובן · אונ זאל העלפן דוא

בדורים אונ יונגין וואס לערנן תורה מיט געלט · אונ מיט עסן אונ קליידור· אודר ליכט צו לערנן אודר ער זאל זיי לאזן ביי זיך אין שטוב לערנן · אזו איז עס גלייך ווי ער וואלט זעלבורט תורה גלערנט · דס אכטי איז דו גבאים זאלין אכטונג געבן אויף דו ארומי לייט וואס וואנן אונ שטאט · צו געבן איטליכן נאך זיין מעלה נאך · דען דו ארומי לייט האבן זעקס נעמן (דל הלך מך עני רש מסכן אביון) (דל) איז אזעלוכור וואס איז רייך געוועזן אונ איז ארום גווארן אז ווי דר פסוק זאגט (ודל מרעהו יפרש) · אונ דר דל איז אפ געשיידט פון זיין חבר · (ואוהבי עשיר רבים) אבר דר עושר הט פיל פריינט אונ קרובים וואס קומן צו אים · דרום איז ראוי מיזאל דעם (דל) מער העלפין אז אנאנדרין · (הלך) דאס איז אמיטל מעסיגר · וואס בהעלפט זיך נעבוך מיט זיין דלות ווי ווייט ער קאן · אבער ווען עס קומט אויף איהם איין קריינק ר"ל אודר עפיס אנאנדר זאך קאן ער זיך שוין ניט בהעלפין · דעם איז ראוי מיזאל אים העלפין איידער ער ווערט גאר פר ארומט ח"ו · דער (רש) איז אזעלוכר וואס פלעגט זיך דר נערין מיט נאט אונ מיט כבוד · דעם איז אויך ראוי צו העלפין דס ער זאל זיך קענן ווידר דר נערין · דר (מך) איז אזעלוכיר וואס איז תמיד געוועזן איין ארומאן · דעם מוז מען פשיטא העלפין · דר (עני) טוט זיך אן ווינר אונ ווייא · אלי זיין טאג טוט ער מיין ניט נאר ער ארבייט אונ קאן ניט פאר דינגן אויף פרנסה · דער איז תמיר אונ בלויז צער אונ ווייא טאג דרום זאל מען אים פשיטא העלפין · דר (מסכן) איז אזעלכיר וואס וויל ניט ארבוטן · נאר ער קוקט ארוים אויף לייטונגש גאב · אונ דו לייט שפעטן פון אים אונ טייטן אים נאך מיט דו פינגר · אפילו ער קען לערנן איז זיין תורה פר ניקשט געאכט · אונ מיהאלט אים שפל · דעם זאל מען אויך צדקה געבין · דר (אביון) איז אזעלוכיר וואס גלוסט צו אלי גוטי שפייז · אונ קאן זיי ניט בייקומן · אונ ער קאן קיין שום מלאכה אונ קיין הענדיל ער קאן אפילו קיין צדקה ניט בעטין · אונ כמעט ער קאן אפילו ניט רעכט ריידו מיט דו לייט · דעם זאל פשיטא אויך געבין :

דרום זאלין דו דריי גבאים השגחה געבין ווערלוכיר ארומאן עס איז בילכער צו געבין · אונ וועמין מיזאל פיל געבן אונ וועמין ווייניגר · איטליכן נאך זיין כבוד אונ זיין בדערפניש נאך אונ וועמין מיזאל געבין עסן שפייז · אונ וועמין מיזאל געבן געלט וועמין מיזאל געבין אלי טאג · אונ וועמין מיזאל געבין אלי ערב שבת · אונ דו גבאים זענן מחוייב צו קלערן דו ארומי לייט אוב עש איז ניט פר האנדן קיין פאלשקייט אין זיי · ווער עס קומט אונ בגערט מיזאל אים געבין עסן לאז ער זיין ווער עס איז דארף מען אים אלץ געבין סיידן ער טוט איין עבירה בפרהסיא · אונ שייאט זיך ניט פר גאט אונ פר לייט · דם זאל מען נוט געבין · אונ אויב ער זוצט אונ דר תפיסה דארף מען אים אויך ניט אוים לייזן ביז ער טוט תשובה · איין עובד כוכבים איין ארומאן וואס קומט צווישן ארומי לייט יהודים · אונ בגערט מיזאל אים געבין עסן · דארף מען אים אויך געבין · דוא חכמים האבן גיזאגט עס זאל זיין מיין חלק אונ גן עדן מיט דו וואס זענן גובה צדקה · אבר ניט מיט דוא גבאים וואס טיילין ארום דו צדקה · דען זיי געבין איינים צו ווייניג אונ דעם אנדערן צו פיל · אויך גיט ער זיין קרוב מער ווי עס איז ראוי צו אים · אונ אויך זיין פיינד גיט ער ווייניגר ווי ער דארף · דאס איז איין הרבי עבירה ח"ו · דרום זאל מען מאכן גבאים פרומי כשרי לייט אונ לומדים · אבר ניט עמי הארצים · אונ אויב איין ארומאן זידולט דעם גבאי · זאל עס אים ניט חארין · דען אזו איז זיין שכר גרעסור · אונ ער זאל אום געבין זיין קצבה אלי וואך ווי פרור · אונ זאל אויף אים ניט אן שרייאין · ער זאל גידענקן טאמיר רעט ער עס פר צרות · דרום זאל ער מיט אים ריידון מיט גוטי רייד · אונ זאל אים וואל אום פארשטיזן אויב עס איז ניט פר האנדן אין אים עפיס רמאות · אונ דר צדקה זענין פר האנדרון אכט מעלות איינר בעסור פון דר אנדרור דו ערשטו מעלה איז דער וואס גיט צדקה ניט גערין · אודר ער בארומט זיך מ"ט זיין צדקה · אזו וואלט בעסור גיוועזן ער זאל ניט געבין · דען זיין מצוה ווערט צו איין עבירה · דו אנדרי מעלה איז דר וואס גיט יוא גערן אונ מיט פרייליכקייט וויא דר דין איז · אבר ער גיט ניט גינוג ווי מען דארף געבין דעם ארומאן דוא דריטע מעלה איז ווער עס גיט גינוג · אויך אבר ער גיט נוט ביז דר ארומאן מידט אים אן אונ איז מבייש זיין

פנים קוגון אים · דו פערדו מעלה איז ווער עס גיט דעם ארומאן אין אזו איין אופן ער זאל ניט פר שעהמט ווערון · דס איז זייער וואול · אבר עס איז נאך פר האנדרון בעסורו מעלות דר פון · דוא פופטו מעלה איז אז ער ווייסט וועמין ער גיט · אבר דר ארומאן ווייסט ניט ביי וועמין ער נעמט · אזו ווי דו חסידים אונ אנשי מעשה פלעגין טון (מר עוקבא) האט הונטר גיווארפון געלט דוא ארומו לייט אונ זייערו הייזור · כדי זייא זאלין ניט וויסן ווער עס גיט זיי · דו זעקסטו מעלה איז אז דר ארומאן ווייסט פון וועמין ער נעמט · אבר דר בעל הבית ווייסט ניט וועמין ער גיט · אז ווייא פאר צייטון האבן אטייל חסידים אונ צדיקים איין גיקניפט געלט אונ זייער מאנטיל · אז דוא ארומו לייט זענון גיקומין אונ האבן עס גינומן · אזו הט זוך דר ארומאן ניט גישעהמט פר אים · דו זובעטו מעלה איז אז זיי ווייסון ביידו ניט · דר ווייסט ניט וועמין ער גיט · אונ דר ווייסט ניט ביי וועמון ער נעמט · דהיינו ער ווארפט אין (מתן בסתר) אריין · אונ דו גבאים זענון דאך רעכטי נאמנים · אונ ווייסון דו דינים פון דר צדקה · דו אכטי מעלה איז איבר אלי מעלות דס איז ווען איינר לייט זיין חבר · אודר ער העלפט אים צו זיין פרנסה · אודר ער מאכט חברותה מיט אים דס ער זאל בקומן ריוח אודער ער ווייזט אים איין פרנסה · אודור ער לערונט אים איין מלאכה · דאס ער זאל ניט דארפון צוא לייטענס גאב · דאס איז גרעסור צדקה פון דוא פיר אירלייא (צדקות) וואס איך וועל דא בשיידין :

דאס ערשטי איז (פדיון שבוים) דס מען זאל אוים לייזון תפוסים פון דו הענט פון כותים · דאס איז פרור פר אלי (צדקות) אין דר וועלט · דס הייסט (מצוה רבה) דו גרעסטו מצוה פון אלי מצות · דרום אפילו דס געלט וום מען הט עס אפ גישיידט אויף צדקה אודר אויף אשיל בויאן · אודר אפילו מיהאט שוין גיקויפט האלץ אויף אשול בויען · דארף מען עס פאר קויפון אוף (פדיון שבוים) אויב עס איז ניט פאר האנדון קיין אנדר געלט · אבר אויף אנאנדר מצוה טאר מען ניט נעמין פון שיל געלט · דס אנדרו איז ארומי בתולות חתונה צו מאכין · דס איז נאך בעסור פון (פדיון שבוים) · אונ דר פר בקומט מען גרויס שכר לעולם הבא · דס דרוטו איז ווער עס גיט צו שטייאר אויף אשול · אודר אויף אבית המדרש צו בויען · אין דעם כלל איז ווער עס דער האלט דו וום לערנון תורה · אודר ער לערונט איינום אמלאכה · ער זאל דר פון פרנסה האבן · דס איז אגרוסי צדקה וום הט קיין שיעור ניט דאס פערדי ווער עס גוט צדקה ארומי חולים · אודר אלטו לייט וום קענין זוך ניט דר נערון דס איז דו גרעסטו צדקה · וועם צווייא ארומו לייט גבן צדקה איינר דעם אנדרון זענין זיי יוצא מיט זייער צדקה :

איין קבצון וום גייט ארום פון איין שטאט צו דר אנדרי מיט איין קיבוץ בריב · דס ער וויל זוך דר נערון · אודר זיין טאכטור אוים גיבין · דא דארף ער ניט בצאלין דר פון זייני חובות · ביידין עס שטייט אין דר קיבוץ בריב אז זיין ארום גיין איז אוף חובות צו בצאלון · וועון איין בעל הבית קימט אין דר פרעמד אונ הט ניט צו עסין · מעג ער נעמין צדקה : אונ אז ער קומט אהיים דארף ער ניט בצאלון · ווייל דענמאלט איז ער גיוועון איין ארומאן · וועון מען ניט אים געלט אוף דעם וועג אונ עס איז פאר האנדין איבערוגס וויא ער דארף קער דאס אויך צוא אים אונ דר ארומאן וום קען זוך ניט בהעלפון פון יהודים · מאג ער וואל נעמין פון עובדי כוכבים · אונ אז ער ווערט רייך זאל ער עס אפ גובון ארומי לייט · וועון איין עובד כוכבים בגערט צדקה זאל מען אים גובין פון דרכי שלום וועגין · אזו אויך דעם גלייכון אז איין מלך עובד כוכבים אודר איין שר שוקט צדקה זאל מען ביי אים נעמין פון דרכי שלום וועגין :

דוא צדקה וום מען איז מנדר פר דוא מתים בפרט אום שבת אודר יום טוב · דס העלפט זייא אוף יענער וועלט · דרום זאל איטלובר מזכיר נשמות זיין זייני קרובים · אונ זאל גובין צדקה פון זייערט וועגון · איטלוכר זאל זוך זעהן בהעלפון ווי ווייט מיגליך איז · אונ זאל קיין צדקה ניט נעמון · אפילו אתלמיד חכם זאל אמיאוסי מלאכה טון · איידר ער זאל דארפון צו לייטון · אונ איין אלטור מאן אודר אקראנקור וואס קאן זוך ניט מפרנס זיין אונ וויל קיין צדקה ניט נעמין · איז גלייך

אזו ווי ער טייט זוך זעלבורט · אבר איין גיזונטר מאן וס דארף געמין צדקה · אונ נעמט ניט · אוז בהעלפט זיך ווי ווייט מיגליך איז · דר שטארבט ניט ביז ער שפייזט אנדרי לייט · אוף אים זאגט דר פסוק (ברוך הגבר אשר יבטח בה׳) גבענטשט איז דר מענטש וואס פאר זורגט זוך אונ גאט ·

סליק הלכות צדקה

# הלכות דרך ארץ פרק חמישי

**בכל** דרכיך דעהו והוא יישר אורחותיך) מיר האבן גילערונט אונ דער מסכת ברכות פרק הרואה · (בר קפרא) הט גדרשות וועלכוס איז אזו איין פסוק וס (כל התורה כולה) הענגט אונ אים · דאס איז איין פסוק אין משלי · (בכל דרכיך דעהו) אונ אלי דייני וועגין אונ עסקים זאלסטו וויסן אז גאט יתברך זעהט אלי דייני מעשים אונ הענדיל · אז ווי דר פסוק זאגט (שויתי ה׳ לנגדי תמיד) איך האב ניטאונזאגט קינן מיר תמיד · אונ הב ניט ארוים גטרעטון פון זייני גיבאט · דר נאך זאגט ווייטור דר פסוק (והוא יישר אורחותיך) אונ ער וועט גלייך מאכין אלי דייני וועגין · דם מיינט מען ער וועט דיך לערנון דרך ארץ צו גיין אונ רעכט פארטונגן וועג · דר דרך ארץ איז נאך גוועזן אין אדם הראשונס צייטון · אז ווי דר פסוק זאגט (לשמור את דרך עץ החיים) · ועקם אונ צוואנציג דורות דר נאך · הט גאט גיגעבן דוא תורה צו משה רבינו · אונ האט אים גיבאטון צו הוטען דעם דרך ארץ · דוא חכמים זל זאגין ווער עס איז גיווארונט אונ דרך ארץ וועט ער זוכה זיין צוא זעהן אונ דער נחמה פון ירושלים · אז ווי דר פסוק זאגט (ושם דרך אראנו בישע אלהים) דר וס טוט אונ זוך דעם דרך ארץ וועט ער זעהן אונ דר הולף פון גאט :

**דוא** גמרא זאגט אונ מסכת ברכות (רבי מאיר) איז גיוויינטליך גיוועזן צו זאגין דו זאלסט לערנון תורה מיט גאנצון הארצון אונ לייב · אזו ווערסטו דר קענגן דעם רעכטון וועג פון הקב״ה · דם איז דר דרך ארץ · אונ זאלסט זיין דר ערשטור אונ דו טורן פון דר שול אונ בית המדרש · אונ היט דו תורה אונ דיין הארצון · דם דו זאלסט זוא ניט פאר געסון אונ דו פארכט פון הקב״ה · אונ היט דיין מויל פון שלעכטו רייד · אונ ריינג דיך פון אלי דייני זונד · אזו וועט גאט מיט דיר זיין אלי צייט · (אביי) איז גיוויינטליך גיוועזן צו זאגון דו זאלסט תמיד טראכטון ערמות אין גאטס פארכט · אונ זאלסט שלום מאכון צווישן איינם אונ זיין חבר · אונ צווישן מאן אונ ווייב · אונ זאלסט זוך נים דר ווייטרון פון דייני קרובים אונ שכינים · אונ זאלסט זוך מיט קיינם ניט קריגן · אונ זאלסט איטלוכן אפ גובין שלום אונ אגוט מארגין · אפילו איין עובד כוכבים אונ מארק אזו ווערסטו זיין גלובט אונ גאטס אויגן · אונ אין לייטונס אויגון (רב) איז גיוויינטליך גיוועזן צו זאגן דר תכלית פון דר חכמה איז דו תשובה אונ מעשים טובים אבר דר וס פר ברענגט זיין חכמה אונ וועלטלוכי זאכון איז ער קיין חכם ניט · דר וס לערונט תורה אונ איז בועט אין פאטור אונ מוטר אונ אין זיין רבי · אודר אונ דעם וואס איז עלטור אונ חשובר פון אים · דר איז איין נאר אונ ארשע ׳ אוף אים זאגט דר פסוק (ראשית חכמה יראת ה׳ שכל טוב לכל עושיהם) דר אן הייב פון דר חכמה איז דוא פארכט פון גאט · דאס איז אגוטר שכל צוא אלי מעשים · עס שטייט ניט (שכל למדיה) עס איז אשכל צו דוא וס לערנון תורה נאר (שכל טוב לכל עושיהם) דאס מיינט מען צו דו וס טון דו מצות אונ מעשים טובים לשם שמים : אבר ניט כדי דו לייט זאלון אים לובן · אבר דר וואס לערונט תורה פון כבוד אודר פון געלט וועגון · אזו איז אים בעסיר אז ער וואלט ניט בשאפון גיווארון :

**דרום** זאל איטלוכר מענטש גווארונט זיין צוא האבון אונ זוך (יראה) אונ דרך ארץ · אונ ער זאל מאכון דוא לייט זאלין אים ליב האבון ׳ אזו וועט אים גאט אויך ליב האבון · אבור דער וואס ברענגט אוף זוך לובשאפט דורך חניפות אודר וייל ער שטראפט ניט דוא לייט · דעם האט הקב״ה פיינט · אז ווי דו גמרא זאגט ווען דו זעהסט אתלמיד חכם וואס דו שטאט הט אים לוב איז דאס דרום וייל ער שטראפט זיי ניט · דען ווען ער וואלט זייא גשטראפט וואלט זוך גיפונן

אמי"ל וָוס וָואלְטֶון אוּף אים בֵּייז גֶרֶעט · אונ דָם וָוס שְׁטֵייט עֶר זָאל זֶעהֶן דוּא לַייט זָאלֶין אים לִיב הָאבּוּן · מֵיינְט מֶען דוּ פְּרוּמִי לַייט · נִיט דִי שְׁפֶּעטוּר · וָועוּ עֶס גִינֶהְנְט זוּךְ צוּ חֲכָמִים · אִיז מְקַבֵּל דִייעֶרִי שְׁטְרָאף רֵייד דֶר אִיז גִיוִויש אַצַדִיק אונ אוֹב נִיט אִיז עֶר בְּוַדַאי אַרָשָׁע · אונ הָט נִיט אִין זוּךְ קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם · אונ קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ · אוּף אִים הָט גְזָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ ע"ה · אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָ) זָאלְסְט נִיט שְׁטְרָאפוּן קֵיין שְׁפֶּעטוּר טָאמוּר וָועט עֶר דִיךְ פֵיינְט הָאבּוּן · הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָ) שְׁטְרָאף צוּ אַחָכָם וָועט עֶר דוּךְ לִיב הָאבֶּן · דֶר פוּן זֶעהְט מֶען אוֹיךְ אַז דוּא פְרוּמִי לַייט
הָאבֶּן לוּב דֶעם פְרוּמֶן מַאן · אונ דוּא שְׁלֶעכְטוּ לַייט דֶעם שְׁלֶעכְטוּן מַאן :

דִיא גְמָרָא זָאגְט · (רַבִּי זַכַּאי) אִיז הַאלְט גִיוֶועֶן הֶעכוּר הוּנְדֶרְט יָאר הָאבֶּן אִ"ם דוּ תַּלְמִידִים גְפְרוּגְט רַבִּי מִיט וָוס הָט אִיר זוֹכֶה גִיוֶועֶן צוּ לַאנְגִי יָאר · הָט עֶר צוּ זַייא גִיזָאגְט זָענְט אִיר דֶען גֶערִין אִיךְ זָאל שְׁטַארְבּוּן · הָאבֶּן זַייא גִיעֶנְפוּרְט נֵיין לוּבֶר רַבִּי דָם אִיז אוֹךְ תּוֹרָה אונ דֶרֶךְ אֶרֶץ · דְרוּם ווִילוּן מִיר עֶס לֶערְנוּן פוּן אַייךְ · זָאגְט עֶר אִיךְ וָועל אַייךְ זָאגִין · אִיךְ בִּין וַוייל מַיין לֶעבִּין נִיט בְּרוּגֶוז גִיוֶועֶן · אונ הָאבּ אוּךְ קֵיין מֶענְטְשׁוּן נִיט אָן גִישְׁרוּגֶן · דֶען אִיךְ הָאבּ תָּמִיד גְדַאכְט עֶר אִיז בֶּעסוּר פוּן מִיר אִיז עֶר עֶלְטוּר גִיוֶועֶן הָאבּ אִיךְ מִיר גֶדַאכְט עֶר הָט מֶער מִצְוֹת גְטָאן פוּן מִיר · אִיז עֶר יוּנְגֶר גִיוֶועֶן הָאבּ אִיךְ מִיר גְדַאכְט עֶר הָאט ווִינְצִיגֶער עֲבֵירוֹת גְטָאן פוּן מִיר · אונ ווֶען עֶס אִיז אִימָצוּן נִיט גוּט גִינַאנְגֶן הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוּךְ מְצַעֵר גִיוֶועֶן · מִכָּל שֶׁכֵּן דָאס אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט גִיפְרַייאט אונ זַיין אוּם גְלִיק אוּיךְ הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל קֵיין מֶענְטְשׁוּן נִיט גִירוּפֶן מִיט אַזוּ אַנָאמוּן וָוס עֶר שֶׁעהְמְט זוּךְ · דֶען ווֶען אַיינוּר פַר שֶׁעמְט דֶעם אַנְדֶערוּן הָט עֶר נִיט קֵיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא · אַז ווִי מִיר גִיפוּנֶן דָם תָּמָר הָט נִיט גִיוָואלְט מְבַיֵּישׁ זַיין יְהוּדָא · אונ זוּא הָט זוּךְ גְלָאזְט וַוארְפֶן אִין פַייאַר אַרַיין אֵיידֶר זוּ זָאל זָאגִין פוּן ווֶעמִין זִי אַ טְרָאגְט · אוּךְ זָאגְט דִיא גְמָרָא נָאךְ עֶטְלִיכִי לַייט הָאבִּין לַאנְג גְלֶעבְּט הָאבִּין
זַיי אוּךְ גְזָאגְט עֶטְלָכוּ אִירְלַיי זַאכִין · אַזוּ ווִי אִיךְ וָועל דָא בַּשַׁיידְן :

אַיינֶר הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ דְרוּם לַאנְג גְלֶעבְּט וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט מִתְכַּבֵּד גִיוֶועֶן מִיט מַיין הַבֵרִים שַׁאנְד · אונ הָאבּ קֵיין מָאל נִיט גִיקוּקְט קֵיין רָשָׁע אִין זַיין פָּנִים · אַיינֶר הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ דְרוּם לַאנְג גְלֶעבְּט וַוייל אִיךְ בִּין תָּמִיד גִיוֶועֶן דֶער עֶרְשְׁטֶר אִין שׁוּל · אונ הָאבּ קֵיין מָאל נִיט גִישְׁלָאפִין אִין שׁוּל · אַיינֶר הָט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ דְרוּם לַאנְג גְלֶעבְּט דָם אִיךְ הָאבּ קֵיין מָאל נִיט פַר פֶעלְט קִידוּשׁ צוּ מַאכֶן אִיבֶּר וַויין · אַמָאל הָאבּ אִיךְ קֵיין גֶעלְט נִיט גִהַאט · הָאט מַיין מוּטֶר פַר קוּפְט אִיר שְׁלַייאֶר פוּנֶם קָאפּ אונ הָט מִיר גִבְּרַאכְט וַויין אוּף קִידוּשׁ בְּרֶענְגְט וַוייטֶר דִיא גְמָרָא אַז דוּ זֶעלְבּוּגִי יוּדְנִי אִיז גִשְׁטָארְבֶּן הָט זִי גְלָאזְט דְרַייא הוּנְדֶרְט פֶעסֶר וַויין · אונ דֶר חָכָם הָאט גְלָאזְט דְרַייא טוּזִינְט פֶעסֶר וַויין · אַיינֶר הָט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ דְרוּם לַאנְג גְלֶעבְּט וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט גְהַאט קֵיין אַנְדֶרִי מַחְשָׁבָה אִין שׁוּל · נָאר אוּף גָאטְס פָארְכְט · אונ הָאבּ נִיט גְטְרֶעט אִיבֶּר קֵיין מֶענְטְשֶׁן · דָם הָט זִיךְ צְוַוייא טַייטְשֶׁן · אַיינֶם דוּ פְּרָאסְטִי טַייטְשׁ · דָאס אַנְדֶרִי מֵיינְט מֶען אִיךְ הָאבּ קֵיין שְׂרָרָה נִיט גִיוָואלְט הָאבֶּן אִיבֶּר קֵיין מֶענְטְשֶׁן · הָאמְשׁוּ אִיךְ בִּין דֵיךְ גִיוֶועֶן אַיין אַב בֵּית דִין אוֹדֶר רֹאשׁ הַקָהָל · הָאבּ אִיךְ מִיךְ דֶר מִיט נִיט אִיבֶּר גְנוּמֶן · דָאס אִיז אַלֶץ אִין כְּלַל פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז גְטֵיילְט אוּף פִיר חֲלָקִים · אַיין חֵלֶק רֶעט ווִי דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זָאלֶן זִיךְ הַאלְטֶן בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ · דֶר אַנְדֶרֶר חֵלֶק רֶעט ווִי דִי אַלְטִי לַייט זָאלֶן זִיךְ הַאלְטֶן בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ · דֶר דְרִיטֶר חֵלֶק רֶעט ווִי דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים אונ בַּחוּרִים זָאלֶן זִיךְ הַאלְטוּן בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ דֶר פֶערְדוּר חֵלֶק רֶעט ווִי דוּ וַוייבֶּר אונ מֵיידֶן
זָאלֶן זִיךְ הַאלְטֶן בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ :

דֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אִיז אַזוּ עֶר דַארְף אִין זִיךְ הָאבּוּן אַייטֶל גוּטִי מִדּוֹת · אונ דַארְף לֶערְנוּן תּוֹרָה טָאג אונ נַאכְט לְשֵׁם שָׁמַיִם · עֶר זָאל נִיט הָאבּוּן קֵיין פִיל אַנְדֶרוּ עֲסָקִים אונ ווִיא בַּאלְד עֶר וָוערְט לֵיידוּג פוּן זַיינוּ עֲסָקִים זָאל עֶר זִיךְ זֶעצוּן לֶערְנוּן · אונ עֶר זָאל זֶעהֶן נִיט פַר זוּמוּן קֵיין מִצְוָה · אונ זָאל גֵיין פְּרִיא אִין שׁוּל אַרַיין אונ עֶר זָאל זַיין אַיין יְרֵא שָׁמַיִם אִין אַלֶע זַאכוּן · אונ זָאל זִיךְ נִיט אָפּ שֵׁיידוּן פוּנֶם קָהָל מִיט אַלוּ זַאכוּן · סַייא מִיט תְּשׁוּבָה אונ תַּעֲנִיתִים אונ זָאג תְּפִלָּה טָאן פָארוּן קָהָל · אונ עֶר זָאל זַיי שְׁטְרָאפוּן · אוּף דֶעם זָאגְט דִיא גְמָרָא ווֶער עֶס הָאט

בבח צו שטראפן דיא לייט אונ שטראפט זייא ניט ווערט ער נשטראפט דרוף · אונ וויא ער זאל שטראפן אונ ווען ער זאל שטראפן אונ ווען ער זאל שטראפן וועט אלס שטיין אין חלק פון חניפות · דר תלמיד חכם דארף זיך שיין פורן מיט זיין האנדול · אונ מיט זיינו קליידר · אונ עסן אונ טרונקן · אונ זאל זיינו תפלות אונ תחנות זאגן בכוונה · אונ זאל ערליך האנדלן · ער זאל קיינם קיין אום רעכט ניט טואן · אפילו אוף איין שילונגיר · אונ זאל ניט זאגן קום אנאנדרט מאל וועל איך דיר בצאלן אונ ער זאל ניט מדקדק זיין מיט דיא לייט · ער זאל קיין פרעמדם ניט בגערן אפילו קיין מתנות אוך זאל ער מאכן דיא לייט זאלן אוף אים קיין שלעכץ ניט ריידן אונ אוב ניט איז ער מחלל השם ח״ו · אונ ער זאל רעדן במעלוך מיט די לייט אזו ווי עס שטייט די רייד פון די חכמים זענגן במעלוך אונ ווערן גיהערט אבר דער נאר שרייאט אוף די לייט · אזו ווערן זיינו רייד ניט גהערט · אונ די לייט קערן זיך ניט דר צו :

דיא גמרא זאגט איין תלמיד חכם ווס לערנט לשם שמים · האנדולט באמונה · אונ רעט מיט דיא לייט באמעלוך · ווס זאגן די לייט וואל דעם תלמיד חכם זעהט ווי ער לערנט תורה אונ ווי ער האנדולט באמונה · וואל זיין פאטור אונ מוטר · אונ וואל זיין רבי ווס הט אים גלערנט תורה וויא האלט ער זיך בדרך ארץ · דס איז איין קידוש השם · דעם האבן לוב גאט אונ לייט · אוף אים זאגט דר פסוק גאט זאגט אוף אים דו ביסט מיין קנעכט ישראל וואס מיט דיר טוא איך מיך בארומן · אבר דר ווס טוט ניט אזו אונ איז איין משוגנער · אונ איז מדקדק מיט דיא לייט אוף איין פחות משוה פרוטה · אונ בצאלט אוך ניט ערליך · ווס זאגן דיא לייט וויא צו אים אונ וויא צו זיין פאטור אונ מוטר · אונ וויא זיין רבי ווס הט אים גלערנט תורה אונ ניט קיין דרך ארץ · דיא לייט ווס לערנן ניט קיין תורה האבן מיין דרך ארץ פון אים · ער האנדולט ניט ערליך אונ בצאלט ניט ערליך · ער האט אין זיך שלעכטו מעשים · דס איז ארעכטור חילול השם · אוף אים זאגט דר פסוק זיי זענגן גאטס פאלק אונ סוזן ארוס גיין פון זייער לאנד איבר זייערו בייזו מעשים אונ פון וועגן דו תלמידי חכמים ווס זענגן זיך רעכט נוהג מיט דיא לייטן נוט הקב״ה שלום אין דר וועלט · אזו ווי די גמרא זאגט רבי אליעזר זאגט פון וועגן רבי חנינא (תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך לימודי ה׳ ורב שלום בניך) דיא תלמידי חכמים מערן שלום אוף דר וועלט · אזו וויא עס שטייט אין פסוק אלו דיינו קונדר זענגן דו לערנור פון גאט · דרום וועט קומן פיל שלום צווישן דיר · אונ דרום שרייבט עס רבי אליעזר צו ווייזן אז איין תלמיד חכם זאל האבן מער דרך ארץ פון אנאנדרן · אונ זיין משא ומתן זאל זיין באמונה :

דער תלמיד חכם דארף גיין מוטל מעסוגי קליידר ניט צו גוט אונ ניט צוא שלעכטו נאר זיי זאלן ניט זיין צו רוסן אונ בשמורט אונ ניט פר ברענט · ניט צו לאנג אונ ניט צו קורץ אונ זאל זיי שיין אום בערשטלן · דס מיזאל אוף זיי ניט גפונן קיין פעדור אונ קיין אום ריינוקייט · דאס דיא לייט זאלן ניט ריידן פון אים · אונ אז מען גפונט אוף זיי אלויז · אוז ער חייב מיתה · דען גאט וויל האבן זיינו קנעכט זאלן זיך ריין האלטן אונ עס זאל זיך אוף זייא ניט גיפונען קיין שום שפרענקול אזו וויא איין קנעכט גייט פר אמלך בשר ודם · דען איין תלמיד חכם איז זייער גאהענט צו גאט · דרום זאל ער זיך ריין האלטן מיט אלו זיינו זאכן · אוך זאל ער ניט גיין אין שמעקונדוגי קליידר וויא דו מנאפים גייאן · אונ זאל ניט גיין אונ קיין צו רוסעני שוך · אונ זאל ניט האבן קיין פלעק אוף זיין פום · דען דס אלס איז איין שאנד צו אתלמיד חכם · אוך זאל ער זיך רעכט נוהג זיין מיט זיין עסן · ער זאל ניט עסן מיט קיין עמי הארצים · אונ זאל ניט גיין אוף קיין סעודות נאר אוף איין סעודת מצוה · אוך זאל ער ניט פול עסן אודר טרונקן נאר וועדלוג צו דער האלטן זיין לעבן · אוך זאל ער ניט עסן אזו איין שפייז וואס ער קען עס ניט באלד פר דייאן · דען עס איז אים מפסיק פון זיין תורה אונ מצות · אונ זאל ניט גיין מיט גאוה · נאר ער זאל האלטן זיין קאפ אראפ · דס ער זאל קיינים ניט זעהן אין זיינו פיר איילן · אוך ביי זיין טוש זאל ער זיך ריין האלטן מיט ווייסו טוש טוכר אונ זאל ניט אפ בייסן מיט זיינו ציין · נאר ער זאל אפ שנייזן מיט אמעסר

אונ זאל קיין גרוסו בוסון ניט איין שלונגן אוך ניט קיין גרוסן טרונק נעבין נאר אלס מיט דר מאס אוך טאר ער ניט גיין פיר איילן אן ציצית אונ זיין מחשבה זאל תמיד מהרהר זיין אין דברי התורה סייא ער זוצט סייא ער שטייט סייא ער לייגט זיך · סייא אז ער שטייט אויף · נאר אין באר אונ אין בית הכסא אודר אוף אנדרו אום ריינו ערטר דארטן טאר מען ניט מהרהר זיין אין דברי תורה :

איין תלמיד חכם טאר זיך ניט גיין שפאצירן אוך טאר ער ניט גיין באמעלוך · אונ וויא באלד ער ווערט ליידיג פון זיין האנדול · זאל ער אן הייבן צו לערנן אודר צו טאן מעשים טובים אונ צדקה אונ גמילות חסד · אונ טאר קיין שום שלעכט ווארט ניט ארוס לאזון פון זיין מויל אפילו קוגן איין עובד כוכבים אונ זאל ניט פול ריידן מיט קיין אשה אפילו מיט זיין אייגן ווייב · אונ אפילו ניט מיט זיין טאכטר אודר זיין שוועסטור · נאר וואס ער דארף צו ריידן · אונ זאל מיט קיין עמי הארצים קיין שום עסק ניט האבון · קורץ פון דר זאך איין תלמיד חכם זאל זיך האלטן בדרך ארץ ווי עס שטייט אים אן · איך וואלט אפילו ניט גדארפט שרייבון דעם דרך ארץ פון תלמידי חכמים וויל זייא קענען דאך לערנן אין ספר מוסר · נאר איך האב עס דרום גשריבן טאמור וועט זיך איין פראסטור אוך אזו וועלן נוהג זיין אזו איז וואל אים · דען דם איז דו בעסטו מדה פון אלו מדות :

דר אנדרור הלק רעט פון דו אלטו לייט וויא זיי זאלן זיך נוהג זיין בדרך ארץ :

וויא באלד דר מענטש ווערט אלט זאל ער זיך ריכטן צו יענור וועלט דען ער איז קיין שעה ניט זיכר · דרום זאל ער ניט פר זומן זיין תשובה אונ זאל זיך גדענקן איך גייא אלו מאל איין שטאפול אראפ · דרום זאל ער זיך בטראכטן אלו שעה וואס פר שלעכטו מעשים ער הט גטאן אונ זאל דרוף תשובה טאן · אונ דער אלטור זאל זיך אפ טאן פון יונגי לייט · ער זאל ניט זוצן מיט זיי אונ זאל ניט זוצן מיט עמי הארצים אוף אסעודה אוך זאל ער גווארונט זיין ניט ארוס צו לאזן קיין שום אום ריין ווארט פון זיין מויל · אונ זאל ניט ריידן קיין דברים בטלים · אונ זאל זיך מתקרב זיין צו תלמידי חכמים · אונ זאל צוא הערון זייערו רייד · אונ זאל זיך ניט קרוגן מיט לייט אונ זאל זיי שטראפון זאגט אים איינר עפיס איין שאנד זאל ער עס אים מוחל זיין · אונ אלו נאכט איידר ער ווערט אנשלאפון זאל ער זאגון איך בין מוחל איטליכן וואס הט מיך מצער גוועזן אוך זאל ער ניט אופט עסון · אונ זאל זיך ניט פר שיכורן · דען דם איז יונגי לייט אשאנד מכ"ש אלטו · אוך זאל ער תמיד בקוקן זיין העמד אונ דייא אנדרו קליידר זייא זאלן ריין זיין · אונ זאל ניט פול ריידן מיט ווייבר · אונ זאל גווארונט זיין דו שול ניט צוא פאר זומן · אונ זאל אין זיך האבון מעשים טובים · אונ ער זאל ניט ווארטון מיט זיין תשובה אונ תפלה אונ צדקה · אונ זאל אלע טאג צוואה טאן · אונ ווידוי זאגון :

קורץ פון דר זאך ער זאל תמיד גדענקן אז און אשעה ארוס וועט ער שטארבון · דרום זאל ער לובן אונ דאנקן גאט ית' דם ער הט אים מזכה גוועזן אזו אלט צו ווערן · אונ זאל אלי לייט בכבוד האלטן · אזו וועט ער אוך בכבוד גהאלטן ווערן · עס איז אמצוה און דר תורה מכבד צו זיין דוא אלטי לייט · אזו וויא דר פסוק זאגט (והדרת פני זקן) זאלסט בשיינן דם פנים פון איין אלטין מאן · (מפני שיבה תקום) פאר איין אלטן מאן זאלסטו אוף שטיין · אונ מיר גפונן אופט אין דר תורה דאס הקב"ה זעלברט האט מכבד גוועזן די אלטו לייט אונ צו עולם הבא וועט זייא הקב"ה ווידר מכבד זיין · אזו ווי דר פסוק זאגט (וחפרה הלבנה ובושה החמה כי מלך ה' צבאות בהר ציון ובירושלים נגד זקניו כבוד) זיי וועלן פר שטערט ווערן די וואס גלייבן און דר לבנה · אונ זיי וועלן פר שעמט ווערן דו וואס גלייבן און דר זון · דען גאט הט גיקוגט און בארג ציון אונ אין ירושלים · אונ קעגין דו אלטו לייט וועט ער זיין מיט כבוד · זיי וועלן אים מכבד זיין אונ ער וועט זייא מכבד זיין · אזו וויא עס שטייט (כי מכבדי אכבד) דוא וואס האלטן מיך ערליך וועל איך זיי אוך ערליך האלטן :

בנון זעהן מיר וואול אז אפילו הקב"ה וועט מכבד זיין די אלטו לייט · מכ"ש אמענטש דר וואס בדארף איין עצה זאל ער פון זייא איין עצה נעמן דען זייערו רייד זענן מיט שכל אונ זייער

עצה איז זייער גוט אונ ניט פון יונגי לייט · אפילו ווען דיא אלטו הייסן דיר ברעכן אונ דוא יונגי הייסן דיר באווין · זאלסטו פאלגן די אלטו · דען דוא עצה פון אלטי לייט הייסט גבואט אונ פון יונגי הייסט גברעכן · אזו ווי מיר גפונן ביי (רחבעם) דר זון פון שלמה המלך אז ער האט גנומן דו עצה פון דו יונגי אונ ניט פון דו אלטו · אזו איז ער גברעכן גווארן פון זיין מלוכה ·

דער דריטר חלק איז דר דרך ארץ פון דוא בעלי בתים · (בן עזאי) זאגט איטליכר בעל הבית זאל גדענקן אונ פר זיך נעמן תמיד דו פור זאכון · אזו ווערט ער ניט זינדיגן · איינס פון וואנן דו קומסט · דס אנדרו ווי אהין דו וועסט גיין · דאס דריטי ווער איז דיין דיין · דאס פערדי פאר וועמין וועסטו דארפן אפ געבן דין אונ חשבון · פון וואנן קומסטו ארוס פון אשטונקודגן טראפון · טא ווארום זאלסטו זיך בגאוה האלטן · אונ וויא אהין וועסטו גיין און דעם פונצטרן גרוב צו דוא ווערים · אונ ווער איז דיין דיין הקב"ה איז דר דיין אמת · פר אים וועסטו מוזן אפ געבן דין אונ חשבון אוף אלי דיינו מעשים אונ רייד · דו חכמים זאגן איבר פור ארליי זאכן ווערן ארום די בעלי בתים · דס ערשטו ווער עס בצאלט ניט די פועלים זייער פר דונסט · דס אנדרו ווער עס בצאלט ניט און דעם זעלבינגן טאג ווס זיי האבן פר דונט דס דריטי ווער עס וויל קיין (מס) ניט גובין נאך זיין געלט נאך · דס פערדו ווער עס האלט זיך בגאוה מיט זיין געלט · עס ווענן נאך פאר האנדרן פור זאכן ווס ברענגן ארומקייט אוף דו בעלו בתים · דס ערשטו ווער עס מאכט נאך פאלשו ברוב אונ שטרות · דס אנדרו ווער עס נעמט רווחים · דס דריטי ווער עס קאן שטראפן די לייט אונ שטראפט זיי ניט · דס פערדו · ווער עס איז מנדר צדקה אונ גוט ניט אפ · דרום דר ווס וויל זיין געלט זאל אקיום האבן זאל ער נזהר זיין אין דו פור זאכון · אוטליכר בעל הבית איז מחוייב מכבד צו זיין אוטלוכן וואס קומט אריין צו אים אין שטוב אריין אונ זאל אים שיין אנטפאנגן · אונ זאל אים ברוך הבא אפ געבן מיט פריילוכקייט · אונ זאל איטלוכן שלום אפ גובין אפילו איין עובד כוכבים אין מארק מכ"ש איין יהודי · אונ זאל אים ערלוך האלטן מיט רייד אונ מיט מעשים :

דער דרך ארץ איז אזו · ער זאל אוטלוכן מכבד זיין גליך ווי ער וואלט גוועזן רבן גמליאל · אבר אין זיין דעה זאל ער אים האלטן פר א גנב · אונ זאל פר אים גאר ניט פר טרואין · אוטלוכר בעל הבית איז מחוייב איטלוכן מכבד זיין · איז ער עלטר זאל ער גדענקון אז ער האט מער מצוות גטאן פון אים · איז ער יונגר זאל ער גדענקן ער הט ווינציגר עבירות גטאן פון אים · טאמר קען ער בעסר לערנן אודר ער האט אין זיך מער מעשים טובים פון אים · אונ אוך איז דער דרך ארץ יענם אפ צו ענטפערן שלום אודר אגוט מארגן אודר אגוט אבונט · אונ אוב ניט הייסט ער אגזלן · אזו ווי דר פסוק זאגט (גזילות העני בבתיכם) איר גזולת דעם ארומאן אין אייערו הייזר · דרשת די גמרא דס מיינט מען אז ווען איינר זאגט דעם אנדרן אגוט מארגן אודר גוט אבונט אונ ער ענפרט אים ניט אפ מיט גוטן מיד הייסט ער אגזלן · אז צוויי מענטשן גייאן זאל דער חשובר גיין אין דר רעכטר זייט · אונ ווען דריי גייאן זאל דער חשובר גיין אין מוטן · אונ דער אנדרר אין דער רעכטר זייט · אונ דר שפל אין דר לונקר זייט · איטלוכר מענטש זאל ניט קוקן אוף זיין כבוד · אונ זאל אנדרו לייט מכבד זיין · אונ זאל ניט מקפיד זיין אפילו ער הערט גאנץ הונטן · דען דער מענטש איז מכבד די שטאט ניט די שטאט דעם מענטשן · אוך אז איינר טוט אים עפוס דר ווידר זאל ער ניט מקפיד זיין · אונ זאל זיך ניט קרוגן מיט די לייטן · אונ זאל ערלוך האנדלן דס עס זאל זיך אוף אים קיינר ניט קלאגן אזו ווערט ער גרופן איין ערלוכר בעל הבית · אבר דר ווס הט ניט און זיך דיא זאכן · אונ וועמן ער איז שולדיג גוט ער ניט אפ · אונ אז יענר איז אים שולדיג לאזט ער אים ניט רואן · דר איז ניט קיין ערלוכר בעל הבית :

אויך זאל קיין בעל הבית ניט גלוסטן צו יענומס געלט · נאר ער זאל זיך לאזן באנוגן מיט וואס גאט הט אים גגובן · סיי פול אונ סיי ווייניג · דען הקב"ה פרובט דעם רייכן אוב ער וועט ביז טון מיט זיין געלט · אוב ער האלט זיך בגאוה דר מיט אונ אוב ער איז אוטמנצן מסיג גבול ·

אודר איין אום רעכט · אוב ער בצאלט דעם וואס ער איז שולדיג · אוב ער קרינקט זיך ניט איבר זיין געלט · אוב ער לאזט זיך באנוגן אונ איז זיך משמח מיט דעם זיינגן · וואס גאט האט אים בשערט · אוב ער האנדולט ערליך · אונ אוב ער גוט רעכט מעשר אונ צדקה פון זיין געלט · אוב ער טוט דם אלם · וואול אים אונ וואול זיינע קינדר · וואול צו אים אוף דר וועלט אונ אוף יענר וועלט · דער איז איין ערליכר בעל הבית · אונ איז זוכה לחיי עולם הבא · אונ דר וואס טוט ניט אזו איז ער איין אום ערליכר בעל הבית · אונ גאט אונ לייט האבן אים פיינט · ער פר דארבט זיין עושר · אונ האט ניט דיא וועלט אונ יעני וועלט :

אויך פרובט גאט דעם ארומאן אוב ער נעמט אן דעם דלות באהבה · אונ אלם וואס פירט זיך מיט אים אוף דר וועלט · אונ אוב ער קוקט ניט אוף פול געלט · נאר צו דעם וואס ער קען קומן · די זעלבגי לייט האט גאט זייער ליב · אונ זייער תפלה ווערט דר הערט · אונ דר וואס פרייאט זיך מיט זיינע יסורים איז ער ארעכטער צדיק · דען דו צדיקים וויסן אז דם איז אכפרה אוף זייערע מעשים · אונ עס איז ביי זיי גרעכנט גליך ווי אמציאה · עס איז אמשל צו איין מענטשן וואס האט דעם מלך דר ווידר גטאן · איז זיין משפט ארוס גגאנגן ער זאל אום קומן פון זיין געלט אונ גוטם · אזו זוכט ער דאך בוודאי כל המצאות ער זאל קענן אפ קומן מיט אגרינגר זאך · נוא אז מוזאל אים נאר איין האנט אפ האקין אודר ער זאל מיט געלט אפ קומן · וואלט ער דאך בוודאי זייער פריילך גוועזן · אזו איז דם אויך דר מענטש פר זונדיגט זיין לייב אונ גוטם דורך זיינע עבירות · אונ אז ער קומט אפ מיט יסורים דארף ער דאך בוודאי זייער פריילך זיין · דאס גאט האט אים צוא גשוקט אזו איין חסד · דם ער נעמט ביי אים די יסורים פון זיין גוף אונ געלט פר זיין נשמה וואס זו האט גימוזט ליידן גיהנם · אונ ווער עס איז בזעט אין די יסורים · אונ נעמט נוט אן פר ליב דם חסד פון הקב"ה · אזו ווערן אים די יסורים צו איטל עבירות · גליך אזו ווי יענר וואס מיהאט אים גפסקנט ער זאל אום קומן פון זיין געלט אונ גוטים · אונ דר מלך האט אים איין חסד גטאן ער זאל גשטראפט ווערן מיט וואס גרינג איז · אז ער זאל טרייבן עזותקייט קעגן דעם מלך אונ זאל זאגן איך בגער ניט דיין חסד · וויא וואלט עס מיט אים גגאנגן · אזו איז דא אויך · דרום זאל זיך איטלוכר משמח זיין מיט יסורים סיי מיט קראנקייט אודר מיט תפיסות · אודר מיט ארומקייט · אודר דם דו קינדר שטארבן אים ר"ל · אודר אנדרו יסורים זאל ער אלם ניט מתרעם זיין קעגן גאט · אונ זאל זיין גוט אונ פרום · דען דורך דעם וועט ער האבן יעני וועלט · אבר אז עס גייט אים תמיד גוט זאל ער זיך דרום שטארק מצער זיין טאמר איז ער ארשע · אונ גאט גוט אים אפ זיין שכר אוף דר וועלט · די חכמים האבן אים איין עצה געבן · דם ער זאל גובן צדקה אונ מעשר אונ זאל לאזן תורה לערנן פאר זיין געלט · אונ זאל גובין לוכט אוף צו לערנן · אונ זאל זוך גוויינן אין דעם דרך ארץ וואס געהער צו איין בעל הבית · אזו וועט ער זוכה זיין צו דר וועלט אונ צו יענר וועלט אויך :

אויך איז דר דרך ארץ פון איין ערליכן בעל הבית דם ער זאל ניט ווארפן קיין אוברוגי פארכט אין זיין הויז · זונסט גובין אים בוודאי זיין הויז גזונד עסין טריפות · דען זיי פארכטן זיך פר אים · דרום האבן זיך אמייל חכמים בארומט דאם זייא זענין קיין מאל ניט צארנדיג גוועזן אין זייער הויז · דרום זאל קיין בעל הבית ניט פלוצלונג אריין גיין אין זיין שטוב אריין · דען טאמר וועט ער זעהן פון זיין הויז גזונד איין אום רעכט דא וועט ער ברוגז ווערן · דו חכמים האבן גזאגט (רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותו) דר רגזן באקומט ניט מער נאר זיין צארון · כלומר ער גווינט ניט מיין דרונן · נאר ער פאלורט זיין שכל אונ נשמה · דען דער רוגז קומט פון גאוה · אונ דוא ביידו מדות האט פיינט הקב"ה · דר דרך ארץ איז פון דוא בעלי בתים אז ווען זיי זעהן אין זייערו הייזור עפום אום רעכט זאלן זיי עס זאגן מיט גוטן · קערן זיך ניט דר צו זיין הויז גזונד זאלן זיי זיך מאכן גליך ווי זיי זעהן און רוגז · אזו ווי עס וועט שטיין און חלק רגזן · אוך זאכן זייא לאזן ארומי לייט ארבוטן אין זייערו הייזר · כדי זייא זאלן נעבוך האבון פון וואנון צו לעבון · אוך זאלן זייא זיך ערליך דאלטן אין זייערו הייזר · אונ זאלן ניט שרייאן איבר זייער הויז גזונד מכ"ש איבר אנדרן ·

דען דר סדר איז פון איין עם הארץ · ער שרייאט אזו הויך ביז דו שכנים דר הערן · אזו פרעגן די ווער שרייאט עם ווי איין אייזיל · אונ זאלן זיך גוויינן צו ריידן באמעלויך אונ שטולרהייד מיט זייער הוז גזונד אונ מכ״ש מיט אפרעמדין · אזו ווערן זייערו רייד גהערט · אונ אוטלוכר איז מחויב צי שטראפון מיט גוטון קערן זייא זיך ניט דר צו זאל ער זיי שטראפן מיט דר רוט ווייל זיי זענגן נאך קליין · אזו ווי עם ווערט באשייט ווערן אין פרק (גידול בנים) · אונ ער זאל זיי ניט שלאגן אין זיין רוגז · נאר ער זאל ווארטון ביז דר רוגז גייט אים איבר · אונ וויא ער זאל שטראפן זיינו קונדר ווערט אלס באשייט ווערן אין פרק (גידול בנים):

מעשה אז רבי אלעזר בן עזריה) הט גזעלט שטארבן זענן צו אים אריין גגאנגן זיינו תלמידים אונ זאגן צו אים אונזר לובר רבי לערונט אונז דעם רעכטן וועג וויא אזו מיר זאלן באקומן דס אייביגי לעבן · זאגט ער צו זיי איך וועל אייך לערנן דעם דרך ארץ · דר מיט ווערט איר זוכה זיין צו עולם הבא · איר זאלט אייער דעם אנדרן בכבוד האלטן · אונ וואס אייך לוב איז זאלט איר טאן אייערו חברים · אונ וואס אייך פיינט איז זאלט איר זייא ניט טואן · אונ אז איר טוט תפלה זאלט איר וויסן פר וועמון איר שטייט · עס זאל זיך אייך דוכטן איר שטייט פר אמלך בשר ודם · אזו ווערט איר זוכה זיין צו חיי עולם הבא · אוך זאל זיך איין בעל הבית מקרב זיין צו זיינו שכנים אונ צו פרומי לייט · אונ זאל זיך ניט פרייאון אין יענומס עונש · אוך זאל ער ניט טרואורון ווען אנדרו לייט פרייאון זיך · אונ זאל זארגון מיט אנדרו לייט אונ זאל ניט לאכן ווען אנדרו לייט וויינן · אונ זאל טון אלס וואס אנדרו לייט טואן אזו ווערט ער זוכה זיין צו חיי עולם הבא · אזו ווי דער פסוק זאגט (שמע בני וקח אמרי וירבו לך שנות חיים) פאר נעם מיין זון מיינו רייד דא ווערט זיך מערון דיין לעבון אוף דר וועלט · אונ ווערסט זוכה זיין צו עולם הבא אוך דו זאלסט ניט קוקן אוף דעם געלט פון אנדרו לייט · אונ זאלסט ניט צו הערון קיין דברים בטלים אונ קיין לשון הרע · דיינו פוס זאלסטו פר מיידון פון איין עבירה · אונ זאלסט ניט פר מיידון צדקה צו געבין · דיינו אויגן וואס האבן ניט גקוקט אוף קיין פרעמד געלט ווערלון זוכה זיין צו זעהן דו שכינה אונ די גאולה · דיינו אויערון וואס האבן ניט צו גהערט קיין דברים בטלים אונ לשון הרע · ווערלן זיי זוכה זיין צוא הערון פול שלום אונ ווערלון זוכה זיין לחיי עולם הבא · דיין מויל וואס האט ניט גרעט קיין לשון הרע אונ דברים בטלים ווערט זוכה זיין צו דר ציילן דיא לוב פון הקב״ה · אונ ווערט אוף שטיין תחיית המתים · דאס מויל וואס האט גלערונט תורה ווערט זוכה זיין צו אלי טובות אוני ברכות וואס שטייט אין דר תורה:

רבי אליעזר הקפר) זאגט אזו · דו זאלסט קיין תרעומת אונ קיין שנאה ניט טראגן אוף קיין פרומן מענטשן · דען דס איז אזו איין עבירה וואס ברענגט צו נאך עבירות צו לשון הרע אונ רכילות אונ קללות זאלסט לוב האבן דיין שטראפר · אונ זאלסט פיינט האבן דעם וואס לובט דיך · דען דיין שטראפר ברענגט דיך צו מער תורה אונ חכמה אונ פרומקייט · אבר דיין לובר ברענגט דיך צו פול זונד · אונ זאלסט לוב האבן דו שולן אונ בתי מדרשים כדי דו זאלסט זוכה זיין דיינו קונדר זאלון זיין צדיקים אונ לומדים · אונ זאלסט לוב האבן דו ארומי אונ פרומי לייט אונ צדיקים · אונ האב פיינט די רשעים · דען אז דו ווערסט לוב האבן דיא שולן ווערלן דיינו קונדר זיין צדיקים · אונ אז דו ווערסט לוב האבן דאס בית המדרש ווערלן דיינו קונדר זיין לומדים · ווערסטו לוב האבן דיא ארומי לייט ווערלן דיינו קונדר ניט זיין קיין ארומי לייט · ווערסטו לוב האבן דו פרומי לייט ווערסטו אום לעבן דיינו יארון · ווערסטו לוב האבן דיא צדיקים דארפסטו דיך ניט פארכטן פארן מלאך המות · ווערסטו פיינט האבן דו רשעים · ווערט דיך הקב״ה ניט פיינט האבן:

זאלסט גווארונט זיין אלי טאג צו זאגן קריאת שמע אונ שמונה עשרה בכוונה · כדי דוא זאלסט באשערומט ווערן פונם גיהנם · אונ זאלסט נאך זאגן (אמן יהא שמיה רבא) בכוונה אוף איטלוכר ברכה · דר מיט בוסטו מבטל אביזו גזירה ר״ל · זאלסט זייער גווארונט זיין אופן האלטן דיין טור בשעת עסין דאס דו ארומי לייט זאלן קענן אריין גיין · אזו ווערט דיין פרנסה ניט ווערון

צימוירט אונ עס וועט דיר גאר ניט פעלן · אונ דייני קינדר וועלן אויך ניט ארום וועדן · זאלסט גיווארונט זיין ערליך צו האלטון דייני עלטרן כדי דוא זאלסט האבן מזל אונ ברכה · זאלסט זיך מטריח זיין פון דעם קהל וועגן · אונ זאלסט ניט זאגן איך בין דאך ניט ראש קהל וואס גייט עס מיך אן · אונ זאלסט גומל חסד זיין מיט אויטליכן · אונ זאלסט זיך ניט פר מיידון דר פון · אויף דעם זאגט דר פסוק (ברוך אתה בבואך ברוך אתה בצאתך) גבענטשט וועסטו זיין אין דיין ארייון גיין אונ גבענטשט וועסטו זיין אין דיין ארויס גיין · דם דרשות דו גמרא אזו ווי דו בוסט גקומן אויף דר וועלט אן עבירות · אזו וועסטו אויס גיין פון דר וועלט אן עבירות דר וואס איז איין עזות פנים אונ שייאט זיך ניט פר דעם וואס איז עלטיר אודר ער לערונט בעסר פון אים דר מענטש ווערט מצורע אודר יסורים קומן אויף אים איבר זייני בייזו מעשים :

דער וואס לאזט אוועק אמצוה · אונ גייט נאך נאך איין עבירה · איז זיין עונש דם זיין ווייב שטארבט דורך אמגפה ר״ל אונ אוב דו וועסט גיין פון אתלמוד חכם וועגון אונ וועסט אים פארזכטן זייני זאכן · וועסטו האבן פרומי קינדר · אונ אז דו וועסט גיין פון איין ארומאן וועגון אונ וועסט אים פארזכטן זייני זאכן וועסטו האבן קינדר לומדי תורה אונ בעלי מצות · זאלסטו מלוה זיין אמת · אונ זאלסט שלום מאכון צווישן מאן אונ ווייב אודר צווישן אנדרו לייט · אז איינר הט דיר אטובה גטאן זאלסטו אים אפ טאן אטובה · אונ זאלסט ניט מיינין ער האט מיר דו טובה גטאן פון זיין טובה וועגון דען וויל עס איז דיר אויך אטובה דארפסטו אים אפ טאן אטובה · אז איינר האט דיר אקליינו טובה גטאן · זאל עס ביי דיר זיין ווי גרוס · אונ אז ער הט דיר אגרוסי רעה גטאן זאל עס ביי דיר ווי ניש זיין · זאלסט דיך לאזין פר שעמון אונ זאלסט קיינום ניט פר שעמון · זאלסט זיין איין עניו · אונ עס זאל דיך קיין שום ווארט ניט פר דרוסן · אונ זאלסט ניט מקבל זיין קיין לשון הרע · אונ זאלסט זאגין איך גלייב עס ניט :

אונ אז עס קומט דיר אן אהרהור פון איין עבירה זאלסטו אים באלד אוועק לאזין אונ זאלסט גדענקון אמצוה צו טאן · אונ זאלסט קיין ליצנות ניט טרייבון · דייני רייד וואס דו רעדסט מיט די לייטון זאלון זיין באמעלויך אונ זאלסט קיינום ניט מבייש זיין · זאלסט זיך באהעפטון צו איין גוטו חברותה אבר ניט צו קיין שלעכטו · אונ זאלסט לופן נאך אקליינו מצוה גלייך ווי נאך אגרוסע אונ זאלסט זיך פאר מיידין פון אקליינע עבירה גלייך ווי פון אגרוסע · אז דו האסט פיל תורה גלערונט אונ פיל מצות גטאן זאל זיך דיר דוכטן עס איז נאך קארג · דען דוא בוסט דרויף באשאפין גווארון · אז דו האסט ווינציג עבירות גטאן זאל זיך דיר דוכטון עס איז פול · אונ זאלסט דרויף בציימון תשובה טאן · אבר ער זאל ניט זאגן איך האב פול עבירות גטאן · דען עס טאר קיינור אויף זיך ניט דר וועקון דעם מדת הדין · דר סוף פון דר זאך אלי דייני מעשים זאלן זיין לשם שמים · אונ זאלסט גדענקן דו וועסט מוזן אפ גובין דין אונ חשבון אויף אלי דייני רייד דרום זאלסטו זיין גאטס פארכטיג אין אלו דייני זאכון :

דא וועל איך שרייבון איין הג״ה וואס דו גמרא דרשות אויף דעם פסוק (על כל נעלם אם טוב ואם רע) · דר פירוש פון דעם פסוק איז אזו · גאט יתברך ברענגט איטליכן צום משפט אויף אלי זייני מעשים סיי אויף גוטס סיי אויף בייז · פרעגט דו גמרא אויף וואס פר אמשפט ברענגט אים אויף גוטס זאגט איינר אתירוץ · איטליכר ווייסט וואול ווארום דו חתן כלה גייאון אונטר דר חופה נאר וועך עס רעט ניבול פה · חאטשו ער טוט אגרוסו מצוה דאס ער העלפט דוא כלה פורן אונטר דר חופה · מוז ער דאך עונש ליידון פון זיינו בייזו ווערטור וועגון דר אנדרר זאגט אתירוץ ווען איינר שפייט אוס פאר זיין חברם אויגן · אודר ער טוט אנדרו מיאוסי זאכון פאר זיינו אויגן מוז ער דרויף עונש ליידן · אונ ווערט גבראכט דרויף צום משפט (עד כאן הגה״ה פרק דרך ארץ פון בעלי בתים) :

דער דרך ארץ פון בחורים אונ יונגון איז אזו אבחור זאל זיך בתרבות האלטון מיט זיין לערנון אונ מיט אלו זייני מעשים · ער זאל ניט זיין קיין עזות פנים אפילו אין לערנון סב״ש אי וועלטלוכי זאכון · אונ זאל זיך ניט גיין שפאצירן · נאר ער זאל זוצן יום ולילה אונ זאל לערנון · דר

מיט קען ער קומן צו אגדולה · אבר א תלמוד טאר ניט לערנן פון גדולה אודר פון הנאה ווענן אבר אבהור הט נאך קיין פול פר שטאנד ניט האבן אים די חכמים מתיר גווען צו לערנן פון ויין הנאה וועגן · דם מוזאל אים גוביין פול נדון אודר ער זאל קומן צו אגדולה · אונ אז ער וועט אלט ווערן וועט ער אליין דר לערנן דעם סוד אונ זאל תפלה טאן מיט כוונה · אונ זאל ניט מהרהר זיין אוף איין אשה · לובר זאל ער מהרהר זיין אין דברי תורה אונ מצות · אונ זאל ניט גיין אין הטוב בי קליידר · אונ זאל ניט טראגן קיין גאלד אונ זולבר · דען דם איז אים מבטל פונם לערנן :

דער דרך ארץ איז פון יונגי אונ אלטו מיידן אונ ווייבור ניט צו טאן קיין מיאוסו זאך פר יענום אין די אוגן · אזו ווי אובון איז גשטאנען אין דר הגה״ה · אוך ווען ער זעהט ליגן שפייאכץ אפילו ניט זיינו זאל ער עס פר טרעטן מיט דר פוס · מכ״ש דאס קיינר זאל ניט שפייאן וויא לייט גייאן · אזו וויא דר פסוק זאגט (ויתד תהיה לך על אזניך ויצאת חוץ וחפרת וכסית את צאתך) איין פלאקן זאל צו דיר זיין אוף דיין שווערד אזו אז דוא וועסט ארום גיין וועסטו אן גראבן ערד · אונ וועסט צו דעקן דיין צואה · נוא זעהן מיר דם הקב״ה וויל האבן מוזאל ניט לאזן ליגן קיין מיאוסקייט · בפרט ביי דעם טוש טאר מען בוודאי קיין מיאוסקייט ניט טאן · אונ מען מוז דרוף גמשפט ווערן אונ גיהנם ליידן · דם איז דר דרך ארץ פון בחורים · ווי אזו מוזאל דר צוהן אין דרך ארץ די קונדר ווס האבן נאך קיין פר שטאנד ניט וועט שטיין אין פרק (גידול בנים) אונ דר דרך ארץ פון די קונדר ווס האבן שון יוא פר שטאנד איז אזו · זיי זאלן בתרבות זיין · אונ זאלן אז שייא האבון פר זייערו עלטרון אונ פר אנדרי אלטו לייט · אונ זאלן צו הערן שטראף · אונ זאלן זייערו אוגן אראפ האלטון בשעת מען שטראפט זייא · אונ זאלן זיך קערן צו דר שטראף · דאס מוזאל זיי ניט דארפון נאך אמאל שטראפון · אונ זאלן זיך שעמון נאך אמאל אזעלכו זאכון צוא טואן · אונ זאלן ניט ריידן פר אלטו לייט · אונ זאלן צו הערן די רייד פון זייערו עלטרון · אונ זאלון פון זיי עפוס חכמה מקבל זיין · מכ״ש זיי זאלן ניט אריין פאלון אין זייערו רייד :

דאס איז בעסטור דרך ארץ פון די יונגן מוזאל זיי גוויינון אבונט אונ מארגון אין שול אריין גיין אונ זייערו תפלות טאן בכוונה נאך זייער שכל נאך אונ זאלן ניט ריידן קיין דברים בטלים אין שול · אונ זאלון נאך זאגון אמן אוף איש׳לי׳כר ברכה · אונ זאלון אנאנצון טאג זיין אין חדר · אונ זיי זאלון ניט ארום לופון · דען דם ברענגט עזותקייט · אונ דר וויל פר געסון זיי ווס זיי האבן גלערנט · זיי זאלון איבר חזרן זייער לערנון בשעת זיי זענון ליידוג אונ דוא יונגון זאלון זיך ניט שעלטון · מכל שכן דם זיי זאלן זיך ניט שלאגון אונ זאלון ניט שרייאון · אונ איינר זאל לערנון דעם אנדרון דעם וועג פון דרך ארץ דאס זיי זאלון זיך שייאן פר אלטו לייט מכ״ש פאר תלמידי חכמים · אזו ווי דר פסוק אונ דר נב״א זאגט (ראוני נערים ונחבאו) דוא יונגן האבן מיך דר זעהן האבן זיי זיך בהאלטון · פון דאנן איז גדרונגון דם די יונגי זאלן דרך ארץ האבון פר די עלטרו אונ זאלון ניט טאן פר זיי זייערו יונגלשו זאכון · דם איז דר דרך ארץ פון יונגי לייט · מכ״ש פון אלטי · מכ״ש פון ווייבור · אונ קיינור זאל ניט עסון אוף דר גאס מכ״ש אוף מארק · אזו ווי די גמרא זאגט ווער עס עסט אוף דר גאס מכ״ש אוף מארק איז ער גליך צו אהונט · אונ איז פסול לעדות · וויל ער הט קיין בושה אונ דרך ארץ ניט פר לייטן · אזו ווי דר הונט · אזו שייט ער זיך ניט פאלש עדות זאגון :

דער פערדור חלק איז דר דרך ארץ פון מיידן אונ ווייבור · אוטלובו אשה זאל זיין אצנועה אונ פרום · אונ זאל זיך ניט קרוגן מיט איר מאן אונ קונדר · אודר מיט די דונסט מיידן זיא זאל בווילוגט זיין מיט איר הויז גזונד · אז וויא איך וועל דא בשיידון דר (ספר המוסר) ברענגט דרוף פול פסוקים אבר איך וועל נאר ברענגן ווס נוצונג איז · אוטלוכה אשה זאל זיין איין צנועה אין איר הוז · דאס מיינט מען זיא זאל תמיד זוצן אין דר היים · אונ ניט גיין אוף דר גאס · מכל שכן זיא זאל זיך ניט גייאן שפאצורן בפרט צווישן מאנצבלון · דען אזו איז זיא מהרהר אוף איין עבירה · אודר זוא ברענגט אנאנדרון אוף איר מהרהר צוא זיין · אונ א הרהור עבירה איז

אַרְבִּיר פוּן דֶר עֲבֵירָה זֶעלְבְּסְט · דֶען וָוען אַיינֶר טוּט אַיין עֲבֵירָה בְּשׁוֹגֵג אָן הִירְהוּר זוּנְדִיגְט נָאר זַיין גוּף · אַזוֹ אִיז זַיין כַּפָּרָה דָם עֶר בְּרֶענְגְט אַיין קָרְבָּן חַטָּאת אוּנ דָם פְלַייש וָוערְט גֶגֶעסֶן אוּנ דָם בְּלוּט אוּנ חֵלֶב וָוערְט גְשְׁפְּרַייְנְגְט אוֹיפוּן מִזְבֵּחַ · דֶר מִיט הָט עֶר אַכַּפָּרָה אָבֶּר דֶר וָואס טוּט אַיין עֲבֵירָה מִיט הִרְהוּר · אוֹדֶר אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאר מְהַרְהֵר אַלֵיין · אוּנ דִי עֲבֵירָה זֶעלְבְּסְט טוּט עֶר גִיט · אַזוֹ אִיז עֶר מְטַמֵא זַיין שֵׂכֶל אוּנ נְשָׁמָה · וַוייל דֶר הִירְהוּר אִיז אוֹיךְ פוּן דֶר נְשָׁמָה · דְרוּם אִיז זַיין עוֹנֶשׁ פִיל אַרְבִּיר · אוּנ דְרוּם מוּז עֶר בְּרֶענְגֶען אַקָרְבָּן עוֹלָה · דָאס אִיז גָאר גֶקוּמֶן אוֹיפֶן מִזְבֵּחַ דִי גֶדֶערוּם אוּנ פַאנְצוּן הָט מֶען אוּם גֶוַואשֶׁן גַאנְץ רַיין אוּנ מִיהָאט עֶס פַר בְּרֶענְט מִיט דֶעם פְלַייש אוּנ קָאפּ אוּנ פוּם · אוּנ עֶס קֵיינֶער דֶער פוּן נִיט גֶטָארְט עֶסֶן · נוּא זֶעהְן מִיר וואזל אַז דֶר הִרְהוּר עֲבֵירָה אִיז אַרְבִּיר פוּן דֶר עֲבֵירָה זֶעלְבְּסְט · אִיךְ וֶועל נָאךְ שְׁרַייבֶּן דְרוּף פִיל טְעָמִים אִין חֵלֶק פוּן קִיוּם הַמִצְוֹת · דְרוּם הָאבֶּן דִיא חֲכָמִים פַאר בָּאטֶן דִיא וַוייבּוּר זָאלֶן זִיצֶן אִין דֶר הַיים · אוּנ בְּרֶענְגֶען דְרוּף פִיל פְּסוּקִים · נָאר אִיךְ וֶועל עֶס קוּרְץ בְּשְׁרַייבֶּן :

דֶער דֶרֶךְ פוּן דִיא וַוייבּוּר אִיז זַיי זָאלֶן זִיצֶן אוּנְוַויינִיג פוּן יֶענֶער זַייט מְזוּזָה · נִיט פוּן דְרוּסֶן דָם זוּא זָאל קֵיינֶם נִיט זֶעהֶן · אוּנ קֵיינֶר זָאל זִיא נִיט זֶעהֶן · אוּנ אוֹב זַייא זֶעצֶן זִיךְ יוֹא פוּן דְרוֹיסֶן אִיז עֶס קֵיין צְנִיעוּת נִיט · אוּנ דִי וַוייבּוּר וָוס זֶעצֶן זִיךְ פַר דֶר טוּר אוּנ זַייגֶן זַייעֶרוּ קִינְדֶר אוּנ וַוייזֶן זַייעֶרוּ בְּרוּסְטֶן פַאר לַייטֶן · דָאס אִיז אַגְרוֹס פְּרִיצוּת זוּא מַאכְט דִיא לַייט זוּנְדִיגֶן · אוּנ וֶועט מוּזֶן דְרוּף עוֹנֶשׁ לַיידֶן · אוֹךְ זֶענֶן פַאר הַאנְדֶן אַטַייל וַוייבּוּר וָואס זֶעצֶן זִיךְ אוֹיף דֶר גַאם אַרְבִּיטֶן אוּנ גֵייאֶן אוּנ שְׁפִּינֶן · דָם אִיז אוֹיךְ אַגְרוֹס פְּרִיצוּת · דָם זוּא וַוייזְט אִיר בְּלוֹיז הַאנְט · אוֹדֶר אַנְדֶרוּ עֶרְטֶער וָוס זוּא דַארְפֶן נִיט וַוייזֶן · אוּנ אוֹיךְ אוֹפְט זִינְגְט זִיא אוּנ לָאזְט מַאנְזְבִּלוּי הֶערֶן אִיר קוֹל · אוּנ זוּא מוּז דְרוּף עוֹנֶשׁ לַיידֶן · דְרוּם זָאל אַיין אִשָּׁה זַייעֶר נִזְהָר זַיין דְרוּנֶען הָאמְשׁוּ דִי רַבָּנִים פוּן אִינְזֶערֶע דוֹרוֹת שְׁרַייבֶּן אַז אַצוּנְד קֶענֶען דִיא וַוייבּוּר נִיט נִזְהָר זַיין דְרוּנִין · וַוייל זַיי זֶענֶען אוֹיךְ בַּעֲלֵי פַּרְנָסוֹת · אוּנ הַאנְדְלֶען מִיט מַאנְזְבִּלֶען · אָבֶּר דָם וָוס אִיז אַיין פְּרִיצוּת קֶען קֵיינֶר נִיט מַתִּיר זַיין · אַז וִוי אַטַייל וַוייבּוּר טוּאֶן דָם זַיי וַוייזֶן זַייעֶרוּ בְּרוּסְטֶן אוּנ זַייעֶרוּ הָאר אוּנ שְׁרַייאֶן אַזוֹ בַּיי דוּא שְׁכֵנִים הֶערֶן זַייעֶר קוֹל · אוּנ אוֹיךְ אוֹיף דֶר גַאס הֶערְט מֶען זַייא שְׁרַייאֶן אוֹדֶר וָוען זַיי גֵייאֶן אִין שׁוּל אַרַיין · אוֹדֶר וָוען זַיי זִיצֶן אוֹיף דֶר גַאם לָאזֶן זַיי הֶערֶן זַייעֶר קוֹל · דָם אִיז אַיטֶל פְּרִיצוּת · דְרוּף הָאבֶּן דִי רַבָּנִים קַיין הֵיתֵּר נִיט גֶפוּנֶען :

מִיר גֶפִינֶען אִין דֶר תּוֹרָה דָם דֶר כֹּהֵן הָט גְשְׁטֶעלְט דִי (סוֹטָה) אִין דֶעם הַיילוּגֶן אוּנ גְרוֹסֶן טוֹיאָר פוּן דֶר (עֲזָרָה) פוּנֶם בֵּית הַמִקְדָשׁ · דֶר זֶעלְבּוּגֶר טוֹיאָר הָאט גְהַייסֶן (שַׁעַר נִיקָנוֹר) · אוּנ כִּמְעַט כָּל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען דָארְטֶן גְשְׁטַאנֶען בְּשַׁעַת עֶר הָט זוּא אָן גֶטְרֶענְקֶען · אוּנ דֶר כֹּהֵן הָט אִיר אַרוּם גֶבּוּנְדֶן אַיין שְׁטְרוּק אַרוּם אִיר הַאלְז · אוּנ הָאט אִיר אָפּ גְרוּסֶן אִיר שְׁלַייאֶר · אוּנ זִיא אִיז אַזוֹ גְשְׁטַאנֶען מִיט דִיא הָאר פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל · אוֹיךְ הָט עֶר אוֹיף גֶרוּסֶן אוּרִי קְלֵיידֶר פוּן פָארְנְט · דָם זוּא זָאל אַזוֹ שְׁטֵייאֶן מִיט אוּרִי בְּרוּסְטֶן פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל · דֶען הקב״ה הָאט גְהַייסֶן מִיזָאל אִיר אַזוֹ טָאן (מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה) · וַוייל זוּא הָט אוֹיךְ פוּל פְּרִיצוּת גֶטָאן · דָם זוּא פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶעלֶען פַר דֶר טוּר אוּמְלוּבֶּר זָאל זוּא זֶעהֶן · אַזוֹ הָט מֶען זוּא הַיינְט אוֹיךְ גְשְׁטֶעלְט · אִין טוֹיעֶר פוּן דֶר עֲזָרָה אַז כָּל יִשְׂרָאֵל זָאלֶן זוּא זֶעהֶן · אוּנ וַוייל זוּא פְלֶעגְט וַוייזֶן אִיר הָאר פַאר מַאנְזְבִּלֶען · דְרוּם הָט אִיר הַיינְט אוֹיךְ דֶר כֹּהֵן אָפּ גְרוּסֶן אִיר שְׁלַייאֶר · דָם אוּמְלוּבֶּר זָאל זֶעהֶן אוּרוּ הָאר · אוּנ וַוייל זוּא הָאט גֶוַוויזֶן אִיר הַאלְז פַאר דִיא מַאנְזְבִּלֶען · דְרוּם טוּט מֶען אַשְׁטְרוּק אַרוּם אִיר הַאלְז · אוּנ וַוייל זוּא הָאט גֶוַוויזֶן אוּרִי בְּרוּסְטֶן פַאר מַאנְזְבִּלֶען · דְרוּם הָט אִיר דֶר כֹּהֵן אוֹיךְ אַנְפְּלֶעגְט אוּרִי בְּרוּסְטֶן · אוּנ וַוייל זוּא הָאט גֶטְרוּנְקֶען וַויין מִיט אִיר נוֹאֵף אוּם זוּלְבְּרֵנוּ כֵּלִים · דְרוּם טְרוּנְקְט זִיא הַיינְט בִּוֹטֶר וַואסוּר אִין אַיין עֶרְדֶען קְרוּגֶל · דִיא גְמָרָא רֶעכֶנְט נָאךְ פִיל זַאכֶן וָוס מִיהָאט אִיר גֶטָאן (מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה) · הָאטְשׁוּ אַמָאל אִיז דָאךְ דִי סוֹטָה גְרֶעכְט גְבְּלוּבִּין · פוּן דֶעסְט וֶועגֶן הָאט פָארְט דִיא תּוֹרָה גְהַייסֶן מִיט אִיר זִיךְ אַזוֹ נוֹהֵג צוּ זַיין וַוייל זוּא אִיז אַיין פְּרוּצָה גֶוֶועזֶן :

גוּן זֶעהְט אִיר לִיבִּי וַוייבּוּר דָאם גָאט יִתְבָּרַךְ נִיפְּעלְט נִיט זַייעֶר דָם פְּרִיצוּת · אִיךְ וִויל נִיט מַאֲרִיךְ

זיין דרונגן · גאר מיר האפין צו הקב"ה דס ער וועט אונז באלד שוקין משיח אונ ער וועט אונז ווידר פורין אין אונזר לאנד אריין · אונ מיר וועלן ווידר האבין דיא מתנה פון דר (סוטה) אן טרונקן אונ פול אנדרז ווייבור וועלן דס זעהן אונ וועלן אוועק ווארפן זייער פריצות. אז וויא דר פסוק זאגט (והוסרו כל הנשים) זיי וועלן זיך שטראפן אלז די ווייבור · אונ וועלן זיך פארבטן פריצות צו טאן · אוך זאלן דיא ווייבור האלטין זייערז טעכטור דיא מיידון אין דר היים בייא טאג אונ ביי נאכט אונ זייא זאלן זיך בצניעות האלטון אז וויא זייער מוטר · דען דס ברענגט זייא צו איין גוואונטקייט · דס דר נאך אז זיי וועלן האבין איין מאן וועלן זייא אוך אזו טון · אונ דר זעלבגר דרך ארץ ווס גיהער צו די ווייבור גיהער אוך צוא די מיידון · ניט מער דר מנהג איז פון פר צייטן דס די מיידון גייען מיט זייערז האר · אזו קען מען עס ניט ברעכון אבר באמת די תורה הט קיין חילוק ניט גמאכט צווישן ווייבור אונ מיידון · אבר דיא בתולה ווס איז נאכט פארבטוג אונ איז דרונגן אוך נזהר וועט אוף איר קומן פיל ברכות · אזו זאלן זיך די ווייבור בדרך ארץ האלטון מיט זייער עסון דס זייא זאלן ניט עסן קיין גרוסו ביסן אונ זאל ניט עסון אוף דר גאס · מכ"ש אויף מארק · ניט וויא אמייל ווייבור טוען דס זייא עסן גייאנדיג אוף דר גאס · דאס איז איין מאנזבול פאר באטון דאס אז ער טוט אזו איז ער גיגלייכון צוא איין הונט · מכ"ש איין אשה · אונ אז זיא מעוברת אודר איין זייגרין זאל זיא ניט עסן אזעלכו שפייז ווס שאטון צום קונד · אודר צוא דר מילך אוך זאל זיא ניט טרונקן אזעלכי גטראנק ווס שאטן צום קונד · אונ זאל זיך ניט אן שיכרון אפילו איר מאן איז ניט ביי איר · חאטשו אזו הייסט עס דאך ניט קיין פריצות אבר עס איז ניט קיין דרך ארץ · עס איז פאר אמאנזבול ניט שיין מכ"ש פר איין אשה :

אוך איז דר דרך ארץ פון איין אשה זוא זאל זיך מתקרב זיין מיט אירו שכנים · אונ זאל זיי לייאן אזעלכי כלים ווס ווערון ניט אפ גינוצט · אבר אזעלכו ווס ווערון יוא אפ גינוצט טאר זיא ניט לייאן אן איר מאנס רשות · אונ זאל זיך ניט קריגין מיט זיי · אונ אוב זיי זאגון איר עפוס איין שאנד זאל זיא ניט אפ ענטפרון · אונ זאל באלד מוחל זיין · דען גאט הט קיין שום זאך ניט אזו ליב ווי שלום · דען ווי שלום איז אייטול מזל אונ ברכה אונ הצלחה · אוך איז גווים דס הקב"ה הט קיינום ניט אזו פיינט ווי אלוגנר · ער קען ניט קומן אין דר מחיצה פון הקב"ה · אז וויא דר פסוק זאגט (לא יכון דובר שקרים לנגד עיני) עס וועט ניט אן גרוכט זיין קיין לוגנר פר מיינו אוגן מכ"ש דאס איין אשה טאר קיין לוגין ניט זאגון · אבר אז מען וויל שלום מאכון צווישן מאן אונ ווייב אין צווישן אנדרי מעג מען יוא איין לוגן זאגון · אזו פול האט גאט ליב דעם שלום · דרום זאלן דיא ווייבור שלום האבון צווישן זיך אונ זאלן זיך ניט קריגן · מכ"ש דס זיי זאלן קיין קריג ניט שטארקן אונ זאלן ניט טראגון קיין רכילות פון איינום צום אנדרון · אז ווי דיא צדיקת (און בן פלת) ווייב הט גטאן דס זיא הט אפ גרעט איר מאן פון צו קריגין מיט משה רבינו ע"ה · אונ זוא הט זיך אונ איר מאן אונ קונדר בשורמט פונם טוט · אונ פון דעם אייבגן גיהנם · אבר קרח ווייב הט אים גשטארקט זיין קריג · אזו הט זוא פאר זונדיגט זיך אונ איר מאן אונ קונדר · דס זייא זענון איין גזונקן גווארון אין דעם אפ גרונד פונם גיהנם · דען איין פרומי ווייב ברענגט איר מאן צו פרומקייט אונ צו גן עדן אונ אזו אוך פאר קערט · דרום לובט דר נביא (און בן פלת) ווייב · אונ שענד קרח ווייב מידארף דרונון ניט פול מאריך זיין :

אוך זאל זוא דר צוהן אורי קונדר צו תורה אונ מעשים טובים · אבר די אשה ווס זוצט ניט אין דר היים זיא קאן דס אלס ניט טאן · אונ דר מיט פאר דארבט זיא איר בעל הבית קייט · דאס עס גייט צו איר הוז וויא איין שוף אן רודר · אונ זיא ברענגט זיך אום פון דר וועלט אונ יענור וועלט · דרום לובט דר נביא די פרומי אשת ווס בלייבט אין דר היים · אונ שענד די פרויא ווס איז אלופרין · אוך זאל זיא ניט הויך ריידון · דען דס איז פון אמאנזביל קיין דרך ארץ ניט מכ"ש פון איין אשה אזו וויא דער פסוק זאגט (וחנה היא מדברת על לבה רק שפתיה נעות וקולה לא ישמע) אונ דיא צדיקת חנה הט גרעט צו איר הארץ · גאר אירי לעפצין האבון זיך גרורט · אבר איר קול איז ניט

גיהערט גווארן · דען עס איז איין פריצות אז איין אשה הייבט אוף אהוך קול · אזו ווי דר זוק זאגט ביי דר פרוצה (ויהי בהרימי קולי) עס איז גוועזן אז איך האב אוף גהובן מיין קול · אבר ני׳ דר צנועה שטייט זיא האט גרעט שטולר הייד אונ באמעלוך דרום זאל איין פרומי אשה זי׳ גיוני גען אונ אוך אירי קונדר שטולר הייד צו ריידן · דס זייערו שכנים זאלן ניט הערן זייערו קול:

אויך זאגט די גמרא (רבי אומר אף הקולנית) די משנה רעכונגט אוים אלו פרוצות דס ׳וסט זייא קיין כתובה ניט · זאגט רבי מאיר די וואס הייבט אוף אהוך קול קומט אוך קיין כ׳ תובה ניט אין איין אשה וואס הט יוא אהוך קול דארף איר מאן פון איר ניט ליידון · אונ די רייד וואס דו ווייבר ריידין באמעלוך מיט זייער הוז גזונד ווערט עס גהערט · אזו ווי דר פסוק זאגט (דברי חכמים בנחת נשמעים) די רייד פון די חכמים זענון באמעלוך אזו ווערון זיי גהערט · אוך זאל זי נזהר זיין רעכט צו דאוונין אונ בענטשין · אונ זאל אירי קונדר גיוויינן אין גאטס פארכט · אונ זאל זיי פורן צום רבי אונ זאל זיי גוויינן בתרבות אונ דרך ארץ אונ זיא זאל אכטונג געבין זיי זאלון זיך ניט שלאגן · אודר שעלטין אודר שווערין · אונ זאל זייא גוויינן שטולר הייד צו ריידין · אונ זאלין מורא אונ אפ שייא האבין פר זייערו עלטרין · אוף אזעלכי ווייבר וואס טואן דאס אלס זאגט דר נביא (אשה יראת ה׳ היא תתהלל) די גאטס פארכטיגי אשה זיא איז גלובט אונ איר מאן איז גבענשט · אונ מאג זיך וואול מיט איר בארומן · דס ער הט בקומן אזו איין פרום ווייב · אונ איין צדיקת:

אלו איז דר דרך ארץ פון איין אשה זוא זאל אכטונג גובין אוף אלו די מעשים פון אורי קונדר · אוף זייער עסון אונ טרונקון אונ שלאפון · אונ בפרט ווען פרעמדו לייט זוצן ביי איר טוש זאל זוא אכטונג גובין דיא קונדר זאלון זוצן מיט דרך ארץ · אונ זאלון ניט טואן וואס אום בתרבית איז · אונ אז זוא דר צוהט אזו אורי קונדר זאגט אוטלוכר וואול דר מוטר וואס הט אזעלכו קונדער גצויגן אונ דר צוגן · אונ אוב ניט זאגט אוטלוכר ווייא דר מוטר וואס האט אורי קונדר אזו דר צוגן · אן תרבות אונ דרך ארץ · דרום זאל אוטלוכר מאן אזו לערנון זיין ווייב זיא זאל בלייבון אין דר היים ביא אורי קונדר אונ זאל זיי גוויינון אין יראת שמים · בפרט דס זייא זאלון ניט עסון אונ טרונקון אן אברכה פרור אונ דר נאך וואס דר צו גהער · דען דס איז איין זאך וואס דרונגן הענגט יראת שמים · אז וויא דיא חכמים ז״ל האבון גזאגט ווער עס וויל זיין איין חסיד אונ ירא שמים זאל ער זייער גווארונט זיין צו מאכון אברכה אוף אוטלוכר זאך מיט גרוס כוונה · ווען איין אשה טוט דס אלס וואס דא שטייט גשרובין ווערט אוף איר גזאגט דר גאנצר אלף בי״ת וואס שטייט אין ספר משלי (אשת חיל · תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה):

סליק הלכות דרך ארץ

דוא גמרא זאגט דער נביא שלמה האט גימאכט דעם ספר משלי ברוח הקודש · אונ אופט מאל לובט ער זייער איין אשה חכמה · אונ שענט איין אשה רעה · אונ זאגט בשיינדלך איין אשה זוס בלייבט אין דר היים דס איז איין פרומו אשה · אונ דו וואס איז אלופרון איז איין שלעכטו אשה זאגון אטייל חכמים דיא אשה חכמה מיינט ער דיא תורה אונ מצות · אונ איין אשה רעה מיינט ער ווער עס גליבט ניט רעכט אין תורת משה · עס זענון פול דיעות אין דר זאך · נאר דר סוף פון דר זאך איז אזו (כמה נפשך) ווי עס אונ נאך דעם פשוט פשט לובט ער אלס איין גוט ווייב אונ שענט איין בייז ווייב · דרום זאלון זיך דו ווייבור דר צו קערון · אונ אוב ער מיינט דוא תורת אונ מצות זעהן מער ראך אויך איין גוט ווייב איז גוגלוכן צו דר תורה אונ מצות · אונ אשלעכט ווייב איז גגלוכן צו דוא וואס לייקונן אין גאט אונ אין זיין תורה · דרום לאזט ער אום דעם ספר החכמה מיט איין אלי״ף בי״ת · אונ לובט דס פרומו ווייב מיט צווייא אונ צוואנצוג פסוקים · דער ערשטור פסוק הייבט זיך אן (אשת חיל) אונ אזו דר גאנצור אלי״ף בי״ת ביז צום הונטרשטן ק ר ש ת · (קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללה) (רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה) (שקר החן והבל היופי אשה יראת ה׳ היא תתהלל) (תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים):

נון זעהט איר לובו ווייבור וויא גוט איז אז דיא אשה בלייבט אין דער היים אונ דר צוהט אורי

פינדר

קינדער צוא תורה אונ מעשים טובים · וואל איר וואל צוא אייר מאן אונ קינדער אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט זוא ברענגט זיך אונ איר מאן אונ קינדער לחיי עולם הבא · אונ זוא וועט אויף שטיין תחיית המתים מיט די אנדרו צדיקים אונ צדקניות שרה רבקה רחל לאה אמן :

סליק הגה"ה וחלק ראשון :

## הקדמה לחלק שני

נון וועל איך שרייבן דעם אנדערן חלק (הלכות שבת) אונ (הלכות יום טוב) אונ (הלכות חול המועד) אונ (הלכות ראש חודש) דער רבינו יעקב בעל הטורים שרייבט אזו (אם באתי וכו') ווען איך זאל גאנץ הלכות שבת אום שרייבן איז צו פיל צו שרייבן דען עס ווענן הלכות אויף דוא ניין אונ דרייסיג מלאכות אונ זייערו תולדות ווענן גאר פיל אן שיעור · דרום וויל איך דרויף ניט מאריך זיין · אונ וועל נאר שרייבן ווס נייטיג איז עכ"ל · אזו שרייבט ער אין זיין (אורח חיים · סימן ס"א) : אונ איך וועל נאך מער מקצר זיין אונ וועל נאר שרייבן ווס נוצט אין איינזרו לענדור דאס אוטלוכור זאל וויסן וואס איז אסור אודר מותר · אונ וואס מען מעג מטלטל זיין · אונ וועל שרייבן מיט סימנים אויף אוטלוכן דין · כדי עס זאל גרינג זיין צו געפונן · אונ די וואס דארפן דער צו וועט פר שפארן זוכן :

## הלכות שבת סימן א פרק ששי

אין צעהן ערטור שטייט אין דר תורה איין ציווי צו די ישראל אז זיי זאלן רעכט האלטן דעם שבת דם וייזט אז די מצוה פון שבת איז אזו גרוס אזו וויא דוא אלו עשרת הדברות אונ כל התורה כולה · אבר דר ווס האלט ניט קיין שבת דר לייקנט אין הקב"ה דס ער הט היו ניט בשאפן די וועלט · אונ הט ניט גרואט אום שבת · אונ עס איז גלייך ווי ער וואלט גלייקנט אין כל התורה כולה · דרום וועל איך שרייבן וויא מען זאל זיך נוהג זיין מיט דעם שבת די גמרא זאגט ווען ישראל וואלטן נאר שבת רעכט גהאלטן אין ה' מדבר וואלט קיין פיינט אויף זיי קיין שליטה ניט גהאט · אבר עס האבן אטייל מחלל שבת גוועזן מיט דעם מן קלויבן · אונ אויך דר מקושש ווס האט גקלויבן אונ גהאקט האלץ אום שבת · נאך זאגט די גמרא וואלטן די ישראל נאר איין שבת רעכט גהאלטן וואלט משיח גקומן · דער נאך זאגט די גמרא ווען איינר הט אפילו עובר גוועזן אויף כל התורה כולה אונ הט אויך גדינט עבודת כוכבים : אונ ער האלט נאר רעכט שבת איז אים הקב"ה מוחל · דרום איר ליבו לייט זאלט איר זייער גווארנט זיין דעם שבת צו האלטן דען מיט דעם שבת קען מען זיך פול מער פר זונדיגן וויא אין אנאנדר טאג · דען עס איז גרעסער דר עונש פון איין שר ווס איז נאהנט צום מלך אונ זונדיגט קיגן אים · איידר וויא איין פראסטור מענטש ווס זונדיגט קעגן אים · אזו איז דם אויך אום דר וואכן זענן מיר וויא פראסטו לייט דאס מיר זענן ניט נאהנט צו דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה · אבר אום שבת זענן מיר נאהנט צו אים · אזו ווי דר פסוק זאגט (אות היא ביני וביניכם לדעת כי אני ה' מקדשכם) הקב"ה זאגט דער שבת איז אצייכן צווישן מיר אונ צווישן ישראל אז איך בין דר גאט ווס היילגט אייך :

אונ דר ווס האלט רעכט שבת גוט אים הקב"ה איין נשמה יתירה אום שבת · דם איז די גרעסטו מעלה פון דר וועלט אזו וויא איך וועל דא בשיידן וויא גאט האט גבענטשט דעם שבת מיט פול זאכן מיט עסן מיט טרונקן מיט לעכט מיט שיינו קליידור מיט שטיין מיט זיצן מיט לוגן מיט תפלה מיזאל קיין מלאכה ניט טאן · מיזאל תורה לערנון · אונ מיטאר ניט טראגן אום דעם עירוב · אונ אויך ווס מוקצה איז · דס וועל איך אלס קורץ בשיידן די טעמים דר פון · נאר איין זאך וועל איך דא שרייבן · אונ וועל אייך גובן פר שטיין · דר שבת איז גגליכן צו עולם הבא · אונ די וועלט וועט נאר שטיין זעקס טויזנט יאר · אונ דער זיבטור טויזנט וועט זיי אייטל שבת · אונ די ישראל ווס האבן רעכט שבת גהאלטן וועלן דערמאלט אויך שבת האלטן אונ וועלן קיין מלאכה ניט טאן · נאר זיי וועלן תורה לערנין אונ תפלה טאן · אונ אזו ווי לעולם הבא איז קיין

צער אונ קיין זארג ניט פר האנדרן · נאר אייטל תענוגים · דו צדיקים זיצן מיט זייערו קרונן אויפן קאפ אונ זענן זיך מיהנה מיט דער שכינה · אונ אוך איז דארט ניט פאר האנדרן קיין ניאות אונ קיין דברים בטלים אונ קיין לשון הרע · אזו זאל אלם זיין אום שבת נאך מיין ווי אום דר וואכן אונ אזו ווי לעולם הבא טואן דו צדיקים נאר אייטל געטלוכי זאכן · אונ דר יצר הרע ווערט דערנמלט ניט זיין אזו זאל אוך זיין אום שבת · מוזאל גוט עסון אונ טרונקן אונ זאל אלם טאן לשם שמים ניט פון זיין הנאה וועגן · נאר וייל גאט יתברך הט אזו גבאטון כדי זיין נשמה זאל בלייבן אין גוף · אונ אזו ווי דר עולם הבא איז גאנץ היילוג · אונ קיין עובד כוכבים ווערט ניט זיין צווישן ישראל אזו זאל אוך זיין דער שבת :

אונ אזו ווי לעולם הבא איז קיין קנאה שנאה ניט פר האנדרן · דאס איטלוכר איז זיך משמח מיט זיין חלק · האטשו ער איז קלענור פון זיין חבר · אזו זאל זיך אוך איטלוכר משמח זיין אום שבת מיט וואס גאט הט אים גגובן · אונ זאל קיין גרעסורי גדולה ניט באגערן · דר וואס איז זוך אזו נוהג וואול צו אים · אונ דו וועלט איז גגלייכן צו ערב שבת · אזו ווי דר וואס גרייט אן אום ערב שבת דר הט צו עסון אום שבת · אזו אוך ווער עם טוט פול מצות אונ מעשים טובים אונ טוט פול צדקה · דר קרונט אגרוס חלק אוף עולם הבא · אונ אי״ה אין משיח צייטון וועלון מיר זוכה זיין נאך פול טוזונט מאל מער טעמים גוואר צו ווערון ווארום דר שבת איז גגלייכון צו עולם הבא . אונ אצונד ווייסון אוך דו חסידים אונ חכמים פול טעמים דרוף איינר מער פון דעם אנדרון · אבר אין משיח צייטון וועלון אלו גלייך וויסן אזו ווי דער פסוק זאגט (ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים) דו וועלט ווערט פול זיין מיט וויסן שאפט אזו ווי דו וואסר וואס בדעקון דעם ים : (א) עם איז אגרוסי מצוה דס איטלוכן זאל דער שבת גוויינטלוך זיין אונ זיין מזל · אונ אז עם קומט אים צו גוטי פירות אודר גוטי שפייז זאל ער זאגון דס וועל איך האלטון אוף שבת · דען דער מיט וואס ער גדענקט אין שבת גדענקט ער אוך אין עולם הבא : (ב) עזרא הט מתקן גוועזן מוזאל וואשון גרעט אום דאנרשטיג ניט אום פרייטאג : (ג) אוך דו זאכון וואס ווערון ניט קאלט · זאל מען דאנרשטוג אן גרייטון אוף שבת דער כלל איז אלם וואס מוקען טואן אום דאנרשטוג זאל מען ניט לאזן אוף פרייטאג · דען טאמר ווערט ער זיך פאר שפעטונן : (ד) אטייל לייט זענון זיך אוך נוהג צו שערון אונ דוא נעגול שניידון אום דאנרשטוג · עם איז ניט קיין מנהג · אבר על כל פנים אז יום טוב גפאלט אום פרייטאג זאל ער זיך שערון אונ דו נעגול שניידון אום ערב יום טוב :

(ה) איטלוכי פרוא איז מחוייב חלה צוא נעמון לכבוד שבת אונ דער שיעור איז וויא פול (חלה) באטרעפט דס איז איין טייג וואס איז דריי אונ פערצוג אייער גרוס איז מען מחוייב אפ צו שיידון חלה דר פון מיט דר ברכה להפריש חלה · אונ אוב עם איז נישטא דער שיעור זאל מען חלה נעמון אן אברכה : (ו) מוזאל מאכון דריי קוכן צו דר ברכת המוציא צו דו דריי סעודות אטייל זענון זיך נוהג צו מאכון אפערדון קוכן אוף דר (מלוה מלכה) · עם איז אוך רעכט מוזאל צו שלש סעודות האבון צווייא קוכין אוף המוציא : (ז) עם איז אגרוסי מצוה דער בעל הבית זאל זיך אליין מתעסק זיין לכבוד שבת אפילו ער הט פול קנעכט אונ דונסטן · אזו וויא מיר גפונן אטייל חכמים האבן גהאקט האלץ לכבוד שבת אטייל האבן גמאכט פוש אטייל האבון גיסקאלוט איין קאפ אטייל האבון שיין אוף גרוימט לכבוד שבת · אוך זאגט דו גמרא אטייל חכמים האבן מפסיק גוועזן פון זייער לערנון אונ האבון זיך אליין מתעסק גוועזן לכבוד שבת · אונ האבן זיך באריממט דס זיי האבון זיך מתעסק גוועזן לכבוד שבת · דרום זאל זיך קיינור ניט חשוב האלטון אונ זאל אוועק לאזון זיינו עסקים אונ זאל זיך מתעסק זיין לכבוד שבת : (ח) עם איז אוך אמנהג צו שערון אונ די נעגול שנידון לכבוד שבת · אונ אוב זיי זענון קליין זאל ער זיי אפ שאבון מיט אמעסור : (ט) מוזאל שארפין דו מעסר אונ אום צו בערייטלון דו קליידר אונ אום שמורן דו שוך לכבוד שבת גלייך וו ער וואלט אמלכה אודר אכלה אקעגן גגאנגון :

(י) עס איז אויך אכבוד שבת איטליכר זאל אום קערן אלו חדרים אונ ווינקלין • גלייך וויא אשה מיט רער מלכה • אודר אחתן כלה וואלטין אין זיין הוז ארייך גקומן • (יא) פרייטאג נאך וואַרמוס זאל מען גיין אין באד אריין • אונ ווי עס איז נישטא קיין באד זאל ער זיך אפ וואשן זיין קאפ אונ דם פנים אונ דו הענט אונ פוס מיט וואַרום וואסר לכבוד שבת: (יב) דר גאך זאל ער אן טואן זיינו ווייסו שבת קליידר • אין אטייל מדינות זענין זייא זיך נוהג אן צוא טון אקיטול לכבוד שבת • דם איז אסימן ווי ער וועט גיין לעולם הבא אין אווייסין קוטל אונ איטליכר איז מחוייב צו האבן אנדרו קליידר לכבוד שבת נאך זיין פאר מעגין נאך דר נאך זאל ער דעם שבת אקעגין גיין • אונ זאל זאגין קום לובע מלכה קום לובע כלה • ריין קומן זאל זיין מיט שלום • אויך איין אשה זאל דם אויך זאגין נאך לוכט בענטשין • נון וועל איך שרייבן ווי איטליכר זאל זיך נוהג זיין אום שבת מיט זיין עסין אונ טרינקין מיט לוכט אונ קליידר מיט גיין מיט שטיין מיט זיצן מיט לייגן מיט תפלה טואן מיט אמלאכה ניט צוא טואן מיט תורה לערנין מיט עירוב אונ מוקצה • אונ אנדרו דינים פון שבת: (יד) איטליכר זאל דעם שבת מכבד זיין נאך זיין פר מעגין נאך • אום דר וואכין עסט ער צווייא גרוכט • אבר אים שבת זאל ער עסין דרייא: (טו) איטליכר זאל דעם שבת מכבד זיין מיט גוט אונ פעט פלייש אונ אלו גוטי זאכין • אונ אנאנצו וואך זאל ער שפארון לכבוד שבת: (טז) אלי זיינו זאכין זאל ער פארטוג מאכין פרייטאג פר נאכט • דרום האבון דו חכמים פר באטן מוזאל קיין מלאכה ניט טאן פרייטאג נאך וואַרמוס • אונ אלי בעלי מלאכות דארפן אוועק וואַרפון ארבוטן פרייטאג נאך וואַרומס • אונ קיינר טאר זיך ניט לאזן נייען מער פון דריי מיל אום ערב שבת • אפילו ער ווייסט ער וועט קומן צו איין ארברוג ווס איז דארטן פאר האנדין גרייטו שפייז • אונ אלו זיינו זאכין זאל ער פארוכטין פר שבת • דם איז אלס כדי ער זאל ניט טרוארוג זיין אום שבת אז עס וועט אים עפוס אפ גיין • נאר ער זאל זיין אין שמחה אונ גרוס תענוג: (יז) מוזאל אן צונדין שיינו לוכט אונ שיינו לאכטור אין אלו חדרים ווס מען גייט אין זיי • דם ער זאל צו קיין מכשול ניט קומן אין דר פינצטר: (יח) עס איז אמצוה דו ווייבור זאלין לוכט צינדין אונ מאכין דו ברכה (להדליק נר לכבוד שבת • אונ אום יום טוב לכבוד (יום טוב) • דען (חוה) הט פר לאשין דו גרוסו לוכט • דם בשעת זו הט גזונדוגט מיט אדם הראשון • וואלטין זיי ח״ו תיכף גוועז גשטארבין • נאר אדם הראשון הט תפלה גטאן • אזו הט אים הקב״ה אן גצונדן זיין לוכט דר לענגורט זיין לעבין אונ ער איז ניט תיכף גשטארבין • דרום דארפין דו ווייבור ווידר דוא לוכט אן צונדין: (יט) זיין טוש זאל זיין שיין צו גרוכט נאך זיין פר מעגין נאך • ער זאל לייגין אויך אים איין שיינום טושטוך אונ דרויף צוויי (חלות) • אונ זאל זייא ווידר צו דעקין מיט אשיין טושטוך • דאס איז אזכר ווי דר (מן) איז גלוגין צווישין דר טוא ווי צווישין צוויי שיינו טושטכור • אונ אום שבת איז קיין (מן) ניט גפאלין • אזו האבין זייא אים גהאלטין צווישין צווייא שיינו טושטכור • דרום דארפין מיר אויך אזו טאן:

(כ) בשעת דר בעל הבית גייט פון דר שול באלייטין אים צוויי מלאכים בוז צוא זיין הוז • איינר אגוטר מלאך • אונ איינר אבייזור מלאך • דר גוטר מלאך שרייבט אן דו מצות ווס ער טוט בשעת ער גייט אהיים פון דר שול • אונ דר בייזור מלאך שרייבט אויף זיינו עבירות דהיינו זיינו דברים בטלים אונ לשון הרע אונ רכילות ווס ער רעט אהיים גייאונדוג דרום האבון דו חכמים גזאגט איטליכר זאל איילין אהיים צו דר סעודה פון שבת • אונ זאל ניט ריידין ביז ער קומט אהיים • אונ אז ער קומט אהיים אונ גפונט זיין טוש • צו גרעכט מיט אלים ווס קער צו דר סעודה אונ דוא לוכט ברענין • אונ זיין בעט איז שיין גבעט • דא זאגט דר גוטר מלאך עס זאל זיין דר ווילן פון הקב״ה דם דעם אנדרין שבת זאל אויך זיין אזו שיין אונ ווֹרשליך • אונ דר בייזור מלאך מוז דרויף אמן זאגין איבר דאנק • אונ אוב ח״ו פר קערט דא זאגט דר בייזר מלאך עס זאל זיין דר ווילן פון הקב״ה אז דעם אנדרין שבת זאל אויך אזו צו גיין • אונ דער גוטר מלאך מוז דרויף אמן זאגין איבר דאנק: (כג) אז ער קומט אהיים זאל ער קומן מיט גוטי ווערטור דם ער זאל זאגין גאט יתברך זאל

אייך אלו גובין אגיט שבת אונ אגוט יאר · אוך זאלן דו פאטר אונ מוטר בענטשן זייערו קונדר · אונ זאלון זאגון (ישימך אלהים וכו׳) דר טעם איז וייל דו ברכות פון שבת ווערון מער מרוצה וויא אום דר וואכון · נאך איין טעם איז וייל אגאנצו וואך האבון זיי זייא גשאלטון דרום זאלן זיי זייא היינט בענטשון אום פרייטאג צו נאכט אז דו וואך ראזט אום אונ שבת צו נאכט אז דו וואך הייבט זיך אן · אונ דם איז זיין תשובה אוף דו עבירות ווס ער הט גטאן מיט זיין שעלטון :

(כג) ער זאל אוועק לאזון אלו זארג פונם הארצון אונ זאל ניט גדענקון אין קיין שום ארבוט אונ האנדוליעם זאל זיך אים דוכטן אז אלי זיינו זאכון זענן שון פארטיג נאך זיין בגער גאך · אוך זאל ער ניט גדענקון אין זיינו חובות · אזו וויא לעולם הבא זארגט מען ניט אוף קיין שום זאך אזו זאל אוך זיין אום שבת : (כג) ער זאל ניט זומן אונ זאל זיך באלד זעצון צום טיש מיט פרייד גלייך ווי אמלכה אודר אכלה וואלט גיזוצן ביי זיין טיש · אונ זאל ניט ריידון קיין דברים בטלים · אבר אז ער הט איין קביעות תורה צו לערנון און דר צייט איז עס פרור פר דר סעודה פון שבת :

(כד) ער זאל וואשון זיינו הענט פאר קידוש · אונ זאל קיין שום ווארט ניט ריידון · אטייל זענון זיך נוהג צו וואשון נאך קידוש · דם זיי ווילין ניט מפסיק זיין צווישן וואשן אונ צווישן דר ברכת המוציא · דס איז איין עבירה אפילו אום דר וואכון · אבר מיר זענון זיך נוהג צו וואשון פר קידוש · אבר ער טאר ניט ריידון ביז נאך דר המוציא · אונ אפילו נאך דער המוציא טאר ער ניט ריידון נאר וואס גהער צו דער סעודה ברענגט עסון אודר טרונקון · אוך זאל ער הייסן שוויגון איידר ער מאכט המוציא אלו דו קונדר ווס זיצון ארום טיש : (כה) ער זאל נעמון דעם כוס ויין אין זיין רעכטו האנד אונ זאל אן הייבון מיט שמחה (יום הששי) · אונ זאל קוקין אוף דו לוכט ביז נאך (ויכולו) צוא דר ברכה זאל ער ארייין קוקין אין כוס · דר נאך זאל ער טרונקון איין רוב קוואטורל זוסט איז ער ניט יוצא · אונ זאל איטלוכן גובין צו טרונקון פון דעם כוס :

(כו) דער נאך זאל ער המוציא מאכון איבר צווי קוכין · אונ זאל זייא ביידו האלטון אין זיין האנט · אודר ער זאל זיי אוף הייבון נאך דער ברכת המוציא זאל ער ארוף לייגון ביידו הענט אוף דו קוכין · אונ זאל נעמון דעם אונטרשטן אונ זאל פון אים אפ שניידון אגרוס שטוק מער ווי ער פלעגט אפ צו שניידון אום דער וואכון · אונ זאל אוך ארום טיילון גרוסו שטוקר · דר מיט ווייזט ער אז דס עסון פון שבת דארף זיין מער לכבוד דר (מלכה) אונ ווער עס שנייט אפ אזו איין גרוסו המוציא וואס ער האט גנוג דר פון צו עסון איבר דר גאנצור סעודה איז זיין מצוה נאך גרעסר · אונ דרום לייגט מען ארויף דוא הענט אוף דו קוכין אפילו אום דר וואכון · דרוף איז פאר האנדרן פול טעמים · נאר איך וועל שרייבון אטייל פון זיי · איינס מיט דו צעהן פונגר ווס ער לייגט ארוף אוף דו קוכין ווייזט ער אז עס זאל אין אונז מקויים ווערון דו צעהן ברכות ווס יעקב אבינו איז גבענטשט גווארון פון זיין פאטר יצחק · דאס אנדרו צעהן מלאכות זענון פאר האנדרון איידר מקאן דאס ברוט עסון · אקרין · זייאן שניידון · בונדון · ארייין פורן דרעשון · ווינט שובלין · מאלין קנעטון באקון · אזו ווייזט ער מיט זיינו צעהן פונגר אז ער לובט צו גאט ווס הט אים דס ברוט באשערט אן מיא אונ ארבוט דרום זענן אוך צעהן ווערטור אין דר ברכה פון (המוציא להם) · אונ זאל עסון מיט שמחה : (כז) ער זאל דו מלכה מכבד זיין מיט אלורלייא כיבודים וואס מוגליך איז : אונ איטלוכר דארף עסון אום שבת ברוט אונ פוש אונ פלייש : אונ טרונקון ויין · אונ אז ער פאר מאג איז ער מחויב צוא קופון גרוסו פוש אונ גוט פלייש אונ גוטן וויין · אונ ארץ דאס בעסטו ווס ער באקומט אום דר וואכון זאל ער עס בהאלטן אוף שבת :

(כח) אום ראש השנה ווערט נגזר ווי פול דו הוצאות אונ גשוכטנוש זאל זיין פונם מענטשן דורך דעם גאנצון יאר · אבר דו הוצאה פון שבת אונ שכר לימוד · דס הט קיין קצבה ניט · גוט ער פול גוט אים הקב״ה אפ אוך פול · אונ אזו אוך פר קערט אונ אזו זאגט הקב״ה איר לובי קונדר גיטרואוויט מיר אונ גוט אום פול געלט אוף שבת אונ יום טוב אונ איך וועל אייך אלם ווידר גובין אונ דר ווס הט ניט אום צו לייגון זאל ער אנטלייאן אוף מיר אונ איך וועל אלם באצאלן ·

אונ עס זאל אייך גאר ניט פעלן דוא גמרא ברענגט דרויף אמעשה פון (יוסף מוקיר שבת) ער הייסט דרום (מוקיר שבת) ווייל ער האט טייער געהאלטן דעם שבת · ער איז תמיד געוויינטליך געוועהן צו קויפן די בעסטע פיש אויף שבת · אונ לעבן אים האט געוואוינט איין עובד כוכבים רשע · אונ ער האט געהאט פיל געלט דאבן אים גזאגט · די שטערן זעהר וויא זיין שכן דער (יוסף) וועט אלדאס נעמען באקומן · איז דר רשע גנאנגן אונ האט פאר קויפט זיין הויז אונ אלי זיינע גוטער · אונ האט אלס געמאכט צו געלט אונ גקויפט פר דעם אגרויסן אונ איין טייערן פערל אונ לייגט אים אריין אין זיין הוטל אונ גייט אוועק · איז ער גקומן אויף אברוק האט אים דר ווינט אראפ גוויאוט זיין הוטל אין וואסר אריין · אזו איז גקומן אגרויסר פיש אונ האט עס איין גשלונגן מיט דעם פערל : אונ איין פישר האט אים געכאפט אונ האט אים געבראכט ווי דר (יוסף מוקיר) וואוינט · האט אים קיינר ניט געוואלט קויפן ווייל ער איז צוא טייער געוועהן : נאר מיהאט דעם פישר גזאגט דא איז פאר האנדן איין יהודי ער הייסט (יוסף מוקיר) טראג צו אים דעם פיש ער וועט אים בודאי קויפן לכבוד שבת · דען זיין סדר איז אפילו ער האט שון פיל פיש אז עס טרעפט זיך אים נאך אגרעסרין קויפט ער אים · דר פישר האט צו אים געבראכט · אונ ער האט אים גקויפט · אונ אז ער האט אים אויף גיעפונט האט ער באקומן דעם פערל :

נאך איין מעשה ברענגט די גמרא עס איז געוועהן אקצב וואס האט געהאט פיל גולדנע כלים · אונ אגולדנם טיש וואס צעכצן מענטשן האבן אים גמוזט טראגן האט אים אחכם גפרעגט מיט וואס האסטו זוכה געוועהן צו דעם עשירות · זאגט ער איך בין אקצב · אונ ווען איך האב באקומן אגוטי בהמה אודר אנאנדרו גוטי זאך האב איך גזאגט דס געהער אויף שבת . אונ דר שבת איז מיר תמיד געוויינטליך געוועהן אין מיין מול · נוא זעהן מיר דאס הקב״ה גיט אלס אפ כפל כפליים · דרום זאל קיינר ניט זארגן · דען דר בעל חוב איז באגלייבט צו באצאלן · אונ דעם שכר דער פון לעולם הבא האט קיין שיעור ניט : (כט) נאך דעם עסן זאל מען אפ ריינגן דעם טיש . אונ זאל ברענגן גוטי פירות אונ זאל מאכן אויף איטליכר די ברכה וואס געהער דר צו · דען אום דער וואכן איז אגרוסו עבירה צו עסן אן אברכה · מכ״ש אום שבת · אבר דוא ברכה אחרונה דארף ער ניט מאכן · ווייל ער האט ניט גבענטשט : (ל) דער נאך זאל ער דעם כוס ריין אום שווענקן אזו ווי פר אמקך · אונ דער בעל הבית זאלברט זאל דעם כוס אליין אן גוסן צום בענטשן מיט אזו אויין וואס איז ניט פגום אונ זאל הויך בענטשן דס זיין הויז גזונד זאלן דרויף אמן זאגן · אונ אז ער האט אמזומן ביי זיין טיש זאל ער גובין אנאנדרן צו בענטשן · דאס ער זאל דעם בעל הבית אברכה גובין · אונ דער וואס מען גיט אים צוא בענטשן זאל דעם כוס לובליך אנטפאנגן מיט ביידו הענט . דר נאך זאל ער אים נעמן אין דר רעכטר האנט · אונ איבר דעם גאנצן בענטשן זאל ער קוקין אין דעם כוס אריין ניט ערגיץ אנדרש · אונ זאל מכוין זיין וואס ער רעט אונ פאר וועטן ער רעט · אונ ער זאל דעם כוס האלטן איין (טפח) העכיר פונם טיש · אונ ער טאר אים ניט אנודר שטעלין · אויך ניט אונטר העלפן מיט דר לינקר האנט · סיידן דר כוס איז צו שווער מאג ער אונטר האלטן מיט זיין לינקר האנט דוא רעכטו האנט · אבר אז ער בענטשט אליין אן מזומן איז בעסר ער זאל דעם כוס שטעלן אופן טיש · אבר ער מוז אויך קיקן אין כוס אריין ניט ערגיץ אנדרש · אונ אויך די אלו וואס זיצן ארום טיש זאלן זייערו אויגן גובין אופן כוס אונ זאלן צו הערן איטליכס ווארט . אונ זאלן נאך זאגן אמן אויף איטליכר ברכה · אונ עס טאר אים קיינר ניט נאך זאגן נאר שטולר הייד :

אונ אויך די אלו וואס זענן אין דעם חדר מארן קיינר קיין שום ווארט ניט ריידן . דען זיי זענן מבטל פונם בענטשן · אונ דר וואס פר הערט איין ווארט איז ער ניט יוצא מיט דעם צוא הערן בענטשן · נאר ער מוז נאך אמאל בענטשן · דרום איז איטליכר בעל הבית מחויב שטיל צו האלטן זיין הויז גזונד בשעת בענטשן גלייך אזו ווי אין שול דען ער רעט דאך מיט גאט · ווען ער זאל ריידן אין זיין שטוב מיט אשר אודר פריץ אזו וואלטן דאך זיין הויז גזונד גשטאנגן אין

גרוס מורא אונ מיט שטולקייט · בפרט פר דעם (מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא) · דרום זאל איטלוכר בעל הבית נזהר זיין ניט צו לאזן ריידן פרעמדו לייט בשעת ער בענטשט מכ"ש זיין הוז גיזונד : זייא קאן ער דאך מער שטן אפון וויא אנדרו לייט : (לא) עס איז רעכט צוא זינגן זמירות אים שבת אוטלוכר נאך זיין מנהג נאך · דען איר ווייסט דאך וואול אז דער שבת איז גיגלייכן צו עולם הבא · אזו וויא לעולם הבא איז אייטל לוב פון גאט אונ זמירות אונ תשבחות : אזו דארף אוך זיין אום שבת . ניט מער אום ווינטר איז דוא נאכט גרוס זאל מען זמירות זאגן בייא נאכט · אונ אום זומר בייא טאג ווייל דער טאג איז גרוס : (לב) (עונה של תלמידי חכמים) פרייטאג צ א נאכט איז דוא צייט וואס דוא תלמידי חכמים זאלן זיך בהעפטין צוא זייערו וייבר · אבר אגאנצו וואך לערנן זייא תורה · אונ אז איין פראסטור בעל הבית איז זיך אוך אזו נוהג איז וואול צו אים · ער וועט בוודאי האבן גוטי קינדר אונ תלמידי חכמים · אונ ער דארף ניט צוא זארגן זיין קונד זאל ניט ארוס גיין לתרבות רעה ח"ו · אונ זיין הוז איז גיבענטשט מיט אלדונג · דען דער מיט ווייזט אז ה' שבת ווערט גירופן (מלכה כלה) עס איז פול דער פון צו שרייבן : (לג שבת פריא זאל מען אביסל שפעטור אויף שטיין וויא אגאנצו וואך · אזו וויא דער פסוק זאגט (וביום השבת) בייא טאג פון שבת · אונ בייא איין אנדר טאג שטייט (בוקר) אין דער פריא זאל מען ברענגין דעם קרבן תמיד אונ דיא ברכות וס ער זאגט אום שבת דארף ער דרוף מער כוונה האבין · אפילו דוא ברכות וס ער זאגט זייא אום דער וואכין אוך . אונ אוטלוכר דארף גידענקן אזו וויא לעולם הבא וועט ער ניט אנדרש טאן נאר גאט לובן מיט גרוס כוונה : אזו זאל ער זיך אוך נוהג זיין אום שבת · (לד) אום דער וואכן אובר צווייא זאכן וואס זייער ברכה איז גלייך דארף מען נאר אובר איינם אברכה מאכן · אזו פטרת מען דאס אנדרו . אבר אום שבת דארף ער אוף איטלוכן בזונדר אברכה מאכן · ווייל אום שבת דארף מען מערן ברכות . דרום אום דער וואכן מאכט מען אברכה אופן טלית איז מען שון יוצא אופן ארבע כנפות אוך · אבר אום שבת דארף מען אוף דעם ארבע כנפות אבזונדר ברכה מאכן · אפילו ער טוט אן דעם טלית אין דער היים (לה) אוטלוכר איז מחוייב דוא סדרה מעביר זיין צווייא מאל דעם פסוק אונ איין מאל התרגום · אונ איין מאל אין (פירוש רש"י) דרום איז דער מנהג מען זאל פרייטאג מעביר זיין איין מאל דעם פסוק אונ תרגום אונ (רש"י) . אונ אום שבת איז ער נאך אמאל משלים דעם פסוק מיטן היין · אזו וויא איך וועל עס בעסור בשיידן · אבר אז ער האט ניט מעביר גיוועזן אום ערב שבת האט ער צייט אגאנץ שבת · אמייל זאגן אז איז איין אונס גיוועזן האט ער נאך צייט ביז מיטוואך נאך שבת :

## הנהגת בית הכנסת בשבת

לו שבת פריא איז דער מנהג מאריך צו זיין דו ברכות מיט ניגונים . אונ בפרט (ברוך שאמר) : דס איז אגרוסו מצוה גאט צו לובן מיט שייני ניגונים בפרט אום שבת·נאר זיין כוונה זאל זיין לכבוד הקב"ה . אונ ניט כדי דוא לייט זאלין אום לובן · אונ אוב ניט איז בעסור ער זאל נאר ניט זינגן · דען הקב"ה ווייסט דאך דוא כוונה פון אלו הערצור · אזו איז אך אונ וויא צו דעם זעלבינ מענטשון דוא לייט וואס זינגן ברוך שאמר מיט ניגונים זאלין גיווארנט זיין ניט מפסיק צוא זיין פון ברוך שאמר ביז נאך ישתבח · דען דאס איז אגרוסו עבירה מכ"ש ניט צו ריידן קיין דברים בטלים · דען זייא מאכן זייער מצוה צו איין עבירה · דוא לייט וואס פלעגן זינגן תמיד ברוך שאמר מיט שיינו ניגונים לכבוד הש"י · אונ אצונד קומן זייא אן אז דאס קהל האלט ברוך שאמר · נאר זייא ווילן נאך אהיים גיין אונ ווילן נאך ניט דאווינן טואן זייא אזו זייא זינגן ברוך שאמר ביז (ברוך אתה ה') . דער נאך אז זייא שטעלן זיך דאווינן הייבן זייא אובר נייאם ברוך שאמר אונ דאווינין כסדר · זייער כוונה איז דער מיט כדי זייא זאלן ניט מפסיק זיין צווישן ברוך שאמר אונ ישתבח · אבר דוא לייט וואס בלייבן אין שול זאלן דאווינן כסדר אן הפסק ביז (נשמת



אונ

אונ (ישתבח) אונ (קריאת שמע) אונ (שמונה עשרה) . אונ כל זמן דער חזן האט נאך ניט גיזאגט
דעם קדיש נאך שמונה עשרה טאר קיינר ניט ריידון קיין דברים בטלים . דען דאס איז איין
עבירה אום דר וואכין׳ בפרט אום שבת אין שול בשעת דאוונון דס איז איין עבירה אין דר אנדרר
(לז) דער מנהג איז אז שבת אין דער פריא זאגט מען (וביום השבת) אונ אום ראש חדש (ובראשי
חדשיכם) : שבת אונ יום טוב זאגט מען ניט קיין (מזמור לתודה) . אויך ניט פון ערב
פסח ביז נאך אסרו חג . אויך ניט אום ערב יום כיפור : (לח) עס איז אגוטר מנהג דאס איין
קמן זאל דאוונון פארן עמוד פון ברוך שאמר ביז (שוכן עד) ווייל דוא ברכות דארפן האבון
גרוס כוונה . אונ איין עם הארץ ווייסט ניט מעיין צוא זיין . אויך איז דער מנהג צוא זאגן דוא
שבת ברכות אונ הלויות : (לט) עס איז איין גוטי תקנה אז דער חזן וואס דאווינט דוא שמונה
עשרה זאל ער זונגן אלו דוא שבחות אונ הלויות : כדי ער זאל מכוין זיין פון ברוך שאמר ביז
נאך שמונה עשרה . אונ אויב ניט אז ער וועט ח״ו ריידון נאך ברוך שאמר איידר אז ער שטעלט
זיך פארן עמוד ש״ע דאס איז אגרוסו עבירה ח״ו . אונ עס איז ניט גוט אז הקב״ה זאל אונזר
מליץ זעלבסט פיינט האבון . דרום זאל דער חזן דרונגן זייער גיווארונט זיין אז ער דאווינט פון
ברוך שאמר פארן עמוד . דאס ער זאל קיין שום ווארט ניט ריידון פון ברוך שאמר ביז נאך
זיין תפלה (מ) אום שבת מוז אוטלוכר מער כוונה האבון אין ק״ש אונ שמונה עשרה ווייא אנאנצו
וואך . דען עס איז אגרוסר חילוק פון דעם וואס איז נאהונט צום מלך צו דעם וואס איז ווייט
אונ אום שבת זענון מיר נאהונט צו דעם (מלך מלכי המלכים) הקב״ה . אזו ווייא אובון שטייט .
(מא) אויך זאל אוטלוכר גיווארונט זיין ניט נאך צוא זינגון מיט דעם חזן : דאס איז אום דער
וואכון איין איסור בפרט אום שבת : בפרט דוא ברכות טאר ער בוודאי ניט נאך
זאגון מיטען חזן . דען עס הייסט איין ברכה לבטלה ח״ו : אונ עס איז גלייך אז (שבועת הנם)
וואס דאס שטייט פאר באטון אין דוא עשרת הדברות : (מב) אום שבת זאל מען זיך נאך מער
הוטן פון עבירות ווייא אום דער וואכין דען עס איז ניט גלייך ווער עס זינדיגט קעגון מלך אין איין
שטאט . אודר אין איין דארף . ווייא דער וואס זינדיגט קעגון מלך אין זיין חדר דען דער וואס
זינדיגט אין זיין חדר איז דאך זיין עונש גרעסור . אזו אויך אום שבת זענון דוא ישראל גאר
נאהונט צוא הקב״ה בפרט דער שבת איז גיגליכן צו הקב״ה . אונ מיט דעם שבת האט ער
גימאכט איין צייכון אז מיר זענון זיין פאלק אונ ער איז אונזר גאט . אזו ווייא דער פסוק זאגט
(אות היא ביני וביניכם) דער שבת איז איין צייכון צווישן מיר אונ אייך . דרום זאל מען זיך זייער
הוטן פאר עבירות אונ טואן מצות מער ווייא אום דער וואכון בפרט אין שול בשעת דאוונון . דען
דוא תפלות פון שבת זענון איין זכר צו עולם הבא . אונ ווען איינר טוט יוא איין עבירה שבת אין
שול בשעת דאוונון . קענט איר דאך וואול פאר שטיין ווייא הארב דאס איז . דרום זאל אוטלוכר
נזהר זיין דרונגן אונ זאל גידענקון דעם גרוסון שכר . אונ פאר קערט דעם גרוסון עונש וואס ער
וועט האבון לעולם הבא אויף דעם וואס ער האט ניט גיאכט דוא ליבלוכו מתנה וואס גאט האט
אונז גיגעבין דרום זאל זיך איטלוכר וואול פלייסון אין זיין תפלה . אונ זאל קיין אנדר מחשבה
ניט האבון . אונ זאל וויסן מיט וועסון ער רעט אונ פאר וועמון ער שטייט אונ זאל וויסן וואס ער
רעט . ניט דאס מול זאל ריידון אונ דאס הארץ זאל ניט וויסן דער פון :
(מג) אין דעם שבת אונ יום טוב ווס מיזאגט מחזור איז פאר האנדון דעות אוב מען מעג מפסיק
זיין צווישן דו ברכות פון קריאת שמע מחזור צו זאגון . אונ אטייל לענדור זאגט מען ניט
אונ אין אונזרו לענדור איז דר מנהג יוא צוא זאגון . דרום דארף אוטלוכור וויסן ווס מיזאל זאגון
אונ ווער עס זאל זאגון . איך האב שון אובון גשריבן אין הלכות בית הכנסת אז די ווס פר שטייט
ניט דו טייטש פון דו ווערטור טאר קיין מחזור ניט זאגון . דען עס איז איין וואונדרלוכו זאך דאס
אזעלוכו לובו תפלות ווס מיר האבון . זאלון מיר זיי אוועק חאפון אן כוונה אונ פר שטאנד . דס
מיר זאלון שרייאן אונ ניט הערון קיין ווארט פונם חזן . עס איז בעסור מען זאל צו הערון אוטלוכם

ויזאגרון  ו

זאָרט פונם חזן איז מען יוצא דען דר חזן ווייסט בוודאי דו כוונה אונ (פירוש התפלות) דער פון · אָבר דר וואָס פר שטייט ניט אונ זאָגט יוא הייסט עס בוודאי איין הפסק צווישן דו ברכות קריאת שמע אונ עס איז בוודאי אגרוס׳ עבירה · דרום איין ירא שמים וואָס ער פר שטייט ניט זאָל אזו טאָן בשעת מיזאָגט יוצרות צווישן דו ברכות פון שמונה עשרה זאָל ער אריין קוקן אונ זאָל צו הערן וויא דער חזן זאָגט · דען דר חזן פר שטייט דאָך יוא דו טייטש פון דו ווערטר אונ דר וואָס זוגט חייט פונם חזן אודר עס איז אגרוס גשרייא דאָס ער קען ניט צוא הערן פונם חזן · זאָל ער נאָר אריין קוקן אין מחזור אזו איז ער שון יוצא · דען דער חזן איז דרוף גשטעלט גוואָרן פון דו לייט זאָגן וואָס פר שטייאָן ניט דס זיי זאָלן אים צו הערן · אונ זאָלן נאָך זאָגן אָמן אוף איטלוכור ברכה דר וואָס טוט אזו איז גלייך וויא ער וואָלט זעלברט גזאָגט · אָבר דר וואָס זאָגט אונ ווייסט ניט וואָס ער זאָגט דר טוט פול ביין איינם ער לובט גאָט אונ ווייסט ניט מיט וואָס · דס אנדרו טאָמור ווערט ער נאָך זאָגן איין (חילול השם) · דס דרוטו ער איז ניט יוצא · דס פערדו ער איז מפסיק צווישן דיא ברכות קריאת שמע מיט אום נוצלוכו זאכן · דרום זאָל זיך קיינר ניט פר דארבן דר מיט · אונ נון קענט איר וואול פר שטיין וואָס בעסור איז :

(מד) דעם מחזור וואָס מיזאָגט אז דס קהל האלטן נאָך שמונה עשרה דס הייסט קיין הפסק ניט אָבר עס איז אוך פול בעסור מיזאָל צו הערן דעם חזן · דען טאָמור וועני ער היו מחרף ומגדף זיין דס ער וועט זאָגן זיין (ה) פר איין (ח) אודר איין (ב) פר איין (כ) · אודר פר קערט אונ אופט קומט דורך דעם אות איין חירוף אונ גידוף · דרום איז בעסור מיזאָל צו הערן דעם חזן אודר מיזאָל זיך לערנן דו טייטש אונ כוונה דר פון (מה) בשעת מען לייאנט אין דער ספר תורה זאָל איטלוכור שטיין · אזו וויא דיא ישראל זענון גשטאנון בשעת מתן תורה · אוך טאָר מען ניט לייאנן מיט איין ברכה נאָר במנין · דען צו איין דבר קדושה דאַרף מען האָבן אמנין אזו ווי אובן שטייט : (מו) איטלוכור זאָל אום קערון זיין פנים צו דעם ספר תורה פון כבוד דר ספר תורה וועגן אונ זאָל צו הערן איטלוכס וואָרט וואָס מען לייאנט · אונ עס טאָר קיינור ניט הוך נאָך לייאנן מיטן חזן · דען מיוועט דעם חזן ניט הערן · אָבר שטולר הייד מעג ער יוא · אוך טאָר מען קיין שום וואָרט ניט ריידן אפילו דברי תורה זונט מען עפונט אויף דוא ספר תורה ביז מען מאכט זוא צו · דרום מאכט מען צו דו ספר תורה אז מען הט שון איינום אפ גלייאונט : (מז) בשעת דר חזן רופט אויף מאג מען יוא לערנן דברי תורה · אָבער מיטאָר ניט ריידן אין שול קיין דברים בטלים חיו · אונ וועער עס דאַרף עפוס ריידן מיט זיין חבר זאָל ער ארוס גיין פון דער שול · אונ וועער עס רעט יוא אין שול איז ער מחלל השם אונ זיין היילוגו שכינה אונ דו היילוגו ספר תורה וואָס איז דאָרטן בפרט אום שבת איז זיין עונש גרעסר · דרום זאָל איטלוכר נזהר זיין דרונן אונ זאָל דרוף שטראָפן זיין חבר :

(מח) דוא דינים פון שמונה עשרה פון מוסף איז גלייך צו שחרית : (מט) שבת אין דר פרוא אז ער גייט פון דר שול זאָל זיין טיש צו גריכט זיין אזו וויא אוף דר נאכט · אָבר דו לעכט דארפון ניט צו זיין · אונ איטלוכור זאָל באלד אהיים גיין דס ער זאָל ניט מחלל שבת זיין מיט דברים בטלים דרום זאָל ער איילן פון איין מצוה צו דר אנדרור דאָס איז דו סעודה פון שבת אוך דאַרף ער משנה זיין פון אום דר וואכן · פלעגט ער תמיד פרוא עסון דאַרף ער שבת שפעטור עסון פלעגט ער תמיד שפעט עסון דאַרף ער שבת פרוא עסון · אונ זאָל אלס טאָן לכבוד שבת : (נ) איטלוכור בעל הבית זאָל זיך זעצון צום טיש מיט איין פריילוך הארץ · מיט אלום ווי ער הט גטאָן פרייטאג צו נאכט (קידוש היום) דער קידוש פון אין דר פרוא ווערט גרופון אין דר גמרא (קידושא רבה) אונ מיט דעם כוס זאָל ער זיך אוך נוהג זיין וויא פרייטאג צוא נאכט נאָר פרייטאג צו נאכט מאכט מען המוציא אובר דעם הונטרשטון קיכון · אונ אין דר פרוא אובר דעם אייברשטון · נאָר ער זאָל אלס טאָן לכבוד שבת : (נא) עס איז איין מצוה מיזאָל אום שבת אברכה מאכון אובר פול פירות · כדי משלים צו זיין דו הונדרט ברכות וואָס מען איז מחוייב צו מאכון אלע טאג · אָבר דער וואָס עסט פירות אום שבת אן אברכה פרור אונ דער נאָך · דר טוט צווייא עבירות דרום טאָר מען ניט געבן

קיין פרי צו אזעלכן וואס מאכט קיין ברכה ניט דען מען ברענגט אים צו עבירות

(נב) עס איז איין עונג שבת מיזאל שלאפן (שבת) אוז דו ר״ת (שינה בשבת תענוג שלאף אום שבת איז איין תענוג אונ מען דארף פרור עפוס לערנן פארן שלאף · אבר מען זאל גווארנט זיין ניט צו פאר שלאפן די דרשה אודר מנחה : (נג) אויטלוכור איז מחויב תורה צוא לערנן בפרט אום שבת · דען דער שבת איז נאר געגעבן גווארן צו תורה · אז הקב״ה הט געגעבן די תורה צו ישראל אופן בארג סיני · האט זיא גזאגט צו הקב״ה עס איז גוט דאס דו גוקסט מיך צוא ישראל ווייל זיי זענן אין דר מדבר · דא האבן זיי ניט צו טאן · דא לערנן זיי תורה טאג אונ נאכט דען זיי בדארפן קיין שום מלאכה ניט טאן · ניט אקרן אונ זייאן ניט צו פלאנצן · דען זיי האבן דעם (מן) אבר אז זיי וועלן קומן אין זייער לאנד אריין אזו וועט אויטלוכור לופן צו זיינו עסקים אונ מלאכות אונ וועלן מיך פר שלוסן אונ איין אלמור וועור וועט מיך לערנן · לובר גאט גיב מיך גיט צו ישראל · דען זיי וועלן מיך מבטל זיין · דא וועל איך בלייבן אום גלערנט · זאגט גאט צו דער תורה איך האב גבאטן אין דער תורה איר זאלט לערנן תורה טאג אונ נאכט · טייטשן די חכמים אטייל פון דעם טאג אונ אטייל פון דר נאכט · דס ער זאל זיינו עסקים אויך טאן כדי זיין תורה זאל אקיום האבן · איך האב זיי געגעבן דעם שבת אונ יום טוב · דענמאלט טארן זיי ניט האנדלן אונ קיין מלאכה ניט טאן · אזו וועלן זייא תורה לערנן · נון זעהן מיר וואול אז דר שבת איז נאר גיגעבן גווארן אוף תורה צו לערנן · בפרט דר וואס לערנט ניט אגאנצו וואך אונ גייט נאך זיינו עסקים · דר זעלבגר זאל פול לערנן אום שבת אונ יום טוב אבר דר וואס לערנט יוא אגאנצו וואך מעג ער אום שבת אונ יום טוב ווייניגר לערנן פון עונג וועגן · אונ דר וואס קען ניט לערנן · זאל ער לערנן די טייטש פון דר סדרה · אונ זאל גיין צו דר דרשה · דס הייסט אויך גלערנט :

(נד) אין אלו קהילות דארף זיין אחכם וואס זאל דרשנן פון די עמי הארצים וועגן · אונ אויטלוכר זאל גווארנט זיין ניט צו שלאפן ביא דר דרשה · אונ אוב ניט איז בעסור ער זאל בלייבן אין דר היים · דיא תלמידי חכמים וואס האבן גקענט בעסור לערנן פון דעם בעל דרשנר פלעגן אויך גיין צו דר דרשה פון וועגן צווייא טעמים · איינם אז זייא וועלן ניט גייאן וועלן דיא עמי הארצים אויך ניט גיין · מחמת זייא וועלן זיך שעמן אודר זיי וועלן ניט הארכן די דרשה · דר אנדרור טעם איז די תלמידי חכמים זענן נהנה פון דברי תורה · אפילו זייא ווייסן שון לאנג דר פון · איך גפונן מיר אין דר גמרא דס פול קעסטלוכו חכמים וואס האבן פול בעסור גלערנט אונ בעסור גוויסט די פשטים פונם בעל דרשר זענן אויך גגאנגן צו דר דרשה · דען זייא האבן גזאגט (אין המדרש בלא חידוש) עס איז ניט פר האנדן קיין שום דרשה עס זאל ניט זיין דרונן קיין חידוש אונ קיין גוטר פשט אודר איין גוטו כוונה · (נה) אין אטייל ערטור מאכט מען שלש סעודות פאר מנחה : אונ אין אטייל ערטור מאכט מען נאך מנחה · אויטלכו מדינה הט איר טעם לשם שמים אבר אין אונזרו לענדור מאכט מען שלש סעודות נאך מנחה :

## (נו) דיני מנחה של שבת

תפלת מנחה דאווינט מען ניין שעה אופן טאג ווייל די זון שטייט נאך אוז דר נאך איז שון פאר זומט דיא צייט דען דר נאך הייסט שון (בין השמשות) · אונ אטייל זאגן מען מעג דאווגן מנחה ביז שטערן שטייאן · אבר מיר זענן זיך ניט אזו נוהג ווייל מיר מאכן שלש סעודות נאך מנחה · אונ די צייט פון שלש סעודות איז ווייל די זון שטייט נאך (נז) אום דר וואכן זאגט מע (אשרי ובא לציון) צו שחרית אונ אים שבת צו מנחה · דען ישראל ווייסן דס משיח וועט ניט קומן אים שבת אויך אום יום טוב · דרום טואן מיר תפלה סוף טאג אז משיח זאל קומן · אונ מען לייאנט אין דר ס״ת איין פרשה צעהן פסוקים ניט ווייניגר פון דר סדרה פון דר וואך וואס וועט קומן · דר נאך דאווינט מען שמונה עשרה · (אתה אחד) אונ (צדקתך) · אונ אוב עס איז אזו איין טאג וואס מיזאגט ניט קיין תחנון אודר ווענמען וועט זונטאג ניט זאגן קיין תחנון זאגט מען אויך ניט קיין (צדקתך) אונ אין אטייל ערטור זאגט מען נאך קדיש (ברכי נפשי) אונ אלו דיא (שיר המעלות) · אונ אום

זמר זאגט מען איין פרק פון די זעקס פרקים. (נח) נאך מנחה זאל ער באלד אהיים גיין צוא (שלש סעודות). דם זייא זאלן דר וויל ניט ריידן קיין דברים בטלים. נייארט מיזאל קומן פון איין מצוה צו דר אנדרור. מיטאר זיך אפילו ניט קובע זיין קיין צייט אויף תורה לערנן צווישן מנחה אונ מעריב מכ"ש אז מיטאר ניט ריידן קיין שלעכטו רייד. דרום דארף אוטלוכר מקיים זיין די מצוה פון שלש סעודות:

## דיני שלש סעודות

(נט) אוטלוכר ישראל זאל גווארנט זיין צו מאכן שלש סעודות איידר די זון גייט הונטר. אונ דר נאך האט ער שון פאר זומט די צייט. (ס) מען איז מחויב צו עסן שלש סעודות ברוט אונ פיש אונ פלייש אונ וויין טרונקן. אזו וויא בייא יענו סעודות. אונ דר וואס איז ניט הונגרונג מעג ער יוצא זיין שלש סעודות מיט פירות. אבר אחכם הוט זיך ניט פול צו עסן אין דר פריא. כדי ער זאל קענן עסן שלש סעודות. (סא) דיא לייט וום מאכן זיך בנאנדר איין חברותה צו עסן שלש סעודות לשם שמים איז עם אגרוסו מצוה. נאר זיי טארון זיך ניט אן שיכורן. אונ זאלן ריידן דברי תורה אובערן טיש. דאס הייסט לשם שמים. איך וועל אייך שרייבן איין מעשה. עם האבן גיוואנט פיר בעלי בתים אין איין ישוב. דריי פון זייא פלעגן זיך תמיד בנאנדר שלש סעודות מאכן: אונ איינר איז גוועזן איין קארגור אונ האט ניט גוואלט האלטן קיין שלש סעודות. נאך שבת פלעגט ער פון איינס פון זיי פרעגן וויפול געלט האמטו פאר צערט אויף שלש סעודות. אונ פלעגט אזו פול געלט אריין לייגן בזונדר אין איין זאק אריין. עם הט אזו גווערט עטליכי יאר. אמאל זענען זייא אלו גפארן אויף איין יאריד צו האנדלן. הונטר ווענן זענען אן גפאלן גזלנים אונ האבן גשלאגן דעם קארגן מכת אכזריות אונ האבן בייא אים אוועק גינומן דעם זאק געלט וואס ער האט אפ גשפארט פון שלש סעודות. אונ יענו דרייא זענען בשלום אהיים גקומן. פון דענמאלט אן הט דר קארגור אויף זיך גנומן מיט זייא חברותה צו מאכן שלש סעודות:

(סב) דא וועל איך שרייבן אטייל פון דעם שכר פון שלש סעודות דר וום פר פעלט ניט צו מאכן שלש סעודות צו דער רעכטור צייט ווערט ער בשערמט פר דרייא פורעניות. פון ווייא טאג. פון חבלי משיח. אונ מלחמת (גוג ומגוג). פון חיבוט הקבר. אטייל זאגין אז ער ווערט אוך בשורמט פונם גיהנם. אונ אוטלוכר זאל זייער גווארנט זיין אין דר סעודה פון שלש סעודות מער וויא אין יענו צווייא סעודות. דען בייא יענו צווייא סעודות העסט ער פר הונגר. אבר צו שלש סעודות איז ער דאך ניט הונגרוג. אזו עסט ער נאר לשם מצוה. דרום איז זיין שכר גרעסור. (סג) אום ווינטר אין דיא קורצו טעג. אודר ווער עם פאר זומט זיך אין שול. ביז זיין סעודה פון דר פריא צו הט זיך ביז מנחה צייט. איז בעסור ער זאל תיכף מאכן שלש סעודות דוייל ער קאן נאך עסן אין זיין מאגן איז נאך אפון דם ער זאל בענטשין. אונ זאל זיך נאך אמאל וואשן אונ זאל המוציא מאכן אובר צווייא קוכין. אונ זאל גומר זיין די סעודה. אבר אז ער וועט ווארטן ביז נאך מנחה וועט ער שון ניט קענן עסן. אבר דר וום פולט אין זיך אז ער וועט נאך קענן עסן שלש סעודות מיט לוסט. זאל ער ווארטן ביז נאך מנחה אוב דר שלש סעודות פר צוהט זיך אין דר נאכט דארף ער דאך זאגן (רצה) אין בענטשן דוייל ער הט נאך ניט גזאגט קיין (אתה חוננתנו) דען מיר רעכונין דאס אן הייבן פון דער סעודה אונ דענמאלט איז נאך גוועזן שבת:

## מוצאי שבת

(סד) דער מנהג איז שבת צו נאכט שפעט צו דאוונן מעריב. דוייל די רשעים קומן ניט אין גיהנם ביז די הונטרשטו קהלה זאגן אפ (ויהי נועם ואתה קדוש). דען אום פרייטאג צוא נאכט אז דם קהל זאגן ברכו קומט דר מלאך דומה אונ זאגט רשעים גייט ארוס פונם גיהנם דען ישראל מאכן שבת דא גייאן זיי ארוס אין איין באך וואסור אונ קולין זיך. דרום טאר מען ניט טרונקן פונם טייך קיין וואסור שפעט פרייטאג צו נאכט. דרום קומט דר מנהג וום מען זאגט

אז דר וס זיין פאטור אונ מוטר זענן נשטארבן · טאר ער דאס קיין וואסור ניט טרונקן אום שבת צווישן מנחה אונ מעריב דען מיזאגט די זעלבגנו ציט גייאן זיי אין וואסור אריין צו קיקן זיך · פאר וס דר מנהג איז וויל איך ניט שרייבן · אונ נאך דעם אז ישראל האבן שון גזאגט (ויהי נועם אתה קדוש) · קומט ווידר דר מלאך דומה אונ שרייאט אום איר רשעים גייט ווידער אין גיהנם · דען בייא ישראל איז שון אום שבת אונ זייא בלייבן דארטן ביז דעם אנדרן שבת (סח) שבת צו נאכט זונגט מען (אליהו הנביא) · דרוף זענן צווייא טעמים · איינס אום שבת קומט ניט משיח אונ (אליהו הנביא) · דרום אז דר שבת איז אום זונגן מיר דס (אליהו הנביא) זאל קומן אונ זאל אונז אבשורה זאגן אוף דר גאולה דען יעקב אבינו ע״ה האט אמשכון גינומין בייא (אליהו) דס ער זאל קומן אונז אבשורה זאגן אוף דר גאולה דר אנדרור טעם איז (אליהו הנביא) זוצט מיט פול טוזונט מלאכים אום מוצאי שבת אונ שרייבט אוף אלו די וס האבן רעכט שבת גהאלטן · אונ פאר קערט די וס האבן היו מחלל שבת גווען · אודר זיי האבן זיך ניט גהאלטן וויא רעכט איז אום שבת · אונ זייא ברענגן דעם זעלבגן בוך פאר הקב״ה · אונ ער שרייבט אן דר ביי וס פאר איין שכר זאלן האבן די צדיקים וס האבן שבת גיהאלטן · אונ אוך דעם עונש פון די רשעים וס האבן מחלל שבת גווען · דרום בעטן מיר הקב״ה זאל אונז שיקן אליהו הנביא ער זאל אונז אבשורה זאגן אוף דר גאולה · אונ זאל אונז אן שרייבן אין בוך פון צדיקים וס האבן רעכט שבת גיהאלטן :

# הלכות הבדלה

(כו) עס איז דר דין הבדלה צו מאכן אובר וויין אונ אז מען קען קיין וויין ניט בקומין מעג מען מאכן אובר ביר אודר מעד · אונ מיזאל דעם כוס גוט ריין מאכן · אונ זאל אריין גוסין מער פון אשיעור אז עס זאל אובר גיין · אונ זאל זיך שטעלן מיט זיין פנים קיין מזרח · די לייט זענן זיך נוהג פר הבדלה צו זאגן גוטי פסוקים (הנה אל ישועתי) דס איז אגוטר סימן צו דר פולר וואך · אונ זאל דעם כוס נעמן אין זיין רעכטו האנט · אונ דיא הבדלה זאל מען האלטן ביי דעם כוס · אונ די לייט וס ווילין יוצא זיין מיט יענעמס הבדלה דארפן זיי צו הערן אוטלוכס ווארט אונ זאלן אריין קוקן אין כוס איידר ער מאכט (בורי פרי הגפן) · זאל ער אבוסל אפ גוסין פונם כוס אוף דר ערד דס איז אגוטר סימן אוף דר פילר וואך צו מזל אונ ברכה אבר נאך דער ברכה טאר ער ניט אום גוסן ביז נאך הבדלה דר נאך זאל ער מאכין די ברכה (בורא פרי הגפן) דער נאך (בורא מיני בשמים) · דס איז פון דעסט וועגן דס מיר זאל גלייבין אז איטלוכר פון ישראל בקומט אום שבת נאך איין נשמה פון לוטר פרייד · דרום פרייאן מיר זיך דיא גאנצו וואך אוף דעם לובין שבת · אבר ווען דר לובר שבת גייט אוועק דא גייט אוך אוועק דיא (נשמה יתירה) פון אוטלוכיי בזונדר ביז דעם אנדרין שבת · אזו זענן מיר טרויאריג אונ דס איז גלייך אז וויא איינער פאלט חלשות דרום מאכן מיר הבדלה אונ שמעקן בשמים :

דר נאך זאל ער זיינו הענט האלטן קעגין דער לוכט צו גמאכט · דר נאך זאל ער זייא עפנן אונ זאל אין זיי אריין קוקן אונ מאכן (בורא מאורי האש) · דען מיטאר ניט קיין ברכה מאכן ביז מען טוט הנאה האבין פון דר זאך אונ מיט דעם וס ער עפנט זיינו הענט אונ זעהט אוף זיינו הענט הייסט איין הנאה אוך איז אסימן דס ער געמט אוף זיך אוף דר פילר וואך זיין האנט אופן האלטן צדקה צו גובין · אזו טוט ער פול מצות בנאנד (הבדלה בשמים מאורי האש צדקה בורא פרי הגפן) נאך איין טעם איז דרום קוקט מען אוף די נעגול אונ פינגר בשעת הבדלה · דען אז אדם אונ חוה האבן גזונדיגט זענן זיי חייב מיתה גווען דען די מעשה איז גווען פרייטאג דא האט דר שבת גבעטן פאר זייא · אונ האט גזאגט לובר גאט דו האסט נאך קיינום ניט גטייט · אונ אין מיר ווילסטו אן הייבן צו טייטן · אונ נאך מער אז דר מענטש וועט ניט זיין ווער וועט דעם שבת האלטן האט הקב״ה ווידר גענפרט צום שבת דו זאגסט רעכט פון דיינט וועגן וועל איך אים מוחל זיין · אזוא

באו' הַפּ' אָדָם הָרִאשׁוֹן אַ גִיהוֹבּן צוּ זָאגוּן (מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת) דֶער מִיט הָאט עֶר זוֹכֶה גִיוֶועזְן אוּנ אוֹיךְ חַוָּה דָס אוּבֶּר שַׁבָּת אִיז זַיי אוֹיף גִיוַואקְסְן אַיין קְלֵייד אוּבֶּר דֶעם גַאנְצְן לַייבּ פוּן אַייטְל נֶעגִיל אוּנ אִים שַׁבָּת צוּ נַאכְט אִיז אִים דָאס קְלֵייד אַרָאפּ אוּנ הקב"ה הָט אִים גְמַאכְט אַיין בֶּעסוּר קְלֵייד פוּן נֵייכוּ וָוזּל • דְרוּם זֶעהְן מִיר אוֹיף דִי נֶעגְל צוּ גֶעדֶענְקְן אִין דִיא זוּנְד פוּן אָדָם אוּנ חַוָּה • דָאס מִיר זָאלְן שׁוֹן נִיט פָאלְגִין דֶעם יֵצֶר הָרָע :

נָאךְ הַבְדָּלָה זָאל עֶר זִיךְ אַנוּדֶר זֶעצְן אוּנ זָאל טְרוּנְקְן פוּן דֶעם כּוֹס אַזוֹ וַויא דֶער שִׁיעוּר פוּן קִידוּשׁ:

דֶער נָאךְ זָאל עֶר אַבִּיסוּל אוּם גִיסְן פוּן דֶעם כּוֹס אוֹיפוּן טִישׁ • אוּנ זָאל דְרִינְגְן אוּם לֶעשְׁן דִי הַבְדָּלָה • דָאס אִיז אוֹיךְ אַגוּטֶער סִימָן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַזוֹ פוּל וַויין בִּיז עֶר וֶועט מִיט אִים נִיצְן אוֹיסְלְכוּ זַאכְן וָואס קֶענְגְן גִיטָאן וֶוערְן דוֹרְךְ וַואסֶר (סז) דֶער נָאךְ וַוייל דֶער טִישׁ אִיז נָאךְ צוּא גִידֶעקְט זָאל עֶר נֶעמְן דֶעם פְּעֶרְדוּן קִיבְן • אוּנ זָאל זִיךְ וַואשְׁן אוּנ זָאל הַמּוֹצִיא מַאכְן אוּנ זָאל עֶסְן אֲפִילוּ נָאר אַכְּזַיִת אִיז עֶר אוֹיךְ יוֹצֵא דֶער נָאךְ זָאל עֶר בֶּענְטְשְׁן • דוּא סְעוּדָה הָאבְּן דוּא חֲכָמִים גִירוּפְן (מְלַוֶּה מַלְכָּה) • עֶר בַּלֵייט דוּא מַלְכָּה דָאס אִיז שַׁבָּת • דוּא חֲכָמִים ז"ל הָאבְּן גִיזָאגְט עֶס אִיז פַאר הַאנְדְן אַיין גְלִיד אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן • דָאס הָאט קַיין הֲנָאָה נִיט פוּן קַיין שׁוּם שְׁפַּייז נָאר פוּן דֶער סְעוּדָה (מְלַוֶּה מַלְכָּה) (סח) מִיטָאר קַיין מְלָאכָה נִיט טוּאָן בִּיז נָאךְ הַבְדָּלָה • אוֹדֶר בִּיז עֶר זָאגְט אַתָּה חוֹנַנְתָּנוּ אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה • דְרוּם אוֹיךְ דוּא וַוייבֶּר אוֹדֶר יוּנְגְן אוֹדֶר מֵיידְן טָארְן קַיין לוּכְט נִיט אָן צוּנְדְן בִּיז זַייא זָאגְן פְרִיהֶר דוּא בְּרָכָה (בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמַּבְדִּיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל בֵּין אוֹר לְחוֹשֶׁךְ בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמַּבְדִּיל בֵּין קוֹדֶשׁ לְחוֹל) :

נוּן וֶועל אִיךְ אָן הֵייבְּן צוּ שְׁרַייבְּן דוּא דִינִים וָואס עֶס אִיז אָסוּר אוֹדֶר מוּתָּר צוּא טוּאָן אוּם שַׁבָּת אוּנ וָואס עֶס אִיז אָסוּר אוּם עֶרֶב שַׁבָּת דָאס וֶועל אִיךְ אַלֶּס בְּקִיצוּר שְׁרַייבְּן נָאר וָוס עֶס נִיצְט אִין אוּנְזֶרוּ קְהִלּוֹת אוּנ אִין אוּנְזֶרוּ דוֹרוֹת • (סט) מִיטָאר קַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים קַיין כֵּלִי נִיט לַייאֶן בָּאהוּנְט צוּ שַׁבָּת מכ"ש אוּם שַׁבָּת • דֶען עֶר וֶועט נִיצְן מִיט אִיר אוּם שַׁבָּת • (ע) אוֹיךְ אִיז אָסוּר צוּ פַאר דוּנְגְן צוּ אִים אַיין בְּהֵמָה • דֶען עֶר וֶועט אַרְבֵּיטְן מִיט אִיר אוּם שַׁבָּת • אוּנ וֶוער עֶס פַאר דוּנְגְט אִים יוּא זָאל זִיךְ אִים נִיט דוּכְטְן אַז עֶס אִיז גֶנִיג עֶר זָאל מִיט אִים אוּם נֶעמְן עֶר זָאל מִיט אִיר נִיט אַרְבֵּיטְן אוּם שַׁבָּת • דֶען דֶער עוֹבֵד כּוֹכָבִים אִיז נִיט בַּגְלַייבְּט דְרוּף • נָאר עֶר זָאל מִיט אִים אוּם נֶעמְן דָאס פַאר שַׁבָּת זָאל עֶר דוּא בְּהֵמָה אוּם אָפּ גֶעבְּן • אוּנ אוּבּ עֶר בְּרֶענְגְט אִים יוּא נִיט אָפּ פַאר שַׁבָּת דָא וַויא אַל עֶר טוּן • דָא זָאל עֶר זָאגְן פְרֵייטָאג פַאר נַאכְט פַאר דְרַייא לַייט אִיךְ בִּין ... מִיר מַיין בְּהֵמָה וָואס זִיא אִיז בַּייא דֶעם עוֹבֵד כּוֹכָבִים • זִיא אִיז שׁוֹן נִיט מַיין • אָבֶּר דָאס הָאט נִיט דֶעם דִין אִין זִיךְ וויא אַנְדֶר הֶפְקֵר • דָס קַיינֶר טָאר נִיט זוֹכֶה זַיין אִין דֶער בְּהֵמָה וַוייל זַיין כַּוָּונָה אִיז נָאר גִיוֶועזְן עֶר זָאל נִיט קוּמְן צוּ קַיין חִילּוּל שַׁבָּת חָלִילָה • (עא) עֶס אִיז מוּתָּר צוּ שִׁיקְן אַיין שְׁלִיחוּת מִיט אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים אוּם עֶרֶב שַׁבָּת • נָאר עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין נָאךְ פַאר נַאכְט אָבֶּר מֶען טָאר אִים נִיט דוּנְגְן עֶר זָאל גֵיין אוֹיפוּן טָאג • אוֹיךְ טָאר מֶען אִים נִיט אָן זָאגְן עֶר זָאל גֵיין אוּם שַׁבָּת (עב) אַזוֹ אוֹיךְ שִׁיקְן אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים מִיט מַשָּׂא אִיז אוֹיךְ דֶער אַייגְנֶר דִין דָאס עֶר מוּז דוּא סְחוֹרָה אַרוּם נֶעמְן פוּן זַיין הוֹיז נָאךְ פַאר נַאכְט אָבֶּר אוּם שַׁבָּת טָאר מֶען נָאר נִיט • אוּנ אַז עֶר הָאט דוּא סְחוֹרָה אוּבֶּר גִיעֶנְפֶּרְט צוּם עוֹבֵד כּוֹכָבִים אִים עֶרֶב שַׁבָּת • אוּנ עֶר זָאגְט דָאז עֶס לוּגְן אִיךְ וֶועל עֶס נֶעמְן וֶוען אִיךְ וֶועל וֶועלְן זָאגְן אַטֵייל לַייט אַז דוּא סְחוֹרָה לוּגְט אִין אַיין וִוינְקְל • אוּנ עֶר הָאט דֶעם עוֹבֵד כּוֹכָבִים דָאס וִוינְקְל אוֹיךְ גִילוּגְן דֶער צוּא אִיז אִים מוּתָּר צוּ לָאזְן נֶעמְן אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת : אָבֶּר וֶוער עֶס טוּט דָאס נִיט זָאל אוֹיף אִים קוּמְן פוּל בְּרָכוֹת • בִּפְרָט אִין דֶער יוּדְשִׁיר גַאס אִיז עֶס פְּשִׁיטָא אָסוּר (מִפְּנֵי מַרְאִית הָעַיִן) עֶס זָאל דֶער פוּן נִיט אַרוּם קוּמְן קַיין חִילּוּל הַשֵּׁם ח"ו :

(עג) אוּם עֶרֶב שַׁבָּת זָאל עֶר פַאר פְרִיא אָן הֵייבְּן צוּ גְרֵייטְן אוֹיף שַׁבָּת • אַיין צוּ קוֹיפְן אַלֶּס וָואס עֶר בַּדַארְף • אוּנ זָאל נִיט וַוארְטְן שְׁפֶּעטוּר וֶועט וָואלְוִוילֶר זַיין • טָאמוּר וֶועט עֶר סָם אָן


וֶוערְן

וָוערין • דֶען הקב״ה בַּצָאלְט אַלְס • דְרוּם וָואס גִיצְט אִים וַוארְטוּן אוֹיף וָועלְווילוּר אוּנ דֶער וָואס וַוארְט יוֹא אִיז עֶר (מִקְטַנֵי אֲמָנָה) (עד) עֶס אִיז אָסוּר צוּא עֶסוּן פְרַייטָאג בַּייא טָאג • כְּדֵי עֶר זָאל הוּנְגְרִיג זַיין צוּ דֶער סְעוּדָה פוּן שַׁבָּת • אַזוֹ אִיז אוֹיךְ דֶער דִין בַּייא אַיין סְעוּדַת מִצְוָה אַיין בְּרִית אוֹדֶר אַיין פִּדְיוֹן הַבֵּן • דוּא לַייט וָואס זֶענִין מְדַקְדֵּק אִין מִצְוֹת עֶסוּן נוּט קַיין וַוארוּם גִיקָעכְץ אוּנ זֶענִין נִיט קוֹבֵעַ סְעוּדָה אִים פְרַייטָאג . אוּנ דוּא לַייט וָואס זֶענִין זִיךְ נוֹהֵג צוּא פַאסְטוּן אוּם פְרַייטָאג • זָאלוּן זַייא זָעהְן אַז מִיט דֶעם זָאלוּן זַייא נִיט מְבַטֵּל זַיין דֶעם עוֹנֶג שַׁבָּת דְהַיְינוּ אַזוֹ וִויא אַמַייל לַייט וָואס דֶער תַּעֲנִית אִיז זַייא צוּ שְׁוָוער • אַזוֹ אִיז בְּעָסוּר נִיט צוּא פַאסְטִין • עֶס זֶענוּן גִיוֶוען צְוַויא מִשְׁפָּחוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם • אַיינוּ פְלֶעגוּן זִיךְ קוֹבֵעַ סְעוּדָה זַיין פְרַייטָאג בַּייא טָאג • אוּנ דוּא אַנְדְרוּ מִשְׁפָּחָה פְלֶעגוּן זִיךְ קוֹבֵעַ סְעוּדָה זַיין שַׁבָּת בַּייא טָאג בְּשַׁעַת מֶען אִיז גִינַאנְגוּן צוּא דֶער דְרָשָׁה זֶענוּן דוּא מִשְׁפָּחוֹת צְוַויא אוּם גְרוֹסְן גִיוָוארוּן פוּן דֶער וָועלְט • אוּנ עֶס אִיז קַיינֶר נִיט אוּבֶּר גִיבְּלִיבְּן פוּן זֵיי : (עו) עֶרֶב שַׁבָּת אֲפִילוּ פַאר נַאכְט טָאג מֶען גֶעבּוּן גְרֶעט וַואשִׁין צוּ אַיין עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים • נָאר זַייא זָאל עֶס צוּ זִיךְ נֶעמוּן פַאר שַׁבָּת • אָבֶּר עֶר טָאר נִיט זָאגוּן צוּ אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים עֶר זָאל אִים אַמְלָאכָה טוּן אוּם שַׁבָּת : (עז) עֶס אִיז אַגְרוֹסוּ מִצְוָה מֶען זָאל זִיךְ אָפּ וַואשׁוּן מִיט וַוארוּם וַואסוּר אוּם עֶרֶב שַׁבָּת אוּנ זַיינוּ נֶעגוּל שְׁנַיידוּן אַלְס וִויא אוּבּוּן שְׁטֵייט • (עח) אִיטְלוּכֶר בַּעַל הַבַּיִת אִיז מְחוּיָיב צוּ זָאגוּן צוּ זַיין הוֹיז גִיזוּנְד צוּנְד אָן לוּכְט בַּצַייטוּן אַיידֶר דוּא זוּן גֵייט הוּנְטֶר • אֲפִילוּ עֶר וַוייסְט זַייא זֶענוּן זַייעֶר גִיוָוארוּנְט דְרוּנְן דַארְף • עֶר זַייא דָאךְ דֶער מַאנוּן דֶער צוּ : (עט) אַז מִיהָאט פַאר גֶעסוּן דוּא לוּכְט אָן צוּנְדוּן טָאג מֶען הַייסוּן אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים זַייא אָן צוּנְדוּן אַיידֶר עֶס אִיז נָאךְ רֶעכְט נַאכְט • אָבֶּר אַז עֶס שְׁפֵּייאָן שׁוֹן שְׁטֶערוּן טָאר מֶען אִים נִיט הַייסְן אָן צוּנְדוּן • וָוען אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים הָאט אָן גִיצוּנְדוּן אַיין לִיכְט אוּם שַׁבָּת פוּן אַיין יְהוּדִי וָועגוּן • טָאר מֶען דֶער פוּן נִיט נֶהֱנֶה זַיין אָבֶּר אַז עֶס בְּרֶענְט נָאךְ אַנַאנְדֶר לוּכְט דֶער בַּייא טָאג מֶען וואוּל נֶהֱנֶה זַיין פוּן בֵּיידוּ וַוייל דוּא עֶרְשְׁטוּ לוּכְט בְּרֶענְט נָאךְ • אוּנ אַז דוּא לִיכְט גֵייט אוּס טָאר קֶען וַוייטֶר נִיט נֶהֱנֶה זַיין פוּן דֶער אַנְדֶרֶר לוּכְט . אָבֶּר דֶער וָואס אִיז בַּייא אִים אַסְעוּדַת מִצְוָה • אוֹדֶר עֶר הָאט גֶעסְט בַּייא זִיךְ טָאג מֶען וואוּל נִיצְן בַּייא דֶער לִיכְט • דְרוּם זֶענוּן דוּא וָועלְט זַייעֶר מַיקֵל דְרוּנְן אוּנ הַייסוּן אֲפִילוּ אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים אַיין לוּכְט אָן צוּנְדוּן אוּם שַׁבָּת דֶען זַייא רֶעכְנִין עֶס פַאר אַיין מִצְוָה אָבֶּר וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר דְרוּנְן תָּבֹא עָלָיו בְּרָכָה : (פא) דָס טְשָׁאלוּנְט בְּרֶעטוּל דַארְף מֶען הַייסוּן אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים אוֹיף רַייסוּן • אוּנ אַז עֶר אִיז נִישְׁט דָא קַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים זָאל מֶען הַייסוּן אַזוֹ אַיין קוּנְד וָואס אִיז

נָאךְ נִיט בַּר מִצְוָה אוּנ אוּב נִיט מֶעג מֶען עֶס זֶעלְבֶּרְט טָאן :

אַיין אַמַייל עֶרְטוּר אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג אַרַיין צוּ רוּקְן דֶעם • טְשָׁאלוּנְט אִין שְׁטוּבּ אוֹיבוּן אוּנ אַז דֶער עוֹבֵד כּוֹכָבִים קוּמְט שַׁבָּת פְרִיא אַיין צוּ הַייצוּן נֶעמְט עֶר אִים אַרוּס . אוּנ שְׁטֶעלְט אִים אוֹפוּן אוֹיבוּן • דֶער נָאךְ הַייצְט עֶר אַיין • אוֹיךְ מֶעג מֶען הַייסוּן אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים קַאלְט גִיקָעכְץ אַרוֹיף שְׁטֶעלוּן אוֹפוּן אוֹיבוּן אַיידֶר מֶען הַייצְט אַיין • אָבֶּר אַיין יְהוּדִי טָאר דָאס נִיט טָאן אוּנ אַז דָאס גִיקָעכְץ וָועט אוֹיף דֶעם אוֹיבוּן זִידוּנְדִיג וָוערוּן טָאר מֶען צוּ קַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים נִיט הַייסוּן אַרָאפּ נֶעמוּן • (פב) עֶס אִיז אַגְרוֹסוּ מִצְוָה אוּנ עוֹנֶג שַׁבָּת מְיָאל עֶסוּן וַוארוּם גִיקָעכְץ • דְרוּם אִיז דֶער מִנְהָג אִין אוּנְזֶרוּ מְדִינוֹת דָאס מֶען רוּקְט טְשָׁאלוּנְט • כְּדֵי דָאס גִיקָעכְץ זָאל זַיין וַוארוּם אוּנ וֶוער עֶס הַאלְט דָאס פַאר אַיין אִיסוּר • אוּנ וָוייל נִיט גְלַייבּוּן אַז דוּא חֲכָמִים הָאבּוּן דָאס מַתִּיר גִיוֶוען אִיז עֶר אַיין (מִין) אוֹדֶר אַפִּיקוֹרֶס (פג) אוּמְלוּכֶר זָאל זִיךְ בַּוִיכָן אוּם שַׁבָּת אוּבּ עֶר טְרָאגְט נִיט עֶפִּיס בַּייא זִיךְ • אֲפִילוּ אַיין נָאדוּל אִין זַיינוּ קְלֵיידֶר דֶען טָאמוּר וָועט עֶר פַאר גֶעסוּן אוּנ וָועט עֶס אַרוּס טְרָאגוּן חוּץ לַתְּחוּם (פד) אוּמְלוּכֶר זָאל גִיוָוארוּנְט זַיין נִיט אָן צוּ צוּנְדוּן קַיין שְׁלֶעכְטוּן אַייל אִין זַיין הוֹיז אוּם שַׁבָּת • דֶען טָאמַר וָועט עֶר קוּמֶן צוּ אַיין חִילוּל שַׁבָּת חַ״ו • דָאס מַחְמַת עֶס וָועט פִינְצְטֶר בְּרֶענוּן וָועט עֶר קוּמֶן צוּ פַארִיכְטוּן בְּשׁוֹגֵג : (פה) אִין אַלוּ חֲדָרִים וָוס מֶען גִיצְט אִין זַייא אוּם שַׁבָּת דַארְף מֶען דְרוּנְן אַיין לוּכְט אָן צוּנְדוּן אוּנ דֶער וָואס הָאט זַיין אַייגוּן חֶדֶר דַארְף עֶר דְרוּנְן אַיין לוּכְט אָן צוּנְדָן • אוּנ אוּבּ נִיט זָאל עֶר גוּבִּין אַיין שִׁילִנְגֶר דֶעם בַּעַל הַבַּיִת וָואס דֶער חֶדֶר אִיז אַיין

זיין הוז כדי ער זאל אים מוציא זיין מיט זיינע לוכט · אונ ער זאל צו הערון דוא ברכה אונ זאל דרויף אמן זאגון : דוא ווייבר זענון זיך נוהג אן צונדרון לוכט אונ ווארפון זייא באלד ארוס פון דער האנט אונ זענון באלד מקבל שבת · אבר זייא מענון אתנאי אום נעמון אז זייא וויכן אוף זיך ניט מקבל שבת זיין ביז נאך ברכו :

(פו) דער וויס קומט צו פארון פון זיין הענדיל אונ דאס קהל זענין שון מקבל שבת זאל ער פון זיך אראפ ווארפון וואס ער טראגט ביי זיך אונ זאל מיט זייא מקבל שבת זיין : (פז) ווען איינער קומט אונ שול אריין · אונ דם קהל האלטון שוין נאך ברכו טאר ער ניט דאווינען קיין וואכונדיגי שמונה עשרה · נאר נאך מעריב אונ ויכולו זאל ער זאגין אשרי אונ נאך איין שבתדיגי שמונה עשרה · אבר אז ער קומט פאר ברכו מאג ער זיך שטעלין דאווינון איין וואכונדיגי שמונה עשרה אפילו ער וועט זוא ניט גומר זיין פר ברכו · ווייל ער הייבט אן בהיתר · אונ ווען אפילו ער קומט נאך ברכו מעג ער בלייבין שטיין אין פאליש אונ דאווענין א וואכונדיגי שמונה עשרה · אבר וויא באלד ער איז שון אריין גיקומן אין שול מוז ער שוין דאווענין איין שבתדיגי שמונה עשרה :

(פח) ווען איינר פארט אין וועג אונ עס ווערט שבת · אונ ער טראגט געלט ביא זיך · זאל ער אזו טון הט ער מיט זיך איין עובד כוכבים זאל ער עס אפ גובין דעם עובד כוכבים צו טראגין · אונ זאל עס ניט ארוף לייגין אויף זיין פערד · דען עס זיין פערד איז אוך פר באמין שבת צוא האלטון אונ אז ער הט ניט קיין עובד כוכבים מעג ער עס לייגין אויפן פערד · אונ אז ער שטעלט זיך אנידר זאל ער עס אראפ נעמין · אונ אז ער הט קיין פערד אויך ניט מאג ער עס גובין צוא אזו אקונד וואס איז נאך ניט בר מצוה · אונ אז ער הט קיין קונד אוך ניט זאל ער עס איין טראגן צוא ווייניגר פון פיר איילין אונ זאל עס ווידר אנידר לייגין · ביז ער קומט צו איין אורט וואס ער קען עס באווארגין · דס איז גרעט גיווארון ביא זיין אייגין געלט אודר זיין חברס געלט אונ ער איז אוף איין מסוכן אורט · אבר אז עס איז איין מציאה · אודר ער איז ניט אוף איין מקום מסוכן דארף ער בלייבון שטיין אוף זיין אורט · אונ טאר עס ניט מטלטל זיין :

ווען איינר הט ביא זיך פאר געסין איין בייטול געלט איז ער אין זיין הויז מאג ער אריין גיין אין אחדר אריין אונ עס ארוס ווארפין · איז ער אבר אויף דער גאס זאל ער עס דארטון ארויס ווארפן אונ זאל בעטין איין בקאנטון עובד כוכבים ער זאל עס אים היטן · אבר ער טאר אים עש ניט הייסון אריין טראגון · אונ אז דר עובד כוכבים טראגט עס אליין אריין איז אויך ניט קשה · ווען איינר גפונט געלט אין רשות הרבים אום שבת טאר ער עס ניט אן רורין אפילו ער הט מורא אנאנדרר וועט עס צו נעמין : (פט) מען מעג וואול מנחם אבלים זיין אום שבת · אונ אויך מבקר חולה זיין · נאר אום דער וואכין זאגט מען צום חולה (השם ישלח לך רפואה שלימה) אבר אום שבת זאגט מען אזו (שבת היום מלזעוק ורפואה קרובה לבוא) עס איז היינט שבת טאר מען ניט שרייאון · אונ דוא רפואה איז נאהונט צו קומן (צ) עס איז אסור צוא פ״ן ״טון אום שבת ביז זעקס שעה אופן טאג · אפילו ער איז מאריך אין זיין תפלה אודר ער לערנט תורה · מכ״ש אז ער רעט דער ווייל פאטשטון אונ דברים בטלים · איז בוודאי דער איסור זייער גרוס · אבר ווער עס קאן ניט פריא עסון מאג ער וואול ווארטון אבר זיין הוז גיזונד זאלון ניט פאסטין דער וויל :

(צא) ווען איינם קומט אן איין גיוויין אום שבת אונ אז ער וועט זיך איין האלטון ניט צו וויינון וועט עס אים זיין איין צער · מאג ער וויינון שטולר הייד · דאס דוא שכנים זאלון ניט הערון זיין קול (צב) ווער עס איז גיוויינטלוך צו פאסטון אלו טאג · אונ אז ער וועט עסון ביא טאג שאט עס אים · מאג ער וואול פאסטון אום שבת · אזו האבון אוך גיטאן פול חסידים אונ צדיקים· אונ אוך רבי יהודה חסיד (צב) איין תענית חלום אום שבת זענון פאר האנדון פול דיעות ; אטייל זאגון ער מעג פאסטון · אבר ער בדארף זונטאג ווידר פאסטון אוף דעם וואס ער האט מבטל גיוועין דעם עונג שבת · אונ אז עס איז אים צו שווער צו פאסטון צווייא טאג דורך אנאנדר · זאל ער אנאנדר טאג אפ פאכטון · אונ אטייל זאגון אז מיטאר ניט פאסטון קיידון דער חלום איז שון

צו אים גקומן דרייא מאל · אונ אטייל זאגן אז אין אונזרו דורות טאר מען גאר ניט פאסטין קיין תענית חלום אום שבת · דען מיר ווייסן ניט וואס ס׳ם הייסט אשלעכטור חלום אטייל זאגן אוף דו דרייא חלומות דארף מען פאסטון אפילו אום שבת דאס ערשטו דעם וואס דוכט זיך אין חלום אז עס איז יום כיפור · דס אנדרו אז עס דאכט זיך אים אז איין ס״ת איז ח״ו פר ברענט גווארן · דאס דריטו אז עס דאכט זיך אים זיינו ציין זענן ארוס גיפאלן · אבר אז עס דאכט אים זיינו קין באקין זענן ארוס גפאלן דאס איז אגוטר חלום דס בטייט דאס זיינו פיינט וואס טראכטון אוף אים בייז וועלון פלארון ווערון · אטייל לייט זאגן ווער עס זעהט אין חלום אז ער לייאנט אוס איין ספר תורה מעג ער אוך פאסטון אום שבת · אטייל זאגן אוך ווער עס זעהט אין חלום אז ער הט איין ווייב גנומן · אונ דער וואס פאסט אום שבת זאל ער זאגן ענינו אין (אלהי נצור) פאר (יהיו לרצון) · אונ מאג אוך זאגן דעם (רבון העולמים גלוי וידוע כו׳ :

(צד) מען מעג תפלה טאן אוף איין קראנקון וואס איז מסוכן אין (אלהי נצור) פאר (יהיו לרצון) אונ מען מעג אים וואול לאזון בענטשון אום שבת גלייך ווייא מפלעגט צו בענטשן אום דר וואכון · (צה) די בעלי בתים אונ סוחרים אונ בעלי מלאכות וואס לערנון ניט אגאנצו וואך דארפון אום שבת מער לערנון פון דו תלמידי חכמים · אזו ווי אובן שטייט · דען דם איז דער עונג שבת פון דוא תלמידי חכמים זייא זאלון לערנור זיצן בייא דעם טוש ווייא אלו טאג · אונ זאל זיך מפנג זיין מיט עסון אונ טרונקן : (צו) אום שבת זאל מען זיך מער הוטן פר עבירות וויא אגאנצו וואך · מכ״ש דם ער זאל ניט פר דארבון זיין גוטי כלי מיט דברים בטלים אום שבת וואס איז גגליכן צו עוה״ב דרום זאל זיך איטליכר זעצן איבר אספר אום שבת אונ ווער עס קען ניט זאל לייאנון טייטש ספרים · כדי ער זאל ניט קומן צו דברים בטלים : (צז) עס איז אסור גשווינד צוא לופון אודר איין גרוסון שפאן צו טאן אום שבת · חוץ צו איין דבר מצוה אין שול אודר אין בית המדרש ארייון · אבר דיא יונגע בחורים מעגון וואול לופן נאך ווייער לערנון אודר זיך שפאצירן פון עונג שבת ווען : (צח) דם וועל איך שרייבון דיא דינים וואס מען מעג ארוס טראגון אוים דעם עירוב · אונ וואס מיטאר ניט · אזו איין מלבוש ווס ער איז בטוח אז עס וועט ניט אראפ פאלון פון אים · אודר ער וועט עס ניט אום טואן מאג ער עס טראגון חוץ לעירוב : (צט) קיין מאנזבול אוך קיין אשה טארון ניט ארוס גיין מיט איין שווערד אודר מיט איין בוקס · אודער מיט איין שפיז · אודר ניט מיט איין פאנצור · אודר מיט תפילין אפילו ער גייט דרונן אן גקלייד דען דם איז קיין מלבוש ניט :

(ק) אויך זאל קיינר ניט ארוס אום דעם עירוב מיט אזו איין שיך ווס איז אוף אים צוא גרוס אודר קליין · טאמור וועט ער אים אום טואן אונ וועט אים טראגון · אוך מיט אשיך אונ דער אנדרר פום בארוויס · דען דיא לייט וועלון שפעטון פון אים · וועט ער אים אום טאן אונ וועט אים טראגון סיידון ער הט איין מכה אופן בארוויסן פיס דא וועט איטלובר זעהן : (קא) עס טאר קיינר ניט ארוס גיין פון דעם עירוב אונ איין נאדול אודר איין שפילקע שטעקט אין זיינע קליידור · אבר דו ווייבור מעגון יוא ארוס גיין מיט שפולקים אויפן שלייאר אבר דו שפילקים זיס זענון איברוג · דם דר שלייאר וועט זיך האלטון אן זיי טאר זוא ניט ארוס טראגן אום דעם עירוב: (קב) איין מאנזבול טאר ניט ארוס גיין אום דעם עירוב מיט איין תכשיט פון איין אשה · אזו אוך איין אשה מיט דעם תכשיט פון אמאנזבול · דרום וויא דער מנהג איז אז דוא מאנזבלון גייאן מיט איין פינגרול מיט אחותם · אונ דו ווייבר אין איין פינגרול מיט אן אחותם · אז זייא פאר בייטון די פינגרליך טארין זייא ניט ארוס גיין אום דעם עירוב · דען דם הייסט איין תכשיט פון אמאנזבול אונ דם איז איין תכשיט פון איין אשה · אזו איז אוך דר דין מיט איין אבן טוב · אבר וויא דר מנהג איז אז מאנזבלון אונ ווייבער גייאן אין אלס איינו פינגרליך · מעגון זייא ארוס גיין מיט זיי אום דעם עירוב : (קג) מען מאג ארוס גיין מיט איין זולברנם אודר קופרנום אודר אייזרנם שלוסעל · אוב ער איז ניט בהעפט אין נארטיל: איין (זב) אודר איין (נדה) טארון ניט ארוס גיין

מיט זייער בייטל וואס זייא טואן אן אז דוא העמד זאל ניט פאר שמורט ווערן · סיידן עס איז
גימאכט וויא איין מלבוש :

(קה) איטליכר מעג אום גיין מיט איין הוטל אופן קאפ פארן רעגן · אבר מיטאר ניט ארוף
לייגן קיין טיר אופן קאפ. אזו אוך אנאנדר זאך וואס איז קיין מלבוש ניט (קו) מען
מאג אום גיין מיט איין פאנטאפול : אונ איך האב קיין זארג ניט צו האבן וויל ער איז גרונג אום
צו טאן וועט ער אים אוס טאן אונ וועט אים טראגן · דען מיטאר ניט גיין בארוויס אים שבת ·
ווער עס קען ניט גיין פור איילן אן אשטעקן מאג ער וואול אום גיין מיט זיין שטעקן אבר דער וס
קען יוא דער טאר ניט אום גיין מיט זיין שטעקן אפילו ער איז איין הינקונדונר אודר איין בלונדר
אבר דער וואס גייט אין איינרנו קישן ר"ל מאג ער דער מיט אום גיין אום דעם עירוב (קח) אוף
דוא ערטור וואס מען גייט אוך "זאלצן טארון זייא ניט אום גיין דער מיט · אוך ניט מיט איין
צו גיטשפעטו בארד · (קט) מען מאג וואול זיך ארום דעקן מיט איין זאק פארן רעגן : נאר
מען זאל אים פארונט צו בונדן מיט איין שנירל · דאס ער זאל ניט קענון אראפ פאלון · מען מאג
ארום גיין מיט איין פלאכטור · אוף איין מכה צו גיבונדן מיט איין טוך · אבר ניט מיט אשנורל :
(קי) מען טאר ניט אום גיין מיט איין פאטשלו אפילו זו איז אן גיקנופט אין גארטול · סיידן זיא איז
צוא גנייט צוא זיין קלייד · (קיא) אז ער האט ניט קיין אנדר זאקן בענדול אופן פוס מאג ער צוא
בונדן מיט דער פאטשלו אונ אום גיין מיט איר : אבר אז ער גייט שון צוא גיבונדן מיט אנאנדר
זאקן בענדול טאר ער ניט צו בונדן דו פאטשלו דען מיטאר ניט אום גיין מיט צוויי זאקן בענדליך :
(קיב) ווער עס גייט אין קרייטבצור פר איין קמיע מאג ער דער מיט ארום גיין פון דעם עירוב ·
איין קמיע וום איז דרייא מאל גפרובט גווארון דס הייסט איין רעכטו קמיע · אונ מען
מעג מיט איר ארום גיין · אונ אוב זיא איז ניט גפרובט גווארון דרייא מאל · אונ עס הט זיא אויך
ניט גגעבון קיין גווישר דאקטור טאר מען מיט איר ניט ארום גיין · אבער דוא קמיע פון איין גווישן
דאקטור דארף ניט האבן קיין דרייא מאל פרובן · סייא איין גשריבנו קמיע סייא פון קרייטכץ
אודר פון אנאנדור זאך · אונ סייא דר וום טראגט זיא איז איין קראנקור ר"ל · אודר ער טראגט זיא
ער זאל ניט קראנק ווערן איז אלס איין דין · אוטלוכור דאקטור איז באגלייבט אז ער זאגט איך
בין איין רעכטור דאקטור אונ דארף קיין עדות ניט האבן · אוך אוטלוכור יהודי איז באגלייבט
אז ער זאגט עס איז איי גווישו קמיע זיא איז שון דרייא מאל גפרובט : (קיג) ווער עס גייט צו גבונדן
אוף איין מכה מיט איין גראשון · אודר מיט איין נוס שאלוכץ מאג ער דר מיט ארום גיין (קיד) מען
טאר ניט ארוף לייגן אוף זיינו אקסול קיין ראק אודר קיין מאנטול · אונ דר מיט ארום גיין אום
דעם עירוב נאר ער מוז עס רעכט אן טואן · אוך דעסט גלייכון ווער עס וויל גיין אום דעם עירוב
מיט זיין טלית דארף ער אים אן טואן וויא דר סדר איז · אונ דו עקן ארוף לייגן אוף זיינו אקסול
אבר אזו ארוף טאן אוף דוא אקסול ניט אן גטאן איז אסור ארום צו גיין · ווען אייער גייט אוף איין
אום ריין אורט מעג ער אוף הייבן זיינו קליידר זיי זאלון ניט איין גשמורט ווערון :

(קטז) ווען איינור טראגט ביי זיך געלט איין גבונדן אין זיין קלייד · אפילו עס איז גלעכורט געלט
דס ער מעג עס אין זיין הוז יוא טראגון · אבר חוץ לעירוב טאר ער עס ניט טראגן ·
ווען איינור וואנט אוף אזו איין אורט וום זיין געלט איז ניט בווארונט פר גניבות · אונ ער האט עס
איין גנייט אין זיין קלייד · מאג ער עס ארום טראגון אין זיין הוז אבער ניט חוץ לעירוב סיידן ער
דארף נייטונג גיין · אבר אז ער בדארף ניט · אודר ער קען עס בווארונן · אודר איינום צו געבון
בהאלטון טאר ער עס ניט ארום טראגון : (קטו) מען מעג ארום גיין אן גטאן אין צוויא קליידור ·
אין צווייא מאנטלון אודער צווייא העמדור אודער צווייא פאר הוזון צווייא פאר זאקון · אבר אין
צווייא גארטלון טאר מען ניט · סיידן ער בונד צו איינום אוף דעם אנדרון קלייד · אונ דעם אנדרון
אוף דעם אנדרון קלייד : (קיז) מיטאר ניט ארום גיין אין העגטשקום · דען טאמור ניט ער זייא
אראפ נעמון אונ וועט זיי טראגון סיידן זיי זענן צו גנייט צו דו ארבול : (קיח) מיטאר ניט אן

טואן אום שבת איין טלית אודער איין ארבע כנפות מיט פסולי ציצית · דען טאמר וועט ער דער מיט ארוים גיין אום דעם עירוב · אונ דאס איז אסור : (קיט) ער טאר ניט גיין אין קיין קאפעלוש אום שבת אפילו אין זיין הויז אונ אזו איין הוטול וואס קען ניט ארוף אוף זיין קאפ טאר ער ניט דר מיט ארוים גיין אום דעם עירוב דען טאמור וועט עס אים דר ווינט אראפ ווייאן אזו וועט ער עס טראגן סיידון דם הוטול איז צו גיקנופט צו זיין האלז :

(קכ) ווען זיינו קליידור זענון נאס גיווארון מעג ער אין זייא אזו גיין אין זיין הויז · אונ איך האב קיין מורא ניט ער וועט זיי אום קוועטשון · אבר ער טאר זיי ניט אוף הענגוו טרוקענון אודר אזו טראגון אוף זיין אקסול אפילו זיי זענון נאר נאס פון שוויים · דען איך האב יוא מורא ער וועט זיי אום קוועטשון · אוך טאר ער מיט זיי ניט ארוים גיין אום דעם עירוב · דרום טאר קיינר ניט גיין אזעלכו ערטור וואס זיינו קליידור קענון נאס ווערון : (קכא) מען מעג וואשון די הענט אום שבת פון איין טייך · אבר ער טאר מיט זיי ניט גייאן נאסור הייד פור איילון חוץ לעירוב : (קכב) דר וואס האט איין גרונדוגו קאפ מעג ער ארוים גיין מיט זיין פלאסטור · אוב ער הט אים פרור גיהאט איין שעה אופון קאפ · אונ זומט ניט דר וואס הט איין שלעכטו האנט אודר איין שלעכטו פוס אודר אפילו איין פונגר · אונ ער האט דו ווינד ארום גבונדון מיט איין טוך מעג ער דער מיט ארום גיין אוים דעם עירוב :

## דיני ניקוי וקיפול בגדים

(קכג) מען טאר ניט אום טרייסלן אום שבת קיין שום מלבוש פון דעם טויא אודר רעגין אודר שטויב וואס איז דרויף גיפאלן · אבר מען מעג אפ קלובון פון דיא פעדרין · אוך ווער עס נעמט אראפ פון איין טוך דיא פעדים אונ שפענדליך וואס ליגן דרויף פון דר וואכין אן איז ער מחלל שבת ח״ו · עס איז אסור צו נויף צו לייגין אום שבת איין טלית אודר אנאנדר מלבוש אבר איין נייאי העמד וואס איז נאך ניט גיוואשון גיווארין · אונ דר זעלביגר מענטש האט ניט קיין אנדרי אן צו טואן אז ער וויל עס אן טואן דעם זעלבגין שבת איז אים מותר צום אוף צו לייגן · אבר עס טאר אים קיינר ניט העלפין · אונ וויא באלד עס פעלט איינס פון דעם אלום וואס איז דא אום גרעכונט איז אסור אבר ניט אין די ערשטי פאלבין איז מותר : (קכד) איין מלבוש אודר ווייס גרעט וואס לוגט אין פרעס טאר מען עס ניט ארוס נעמין אום שבת דען דאס הייסט איין מלאכה ווייס גרעט וואס איז הארט מעג מען עס צו רייבין מיט די הענט ביז עס ווערט ווייך · מיט איין האלץ איז אסור · דס איז דווקא ביי איין העמד סייא פון איין מאנזבול סייא פון איין אשה · אבר אנאנדר גרעט איז אסור :

(קכה) ווען איינם הט זיך אן גקלעפט ליים אודר ערד אין זיין שוך · טאר ער אים ניט אפ רייבון אוף אום גפלאסטורט ערד · אבר ער מעג אים אפ רייבון מיט אזו איין שערביל וואס מען מעג מטלטל זיין · אזו ווי עס וועט ווייטר שטיין אונ ווען זיין שוך איז איין גשמורט גיווארון סייא איין גייאר סייא איין אלטר · טאר ער אים ניט אפ רייבין מיט די נעגול מכ״ש ניט מיט איין מעסור · אונ ווען זיינו קליידר זענון איין גשמורט גווארין מיט ערד · אז עס איז דאר טאר ער עס ניט אפ רייבין · אונ אז עס איז נאך נאס מעג ער עס אפ ווישן מיט די פינגר · ווען זיינו שוך זענין דאר גווארין דאס ער קאן זיי ניט אן טואן אודר זיי טואן אים ווייא מעג ער אוף זיי גוסן וואסור · אבר ער טאר זיי ניט רייבן מיט דיא הענט אודר איין שוך אין אנדרון אבר מיטאר ניט גוסין קיין וואסור אוף איין קלייד אפילו ווייך צו מאכין · וויא דען זאל ער טואן · ער זאל עס אפ וואשין באמעלוך מיט איין טוכל · דאס ער זאל עס ניט אום קוועטשין : (קכו) ווען איינר הט זיך גיוואשין זיינו הענט זאל ער זיי ניט אפ ווישן אין איין האנטוך דען ער וועט אים נאס מאכין נאר ער זאל צום אוף נעמין די הענט אונ זאל לאזן די וואסור אראפ לויפין פון זיי · דער נאך מעג ער זיך אפ ווישן · אוך אמלבוש וואס איז נאס גיווארין מיט השתנה טאר ער ניט גוסין דרויף קיין וואסור מבטל צו זיין דיא השתנה · ווען איינר איז באשמירט גווארון זיינו הענט מיט אום ריינקייט · טאר ער זיי ניט אפ ווישן אונ איין ווייך טוכל · נאר אין איין

האַרטס · אָדר אין איין ווײדל פון איין בְּהֵמָה · איין כְּלִי אָדר איין פְּרִי וואס זיא איז נאם טאָר מען זיא ניט אום ווישן מיט איין טוכל :

(קכז) איין אִשָּׁה טאָר ניט גיין אום שַׁבָּת מיט איברוגי שפילקוס אין שלייאר · דען טאָמור ווערט זיא דר מיט אַרוס גיין אום דעם עירוב · איין צו בראַכוני נאַדול טאָר מען ניט מְטַלְטֵל זיין · אזעלכו קוגיר וואס מיהאט זיא גימאַכט איין לאך אין אויער אין מיהאט דרונן אַריין גצוגן איין פאַדים · מעגין זיי וואול אַרוס גיין דר מיט אום דעם עירוב (קכח) איין אִשָּׁה אָדר איין מויד טאָרין ניט פאַרבין זייער פָּנִים · אוך ניט צו צו קלעבן איין טייג צו די באַקין דר נאך נעמין זיי עס אַראָפּ · אזו ווערין רוט דיא באַקין דס איז אָסוּר אום שַׁבָּת · אוך טאָרין זיי ניט צו פלעכטין אָדר אויף פלעכטין זייערי האָר אום שַׁבָּת · נאָר זיא מעגן זיא אפּ גלעטין מיט דר האַנט אָבר ניט מיט איין מעסור · אוך טאָר זיא ניט קעמין אָדר בערשטלן אירי האָר · דען טאָמור ווערט זיא אייניג פון זיא אום רייסין : (קכט) איין בְּהֵמָה פון איין יְהוּדִי טאָר אוך קיין מְלָאכָה ניט טואָן אונ ניט טראָגין אום דעם עירוב אום שַׁבָּת · אונ איך וועל אי״ה בשיידין די דינים דער פון · קיין פערד טאָר גיין אום גיין מיט דר צום אונ חאַמיט · אָבר מיט איינם פון די צוויא מאָג ער יוא אום גיין · אוך טאָר ער ניט אום גיין מיט איין זאַטיל · אָדר מיט איין קאַמץ ווייל עס ווערט ניט גהיט דער מיט · אויך טאָר קיין בְּהֵמָה ניט אַרוס גיין מיט דעם צירונג וואס הענגט אויף איר האַלז · אָדר צווישן די אויגן דר כְּלַל איז אזו איין זאַך וואס זיא ווערט ניט גהיט דר מיט טאָר זיא ניט דר מיט אַרוס גיין :

איין בְּהֵמָה טאָר ניט גייאָן אום שַׁבָּת מיט איין קלאַטלי אויף איר האַלז · אפילו אין דר היים דען זיא ווערט דר מיט קלונגן · סיידין עס איז פר שטאָפּט : דס עס קען ניט קלונגן · אָבר אוים דעם עירוב טאָר זיא אַזעלכוס ניט טראָגין · אוך טאָר זיא ניט אום גיין מיט איין מול באַנד אָדר מיט פיטקאָוויס · דען זיא ווערט צו שטוסן די שטיינר מיט אירי פוס · אָבר אז זיא הט אשלעכטו פוס · אונ מיהאַט זיא אַרוס גבונדן מיט לעשטישקים אָודער מיט איין טוך · דער מיט מאָג זיא אַרוס גיין · אוך טאָר קיין פערד ניט אַרוס גיין מיט אַשטרוק אופן האַלז ווייל עס ווערט ניט גהיט דר מיט · אזו אוך קיין אַנדרו בְּהֵמָה דען זיא דאַרף קיין שטרוק ניט · אָבר איין קאַלב מאָג יוא אַרוים גיין מיט איין שטרוק · ווייל עס ווערט גהיט דר מיט · קיין הונר טאָרין ניט אַרוס גיין מיט אַשנוּרל אופן פוס · קורץ פון דר זאַך דר כְּלַל פון דר זאַך איז אלורלייא בְּהֵמוֹת אונ חַיּוֹת אונ עופות פון איין יְהוּדִי האָבן איין דין אין זיך קעגן דעם :

## ענין רכיבה לא על הבהמה ולא על העגלה

(קל) עס איז אָסוּר צו רייטן אויף איין בְּהֵמָה · אָדר צוא פאָרין אין איין וואָגין אום שַׁבָּת אפילו דיא בְּהֵמָה איז פון איין עובד כּוֹכָבִים · מכ״ש אז דיא בְּהֵמָה איז פון איין יְהוּדִי · אזו טוט ער צווייא עבירות · זיין עבירה אונ די עבירה פון זיין בְּהֵמָה · אָבר אז ער הט איין קנעכט איין עובד כּוֹכָבִים מאָג ער אים לאָזין רייטין אויף איין בְּהֵמָה צום וואַסר זיא אָן צוא טרונקן · אָבר ער זאָל גוואָרונט זיין ניט צו לייגין אויף איר קיין שום כְּלִי : (קלא) מען מאָג הייסין איין עובד כּוֹכָבִים צו מעלקין איין בְּהֵמָה אום שַׁבָּת · פון איר טוֹבָה וועגין דאָס דיא מילך טוט איר ווייא · אָבר מען דאַרף אים צאָלין דר פר גלייך ווי ער קופט ביי אים די מולך · אונ ער טאָר ניט די מילך ניצן אין דעם זעלבין שַׁבָּת : (קלב) עס איז מוּתָּר צו געבין איין בְּהֵמָה צו איין פאַקטיך עובד כּוֹכָבִים · אונ ער האָט ניט זאָרג צו האָבין אז ער ווערט אַרביטן מיט איר אום שַׁבָּת · אָדר ער ווערט זיא אַרוס פורן חוּץ לַתְּחוּם · נאָר ער טאָר אים ניט הייסין · אונ אז ער זעהט אים אַרביטן מיט איר אום שַׁבָּת דאַרף ער אים ווערין :

(קלג) זיין הונט מעג אַרוס גיין מיט איין רונג אונ מיט איין האַלז באַנד · אוך זאָל איטלוכער גוואָרונט זיין ווען ער פורט איין בְּהֵמָה אום דעם עירוב מיט איין צום זאָל ער זעהן אז דר שטרוק זאָל ניט אַראָפּ הענגין פון זיין האַנט איין טֶפַח · אוך צווישן אים אונ דר בְּהֵמָה זאָל דר

שטרוק ניט אראפ העגגין נאהונט צו דר ערד. עס איז פר האנדין עטלוכי זאכין וואס זענין אסור האמשו עס איז קיין מלאכה ניט. נאר ווייל ער פלעגט אום דער וואכין אויך אזו צו טאן אזו ווי איך ווער עס בשיידין: (קלד) עס איז אסור צו זעהן אום שבת וואס זיינו פעלדר אודר דאס גביא ווערין דארפין נאך שבת. אויך טאר קיינער ניט גיין סוף שבת אפילו אין תחום. כדי ער זאל גייאון אין מרחץ אריין אודער צוא דונגען פועלים נאך שבת. אבער אהיים צוא ברענגין זיין בהמה מאג ער גיין ביז אין תחום שבת. אונ אז דיא בהמה קען ניט גיין זעלבסט נאר ער מוז זיא טראגין. טאר ער ניט גיין קיין תחום שבת זיא אהיים צו ברענגין. ווייל דר דין איז דאך אז מען טאר ניט טראגין אום שבת קיין (בעלי חיים) נאר איין קינד. אזו וויא איך וועל דא נאך בעסער בשיידין. ווען זיין בהמה שטייט ווייטר פון דעם תחום שבת מעג ער זיא רופן דס זיא זאל צו אים קומן. אויך מעג מען גיין ביז איין תחום שבת פון צרכי חתן כלה אודר צרכי מת וועגין: (קלה) עס איז אסור צו דונגן איין חזן איבר שבת. דען ער נעמט שכר שבת. אבר אויף איין יאר אודר אויף איין חודש איז מותר:

(קלו) עס איז מותר צו רעכנון חשבונות פון איין דבר מצוה אום שבת. דהיינו וויפול מען בדארף צו דר כלה. אודר שכר לימוד צו צאלן פר יונגון אונ נאך אזעלכו גלייכון. אבר וואס עס איז ניט קיין מצוה איז אסור צו רעכנון. דען איך האב מורא טאמור וועט ער דעם חשבון אן שרייבון. דרום מאג מען וואל רעכונין אזעלכום וואס ער דארף ניט אן שרייבין. מען מעג צדקה מנדר זיין אים שבת דרום מעג מען זיך מאכין איין (מי שברך) אום שבת אונ מנדר זיין צדקה אויף דעם בית הכנסת אויך מעג מען זעהן אלס וואס מען דארף פארוכטון די ברוקן אודר די גאסון דאס פול לייט זאלון ח"ו צו קיין היזק ניט קומן. דער כלל איז אלס וואס עס איז צורכי רבים איז מותר דרונין עוסק צו זיין אום שבת. אויך מאג מען שידוכים טואן אים שבת. אבר מיטאר ניט דער מאנון קיין התחייבות פון געלט. אויך מאג מען בשטעלין איין מלמד פון איינגם וועגין. אבר פון קיין געלט טאר מען ניט דר מאנין אויך מעג מען שפרעכין אום שבת. (קלז) עס איז אסור צו שוקון איין עובד כוכבים אים שבת נאך איין מת קרובים דס זיי זאלין באלד קומין. זיך מתעסק זיין מיט זיין קבורה אבר נאך איין קראנקונס קרובים מעג מען יוא שוקין אוב דר קראנקור בגערט נאר דר צו. ווען דר מלבוש פון איין עובד כוכבים לוגט במשכון ביי איין יהודי. אונ דער עובד כוכבים וויל אום אום וועקסלין אום שבת מאג ער אים וואול גובין. אוב ער טוט זיך אן דרונן אונ וועט עס ניט טראגן חוץ לעירוב. אונ אוב ניט איז אסור:

ווען עס איז ביי איינום עפים גנבית גיווארין מעג ער וואול אום רופן אום שבת. אבר מיטאר ניט אום רופן ווער עס האט זכיות אויף דר אונ דר גזלה. אויך ניט ביי וועמון איז פאר האנדין ווייין אודר ביר צו פאר קופין. אויך אז מיהאט איינם מודיע גווען אז זיין טאכטור איז גנומן גווארין צווישין עובדי כוכבים מאג ער טואן כל השתדלות אונ אפילו פארין נאך איר אום שבת. אונ אז ער וויל ניט נייט מען אים דער צו. ווען איינר איז אין איין סכנה. סייא סכנת הגוף מכ"ש סכנת נשמה מאג מען אים מציל זיין אום שבת מיט אלים וואס מיגליך איז. (קמא) עס טאר קיינור ניט ריידון קיין דברים בטלים אום שבת. נאר דר וואס האט תענוג דר פון דר מאג יוא ריידון חידושים אונ פאטשטין. אבר צו ריידון פון יעניטים וועגן ווייל יענור האט תענוג דר פון טאר מען ניט:

עס איז אסור צו זאגון אום שבת מארגון וועל איך די מלאכה טואן אודר די סחורה קופון אויך איז אסור צו זאגון צו איין עובד כוכבים אום שבת ער זאל אים דינגון פועלים אונ אפילו פר שבת טאר ער צו אים ניט זאגון ער זאל אים א מלאכה טאן אום שבת. אבר עס איז מותר צוא אים צו זאגון ווארום האסטו מיר דאס ניט גטאן אום שבת. האמשו דר כותי מארקט זיך וואל דרונין איז דאך מותר. ווייל ער זאגט אים ניט ארוס בפירוש ער זאל אים א מלאכה טואן. עס טאר קיינור ניט גובין קיין געלט צוא איין עובד כוכבים פאר שבת ער זאל אים עפוס קופן

אום שבת · אבר ער מאג אים זאגן קויף דיר דס אונ דאס · אונ אז איך וועל דארפן וועל איך בייא דיר אפ קופן · אוך מאג מען אים גובין קליידר ער זאל זיי פר קופן ווען ער וויל · אבער מיטאר אים ניט ארוס ריידן ער זאל זיי פר קופן אום שבת · ווען איינר דונגט איין עובד כוכבים איין פורמאן זאל ער זעהן זיין סחורה זאל ארוס גיין פון זיין הויז אן גלאדן פאר שבת · אונ ווער עס לאזט נעמין זיין סחורה פון זיין הויז אום שבת · איז ער ראוי צו גרוס קנס אונ עונשים · אטייל זאגן אז ער הט דעם עובד כוכבים מייחד גוועין איין חדר אודר איין ווינקל מאג ער זו נעמין אפילו אום שבת · אבר דארט ווי עס קומט ארוס דר פון אחילול השם איז אסור · עס טאר קיינר ניט רעכונין אום שבת וויפל ער הט אום גגובין · אודר ער האט אום צו גובין דען ער וועט קומין אן צו שרייבן אבר זיינו חובות ווס ער הט שון בצאלט מאג ער וואול רעכונין אום שבת :

אויך זאל איינר ניט זאגן צו זיין חבר איך וועל מארגן גיין אין יענער שטאט ארייין גייא אוך מיט מיר · ווען איינר וויל עפוס בארגן ביי זיין חבר אום שבת · אונ וויל אים נוט גטראווין מאג ער איין משכן אנודר לייגן אום שבת · אובער עס איז אסור צוא זאגן נעם דיר דעם משכון אונ בארג מיר דרויף אונ אזו וויא מיטאר ניט לייאין אום שבת · אזו אוך טאר מען ניט בצאלין · ווען איינר הט גמאכט איין סעודה אוף אורחים · אונ עס איז בייא אים פר שריבין וויפול גריכט אונ גקעכצין ער האט גמאכט טאר ער עס ניט לייאנין אום שבת · אוך איז אסור צו לייאנין שטרי חובות אודר השבונות אודר אנדרי בריב · אונ אפילו ארין צו קוקין דרונין איז אוך אסור ווען איין עובד כוכבים ברענגט איינם איין ברוב אום שבת טאר ער זוא נוט אן רורון · נאר דר עובד כוכבים זאל זיא פרור אנידר לייגון · דר נאך מאג ער זיא עפונין · אונ טאר דרונון ניט לייאנון · נאר אזו דרונין ארייין צו קוקין דען טאמור איז עס איין דבר סכנה ווס מען דארף עס טאן אפילו אום שבת אבר אז ער ווייסט וואול אז עס שטייט ניט דרונין קיין דבר סכנה טאר ער אפילו ניט ארייין קוקן דרונין · דיא טייטש ביכר פון משלים אודר מלחמות אודר אנדרו שפרוך ווערטור וואס נארישקייט זענין · דס הייסט (דברי ליצנות) אונ מען טאר עס ניט לייאנין אפילו אום דר וואכין · אונ ווער עס הט דס גמאכט מאכט זונדיגן פיל לייט · אבר אז עס איז גשריבין אודר גדרוקט אויף לשון הקודש מאג מען עס וואול לייאנין אפילו אום שבת :

אום שבת אונ יום טוב טאר מען ניט לערנון נאר אין דברי תורה · אבר ניט אין אנדרו חכמות אבר (שרי צלותית) אודר (שרי כף) דס איז אז עס איז איינם גישעהן עפיס אגניבה דא זענן פאר האנדין אטייל לייט ווס ברענגין דעם גנב אין איין גלאז אודר אין דר האנט · דס מאג מען וואול מאכין אפילו אום שבת · ווען איינם גשטערט איין שאדין אום שבת דס עס האט אן גהובן רעגונין אוף זיין סחורה · אודר דער ווייין האט אים אן גיהובון צוא רונין · מאג ער וואול רופן איין עובד כוכבים · האטשו ער וועט זיך עס בודאי פארוכטין דען בייא איין שאדין האבן די חכמים מתיר גוועזן · אבר טאר אים ניט הייסין פארוכטון · אוך איז אסור צו זאגין צו איין עובד כוכבים נעם דיר דס פלייש אונ קאך דיר עס אום שבת · אפילו ער איז אים ניט מחוייב עסון צו גובין מכ"ש אז ער איז אים יוא מחוייב · סאיז מותר צו הייסין איין עובד כוכבים אלוכט אן צונדן פרייטאג צו נאכט איידר עס איז נאך רעכט נאכט · איין יהודי וואס איין עובד כוכבים איז אים שולדיג געלט · אונ ער ברענגט אים תבואה אום שבת פר זיין חוב · מאג ער אים גובין איין שליסול דס ער זאל עס אפ לייגון אין איין חדר · דען וייל עס איז נאך ניט גמאסטון אזו טוט דר עובד כוכבים איין מלאכה אין זיינום · דעסט גלייכין אז איין עובד כוכבים מאכט קעז פון איין יהודי וועגן אונ דר יהודי זעהט עס צו אום שבת איז אוך מותר · דען דס קעז איז נאך דעם עובד כוכבים ביז ער גיט עס אפ דעם יהודי · אבר עס איז אסור דעם קעז מטלטל צו זיין אום שבת מחמת (מוקצה) דס איז טייטש אפ גישייד דר פון :

קסב) אלו דיא כלים אפילו אגרוס פאס מיג מען מטלטל זיין אום שבת · אבר טייערו חשובי כלים ווס דר מענטש פארכט זיך טיט דעם צו ניצון מחמת היזק · דהיינו איין שעכט

מעסור

שעסער אונ נאך זעלכי זאכין איז אסור מטלטל צו זיין מחמת מוקצה · אפילו עם לוגין אין שיטוף מיט נאך אנדרו מעסור · אוך איין מעשעניר שטייטשיל איז אוך מוקצה · אלי די זאכין וואס מוקצה איז אז ער דארף זיא נייטוג · אודר ער דארף צו זייער אורט מאג ער זיא מטלטל זיין · אבר בייא דיא חשובי כלים איז אזו אוך אסור · אזו איז אוך דר דין בייא דיא כלים וואס מען דארף צו סחורה דהיינו איין וואג שאל אודר געוויכט · אודר איין איל · איין כלי וואס אום שבת איז אסור דער מיט צו טואן די מלאכה וואס עס איז דרוף גמאכט געווארין מאג מען עס מטלטל זיין ניט צו זיין מלאכה · נאר צו אנאנדרר זאך · דהיינו איין האמור אוף ניס צו קלאפין · אודר איין האק אוף פלייש צוא האקין · אוב ער דארף נאר דר צו · אודר צו דעם אורט וויא די כלי ליגט · מאג ער זיא מטלטל זיין וויא אהין ער וויל אפילו אופן בודם אבר ער טאר די כלי ניט מטלטל זיין פון איר טובה ווענין · אוך ווען די כלי ליגט אויף אזויא איין אורט וואס ער פארכט זיך זוא וועט גנבה אודר קאלי ווערין מאג מען זיא מטלטל זיין · אונ דיא זאכין וואס מוקצה איז אז עס ליגט דרוף אנאנדר זאך ניט קיין מוקצה מעג ער דס אראפ נעמין · אבר דם מוקצה טאר ער אפילו ניט אוועק רוקין פון דעם אורט אבר ער מאג עס אוועק בלאזין מיטען אטום · דען דם הייסט ניט קיין טילטול · ספרים אודר אלי עסין שפייז איז מותר מטלטל צו זיין אפילו מען דארף ניט דר צוא · אבר תפילין אונ אוך איין שופר איז אסור מטלטל צו זיין סיידין מען דארף צו זייער אורט אודר צו נייער בהערפניש · דם זיי זאלין ניט גנבה אודר קאלו ווערין :

אמטייל לייט זאגין אז אזו איין כלי וואס איז גימאכט גיווארין צו זעלכו זאכין וואס איז אסור אום שבת טאר מען עס ניט מטלטל זיין אפילו ער האט מורא עס וועט קאלי ווערין · אונ אפילו ער דארף צו איר אורט · אבר אז מען לייגט דרוף איין זאך וואס ניט מוקצה איז מעג מען דאס מוקצה אוך מטלטל זיין דער מיט · אבר דער זעלבוגר דין איז נאר בייא איין מת · איין כלי וואס איז צו בראכין גווארין אפילו אום שבת · אז דוא שטוקר נוצן נאך צו עפוס איין זאך אודר עס איז צוא בווארגין מען זאל ניט ניזוק ווערין דרונן מאג מען זייא מטלטל זיין אונ אוועק רומון · אבר אזעלכוס וואס איז פרור ניט קיין כלי גיווען · אצונד אז עס צו בראכין גיווארין טאר מען עס ניט מטלטל זיין אפילו עס ניצט נאך צו עפוס אזאך · איין זאך וואס איז ניט קיין כלי דהיינו איין האלץ אודר איין שטיין סייא גרוס סייא קליין טאר מען עס ניט מטלטל זיין אפילו ער דארף דער צוא · אודר צו דעם זעלבוגן אורט · איין צו בראכונו גאדול טאר מען אוך ניט מטלטל זיין · דו שטוקר פון איין דעק מאג מען יוא מטלטל זיין אוב עס טוג נאך צו עפוס · אום ריינו זאכון אודר אלץ וואס ער האט אוועק גיווארפון פאר שבת · טאר ער עס ניט מטלטל זיין אום שבת ווען עס הענגט נייס גרעט אוף איין שטאנג · טאר מען דוא שטאנג ניט רורין נאר מען דארף דאס גרעט אראפ נעמון אין אזו איין אופון מען זאל דוא שטאנג ניט מטלטל זיין · אונ ווען גרעט לוגט אין אזו איין כלי וואס איז אסור מטלטל צו זיין אום שבת · מאג מען עס ארום נעמון ווייל עס איז דאך איין כלי איין באנק וואס איז פון איר ארום גיפאלון איין פוס · טאר מען זוא ניט מטלטל זיין · אוך ניט צוא ליינן אוף אנאנדר באנק סיידון ער פלעגט נאך פאר שבת אוך אזו צוא ניצן מיט דער באנק · אוך טאר מען דוא פוס ניט אריין שטעלון · דען דאס הייסט גבואט :

ווען איינר האט אין זיין הוז אזעלכו צוגל וואס ער פלעגט דרוף צו זיצן מאג ער זייא מטלטל זיין אבר אז ער הט דוא צוגל צום אוף גילייגט איינם אוף דעם אנדרון פר שבת · דא איז דאך זיין דעה ניט צו זוצן דרוף טאר ער זיי ניט מטלטל זיין ווען איינר זעהט לוגן אין זיין הוז אודר אוף דער גאס שטוקר גלאז אודר איין שפוצוג האלץ וואס מוקען ניזוק ווערון דרונן מאג ער אוועק רומון אין לייטור וואס מען דארף אין הוז מאג מען מטלטל זיין צווייגון פון בוימר וואס ער האט זייא אפ גרוסן צו פר ברענון איז אסור מטלטל צו זיין · אבר אז ער האט זייא צו אנאנדר צום אוף גיבונדון פאר שבת איז מותר דרוף צו זוצן אום שבת · אזו איז אוך דער דין מיט איין שמיק האלץ אודר מיט איין הזכון שטיין · עס איז אסור מטלטל צו זיין איין שפאן אודר איין ברעטול אודר איין שטיין אפילו ער

וויל

ווייל דער מיט צו דעקן איין פאס . אודר אריין צו שלאגן דער מיט איין צאפן • סיידן ער האט עס אן גיגרייט דרויף פר שבת איין רוט וואס מען האט אפ גרוסן פר שבת דער מיט אראפ צו טרייבן דוא פליגן מאג מען עס מטלטל זיין אום שבת דען עס הייסט איין כלי • ריינו וואל וואס מען האט גילייגט אויף איין סכה פר שבת איז מותר מטלטל צו זיין . זיינו אוקסן פעל אבר ניט פרעמדו מאג מען מטלטל זיין • אבר פעל פון קליינו בהמות אפילו זיינו איז אסור מטלטל צו זיין ברעטור וואס איין בעל הבית האט אין זיין הויז מאג מען זייא מטלטל זיין • ווייל דער בעל הבית האט זייא דאך מכין גיוועזן פר שבת צו וואס מיוועט זייא דארפן • אבר דו ברעטור פון איין סטאליר איז אסור מטלטל צו זיין • סיידן ער האט זיין דעה גיהאט פר שבת צו ניצן מיט זיי וואס ער וועט דארפן אום שבת :

אזעלכו ביינר וואס זענן ראוי צו איין הונט • אודר שאלוכץ וואס איז ראוי צו איין בהמה • אונ דוא ברעקלוך וואס בלייבן אויפן טויש מאג מען זייא אראפ שארן • אבר אז זייא זענן ניט ראוי צו איין הונט אודר צו איין בהמה טאר מען ניט מטלטל זיין • נאר ער זאל דעם טויש אויף הייבן אונ זאל זייא אראפ שאקלן : לוגט אבר ברוט אויפן טוישטוך מאג ער צום אויף נעמן אלס מיט אנאנדר אונ אום טרייסלן פונם טוישטוך • דער נאך זאל ער דרויף ווידר לייגן דאס ברוט • נמצא אז ער איז עס מטלטל פון ברוט וועגן : בונד שטרוא וואס מיהאט אן גיגרייט צוא עסן צוא איין בהמה • מאג מען זייא מטלטל זיין אפילו זייא זענן זייער גרוס • אזו אויך אלו זאכן וואס גהער צו עסן • סייא צו מענטשן סייא צו בהמות מאג מען עס מטלטל זיין . פויש וואס זענן איין גיזאלצן • אונ טוקען זייא נאך עסן מיט דער זאלץ מאג מען זייא מטלטל זיין אבר אז טיקען זייא ניט עסן מיט דער זאלץ איז אסור מטלטל צו זיין אזו איין זאך וואס איז איין גרעבט אין צואה אודר אין שפייאוכץ אונ עס לוגט אויף אזו איין אורט וואס מען דארף דרויף צו זיצן אום שבת מאג מען עס נעמן אונ אוועק ווארפן אויף דעם מוסט • אבר אז עס לוגט אויף אזו איין אורט וואס מען דארף ניט דרויף צו זיצן אום שבת טאר מען עס ניט מטלטל זיין • אונ אז ער האט מורא איין קונד וועט זיך דרויף בשמוצן מאג ער דרויף אובר דעקן איין כלי • איין טאפ מיט טינוף אודר השתנה מאג מען ארוס טראגן אום שבת . אונ עס טאר קיינר ניט אריין טראגן קיין מיאוסי זאך אין זיין הויז אום שבת • אבר אז ער האט שון אריין גיטראגן מאג ער עס ארוס טראגן • אז עס לוגט טינוף אין חדר וואס ער זוצט ניט דרונן . אונ ער האט מורא עס זאל קיין שאדן ניט קומן דער פון • זאל ער אין דעם חדר אריין טראגן זיין טויש אודר בעט • דער נאך מאג ער עס אויף רומן :

איטלכר מעג זיך אן טראגן זאמד אודר אש אונ זאל עס לייגן אין אווינקול צו זיין ברערפוניש אום דער וואכן . אונ מעג דער מיט צו דעקן אלדאס אומריינוקייט אום שבת : אבר אז ער האט עס ניט גילייגט אין אווינקול טאר ער עס ניט מטלטל זיין • אויך אז ער האט פאר גראבן פירות אודר (ירקות) אין דעם זאמד : מאג ער זייא ארוס נעמן אום שבת • עס איז מותר צו שטעלן איין קארב פאר קליינו הונדליך דאס זייא זאלן דרויף לופן ארויף אונ אראפ . אבר ווייל דוא הונדליך זענן אויפן קארב טאר מען אים ניט מטלטל זיין • איין אשה מאג פורן איר קונד אין דער האנט אום דעם עירוב . אבר זוא טאר אום ניט טראגן • אטייל לייט זענן מתיר צוא שפילן מיט איין באלן אים שבת . אונ אטייל אסרן • איין מלבוש וואס איז שעטנז זענן אטייל מתיר עס מטלטל צוא זיין אום שבת אונ אטייל אסרן דוא ווערום וואס מען שפינט פון זייא זייד טאר מען זייא ניט טראגן בייא זיך אום שבת • איין פלעדור וויש מאג מען מטלטל זיין אונ אויך דער מיט אום קערן : דו זאכן וואס זענן מוקצה פאר איין עושר איז אויך מוקצה פאר איין ארומאן • עס איז קיין חילוק ניט אין דוא זאכן : דא וועל איך שרייבן וואס מען מעג מטלטל זיין דורך אנאנדר זאך :

(קמג) דאס איז ידוע אז איין שטיין איז מוקצה אונ איין קונד איז ניט מוקצה מטלטל צו זיין • אז דם קונד האלט איין שטיין אין דער האנט • טאר מען עס ניט מטלטל זיין דער

מיט. סיידן דאס קינד וועט חיו קראנק ווערן אז ער וועט ניט האלטן דעם שטיין אין זיין האנט אבר אז ער האלט איין גראשן אין זיין האנט טאר מען אים גאר ניט מטלטל זיין. אבר מען מעג אום פירן בייא דער האנט. איין קארב מיט איין לאך. וואס דוא לאך איז פר שטאפט געווארן מיט איין שטיין. מאג מען דעם קארב מטלטל זיין איין עסור פון איין ברונן וואס איז צוא גרונג אונ מען האט צו אים צו גבונדן איין שטיין. ער זאל שווערער זיין מאג מען מיט אים וואסר שעפן אום שבת. אוב נאר דער שטיין איז צו גיבונדן געווארן פאר שבת. איין קירב מיט אופס וואס לוגט דרונן איין שטיין איז עס אזו איין אופס וואס ווערט ניט מיאוס אז מען שוט עס אום. זאל ער דעם קארב איבר קערן עס זאל אלס ארום פאלן דער נאך מאג ער אריין לייגן דם אופס אבר אז עס איז אזו איין אופס וואס ווערט מיאוס אז מען שוט עס אום. מאג מען עס מטלטל זיין מוטען שטיין. ווען איינר האט פאר געסן געלט אודר אשטיין אוף איין טוש אודר אוף איין בעט אודר אוף איין קישען. אודר אוף איין כלי. אודר אוף איין מלבוש. מאג ער עס אראפ שאקלן. אבר אז ער האט אין מוקטן גילייגט דרויף טאר ער עס ניט אראפ שאקלן: דע: דוא זאך וואס מיוחד איז לוגט דרויף. איז עס ווי דאס מוקצה זעלברט:

ווען איינר לייגט ארויף איין דבר מוקצה אפילו במזיד אוף אזו איין זאך וואס איז ניט זיין. מאג עס וואל יענער אראפ שאקלן דען יענר קען ניט אסרין וואס ניט זיינם איז. אונ אויך אפילו דר וואס הט ארויף גלייגט דו מוקצה אז ער דארף צו דעם אורט מאג ער וואל צו נעמן דו זאך ווס דם מוקצה לוגט דרויף. קיין שום עסן שפייז איז ניט מוקצה. אפילו איינר האנדלט מיט עסן שפייז מאג ער דער פון נעמן צוא עסן אום שבת. אויך אפילו ווען איינר הט גיזייט ווייץ אודר קארן אונ עס איז נאך ניט איין גוואר צולט אונ דר ערד מעג ער נעמן דער פון צו עסן. אויך מעג מען ארוים נעמן דו אייער פון הונר דו היגער אום שבת צו עסן אויך אזו איין אופס וואס ווערט ניט צייטיג ביז עס ווערט צו גלעגורט מאג מען עסן דר פון אום שבת אבר אז מיהאט עס גילייגט טרוקנן. טאר מען עס אפילו ניט מטלטל זיין. אבר אז דם אופס איז פון איין עובד כוכבים. דם ער הט זוך עס גלייגט צו טרוקנן מאג מען עס יוא עסן. אלי זאכן וום זענין מוקצה גוועזן תחלת שבת. איז עס אסור אגאנץ שבת. אפילו עס איז דער נאך פארוכט געווארן. מען טאר ניט שטעלין קיין כלי הונטר איין דבר מוקצה. דען מיינט דאך דו כלי אויך ניט טארין מטלטל זיין. אונ מיטאר ניט אסרין קיין כלי אום שבת. ווען איינר הט ארויף גלייגט געלט אויף אזו איין זאך וואס ניט מוקצה איז דהיינו אוף אטיש אודר אונ אזאך נמצא הט ער דאך דו זאך אן גיגרייט צום געלט נוא איז עס מוקצה גלייך מוטען געלט: איין מת איז מוקצה אונ מיטאר אים ניט מטלטל זיין: סיידן מעג לייגט אוף אים איין קינד אודר אשטיק ברוט. אוך מאג מען זאגן צו איין עובד כוכבים ער זאל אים מטלטל זיין. אונ דאס איז אלס גירעט געווארן אז דער מת גייט נאקוט. אבר אז ער לוגט אין עפוס איין מלבוש. דהיינו איין ליילוך. אודר אנאנדר מלבוש מאג מען אים וואול זעלבקט מטלטל זיין אן איין שום זאך. דאס איז אלס בייא איין מת. אבר אנאנדר מוקצה טאר מען ניט מטלטל זיין דורך אזו איין זאך וואס ניט מוקצה איז. מען טאר ניט אן רורן אין קיין שום אבר פון אמת אום שבת: דרום טאר מען אים ניט צו מאכון דוא אוגן אונ דאס מול אבר מען מעג וואול הונטר בונדן זיינו קון באקן. אז דאס מול זאל זיך ניט ווייטר עפנן. ווען איינר האט אריין גיליינט ירק) אין זאמד. אונ עס איז נאך ניט איין גיוואר צולט גיווארן מאג ער עס ארום צוהן אום שבת ביי דו בלעטור האטשו דו זאמד ווערט אראפ גישוט. נאר ער זאל ניט אן רורן אונ דער זאמד. שטרויא וום מיהאט זוא אריין גלייגט אונ אבעט פר שבת. מאג מען זוא אוים גלייכון אום שבת אזעלכו שטרויא ווס זענען מוקצה דהיינו זוא איז ניט גילוגין אין אבעט. אז ער הט אונ דם שטרויא אריין גלייגט אופס מאג ער עס וואל ארוים נעמין מיט דר האנט. אונ אויב מיט זיין ארוים נעמין וועט ער דו שטרויא מטלטל זיין. ווי זאל ער טאן. זאל ער אריין טאן אמעסיר אונ דעם אופס אונ זאל עס דר מיט ארוים נעמין. אבר אז דם אופס לוגט אונ דער ערד אודר אונ זאמד. אזו קען ער

עס דאך מיט קיין מעסיר ניט ארויס נעמין · מאג ער עס וואל ארויס נעמן מיט דער האנט · ער וויל דר מיט לייטון מכבד זיין:

ווען איינר וויל זיין צורך טאן מאג ער מיט נעמין שטיינר אונ זיין האנט זיך הונטר צו ווישען דער מיט · אשטיק ערד וואס וואקסט דרויף גראז מאג מען זיך הונטר ווישן דר מיט · אונ איך האב קיין מורא ניט ער וועט אויס רייסין דם גראז · דען איטליכר ווייסט אז דם איז איין איסור · אבר מען טאר זיך ניט הונטר ווישן אויף וועכי ערד · דען זוא ווערט צוא ברעקולט · מיט איין שערבול איז איין סכנה זיך הונטר צו ווישן דער מיט אפילו אום דער וואכון מחמת כישוף · אודר ער וועט זיך דרונן אשניט געבון · מען מאג זיך וואול הונטר ווישן אויף גראז וואס וואקסט נאך אויף דר ערד אבר מען זאל נזהר זיין חיו עס ניט אום צו רייסון · ווען איינר קען ניט זיין צורך טאן ביז ער מוז דאס (מקום הנקיות) עפונן מיט עפוס איין זאך זאל ער עס אום שבת עפונן דורך איין שינוי ניט ווי ער פלעגט צו טואן אום דער וואכון עס איז אסור זיין צורך צוא טאן אויף איין גיאקורט פעלד אום שבת · דען ער מאכט איין גרוב · אונ אויף איין יהודיש פעלד טאר מען אום דער וואכון אויך ניט:

(קמד) איין מ״ד אודר איין לאדון וואס איז ניט צוא גיבונדון נאר עס איז גימאכט גיווארון צו פר שטעלון דער מיט אז ער האט דרויף אין זינען גיהאט אום דר וואכון · מאג ער וואול דער מיט פאר שטעלון אום שבת · אבר אויף איין רוגל הונטר צו שפ[illegible]ן העלפט ניט זיין מחשבה פון אום דער וואכון · ביז עס מוז פאר שנוצט זיין [illegible] שפיץ דם איטלכר זאל וויסן אז דאס איז איין רוגל · אונ זוסט טאר ער עס ניט מטלטל זיין אום שבת · אונ אז דער רוגל ווערט אריין גירוקט אין דער שוועל אריין העלפט קיין שפיץ אויך ניט · נאר ער מוז מאכון אנאנדר זאך עס זאל דער קענט ווערון אז עס איז איין רוגל · אונ אז דוא שוועל איז נידרוג ביז דער רוגל קומט אריין אין דער ער[illegible] · טאר מיט אים ניט צו רוגלן אום שבת:

איין טור וואס מען עפונט זוא ניט אופט · דהיינו איין אונטר טור אודר איין טור פון אנארטון אודר פון איין הויף אונ זיא איז נידרוג צו דער ערד ביז אז מען עפונט זוא גראבט זו אין דר ערד איז דער דין אזו אז זוא האט אנגלון פון אובון אונ פון הונטן מעג מען זוא עפונן אום שבת · אונ אוב ניט טאר מען זוא ניט עפונן אונ ניט צו מאכן · סיידון זוא איז הוך פון דער ערד ביז זו רורט ניט אן אין דער ערד · ווען איין אנגול פאלט ארוס טאר מען · אום ניט אריין זעצון אום שבת · איין טור וואס איז גימאכט גיווארון פון איין שטוק ברעט · אונ הונטן האט זוא קיין שוועל ניט אונ אז מען עפונט זוא שלעפט זוא זיך נאך אויף דער ערד טאר מען זוא ניט עפונן אונ צוא מאכון אום שבת · אבר אז זוא איז פון צווייא שטוק ברעטור אפילו זוא האט ניט קיין שוועל מאג מען זוא יוא עפונן אונ צו מאכון · איין אלמיר אודר איין קאסטון אודר איין שאנק וואס איז גימאכט גיווארון מיט איין טור מיט אנגלון אז דער אונטרשטר אנגול איז אבוסל ארוס מאג מען אום אריין טאן אום שבת · אבר אז ער איז אין גאנצון ארוס אודר אז דער אייברשטור אנגול איז אפילו נאר אבוסל ארוס טאר מען אים ניט אריין טאן אים שבת · איין באנק בעטול וואס איז גימאכט גיווארון דרויף צו זיצן טאר מען עס ניט איין שלאגון אודר אום שלאגון מען זאל קענון זיצן דרויף · דען עס הייסט איין רעכטו מלאכה · איין בעכור וואס איז גימאכט גיווארון מיט שרייפלוך טאר מען ניט פר שרופון אונ אויף שרופון אום שבת · ווען איין באלקון הייבט זיך אן איין צו ברעכון אום שבת מאג מען אים אונטר שפארון מיט איין באנק ער זאל זיך ניט ווייטר איין ברעכון אבר אויף צו הייבון אים טאר מען ניט · אונ דו זאך וואס ער שטעלט דער מיט אונטר זאל ער עס שלאברוק אונטר שטעלון · דס ער זאל עס קענון ארוס נעמון אום שבת · אז עס איז ארוס גיפאלון איין פוס פון איין באנק טאר מען אים ניט אריין שטעלון אום שבת · אונ אויך טאר מען דו באנק נוט לייגן אויף אנאנדר באנק · סיידון אז דער פוס איז נאך ארוס גיפאלון אום דער וואכון · אונ ער פלעגט זוא פר שבת אויך ארויף לייגון אויף אנאנדר באנק דא מאג ער אום שבת אויך אזו טאן · איין מעסור וואס שטעקט אין דער וואנט טאר מען עס ניט ארוים נעמון אום שבת ווייל דוא ליים וועט אראם

פאלין

פאלן אבר פון איין באנק טאג מען אים יוא ארוס נעמון · דער וואס שטעקט ארייין איין האלץ אין אנדרן איז עס איין רעכטע מלאכה · אונ עס איז אסור אום שבת · איין הוף וואס איז נאס מעג מען אוף שפרייטן שטרוא אום שבת צו גיין דרויף · אבער ער זאל ניט טאן וויא אום דער וואכן דם ער זאל טראגן די שטרוא אין הוף ארייין מיט איין אום ריינו כלי:

(קכה) עס איז אסור צו מאכן איין לאך אין איין פאס אום שבת אפילו ער דארף דר צו · אבר אז עס איז שון פאר האנדן איין לאך מאג ער דרונן איין צאפן אודר איין שפינט ארייין שטעקן · איין פאס וום האט שון פון לאנג איין לאך · נאר זוא איז פאר שטאפט גיווארן פון דוא היבון · איז דער דין אזו אז דוא היבון זענן נידרוגר פון לאך מאג מען זוא וואול אום מאכן · אונ אז די היבון זענן העכור פון דער לאך טאר מען זוא ניט אום מאכן אום שבת · אוך איין צאפן וואס קען ניט ארוס פון דער פאס מאג מען אים ארייין שלאגן מיט אנאנדר צאפן אז ער ווערט אן גיזעהן העכור פון דוא היבון · אבר אז דוא היבון זענן העכור טאר מען ניט · ווען איינר האט פלארון אודר צו בראכן איין שלוסל פון איין חדר אודר פון איין שאפע · אונ ער דארף דער צוא נייטוג אום שבת · זענן אטייל מתיר ארוס צו נעמון דוא טור פון אנגלן אונ אטייל אסרון עס · דרום זאל מען עס הייסן טאן איין עובד כוכבים איין קארב מיט אופס וום איז פר קנופט מאג מען אפילו אוף שניידן דעם שטרוק אום שבת מיט איין מעסור · עס איז גלייך וויא איינר צו ברעכט די שאלוכץ פון איין נוס ער זאל קומן צום אונווייננגסטן · (קכו) עס איז אסור צו מאכן איין גיצעלט אום שבת דם ער וויל פר שפרייטן איין טוך אודר איין מאנטול אוף שטוקר האלץ · דען עס הייסט גיבויט ; אוך קיין וואנט טאר מען ניט מאכן פון קיין שום זאך · אבר איין פור האנג פר דעם ווינד אודר פאר איין טור אודר פאר איין פענצטור מאג מען יוא מאכן:

## דיני צידה בשבת

דר וואס יאגט נאך איין בהמה אודער איין חיה אודער איין עוף אום שבת · אודער ער טרייבט זיי ארייין אין איין חדר ארייין עס זאל גיפאנגן ווערן · דם איז ארעכטע מלאכה · אונ אז ער טוט עס במזיד איז ער חייב מיתה אונ אפילו ער רייצט נאר אן אהונט אוף זיי ער זאל זיי חאפן דם טאר מען אפילו אום דער וואכן אוך ניט טאן בפרט אום שבת איז גלייך ווי ער זעלברט וואלט עס גיטאן · איין פליג טאר מען אוך ניט חאפן אום שבת · דרום טאר מען ניט צו מאכן קיין אלמור · אונ קיין קאסטן ביז מען טרייבט ארוס דוא פליגן דם קיין שום פליג זאל דרונן ניט פאר שלאכן ווערן אונ אפילו איין חיה אודר איין עוף לופט זעלברט ארייין אין זיין הויז ארייין אונ ער מאכט צו די טור עס זאל גיפאנגן ווערן · איז ער אוך חייב מיתה במזיד · אונ אפילו ער זעצט זיך פאר דער טור אודר פארון פענצטר עס זאל ניט קענן ארוס איז ער אוך חייב · אונ אז איינר הט זוך גיזעצט פר דער טור זיי צו פר שטעלן · מאג זיך שון אנאנדרור זעצן לעבון אים אונ נאר דער ערשטור איז חייב אונ אפילו דער ערשטור גייט אוועק מאג דר אנדרור בלייבון זיצן · ווען איינר האפט איין שלאנג פון איין רפואה ווענגן איז אסור · אבר כדי אז ער זאל ניט מזיק זיין די לייט איז מותר מיטאר ניט חאפן קיין פלויא אום שבת · אבר אז זוא איז אים מצער מאג ער זוא אראפ ווארפן פון זיין לייב · אבר ער טאר זוא ניט הרגנן · אוך טאר ער זיא ניט רייבון מיט זיין האנט אודר אין דר וואנט · דען טאמור וועט ער זי הרגנן · אלויז פונם מאס מאג מען הרגנן:

ביינזן חיות אודר שרצים וום מען ווייסט גווים אז זיי זענון ממית די לייט · איז איין מצוה זיי צו הרגנון אפילו אום שבת אבר אז מען ווייסט ניט גווים אוב זיי זענון ממית די לייט טאר מען זיי ניט הרגנון · סיידון זיי לופן נאך אימנצן · אוך מאג מען אוף זיי טרעטון אן כוונה · אבר שפונגן אודר ביזוז ווערום אונ פלוגין דר וום הרגות זיי אום שבת איז חייב מיתה · אוך דעסט גלייכון מאג מען טרעטון סוטען שוך אן כוונה אוף שפייאכץ וום לונט אוף דער ערד : אבר פר שטרייכן איז עס אסור סיידון עס לונט אוף גיפלאסטורטר ערד · מיטאר ניט פאנגן אום שבת קיין הוז הונר אודר

נענז · אודר איין קאץ אודר איין הונט · אונ מיטאר ניט מטלטל זיין קיין שום בעל חי בפרט אזעלכיס וואס הט פעדרן איז דו עבירה נאך גרעסר · דען טאמור וועט ער אוס רייסן איין פעדור :

(קמח) ווען איינר מאכט אום שבת איין קניפ ער זאל אזו בלייבן אוף אייביג אודר ער קניפט אוף אזו איין קניפ איז ער חייב · צוויי קניפן אובר אנאנדר הייסט איין רעכטור קניפ אפילו עס איז ניט גימאכט גיווארן אזו צו בלייבן · אונ דער וואס מאכט איין קניפ ער זאל אזו בלייבן אובר שבת · אודר ער מאכט אפילו נאר איין קניפ אין איין שטריק אודר אין איין שנירל איז ער אוך חייב · אזו אוך איז ער חייב אופן אוף קניפן אזו ווי איין קניפ · איין קניפ מיט איין שלייף אין צוויי שנורלך איז מותר · אבר אין איין שנורל איז אסור · ווען איינם הט זיך פר קניפט דו העמד מאג ער זיא אוף קניפן · דען דם הייסט איין צער אז ער וועט עס ניט אוף קניפן : אזו אוך ווען איינם הט זוך ארו: גיצוגן איין שנורל פון איין שוך מאג ער עס אריין צוהן · אוב ער דארף קיין פול טירחא ניט האבן דר צו אבר אז ער דארף יוא האבן פול טירחא דר צו איז אסור · דען טאמור וועט ער עס פר קניפן · אז דו וועשרן הט צום אוף גיקניפט וויים גרעט מאג מען עס אוף קניפן · אבר אז עס איז נאך פון דר נייא אזו צום אוף גיקניפט פון דר נייטארן · אודר איין שוסטר וואס הט צום אוף גיקניפט איין פאר שוך טאר מען זיי ניט אוף קניפן · עס איז מותר אן צו קניפן איין העמור מיט איין שנורל דר מיט וואסור צו שעפן · אבר ניט מיט איין גארטול אודר מיט איין שטרוק · דען איך האב מורא טאמור וועט עס אזו בלייבן · אבר מיט איין שלייף איז דר מיט אוך מותר ·

## דיני המבשל בשבת

(קמט) דר וואס קאכט אום שבת טאר ער דר פון קיין הנאה ניט האבן · אזו ווי איך וועל דא בשיידון דר וואס קאכט אודר ער טוט אנאנדר מלאכה אום שבת (במזיד) מיט ווילן גערון · טאר ער דר פון קיין מאל קיין הנאה ניט האבן · אבר אנדרו לייט מעגון דר פון הנאה האבון נאך שבת · אבר זיי דארפון ווארטון אזו לאנג ביז דוא זאך וואלט שון גיקענט גיטאן ווערן נאך שבת · טוט ער עס (בשוגג) דס ער האט פר געסון אז עס איז שבת · אודר ער הט גימיינט דאס איז קיין מלאכה ניט · טאר קיינר דר פון קיין הנאה ניט האבן אום שבת · אבר נאך שבת מאג ער זעלבסט אוך הנאה האבן דר פון · נאר מען דארף ווארטון ווי אובן שטייט · אונ אפילו איינר הייסט איין עובד כוכבים איין מלאכה טון טאר מען אוך דר פון קיין הנאה ניט האבן ביז נאך שבת · ווען איינר הט גיקולט איין הין פון אקראנקן וועגון מאג איין גיזונטר אוך עסן דר פון · אבר אז אפילו איין עובד כוכבים הט גיקאכט אודר ער הט אפ גרוסן פירות פון אקראנקן וועגון טאר קיין גיזונטר דר פון קיין הנאה ניט האבן · דען איך האב מורא טאמור וועט ער מער קאכון אודר אפ רייסן פון זיינט וועגון · אונ אזו ווי מיטאר ניט קאכון ביי דעם פייאר · אזו אוך טאר מען ניט קאכון בייא דעם וואס איז דר הוצט גיווארן פון פייאר · מיטאר ניט אריין לייגון בראטון איין איי אין אהייסון טאפ אודר אין איין הייסון טוך · אפילו עס איז דר הוצט גיווארן פון דר זון אבר אוף דר זון זעלבסט מעג מען עס יוא בראטון אודר וואסור צו ווארמין : איין גיקעכץ וואס איז קאלט גווארן · איז עס אסור צו שטעלן לעבן פייאר : ווייל עס וועט זיך בעסור איין פרעגלן · סיידן אז עס איז שון פריר רעכט גיקאכט גוועז אונ עס איז נאך אבוסל ווארום אונ עס איז קיין יאך אוך ניטא דרונן : אזו וועט זיך דם פרעגלן ארגור מאכון · דא איז עס מותר צו שטעלן פון וייטון ביי דעם פייאר · אוף אז איין אורט וואס זאל ניט קענון זודן אבר עס מעג אזו הייס ווערון ביז מיזאל קיין פונגר ניט קענון איין האלטון דרונן · אבר וויא באלד עס ק..ט איין זאך פון דעם אלים איז אסור · אוך טאר מען קיין הייס וואסור ניט גיסן אוף איין הארט עסון ווארג אודר אוף גיזאלצנו הערינג · אוך ווען מען האט צוא טנוטן ברוט דרוף ארוף צו גיסן יאך טאר דו יאך ניט זיין אזו הייס אז מיזאל קיין פונגר דרונן ניט קענון איין האלטון איין טאפ וואס שטייט אופן פייאר טאר מען אוף אים ניט ארוף שטעלון אנאנדר טאפ מיט גיקעכץ צו ווארמון · אבר אז ער שטייט נאר לעבן פייאר מאג מען אוף אים יוא ארוף

שטעלין אזו איין טאפ מיט געקעכץ וואס איז נאך ניט גאר־קאלט געווארן · אזו אגיקעכץ ווס איז נאך הייס אז מיקען־קיין פינגר ניט האלטן דרונן טאר מען דרונן־קיין בשמים אונ־קיין זאלץ ניט אריין שיטן אוך טאר מען ניט אריין לייגין־קיין בשמים אודר זאלץ אונ איין שיסל אריין · אונ דרויף ארויף צו גוסין דם הייסי געקעכץ:

אויך טאר מען ניט אריין גיסן קיין־קאלטי וואסיר אין ווארומי עס זאל ווארום ווערין · אבר ווארומי אין־קאלטי איז מותר אקעסיל ווס הענגט ניט איבר דעם פייאר אונ ער איז נאך הייס מאג מען אונ אים אריין גיסן פיל־קאלט וואסר מיט אמאל · אבר אז ער הענגט איבר דעם פייאר איז אסור · ווען עס שטייט ווארום וואסור אין אכלי אונ עס איז ניט דרונין געווארומט געווארן · מאג מען דרונן אריין שטעלין וויין אודר ביר אודר וואסור עס זאל ווארום ווערון · אוך מעג מען שטעלן איין קאלט גיטראנק אודר עסון שפייז בייא דעם פייאר · אבר ער טאר עס ניט שטעלן אוף אזו איין אורט ווס קען דארט הייס ווערן ביז מיוועט קיין פינגר דרונן ניט קענון איין האלטן · אפילו ער וויל עס באלד אוועק נעמון אודר ער וויל אכטונג געבון עס זאל ניט הייס ווערון איז דאך אסור · דען איך האב מורא טאמור וועט ער פר געסון · אודר ער וועט מחלל שבת זיין ה״ו דרום מאג מען אריין שטעלון דעם טשאלונט אין אובין אריין צוא דער האלטין זיין היץ · אבער ניט אוף אזוא איין אורט וואו עס וועט הייסר ווערין · איין פלאדין אפילו ער איז שון קאלט מאג מען אים שטעלין בייא דעם פייאר ער זאל אבוסל דער ווארומט ווערון · אבר ניט אזו נאהונט ער זאל זיך קענון באקון · איין געקעכץ ווס איז דרונן פאר האנדין יאך שטייט דאך אובין אז עס איז אסור עס צו שטעלין לעבין פייאר אבר אז ער האט אורחים בייא זיך אודר אנאנדר דבר צורך מאג ער שטעלין לעבין פייאר ביז עס זאל אזו הייס ווערין אז מיזאל קיין פונגר ניט קענין איין האלטין דרונין · איין טאפ ווס שטייט ביי דעם פייאר טאר מען אוף אים ניט ארוף שטעלין קיין אנדר טאפ מיט געקעכץ · אוב עס קען אוף דעם אורט אזו הייס ווערין אז מיזאל קיין פונגר ניט קענין איין האלטין דרונין · אונ אוב ניט איז מותר · דר וואס מישט הונטר דאס געקעכץ אין טאפ מיט איין לעפיל · אונ דר טאפ איז נאך הייס · איז גלייך וויא ער קאכט · אונ דר ווס טוט דאס איז חייב: דרום טאר מען ניט ארוס נעמין פון איין טאפ אודר פון איין פאן מיט אלעפיל · נאר ער מוז עס אין גאנצין אוס גיסין אין שיסל אריין: סיידין עס איז קאלט אודר רעכט געקאכט · דס מען דארף עס ניט הונטר מישן · איין געבראטונס אודר איין פלאדין וואס שטייט בייא דעם פייאר טאר מען אים ניט שמירן מיט שמאלץ אפילו עס איז שון גוט געבראטן:

## דין הבורר בשבת

קסט) דער וואס קלויבט אוס די גוטי עסון שפייז פון די שלעכטו אום שבת איז ער חייב מיתה·

דרום דר ווס האט פאר זיך צווייא ארלייא עסון שפייז טאר ער ניט אום קלויבן איינס פון דעם אנדרון · סיידין ער וויל נאר עסון איינס דר פון אוף דר זעלבונר סעודה אבר עס איז אסור אום צו קלויבון אוף אנאנדר סעודה · ווען איינור האט פאר זיך צווייא ארלייא מינים ניס אונ מאנדלון אודר קארשין אודר בארן אודר צווייא מינים אנדרו אונ ער וואלט גערון נאר איין מין פון זיי געסין · מאג ער וואול איינם ארוס נעמין מיט זיין האנט אונ זאל עס באלד עסין · צווי מינים אפילו זיי זענון אייטל גרוסי שטוקר טאר מען אלם ניט אום קלויבין סיידין מיט דר האנט דיא שטוקר פיש איז אלע איין מין דרום מעג מען וואל אום קלויבן די גרוסו אודר דיא קליינו שטוקר · דר ווס קלויבט אום איין מין פון דעם אנדרון · אונ ער וויל עס האלטון אוף דר אנדרור סעודה · דהיינו פון פרייטאג צו נאכט אוף שבת פריא אודר פון שבת פריא אוף שלש סעודות איז ער חייב · דר ווס קלויבט אום די שלעכטו פון די גוטי אפילו דאס גוטי איז פול אונ דם שלעכטו איז ווינצוג · נוא איז דאך אגרוסי טירחא דאס גוטו ארוס צו קלויבון איז ער דאך חייב:

עס איז פאר האנדון איין מין ארבוס וואס הייסט (תורמוסין) · צווישון דעם מין ארבים געפונט זיך שלעכטו וואס מאכון גוט אונ זוס דיא גוטי · פון דעם מין טאר מען ניט אום קלויבין דיא גוטי · דען וויל די שלעכטו מאכון זיי גוט הייסט דם די שלעכטו · נאנגון פון קארין טאר מען ניט צוא

רייבון מיט דר גאנצר האנט וויא ער פלעגט טאן אים דר וואכן נאר מיט צוויא פינגר · אוך איז אסור אראפ צו נעמן דם גריני פון די ניס · וויל מיקאן זייא אזו עסן אום גשיילט · זאנגן וואס זענן צו רובן גוואורן פאר שבת · טאר מען ניט ארוס ווייאן דיא פלעווי אום שבת מיט איין כלי · נאר מיט דר האנט · עס איז אסור איין צו ווייקן ארבוס אום שבת אז די שאליכץ זאל אראפ · איין טוך מיט הייבון ווס זייאט זיך נאך פון פר שבת טאר מען דרויף ניט ארויף גיסן נאך הייבן אום שבת אבר מען מעג ארויף גוסן וואסור דם זיי זאלן לוטר ווערן · ווען עס גפונט זיך פלוגליך אודר אנאנדר זאך אין עפיס אמשקה מאג מען עס איבר זייאן דורך איין זיפ אודר דורך איין טוך אום שבת · אבר וואסור טאר מען ניט זייאין דורך איין טוך · דען ער וואשט זיא אום · אוך אזו איין משקה ווס מיקאן זיא ניט טרונקין אובר דר הייבין טאר מען זיא ניט אובר זייאין · אונ ווען ער זייאט עפוס אמשקה דורך איין טוך זאל ער גווארנט זיין קיין גרוב ניט צו מאכין אין דר טיך · נאר ער זאל זייאין ווען זיך די גרוב ממילא מאכין · אונ אז ער זייאט דורך איין זופ זאל ער גווארנט זיין זיא צוא האלטן איין (טפח) הויך פון דר כלי ווס ער זייאט דרונ׳ :

ווייין אודר ביר ווס עס איז דרונין פאר האנדין הייבין טאר מען עס ניט אפ גוסן פון דר הייבין אום שבת · דען עס הייסט גקלויבין נאר ער זאל עס אפ גיסן באמעליך אונ זאל אביסל אובר לאזן אין די הייבין · וואסור ווס עס איז דרונין פאר האנדין ווערים מאג מען זיא טרונקין דורך איין טיך · דען דם הייסט ניט גזייאט ניט מער דיא טיך האלט אוף די ווערים פון צו קומין אין זיין מול אריין · דר ווס שלאגט אום פיטר אום שבת איז ער חייב דען ער קלויבט אום דם שלעכץ פונם גוטס · אוך טאר ער ניט אן הייבין די סמעטני דאס ער וויל עסין דיא זויער מילך · נאר ער זאל אזו אראפ עסין די סמעטני פון אויבין · אוך טאר מען ניט אראפ נעמין דם פעטס פון דר יאך מיט איין לעפיל אודר אפ צו גוסין אין אנאנדר כלי סיידין עס בלייבט אובר אביסל אין דר יאך · עס איז אסור צו שפייאן אוף איין ווינט · דען דר ווינט פאר טראגט דם שפייאכץ · אזו איז גלייך וויא מען ווינט שובלט :

## דיני סחיטה בשבת

ענ: איז אסור אום צו קוועטשין אייל בירט אודר ווייין טרובין אום שבת · אונ אפילו דר ווייין גייט פון זיך נעלבערט · טאר מען דר פון ניט טרונקין דעם זעלבגן שבת · אפילו ער האט די פירות אן גיגרייט צו עסין טאר ער אוך ניט טרונקין דעם ווייין ווס איז אום גלאפין דער פון · וויל עס איז דר סדר ווייין טרובין אום צו קוועטשון · אבר אזעלכי פירות ווס איז ניט דר סדר זייא אום צו קוועטשין דהיינו מילגרומן אודר אנדרי פירות איז מותר טרונקין דיא זאפט וואס גייט ארוס דר פון אום שבת · אבר מיטאר זיי ניט אום קוועטשין נאר הונטר ווייל וכם · אונ אזעלכי ווייין טרויבין וואס רונין נאך פון פאר שבת אפילו זיי רונן אוך אצונד אום שבת · מאג מען ד״ פון טרינקין · וויל אוטלוכר טראפין ווס רונט ווערט בטל אין דעם פרידיגין · די אום גקוועטשטו ווייין טרובין וואס מען ווייגט זייא איין צו מאכין עפיס איין משקה דער פון · אונ עס גפונט זיך דרונן גאנצו קערנדליך אונ זיי רינן אום אום שבת מאג מען טרונקין דער פון · אוך איז מותר אום צו קוועטשין ווייין טרובן אין איין גיקעכץ אריין אום שבת עס גוט צו מאכין · עס איז מותר אום צו קוועטשין עפיס איין שפייז · אוב ער דארף נוט די וואסור וואס גייט ארוס דר פון · אבר אז ער דארף דיא וואסיר דר פון טאר ער עס ניט אום קוועטשין סיידון אין איין גקעכץ אריין שנייא אודר אייז טאר מען ניט מאכין צו גיין מיט דר האנט · אוך ניט צו ברעכין אויף קליינו שטוקליך עס זאל צו גיין אבר מיט איין כלי איז מותר צו ברעכין :

אוך טאר מען עס ניט לייגון אוף דר זון אודר לעבין פייאר עס זאל צו גיין אונ בדיעבד אז מיהאט יוא גלייגט איז מותר צו טרונקין די וואסור דר פון · דר וואס וואשט זיך אום שבת אום ווינטר זאל ער גווארנט זיין ניט צו מאכין צוא גיין אייז אודר שנייא מיט זיינו הענט · אוך טאר ניט זיין קיין נאלץ אוף זיינו הענט בשעת וואשין זיך · דען די וואסר ווערט עס מאכין צו גיין · אוך טאר מען

קיין כלי ניט אום וואשין אום שבת מיט קיין שום זאך׃ אונ דר ווס וואשט זיא אום מיט זאלץ הט ער צוויא עבירות׃ אוך איז אסור משתין צו זיין אין שנייא אום שבת׃ דען ער מאכט אים צו גיין׃ עס איז אסור צוא פאר שטעקין איין פלעשיל מיט איין נאס טוכל׃ דען מען מאכט עס אויס קוועטשין׃ עס איז מותר אריין צו טאן זאפרין אין איין עסין עס זאל אשיינו פארב בקומן׃ דר חס עסט רוטי אודר שווארצי קערשין אום שבת אונ זיינו הענט ווערין גפארבט דר פון טאר ער מיט זיי קיין טוך ניט אן רורין׃ דען ער מאכט עס פארבין׃ אבר ברוט מאג ער אן רורין אונ מאג עס אפילו איין טונקין אין די קערשין חאטשו עס ווערט גפארבט׃

# כמה מיני דינים משבת תולש טוחן תיקוני מאכל מעבד אופה ולש׃

(קנא) ווען איינר הט גבונדן שטרוא אוף צו פר ברענן איז עס מוקצה׃ אונ מיטאר עס ניט מטלטל זיין אום שבת׃ אבר אז ער הט עס אן גגרייט פון פר שבת צו געבין עסין זיין בהמה איז עס ניט מוקצה׃ מיטאר ניט מאכין קיין זאלץ וואסר אום שבת׃ אוך איז אסור צו בזאלצין עטלוכי שטוקליך רעטיך בנאנד סיידין איינס רירט נוט אן דם אנדרי אונ ער וויל עס עסין צו דער וועלביגר סעודה׃ אוך איז אסור צו בזאלצין גיקאכט פלייש אודר אייער סיידין ער וויל עס עסין צו דר זעלביגר סעודה׃ גזאטנים ארבים מאג מען יוא בזאלצן אום שבת׃ עס איז אסור צו קלאפין זאלץ אודר פעפיר אין אשטייסיל אום שבת׃ אבר אין אשיסל מיט אשטיל פון אמעסר אודר פון איין לעפיל איז מותר׃ עס איז מותר צוא שניידן גקאכט אודר גבראטין פלייש אפילו אוף קליינו שטיקליך מיט אמעסור׃ אבר ניט מיט אהאק מעסור׃ אוך איז אסור צוא רייבן קעז אודר ברוט אוף איין ריב אייזין׃ אבר מיט דר האנט איז מותר צו ברעקלין׃ ווען איינר האלט שמעקינדוגי קרייטיכצר אין וואסור מעג ער וואול הונטר נעמין פרושי וואסר אבר ניט גאר אנדרי וואסר אוך טאר מען ניט שניידין אום שבת קיין קרייטיכצר אודר פירות אודר רעטיך אוף קליינו שטיקליך סיידין ער וויל עס עסין צו דר זעלביגר סעודה׃ אוך איז אסור צו נעמין דעם האניק פון דעם בין שטאק׃ אוך איז אסור צו קנעטין אום שבת׃ אוך איז אסור אריין צו גוסין וויין אודר עסיג אודר ביר אין צוא ריבינר קערינדליך דען עס הייסט גקנעטין׃ אבר אז מיהאט פאר שבת דרונין אריין גגאסין׃ מאג מען אום שבת נאך אריין גיסן׃ אוך מעג מען אריין גיסן וויין אודר עסיג אין איין שיסל אונ דר נאך אריין צו ווארפין דרונין דאס קערינדיל אונ מאג עס הונטר מישן מיטן פינגר׃ אבר ניט מיט איין מעסור אודר מיט אלעפיל׃ אוך איז מותר איין עסין שפייז צו מאכין אין איין שיסל׃ אבר ניט קיין פרי׃ אוך איז אסור צו שיילין קנאביל אודר ציבלים׃ סיידין ער וויל עס עסין צו דר זעלביגר סעודה׃

# דיני נולד בשבת

(קנב) איין איי וואס ווערט גבארין אום שבת אודר אום יום טוב איז עס מוקצה׃ אונ מיטאר עס ניט מטלטל זיין אונ אז דם איי איז פר מישט גווארן אפילו צווישן טויזנט אייער זעני אלי מוקצה׃ אבר מען מעג עס צוא דעקין מיט איין כלי עס זאל ניט צו בראכין ווערין׃ נאר ער זאל גווארינט זיין עס ניט צו רירין פונם אורט׃ אונ אז יום טוב גיפאלט ערב שבת אודר זונטאג איז עס ביידי טעג אסור׃ אונ אז מען טוט עס אריין אין איין גקעכץ איז עס אסור צו עסן ביידי טעג׃ דם אופס ווס פאלט אראפ פונם בום אום שבת איז אוך אזו דר דין׃ קיין האלץ טאר מען ניט מטלטל זיין אפילו אקליין שפענדיל דיא ציין אום צו מאכין׃ אבר איין שטרוא איז מותר אוך שמעקנדיג האלץ מכ״ש שמעקינדיגי קרייטיכצר מאג מען וואול מטלטל זיין׃ אונ מען מעג אוך דר פון אפ ברעכין אודר אפ שניידין צו שמעקין דר פון אודר דר מיט אוועק צו טרייבין דיא פליגן׃ עס איז אסור גורל צו ווארפין אום שבת׃ אונ מיטאר אפילו קיין עובד כוכבים אוך ניט לאזין גורל ווארפין פון איין יהודי ווענין׃

# דין השאלה וקנין צרכי שבת והדחת כלי ותיקונן וטבילתן בשבת

(קנג) עס איז אסור צו קופין אונ צו פר קופין אום שבת׃ דרום אז איינר קופט וויין אודר ביר

ביא איין שענקיר טאר אים דער שענקער ניט דער מאנין קיין געלט · אונ ער טאר אים ניט
דר מאנין קיין מאס · וויא דען זאל ער טאן · ער זאל זאגין צום שענקר גיב מיר דיא קאן פיל
אודר האלב · אזו וועט ער זיך שטוסן · אוך טאר ער ניט זאגין צוא אים איך בין שולדיג אגולדין
גיב מיר נאך פר אגולדין · אזו וועל איך דיר שולדיג זיין צווייא גולדין · אטייל לייט זענן מתיר
צו דר מאנין איין מאס צום שענקער · אבר ווער עס איז דרוגין נזהר (תבוא עליו ברכה) עס איז
מותר צו זאגין צוא איין קרעמיר גיב מיר אזו פיל אייער אודר עפיל אודר ניס · אבר מיטאר ניט
זאגין גיב מיר פר אזו פיל גראשין · די טרעגיר וואס טראגין פעסר מיט ביר אודר וויין זאלן זייא
גווארינט זיין זיי צו טראגין אום שבת דורך איין שינוי ניט וויא אום דר וואכין · עס איז מותר אפ
צו וואשין דס גפעס מיט ווארים וואסר וואס זענין ניט גווארימט גווארין אום שבת אוך מעג מען
עס וואשין אפילו פון איין סעודה אויף דר אנדרר · שענק כלים מאג מען אגאנצן טאג אפ ווישן
אונ אום שווענקין · עס איז אסור צו טובלן כלים אום שבת · אבר מען מעג זיי טובלין דורך איין
ערמה · דס ער זאל גיין מיט דר כלי אין מקוה אריין · אונ זאל די כלי אראפ שטופן אין דר וואסר
אונ זאל זיא אן פילן מיט וואסר אונ זאל מיט דעם וואסר עפיס גיסן האטשו די הענט וואשן אודר
ער זאל די כלי אוועק שענקין צו איין עובד כוכבים איבר שבת · אזו דארף עס קיין טבילה ניט
האבין ביז נאך שבת · עס איז אוך אסור איין כלי אום צוא שווענקין מיט זאלץ אודר מיט זאמד
אוך ניט מיט איין טוך · דען ער מאכט זיא אום קוועטשין · אבר מיט שטרוא אונ מיט
הייא איז מותר אום צוא שווענקין :

## דיני הכנת מאכל בהמה

קנד) עס איז מותר צו טראגין פלעווי צו זיין בהמה אין איין זיפ אום שבת · האטשו עס זיפט
זיך אום דס מיסט דר פון הייל ער איז זיך ניט מכוין דר צו · אבר בכוונה איז אסור ·
אוך איז אסור צו לייגן די פלעווי פר זיין בהמה אין דר הייך · כדי דר ווינד זאל זיא ארום וויאן ·
עס איז אסור צו מעסטן דעם גערשטין אודר דעם האבר וואס ער שוט פר זיין בהמה · עס איז
אסור צו שניידן גראז פר זיין בהמה · סיידן זיא קען עס אנדרש ניט עסין · אוך איז אסור צוא
שטאפין עופות אודר בהמות אום שבת · עס איז מותר איין בהמה צוא שטעלין אויף גראז · אונ
איך האב קיין מורא ניט ער וועט ארום רייסן מיט זיין האנט פון אונטר איר אונ וועט עס איר גובן
צו עסין · אוך איז אסור צו נעמין עסין פון איין בהמה אונ צו שוטן פאר דער אנדרר בהמה אום
שבת · דען עס איז מיאוס פר איר · אוך איז אסור איין זאליב ריין צו מאכין אום שבת :

## כותי שעשה מלאכה בעד ישראל

קנה) עס איז אסור צו גובין עפיס איין זאך צו איין עובד כוכבים צו טראגין אום דעם עירוב אפילו
עס איז זיינס · דען דיא לייט וועלן מיינין עס איז פון דעם יהודי אבר אז עס קען קומן
איין שנאה דער פון · אודר דער עובד כוכבים איז איין תקיף מאג מען אים וואול געבן · אוך איז
מותר צו געבין עסין שפייז צו איין עובד כוכבים אויף דעם תנאי ער זאל עס עסין אין זיין הויז אפילו
ער טראגט עס אום דעם עירוב · איין קלייד פון איין עובד כוכבים וואס לוגט במשכון ביי איין
ישראל מאג מען אים אום בייטן אויף אנאנדר משכון אום שבת אוב ער טוט עס אן · דאס ברוט
וואס איין עובד כוכבים הט גבאקין אום שבת אסרין עס אטייל לייט · אונ אטייל זענין עס מתיר
דרום אז מיקען קיין אנדר ברוט ניט קריגן · אויף איין סעודת מצוה איז עס מותר צו עסין · דאס
אופס וואס איין עובד כוכבים הט אפ גרוסן אום שבת פון זיינט וועגין איז עס אסור אפילו מטלטל
צו זיין אבר מען בדארף ניט ווארטן נאך שבת ביז מען וואלט עס גקענט אפ רייסן אבר אוב עס
איז נאר אפילו איין ספק אוב ער האט אפ גרוסין פון איין יהודי וועגין אונ אפילו עס איז נאר איין
ספק אוב ער האט עס ניט אפ גרוסין נאך פאר שבת דארף מען יוא ווארטין נאך שבת :
איין עובד כוכבים וואס האט גבראכט צו איין יהודי אום שבת אזו איין זאך וואס איך האב קיין
מורא ניט דס ער האט עס היינט אפ גרוסין אודר גפאנגין נאר איך האב מורא טאמער הט

ער גבראכט אום דעם תחום איז דר דין אזו האט ער עס גבראכט פון זיינט וועגן · אודר פון אנאנדר עובד כוכבים וועגן איז עס מותר צו עסין אונ אוב ער האט עס גיבראכט פון איין יהודי' וועגן · טאר עס דר זעלביגר יהודי ניט עסין ביז נאך שבת אזו לאנג אז מען וואלט עס גקענט ברענגין אום דעם תחום אונ אנאנדר יהודי מעג עס עסין אפילו אום שבת אונ אוב עס איז איין ספק אוב ער האט עס גיבראכט אום דעם תחום איז אוך אסור · דס איז אלס גרעט גווארין פון אזו איין עובד כוכבים וועם וואונט ניט מיט אים אין איין שטאט אונ דיא זאך איז אוך ניט צו קריגין אין דר שטאט · אבר אז ער וואונט יוא מיט אים אין איין שטאט אונ די זאך איז אויך צו קריגין אין דר שטאט אונ ער ווייסט אוך אז ער האט די זאך ניט אפ גרוסין אודר גפאנגין אום שבת · איז עס מותר צו עסין · ווען איין עובד כוכבים ברענגט אום דעם עירוב ברוט אודער ביר אין אטייל מדינות האלט מען עס פאר איין איסור אבר אין אונזרי מדינות האלט מען פר איין היתר אפילו אים עס צו הייסין ברענגין פון אורחים וועגין · אודר אוף אסעודה · איין עובד כוכבים וואס טוט אמלאכה אודר ער צונד אן אליכט אום שבת פון איין יהודי וועגין · טאר ער דר פון קיין הנאה ניט האבין אבר פון איין סעודת מצוה וועגין איז מותר · אונ מיר האלטין דיא סעודה פון שבת אוך פאר איין סעודת מצוה :

## דיני רחיצה בשבת

(קנד) עס איז אסור אום שבת זיך צו באדן אודר צוא גוסן אוף זיך ווארעם וואסר וואס זענן אפילו גיווארימט גווארן פר שבת · אבר זיין פנים אונ הענט אונ פוס מאג מען יוא אפ וואשן אין דר וואסר · אונ אין קאלט וואסר מעג מען זיך יוא באדן · אונ ווער עס באד זיך אין טייך זאל ער גווארנט זיין ניט צו גיין פיר איילן פונם טייך ביז די וואסר ווערט אפ גטרוקנט פון אים · אין איין ווארום באד וום לופט אוף דר ערד איז זיך מותר צו באדן אבר אין אוואנע איז אסור מכ"ש אז עס שטייט אין איין חדר אודר אין הוז · אוך איז אסור אפילו אריין צו גיין אין איין שוויץ באד אום שבת · דר וואס האט זיך בגאסן מיט קאלט וואסר אודר ער האט זיך גוואשין טאר ער זיך ניט ווארטין לעבן פייאר אז די וואסר זאל ווארום ווערן אוף אים · אוך דר וום האט זיינע הענט דר ווארימט ביי דעם פייאר טאר ער אוף זיי ניט גיסין קיין קאלט וואסר · עס איז אסור צו וואשן די הענט אום שבת מיט זייף אודר זאלץ אודר חלב אודר מיט פעטז זאכן אבר מיט קלייאן איז מותר איין באד וואס מהאט זוא גהייצט אום שבת פון עובדי כוכבים וועגן מאג איין יהודי אריין גיין דרונן תיכף נאך שבת · אבר אז מהאט זוא אום גהייצט פון איין יהודי וועגן מוז מען ווארטן נאך שבת ביז מיוואלט זוא גקענט אום הייצון :

## דיני סיכה בשבת

(קנה) עס איז אסור זיך צו שמורן מיט אייל אודר מיט אלס וואס גהער צו איין רפואה · דען עס איז אסור איין רפואה צוא טאן אום שבת סיידן צוא איין מסוכן · אזו וויא איך וועל דא בשיידון · ווען איינם טוט עפוס וויא אונ ווייטר איז ער פרוש אונ גזונד אין גאנצן גוף · טאר מען אפילו קיין עובד כוכבים ניט הייסן אים איין רפואה צו טאן · אבר צו איין קראנקן וום איז מסוכן דס אז מיוועט אים די רפואה ניט טאן וועט ער שטארבן אודר ער וועט ערגור קראנק ווערן · איז אגרוסי מצוה אפילו מחלל שבת זיין אים רפואות צו טאן · אונ ווער עס איז דרונן גווארנט איז ער גלובט · אונ ווער עס טוט עס ניט אום גפרעגט איז ער איין (מין) · דס ער גלייבט ניט אין דעם וום די חכמים האבן גשריבן · אונ ער טוט איין עבירה הונטער ווייליכם · אונ דיא גמרא זאגט אז דער זעלביגר מענטש איז גלייך וויא ער וואלט איין רציחה גטאן · אונ דר רב וואס לאזט זיך פרעגין אזו איין זאך איז ער מגונה · דען ער דארף עס אופט דרשנין אין אלי שולן דאס איטלכר זאל וויסן אז ווען עס איז איין נוט · אונ מען קען קיין עובד כוכבים ניט קריגן · אודר מען קען אים ניט באלד קריגין דארף מען ניט ווארטן גאר איין יהודי זאל עס תיכף טאן · אוך זאל מען עס ניט לאזן טאן קיין טפי הארצים אודר ווייבר אודר קינדר · דען זיי וועלן עס פר לאזן · אונ וועלן ניט גלייבן

אין (אמונת חכמים) · נאר עס זאלן עס טאן קעסטלובי לייט לומדים אונ תלמידי חכמים אונ אוי לכר מאג זיך האלטן פאר אתלמיד חכם אין דר זאך · אבר אז אין דר ווייל וואס מען וועט רופן דעם עובד כוכבים וועט ער ניט קראנקר ווערן · דארף מען וואול ווארטן · אונ אז דר יהודי הט אן גהובן אונ עס איז נקומן איין עובד כוכבים זאל ער אים לאזן גומר זיין · אונ די מצוה איז גרעכנט אופין יהודי · אלי דו הוצאות וואס אמענטש הט איננייגג אין זיין לייב אפילו ציין ווייטוג אונ ער ליגט נאר אונ בעט דארף מען ניט ווארטן אויף איין עובד כוכבים · אונ מען דארף ניט פרעגן קיין דאקטור אודר בקי נאר מען מעג אים אלס טאן וויא אום דר וואכן · אבר אז מען ווייסט דס ער וועט חו ניט קראנקר ווערן ביז מיהעט רופן איין עובד כוכבים אודר ביז נאך שבת טאר מען ניט מחלל שבת זיין · אונ ווען ער האט איין אוסן ווייניגסטו קרענק · דארף מען פרעגן איין דאקטאר אודר אז ער זעלבסט זאגט איך בדארף תיכף צו רפואות מעג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגן ווען צווייא דאקטורים זאגן ער דארף באלד · אונ אנדרו הונדרט דאקטורים זאגן ער דארף ניט איז מען דאך מחלל שבת פון זיינט וועגן · דען די דעה פון צווייא איז גלייך ווי פון הונדרט אונ אז ער זעלבסט זאגט ער דארף באלד · אפילו איין דאקטיר זאגט ער דארף ניט · אודר אז ער מיט איין דאקטיר זאגן ער דארף באלד · אונ אפילו אנדרו דאקטורים זאגן ער דארף ניט · איז מען דאך מחלל שבת פון זיינעט וועגן · אבער אז ער זעלבסט זאגט ער דארף באלד · אונ צווייא דאקטורים זאגן ער דארף ניט · גייט מען נאך דעם רוב נאך :

ווען איינר הט איין מכה אויסן ווייניג אויף זיין פוס אודר ווען איינום הט איין בים גטאן אמשוגנר הונט אודר איין שלאנג · איז מען אוך מחלל שבת פון זיינוט וועגן · ווען איינר איז גפאלן אום שבת אונ מען קען קיין עובד כוכבים ניט קריגן מאג אים איין יהודי אדער לאזן אוך ווען איינר האט בקומן איין ווינד פון אשווערד אודר פון אנדר אייזן מאג מען אוך מחלל שבת זיין פון זיינט וועגן · ווען איינום טואן וויא די אויגן אודר אפילו איין אוג · אונ פר ווייטאג רונט עס מיט אייטר אודר בלוט · מאג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגן · קורץ פון דער זאך אלו דו קראנקייטן וואס איין דאקטור אפילו ניט קיין גוויסר · אודר אפילו אנאנדר יהודי זאגט איך פר שטייא וואול אז ער דארף באלד צוא איין רפואה איז ער באגלייבט · ווען מען צווינגט איין יהודי ער זאל איין עבירה טאן אפילו איין הארבו עבירה טאר מען ניט מחלל שבת זיין פון זיינט וועגן אבר אז מען צווינגט אים צו דר שמד חו מאג מען יוא מחלל שבת זיין פון זיינט וועגן · איין קראנקן וואס מיהאט אים גשאצט אום שבת אז די רפואה מוז מען אים טאן אכט טאג דורך אנאנד טאר מען ניט ווארטן ביז נאך שבת · כדי מיזאל נאר איין שבת מחלל זיין · נאר עס איז אפילו אמצוה אן צו הייבן אום שבת האמשו מען וועט צווייא שבתים מחלל זיין · איין קראנקר וואס קען ניט שלאפין אובר דר לוכט אונ עס איז איין סכנה אז ער וועט ניט שלאפן · מאג מען זיא וואול פר לעשין אונ איטליכור וואס איז גיווארנט אונ גשווינד אין דר זאך הונטר איין נוט איז ער גלובט אונ גלובט ביי דו חכמים · אונ ער הט אגרוסן שכר גלייך ווי ער וואלט שבת גהאלטן מיט אלו זאכן :

אונ אז מיט דער רפואה טוט מען נאך אנאנדר מלאכה דהיינו ווען איינר איז חו אריין גפאלן אין טייך אריין שבת · אונ מען ווארפט איין נעץ אונ מען האפט מי... אים ארום פיש אוך · שאט עס ניט ווייל ער איז זיך ניט מכוין דרוף · אוך אז מען זאגט דר קראנקר דארף איין עפיל · אונ עס לופן צעהן בנאנד אונ איטלוכר ברענגט · האבן זיי דאך אלו איין שכר · ווען איין קראנקור דארף האבן פלייש · אונ עס איז ניט צו קריגן נאר טריפות אודר חזיר · מאג מען וואול שעכטין בשר פלייש · איידער מיזאל אים געבן טריפות אבר אז ער קען ניט ווארטן ביז מיהעט שעכטין מאג מען אים וואול געבן אפילו חזיר · איין קראנקור וואס איז ניט מסוכן מאג מען וואול הייסן איין עובד כוכבים מחלל שבת זיין פון זיינוט וועגן · דרום מעג מען וואול הייסן צוא איין עובד כוכבים פון אקינדים ווען טון אמלאכה דענעם איז ווי אקראנקר וואס איז ניט מסוכן אבר קיין יהודי טאר ניט אפילו איך האב מורא דס איין אבר וועט אים קאלו ווערן סיידן ער טוט דורך איין שינוי ניט



ווי

וויא אום דר וואכון אונ אזו איין רפואה ווס איז קיין מלאכה ניט · אבר וואס איין מלאכה איז טאר זיך אפילו דר קראנקור זעלבסט ניט טואן · ווען איינר הט זיך צו אדור גלאזט · אונ הט זיך פאר קולט אום שבת מאג מען אים איין הייצון אפילו אין חודש תמוז · איין קראנקור וואס איז ניט מסוכן מאג עסן פון דעם ווס איין עובד כוכבים הט גקאכט אונ קיין יהודי הט ניט אכטונג געבן :

אלו רפואות איז אסור צו טאן צו אזו איין קראנקון ווס איז ניט מסוכן · דרום טאר מען דאס אונ ניט שמורן אום שבת אפילו מיט גיכטרון שפייאוכץ פון איין רפואה וועגן · אבר עס איז מותר איין צו ווייקון פלאסטור אום ע"ש · אונ צו לייגן אופון אונ · אבר אז עס וועט ניט איין גווייקט ווערון אום ע"ש איז עס אסור צו טאן · ווען איינר הט איין ווינד טאר ער דרוף קיין נייא פלאסטר ניט לייגן אום שבת · אפילו עס איז נאר אראפ גפאלון פון זיין ווינד אוף דר ערד טאר ער עס ניט ווידר ארוף לייגון · אבר אז עס איז ניט אראפ גפאלין אוף דר ערד מאג ער וואול צו רעכט מאכון אוף זיין ווינד · אבר איין עובד כוכבים מאג מען לאזון אפילו איין נייאו פלאסטר דרוף ארוף לייגון אונ אז עס רונט אייטר פון זיין ווינד · מאג ער אוף הייבון דעם פלאסטור פון איין זייט אונ אפ ווישן אונ דר נאך זאל ער אים ארוף לייגון אונ ווידר אוף הייבון די אנדרו זייט אונ אפ ווישן אבר דעם פלאסטור טאר מען ניט אפ ווישן · ווען איינר האט איין מכה אונ האט ניט דרוף קיין פלאסטור מאג ער דרוף צו לייגון נייאו אודר הארטו טוכר · אבר ניט אלטו אודר ווייכו טוכר דען גם הייסט איין רפואה · ווען איינר הט איין פר היילטו מכה · נאר פר פארכט זיך זיא זאל אים ניט חס ווידר אוף רייסין · מאג ער דרוף צו לייגון איין פלאסטור אום שבת · דען עס הייסט ניט קיין רפואה · ווען איינר עפונט אבלאטור אום שבת כדי ער זאל פר היילט ווערון · במזיד איז ער חייב מיתה · אבר אז עפונט עס פונם אייטור וועגן דס ער טוט אים וויא איז מותר · דס ווילד פלייש פון דיא פונגר טאר מען ניט אפ רייסן אודר אפ שניידון אום שבת · דעם וואס טואן וויא דיא ציין מאג ער זיי שווענקון מיט עסיג · אבר ער דארף אים אראפ שלונגן · דעם וואס זיין האלז טוט וויא מאג ער וואול אראפ שלונגן בום איל · אבר ניט ווידר אום שפייאון · דר ווס קרעכצט מאג ער וואול זייגון מולך פון איין בהמה אום שבת · אבר ער טאר זיא ניט מעלקון אונ די מולך טרונקן · איין אשה טאר ניט אפ מעלקון מולך אין איין כלי ארייון פון איר קונדס וועגן · אבר זיא מאג וואול אפ מעלקון אוף דר ערד כדי דאס קונד זאל קענון די ברוסט אן נעמון · אוך טאר זיא ניט מעלקון אוף אנאנדרון פון רפואה וועגן · מען מאג וואול איין נעמון לאקרוץ זאפט אודר אנדרו זאכון כדי ער זאל אגוט קול האבון · עס איז אסור זיך צו מאכון שפייאון דורך קרייטובצר אפילו אום דר וואכון סיידון דאס עסון טוט אים וויא · אבר אום שבת איז אזו אוך אסור אבר ער מעג זיך צו האלטון ביי דעם האלז ביז ער שפייאט אום · ווען איינעם טוט וויא דר בוך מאג מען וואול שטעלון אוף זיין בוך איין כלי מיט לעבלוך וואסר · ווען איינר הט זיך אובר גטרונקן מאג מען אים שמורן זיינו הענט אונ פוס מיט איל אודר מיט זאלץ אום שבת · אזו איין כלי ווס מען מעג מטלטל זיין אום שבת מאג מען זיא שטעלון אוף איין אונ צו קילן · ווען איינעם איז אביין ארוס גרוקט גווארון מאג מען אים פארוכטן אום שבת : ווען איינר הט זיך איין שנוט גטאן ביז דס בלוט גייט טאר ער דרוף ניט לייגון קיין טוכל · דען עס ווערט גפארבט · וויא אדען זאל ער טאן ער זאל פרור דאס בלוט גוט אפ וואשון אודר שפין וועב לייגון דרוף · אונ אוף דעם דאס טוכל :

## על מי מחללין השבת

קנח אלו זאכון ווס הענגט דרונן סכנות נפשות מאג מען דרוף מחלל שבת זיין אפילו ווען עס איז אשריפה ח"ו אפילו ניט אין זיין הויז מאג ער וואול לעשן אום שבת אז דס פייאר זאל ניט ווייטור גיין · אונ דר ווס העלפט דר צו איז ער גלובט אין די אוגן פון די חכמים · איין הוז וואס איז איין גפאלון ... איז אספק טאמור איז עמוצור גוועו אינוויינוג · דארף מען מחלל שבת זיין עס אום צוא רומ' · ... אז מזין גפונט גהרגותו לייט דארף מען ווייטער רומון זענון דוא הונטערשטו אוך טוט · דארף מען רומן ביז זייערו נאז לעכור · טאמור איז נאך פר האנדון עפום אטום אין זייו



איין

אונ אז זייא האבן שון קיין אטום ניט טאר מען שון ווייטער ניט ארבייטן · אויך אז עובדי כוכבים זענין אן גפאלן אונ עס איז איין ספק טאמער זענין זיי אויסן אויף נפשות מאג מען וואול מחלל שבת זיין · אבר אז מען ווייסט גוויס אז זיי זענין נאר אויסן אויף געלט טאר מען ניט מחלל שבת זיין ווען עובדי כוכבים לויפן נאך איין יהודי אים צוא הרגנן מאגן אנדרי יהודים מחלל שבת זיין אונ אים מציל זיין מיט כלי מלחמה אונ זייא מאגן די כלי מלחמה דער נאך ווידר אהיים טראגן אום דעם תחום שבת מכ"ש אום דעם עירוב דען אז מיוועט זיי אסרן אהיים צו טראגן וועלין זיי דאס אנדרו מאל ניט וועלין מיט זיך נעמין אזעלכי כלים · דעסט גלייכן ווען איינר איז אין אנדר סכנה איז מען אים מחוייב מציל צו זיין · אונ אפילו עס קענין אים מציל זיין עטליכי · אונ עס זענין מתעסק דר צו הונדרט לייט איז דאך די מצוה פון אלו זייער גרוס :

## דיני יולדת בשבת

(קנט) איין קונדפעטארין איז גלייך ווי א איין קראנקר וואס איז מסוכן · אונ מען איז מחוייב מחלל שבת זיין פון אירט וועגין צו אלז זאכין וואס זיא בדארף · מען מעג איר רופן איין באבע אפילו אום דעם תחום · מען מעג אן צונדין איין ליכט · אפילו זיא איז אבלונדו · דען עס איז איר אנחת רוח אז אנדרו וועלין זיך זעהן מתעסק צו זיין מיט איר · אבר אלו זאכין דארף מען טאן דורך אשינוי · אבר אז איין עובדת כוכבים גייט צו קונד טאר מען ניט מחלל שבת זיין פון אירט וועגין · אפילו מיט אזו אזאך ניס איז נאר מדרבנן · עס זענין דרייא ערלייא קונדפעטארינס · דס ערשטו אז זיא גייט צו קונד · דס אנדרו אז דס נדה הייבט אן פון איר צו רונין · דס דריטו אז זיא קען ניט ארום גיין ביז מען מוז זיא טראגן הונטר דר ארום · אויף איינס פון די אלו איז מען מחלל שבת · די ערשטו דרייא טאג פון איר גלעגין ווערין איז מען מחלל שבת פון אורט וועגין אפילו זיא זאגט איך דארף עס ניט · פונם דריטין ביז דעם זיבטן טאג אז זיא זאגט איך דארף ניט איז מען ניט מחלל שבת · אבר אז זיא שווייגט איז מען יוא מחלל שבת · אבר פונם זיבנטין ביז דעם דרייסיגסטן טאג איז זוא אז ווי א חולה וואס איז ניט מסוכן · אונ מען מעג הייסן איין עובד כוכבים צו טון אלי אורי בדרפניש איין קונד וואס איז געבארין געווארין צו ניין אודר צו זיבן חדשים מאג מען מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין אבר אפילו עס איז אספק אוב עס איז געבארין אין אכטין חודש טאר מען ניט מחלל שבת זיין פון זיינט וועגין · אונ אז עס הט ניט קיין האר אונ קיין נעגול טאר מען עס ניט מטלטל זיין · אבר די מוטר מעג זיך יוא איין בייגן אים צו גובין זייגין · דס די מולך זאל איר ניט ווייא טאן נוך מאג זוא אפ מעלקין די מולך אוב זוא טוט אור ווייא :

## דיני מילה בשבת

(קס) מען מעג מחלל שבת זיין פון וועגין דעם ברית מילה מיט אלו זאכין · אבר אז עס איז אספק אוב ער איז ניט געבארן געווארן אום פרייטוג דהיינו עס איז געבארין געווארין פרייטוג פר נאכט · אודר עס איז אספק אוב עס איז אצייטוג קונד איז מען עס ערשט מל אום זונטאג · אונ מיטאר ניט מחלל שבת זיין פון אספק וועגין · פר דר מילה מעג מען באדין דם קונד מיט וואראום וואסור וואס זענין געווארומט געווארין אום שבת · אבר דם באדין וואס נאך דר מילה דארף מען ווארטן ביז נאך שבת · אוב עס דארף ניט דר צו · וועז אבהמה איז חולי מעג מען הייסן איין עובד כוכבים איר בלוט צו שלאגין · (קסא) ווען מען ברענגט איינס אפאס מיט וויין אודר ביר טאר ער עס ניט אראפ נעמין פונם וואגין אום שבת · סיידן ער דארף עס צו אסעודת מצוה · אודר פון אורחים וועגן :

## דיני דליקה בשבת

(קסב) ווען עס איז ח"ו אשריפה אום שבת אונ עס העננט דרונן אפילו נאר אספק סכנה איז אמצוה מחלל שבת צוא זיין צו לעשן אפילו די שריפה איז ביי עובדי כוכבים · כדי דס פייאר זאל ניט ווייטער גיין · אודר דוא עובדי כוכבים וועלין ח"ו בראבוין דוא יהודים · אודר אנדרו סכנות · אבר אז מען ווייסט גוויס אז עס העננט דרונן ניט קיין סכנה טאר מען ניט לעשן אום שבת אפילו צווישן יהודים · אונ דווקא צו לעשן מעג מען מחלל שבת זיין · אבר עס איז אסור

אויף דס זיינגי מחלל שבת זיין דהיינו מציל צו זיין זיינו קליידר אונ צירונג אודר דעסט גלייכן • אונ ווער עס הט מחלל שבת גוועזן צו אום רעכט מוז ער פאסטין פערצוג טעג (שני וחמישי ושני) אונ זאל קיין פלייש ניט עסן אונ קיין וויין ניט טרונקן נאך זיין תענית • אונ זאל גובן אין צדקה אריין אבצעהן שולינגער • אונ אז ער וויל זיך אוים לייזן זאל ער געבין פאר איטלובן תענית צוועליף שולנגער :

(קסג) ווען איינר האט אום גשוט אקארב מיט אופס אונ זיין הוז איז דאס אופס גפאלן אויף איין אורט מעג ער עס ווידר אריין לייגן אין קארב אריין • אבר אז עס איז פאר שפרייט גווארן • אודר עס איז גפאלן אויף אדבר מוקצה • טאר מען עס ניט צום אויף קלובן אין קארב אריין • נאר ער זאל עס אויף קלובן איינצוג וויים אונ תיכף אויף עסן :

(קסד) עס איז אסור ארויף צו קריכן אויף אבום אום שבת • אונ מיטר ניט נוצן מיט קיין שום זאך וואס איז באהעפט אונ דר ערד • ווען איינר האט עפוס גלייגט אויף אבום ערב שבת • טאר מען עס ניט אראפ נעמון אום שבת : אפילו ער דארף דרויף ניט קריכן • עס איז מותר צו גיין אום שבת אויף גראז אודר אויף קרייטוכצר • וייל ער איז זיך דאך ניט מכוין עס אום צו רייסן • דו לייט וואס עסן אין גערטנר אום שבת • זאלון זיי גווארנט זיין ניט צוא גוסן קיין וואסר אויף דעם גראז אודר קרייטוכצר אבר מען מעג וואול משתין זיין אויף דו קרייטוכצר • דען עס מאכט עס קאלוי מזאל גווארנט זיין ניט צו ווארפון תבואה פר דו עופות אויף אפייכט אורט אום שבת : דען עס וועט חיו וואקסין • אונ זאל זיי מיין ניט ווארפון נאר וואס זייא קענון אויף עסן דעם זעלבוגן טאג : קרייטוכצר וואס וואקסון אונ אכלי טאר מען זיי אויך ניט אפ רייסון אום שבת • אצווייג מיט אופס וואס מיהאט זו אפ גרוסן פר שבת • מעג מען וואול אפ רייסון דאס אופס דר פון אום שבת • איין רינווע וואס איז פר שטאפט גווארון • אונ עס גייט ארעגון • אונ דס וואסר גייט איבר אונ טוט אים שאדון אונ זיין הוז • מעג ער זוא אום מאכון מוטן פוס אום שבת אבר ניט מיט אהאלץ • עס איז אסור צו שמעקון דאס אופס וואס הענגט נאך אופן בום טאמר וועט ער עס חיו אפ רייסן • עס איז אסור צו גוסן וואסר אויף אזאמון • וואול שמעקודיגי קרייטוכץ וואס לוגן אין וואסר • מעג מען זייא ארוס נעמון צוא שמעקון אונ ווידר אריין לייגון • אויך מעג מען הונטר גוסן נאך וואסר אבר ניט נאר אנדרו וואסר • דר וואס רייסט אפ אופס פון אבום וואס שטייט נאך אין דר ערד אפילו עס איז שון דאר דס עס וואלט שון ניט גקענט בלייבון אפילו איין שעה אופן בום איז ער דאך חייב מיתה עס איז מותר אבום אן צו רורן • אבר ער זאל זייער אונ זייער גווארנט זיין אים ניט צו שאקלון אברונן וואס איז זייער טוף מעג מען אריין קלעטרון וואסר אן צו שעפון • אונ איך האב קיין מורא ניט טאמר וועט זיך די ערד אפ שוטן :

## דין כיבוד הבית ודבר שאינו מתכוין

(קסה) אלי זאכון וואס דר מענטש איז זיך ניט מכוין דר צו איז מותר צו טאן אום שבת • דרום מעג מען וואול שלעפון אויף דער ערד אטוש אודר אנאנדר זאך אפילו מען מאכט דער מיט אגרוב אין דר ערד דען מען איז זיך ניט מכוין דר צו • עס איז מותר צו גוסן וואסר אויף דער ערד כדי דר שטוב זאל בלייבון לוגן • עס איז אסור אום צו קערון אהוז אודר אשטוב מיט אבעזום אום שבת • אפילו עס איז גפלאסטורט • אבר איין עובד כוכבים מעג מען וואול הייסן אום קערון • מיט אפלעדר וויש מעג איהודי אויך אום קערון • עס איז אסור צו וואשן אודר אום צו גלייכון דו ערד • אויך איז אסור צו קאטשון אויף דר ערד אשווערו פאס דען זו פאר גלייכט דוא ערד • האטשו ער איז זיך דאך ניט מכוין דרויף דען עס וועט בוודאי פאר גלייכון דרום איז אסור :

## השמעת קול בשבת

(קסו) עס איז אסור צו לאזון הערון אקול אום שבת מיט אכלי זמר • אודר מיט אלס וואס איז גמאכט גווארון אויף אקול וועגון • דרום טאר מען ניט קלאפון אין אטור מיט אזו איין אייזן וואס איז דר צוא גמאכט גווארן • אויך איז אסור קלונגן מיט אגלאק • אויך דר שמש טאר ניט



כלאפן:

קלאפן אין של אריין אום שבת מיט זיין האמיר אבר עס איז מותר צו בשטעלון איין עובר כוכבים פאר שבת ער זאל שפילן אוף אהתונה גאנץ שבת · ווען עס לוגט בייא איינם אין הוז אופס אודר אפילו ווס מוקצה איז דהיינו צוגל · אונ עס ווערט קאלו · מעג ער עס וואול צו דעקון מיט אזו אזאך וואס מען מעג מטלטל זיין · ווען איינם רונט אריין אין זיין הוז רעגן אודר שנייא מאג ער אונטר שטעלון כלים · אונ אז זייא ווערון פול מעג ער זיי אום גוסן · אונ ווידר אונטר שטעלון · (קסז) עס איז אסור צו רייטון אוף אפערד · אודר צו פארין אין אוואגון אום שבת · אוך איז אסור צו שווימן אונ אריין צוא גיין אין אשוף · אבר אז ער איז שון אין דער שוף פון פאר שבת מעג ער אין איר בלייבון אפילו זו פארט אום שבת · עס איז אסור צו משפטן מכ״ש מלקות צו שלאגן אום שבת · אז עס איז אחופה אום פרייטאג צו נאכט זאל מען גווארונט זיין ניט מחלל שבת צו זיין פר גרוס שמחה דר וום נעמט איין (אלמנה) אודר (אגרושה) · טאר ער ניט לוגן ביי איר דם ערשטו מאל אום שבת · אבר איין בתולה איז מותר · דו שפענדלוך ווס שווימן אופן וואסר טאר מען זיי ניט ווארפון אהון אונ אהער דו וואסר לוטר צו מאכון · אשוף ווס שטייט אוף דר ערד · אודר אפילו זו שווימט אופן וואשר · נאר זוא איז אן גקנופט ביי דעם בארג · מעג מען אריין גיין אין איר אום שבת:

(קסו) דער ווס שערט אפ אודר ער רייסט אום אהאר אום שבת איז חייב מיתה · אונ דאס טאר מען אפילו אום דר וואכון אוך ניט טאן · דרום טאר מען זיך ניט קרייזלון אום שבת אוך קיין בתולה טאר זיך ניט קרייזלון מיט אנאדול אודר מיט אמעסור · נאר מיט דו פונגר · אוך איז אסור אפ צו שניידון אודר אפ צו רייסון דו נעגול פון זיינו הענט אודר פוס אום שבת · דר וואס מעקט אום צווייא גשריבני אותיות אום שבת איז ער חייב דרום איז אסור אוף צוא רייסון אחתימה אודר אלץ ווס איז דרוף גשריבן · דען מיט דעם מאכט ער אום מעקון · עס איז אסור צוא שרייבון אפילו מיט וואסר אודר מיט וויין אוף אשום זאך אפילו אוף דר ערד · אבר אין דער לופטן מעג מען וואול שרייבון · מען מעג וואול פר צייכונן אגרייז טוטן נאגול צו פארוכטן נאך שבת ווען איינם איז גמאכט גווארון זיין קאסטון צו פר בונדון מיט אשנורל טאר ער ניט פר בונדון אום שבת · דען עס הייסט ווי גנייט · עס איז אסור אריין צוא שוטן פעדרון אין איין קושן צום ערשטין מאל אום שבת אבר אז זיי זענון ארוס גפאלון מאג ער זיי ווידר אריין שוטן · עס איז אסור צוא געסון זאלץ פון דעם אורט וויא עס ווערט גמאכט · אוך אלדונג פון דעם אורט וויא עס וואקסט אוך איז אסור צוא רייבון עפול אודר רובן איינש אין אנדרון · עש איז אסור צו ווייקון אזאמון פון פלאקש אודר לייאן אום שבת אוך איז אסור צוא רייבון פאפור · אודר עש צו נוף צוא קלעבון · אוך טאר מען קיין שערבול ניט צו ברעכון עפוס צוא צו דעקון דר מיט:

עס איז אסור מתיר צו זיין אנדר סיידון לכבוד שבת · למשל ווען איינר האט אנדר גטאן צוא פאסטון אודר קיין פלייש ניט צו עסון · אונ קיין וויין ניט צו טרונקון · אודר קיין קליידר ניט אן צו טאן · אונ אלץ ווס גהער לכבוד שבת · טאג מען אים מתיר זיין · אבר אמאן זיין וייב אודר אפאטר זיין טאכטר טאג מען וואול (מפר) זיין אום שבת אפילו אזו אנדר ווס גהער ניט לצורך שבת · דען אז ער ווט איר ניט (מפר) זיין אין דעם זעלבגן טאג ווט איר שון קיין (הפרה) ניט העלפון · ווען איינר האט איין נדר גיטאן צוא טאן עפוס איין זאך · ביז אין דר צייט · אונ אצונד איז דער אונטרשטער טאג אום שבת: אונ ביז אהער האט ער דו זאך ניט גקענט טאן טאג מען אים וואול מתיר זיין · דאס ער זאל ניט עובר זיין אוף זיין נדר: אהרם מאג מען וואל מתיר זיין אום שבת · אלו זאכון וואס זענון אסור מדרבנן טאג מען זייא טואן פרייטאג (בין השמשות) איידר עס ווערט רעכט נאכט · איטלוכר פאטר אונ מוטר זענון מחוייב צו לערנון זייערו קונדר אז זיי זאלן ניט מחלל שבת זיין חו · אוך זיי צו ווערון זיי זאלוגגיט מטלטל זיין ווס מוקצה איז · בפרט האלץ אודר שטיינר · דש זיי זענון דרונן גוואונט אין דער יוגנט · אוף דוא עבירות פון דר יוגנט האטשו ער הט דוא עבירות גטאן בשוגג דאך דארף איטלוכר דרוף אוף זיך איין תשובה מקבל זיין:

יועץ

ווען צוויי יהודים וואונן אין איין הויף אודר אין איין גאם אסרת איינר אופן אנדרן צו טראגן אין איין עירוב · ווען איין יהודי וואונט אין אזו אשטאט ווס זו האט איין עירוב איין מאויר אודר אצאם אודר אגראבין צעהן טפחים טוף ארום אונ ארום · אזוא איז גלייך אז וויא דוא גאנצו שטאט איז אין זיין רשות · דען דם וואונג פון עובדי כוכבים איז ניט גאכט · אבר אז צווייא יהודים וואונן העלפט דר עירוב ניט ביז זיי מוזן אפ קופן דם וואונג פון די עובדי כוכבים אין זייער רשות אפילו פר אשולנגור דם זיי זאלן דר פולן דעם רשות · אפילו עם איז מלחמה העלפט עם אוך אז מען קופט דעם רשות פון דעם שר אודר שופט איז גלייך ווי דו הייזור זענגן אין די יודנס רשות · אוך ווען דיא יהודים דונגן דעם רשות פונם עובד כוכבים אודר אפילו פון זיין קנעכט אודר דונסט · אונ דר עירוב העלפט ניט אנדרש סיידן זיי וואנען אין אגאס אודר אין אהויף אונ סיקן דעם טויאר צו מאכן ביי נאכט · אפילו מען מאכט אים ניט צו העלפט אוך · אבר אז זיי וואונן אין איין אופנו גאס העלפט דר עירוב אוך ניט ביז מען מוז לייגן אבלקן אובר דר גאס פון אוואנט צו דר אנדרור אוף ביידו זייטן · אונ אצונד דם מיר וואנן צווישן עובדי כוכבים · אונ זיי ווילן ניט לידן אוף אבאלקן · דא שטעלט מען צווייא העלצור ביי דוא ווענט פון די הייזור · אונ מען קנופט צו דרוף איין שנירול פון איין וואנט צו דר אנדרור · אזו ווייזט זיך עם וויא אטור אפילו עם איז זייער הוך:

אונ דר עירוב מוז אזו גמאכט ווערן מען נעמט אום אבוסל מעל פון אוטלוכן בעל הבית אונ מען באקט דר פון אברוט · אונ מען מאכט אברכה (ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב) · אונ אז מיהאט פר געסן צו מאכן די ברכה שאט עם אוך ניט · דר מנהג איז מען לייגט דעם עירוב אין שול אריין · דר (עירוב) מוז זיין איין גאנץ ברוט · אונ אז עם ווערט צו בראכן אודר פר שומלט איז עם שון פסול · דרום איז דר מנהג דם מען מאכט אמצה אום ערב פסח · אונ מען הענגט ז"א אוף אין שול · ווען איינור האט ניט גגובין צו דעם עירוב · דא אסרת ער אוף די אנדרו · בוז ער מוז מבטל זיין זיין רשות · דם ער זאל אזו זאגן דא בין איך מבטל מיין רשות · אונ שיינק אייך מיין הוז הויף אובר שבת · דרום איז דער מנהג אין די גרוסו שטעט ווייל עם קומן צו אלו וואך גייאו חדרים · מאכט מען אלו פרייטאג איין עירוב אונ דר ווס וויל אגרוסו מצוה טאן זאל ער אלו פרייטאג נעמון איין גאנץ ברוט · אונ זאל זאגן צו זיין חבר די (ראובן) אודר (שמעון) דא גיב איך דיר דם ברוט זיי עם זוכה פר כל הקהל · דען מיט דעם ברוט בין איך מזכה כל הקהל · זיי זאלן אלו דרינגן אחלק האבן · אונ דם זאל זיין דר עירוב פר זייא אלו · אונ ווי באלד ער גיט עם אום אין דר האנט אריין · זאל ער מאכן די ברכה אורחים ווס קומן צו פארן אונ דונגן זיך איין ארברוגו אסרן זיי ניט אוף דו בעלי בתים סיידן זייא האבן בדיעה דארטן צו בלייבן דרייסוג טאג · אבר די יהודים ווס פארן אוף אאריד · אונ דונגן זיך ארברגן אוף אזעלכגו ערטור ווס וואנן ניט קיין יהודים אסרן זיי איינר אופן אנדרן:

אונ אז מען מאכט אלו שבת אנייאם עירוב איז אמצוה מיזאל שבת פרוא דרובר אברכה מאכן אקריאים אודר אמשומד אסרת אוך אפילו זיי גובן צום עירוב העלפט אוך ניט ביז מען מוז ביי זייא אפ קופן אודר דונגן אונ אפילו זיי זענן נאר מבטל זייער רשות העלפט אוך · דר ווס איז מחלל שבת בפרהסיא אפילו מיט אזו אזאך ווס איז נאר אסור מדרבנן · העלפט אוך ניט זיין עירוב אבר אז ער טוט אפילו די ארגסטו עבירה אין דר וועלט נאר ניט בפרהסיא העלפט יוא זיין עירוב אוך ניט דווקא דר בעל הבית זעלבט דארף גובן צום עירוב אפילו אז עם גוט איינר פון בני בית איז אוך גינוג · מיזאל זייער גווארונט זיין אין די מצות ווס מדרבנן בפרט אין דר מצוה פון עירוב · די גמרא זאגט אז שלמה המלך מיט די סנהדרין האבן מתקן גווען דיא מצוה פון די הענט וואשן אין פון עירוב איז אום גגאנגן אבת קול פונם הימל (אם חכם בני ישמח לבי גם אני) דם מיינט מען הקב"ה האט מסכים גווען אוף זייערו קעסטלוכו תקנות: אונ די רבנן ז"ל האבן גזאגט ווער עם איז עובר אוף די תקנות איז ער חייב מיתה דרום זאל מען זייער גווארונט זיין דרונן אונ ניט גרונג הלטן

אַלְם וָוס אִיז אָסוּר אוּם שַׁבָּת אִיז אוֹךְ אָסוּר אוּם יוֹם טוֹב · נָאר אוּם יוֹם טוֹב אִיז מוּתָּר צוּ קָאכִין וָוס מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגֶן טָאג · אוּנ אוֹךְ אִיז מוּתָּר אַרוֹיס צוּ טְרָאגִין פוּנֶם עֵירוּב וָוס מֶ׳יבַּדַארְף · עֶס אִיז אָסוּר גֶפֶּעס צוּ וַואשִׁין אוּנ אַפּ צוּ קָאכִין פוּן אַיטְאג יוֹם טוֹב אוֹיפִין אַנְדֶרִין · אָבֶּר מֶען מֶעג פִּיל אָן קָאכִין וָוס עֶס בְּלַייבְּט אוּבֶּר מָאג מֶען וואל עֶסִין דֶעם אַנְדֶרִין טָאג · אַלוּבְּט מָאג מֶען וואול אָן צוּנְדֶן בַּיי טָאג אוֹיף בַּייא נַאכְט · אוּב מֶען הָאט דֶר פוּן בַּייא טָאג אוֹךְ הֲנָאָה דִי לַייט וָוס זָאגִין מִיר וֶועלִין פִּיל אָן קָאכִין · אוֹדֶר אָן בַּאקִין כְּדֵי עֶס זָאל אוּבֶּר בְּלַייבֶּן אוֹיפֶן אַנְדֶרִין טָאג יוֹם טוֹב · אִיז עֶס נִיט רֶעכְט · אוֹךְ אִיז אָסוּר צוּ קָאכִין אַשׁוּם זַאךְ פוּן יוֹם טוֹב אוֹיף שַׁבָּת · סַייְדֶן מֶען מַאכְט אַיין (עֵירוּב תַּבְשִׁילִין) · וֶוען אַיינֶר וִויל עֶפּוּס קוֹלִין אוּם יוֹם טוֹב אִיז עֶר מְחוּיָּיב אָן צוּ גְרֵייטִין פוּן פַאר׳יוֹם טוֹב אַשׁ צוּ קוֹלִין דְרוֹיִין · אוּנ צוּ צוּ דֶעקִין דָאס בְּלוּט · אוּנ אוֹךְ אַיין (חָלִיף בּוֹדֵק זַיין) · אָבֶּר אַז עֶר הָט פַר גֶעסִין מָאג עֶר אִים בּוֹדֵק זַיין אוּם יוֹם טוֹב · אָבֶּר אַז עֶר גְפוּנְט אִין אִים אַשְׁטְשֶׁערְבּ טָאר עֶר אִים נִיט אוּם שְׁלַייפִין אוּם יוֹם טוֹב · אוֹיךְ אַז עֶר הָאט פַאר גֶעסִין אַשׁ אָן צוּ גְרֵייטִין זָאל עֶר נֶעמֶען וַוארוּם אַשׁ · אוּנ אַז עֶר הָאט נִיט מָאג עֶר נֶעמֶען קַאלְט אַשׁ וֶוען אַיינֶר קוֹלְט אַיין עוֹף אוּם יוֹם טוֹב טָאר עֶר נִיט אוּם רַייסִין דִי פֶעדְרִין אַרוּם הָאלְז · דֶען עֶס אִיז אַיין מְלָאכָה נָאר עֶר זָאל צוּ נֶעמִין דִי פֶעדְרִין אַיינֶם פוּנֶם אַנְדֶרְן כְּדֵי עֶר זָאל קֶענִין קוֹלִין · דִי מִילְךְ וָוס אִיז גְמָאלְקִין גִיוָוארְן אוּם יוֹם טוֹב טָאר מֶען זִי נִיט נוּצְן דֶעם זֶעלְבִּיגְן טָאג · אָבֶּר מֶען מָאג זִיא וואול נוּצִין דֶעם אַנְדֶרִין טָאג · אָבֶּר אַז יוֹם טוֹב גְפַאלְט אוּם פְרַייטָאג אוֹדֶר אוּם זוּנְטָאג טָאר מֶען אֲפִילוּ נִיט נוּצְן דִי מִילְךְ פוּן יוֹם טוֹב אוֹיף שַׁבָּת · אוֹדֶר פוּן שַׁבָּת אוֹיף יוֹם טוֹב אַיין אַיי וָוס אִיז גְלֵייגְט גִוָוארִין אוּם שַׁבָּת אוֹדֶר אוּם יוֹם טוֹב הָט עֶס אוֹךְ דֶעם דִין אִין זוּךְ · נִיט מֶער דָאס אַיי טָאר מֶען נִיט מְטַלְטֵל זַיין · אוּנ דִי מִילְךְ מָאג מֶען יוא מְטַלְטֵל זַיין אוּנ אַז דָאס אַיי אִיז פַאר מוּשְׁט גִוָוארִין צְווִישֶׁן אַנְדֶרִי אַייעֶר אֲפִילוּ צְווִישִׁין טוֹזוּנְט וֶוערִין אַלִי אָסוּר מְטַלְטֵל צוּ זַיין · אוּנ אַז מֶע מוּט אַרַיין אַיינֶם פוּן דִיא אַייעֶר אִין אַנְקֶעכְץ אַרַיין אִיז עֶס אָסוּר דֶעם זֶעלְבִּיגְן טָאג · וֶוען מֶען קוֹלְט אַהִין אוּם יוֹם טוֹב אוּנ מֶען גְפוּנְט אִין אִיר אֲפִילוּ אַפַארְטוּג אַיי מָאג מֶען עֶס וואול נוּצִין אֲפִילוּ אוּם יוֹם טוֹב נָאךְ שַׁבָּת · עֶס אִיז אָסוּר צוּ בֶּעטִין אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים צוּ זִיךְ עֶסִין אוּם יוֹם טוֹב דֶען עֶר וֶועט בְּוַודַּאי מֶער קָאכִין פוּן זַיינְט וֶועגִין · אָבֶּר אַז עֶר קוּמְט אַז דָאס עֶסִין אִיז שׁוֹן פַארְטוּג מָאג מֶען אִים וואול לָאזִין עֶסִין · עֶס אִיז אוֹךְ מוּתָּר אִים צוּ שִׁיקְן יוֹרךְ אַנַאנְדֶער עוֹבֵד כּוֹכָבִים :

## דִינֵי הָאֵשׁ בְּיוֹם טוֹב

עֶשׁ אִיז אָסוּר אַפַייאֶר אוֹיף צוּא שְׁלָאגִין אוֹדֶר צוּ פַר לֶעשִׁין אוּם יוֹם טוֹב · אָבֶּר מֶען מָאג וואל נֶעמִין אַבְּרֶענוּנְדִיגִי שְׁטִיק הָאלְץ פוּן אַיין אוֹרְט אוֹיפִין אַנְדֶרִין · אוֹיךְ אַזוֹ אַהָאלְץ וָוס הָט נָאךְ נִיט אָן גְהוֹיבִּין צוּ פְלַאמִין מָאג מֶען עֶס אַוֶועק נֶעמִין פוּנֶם פַייאֶר · אוֹיךְ אִיז אָסוּר אַרוֹיס צוּ גִיסֶען אַייל פוּן אַבְּרֶענֶעדִיגִין טִיגֶל אוּנ אַנְדֶרְשׁ · דֶען עֶר מַאכְט דֶעם עֶרְשְׁטִין אוֹיס לֶעשִׁין · אַיין בַּאק אוֹיבִין וָוס מֶען דַארְף אִים אַבִּיסֶל צוּא צוּ לֶעשִׁין מָאג מֶען וואל אַיין נֶעצִין אַבֶּעזִים אוּנ אִים צוּא לֶעשִׁין אֲפִילוּ עֶס וֶוערִין אוֹךְ צוּ גְלָאשִׁין קוֹילִין · אָבֶּר נִיט מִיט אַטִיךְ דֶען עֶס אִיז אָסוּר אַטוּךְ אַיין צוּ נֶעצִין אוּם יוֹם טוֹב מְאַחַר וֶועט עֶר זִיא אוֹיס קְוֶועטְשִׁין · אוֹךְ אִיז מוּתָּר דֶעם אוֹיבִין אוֹיס צוּא קְלֶעבִּין מִיט לַיים וָוס אִיז נָאךְ אַיין גְוֵוייקְט גְוָוארִין פַאר יוֹם טוֹב · אָבֶּר אוּם יוֹם טוֹב אִיז אָסוּר אַיין צוּ וַויקִין · אַיין נַייאֶר אוֹבִין אוֹדֶר נַייאֵי טֶעפּ וָוס זֶענִין נָאךְ נִיט אוֹיס גְיָזאטִין גִוָוארִין פַאר יוֹם טוֹב טָאר מֶען דְרוֹיִן נִיט קָאכִין אוֹדֶר בַּאקִין אוּם יוֹם טוֹב · מֶעל אִיז אָסוּר צוּ זוּפִּן אִים יוֹם טוֹב · אָבֶּר אַז זִיא אִיז שׁוֹין גִיזוּפְּט פוּן פַר יוֹם טוֹב · מָאג מֶען זִיא נָאךְ אַמָאל זוּפִּן אוּם יוֹם טוֹב שֶׁעֶנִיר צוּא מַאכִין · אָבֶּער דוּרְךְ אַיין שִׁינּוּי · נִיט וִויא אוּם דֶער וָואכִין · עֶס אִיז אָסוּר מֶעל צוּא מֶעסְטִין אוּנ יוֹם טוֹב :

וֶוען אַיין אִשָּׁה קְנֶעט אַטַייג אוּם יוֹם טוֹב זָאל זִיא חַלָּה נֶעמִין אוּנ זָאל זִיא הַאלְטִין בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב דֶען אוּם יוֹם טוֹב טָאר מֶען קַיין חַלָּה נִיט פַר בְּרֶענְגִן · אַיין אָן גְפִּילְטִין הִין וָוס אִיז צוּא

גיגייט גיוואָרן מיט אָפּאָדים · טאָר מען אים ניט אָפּ שניידן אודר אָפּ רייסן אום יום טוב : אָבר אָפּ צו בּרענן איז מותר · אויך איז אסור צו כּשרן אודר אויס צו גליהן איין טריפה כּלי אום יום טוב · אָבר אז מיהאט גיבּראָטן טרייף פלייש אוף אשפּיז · מאָג מען דו שפּיז אויס גליהן דרוף תיכּף ווידר צו בּראָטן ווייל ער איז נאָך הייס · אז עס איז קאַלט מאָג מען איין הייצן אום יו"ט · עס איז אסור צו וואַשן דם גיפעס מיט אַטוך אום יום טוב · דען איך האָב מורא טאָמור וועט ער זוא אויס קוועטשן · נאָר מיט שטרויא אודר מיט הייא איז מותר · ווען דם פייאר טאַכט אים קלי זיין עסן דם דרובּר שטונקט עס מיט רויך אונ עס איז דר צו קיין אנדר תּקנה ניט פר האַנדרן סיידין צו פר לעשן · מאָג ער עס אום לעשן אונ אויבּן · אַלאַמפּ פון אייל טאָר מען ניט אַוועק בּייגין דעם אייל פונם קנייטיל · אויך טאָר מען דם קנייטיל ניט אַרויס נעמן פון דר לאַמפּ · אפילו צו לייגין אונ אַנאַנדור לאַמפּ · אָבר עס איז מותר נאָך קנייטליך אַריין צוא לייגין אין דעם אייל כּדי עס זאָל גיך אויס בּרענן · ווען איינר האָט אַן גיצונדן אַוועקסן ליכט אונ ער האָט (חס) זוא זאָל ניט אונ גאַנצן אויס בּרענן · מאָג ער וואָל זוא אַרום בּונדן מיט אַזו אַזאַך אַז עס וועט קומן דער צו וועט זוא פר לאַשן ווערן · אויך מאָג ער זוא שטעלן אוף אזו איין אורט וואו דר ווינט איז גיוויינטליך צו וויאָן · אָבר אַז דר ווינד וויאָט אַצונד אויך טאָר מען עס דאָרטן ניט שטעלן :

אום יום טוב צו מנחה מאָג מען וואָל אָן צינדן ליכט אַפּילו אונ דער הייס · חאָטשו דאס ליכט גיהער אוף בּיי נאַכט · ווייל מען האָט דאָך אַצונד אויך הנאה דר פון · דו דינים פון יום טוב זענן זייער פיל · נאָר איך האָב גישריבּן צום קערצטן וואָס ניציג איז אונ אונזערי הייזור · אזו וועל איך אויך שרייבּן אַטייל דינים פון הלכות חול המועד וואָס ניציג איז אונ אונזערי קהילות אונ הייזור : (קעב) אום יום טוב גייט מען שפּעט אונ שול אַריין · אונ מען זוצט דאָרטן בּיז האַלבּין טאָג · דען עס איז אַמצוה צוא טיילין דעם טאָג פון יום טוב · איין האַלבּן טאָג תּורה צוא לערנן אונ תּפלה צו טאָן · אונ דם אַנדרן האַלבּן טאָג צו עסן אונ טרונקן אונ משמח צו זיין מיט שמחת יום טוב · עס זאָל קיינר ניט קאַרגן אוף יום טוב · אונ זאָל אים מכבּד זיין ועדלוג זיין פר מעג דען עס ווערט אים אַלם בּצאָלט · עס איז אסור צו עסן פאַר (אשר בּחר בּנו) · כּדי מיזאָל פריילך זיין אום יום טוב · אָבר אַז שבּת גפאַלט אים ערב יום טוב · מאָג מען מקיים זיין שלש סעודות מיט אַשטיקל בּרויט אָבר ניט פיל · איטלוכר איז מחוייב צו האָבּן ווייין אוף קידוש אונ צווייא קוכן אוף (המוציא) אַזו וויא אום שבּת · דו קליידר פון יום טוב זאָלין אביסל בּעסר זיין פון דוא קליידור פון שבּת · עס איז קיין חיוב ניט שלש סעודות צו מאַכן אום יום טוב · איטלוכר מענטש איז מחייב משמח צו זיין אום יום טוב זוך אונ זיין ווייב אונ קונדר אונ אלי דו וואָש גיהערן צו זיין טיש · אונ ער זאָל עסן גיט פלייש אונ גוטן ווייין זיין ווייב זאָל ער משמח זיין מיט שייני קליידור אונ צירונג · אונ זיינו קונדער מיט זוסי פּירות · אונ זאָל אויך משמח זיין דעם גר · אונ דעם יתום אונ אלמנה :

אויך איז אגרוסי מצוה משמח צו זיין דו אָרומי לייט · דרוף זאָגט דר פּסוק ווען דו בּוסט משמח דייני פיר · דאס איז דיין ווייב אונ קונדער אונ קנעכט אונ דונסט מויד · דערנמאַלט בּיסטו אויך מחוייב משמח צו זיין אַנדרי פיר · דם איז דער (גר) אונ (יתום) אונ (אלמנה) אונ (עניים) אויך זאָל ער ח"ו ניט פריילוך זיין מיט נאַרושקייט נאָר מיט גאָטש פאַרכט · דם מיר זענן מחוייב פריילוך צו זיין ווייל גאָט האָט אונז אויס דר ווייַלט פון אַלי פעלקר צו זיין זיין פאָלק אונ (חלק) אונ (נחלה) · אונ ער זאָל זיין אונזור גאָט · אונ דם מיר זאָלין האַלטן זיינו מצות מיט פרייד אונ ניט פון אונזור הנאה וועגן · דוא (ראשים) אונ (בּית דין) פון דער קהילה · זענן מחוייב צוא שטעלין שומרים אום יו"ט זייא זאָלין אַכטונג געבּין אַז מאַנזבּלין מיט ווייבער זאָלין זיך ניט בּייא נאַנד שפּאַצירן אונ זאָלין מזהיר זיין דוא לייט זייא זאָלן זוך ערלוך האַלטן · אונ זאָלין זיין גאָטס פאַרכטוג · אונ אויך איטלכור בּעל הבּית דאַרף אַכטונג גבּין אוף זיין הויז גיזונד זיי זאָלין ח"ו קיין עבירה ניט טאָן · כּדי אז כּל ישראל זאָלן זיין גאָטס פאַרכטוג אָמן :

וקעג) אום חול המועד זענן אטייל מלאכות אסור צו טאן אונ אטייל זענן מותר · דם שטייט ניט
בפירוש אונ דר תורה · נאר די חכמים האבן עס בקבלה אייער פונעם אנדרן · ביז משה
רבינו ע"ה הט עס מקבל גיוועזן פון הקב"ה אויפן בארג סיני · דר כלל דר פון איז אלי דוא מלאכות
וואס קערון צו שמחת יום טוב איז מותר צו טאן אום חול המועד · מען מאג וואל תאפין פ"ש אודר
חיות אודר עופות אוף יום טוב · אבר אנעץ מאכון דער צוא איז אסור : אוך איז מותר ויין צוא
קעלטרון · אבער אקלטור מאכון דרויף איז אסור · אוך איז מותר צוא קאכין · אבר ניט קיין
טעפ צוא מאכין · מיטאר ניט בויאן אום חול המועד · אבר אזו איין וואנט וואס ועט איין פאלין
איבר יום טוב מאג מען זוא פארוכטן · אוך זוך ניט צו שערון · אוך ניט די נעגיל שניידון ניט פון
די הענט אודר פון דוא פיס · סייא מיט אמעסור סייא מיט אשער · אבר איונג קונד וואס הט זוך
נאך קיין מאל ניט גשוארין מאג מען וואל שערין · איין אשה וום דארף טבילה האבן מאג זוך
שניידון דוא נעגול אום חול המועד : עס איז זוך מותר צוא באדון אונ צו קעמין חאטשו מען
רייסט אויס האר · אלי רפואות זענון מותר צו טאן אום חול המועד אפילו צו אבהמה · אזו איין
עסין שפייז וואס ועט טייערור ווערון נאך יום טוב · מאג מען וואל קויפן אום חול המועד · אונ
עס איז מותר איין צו זאלצין אפילו אוף נאך יום טוב: אזא זאך ווס וועט קאלו ווערון אז עס וועט
אזו שטיין איבר יום טוב · מאג מען ים פארוכטן אום חול המועד · האנדלון איז אסור אום חול
המועד · אבר אזא סחורה ווס ער וועט מוזן אן ווערון פונם (קרן) נאך יום טוב מאג ער וואול
פר קופון אום חול המועד · אבר פון ריוח וועגן איז אסור · סיידן ער וויל דעם ריוח אום געבון
אוף שמחת יום טוב · אונ ער הט קיין אנדר געלט ניט :

אוך אזו אסחורה וואש וועט נאך יום טוב טייערור ווערון מאג מען זוא קופון אום חול המועד ·
אז אזאריד גפאלט אום חול המועד מאג מען וואל קופין אונ פר קופן · אבר אין אמארק טאג
איז אסור · די קרעמר וואש פר קופון בשמים אודר אופס אונ אלורליא עסון שפייז מאגון זייא
וואל פר קופן אום חול המועד · דען איטלוכר וייסט אז דאש איז פון יום טוב וועגן · עס איז
אוך מותר הובות איין צו מאנון אום חול המועד . עס איז מותר געלט צו לייאן אוף אוועקבור אום
חול המועד · אוך איז אסור צו שרייבון אום חול המועד אפילו אוארט סיידון אז ער וועט פאר
געסון איבער יום טוב · אוך אזו אברוב וואס מיקען זוא שרייבון נאך יום טוב · טאר מען
זיא ניט שרייבון אום חול המועד · איין בעל מלאכה טאר ניט ארבוטן אום חול המועד · סיידון אז
ער הט ניט אוף יום טוב · מאג ער ארבוטן שטולר הייד · ווען איינר טוט יוא אמלאכה זאלן דש
בית דין הפקר מאכון זיין ארבוט ער זאל דר פון קיין הנאה ניט האבון · אונ אז ער ארבוט אנאנדר
סענטשן · ראקאן מען דאך די ארבוט ניט הפקר מאכן · זאל מען אים מחרים זיין אונ מלקות שלאגן
איין צרכי רבים איז מותר צו טאן אום חול המועד · דאש זאל איטלוכר וויסן אז דר ווס איז מחלל
שבת איז זיין עונש (סקילה) אודר (כרת) ר"ל · אונ דר ווס איז מחלל יום טוב איז זיין עונש (מלקות)
אבר דר ווס איז מבזה חול המועד בפרהסיא איז זיין עונש (חרם) אונ (שמתא) אונ (מלקות) · אונ
דר ווס טוט אמלאכה אום חול המועד · דר הט קיין חלק ניט לעולם הבא · וייל ער גלייבט ניט
אין די רייד פון די חכמים · דס איז די ארבסטו עבירה אין דר וועלט :

סליק הלכות שבת

# הלכות ענוה פרק שביעי

דער פרק רעט פון (ענוה) אונ (אהבה)

עקב ענוה יראת ה' עושר וכבוד וחיים) רבי יהושע בן לוי זאגט די בעסטו מדה אין דר וועלט
איז דס דר מענטש זאל זיך ניט האלטון בגאוה · נאר ער זאל זיין איין עניו · אזו וויא דער
פסוק זאגט (רוח אלהים עלי וכו') · די נבואה פון גאט ית' איז אוף מיר דרום הט מיך גאט גזאלבט
איך זאל אבשורה זאגון אוף דר גאולה צו דוא לייט וואס האלטון זיך בעניוות · נוא זעהן מיר אז
הקב"ה הט קיין שום זאך ניט אזו לוב וויא דוא מדה פון (עניוות) · אונ האט קיין שום זאך ניט אזו

פיינט ווי דו מדה פון גאוה · אוך זאגט דר פסוק (עקב ענוה יראת ה׳) דר פון לערנן אונזרי חכמים אז דאש ענייות איז דו גרעסטו אונ העכסטו מעלה פון אלי מעלות · דען דר פון קומן אלו דו גוטי מדות · אונ פון גאוה קומן אלו דו שלעכטו מדות · (ששה דברים) זעקס זאכן זענן גזאגט גווארן אוף דעם מענטשן וואש איז איין עניו · דריי אוף דר וועלט · אונ דריי לעולם הבא · דס ערשטו ער האט תביד מנוחה · ווארום ער איז זיך משמח מיט דעם וויש גאט הט אים בשערט · אונ איז קיינם ניט מקנא אוף קיין שום זאך · דען דר וואש איז מקנא אוף געלט אודר גדלות · אזו ער בקומט זיין בגער · אזו בגערט ער אלי מאל נאך מער · אזו האט ער קיין מאל קיין רוא ניט ער שלאפט ניט אונ זיין הארץ איז טרוארוג ווייל דאש ער טראכט תמיד אוף רייכקייט · אונ אפילו ער זאל עסן (מעדני מלכים) בגערט ער נאך מער · אזו ווי דער פסוק זאגט (ובטן רשעים תחסר) דער בויך פון דו רשעים איז גמוגרט אונ קיין מאל ניט זאט · אבר דר עניו גלוסט ניט צו קיין וואל עסן אונ גוטי ווייני · דען ער האלט זיך אוף דר וועלט פאר אגר · אונ ער עסט דרום זיין לעבון אונ גזונד זאל דר האלטן ווערן · אזו ווי דר פסוק זאגט (צדיק אוכל לשובע נפשו) דר צדיק עסט זיך אן זאט ווייל זיין כוונה איז דר מיט זיין לעבון צו דר האלטן:

דאש אנדרי דר עניו איז אוף זיך אלץ מקבל באהבה פון גאט · אונ איז אוף זיך מצדיק הדין אונ איז זיך משמח מיט גאטס שטראף · דען ער גדענקט איך וועל ליידון שטראף אוף דער וועלט איידר אוף יענר וועלט · דרום איז זיין לעבון אגוט לעבון · דאס דרוטי ער איז גלובט אין גאטס אוגן אונ אין לייטנש אוגן · אונ דו לייט האבן הנאה פון זיין ענייות · ער פרייט זיך אז עס גייט וואול דו לייטון · אונ ווידר פר קערט איז ער זיך מצער · עס איז אמאל גוועזן אחכם הט ער גפרעגט איין עניו ווי קומט עס דאש דו בוסט אזו גלובט ביי דוא לייטין · הט ער גענפרט ווייל איך האב קיין מאל קיין שום מענטשין קיין שלעכטץ ניט גטאן · אונ האב איטלוכן מענטשן השובר האלטון פון זיך זעלבסט דר מענטש וס איז גוועזן אחכם האב איך גדאכט ער הט מער חלק עולם הבא פון מיר · אונ ער לערנט בעסר פון מיר · אונ דר וואש איז גוועזן אנאר האב איך גדאכט ער טוט אלו עבירות בשוגג · דען ער ווייסט ניט וס ער טוט · אבר איך טוא במזיד · דר מענטש וואש איז עלטר גוועזן פון מיר האב איך גטראכט ער האט פול מער מצות גטאן פון מיר · אוך מוז ער אגרום זכות האבון דאש ער איז אזו אלט גווארן · דער וואס איז יונגר גוועזן פון מיר האב איך גדאכט ער הט ווינצוגר עבירות גטאן פון מיר · דר מענטש וס איז גלייך גוועזן מיט מיר האב איך גדאכט מיינו עבירות וויים איך אבר ניט זיינו · אזו האב איך אלו לייט מכבד גוועזן:

איין דעם זאגן דו חכמים (הוי דן את כל אדם לכף זכות) דו זאלסט איטלוכן מענטשן אום לייגון צו גוטן · איבר דר מדה איז דר עניו גלובט אין דו לייטנש אוגן · ער אנטפאנגט איטלוכן לובליך אונ גאר שיין · ער גוט איטלוכן שלום אונ אגוט מארגון · אונ גוט אבונט · אוף דעם האט זיך בארומט אתנא עס האט מיר קיינער ניט גפעדרט קיין שלום · דען אפילו איין עובד כוכבים אין מארק האב איך אים פרור שלום גיגובן · דאש זענן דו דריי זאכן וויש דר עניו הט אוף דר וועלט · אונ ווידר האט ער דריי זאכן אוף יענר וועלט דאש ערשטו ער איז גאהונט צו הקב״ה · דען ער טוט זיין רצון · אונ ער באהעפט זיך צוא תלמידי חכמים · אזו לערנט ער פון זיי תורה אונ גוטע מעשים · אזו ווי דר פסוק זאגט (ההולך את חכמים יחכם) דר וואש גייט מיט תלמידי חכמים ווערט קלוג אוך זאגט דר פסוק (ידרך ענוים במשפט) ער פורט דו ענוים מיט משפט אונ לערנט זיי זיינו וועגן · נוא דרובר איז דר עניו זוכה לחיי עולם הבא · אבר דר גוותן איז זיך פאר קערט נוהג · אזו ווי דר פסוק זאגט (רשע כגובה אפו כל ידרוש) דער רשע איבר זיין גרוסקייט פארשט ער ניט אין נעטלוכי זאכן · דאס אנדרו ער איז זוכה לחיי עולם הבא · דען ער איז תמיד משתדל ניט צו פאר זומן קיין מצוה · אונ זיין מחשבה איז אלץ אוף מצות · אבר דער גוותן לאזט אוועק אטייל מצות וואס זענן אים דער ווידר זיין כבוד:

דאס דרוטי הקב״ה האט אים לוב אונ דער הערט זיין תפלה · אזו ווי דר פסוק זאגט (לב נשבר

ונדבה אלהים. לא תבזה) איין צו בראכון אונ צו שטוסן הארץ טוט גאט ניט פאר שעהמן · אונ ער איז זוכה צו עולם הזה · אונ עולם הבא · אזו ווי דר פסוק זאגט (וענוים ירשו ארץ) דו ענוים וועלן ירשונן · דו וועלט · (והתענגו על רוב שלום) אונ וועלן זיך זענופטונן אוף פיל שלום אוף יענר וועלט אבר דעם גוותן הט גאט פיינט · אז ווי דר פסוק זאגט זעקס הט הקב"ה פיינט · אונ דם זובנטו איז אים אום ווערדוג · איין בעל גאוה אונ אלוגנר וכו' מיט פונף זאכון ווערט דר עניו דר קענט דם ערשטו ער איז מוחל אוטלכן ווס אים דר ווידר גטאן · אפילו ער הט בכח אים שלעכטץ אפ צו טאן · דאך קוקט ער ניט אוף זיין כבוד · דם אנדרו אפילו עס קומן אוף אים אלורלייא צרות פון דר וועלט ר"ל איז ער אלס מקבל באהבה · אונ איז מצדיק הדין אוף זיך · אז ווי דר פסוק זאגט בייא אהרן הכהן אז זיינו צווייא קעסטלוכו זון זענון גשטארבין הט ער גשוויגן אונ האט ניט גוויינט · אונ הט עס מקבל גוועזן באהבה · אוך זאגט דר פסוק (דום לה' והתחולל לו) שווייג צוא גאט אונ האף צו אים · דם דרוטו אז מען איז אים מכבד האלט ער זיך ניט גרוס דר מיט אדרבה ער האלט זיך נאך מער שפל דם פערדו ער ווערט דר קענט מיט זיין ריידן דם ער רעט באמעליך אונ שרייאט ניט אוף די לייט · אז ווי דר פסוק זאגט (דברי חכמים בנחת נשמעים מזעקת מושל בכסילים) די רייד פון די חכמים זענון באמעליך · אזו ווערין גבער דער הערט פון דעם גשרייא פונם גוותן ווס שרייאט אוף די נארין :

אוך דר עניו אפילו ער איז נושא חן ביי דעם מלך אודר (שר) · דאס ער בקומט אשררה אודר איין גדולה · געכט ער זיך ניט אובר דר מיט · אונ שטראפט די לייט מיט שכל אונ מיט גדרוג גמיט · אבר דר גוותן איז אלס פר קערט · דם פופטו אז ער זעהט יסורים קומן אוף אים איז ער זיך משפיל אונ טוט תשובה · אז ווי מיר גפונן די הוכי אונ קעסטלוכע שרים וואס זענון גוועזן ביי עזרא האבן תשובה גטאן · אונ האבון זיך משפיל גוועזן · דם זענון דיא פונף זאכין פון איין עניו · אונ דר היפוך דר פון איז אנאותן · צעהן זאכון ברענגן דעם מענטשן צו עניוות מיט גוואלד · דם ערשטו אז איינר איז קראנק · אונ קען ניט עסון אונ טרונקן · אונ גאר זיין לייב טוט אים וויא · אזו זעהט ער דם זיין גאוה גולט ניט · אונ מוז ווערון איין עניו · דם אנדרו ווען איינר ווערט ארום אונ קומט צו לייטונש בדערפניש · אזו ווערט אוך צו בראכון זיין גאוה · דם דרוטו אז דר מענטש בדענקט זיך אז ער איז ניט זוכר אפילו אשעה פר צרות ר"ל :

דם פערדו ווען איינר איז שולדוג געלט אונ הט ניט צו בצאלון · אזו מוז ער זיך מכניע זיין פאר זיינו בעלי חובות זיי זאלון אים ניט צווינגן ; דם פופטו ווען איינר ווערט גהאפט אין איין תפיסה · אונ קען ניט ארום דם זעקסטו ווען איינר ווערט גתאפט פר איין קנעכט מיט גוואלד · אזו איז ער זיך מכניע אונ וויינט אונ שרייאט פר זיין הערון טאמיר וועט ער זיך דר בארמין אובר אים אז וויא אין פסוק שטייט אזו וויא די אוגון פון די קנעכט צו זייער הערן וגו' · דם זובטו ווען איינם קומט צו פיל צרות · דם זיין לעבון איז אין לייד ר"ל אזו ווערט זיין הארץ הונטר טעניג דם אכטו אז דר מענטש בדענקט זיך ווס פר עבירות ער הט גטאן · אונ ווי ער הט דער צערונט זיין בשעפר פר דעם פול גוטס ווס ער טוט מיט אים · אזו איז ער זיך מכניע אונ שעמט זיך דרוף אז וויא דר פסוק זאגט (אלהי בושתי וגם נכלמתי · להרים פני אליך ה') מיין גאט איך שעם מיך אונ בין וואורן פר שעמט · דם איך קאן מיין פנים ניט אוף הייבין קגן דיר גאט · דם ניינטו ווען דר מענטש זאל גדענקון דעם גרוסן עונש ווס ער וועט מוזן ליידון אין גיהנם אובר זיינו זונד · אזו וועט ער זיך בודאי מכניע זיין קוגן הקב"ה מיט תשובה אונ צדקה אונ תורה אונ מעשים טובים · דם צעהנטו ווען איינר בדענקט זיך אז דר מענטש איז נאר איין גאסט אוף דר וועלט · דען היינט לעבט ער אונ מארגן איז ער אין קבר · אונ ער דארף וואנדרין אין אווייטון וועג · אזו דארף ער מיט נעמין פול צערונג דם זענון די מעשים טובים · אבר דר ווס גרייט זיך ניט אן קיין צערונג אזו פאלט אוף אים גרוס פארכט אונ אנגסט · דם ער הט קיין תשובה ניט גטאן אוף זיינו עבירות · נון ווען דר מענטש נעמט זיך צום הארצון אזעלכו זאכן · אונ גדענקט זיין סוף אונ דאס דר מענטש

איז גאר ניט אויף דר וועלט · אזו איז ער זיך בגדאי מכניע · דרום זאל זיך אוטלכר מענטש צום הארצן נעמין · אז אפילו איין מלך · אונ אשר איז ניט זוכר פארן טוט · דען מיר זעהן אז אופט שטארבן אפילו קליינו אונ יונגו קונדר · אונ עס איז קיינור ח״ו ניט זוכר פר די אלי צעהן זאכן וואס זענען דא גשריבן · דען ער הט קיין ערב ניט פר זיך · אונ אוטלוכר זאל גדענקן וואס (עקביא בן מהללאל) הט גזאגט דו זאלסט גדענקן אין די דרייא זאכן וועסט ניט קומן צו קיין עבירה · פון וואנין דו קומסט פון אשטונקודגין טראפין · אונ ווי אהין וועסטו גיין אין דר ערד אריין צו די ווערים אונ ווידר פאר וועמין וועסטו דארפין אפ געבין דין אונ חשבון ׳ פר דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה · נוא ווארום זאלסטו זיך בגאוה האלטון · (רבי לויטס) פון דער שטאט יבנה זאגט (מאוד מאוד הוי שפל רוח בפני כל אדם שתקוות אנוש רימה) זייער אונ זייער זאלסטו זיין איין עניו דען דס האפונג פונם מענטשון איז גאר צו ווערים · אלו די מדות אין דר וועלט זענין דאך צו פיל ניט גוט · צו פרוב איז ניט גוט · אז ווי דר פסוק זאגט (אל תהי צדיק הרבה) דו זאלסט ניט צו פול אצדיק זיין · דאס עס מאר קיין שום מענטש קיין נייאי מצות ניט מאכין וואס דיא חכמים האבן ניט גמאכט · אבר דיא מדה פון ענוה וואס מער איז בעסער :

אזוי אויך גפונן מיר ביי משה רבינו ע״ה ער הט דאך גהאט אין זיך אלי די גוטי מדות פון דר וועלט לובט אים דאך ניט די תורה גאר מיט דר מדה פון ענוה · אז ווי דר פסוק זאגט (והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה) דר מענטש משה איז גוועזן מער עניו פון אלו מענטשין וואס אויף דר ערד · אויך אברהם אבינו הט זיך אויך שפל גהאלטון · אז ווי ער הט גזאגט איך בין ערד אונ אש · דוד המלך הט אויך גזאגט איך בין איין ווארים ניט קיין מענטש נוא וויא זאל זיך אנאנדר מענטש נוט בעניות האלטון · אויך איז דר מענטש גגלייכון צום ליים אונ ערד · אונ צו אווינט · אונ צו גראז וואס ווערט פר דארט אויף דעם זענון פיל פסוקים די גאוה ברענגט צו פול בייזו מעלות אונ אויך צו גברעכניש אונ שפלות · אונ די ענוה ברענגט צו פול גוטי מעלות · אונ אויך צו כבוד · אז ווי דר פסוק זאגט (לפני שבר גאון לפני כבוד ענוה) · פר גאוה קומט גברעכניש · אונ פאר עניוות קומט כבוד דרום דר וואס איז קלוג זאל זיך צום הארצן נעמן די אלי זאכון · אונ אויך טאמר וועט אויף אים קומן אקראנקייט · אודר אבלבול · אודר אשאדין · אודר טאמיר וועט אויף אים פאלין אמויער אונ ער וועט גהרגות ווערון ר״ל · אודר טאמיר וועט אויף אים קומן ארומקייט · אודר אנדרו צרות ח״ו · נוא ווארום זאל אמענטש אבעל גאוה זיין · זיין צייט איז דאך קורץ אויף דר וועלט · אונ ער וועט מוזן גיין אין דר פונצטרר גרוב אריין צו די ווערים :

נוא וויא זאל ער זיך מאכן במזיד פר ארשע · אונ דם גאט אונ לייט זאלון אים פיינט האבון ווארום זאל דער ווערמוגר מענטש פר געסון דעם שווערון בוטרון טאג אז ער וועט מוזן אפ שיידון פון דר וועלט פון אלו זיינו גוטי פריינד אונ ווייב אונ קונדר · אונ פון זיין געלט אונ גוטס דענמאלט וועט אים זיין פנים גשתנה אונ פר פונצטרט ווערון · זיינו גלודר וועלון אים צו פאלון אונ זיין בוך וועט צו שפרונגן ווערון · זיינו גדערום פונם בוך ווארפט מען אים אויף זיין פנים · אונ מיזאגט צו אים צו וואס האסטו איין גזאמולט אזו פול מיסט · אצונד לאז עס זיין אויף דיין פנים · אונ אויך דם ער וועט מוזן חיבוט הקבר ליידון · אונ זיין נשמה וועט קומן אין גיהנם אריין · נוא איר לובע לייט אז דר זונדוגר מענטש נעמט זיך דאס אלם צום הארצון · וויא קאן ער זיך אויף האלטון ניט צו ויינון אונ שרייאן אובר זיינו גרום זונד אונ גאוה · אונ דר מענטש וואס איז איין עניו · אונ טוט דרוף תשובה אונ מעשים טובים ער דארף זיך ניט פארכטון פאר דעם אלום · אדרבה דוא צדיקים פרייאון זיך מיט זייער טוט · דען זיי ווייסן דם זיי זענון זוכה לחיי עולם הבא · דרום זאל אטלוכר מענטש אין זיך האבון די גוטי מדה פון ענוה · אונ זאל תשובה אונ מעשים טובים טאן פר הקב״ה · אזו וועט ער זוכה זיין צו חיי עולם הבא :

יא חכמים זאגון ווען איינר גוט איין ארומאן אפילו אלו דוא מתנות פון דר וועלט מיט גאוה אונ מיט איין שלעכט פנים טוט ער נאך איין עבירה · דס ער איז אים מבייש · עס וואלט פול

בעסור געוועןֿ ער זאל אים ניט געבן · אזו ווי עס שטייט אין הלכות צדקה · אבר דר וואס אנטפאנגט דעם ארומאן מיט אלופלוך פנים אונ מיט עניוות · איז בעסור וויא ער וואלט אים געגעבן אלי דוא מתנות פון דער וועלט מיט גאוה · דרום זאל זיך איטליכר מענטש שפל האלטן קענגן איטליכן מענטשן אונ זאל גדענקן איך בין ערגור פון אלו · אזו וועט ער מנוחה האבן אויף דר וועלט · אונ אוך אויף יענור וועלט · אוך דיא ענוה איז בתכלית גוט פר זיך זעלבסט · דאס ער וועט זיך שעמן איין עבירה צו טאן · אודר בייזו מחשבות אונ הרהורים צו האבן · אונ ער וועט בוודאי תשובה טאן · נמצא איז אין דעם כלל פון ענוה אלו דו זכיות אונ גוטי מדות פון דר וועלט · אונ ווידר פר קערט אין דר גאוה זענן אלו דו בייזו מדות :

מעשה (רבי עקיבא ע"ה) הט גהאט אשיינום אונ טייארן פערול צו פר קופן · דס איז געזעסן אין בית המדרש אגרוסר עושר הונטן לעבן דוא ארומו לייט · אונ איז גינאנגען אין צו רוסנו קליידר ווי דר גרעסטור ארומאן פון דר וועלט · אז ער האט דר זעהן דעם פערול ביי רבי עקיבא הט ער אים אום גדונגן ביי אים · אונ האט אים גבעטן ער זאל מיט אים אהיים גיין וועט ער אים בצאלן · דא איז רבי עקיבא צו אים אהיים גגאנגן מיט זיינו תלמידים · אונטר וועגן איז דר יהודי פרור אוועק גגאנגן · האבן זיי גמיינט ער גייט זיין צורך האבן אודר ער שפעט פון זייא · אז ער איז גקומן פר זיין הוז זענגן זיינו קנעכט אים אקעגן גגאנגן אונ האבן אים גפורט אין זיין הוז אונ האבן אים גזעצט אויף אגולדני שטול · אונ האבן אים אפ גוואשן זיינו פוס הט ער זיי גהייסן געלט ברענגן · אונ ער הט בצאלט רבי עקיבא פר זיין פערול · אונ זיינו קנעכט האבן גנומן נאך זעקס פערלוך · אונ האבן דו זובן פערלוך צו רובן · אונ האבן אים איין גגעבן אויף איין רפואה · אז רבי עקיבא הט דס דר זעהן הט ער זיך זייער פר וואונדרט · דר נאך הט ער גהייסן גרייטן צום טיש · אונ הט גבעטן רבי עקיבא מיט זיינו תלמידים זיי זאלן ביי אים עסן · נאך דעם עסן זאגט צו אים רבי עקיבא לובר פריינד זאג מיר ווען יוא גאט הט דיך גבענטשט מיט גרוס עשירות אונ מאורון מאכסטו זיך אזו שפל אונ נודריג · זאגט ער לובר רבי דער פסוק זאגט (אדם להבל דמה ימיו כצל עובר) דר מענטש איז צו נארושקייט גגלובן · אונ זיינו טעג זענן וויא אשאטן וואס גייט אובר · אונ ער מיט זיין געלט האבן קיין קיום ניט · דרום האב איך מיר אפ גגלובן מיין שטאט לעבן ארומו לייט · דס איך וויל זיך ניט בגאוה האלטן · אונ טאמור וועל איך ארום ווערן אזו וועל איך ניט דארפן פר ענדרן מיין שטאט · אונ נאך איינס איך גדענק דר עושר אונ דר ארומאן זענן ביידו גאטס בשעפונש · אזו וויא דר פסוק זאגט (אב אחד לכולנו) איין פאטר איז צו אונז אלו · אונ נאך איינס איך בהעפט מיך צו ארומו לייט דען זייא זענן גאהונט צו גאט · אונ ער דר הערט זייער תפלה · אונ נאך איינס אז איך בין לעבן זיי ווייס איך וואס זיי פעלט אזו גיב איך זיי · אונ נאך איינס דר בעל גאוה זונדיגט צו גאט אונ קומט אין גיהנם · אז רבי עקיבא הט דר הערט זיינו רייד הט ער אים גלובט אונ גבענשט · דורך דעם זכות פון ענוה וועלן מיר זוכה זיין באלד אום גלייזט צו ווערן · אזו וויא דר פסוק זאגט (וענוים ירשו ארץ והתענגו על רוב שלום) די ענוים וועלן ירשונן דס לאנד אונ וועלן זיך מתענג זיין אויף פול שלום אמן :

נאך איין מעשה שטייט אין (ספר חסידים) איין חכם האט גפרעגט איין חסיד דו ביסט דאך איין עניו · אונ דר סדר איז דר עניו הט אפריילוך גמוט · דען ער זארגט ניט מער נאר אויף זיינו זונד אונ דעם גלות · נוא זאג מיר ווען ביסטו צום פריילוכסטן גוועזן זאגט ער איך בין אמאל גפארן אין אשוף מיט עובדי כוכבים האבן זייא מיר גרוס רשעת אן גטאן · דאס איך האב גמוזט זיצן אויף דעם שפיץ פון דר שוף · דא איז גגאנגן ארשע אונ האט אויף מיר משתין גוועזן · אונ עס הט מיך גאר ניט גהארט · דענמאלט בין איך צום פריילוכסטן גוועזן · דס איך האב דר קענט אז איך בין איין עניו ת"ל · דא הט אים דר חכם גלובט אונ פול ברכות גגעבן :

סליק פרק הענוה

עס שטייט אין די עשרת הדברות · (כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך) זאלסט ערליך האלטון דיין פאטר אונ מוטר · פון וועגין די זאלסט לאנג לעבון · דרשת די גמרא דס מיינט מען עולם הבא · דס איז דס לאנגו לעבון · דען עס הט גאר קיין סוף ניט אבר דס לעבן פון עוה״ז הט יוא איין סוף · אונ ווידר. ווי קען עס זיין אז עס גייט אוף עוה״ז · מיר זעהן דאך אופט איינר איז מקיים כיבוד אב ואם אונ שטארבט יונגר הייד · אונ ווידר דר ווס איז ניט מקיים לעבט לאנג · דרום האבון די חכמים ז״ל בקבלה פון משה רבינו אז דס גייט אוף עולם הבא (רבי שמעון בן יוחאי) זאגט גאט הט גבאטון צו הוטן כיבוד אב ואם מער פון גאטס כבוד · אז ווי דר פסוק זאגט (כבד את ה׳ מהונך) זאלסט ערליכן דיין גאט פון דיין געלט מיט צדקה אונ מעשר · אבר דר ווס האט ניט דר קען גאט ניט ערליכן פון זיין גוטץ · אבר כיבוד אב ואם אפילו דוא האסט ניט ביסטו מחוייב צו גיין אוף די טירן · אונ זיי מכבד צו זיין · אוך הט הקב״ה גגלייכון די מורא פון פאטור אונ מוטר צו זיין מורא · דען עס שטייט אין דר תורה (את ה׳ אלהיך תירא) פר גאט דיין גאט זאלסטו זיך פארכטון · אונ שטייט (איש אמו ואביו תיראו) אויטליכר מענטש זאל זיך פארכטון פר זיין פאטר אונ מוטר · אוך אז איינר שעלט דעם שם ח״ו · אודר ער שעלט פאטור אונ מוטר · קומט זיים אלס סקילה איך וועל דא בשיידון ווארום דס איז אזו · דען דרייא שותפים זענון אין מענטשון הקב״ה אונ דר פאטור אונ מוטר · דען פאטר גוט פונף זאכון · דס פון זיין זרע ווס זוא איז וייס ווערט בשאפון די ביינר · אונ אדרין אונ די גהירן · אונ די נעגיל פון די הענט אונ פוס · אונ דס ווייסו פונם אוג · די מוטר גוט אוך פונף זאכון · דס פון איר זרע ווס זוא איז רוט ווערט בשאפין דס פלייש אונ הוט · אונ דס שווארצו פונם אוג · אונ די האר · אונ דס בלוט אונ הקב״ה גוט צעהן זאכון · דעם קראפט · אונ דעם אטום . אונ די נשמה · אונ דס לוטרו גשטאלט אין פנים · אונ דס אן גזוכט · אונ די רייד · אונ די גהירון · אונ לוסט · אונ מחשבות · אונ די חכמה · אונ אז די צייט קומט דר מענטש זאל שטארבון דא נעמט הקב״ה אוועק זיין חלק · אונ פאטר אונ מוטרס חלק בלייבט לוגן :

דרום אז דר מענטש איז מכבד זיין פאטר אונ מוטר אונ הט מורא פר זיי · זאגט הקב״ה ער איז מכבד מיין שכינה אונ הט מורא פר איר · אונ אוב ער הט ניט מורא פר זיי זאגט הקב״ה איך האב רעכט גטאן דס מיין שכינה וואנט ניט מיט זיי הונטן · דען זיי וואלטון פר איר אוך קיין מורא ניט גהאט · עס איז קשה פר ווס ביי כיבוד שטייט (כבד את אביך ואת אמך) פרור דער פאטור אונ ביי מורא שטייט (איש אמו ואביו תיראו) פרור די מוטר נאר הקב״ה הט גוויסט דס אוטלכוס קונד איז זיין מוטר מער מכבד אז דעם פאטור : דען זו איז אים מפיים מיט גוטו רייד דרום הט די תורה אן גשריבן דעם פאטור פרור · אוך הט ער גוויסט דס אוטלכוס קונד הט מער מורא פארן פאטור ווייא פר דר מוטר · דרום האט ער אן גשריבין די מוטר פרור · דס מיט אלים זאלון זיי גליך זיין ׃ (חמשה דברים) פונף זאכון זענון דר עיקר כיבוד אב ואם · ער איז זיי מחוייב אן צו טואן זייערו קליידר · אונ ארויין צו פורן · אונ ארוס צו פורן · אונ עסן אונ טרונקן צו גובן ׃ מיט עכן איז דר דין אזו · האבון זיין פאטור אונ מוטר זייער אייגון געלט זאל ער זיי שפייזון דר פון · אונ אוב ניט איז ער מחוייב צו שפייזון פון זיין געלט · אונ אוב ער הט אוך ניט · איז ער מחוייב צו גיין אוף די טירן אונ זיי צו שפייזון נאך זייער כבוד נאך · אוך איז ער זייא מחוייב צו גובין קליידר אונ בעט גוואנט נאך זייער כבוד נאך · אונ דר ווס וויל ניט מקיים זיין כיבוד אב ואם גייט אים דרוף דס בית דין · אוך גייט מען אטאכטור ווס זו הט ניט אמאן אבר אז איר מאן וויל ניט לידון איז זוא פטור · אונ איר מאן וועט דר פר מוזן דרום עונש לידון · דיא קונדר זענון מחוייב תמיד צו טראכטון וויא אזו צו טואן דס ווילן פון זייא פאטור אונ מוטר אונ זאלון זיי ניט דר צערנון · אוך זאלן זיי מאכון דס זייער פאטור אונ מוטר זאלון מיט זיי שאפון · אז ווי דר פסוק זאגט (שמע בני מוסר אביך) הער צו מיין זון דיא שטראף רייד פון דיין פאטר · אונ דס זאל אוטלכור גדענקון דס קיין שום פאטר אונ מוטר הייסן בודאי ניט זייערו קונדר אוס



רעכט

רעכט טאן · נייארט מחמת זייער גרוס ליבשאפט פון זיי אין רעכט פארטוגן וועג · דרום זאל אוטלוכר פאלגן זיין פאטר אונ מוטר אונ זייא חשוב האלטן אונ ניט פר שעמן זייערו רייד · אונ זייערו עצות · אונ זאל ניט דאכטון די עצות פון דיא אלטו גולטן שון ניט · דען אז ער וועט זיך בטראכטון וועט ער זעהן בשיינפרליך דס זייער עצה איז זייער גוט :

אוך דרום זענון די קונדר מחוייב ערליך צו האלטן זייערו פאטור אונ מוטר וויל זיי לערנון מיט זיי תורה אונ מצות · אונ ווייזון זיי דעם וועג פון דרך ארץ אונ גאטס פארכט · נאך מער דרום איז אוטלוכר מחוייב ערליך צו האלטן זיין פאטר אונ מוטר וויל זיי האבון אים גבראכט אוף דער וועלט צו טאן תורה אונ מצות אונ מעשים טובים אונ מיט זייער שטראפון זענון זיי אים מזכה צו עולם הבא · דרום זאגט די גמרא דס אוטלכור איז מחוייב מכבד צו זיין זיין שטראפיר אונ זיין רבי וואס לערונט מיט אים תורה מער איידר זיין פאטור אונ מוטר דען זיי האבון אים גבראכט אוף דר וועלט אונ זיין רבי ברענגט אום צו עולם הבא · נמצא אז די פאטר אונ מוטר וואס לערנון זעלבסט מיט זייערו קונדר אונ שטראפון זיי זענון די קונדר מחוייב זיי צווייא מאל אזו פול כבוד אן טואן פון די פאטור אונ מוטר וואס טואן דס ניט · אונ די כוונה פון די קונדר זאל ניט זיין מיט דעם כיבוד אונ מורא אב ואם כדי זיי זאלון לאנג לעבן · נאר זייער כוונה זאל זיין · וויל גאט הט אזו גבאטון טאר מען אים ניט דר צערנון · דא וועל איך בשיידון וועלכוס עס הייסט כיבוד אב ואם · מיטאר זיך ניט זעצון אוף זייער אורט · אוך ניט אריין צו פאלון אין זייערו רייד · אוך ניט פול צו ריידון פר זייא דען דס איז אסור פר אנדרו קעסטלוכי לייט · כל שכן אז עס איז קיין כבוד ניט פר זיין פאטור אונ מוטר · אפילו זיי זענון זיך טועה אין זייערו רייד טאר מען ניט זאגון אזו מיין פאטער אונ מוטר · איך וויים די זאך · דען איך בין דר ביי גוועזן · אבר אין דר תורה מאג זיך אזון יוא מפלפל זיין מיט זיין פאטור :

אוך ווען מען זעהט זיי איין עבירה טואן טאר מען צו זיי ניט זאגן איר טוט אום רעכט דאס איז איין עבירה נאר מיזאל זיי זאגון אזו שטייט אין דר תורה · אזו וועלון זיי זיך וואל מארקון אונ וועלון זיך אפ שיידון דר פון · אונ ווען דר מענטש הט צו טאן אנאנדר מצוה אונ אוך מקיים צו זיין כיבוד אב ואם · איז דר דין אזו אז די מצוה קאן גטאן ווערון דורך אנדרו איז מחוייב מקיים צו זיין כיבוד אב ואם · אונ אוב ניט זאל ער פרור די מצוה טאן · דר נאך זאל ער מקיים זיין כיבוד אב ואם אונ בשעת מען לערונט תורה · אודר זיי זענון מוחל אוף זייער כבוד איז מען פטור דר פון · עס טאר קיינור ניט מצער זיין זיין פאטור אונ מוטר מיט קיין שום זאך אז ווי מיר גפונן ביי שאול המלך ער זאגט צו זיין יונג גייא אהיים אונ זאג מיין פאטור ער זאל זיך ניט מצער זיין פון אונזרט וועגן · מיר האבן גלערונט אין (מסכת סנהדרין) (רבי יהודה) זאגט פון (שמואל) וועגין די בני ישיבה האבון גפרעגט צו (רבי אלעזר) ווי גרוס אונ וויט גייט דר כיבוד אב ואם · כלומר וויפול דארף דער שאדון זיין דס מען מוז דרוף שווייגון אונ מיטאר זיי גאר ניט זאגון · הט ער גזאגט איך וועל אייך דר ציילן וואס דר עובד כוכבים (דמה בן נתינה) הט גטאן אין דר שטאט אשקלון אמאל האבן דיא ישראל בדארפט אבנים טובות צום חושן · אונ ביי אים זענן גוועזן · אונ ער האט דרונן גקענט מרויח זיין זובצוג מאל צעהן טוזונט גולדן · (רב כהנא) זאגט אכצוג מאל צעהן טוזונט גולדן · אז די חכמים זענן צו אים גקומן הט זיין פאטור גשלאפן · אונ דר שלוסל פון דעם גוועלב איז גלוגן הונטר זיין קאפ · אזו הט ער ניט גוואלט אוף וועקן זיין פאטור האבון די חכמים גקופט ביי אנאנדר סוחר · דס אנדרו יאר איז ביי דעם (דמה בן נתינה) גבארון גוואורין אפרה אדומה · זענון די חכמים צו אים גקומן דס אנדרו מאל צו קופון די פרה אדומה · זאגט ער איך וויים וואול דס איר וועט מיר פאר איר גובן וויפול איך וועל וועלן · אבר איך בגער ניט מער נאר איר זאלט מיר גובן דעם שאדון וואס איך האב גיהאט פאר יארון · אז דיא חכמים האבין דער הערט זיינו רייד · האבון זייא גזאגט מה דאך דער עובד כוכבים וואס איז ניט גבאטון איז ער אזו מקיים די מצוה פון כיבוד אב · נוא מכל שכן איין יהודי :

א, רב דימי איז גקומן קיין ארץ ישראל הט ער דר ציילט וואס איין עובד כוכבים הט גטאן איין (ארום) · ער איז גזעסן הונטר דעם קררינאל · דא איז זיין מוטר גקומן אונ הט אים גשלאגן אוף זיין קאפ · אונ גישפוגן אין זיין פנים אונ ער הט איר קיין ווארט ניט גרעט · אוך זאגט די גמרא אמאל גפונט מען איינר איז מטריח זיין פאטור מיט שווערי ארבייט · אונ דורך דעם בקומט ער עולם הבא : אונ אמאל גפונט זיך איינר וואס גיט זיין פאטור עסן (מעדני מלכים) · אונ פר זונדיגט זיך אין אים אונ קומט דרובר אין גיהנם · אז ווי עס איז אמאל גוועזן איין ארומאן ער פלעגט זיך פר דונגן צו ארבוטן · אונ זיין פאטור הט גגערן עפיס צו עסן אונ ער הט אים ניט גהאט צו גובין · אמאל האט ער גזאגט צו זיין פאטור ער זאל ארבוטן אוף זיין אורט אונ ער הט אים גזעהן צו גובין עסן אז ער הט דר זעהן זיין פאטור ארבייטן הט ער גוויינט אונ זאגט מיין ליבר פאטור ווייא איז מיר דס איך לאז דיך אזו ארבוטן · מיין ליבר פאטר זייא מיר עס מוחל · דען הקב"ה ווייסט דעם אמת אז איך וואלט גערן דיך מכבד גוועזן מיט וואס מיגליך איז · אזו הט ער מיט די כייד תענוג אן גטאן זיין פאטור · אזו הט ער זוכה גוועזן צו עולם הבא :

אונ אמאל גפונן מיר איינר האלט ביי זיך איין אלטן פאטור · אז ער זעהט אים פריא עסן · אז וויא דר סדר איז פון אלטו לייט זאגט ער צו אים ווי קענסטו עסן אזו פריא דו בוסט דאך ערשט אוף גשטאנגן אודר עס איז ערשט טאג גווארן · אונ אז ער זעהט אים פול עסן · זאגט ער ווי עסט מיין פאטר אזו איין אכילה · אונ אז ער בגערט עפוס זאגט ער ווי גלוסט מיין פאטר צו אלים אודר ער זאגט מיין פאטור בגערט מיין ניט נאר אוף זיין עסן · אונ אז ער איז זאט מיינט ער אוטלוכר איז זאט אוך אז דר פאטור פרעגט אים ווען וועלן מיר עסן · זאגט ער צו אים עס פאר דיר וואס פרעגסטו אוף אונזר עסן איך מוז דיר אלס אהיים ברענגן · אונ אז ער מאכט אים אמאל אמלבוש אונ ער פרעגט אים מיין זון וויפול קאסט עס · זאגט ער וואס פרעגסטו איך מוז דאך פר דיר אלס זארגן · אודר ער זאגט אים מער וויפול עס קאסט · דס דער פאטור זאל מיינן ער הט פיל אום גגובן פון זיינט וועגן · אודער ער טראכט ווען וועל איך פטור ווערין פונם אלטן · דס ער זאל שטארבי' וועל איך רוא האבן אודר ער טראכט זיך ווי גרוס איז די לייט וואס ער מאכט מיר קונן מיין ווייב אודר ער טראכט זיך הלואי וואלט איך הנאה גהאט פון מיין פאטור ווי אנדרו האבין הנאה פון זייער פאטר · אובר איינס פון די אלי זאכן פר לורט ער עולם הבא · אונ קומט אין גיהנם · אוך דעסט גלייכן ווען איינר שפעט נאך אוף די כייד פון זיין אלטן פאטר · דס ער זאגט ער רעט שון ווי ער וואלט גוועזן (עובר בטל) אודר ער הייסט אים שווייגן · אודר ער זאגט מיין פאטור מוז זיך אין אלו זאכן מושן · אודר ער ווארפט ארונז אוף איינם פון זיינו בני בית · נאר זיין כוונה איז אוף זיין פאטר אונ מוטר · אודר ער הייבט אוף אהוך קול · אונ שייאט זיך ניט פר אים · אודר ער טוט אים אנגדר צער פר לורט ער עולם הבא אפילו ער זאל אים גובין די בעסטו שפייז אונ קליידר :

איין תנא האט גזאגט פר רבי נחמן בר יצחק אין דר צייט ווען איינער איז מצער זיין פאטר אונ מוטר זאגט גאט איך האב רעכט גטאן דאס איך וואן ניט ביי זיי הונטן דען זיי וואלטן מיך אוך מצער גוועזן · (רבי טרפון) הט גהאט איין אלטו מוטר · אז זיא פלעגט וועלן ארוף גיין אופון בעט · הט ער זיך איין גבוגן אונ זוא פלעגט זיך שטעלן אוף אים אונ ארוף גיין אופון בעט · אמאל האט ער זיך ברומט אין בית המדרש ווי ער איז מקיים כיבוד אם האבון אים דו חכמים גזאגט דו האסט נאך ניט האלב מקיים גוועזן וויא מען דארף · ווען דוא מוטר זאל דיר ארייין ווארפון אבייטל מיט געלט אין ים אריין · אודר זיא וואלט דיר אנגדור גרוס שאדין גטאן אונ דו וואלסט גשוויגן דאס איז דר רעכטור כיבוד · אמאל איז זיין מוטר גגאנגן אין הויז · הט זיך אובר גריסן איר שוך האט ער איר הונטר גלייגט זיין האנט אונ זיא איז אזו גגאנגן ביז אין איר בעט · אמאל איז דר רבי טרפון זייער קראנק גוועזן · זענון דו חכמים גקומן אים מבקר חולה זיין · הט זיין אלטו מוטר גזאגט צו זיי טוט תפלה פר מיין זון דען ער הט מיך זייער מכבד גוועזן · ער הט מער גטאן ווי ער איז מחוייב · האבון דו חכמים זוא גפרעגט וועלכוס איז דס · הט זיא זיי דר ציילט דעם כיבוד וואס ער הט איר

אַן גְמָאן הָאבּוּן זַיי אִיר גְזָאגְט עֶר הָט נָאךְ נִיט מְקַיֵים גְוֶועֶן הַאלְבּ וִויא מֶען דַארְף : אוֹיךְ זָאגְט דוּא גְמָרָא דוּא מוּטֶער פוּן (רַבִּי יִשְׁמָעֵאל כֹּהֵן גָדוֹל) אִיז אַמָאל גְקוּמֶן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אַרַיין · אוּנ הָאט אִים צוּ גְקְלָאגְט פַר דוּ חֲכָמִים דָס עֶר אִיז זִיא נִיט מְכַבֵּד · הָאבּוּן זִיךְ דוּא חֲכָמִים זַייעֶר פַר וואוּנְדֶרְט · אוּנ הָאבּוּן זוּא גְפְרֶעגְט וָוס אִיז דָס · זָאגְט זִיא אַז עֶר אִיז אַהֵיים גְקוּמֶן פוּנֶם בֵּית הַמִדְרָשׁ הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶן אוּנ הָאבּ אִים גִיוָואלְט אָפּ וַואשׁוּן זַיינוּ פוּס הָאט עֶר מִיךְ נִיט גְוָואלְט לָאזוּן הָאבּוּן דוּ חֲכָמִים גְזָאגְט צוּ אִים דוּ דַארְפְסְט צוּ טָאן אִיר ווילֶן · (רַבִּי יוֹסֵף) אַז עֶר הָט גְהֶערְט זַיין מוּטֶער קוּמְט הָט עֶר גְזָאגְט אִיךְ וָועל אוּף שְׁטֵיין פַר דֶר שְׁכִינָה (רַבִּי אֲבוּהוּ) זָאגְט מַיין זוּן (אֲבִימִי) אִיז רֶעכְט מְקַיֵים כִּיבּוּד אָב וָאֵם · דֶען עֶר הָאט פוּנֶעף זוּן אוּנ אַז אִיךְ אוּדֶר זַיין מוּטֶער קְלַאפּוּן אִין זַיין טוּר · לָאזְט עֶר נִיט קֵיין שׁוּם זוּן עֶפוּנוּן · נָאר עֶר זֶעלְבְּסְט עֶפוּנְט אוּנְז · אוּנ זָאגְט אַלְם מַיין לוּבֶּר פָאטוּר אוּדֶר מוּטֶר · הָט גֵייא אִיךְ עֶפוּנוּן בִּיז עֶר עֶפוּנְט אוּף :

תָּנוּ רַבָּנָן דִיא רַבָּנָן הָאבּוּן גְלֶערוּנְט אוּטְלוּכוּר אִיז מְחוּיָיב מְכַבֵּד צוּא זַיין פָאטָר אוּנ מוּטֶר אֲפִילוּ נָאךְ זַייעֶר טוּיט · דָאס עֶר בַּגֶערְט פוּן זַיין חָבֵר עֶפּוּס אַזאךְ זָאל עֶר נִיט זָאגוּן טוּא עֶס פוּן מַיינוּט וֶועגוּן נָאר פוּן מַיין פָאטוּרְס וֶועגוּן אַז אַיינֶר זָאגְט אַיין פְשַׁט פוּן זַיין פָאטוּרְס וֶועגוּן זָאל עֶר זָאגוּן דָס הָאבּ אִיךְ גְהֶערְט פוּן מַיין פָאטוּר (הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ) אוּנ אַז עֶס אִיז שׁוּן נָאךְ דֶעם יָאר פוּן זַיין אֲבֵילוּת זָאל עֶר נָאר זָאגוּן מַיין פָאטוּר (זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) · אַיין טָאכְטָר אִיז אוֹיךְ מְחוּיָיב מְקַיֵים צוּ זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם · אוֹיךְ דֶר כִּיבּוּד אָב זָאל גְרֶעסוּר זַיין וִויא דֶער כִּיבּוּד אֵם · דֶען זַיין מוּטֶר אִיז אוֹיךְ מְחוּיָיב עֶרְלוּךְ צוּ הַאלְטוּן אִיר מַאן · סַיידוּן עֶר הָאט אִיר (גֶט) גְגֶעבּוּן דֶעמָאלְט אִיז דֶער כִּיבּוּד פוּן בֵּיידוּ גְלַייךְ · דֶר פָּסוּק זָאגְט (כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ) · דָס ווייסְט אִיטְלוּכוּר וואוּל דָס מֶען טָאר נִיט זָאגוּן עֶס אִיז פַר הַאנְדוּן אַיין אִיבֶּרִיג אוֹת אִין דֶר תּוֹרָה ח"ו · נוּא וָוס קוּמְט מִיר צוּ ווייזוּן צְוַוייא מָאל דָס וָוארְט (אֶת) · אוּנ דוּ (ואו) פוּן (וְאֶת) · נָאר מִיר הָאבּוּן בְּקַבָּלָה מִסִינַי פוּן מרע"ה (אֶת אָבִיךָ) ווייזְט מִיר דוּ בִּיסְט אוֹיךְ מְחוּיָיב מִן הַתּוֹרָה מְכַבֵּד צוּא זַיין דַיין שְׁטוּף מוּטֶר בַּייא דַיין פָאטוּרְס לֶעבּוּן · אוּנ נָאךְ דַיין פָאטוּרְס טוּט בִּיסְטוּ מְחוּיָיב זִיא מְכַבֵּד צוּ זַיין מִדְרַבָּנָן · נָאךְ מֶער ווייזְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מֶעִי אִיז מְחוּיָיב מְכַבֵּד צוּא זַיין זַיין פָאטוּרְס אוּדֶר זַיין מוּטֶרְס בְּרוּדֶר אוּדֶר שְׁוֶועסְטוּר · אוֹיךְ זַיין עֶלְטוּר מוּטֶר · אָבֶר דֶר כִּיבּוּד אָב אִיז פְרוּר פַר אַלוּ · אוּנ וֶוער עֶס אִיז מְקַיֵים אַלְם וָוס אוּבּוּן שְׁטֵייט · אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ לַאנְג לֶעבּוּן · אוֹיךְ צוּם אַייבּוּגוּן לֶעבּוּן לְעוֹלָם הַבָּא · אַזוּ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ וּלְמַעַן יִיטַב לָךְ) לְעוֹלָם שֶׁכּוּלוֹ אָרוּךְ וְטוֹב אָמֵן סֶלָה :

סליק הלכות כיבוד אב ואם

# הלכות גידול בנים פרק תשיעי

דֶר נַיינְטֶר פֶּרֶק רֶעט וִויא מֶען זָאל דוּ קוּנְדֶר דֶר צוּהֶן אוּנ זַיי שְׁטְרָאפוּן :

בֵּן (חָכָם מוּסַר אָב וְלֵץ לֹא שָׁמַע גְעָרָה) אַיין קְלוּגֶר זוּן קוּמְט זַיין חָכְמָה פוּן דֶעם וַוייל עֶר הָאט צוּ גְהֶערְט דוּ שְׁטְרָאף פוּן זַיין פָאטוּר אוּנ דֶר זוּן וָואס אִיז אַשְׁפֶּעטוּר קוּמְט עֶס וַוייל עֶר הָט נִיט צוּ גְהֶערְט קֵיין גְשְׁרַייא אוּנ שְׁטְרָאף · דוּ חֲכָמִים זָאגוּן וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַיינֶר אִיז אַתַּלְמִיד חָכָם זָאלְסְטוּ ווִיסוּן אַז זַיין פָאטוּר הָאט אִים גְשְׁטְרָאפְט אִין זַיין יוּגֶנְט · אוּנ הָאט אִים גְווִיזֶן דֶעם רֶעכְט פַארְטוּגֶן וֶועג · אַזוּ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (בֵּן חָכָם מוּסַר אָב) · אוּנ וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַיין רָשָׁע אַיין שְׁפֶּעטוּר · זָאלְסְטוּ ווִיסֶן דָס זַיין פָאטוּר הָט אִים נִיט גְשְׁטְרָאפְט אוּדֶר עֶר הָט זִיךְ נִיט גְקֶערְט צוּ זַיין שְׁטְרָאף · אַזוּ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (וְלֵץ לֹא יִשְׁמַע גְעָרָה) · אוּנ וַוייל דֶר פָאטוּר הָט אִים פַיינְט גְהַאט דְרוּם הָט עֶר אִים גְלָאזְט גֵיין · אַזוּ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ וְאוֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר) וֶוער עֶס פַר מַיידְט דוּ רוּט פוּן זַיין זוּן הָט עֶר אִים פַיינְט · אוּנ וֶוער עֶס הָט לוּב זַיין קוּנְד שְׁטְרָאפְט עֶר אִים · דֶר מִדְרָשׁ זָאגְט דָס וָוארְט (חוֹשֵׂךְ) הָט אִין זִיךְ צְוַוייא טַייטְשׁוּן · מִיט דֶעם שְׂמֹאל (חוֹשֵׂךְ) אִיז טַייטְשׁ עֶר פַר מַיידְט · אוּנ מִיט דֶעם יָמִין (חוֹשֵׁךְ) אִיז טַייטְשׁ דָס עֶר שְׁלָאגְט זַיין זוּן אִין דֶר פִינְצְטֶר · אוּנ זֶעהְט נִיט וִויא אַהִין עֶר טְרֶעפְט · אוֹיף דֶעם הָאבּוּן דוּא חֲכָמִים גְזָאגְט עֶס אִיז אָסוּר אַיין קוּנְד צוּא

שְׁלָאגִין אִין רוּגֶז · דֶען עֶס אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר שְׁלָאגְט אִים אִין דֶר פוּנְצְטֶר ׃ דָאס עֶר פְּרֶעגְט נִיט וִויא עֶר טְרֶעפְט · גְלַייךְ וִויא אַיינֶר שְׁלָאגְט זַיין פַיינְט ׃ אַזוֹ וִויא אִיךְ וֶועל דָא בְּעֶסֶער בַּשֵׁיידִן דִי טַעֲמִים דֶר פוּן · אוּנ דֶם וָוארְט (שִׁבְטוֹ) טַייטְשִׁין דִי חֲכָמִים שְׁטְרָאף דַיין קִינְד אִין זַיין יוּגִינְט · דֶען דֶער נָאךְ וֶועט אִים קֵיין שְׁטְרָאף נִיט הֶעלְפִין · אַזוֹ וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנּוּ) זָאלְסְט גְוֵוייגֶען דֶעם יוּנְג אִין זַיין יוּגִינְט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל נָאךְ · אַזוֹ אַז עֶר וֶועט אַלְט וֶוערִין וֶועט עֶר נִיט אָפּ קֶערִין דֶר פוּן ׃

נוּן זֶעהֶן מִיר וואוּל דָאס אִיטְלִיכֶר פָאטֶר אוּנ מוּטֶר זֶענִין מְחוּיָיב צוּ שְׁטְרָאפִין זַייעֶרִי קִינְדֶר אִין דֶר יוּגֶנְט מִיט גוּטִי רֵייד נִיט מִיט רוּגֶז · דֶער אַנְדֶרוּר טַעַם אִיז דֶר סֵדֶר אִיז דָאךְ אַז אֵיינֶר שְׁטְרָאפְט זַיין קִינְד זָאגְט עֶר צוּ אִים דָאס טוּא אוּנ דֶם נִיט · וָוארוּם הָאסְטוּ דֶם גִטָאן · אָבֶּר אַז עֶר וֶועט אִים שְׁטְרָאפִין מִיט רוּגֶז · וֶועט עֶר אִים נִיט קֶענִין פִיר זָאגִין דִי רֵייד · אוּנ אֲפִילוּ עֶר וֶועט אִים שׁוֹן יוֹא פִיר זָאגִין וֶועט עֶר עֶס נִיט וֶועלִין מְקַבֵּל זַיין · דֶר דְרוּטֶר טַעַם אִיז דֶען דָאס אִיז דָאךְ יָדוּעַ אַז עֶס אִיז אַגְרוֹסִי אוּנ הַארְבִּי עֲבֵירָה צוּ זַיין אִין רוּגֶז · דֶען אִין רוּגֶז קָאן מֶען נִיט גָאט רוּנֶן · אַזוֹ וִוי עֶס וֶועט בַּשֵׁיידְט וֶוערִין אִין פֶּרֶק (לַעֲזוֹב חֵמָה) · אוּנ צוּ שְׁטְרָאפִין זַיין קִינְד · אִיז דָאךְ אַגְרוֹסִי מִצְוָה נוּא וִויא קָען דִי מִצְוָה אָן גְנוּמִין זַיין אַז זִיא קוּמְט פוּן אַיין עֲבֵירָה · דֶר פֶערְדֶר טַעַם אִיז אַיין עוֹבֵד כּוֹכָבִים שְׁטְרָאפְט יוֹא זַיין קִינְד מִיט רוּגֶז · ווַייל עֶר הָאט דָאךְ קֵיין תּוֹרָה נִיט · אִיז בַּייא אִים קֵיין עֲבֵירָה נִיט צוּ זַיין אִין רוּגֶז · אוּךְ שְׁטְרָאפְט עֶר אִים נִיט צוּ קֵיין תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת · אָבֶּר אַיין יְהוּדִי טָאר דָאךְ נִיט זַיין אִין רוּגֶז · אוּיךְ אַז עֶר וֶועט אִים שְׁטְרָאפִין מִיט רוּגֶז וֶועט עֶר אִים נִיט קֶענִין רֶעכְט שְׁטְרָאפִין צוּ תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת ׃ אַזוֹ אִיז עֶס אַגְרוֹסִי עֲבֵירָה · דֶר פוּפְטֶר טַעַם אִיז דֶר ווָס שְׁלָאגְט זַיין קִינְד אִין רוּגֶז קָען עֶר אִים ח״ו אַטוּט מַאכִין · דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק (חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ וגו׳) אָבֶּר דֶר ווָס שְׁטְרָאפְט זַיין קִינְד אִין דֶר יוּגֶנְט הָט עֶר זִיךְ נִיט צוּ פָארְכְטִין דָאס עֶר וֶועט אוּם גַיין לְתַרְבּוּת רָעָה ח״ו · אַזוֹ וִוי מִיר גְפִינִן אַבְרָהָם אָבִינוּ ע״ה הָט גְשְׁטְרָאפְט זַיין זוּן יִצְחָק אִיז עֶר גְוָוארְן אַתַּלְמִיד חָכָם אוּנ אַנָבִיא · אוּנ זַיין זוּן יִשְׁמָעֵאל הָאט עֶר נִיט גְשְׁטְרָאפְט אִיז עֶר אוּם גִינַאנְגִין לְתַרְבּוּת רָעָה ׃ אַזוֹ אוּךְ יִצְחָק אָבִינוּ ע״ה הָט גְשְׁטְרָאפְט זַיין זוּן יַעֲקֹב אִיז עֶר גְוָוארִין אַיין תַּלְמִיד חָכָם אוּנ נָבִיא

אָבֶּר זַיין זוּן עֵשָׂו הָט אִים גְנַארְט טוֹיזִן מוֹל · דֶם עֶר הָאט גְמֵיינְט עֶר אִיז פְרוּם אַזוֹ הָאט עֶר אִים נִיט גִישְׁטְרָאפְט · אִיז עֶר אוּם גִינַאנְגִין לְתַרְבּוּת רָעָה · אוּיךְ יַעֲקֹב הָט גִישְׁטְרָאפְט זַיינִי צְוֶועלוּף שְׁבָטִים זֶענִין זַייא אוּיךְ גִיוָוארְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים · אוּיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ ע״ה הָאט נִיט גִישְׁטְרָאפְט זַיין זוּן אַבְשָׁלוֹם פַר גְרוֹס לוּבְּשַׁאפְט אִיז עֶר אוּךְ אוּם גִינַאנְגִין צוּ תַּרְבּוּת רָעָה · אָבֶּר זַיין זוּן שְׁלֹמֹה הָאט עֶר יוֹא גִשְׁטְרָאפְט · אוּנ אוּיךְ זַיין מוּטֶר בַּת שֶׁבַע הָט אִים גִישְׁטְרָאפְט נָאךְ זַיין פָאטֶרְס טוֹיט · אִיז עֶר אוּךְ גִיוָוארִין אַגְרוֹסֶר תַּלְמִיד חָכָם · אָבֶּר דִי אַלוּ וָואס זֶענִין נִיט גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין זֶענִין אוּים גְנַאנְגִין צוּ תַּרְבּוּת רָעָה · דְרוּם זָאגְט דֶר פָּסוּק (וְאוֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר) · אוּךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (יַסֵּר בִּנְךָ כִּי יֵשׁ תִּקְוָה וְאֶל הֲמִיתוֹ אַל תִּשָּׂא נַפְשֶׁךָ) שְׁטְרָאף דַיין זוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז אַצוּנְד גוּט דֶען עֶס אִיז פָאר הַאנְדִין אַהָאפוּנְג · אוּנ זָאלְסְט נִיט זָארְגִין עֶר אִיז אַשְׁלַאפִיר יוּנְג עֶר וֶועט שְׁטַארְבִּין פוּן דַיין שְׁלָאגִין אוּךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט לֹא יָמוּת) דוּ זָאלְסְט נִיט פַר מַיידִין פוּן דַיין יוּנְג קֵיין שְׁטְרָאף עֶר וֶועט נִיט שְׁטַארְבִּין אַז דוּ וֶועסְט אִים שְׁלָאגִין מִיט דֶר רוּט אוּנ אַז דוּ וֶועסְט אִים שְׁטְרָאפִין אִין זַיין יוּגֶנְט הָאסְטוּ נִיט זָארְג צוּ הָאבִין דֶם עֶר וֶועט דֶר הַרְגוּת וֶוערִן דוּרךְ דֶעם בֵּית דִין אוּבֶּר זַיינִי עֲבֵירוֹת · אוּנ אַז עֶר וֶועט אַלְט וֶוערִין וֶועט עֶר בְּלַייבִּין בַּיי זַיין גִוואוּנְהַייט אָבֶּר אוּף דֶר עֶלְטוּר אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ שְׁטְרָאפִין · אוּךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (אַתָּה בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ וְנַפְשׁוֹ מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל) דוּ זָאלְסְט שְׁלָאגִין דַיין קִינְד מִיט דֶר רוּט אַזוֹ וֶועסְטוּ אִים מַצִּיל זַיין פוּנָם גֵיהִנָּם ׃

נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז אוּף דֶעם פָּסוּק (חֲנוֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנּוּ) אַז דוּ וֶועסְט גִיוֵוינִין דֶעם יוּנְג נָאךְ זַיין מִנְהָג נָאךְ נִיט צוּ גַיין אוּנ שׁוּל אַרַיין דַאוְונִין אוּנ נִיט צוּ לֶערְנִין אוּנ צוּ פָאלְגִין דֶעם יֵצֶר הָרַע · אַז עֶר וֶועט אַלְט וֶוערִין וֶועט עֶר אוּיךְ בְּלַייבִּין דֶר בַּייא · דֶען זַיין טֶבַע אִיז אַזוֹ · אוּנ עֶר מֵיינְט עֶס אִיז אַלְּם מוּתָּר · אָבֶּר אַז דוּא וֶועסְט אִים שְׁטְרָאפִין מִיט דֶער

רוט אין זיין יוגנט אונ ווערט אים טייזון דעם וועג פון תּוֹרָה אונ מִצְוֹת • אונ דֶרֶךְ אֶרֶץ • אזו ווערט ער אויך בּלייבון בּייא זיין גוטי טֶבַע • פִינְף זאכין איז איטלוכר מְחוּיָב צוא טאן זיין זון דם ערשטי ער דארף אים מָל זיין • דם אנדרו אז ער איז אבכור דארף ער אים אויס לייזון פונם כֹּהֵן • דם דרוטי ער דארף אים תּוֹרָה לערנין : דם פערדי ער דארף אים אווייב גובין דם פופטי ער דארף אים לערנון אמלאכה • אודער אנאנדער פַּרְנָסָה • אטייל זאגין ער דארף אים אויך לערנון צוא שווימן אונ וואסער • דז גְמָרָא ברענגט דרויף פיל פְּסוּקִים נאר איך וויל דרונן ניט מאריך זיין • נאר דר כְּלָל פון דר זאך איטלוכר פאטר ווס גיוויינט זיין קונד צו תּוֹרָה אונ מִצְוֹת • איז ער זוכה צו עוֹלָם הַזֶה אונ צו עוֹלָם הַבָּא אזו ווי רַבִּי יוֹחָנָן הט גיזאגט דרייא זענין בּטוח צו עוֹלָם הַבָּא • דער וואס וואנט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל • אונ דר ווס גיוויינט זייני קונדר צו תּוֹרָה אונ מַעֲשִׂים טוֹבִים • אונ דר ווס הט נאר איין כּוֹס ווייַן אוף קִידוּשׁ • אונ ער טרונקט נאר אביסל דר פון אונ דאס איבריגי לאזט ער אוף דר הַבְדָלָה דר האט אויך בְּוַדַאי עוֹלָם הַבָּא • ווייל ער איז אזו מְדַקְדֵק אין מִצְוֹת : דער סֵפֶר תַּנְחוּמָא ברענגט אמַעֲשֶׂה אמאל איז רַבִּי עֲקִיבָא ע״ה גיגאנגין אויפן (בֵּית הַחַיִּים)

האט ער בגעגונט איין מענטש האט גיטראגין איין בונד האלץ וואס קיין צווייא פערד וואלטון זוא ניט גיקענט טראגין • אונ ער איז דער מיט גישווינד גילאפון ווייא אפערד • האט רַבִּי עֲקִיבָא גוזר גיוועזן אוף אים ער זאל בלייבן שטיין • אונ זאגט צו אים מיין זון ביסטו אקנעכט וועל איך דיך אויס לייזון ביסטו איין ארומאן וועל איך דיר העלפין • זאגט ער מיין הער לאז מיך גיין • איך טאר ניט בלייבון שטיין • זאגט ר״ע ביסטו אמענטש • אודר איין שד • אודר אמזיק זאגט ער איך בין אמת • אונ אלי טאג מוז איך זעלבורט לויפון אונ נאכד אריין צו ברענגין האלץ • דער נאך מוז איך זעלבר דט אן צינדן • אונ מוז מיך אריין וארפון אין פייאר פר ברענט צו ווערון • דר נאך מאכט מען מיך ווידר גאנץ זאגט (ר״ע) זאג מיר וואס פר עֲבֵירוֹת האסטו גיטאן בייא דיין לעבין • זאגט ער איך בין גיוועזן איין גַבַּאי גוֹבֵה מַס צו זיין • אזו האב איך דעם עוֹשֶׁר גחנפת אונ האב בייא אים ווייניג גינומן : אונ פון דוא ארומי לייט האב איך פיל גינומען • אונ אויך האב איך מְזָנֶה גיוועזן מיט איין אֵשֶׁת אִישׁ אום יוֹם כִּפּוּר • זאגט (רַבִּי עֲקִיבָא) מיין זון האסט ניט גיהערט פון דוא מַזִיקִים וואס זענון דיך דן אויב עס איז ניט פאר האנדן עפיס אתַּקָנָה צוא דיר • זאגט ער מיין ליבר רבי האלט מיך ניט אוף • דוא מַזִיקִים וועלין אובר מיר ברוגז ווערון • נאר איך האב גיהערט פון זייא אז איך זאל האבן אזון אונ ער זאל דאווינין פארין עַמוּד אונ זאגן קַדִישׁ אונ בָּרְכוּ וואלט איך גקומן אין גַן עֵדֶן אריין • אבר איך האב קיין זון ניט • נאר איך האב גלאזט מיין ווייב מְעוּבֶּרֶת אזו ווייס איך ניט אוב זוא הט גיווינן אזון אודר אטאכטר • אונ אוב אפילו זי הט גיהאט אזון הט קיינר מיט אים ניט צו לערנון • פרעגט אים (רַבִּי עֲקִיבָא) ווי הייסטו • זאגט ער (עֲקִיבָא) אונ מיין ווייב הייסט (שׁוּשְׁמִירָא) • אונ מיין שטאט הייסט (אַלְדוּקָא) :

אזו הט זיך באלד (רַבִּי עֲקִיבָא) מַטְרִיחַ גוועזן פון איין שטאט צו דר אנדרר ביז ער איז גקומן אין דר שטאט • הט ער נאך גפרעגט ווי איז דם הויז פון דעם עֲקִיבָא ווס איז גשטארבן • האבן גזאגט אלו לייט ווס פרעגט איר נאך אוף אזו ארשע יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ • הט ער נאך גפרעגט אוף זיין זון • האט מען אים גזאגט ער איז אפילו נאך ניט גימַלוּת • אונ אלו לייט ווילן דרובר מיט זיין ווייב קיין עֲסָקִים ניט האבון • איז ער גגאנגון אהון • אונ האט גנומן דעם יונג אונ האט אים גימַלוּת • אונ הט אים גזעצט לעבון זיך • אונ הט מיט אים גלערונט • הט ער ניט גקענט מְקַבֵּל זיין הט (ר׳ עֲקִיבָא) תְּפִלָּה גטאן פון זיינט וועגון • אונ האט גיפאסט פופציג תַּעֲנִיתִים • איז ארוס גגאנגון אבַת קוֹל פון דעסט וועגון טוסטו תְּפִלָּה אונ תַּעֲנִית • זאגט ער יוא • אזו האט ער אן גהובון מיט אים צו לערנון (אַלֶף בֵּית) • אונ בענטשון אונ קְרִיאַת שְׁמַע אונ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה • אונ הט אים גשטעלט פארון עַמוּד • אונ ער האט גזאגט קַדִישׁ אונ בָּרְכוּ • אזו באלד איז זיין פאטר פטור גווארון פונם גֵיהִנָם • אונ איז גקומן אין גַן עֵדֶן • אונ ער איז גקומן צו רַבִּי עֲקִיבָא אין חָלוֹם אונ זאגט צו אים גאט זאל איך בצאלון אייער שְׂכַר בְּעוֹלָם הַזֶה אונ בְּעוֹלָם הַבָּא • זאגט

צוא אים רבי עקיבא) זאג דעם פסוק (ה' שמך לעולם ה' זכרך לדור ודור) · נוא זעהן מיר וואס דאש אזו קאן ברענגן זיין פאטר אין גן עדן אריין :

דרום זאל איטליכר תמיד גיוויינן זיין זון צו תורה אונ מצות אונ מעשים טובים אין זיין יוגנט · אונ זאל אים לערנן וועדלוג זיין פאר שטאנד · אונ זיינו יארן ווי וויט ער קען דר ליידן · איידר ער הייבט אן צו ריידן זאל ער אים לערנן ספרים קושן · אזו וועט ער גוואונט ווערן ספרים ערליך צו האלטן · דער נאך אז ער הייבט אן צו ריידן זאל ער אים לערנן צוא זאגן (תורה צוה לנו משה) · אונ דעם ערשטן פסוק פון קריאת שמע · אונ אז ער ווערט עלטר זאל ער אים לערנן (א״ב) · דער נאך זאל ער אים דונגן ארבי צו לערנן תורה אונ תמיד זאל ער אים לערנן מיט חניפות · צום ערשטן זאל ער אים גובין זוסי שפייז אודר אנראשין · דער נאך זאל ער אים מאכן קליידר וועדלוג זיין פר שטאנד אונ יארן דר נאך זאל ער אים זאגן לערין ערונסט וועט מען דיר גובין פיל גדן דר נאך זאל ער אים זאגין לערין ערונסט וועסטו ווערן איין רב · אונ זאל אים אך לאנג לערנן ביז ער וועט גוואר ווערן צו דונן לשם שמים · אונ זאל אים גוויינן אבונט אונ מארגן צו גיין אין שול אריין דאוונן · אונ ניט צוא ריידן קיין דברים בטלים בפרט אין שול · אונ זאל אים גוויינן צו ציצית אונ תפילין · אונ זאל ניט עסן אונ טרונקן אן אברכה פרור אונ דר נאך · אונ זאל בענטשן נאך דעם עסן · אזו אז ער וועט אלט ווערן וועט ער בלייבן דער ביי אונ זאל אוף אים גרוס השגחה גובין ער זאל גיין אלי טאג צום רבי אין חדר אריין · אונ אז זיין פאטער דארף טראכטן אוף פרנסה איז דו מוטר אים מחויב צוא גוויינן צו דעם אלים :

דרום זענן איטליכי קהילה מחוייב צו האלטן מלמדים ווי פול זיי דארפן · אונ דו קהילה וואס טוען ניט אזו · דארף מען זייא מחרים זיין דען דוא וועלט שטייט נאר אוף דעם אטום פון דוא קונדר וואס לערנן תורה אונ אוב ניט וואלט זוא חרוב גווארן אזו ווי מיר גפונן אוך דאס ירושלים איז דרובר חרוב גווארן מחמת ביטול תורה · רבי יהושע בן לוי זאגט פון רבי יהודה הנשיא וועגן · אונ ער האט עם גזאגט פון זיינו עלטרן וועגן · אונ זיינו עלטרן פון זייערו עלטרן וועגן דאס מיטאר ניט מבטל זיין דו קונדר פונם לערנן אפילו צוא דער גרעסטר מצוה אין דער וועלט · אונ דו ווייבר זענן מחוייב מדריך צו זיין זייערו קונדר אין רעכטן וועג אפילו זיי דארפן דרוף גרוס מיא האבן דען זייער שכר איז אוך זייער גרוס · אזו ווי דוא גמרא זאגט אין ברכות · דוא רבנן האבו גזאגט עס איז גרעסר דער בטחון פון גאט צו דוא ווייבר ווי צוא דוא מאנן · אזו ווי דער פסוק זאגט (נשים שאננות שמענה קולי וגו׳) איר פרומי ווייבר הערט צוא מיין שטום דר צוהט אייערו קונדר צו תורה אונ מעשים טובים · אונ דו ווייבר וואס פורן זייערו קונדר צום רבי אונ ווארטן מוטן עסן ביז זייערו מאנן קומן אהיים פונם בית המדרש · וואול צו דו ווייבר · אונ צוא זייערו מאנן אונ קונדר :

דער וואס לערונט אפילו מיט זיין חברם זון האט ער אגרוסן שכר גליך ווי ער וואלט גלערונט מיט זיין אייגנום זון אזו ווי מיר גפונן ביי אברהם אבינו ע״ה · דאס ער האט מגייר גוועזן מאנזבלון · אונ שרה האט מגייר גוועזן ווייבר · אזו האט זייא הקב״ה גרעכונט פאר זייערו אייגונוי קונדר · אזו ווי דער פסוק זאגט (ואת הנפש אשר עשו בחרן) אונ דוא לייבר וואס זיי האבן מגייר גוועזן אין חרן אוך משה רבינו ע״ה האט גלערונט מיט זיין ברודרס קינדר אלעזר אונ איתמר · הט זייא אים גאט גרעכונט פאר זיינו זון · אונ דער וואס לערונט תורה מיט זיין חברס קונד · איז ער זוכה צו זוצן אין דער ישיבה של מעלה · אזו וויא דער פסוק זאגט (אם תשוב ואשיבך לפני תעמוד) אז דוא וועסט אגדרו אום קערן צוא מיר וועל איך דיך אוך אום קערן צוא שטיין פאר מיר אונ אז איינר לערונט מיט איין עם הארץ איז ער מבטל דו גזירה וואס הקב״ה האט גוזר גוועזן אפילו אוף דער גאנצר וועלט · אזו וויא דר פסוק זאגט (אם תוציא יקר מזולל כפי תהיה) דו גמרא זאגט אין (תענית) (רב) איז גקומן אין אשטאט אריין איז דארט גוועזן אגרוס הונגר ווארום עס איז פול צייט קיין רעגן ניט גגאנגן הט ער גוזר תענית גוועזן · אונ האט גרוס תפלה גטאן · איז קיין

דענען ניט גקומן׳ דא הט זיך גשטעלט דער חזן פארן עמוד׳ אונ הט אן גהובן צו דאווינן שמונה עשרה׳ אז ער הט אן גהובן (משיב הרוח) הט אן גהובן צוא וויאן אווינט׳ אז ער האט גזאגט (מוריד הגשם) הט אן גהובן צו רעגנן׳ נאך דעם דאווינן פרעגט אים (רב) וואס זענן דיינע מעשים טובים זאגט ער איך בין אמלמד אונ לערן מיט די ארומי קונדר אן גצאלט גליך ווי מיט דעם עושרת קונדר אונ איך האב אקרוג מיט וואסר׳ אונ איך האלט דרונן פיש אונ דאס יונגיל וואס וויל ניט קומן אין חדר אריין תנפה איך אים אונ גיב אים אפיש כדי ער זאל יוא קומן :

דער פון איז גדרונגנן אז סייא דר וואס לערנט מיט זיינע קונדר סייא מיט זיין חברש קונדר׳ אודר ער דונגט זיי ארבי פון זיין געלט הט זיין שכר קיין שיעור ניט׳ (רבי פרנך) זאגט פון (רבי יוחנן) מעגן דר וואס איז אליין אתלמוד חכם׳ אונ זיין זון אונ ענוקל זענן אוך תלמידי חכמים איז ער בטוח דס די תורה ווערט ניט אוס גלאזט ווערן פון זיין משפחה ביז אייביג׳ אזו ווי דר פסוק זאגט (לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך אמר ה׳ מעתה ועד עולם)׳ רבי יהודה זאגט פון רב וועגן (אמר ה׳) מיינט מען גאט זאגט איך בין ערב דרויף דס די תורה ווערט ניט אוס גלאזט ווערן פון זיינע דורות ביז אייביג׳ (רבי ירמיה) זאגט פון דריי דורות אונ ווייטר בלייבט די תורה ביי זיין זרע דען די תורה האט איר ארברוג ביי דער משפחה אונ תאטשע איטלוכר איז דאך מחוייב זיינע קונדר תורה צו לערנן אבר זיין תורה לערנן איז פרור פר זיינע קונדר׳ רבי יודא זאגט אז זיין זון איז אחריף אין דר תורה׳ איז ער מחוייב אים פרור צו לאזן לערנן׳ אז דאס קונד ווערט אלט פונף יאר דערנמאלט איז צייט אים ארבי צו דונגן׳ אונ אים צו פורן אין בית המדרש אריין׳ אבר נאך פונף יאר איז שון ניט גוט דען אז ער ווערט הערין אשלעכט ווארט פונם רבי ווערט ער אנטלופן׳ אוך פר פונף יאר איז ער נאך שוואך :

אוטלכבי פאטר אונ מוטר זאלן לוב האבן זייערו קונדר ווי זייער הארץ אונ לייב׳ אבר זייא זאלן פר זיי ניט ווייזן דס לובשאפט׳ דען זיי וועלן קיין מורא ניט האבן פר זיי׳ אונ אוטלכר איז מחוייב צו דר צוהן זיינע קונדר זיי זאלן מורא האבן פר אים׳ אונ פר זייער מוטר׳ אונ זאל זיי ניט לאזן טאן זייער רצון׳ אזו ווי אבון שטייט אין הלכות (דרך ארץ) אוך איז אסור צו מאכן אצארון איבר זיינע קונדר׳ עס איז אמאל גוועזן איינר וואס הט פיינט גהאט זיין זון׳ הט ער אים ניט גוואלט לאזן ירשענן׳ האבן אים די חכמים ז״ל מתירים גוועזן׳ אוך גפונן מיר ביי יעקב אבינו ווייל ער הט גמאכט זיין זון יוסף אזיידן העמדיל׳ האבן די ברודר שנאה אונ קנאה גהאט אויף אים אונ דורך דעם זענן גקומן אונזרי עלטרן קיין מצרים :

איטלוכר פאטר אונ מוטר זענן זיך מחוייב צו היטן ניט צו ריידן קיין שלעכטו רייד׳ בפנים פר זייערו קונדר׳ דען זיי וועלן זיך אפ לערנן פון זיי׳ אזו ווי דס שפראך ווארט גייט ווי די אלטו טואן ברומן דס זונגן די יונגן׳ אונ אזו ווי זיי וועלן זייערו קונדר דר נאך שטראפן דרויף וועלן זיי זאגן ווארום רעט איר זעלבו רייד׳ דרום זאגט דר פסוק (התקוששו) צורט פרור אייך אליין׳ דער נאך צורט אנדרו אוך דען ווען איינר שטראפט די לייט׳ אונ חט אין זיך אליין בייזו מעשים׳ זאגן זיי צו אים צו ריך ביי דיין נאז׳ ווארום שטראפסטו אונז׳ דרום די פאטר אונ מוטר וואס ווילן דער צוהן זייערו קונדר צו תורה אונ מעשים טובים זאלן זיי פר זיי ניט ריידן קיין שלעכטו רייד׳ אונ די מוטר איז נאך מער מחוייב צו זעהן מוזאל זו ניט דער מאנגן צו בייזן איבר אורע קונדר׳ דס טוזאגט ווייא דער מוטר וואס הט אזו איין שלעכטו זרע גבראכט אויף דער וועלט ווייל דוא ברוסטן וואס האבן אזעלכום גיזוגן׳ אז ווי דר פסוק זאגט (בן כסיל תוגת אמו) אזון אנאר אודר ארשע מאכט טרויאריג זיין מוטר׳ (ובן חכם ישמח אב) אונ אזון אתלמוד חכם דר פרייאט זיין פאטר דען די לייט בענטשין אים׳ דען ווען דר פאטור גייט אין שול אודר אין בית המדרש אריין׳ נעמט ער מיט זוך זיין זון אונ ער לערנט זוך אפ פון אים אלי די גוטי מעשים אונ מנהגים׳ אבר אלי דוא בייזו מעשים אונ עבירות הענגט אונ דר מוטר׳ אז וויא דוא גמרא ברענגט אמעשה יונגין האבן אמאל גישפילט מיט באלן׳ איז איין באלין אריין גיפאלין אין בית המדרש אריין׳ דא

איז

איז איונג גלאפן אין בית המדרש אריין מיט גרוס עזות נאך דעם באלון · אונ האט זיך ניט גשייאט פר די חכמים · האט איינר גזאגט דר מוז זיין אממזר וייל ער איז אזו איין עזות פנים · זאגט דער אנדרור דער מוז זיין אבן הנדה · זאגט (רבי עקיבא) ער מוז אין זיך האבן דוא ביידו זאכון · איז ער גנאנגן צוא זיין מוטר אונ האט בייא איר עס דער קלערט מיט חכמה · אונ דאס עזות פון אזון קומט נאר פון דער מוטר · דען אוף אזון איז איר (טפה) זרע פרור איידר דעם פאטרס (טפה) · אז וויא די חכמים זאגון ווען איין אשה איז פרור (מזריע) גווינט זו אזכר · אונ אז דער מאנזביל איז פרור מזריע ווערט גיבארון איין נקבה · דרום אז א טאכטור איז שלעכט פר שולדיגט מען דעם פאטור אז ווי דר פסוק זאגט (את אביה היא מחללת) זוא פר שוועכט איר פאטיר :

אזו גפונן מיר אוך ביי שלמה המלך דס זיין מוטר (בת שבע) האט אים צו גבונדן צו איין זייל · אונ הט אים גשלאגון · אונ הט גזאגט (מה ברי וגו׳) וס וועלון די לייט זאגון דס איך האב אזו אשלעכטון זון אוף דר וועלט גבראכט · דען מיוועט עס אן העגגון אין מיר · ניט אין דיין פאטר דויד · דען ער איז אגרויסר צדיק גוועזן · אזו הט ער מודה גוועזן צו איר אונ זאגט מיין לובה מוטר איך וועל שון קיין בייז ניט טואן · דס הייסט אקלוגר זון · אין אזעלכון איז די שטראף אן גלייגט אונ אזו וויא דר פאטור אונ מוטר זענון מחוייב זייער זון צו לערנון תורה אונ מעשים טובים אונ דרך ארץ · אזו איז אוך דר זון זייא מחוייב צו פאלגון · אבר אז זיי הייסון אים איין עבירה טואן אפילו עס איז נאר אסור מדרבנן · זאל ער זיי ניט פאלגון · אז ווי דר פסוק זאגט (ולא יהיו כאבותם דור סורר ומורה) אונ זיי זאלון ניט זיין ווי זייערו עלטרון איין אפ גקערט אונ ווידר שפעניגר דור דר סוף פון דר זאך אוטלוכר פאטר אונ מוטר זענון מחוייב זייערו קונדר אפ גוויינן פון בייזו מעשים אונ רייד · אונ זיי צו גוויינון צו תורה אונ מצות · דס זיי זאלון אבונט אונ מארגון אין שול ארייין גיין · אונ זאלון תפלה טאן בכוונה · אונ זאלון קיין דברים בטלים ניט ריידון · אונ ווען דר פאטר איז זיך מתעסק אין עפוס אמצוה · זאל ער זיין קונד אוך גוויינון דר צו · דהיינו צו (ביקור חולים) אודר צו (הלוית המת) · אודר צו אחופה אונ סוכה אונ אתרוג · אונ די אובריגי מצות · דען אז ער וועט אים גוויינן אין דר יוגנט וועט עס ביי אים ווערון אטבע · אוך איז דר פאטור מחוייב צו לערנון זיינו קונדר אלו תכמות · אונ אז זיי זענון שון דר וואקסון מאר ער זיי ניט שענדן · אודר שעלטון פר לייטון דען איז עס דאך בליז אוך איין איסור ארום צו לאזון אקללה פונם מול · אבר ביי דר וואקסנו קונדר איז נאך פול ארבאר די עבירה דען זיי וועלון אים אפ ענטפרון · אודר זייא וועלון דרוף אמן זאגון · אזו מאכט ער זיי זונדיגן נאר ער זאל זיי שטראפן מיט גוטי רייד :

דרום הט שלמה המלך גווארנט די לייט מיט זיין חכמה דס אוטלוכר זאל זיין קונד שטראפן אין זיין יוגנט אזו וועט ער ניט דארפון שטראפון אין זיין עלטור · אוך זאלון די פאטור אונ מוטר גווארנט זיין אז זיי האבון עפוס אקרוג מיט אימנצון זאלון זייא ניט לאזון זייערו קונדר אן צו נעמון זיך אוף זייער קרוג · כדי זיי זאלון אוך ניט צו קרוג קומן · אמאל הט אחסיד זיך גלאגן מיט אנאנדר מענטשון פאר דיינים · הט יענור אן גהויבון דעם חסיד מבזה צו זיין מיט גרוסו בזיונות · אונ הט אים גזאגט ער הט גטאן בייזו מעשים וס מיטאר ניט טואן · אונ דר זון פונם חסיד איז גשטאנון דר בייא · איז ער זייער ברוגז גווארון אונ האט זיך גוואלט קרוגן מיט יענעם מענטשון · אז דר חסיד הט זיך דס גמארקט · זאגט ער מיין לובר זון ווארום בוסטו ברוגן אונ ווילסט זיך פר מיר אן נעמון · איז אנדורם אמת וס ער זאגט איז דאך ראוי אוטלוכר זאל מיר עס אוס ווארפון · אונ אוב ניט וס הארט מיך זיינו רייד גלייך ווי אהונט בולט · דרום מיין לובר זון לאז אים גיין השי״ת ווייסט וואול אלו פר בארגנוש · ער וועט אים זיין שכר בצאלון · אזו הט דער זון אפ גלאזט פון דר קרוג · די מעשה זאל זיך אוטלוכר צום הארצון נעמון · אונ זאל טואן אז וויא דר חסיד הט גטואן · אונ זאל זיינו קונדר דר צוהן ווי דר חסיד · אונ דר מענטש וס דר צוהט זיינו קונדר צו תורה אונ מצות · אונ דר נערט זיך פון זיין (יגיע כפיו) אונ זיין ווייב איז איין צנועה אין דר היים · דר זעלבוגר מענטש ווערט גבענטשט פון גאט · אז ווי דער פסוק זאגט (אשרי כל

רַא ה׳ הַהוֹלֵךְ בִּדְרָכָיו יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל :

סליק פרק גידול בנים :

# הלכות נשואי אשה פרק עשירי

דֶר צֶעהֶנְטוּר פֶּרֶק רֶעט ווִי מֶ׳זָאל אַווייבּ נֶעמֶן אוּנ וָוען מֶ׳זָאל אַווייבּ נֶעמֶן :

מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב) דֶר פָּסוּק אִיז אַזוֹ טַייטְשׁ וָוער עֶס גֶפוּנְט אַפְרוּם וַוייבּ · דֶר צוּהְט אוּם אַיין רָצוֹן אוּנ חֶסֶד פוּן גָאט · דָס עֶר הָט אִים אַזֶעלְכֶם בַּשֶׁערְט · דֶען דָס אִיז יָדוּעַ אַז גָאט ב״ה בַּשֶׁערְט אוּטְלִיכֶן אַווייבּ נָאךְ זַיינוּ מַעֲשִׂים נָאךְ · אַז ווִי מִיר הָאבּוּן גְלֶערוּנְט אִין דֶר (מַסֶּכֶת סוֹטָה) (אֵין מְזַוְּגִין לְאָדָם אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו) גָאט גוּט נִיט זַיין זִיוּוּג דֶעם מֶענְטְשִׁין נָאר וָועדְלוּג זַיינוּ מַעֲשִׂים אַז ווִיא דֶר פָּסוּק זָאגְט (לֹא יָנוּחַ שֵׁבֶט הָרֶשַׁע עַל גּוֹרַל הַצַּדִּיקִים) דֶר רָשָׁע זָאל נִיט רוּאָן בַּיי דֶעם גוֹרָל פוּן דִי צַדִּיקִים · אוּךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (מֵה׳ אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת) אַקְלוּג אוּנ אַפְרוּם וַוייבּ אִיז פוּן גָאט · נוּא זֶעהְט מֶען ווּאוּל אַז אַפְרוּמֶר בַּקוּמְט אַפְרוּם וַוייבּ · אוּנ אַרָשָׁע בַּקוּמְט אַשְׁלֶעכְט וַוייבּ · דִיא גְמָרָא פְרֶעגְט דְרוּף פוּל קֻשְׁיוֹת אוּנ פַר עֶנְטְפֶרְט זַיי · דִי עֶרְשְׁטוּ קֻשְׁיָא אִיז דִיא גְמָרָא זָאגְט דָאךְ פֶערְצוּג טָאג אַיידֶר דָס קוּנְד וֶוערְט בַּשַׁאפוּן גֵייט אוּם אַבַּת קוֹל דֶר (פְּלוֹנִי) זָאל נֶעמוּן דִי (פְּלוֹנִית) · נוּא ווִיא קָאן דָס זַיין אַז עֶס אִיז נָאךְ זַיינוּ מַעֲשִׂים נָאךְ · וָוען יוּא עֶס אִיז אוּם גְנַאנְגוּן פוּן גָאט עֶר זָאל זַיין אַצַּדִּיק אוֹדֶר אַרָשָׁע · ווָארוּם דֶען קוּמְט אִים שָׂכָר אוֹדֶר עוֹנֶשׁ · נָאךְ מֶער אִיז קָשֶׁה דִיא גְמָרָא זָאגְט אַמֶענְטְשׁ זָאל פַר קוֹפוּן גָאר זַיין פַר מֶעג אוּנ זָאל נֶעמוּן אַבַּת תַּלְמִיד חָכָם · אַז זוּ אִיז נִיט זַיין וָוס וֶועט אִים הֶעלְפוּן זַיין פַר קוֹפוּן : אוּךְ זָאגְט דִי גְמָרָא דֶר וָוס נֶעמְט אַווייבּ זָאל עֶר נָאךְ פְרֶעגוּן אוֹף אוּרוּ בְּרוּדֶר · הֶען אוּפְט זֶענוּן דִי קוּנְדֶר גְרָאטוּן אוּן אוּרוּ בְּרוּדֶר אוּךְ זָאגְט דִי גְמָרָא אַיין מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ תָּמִיד בַּהֶעפְטוּן צוּ גוּטוּ לַייט · אוּנ צוּ אַבַּת תַּלְמִיד חָכָם · דֶען אַז עֶר וֶועט ח״ו שְׁטַארְבּוּן · אוֹדֶר עֶר וֶועט אַוֶועק פָארוּן וֶועלוּן זַיינוּ קוּנְדֶר טוּאָן מַעֲשִׂים טוֹבִים פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט · נָאךְ מֶער אִיז קָשֶׁה דִי גְמָרָא זָאגְט מֶען מֶעג ווּאוּל אַיין אִשָּׁה מְקַדֵּשׁ זַיין אֲפִילוּ אוּם חוֹל הַמּוֹעֵד · דֶען טָאמוּר וֶועט זוּא אַנַאנְדֶרוּר פֶּעדְרוּן מִיט תְּפִלָּה · וָוען יוּא זוּ אִיז אִים בַּשֶׁערְט נָאךְ אִין זַיין מוּטֶּרְם בּוּךְ ווִי קֶען זוּ אַנַאנְדֶרוּר פֶּעדְרוּן · נָאךְ מֶער אִיז קָשֶׁה מִיר זֶעהֶן דָאךְ צַדִּיקִים וָוס הָאבּוּן שְׁלֶעכְטוּ וַוייבּוּר · אוּנ רְשָׁעִים וָואס הָאבּוּן גוּטוּ ווַייבּוּר · אַז ווִיא דֶער רָשָׁע (נָבָל) הָאט גְהָאט דִיא צַדֶּקֶת (אֲבִיגַיִל) פַאר אַווייבּ :

נָאר דֶר תֵּירוּץ אִיז אַזוֹ דֶר בַּת קוֹל אִיז בְּוַדַּאי אֱמֶת · נָאר בִּתְנַאי אַז דֶר מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט אַזוֹ ווִיא עֶר אִיז בַּשַׁאפוּן גְוָוארִין · אָבֶר אַז עֶר וֶוערְט אַיין צַדִּיק · אוּנ זוּ אַיין מַרְשַׁעַת אַזוֹ אוּךְ לְהֵיפוּךְ וֶוערְט דִי עֶרְשְׁטוּ גְזֵירָה בָּטֵל אוּנ גָאט נֶעמְט זוּא אַוֶועק פוּן אִים · אוּנ גִיט זוּ אַנַאנְדֶרוּן נָאךְ זַיינוּ מַעֲשִׂים נָאךְ · אוּךְ אִיז אַסוֹד פוּן גָאט דָס אוּפְט הָט אַצַּדִּיק אַשְׁלֶעכְט וַוייבּ אוּנ אַפְרוּמִי צְנוּעָה הָט אַשְׁלֶעכְטוּן מַאן · דָס אִיז דְרוּם כְּדֵי דֶר רָשָׁע אוֹדֶר דִי רִשְׁעַת זָאל אָפּ נֶעמוּן דֶר צַדֶּקֶת אוֹדֶר דֶעם צַדִּיקְת עֲבֵירוֹת כְּדֵי זַיי זָאלוּן קוּמֶן רַיין אוֹף עוֹלָם הַבָּא · אַז ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט דְרַיי זֶענוּן וָוס קוּמֶן נִיט אִין גֵיהִנֹּם · אוּנ אַיינֶס דֶר פוּן אִיז וֶוער עֶס הָט אַבֵּייז ווַייבּ · אוּךְ אַמָאל ווִיל גָאט הָאבּוּן פוּן אַיין רָשָׁע זָאל אַרוּס קוּמֶן אַגוּטִי זֶרַע · אַזוֹ גִיט עֶר אִים אַפְרוּם ווַייבּ · אוּנ אַזוֹ אוּךְ פַר קֶערְט אוּךְ אַמָאל ווִיל גָאט הָאבּוּן פוּן אַצַּדִּיק זָאל אַרוּס קִימוּ אַשְׁלֶעכְטוּ זֶרַע בַּשֶׁערְט עֶר אִים אַיין שְׁלֶעכְט ווַייבּ אוּנ אַזוֹ אוּךְ פַר קֶערְט :

נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז דְרוּם גִיט גָאט דֶעם רָשָׁע אַפְרוּם וַוייבּ כְּדֵי אַז עֶר זָאל זִיךְ אָפּ לֶערְנוּן פוּן אוּרוּ גוּטוּ מַעֲשִׂים · אוּנ וֶועט תְּשׁוּבָה טָאן וֶועט עֶר בַּקוּמֶן גְרוּס עוֹלָם הַבָּא מֶער פוּן אַצַּדִּיק · אוּנ אוּבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִיט אָפּ לֶערְנוּן פוּן אוּרוּ מַעֲשִׂים אִיז זַיין עוֹנֶשׁ נָאךְ פוּל טוּזוּנְט מָאל מֶער · אוּנ אַזוֹ אוּךְ פַר קֶערְט פוּן דֶעם טַעַם וֶוענְן הָאט אַיין רִשְׁעַת אַצַּדִּיק פַר אַמַאן :

מַעֲשֶׂה אַיין מַלְכָּה הָט אוּם גְגֶעבּוּן אִיר טָאכְטֶר פַר אַיין בֶּן מֶלֶךְ · אַיידֶר זִיא הָט אַוֶועק גְשׁוּקְט אוֹף דֶר חֲתוּנָּה זָאגְט זִיא צוּ אִיר · אִיךְ עֶנְטְפוּר דִיךְ אִיבֶּר צוּ אַפְרֶעמְדוּן אִין דוּ הֶענְט אַרַיין

איך חיים ניט וואס פר איין מענטש ער איז דרום וועל איך דיר אן זאגן צעהן זאכן וואס דו זאלסט טאן · אונ אז דו וועסט זיך פאלגן דרוף וועט דיר וואול זיין · אונ דיין מאן וועט דיך ליב האבן וויא זיך זעלבסט · אונ אוב ניט וועט אלס פאר קערט זיין · דאס ערשטו מיין ליבו טאכטר זאלסט אים ניט דער צערנן · אונ ווען ער וועט זיין פרייליך זאלסטו ניט זיין טרויארג · אונ ווען ער וועט זיין טרויארג זאלסטו ניט זיין פרייליך · אונ זאלסט מיט אים ריידן מיט גוטי רייד פריינדליך · אזו וועסטו שטולן זיין צארון · דס אנדרו מיין ליבו טאכטר זאלסט אכטונג געבן אויף זיין עסן · וואס ער גלוסט צו עסן · אונ זאלסט תמיד זאגן מיין הער גלוסט ניט צו קיין אנדור עסן נאר צו דעם וואס איך ריכט אים צו · אונ דאס עסן זאל פארטיג ווערן צו דר רעכטור צייט · דען אז ער וועט קומן אהיים אונ וועט ניט געפונן קיין פארטיג עסן · וועט אים דר הונגר ברענגן רוגז · אונ ווען ער וועט זיין פר טרונקן זאלסטו אים ניט גדענקן וס ער הט גטאן אודר גרעט · אונ אז ער וועט דיר הייסן טרונקן זאלסטו טרונקן אבר ניט אן שיכורן זיך דען ער וועט אויף דיר אשנאה ווארפן :

דאס דריטו מיין ליבו טאכטור זאלסט זיך הוטן אים ניט אויף צו וועקן פונם שלאף דען טאמר הט ער זיך נאך ניט אוס גשלאפן · אזו וועט ער ברוגז ווערן · דאס פערדו זאלסט קארגן אויף דיין מאנם געלט · אונ זאלסט ניט נעמן אן זיין ידיעה נאר אזו אזאך וס ער איז ניט מקפיד דרויף · דאס פינפטו זאלסט ניט בגערן צו וויסן זיינו סודות · אוב דו וועסט יוא וויסן · אודר ער וועט זיך בארוסן פר דיר מיט עפוס אזאך זאלסטו עס ניט אוס זאגן פר קיין שום מענטשן אין דער וועלט · דס זעקסטו וועמן ער וועט פיינט האבן זאלסטו אויך פיינט האבן · אונ וועמן ער וועט ליב האבן זאלסטו אויך ליב האבן · דס זובטו זאלסט ניט ווידר שפעניגן קעגן אים · אונ זאלסט טאן אלס וס ער וועט דיר הייסן · אונ זיינו רייד זאלן דיר וואול געפעלן · דאס דו זאלסט ניט זאגן צו אים דוא רעדסט ניט רעכט מיין עצה איז בעסר · דס אכטו זאלסט פון אים ניט בגערן אזו אזאך וס איז אים צו שווער · טאמור וועט ער אויף דיר איין שנאה ווארפון · דס ניינטו אלס וואס ער וועט פון דיר בגערן זאלסטו טאן זיין רצון · אזו וועט ער זיין דיין קנעכט אונ וועט דיך דינן מיט פריידן · דס צעהנטו מיין ליבו טאכטור זאלסט זייער אונ זייער גוואורנט זיין אים ניט צוא דער צערנן מיט קיין שום זאך · אונ זאלסט אים קיין שום ווארט ניט אקעגן ריידן · אונ זאלסט זיך פלייסן מיט אלע זאכן צו טאן וס אים איז ליב · אז דו וועסט אים האלטן פר אמלך וועט ער דיך האלטן פר איין מלכה · אז דו וועסט דס אלס טאן וועט דיר בודאי וואול זיין :

שלמה המלך ע״ה האט זייער גלובט אפרום וייב · אזו וויא דער פסוק זאגט (אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מכרה) ער גלייכט אפרומו אשה צו פעריל אונ אבנים טובות שטייט ווייטר (בטח בה לב בעלה) אין דר פרומר אשה איז פר זיכרט דם הארץ פון איר מאן · דם ער מעג פר איר פר טרויארן אלו זאכן · אונ ער אכט ניט אלדום גוטס פון דר וועלט קענן איר לובשאפט · אונ דארט וויא עס איז לובשאפט איז אייטל מזל אונ ברכה אונ הצלחה אונ עושר אונ כבוד · אבר אז זייא האבן זיך פיינט איז אלס פר קערט · אזו וויא דר פסוק זאגט (חלק לבם עתה יאשמו) אז זייער הארץ איז אפ גטיילט פון לובשאפט וועלן זיי פר שולדיגט ווערן דאס זיי וועלן ניט האבן קיין מזל אונ קיין ברכה · אויך זאגט דער פסוק (אשת חיל עטרת בעלה) אפרום וייב איז אקרון צוא איר מאן · זיינו רייד ווערן גיאכט אין אירי אוגן · אונ זוא הוט אפ דם זיינוגו עם זאל אים קיין שאדן ניט גישעהן · אונ העלפט אים מיט גאר איר קראפט אונ מאכט · אונ גיט אים גוטע עצות · אונ צווינגט אים ניט צוא פרנסה אונ קליידער · נאר וויפל זיין רצון איז · אונ זוא טוט הויז ארבוט מיט אירו הענט אפילו זוא האט קנעכט אונ דינסטון אונ דער צוהט זעלבסט אירו קינדר צו תורה אונ מצות · ניט דורך אנדרו לייט · אונ זוא בדינט איר מאן וויא איין דינסט מויד · אונ רופט אים מיין הער · אזו וויא אונזר מוטר שרה האט גרופן איר מאן :

דרום זאל אוטלוכו אשה מקיים זיין דאס אלס אונ זאל אויך פר איר מאן ניט ריידן וס ניט נוצונג איז · אונ זאל ריידן מיט אים בנחת אונ ניט הויך · אונ מיט חן אונ שכל · אונ זאל אורו

אונגן אראפ האלטן · כדי ער זאל אוף איר קיין שנאה ניט ווארפן · מכ"ש דס זיא דארף אזו טואן פר אנדרו לייט · אונ זאל שטיין פר איר מאן וויא איין דונגסט מוד · אזו ועט זיא בוודאי גיהערליכט ווערן פון אים פון נאר איר הוז גזונד · אונ פון דר גאנצור וועלט · אזו וויא דר פסוק זאגט (אשת חן תתמוך כבוד) איין אשה וואס הט חן ביי איר מאן ווערט זיא הונטר גלעהנט מיט כבוד · עס איז אמאל גווען אקלוגי אשה אמאל הט זיא גפורט איר טאכטר הונטר דר חופה · זאגט זיא צו איר מיין לובע טאכטר זאלסט שטיין פאר דיין מאן אונ בדונן אים · אזו ועט ער דיך אויך בדונן · אבר אז דוא וועסט זיך וועלן הויך אונ קעסטליך האלטן · אונ וועסט וועלן הערשן איבר אים · אזו ועט ער בוודאי זיין דיין הער מיט גיוואלד אונ וועסט שפל זיין אין זיינו אוגן אזו וויא דוא ארגסטו מוד · אימלכו אשה איז מחוייב ריין צו האלטן איר מאנס קליידר דס זיי זאלן ניט זיין איין גרעבט אודר פלעקונדוג אודר מיט פעדרן · דס ער זאל ניט פר שעמט ווערן ביי זיינו חברים אונ אז עס קומט צו איר איר מאנס קרוב זאל זיא אים שיין אנטפאנגן מיט אפרייליך פנים אונ גוטי רייד · גליך וויא וואלט אגרוסי מציאה גיפונן · אונ זאל מער אום געבן אוף צרכי בית ווי אנאנדרט מאל · אזו איז עס איין כבוד צו איר מאן · דס מען וועט זאגן וויא ערליך איז דר בעל הבית מיט זיין ווייב אונ קונדר · דיא אשה וואס איז זיך אזו נוהג · איז זו אקרון אוף דעם קאפ פון איר מאן · אוף איר גייט דר פסוק (אשת חיל עטרת בעלה) · אבר די אשה וואס טוט אלם פר קערט אונ עס גייט זיא ניט אן אז ער גפונט אודר ער פר לורט · אונ קריגט זיך מיט אים אונ מיט איר הוז גזונד · אונ רעט אים אן צו קריג · אונ דס ער זאל קיין תובות ניט בצאלן · אונ צו בארגן · כדי זיא זאל פול געלט האבן אין איר האנט · דו זעלבוגו אשה איז אוסון אוף איר מאנס שאנד אונ מאכט אים פר פולן זיין לייב ביא זיין לעבין ר"ל · אונ אזו וויא דער וואס זיין לייב איז פאר פולט דער האט שון גאר קיין שום תקנה אונ קיין האפונג ניט · אזו איז אויך צו זיין לייב קיין תקנה ניט · דען דס שלעכטו ווייב איז דס פלייש פון זיין פלייש · אונ זיא ברענגט אים אום פון דער וועלט פאר דער צייט · אזו וויא מיר גפינן ביי דעם ווייב פון קרח · דס זיא הט פר זונדיגט זיך אונ איר מאן אונ איר הוז גזונד אונ געלט אונ גוטס · דרום וויל זיא הט אים אן גרעט צו קריגן מיט משה רבינו ע"ה · אבר די צדיקת דאס ווייב פון (און בן פלת) הט אים אפ גרעט פון קריג · הט זיא אים דר האלטן ביי זיין לעבן · אונ געלט אונ גוטס · זו לובט שלמה המלך · אבר דאס ווייב פון קרח שענדט ער · אזו וויא דער פסוק זאגט (חכמות נשים בנתה ביתה) דו קלוגי אונ פרומי ווייבר האבן גבואט איר הוז דס זיי האבן אפ גרעט זייערו מאנון פון קריג · אבר (אולת בידה תהרסינה) דיא נארושי ווייבר האבן צוא פורט זייער הוז מיט זייערו הענט · דאס זייא האבן אן גרעט זייערו מאנון צוא קריג · אונ האבן זיי אום גבראכט פון דעם לעבן · אונ פון אלום · דס זיי זענן איין גזונקן גווארן אין דר ערד :

**אויך** זאגט דו גמרא ווי איין גוטי זאך איז איין גוט ווייב · אונ וויא אשלעכטו זאך איז אשלעכט ווייב · דען עס איז דאך ניט פר האנדן קיין בעסרו זאך אין דר וועלט פון דער תורה · אונ זיא איז גגליכן צו איין גוט ווייב · אונ עס איז דאך ניט פר האנדן איין ערגורס פונם גיהנם · אונ ער איז גגליכן צו אשלעכט ווייב · אוך זאגט די גמרא ווי גוט איז אגוט ווייב · דען ווען איר מאן קומט גפונט ער זיא אין דר היים · אונ ווידר פר קערט איז אשלעכט ווייב · דר פסוק זאגט ביא אדם הראשון (אעשה לו עזר כנגדו) הקב"ה זאגט עס איז ניט גוט (אדם) זאל זיין אליין אן אווייב · איך וועל אים בשאפן איין העלפר וואס זאל אים העלפן צוא טאן זיינו ארבוט · ווען איינר ברענגט אהיים ווייץ אודר קארן אודר מעהל · קען מען עס דאך אזו ניט עסין · אזו דארף זיא עס מאלין אונ באקן אוך דארף זוא דם פלייש זאלצן אונ קאכון אונ דם פלאקס דארף זוא שפונן אונ וועגן אונ נעהן אונ אהעמד מאכון · דר נאך קען ער ערשט אן טואן · נמצא אז ווען ניט זו וואלט ער ניט גיהאט קיין עסון אונ קיין מלבוש · אוך זאגט דיא גמרא ווער עס איז אן איין ווייב איז ער אן טובה · אונ אן הולף · אונ אן שמחה · אן שלום · אן תורה אן ברכה · דיא גמרא ברענגט דרוף פסוקים :



אמי"

אמר זאגט (רבי אלעזר) דר וואס האט קיין ווייב ניט · דר הייסט אפילו קיין מענטש ניט · דרום איז אוטלובר מחוייב ערליך צו האלטון זיין ווייב · אז ווי די גמרא זאגט אין (בבא מציעא) רבי חנינא זאגט תמיד זאל אוטלובר ערליך האלטון זיין ווייב · דען נאר פון אורט וועגון קומט די ברכה אין זיין הויז אז וויא דר פסוק זאגט (ולאברם היטיב בעבורה) עס איז צו אברהם גוט גגאנגון פון וועגון זיין ווייב שרה ער האט גהאט פול מזל אונ ברכה דורך איר אוך זאגט די גמרא אין (יבמות) די רבנן האבון גלערונט ווער עס האט לוב זיין ווייב אונ האלט זו ערליך מער וויא זיך זעלבסט אונ דר וואס איז מדריך זיינע זון אונ טעכטור אין רעכט פארטוגן וועג · אונ מאכט התונה זיינע זון צו אכצעהן יאר אונ זיינע טעכטור אוך אין זייער יוגנט · זאגט אוף אים דר פסוק (וידעת כי שלום אהלך) דו וועסט וויסן אז עס וועט זיין שלום אין דיין גצעלט אונ עס וועט קיין זונד ניט קומן אין דיין הויז אוך זאגט די גמרא תמיד איז דר מענטש זיך מחוייב צו קליידון וויינוגר פון זיין פר מעגון · אונ זיין ווייב אונ קונדר וועדלוג זיין פר מעג · דרום איז אוך דיא אשה מחוייב איר מאן ערליך האלטון גלייך ווי איר פאטור · אונ זאל מקיים זיין אלס וואס אובון שטייט אונ זאל זיין הונטר טענוג הונטר אים · דען זוא דארף לוסט האבון צו איר מאן · אז ווי דר פסוק זאגט (ואל אישך תשוקתך והוא ימשול בך) צו דיין מאן זאל זיין דיין לוסט · אונ ער זאל גוועלטוקין אין דיר · דרום אוך האט זו גאט בשאפון מיט הכמה אריפ פון זיין לייב · דאס ער זאל זו אזו לוב האבון ווי זיין לייב · אונ זאל זיך מרחם זיין אובר איר אפילו ווען זו איז צארוניג אונ זענון מחוייב איינס דם אנדרו צו פאלגון אונ עצות צו האלטון אזו וועט זיין ביי ביי אייטל מזל אונ ברכה אונ לוב ניט וועט זיין פר קערט :

אוטלובר זאל גווארונט זיין ניט צו שעלטון זיין ווייב מיט קיין שום קללה · דען עס איז גלייך ווי ער שעלט זיך זעלברט אונ עס איז דאך איין לאו אין דר תורה זיך זעלבסט ניט צו שעלטון · אונ דר וואס שעלט זיין ווייב איז ער עובר אוף דעם לאו אונ אוף דעם לאו וואס עס איז אסור צו שעלטון זיין חבר · דרום זאל מען דרונן זייער נזהר זיין · אוך ווער עס איז מבזה זיין ווייב פר לייטון איז זיין עונש פול גרעסור ווי ער וואלט אנאנדרון מבייש גוועזן · אוך זאל איר ניט ריידון קיין בייזו רייד · דען דר סדר איז פון דיא ווייבור באלד צו וויינון · אזו איז עס ניט גוט מכ"ש דם קיין שום יהודי טאר ניט שלאגון זיין ווייב חיו דען דס איז איין ארברו עבירה וויא ער וואלט אנאנדרון יהודי גשלאגון · אונ אוף איטלוכן שלאק בזונדר איז ער חייב מלקות · אונ אפילו ער הייבט נאר אוף זיין האנט צו שלאגון הייסט ער אוך ארשע אונ איז פסול לעדות אונ מיטאר אים ניט אוף רופן צו דר ספר תורה · ביז ער טוט רעכט תשובה · אונ בשעת ער וואנט מיט איר זאל ער זיך האלטון בקדושה ובטהרה אונ זאל מיט איר ניט ריידון שום ווארט אין דר וועלבור צייט · ער זאל ניינו זאכון מיט איר פרוור אום ריידון · כדי זוא זאל אוך איר דעה אונ כוונה האבון דרוף · דען כמעט צום מיינסטין ווענט זיך אין איר מחשבה אונ זיי זאלון זיך היטן פר בייזו רייד אונ ביהו מחשבות · מכ"ש פר בייזו מעשים אין דר וועלבור צייט · אונ ער איז זוא מחוייב צו לערנון דרוף · כדי אז פון זייער זרע זאל ארוס קומן אגוט פרוכט :

ער זאל זיך אמשל נעמון ווען ער וויל זיאן ווייץ אודר קארון דא זעהט ער אונ אכט אונ טראכט צו זייאן אוף אגוט אונ ריין פעלד · עס זאל דרונן ניט זיין קיין שטיינור · אונ קיין דערנור · אונ זעהט אוך די זאמון זאלון אוך ריין זיין · כדי זיין תבואה זאל וואול גראטון · דאס זיין מיא אונ ארבייט זאל אן גלייגט זיין · אונ זאל ניט זיין אום זוסט · נון מכ"ש דם ער דארף זעהן אז פון דעם זאמון וואס גייט ארוס פון זיין לייב אונ מוח · אז עס זאל דר פון ארוס קומן אגוט קונד · אונ זאל אוך זעהן אז זיין זרע זאל קומן אין איין גוטן טראכט · דם מיינט מען זיין ווייב זאל אוך גוטי מחשבות האבון דרוף · אונ זיי זאלון עס טאן לשם שמים · ניט פון זייער הנאה וועגן אזו וועלן זיי זוכה זיין דס פון זייער זרע וועט ארוס קומן גוטו קונדר דס זיי וועלן דונן הקב"ה · אונ וועלן זיין גלערונט אין תורה אונ מצות · אונ אין דרך ארץ אמן וכן יהי רצון אמן ואמן :

סליק הלכות נשואי אשה :

דר עלופטר פרק רעט דם מיזאל תורה לערנן :

אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב · כי אם בתורת ה׳ חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה · והיה כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועליהו לא יבול · וכל אשר יעשה יצליח) · דוד המלך הט אן גהובן זיין ספר תהלים מיט די פסוקים ברוח הקודש דר מיט הט ער אונז גוויזן וויא גרוס די זאך איז פון תורה לערנן · אונ אזו איז די טייטש פון זיי וואול דעם מענטשן וואס איז ניט גגאנגן אין דר עצה פון די רשעים אונ אין דעם וועג פון די זינדיגי איז ער ניט גשטאנן · אונ אין דעם זיצונג פון שפעטורס איז ער ניט גזעסן · נאר גאר זיין לוסט זאל זיין אין דר תורה פון גאט · אונ ער זאל אין איר עוסק זיין טאג אונ נאכט · אטייל פונם טאג · אונ אטייל פון דר נאכט · אונ אז ער ווערט ליידן פון זיינע עסקים זאל ער זיך זעצן תורה לערנן אונ קיין מענטש זאל זיך ניט טראכטן איידר איך זאל איין עבירה טואן · בעסור וועל איך מיך לייגן שלאפן · אודר איך וועל מיך אבוסל גיין שפאצירין דרום זאגט ער דו זאלסט לערנן תורה טאג אונ נאכט אפילו אז דו נייסט נאך דיינע עסקים · אונ זאלסט ניט טאן קיין עבירות · אונ זאלסט מקיים זיין די מצות וואס זענען גבאטן אין דער תורה · (והיה כעץ שתול) אז ווי אבוים וואס איז גפלאנצט אויף בעך וואסור · דאס זיינע בלעטור ווערן קיין מאל ניט פר דארט · אזו וועט אויך זיין דר תלמיד חכם וואס לערנט תמיד תורה מיט תלמידים · אונ די תלמידים מיט זייערע תלמידים · אונ קיין לאר ווארט גייט ניט ארוס פון זיין מול · אונ אפילו זיינע דברים בטלים אז מען בקלערט זיי זענען זיי אויך אייטל תורה אונ שטראף : אונ ער רעט ניט ח״ו קיין אום ניצלוכו רייד :

דרום טאר קיין תלמיד חכם ניט זיצן אודר שטיין מיט איין עם הארץ · דען ער איז דאך ניט מקבל תוכחה אזו וועט ער אים אום לייגן צו אלו דם בייז · דרום זאגט די גמרא ווען איין תלמיד חכם רעט עפוס נייג דיינע אוערן דר צו · אונ זיי זאלן ביי דיר זיין אזו ווי קאלט וואסור צו דעם וואס איז זייער דארשטיג · דען אלו זיינע רייד זענען אייטל תורה אונ חכמה · אונ אז דו פר שטייסט ניט עפוס אזאך פון זיינע רייד · זאלסטו ניט אן הענגן דם ער האט ח״ו אום רעכט גזאגט · נאר זאלסט עס אן הענגן אין דיין שפלות · אונ זאלסט זוך פצער זיין דרוף · דען אז דוא ווערסט זיינע רייד גיט בטראכטן ווערסטו זעהן דם זיי זענען אייניל תורה אונ מצות · אונ זענען ניצוג אין געטלוכו אונ אין וועלטלוכי זאכון · (וכל אשר יעשה יצליח) אונ אלס וואס ער טוט איז בקלונט · דען זיין כוונה איז מיט אלים לשם שמים · (אמר רבא) רבא זאגט אלו צייט זאל אוטלוכר תורה לערנן אז ווי דר פסוק זאגט · (ובתורתו יהגה יומם ולילה) אוך זאגט רבא תמיד זאל אמענטש תורה לערנן אפילו ער פר שטייט ניט האטשו מיטאר דאך ניט תפלה טאן אז מען פר שטייט ניט אבר ביי תורה איז ניט אזו · אז ווי דר פסוק זאגט (גרסה נפשי לתאבה) טייטש די גמרא דו זאלסט תורה לערנן אפילו דו פר שטייסט ניט · וועסטו דאך האבן שכר דר פר · אזו גאר לוב איז דיא תורה דען די תורה הט אסגולה אין זיך ווער עס לערנט זוא · איז עס אים ארפואה אויף דר וועלט · אונ אויף יענור וועלט · וואס איז די רפואה פון דר וועלט · זאגט די גמרא אז דיין קאפ אודר דיא אנדרי גלידר טואן דיר וויא · אודר אפילו דיין גאנצור גוף איז דיא רפואה תורה צו לערנן · אז ווי דער פסוק זאגט (ולכל בשרו מרפא) · די תורה איז ארפואה צו אלו זיינו גלודר · אונ זיין לייב · רבי יודא בר רבי חייא זאגט עס איז גרעסר די רפואה פון דר תורה פון דר רפואה פון דאקטורים דען אדאקטיר גוט איין קרייטוכץ אודער גטראנק צו ארפואה · דם זעלבוגו איז גוט צו איין אבר · אבר צו די אוברגו איז עס שלעכט · אבער די תורה איז ארפואה צום גאנצן גוף · אזו ווי דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק (תודיעני אורח חיים) דוד המלך הט גזאגט צו גאט מיין לובער גאט זאג מיר וועלכו חברותה האסטו לובר פון אלו ; קרוגן די חכמים ז״ל איינר זאגט הקב״ה הט אים גזאגט איך האב לובר די חברותה וואס לערנן תורה אונ טואן מעשים טובים דר אנדרור זאגט ער הט אים גזאגט · איך האב לובר די חברותה פון סופרים אונ מלמדים · דיא סופרים מיינט מען

די וואס שרייבן ספרי תורות אונ תפילין אונ מזוזות · אונ די וואס שרייבן פירושים אויף דר תורה אונ אויף פסוקים · אויך דו וואס זענון מעתיק די תורה אויף אנדער לשון מיזאל זו וואול פר שטייאן אונ די מלמדים מיינט מען אזעלכו מלמדים וואס גאט הט לוב אבר ניט די מלמדים וואס דר נערן זיך פון דר תורה · אונ לערנון פון זייער הנאה וועגון זיי זאלון רייך זיין אונ לערנן נאר מיט זיינו תלמידים צו אזמן קבוע · דער נאך לאזט ער זיי לופון אז ווי אגאנץ וואס מיהט זו אן גשטאפט דר נאך לאזט מען זו לופון אודר אויך די וואס ריידון פאטשטון בשעת זיי לערנון מיט די תלמידים · דו זעלבגו מלמדים הט גאט פיינט דען זיי טואן גאטס דונסט מיט ערמות אונ פאלשקייט :

אויך שטייט אין פרק די תורה זאל ניט זיין ביי דיר ווי אהאק זיך צו דר נערון פון איר · מכ"ש וק"ו דער וואס לערנט ניט רעכט מיט זיינו תלמידים אונ טוט פאלשקייט מיט זיין לערנון אז וויא אובן שטייט אודר ער גיט ניט אכטונג אויף זיינו תלמידים · אודער אופון לערנון · אויף אזעלכה מלמד · זאגט דר פסוק (ארור העושה מלאכת ה' ברמיה) פר פלוכט זאל ווערון דער וואס טוט דיא מלאכה פון גאט מיט פאלשקייט · דרום זאגט די גמרא דרום איז די תורה גגובן גווארון אין דר מדבר · הקב"ה הט אונז דר מיט גוויזון · אזו ווי דו מדבר איז הפקר אונ אוטלוכר הט אחלק אין איר אונ עס קאסט אים קיין געלט ניט · אזו זאל זיך אויך אוטלוכר מלמד הפקר אונ פרייא מאכון דם אוטליכר זאל פון אים תורה לערנון אום זונסט · דען דרובר בלייבון פול יונגן בטל ווייל זיי האבון ניט קיין שכר לימוד צו צאלון אזו הקב"ה הט גלאזט זיין תורה לערנון דורך משה רבינו צו ישראל אום זונסט · אזו דארף אויך אוטלוכר זיין · ניט מער נאר דם קהל זענון מחוייב צו גובן די מלמדים עסון אונ טרונקן אונ אלז זייערו בדערפנוש · אונ דם קהל וואס טואן אזו איז וואול צו זיי אונ וואול צו די מלמדים וואס בגערון מער ניט נאר זיי ער אוף קומניש :

נון סייא נאך דעם נאך יוס זאגט אז גאט האט גיענפרט צו דויד איך האב לובר דו וואס לערנון תורה אונ טואן מעשים טובים · אונ סייא נאך דעם נאך וואס זאגט ער הט אים גיזאגט איך האב לובר סופרים אונ מלמדים · מיינט מען אלס אזעלכו וואס לערנון תורה לשם שמים · דען דאס איז דוא גרעסטו מצוה אין דר וועלט · אונ איך וועל דא קורץ בשיידון וועלכוס הייסט לשם שמים · דר וואס לערנט תורה פון דעסט וועגון דם ער וואלט גערון גוויסט די מצות אונ דינים פון דר תורה · דען ער וואלט זיי גגערון רעכט גיטאן וויא גאט האט גבאטון · אונ לערנט אויך מיט תלמידים · כדי זיי זאלון אויך וויסן גאט צו דונן · אונ ווייטר צו לערנון מיט תלמידים · דאס איז דו גרעסטו מצוה אין דר וועלט · אזו פלעגון לערנון פאר צייטון דו תנאים אונ אמוראים · דו זעלבוגו לייט האט הקב"ה זייער לוב · אונ אויך זייערו מעשים · ווייל דם זיי מידן זיך יומם ולילה אין גמרא אונ פוסקים רעכט צו וויסן דו דינים · אונ צו קומן אופן אמת פשט · אויף דעם זעלבוגון מענטש איז גזאגט גווארן (כי אם בתורת ה' חפצו וגו') (והיה כעץ שתול וגו') דר הייסט ארעכטר תלמיד חכם :

דרום שטייט דם ווארט (יהגה) · דם הט אין זיך צווייא טייטשון · (יהגה) ער טוט ריידון אין דר תורה (יהגה) ער טוט טראכטון אין דר תורה · אבר דער וואס לערנט תורה פון זיין הנאה וועגון · דם ער וויל געלט אודר קעסטלוכקייט בקומן · אודר ער וואלט גערון איין רב גווארן אודר פון שכר עולם הבא וועגון איז עס ניט לשם שמים · אבר דאך איז עס אויך גוט · אזו אויך זאגט דוא גמרא תמיד זאל איין מענטש תורה לערנון אפילו ניט לשם שמים דען דער נאך וועט ער דעם רעכטון סוד גוואר ווער[?] · אונ וועט שון יוא לערנון לשם שמים אבר דר וואס בגערט גאר ניט צוא וויסן דעם רעכטון סוד · זאגט אויך איט דיא גמרא עס וואלט בעסור גוועזן ער זאל ניט באשאפון ווערון · אונ דר שכר פון דעם וואס לערנט לשם שמים הט גאר קיין שיעור ניט · אבר עס זאל קיינר ניט לערנון פון שכר וועגון נאר ער זאל כוונה האבון אפילו איך זאל גאר קיין שכר ניט האבן וויל איך אויך גאט דונון פון זיין אהבה אונ גדולה וועגון (ברוך הוא וברוך שמו) · דוא גמרא זאגט דוא וועלט שטייט אויף דו וואס לערנון תורה לשם שמים · אזו אויך שטייט אונ פרק אויף דרייא זאכן שטייט דוא וועלט · (על התורה וכו') :

גרסינן מיר האבן גלערנט אין (מסכת כתובות) דר וואס לערנט תורה לשם שמים וועט ער זוכה זיין אויף צו שטיין תחית המתים · אבר דר וואס לערנט תורה נאר פון זיין הנאה וועגן מעט ער ניט אויף שטיין צו תחית המתים · דען דר טויא וואס קומט פון דר תורה איז מחיה מתים · דר נאך זאגט ווייטר די גמרא דר וואס העלפט תלמידי חכמים צו תורה לערנן · אונ איז זיי מהנה פון זיין געלט אונ גוטס · אודר ער מאכט חברותא מיט א תלמיד חכם · אונ גוט אים ריוח ער זאל ערלויך גשפייזט ווערן · אונ דר וואס דונגט אן יונגן צו לערנן תורה פון זיין געלט · אודר ער האלט תלמידי חכמים אובר זיין טיש · אונ לאזט תורה לערנן אין זיין הויז · דס איז בעסר וויא דר וואס לערנט תורה · אזו ווי דר פסוק זאגט (שמח זבולון בצאתך ויששכר באהליך) זבולון הט גהאנדילט סחורה אונ הט זיך גטיילט דעם ריוח מיט זיין ברודר יששכר · דרום שרייבט אים די תורה פאר יששכר · דאס ער האט מער שכר פון יששכר · אויך זאגט די גמרא אויף דעם פסוק (ואתם הדבקים בה' אלהיכם) איר הט זיך בהעפט אין גאט אייער גאט · פרעגט די גמרא וויא איז עס מיגלך זיך צו בהעפטן אין גאט ער איז דאך איטל פייאר וואס פר ברענט אנדור פייאר · נאך מיין זאגט דער פסוק (לאהבה את ה' אלהיך לשמוע בקולו ולדבקה בו) זאלסט ליב האבן גאט דיין גאט צו צוא הערן אין זיין קול · אונ זיך צו בהעפטן אין אים · איז אויך קשה וויא איז עס מיגלך זיך צוא באהעפטן אין אים :

ענפרט די גמרא דס מיינט מען די זאלסט זיך בהעפטן צו תלמידי חכמים · אונ דר וואס גוט זיין טאכטור צוא א תלמיד חכם · אודר ער איז מהנה פון זיין געלט אודר ער מאכט חברותא מיט אים · איז גלייך וויא ער וואלט זיך בהעפט אין דר שכינה · עס שטייט אין פסוק (לא בשמים היא ולא מעבר לים היא) משה רבינו ע״ה זאגט צו ישראל די תורה איז ניט אופן הומל אודר אויף יענור זייט ים איר זאלט זאגן ווער קען קומן צו איר · נייארט זיא איז נאהענט צו דיר · מיט דיין מול אונ הארצן קענסטו זיא וואול לערנן · זאגט (רבא) אין דר גמרא (לא בשמים היא) מיינט מען די גפונסט ניט די תורה ביי די לייט וואס האלטן זיך גרוס אונ הויך ביז אין הומל · נאר ביי די וואס האלטן זיך בעניוות · אויך גפונט מען זוא ניט ביי די סוחרים וואס וואנדרן אובר דעם ים · נאר ביי די לייט וואס זיצן אין בית המדרש · דרום איז איטליכור מחוייב צו מאכן זיין תורה דר עיקר · אונ זיין האנדול צוא איין טפל · אזו וועט זיין תורה זיין קיום האבן אונ ער דארף אויך ניט זארגן פאר פרנסה · אבר דר וואס טוט פר קערט הט זיין תורה אונ סחורה קיין קיום ניט · דא וועל איך בשיידן ווען עס הייסט איין עיקר · אונ ווען עס הייסט איין טפל :

דער וואס מאכט זיך איין קביעות צו דר תורה אלו טאג אפילו נאר איין שעה · אונ אז עס זאל אים דעמאלט אפילו צו קומן דר גרעסטר ריוח אין דר וועלט · איז ער ניט מפסיק פון זיין לערנן דס הייסט זיין תורה דר עיקר · אבר דר וואס מאכט זיך ניט קיין קביעות צו דר תורה · נאר אז ער ווערט ליידוג פון זיינו עסקים זעצט ער זיך אובר אספר · אונ אז עס קומט אים ווידר צו איין עסק פר מאכט ער דעם ספר דאס הייסט ניט עיקר · דרום זאל איטליכור מאכן איין קביעות צו דער תורה אלו טאג אפילו וויינוג נאר ער זאל ניט מפסיק זיין אפילו עס זאל אים צו קומן דער גרעסטר עסק · דעי עס איז בעסור וויינוג מיט כוונה · איידר פול אן כוונה · דס איז דאך אויך ידוע דס מען פרעגט איטליכן דרייא זאכן אויף יענור וועלט · דס ערשטו פרעגט מען אים האסטו תורה גלערנט דס אנדרו פרעגט מען אים האסטו דיר גמאכט איין קביעות צו דר תורה · דס דריטו פרעגט מען אים האסטו גהאנדולט באמונה אונ האסט קיין אום רעכט גטאן :

נון זעהן מיר וואול · דס איטליכור איז זיך מחוייב קובע צו זיין אצייט צו דר תורה · אונ אז ער איז איין אונס צוא דער צייט זאל ער באלד משלים זיין אין דעם טאג · אונ אוב ער קען ניט זאל ער משלים זיין ביי נאכט אודר דעם אנ־רון טאג · אונ דר וואס איז איין עם הארץ זאל ער זיך קובע זיין אצייט · אונ זאל זיך דונגן איין רבי וואס זאל מיט אים לערנן · אונ אז ער איז איין ארומאן זאל ער לייאנן אין טייטש חומש אודר אין טייטש תהלים · אודר אנדרו געטליכו ספרים אויף טייטש · אויך

ער זאל אלז טאג צו הערון אין דין אודר צווייא · אונ זאל עס אובר חזרין · אבר דו טייטש בוכר וואס ריידון ניט פון תורה אונ מצות דוא הייסון (דברי לצים) דרונן איז אסור צו לייאנון · דען זייא ברענגון ניט צו קיין אהבה אונ צו קיין יראה :

דוא גמרא זאגט אין (ברכות) דר ווס קען לערנון אונ לערונט ניט ברענגט אוף אים הקב"ה שווערו יסורים · נאך מער זאגט דוא גמרא אין (חגיגה) אוף דרייא זאכון וויינט הקב"ה · אוף דעם ווס קען תורה לערנון אונ לערונט ניט · אונ אוף דעם וואס קען ניט אונ לערונט יוא · אונ אוף דעם ווס הערשט אובר דעם קהל אום זוסט · דס זיי האבון פון אים קיין שום טובה ניט · אוך פון וועגון ביטול תורה שטארבון זיינו קונדר יונגר הייד ר"ל · דו גמרא זאגט דר ווס האלט אין מיטן לערנון אונ איז מפסיק מיט (דברים בטלים) גוט מען אים צו עסון גלוהנדוגו אש הייסו קולון · אונ ברענגט דירוף איין פסוק · אוך זאגט דו משנה אין פרק דר ווס גייט אליין אין וועג · אודר ער וואכט אוף פר שלאף אונ קערט אפ זיין הארץ פון דער תורה · אונ איז מהרהר אין (דברים בטלים) דען אין דוא צייטון וואלט ער וואול געקענט מהרהר זיין אין דער תורה · אונ ער איז ניט מהרהר · דרום איז ער מתחייב בנפשו) דען עס איז גלייך ווי ער ברענגט זיך זעלבסט אום פון זיין לעבון · דען איטליכר יהודי איז מחוייב צו טראכטון אונ צו גדענקון אין דער תורה אונ מצות טאג אונ נאכט · אזו וויא דר פסוק זאגט (ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך) זאלסט ריידון אין דער תורה אונ מצות אין דיין זוצן אין דער היים · אונ אין דיין גיין אויף דעם וועג · אונ אין ליגן · אונ אין דיין אוף שטיין :

אויך זאגט דער פסוק (לא ימוש ספר התורה הזאת מפיך) עס זאל ניט אפ גיטאן ווערון דו דאזוגו ספר תורה פון דיין מול · אוך זאגט דר פסוק (ובתורתו יהגה יומם ולילה) אונ אין זיין תורה זאל ער עוסק זיין יומם ולילה · אוך שטייט (והגית בו יומם ולילה) בפרט אז דר מענטש גייט אליין אודר ער וואכט אוף פונם שלאף זאל ער בוודאי קיין אנדור מחשבה ניט האבון נאר צו דר תורה · דו גמרא זאגט אין (יומא) צום יום הדין ועלון קומון דר עושר אונ דר ארומאן · אונ דר רשע וואס האט זנות גטריבון · דא פרעגט מען דעם עושר ווארום האסטו קיין תורה ניט גלערונט · וועט ער ענפרון · איך בין זייער רייך גוועזן אונ האב גהאט פול סחורה · אונ אוך פול חובות · אונ האב אלס בדארפט פר זארגון · דא ברענגט מען (ר' אלעזר בן חרסום) ער האט גירשות פון זיין פאטר טויזנט שיפון אופון ים · אונ פול געלט אונ סחורות ווס הט קיין שיעור ניט גהאט · אונ ער הט דס אלס ניט גיאכט · אונ איז ניט ארום גגאנגון פונם בית המדרש · אונ הט עוסק בתורה גיוועזן יומם ולילה אזו זאגט מען צו דעם עושר ביסטו דען אזו רייך גוועזן וויא דער (רבי אלעזר) · ווארום האסטו ניט גטאן אזו וויא ער · אונ האסט קיין תורה ניט גלערונט אונ ביסט נאך גיגאנגן דיינו נארושקייט ווס האסטו דיר מיט גנומון אוף עולם הבא · דס געלט האסטו גמוזט אובר לאזון אפרעמדון ווס וועט דיר אפילו ניט דאנקון דר פר · דיין שנור אודר דיין איידום אודר דר ווס הט גהאפט צו נעמון דיין ווייב · דוא אלו האבון גהאפט אוף דיין טוט צו ירשונון דיך · אזו טוט מען אים זיין דין · דעם ארומאן פרעגט מען ווארום האסטו קיין תורה ניט גלערונט זאגט ער איך בין ארום גוועזן אונ האב פול קונדר גהאט אזו האב איך גמוזט זעהן זיי צו דר נערן אזו ברענגט מען (הלל הזקן) אונ מיזאגט צום ארומאן ביסטו דען אזו ארום גוועזן ווי ער · אונ ער האט דאך תורה גלערונט אזו טוט מען אים אוך זיין דין :

דער נאך ברענגט מען דעם רשע דעם נואף · אונ מיזאגט צו אים ווארום ביסטו נאך גגאנגן נאך זנות · ענפורט ער איך בין אשיינר מענטש גיוועזן אזו האבון דיא זונות לוסט גהאט צו מיר האבון זיי מיך אובר גרעט · אונ איך האב קיין רוא ניט גהאט פון זיי אונ האב ניט גקענט בצווינגן דעם יצר הרע · דא ברענגט מען יוסף הצדיק אונ מיזאגט צוא דעם נואף ביסטו דען שענור גיוועזן פון יוסף הצדיק · אונ זיין הארנטו איז אים אלו טאג נאך גגאנגן אונ הט אים גוואלט בצווינגן אונ זיין יוגונט אבר ער הט זיך גפארכטון פר השי"ת אונ הט בצווינגן דעם יצר הרע אזו טוט מען אים אויך זיין דין (אמרו) דו חכמים ז"ל האבון גזאגט אוף (הלל הזקן) אלו טאג הט ער גזעהן צו פר דונון איין

גְרַאשׁן • אַיין הַאלְבּן גְרָאשׁן הָט עֶר גִגֶעבּן דֶעם טוּיאָר הוּטֶר פוּן דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ • אוּנ מִיט
דֶעם אַנְדֶרן הַאלְבּן גְרָאשׁן הָאט עֶר זִיךְ דֶר נֶערְט מִיט נָאר זַיין בְּנֵי בַּיִת • אַמָאל אוּם עֶרֶב שַׁבָּת
הָט עֶר נִיט גִיקֶענְט פַר דִינֶן דֶעם גְרָאשׁן אַזוֹ אִיז עֶר ארוּם גִיגַאנְגֶן מִיט גָאר זַיין הוֹז גְזוּנְד אוּם גְגֶעסְן
אוּנ דֶר טוּיאָר הוּטֶר הָט אִים אוֹיךְ נִיט גְוָואלְט אַרַיין לָאזְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרַיין אַזוֹ אִיז עֶר אַרוֹיף
גִקְרָאכְן אוֹיף דֶר זוּים פוּנֶם פֶענְצְטֶער פוּנֶם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ הָט גְוָואלְט צוּ הֶערְן (דִבְרֵי אֱלֹהִים חַיִּים)
דוּ רֵייד פוּן דֶר הַיילִיגֶר תּוֹרָה וָואס (שְׁמַעְיָה וְאַבְטַלְיוֹן) לֶערְנֶן • דֶער זֶעלְבִּיגֶר טָאג אִיז גִיוֶוען תְּקוּפַת
טֵבֵת אַזוֹ אִיז דֶר שְׁנֵייא גְפַאלְן אוֹיף אִים דְרַייא אַיילְן הוֹךְ אוּנ עֶר אִיז חַלָּשׁוּת גִבְּלִיבְּן • שַׁבָּת פְרִיא
הָאבְּן זַיי נִיט גְקֶענְט זֶעהְן מַחֲמַת עֶר הָט פַר שְׁטֶעלְט דָאס פֶענְצְטֶער הָאבְּן זַיי אַרוּם גְשׁוּקְט זֶעהְן צוּ
עֶס אִיז הִלֵּל • הָאבְּן זַיי אִים אַרָאפּ גְנוּמֶן • הָאבְּן דִי חֲכָמִים ז״ל גְזָאגְט עֶר אִיז אַיין פְרוּמֶר מַאן •
עֶס אִיז רָאוּי מְחַלֵּל שַׁבָּת צוּ זַיין פוּן זַיינְט וֶועגְן • אוּנ הָאבְּן צוּ לֵייגְט אַיין פַייאֶר אוּנ אָן גְוַוארוּמְט
וַוארֶעם וַואסֶר אוּנ הָאבְּן אִים דֶר קְוִויקְט אִיז עֶר דֶר מוּנְטֶערְט גְוָוארְן • נוּא זֶעהְט וִויא אָרוּם דֶר הִלֵּל
אִיז גְוֶועזְן אוּנ הָט דָאךְ תּוֹרָה גְלֶערְנְט דְרוּם אִיז עֶר גְוָוארְן אַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּנ אַב בֵּית דִין דֶר
נָאךְ אַנְשִׂיא אוּנ כָּל יִשְׂרָאֵל הָאבְּן פוּן אִים תּוֹרָה גִילֶערְנְט :

תָּנוּ רַבָּנָן דִי רַבָּנָן הָאבְּן גְלֶערְנְט דֶר הִלֵּל הָט גְהַאט אַכְצִיג קֶעסְטְלִיכוּ תַּלְמִידִים דְרַייסִיג פוּן זַיי
זֶענֶן רָאוּי גְוֶועזְן דִי שְׁכִינָה זָאל רוּאֶן אוֹיף זַיי אַזוֹ וִויא אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע״ה • דִי אַנְדֶרוּ דְרַייסִיג
זֶענֶן רָאוּי גְוֶועזְן דִי זוּן זָאל בְּלַייבְּן שְׁטֵיין דוּרְךְ זַייעֶרוּ תְּפִלּוֹת אַזוֹ וִויא דוּרְךְ דֶר תְּפִלָּה פוּן יְהוֹשֻׁעַ
בִּן נוּן דִי אִיבֶּרִיגוּ צְוָואנְצִיג זֶענֶן גְוֶועזְן מִיטֶּל מֶעסִיג אוּנ דֶער בֶּעסְטֶער צְוִוישְׁן זַיי אִיז גְוֶועזְן יוֹנָתָן בֶּן
עוּזִּיאֵל וָוס עֶר הָט גְמַאכְט דֶעם תַּרְגּוּם בְּרוּחַ הַקּוֹדֶשׁ דֶר עֶרְגְסְטֶער צְוִוישְׁן זַיי אִיז גְוֶועזְן רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן
זַכַּאי • הָאבְּן דִי חֲכָמִים ז״ל גְזָאגְט אוֹיף אִים דָאס עֶר הָאט גְקֶענְט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (מִשְׁנָה תַּלְמוּד
הֲלָכוֹת אֲגָדוֹת דִקְדּוּקֵי תּוֹרָה דִקְדּוּק סוֹפְרִים קַלִּים וַחֲמוּרִים גְּזֵירָה שָׁוָה תְּקוּפוֹת גִימַטְרִיָּאוֹת מְשָׁלוֹת
כּוֹבְסִים מְשָׁלוֹת שׁוּעָלִים שִׂיחוֹת דְקָלִים שִׂיחוֹת שֵׁדִים שִׂיחוֹת מַלְאָכֵי שָׁרֵת דָבָר גָדוֹל וְדָבָר קָטָן
מַעֲשֵׂה הַמֶּרְכָּבָה הַוַויוֹת דְאַבַּיֵּי וְרָבָא) אוֹיף אִים אוּנ זַיינוּ גְלַייכְן גֵייט דֶר פָּסוּק (לְהַנְחִיל אוֹהֲבַי יֵשׁ)
צוּ מַאכְן אַרְבְּן מַיינוּ לִיבּ הָאבִּיר דְרַייא הוּנְדֶערְט מִיט צֶעהְן עוֹלָמוֹ״ת • נוּן מַארְקְט זִיךְ וֶוען דֶער
אַרְגְסְטֶער אִיז אַזוֹ גְוֶועזְן • ווִי הָט שׁוֹן גְקֶענְט זַיין דֶר בֶּעסְטֶער • אוּנ אוֹיף דֶעם (יוֹנָתָן בֶּן עוּזִּיאֵל) הָאבְּן
דִי חֲכָמִים ז״ל גְזָאגְט • אַז בְּשַׁעַת עֶר הָט גְלֶערְנְט זֶענֶן אַרָאפּ גְקוּמֶן מַלְאָכִים פוּנֶם הִימֶל צוּ צוּ
הֶערְן זַיינוּ דִבְרֵי תּוֹרָה • אוּנ מִיט דֶעם אָטוּם וָוס אִיז ארוּם גַאנְגֶן פוּן זַיין מוֹל מִיט תּוֹרָה הָאט
עֶר פַר בְּרֶענְט דִי פוֹגֶל וָוס פְלִיהְן אִין דֶר לוּפְטְן :

גְרָסִינָן מִיר הָאבְּן גְלֶערְנְט דֶר וָוס אִיז אַיין אָרוּמַאן אוּנ לַייט גְרוֹס דוֹחַק • אוּנ לֶערְנְט פָּארְט
תּוֹרָה • וֶוערְט דֶר הֶערְט זַיין תְּפִלָּה • אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ זֶעטְן פוּן דֶעם לוּטֶרְקֵייט פוּן דֶער
שְׁכִינָה • אַזוֹי ווִי דֶר פָּסוּק זָאגְט (וְהָיוּ עֵינֶיךָ רוֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ) דַיינוּ אוֹיגְן וֶועלְן זֶעהְן דַיינֶע ווַייזֶערְס
דָס אִיז דִי שְׁכִינָה • (כַּךְ הִיא דַרְכָּהּ שֶׁל תּוֹרָה) אַזוֹ אִיז דֶר סֵדֶר פוּן דֶר תּוֹרָה • אֲפִילוּ דוּ הָאסְט
נָאר צוּ עֶסְן בְּרוֹט מִיט זַאלְץ • אוּנ וַואסֶר מִיט דֶר מָאס • אוּנ הָאסְט אוֹיךְ נִיט אוֹיף עֶפּוֹס צוּא
שְׁלָאפְן • בִּיז דוּ מוּזְט לִיגְן אוֹיף דֶר הוֹלֶר עֶרְד • זָאלְסְטוּ דָאךְ תּוֹרָה לֶערְנֶן • אוּנ גָאר דַיין לוּסְט
זָאל זַיין דֶר צוּ • אוּנ זָאלְסְט נִיט גְלוּסְטְן צוּ דֶעם טִישׁ פוּן דִי מַלְכֵי עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים • דֶען אוֹיף דַיין
טִישׁ רוּאֶט דִי שְׁכִינָה • אוּנ אוֹיף זַייעֶר טִישׁ דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה • אוּנ דַיין קְרוֹן אִיז בֶּעסֶר פוּן זַייעֶר
קְרוֹן • אַז דוּ טוּסְט אַזוֹ וואוֹל צוּ דִיר אוֹיף דֶר וֶועלְט • אוּנ אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אֵייבִּיג זָאל אוּמְלוּכֶר
תּוֹרָה לֶערְנֶן אוּנ אַרְבּוֹטְן אִין אִיר • דֶען עֶס אִיז זַייעֶר גְרוֹס אִיר שְׂכַר דָס אֲפִילוּ אַתַּלְמִיד חָכָם
שְׁטַארְבְּט יוּנְגֶער הַייד • אוּנ הָט אֲפִילוּ גָאר וֵוייניג תּוֹרָה גְלֶערְנְט • אוֹיבּ עֶר הָט נָאר גְלֶערְנְט לְשֵׁם
שָׁמַיִם • הָט עֶר אַזוֹ פוּל שְׂכַר ווִי דֶר וָוס הָט גְלֶעבְּט הוּנְדֶערְט יָאר דֶען דֶער וָוס שְׁטַארְבְּט צוּ צְוָואנְצִיג
יָאר קָאן עֶר זָאגְן צוּ הקב״ה דוּ זָאלְסְט מִיר גְוֶועזְן דֶר לֶענְגוּרְן מַיינוּ יָארְן וָואלְט אִיךְ תָּמִיד תּוֹרָה
גְלֶערְנְט אַצוּנְד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ אַוֶועק גְנוּמֶן יוּנְגֶער הַייד פוּן דֶר וֶועלְט ווִילְסְטוּ מִיר וֵוייניגֶער שְׂכַר
גוּבְּן דְרוּם הָט עֶר אוֹיךְ פִיל שְׂכַר גְלַייךְ ווִי עֶר וָואלְט לַאנְג גְלֶעבְּט • אוּנ וָואלְט תָּמִיד תּוֹרָה גְלֶערְנְט :

עס איז אַמָשָׁל צו אַמֶלֶךְ וָוס דוּנְגט אַרְבּוּטָרֶר צוּ אַרְבּוּטָן זַיין גָארְטֶן · אַמָאל גֶענוּמְט דֶר מֶלֶךְ אַוֶועק אֵיינֶם פוּן זֵיי פוּן דֶר אַרְבּוּט · אוּנ גֵייט זִיךְ מִיט אִים שְׁפַּאצִירֶן · אַז עס קוּמְט פַר נַאכְט מוּז אֶר אִים דָאךְ בַּצָאלֶן גְלַייךְ מִיט אַלוּ · דֶען עֶר קֶען זָאגֶן לוּבַר מֶלֶךְ הָאסְטוּ מִיךְ גְזָאלְט לָאזֶן אַרְבּוּטֶן וָואלְט אִיךְ אוּם גֶעאַרְבֶּיט גְלַייךְ מִיט אַלֵי · אַזוּ אִיז אוּךְ דֶר מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְלָכִים הקב״ה · דִי אַרְבּוּטֶרֶר זֶענֶען דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָוס אַרְבִּיטֶן אִין דֶר תּוֹרָה · אוּנ דֶר תַּלְמִיד חָכָם וָוס שְׁטַארְבְּט יוּנְגֶער הָאט גְלַייךְ שְׂכַר מִיט אַלוּ · דָאס אִיז וָואוּל צוּ פַאר שְׁטֵיין · אוּף דֶעם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ ע״ה גְזָאגְט (וְהַשּׂוֹבֵעַ לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן) דָס זָעטִיקַייט פוּנֶם עוֹשֶׁר לָאזְט אִים נִיט שְׁלָאפֶן · הָאבֶּן דִיא חֲכָמִים גְזָאגְט צוּ אִים וָוס מֵיינְסְטוּ דֶר מִיט אַדְרַבָּה דֶר זָאטוּר שְׁלָאפְט זַייעֶר וָואוֹל · אוּנ דֶר הוּנְגֶערֶר קָאן נִיט שְׁלָאפֶן · הָט עֶר וִוידֶר גֶענְפֶרְט אַזוּ מֵיין אִיךְ דֶר וָוס אִיז זַאט פוּן דֶר תּוֹרָה · דֶער קָאן נִיט שְׁלָאפֶן אִין קֶבֶר דֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאגֶן נָאךְ דִבְרֵי תּוֹרָה פוּן זַיינְט וֶועגֶן · אַזוּ רוּרִין זִיךְ זַיינֶע לֶעפְּצֶן אִין קֶבֶר · אַז וִוי עס שְׁטֵייט (דוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים) זֵיי טוּאָן רֵיידֶן דִי לֶעפְּצֶן פוּן דִיא וָוס שְׁלָאפֶן אִין קֶבֶר · גְלַייךְ וִויא זַייא וָואלְטֶן גְלֶעבְּט אַז מֶיזָאגְט נָאךְ פוּן זַייעֶרְט וֶועגֶן אֵיין הֲלָכָה · אוֹדֶר אַגוּטֶן פְּשָׁט · דֶען זֵיי הָאבֶּן הֲנָאָה דֶר פוּן · אוּף דֶעם זָאגְט דֶר פָּסוּק (וּבְנָיָהוּ בֶּן יְהוֹיָדָע אִישׁ חַי) אוּנ בְּנָיָהוּ אִיז גְוֶועזֶן אַלֶעבֶּדִיגֶער זוּן · דָס מֵיינְט מֶען אוּךְ אַזוּ עֶר אִיז גְוֶועזֶן אֵיין אֵייבֶּרְשְׁטֶער אִיבֶּר דִי סַנְהֶדְרִין · אוּנ זֵיי פְלֶעגֶן נָאךְ זָאגֶן גוּטֶע פְּשָׁטִים פוּן זַיינְט וֶועגֶן · דְרוּם שְׁרַייבְּט אוּף אִים דִיא תּוֹרָה עֶר אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט נָאךְ גְלֶעבְּט · אוּנ דֶר וָוס וַוייסְט נָאךְ צוּ זָאגֶן אַגוּטֶן פְּשָׁט פוּן אוּמְגֶעצוּנְגֶס וֶועגֶן · אוּנ זָאגְט אִים נִיט נָאךְ אִיז עֶר מְעַכֵּב דִי גְאוּלָה אָבֶּר דֶר וָוס זָאגְט יוֹא נָאךְ אִיז עֶר מְקָרֵב דִי גְאוּלָה · אַז וִוי עס שְׁטֵייט (וַתֹּאמֶר אֶסְתֵּר לַמֶּלֶךְ בְּשֵׁם מָרְדְּכָי) אֶסְתֵּר הָאט גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ פוּן מָרְדְּכַיס וֶועגֶן · אוּנ דֶר פוּן אִיז גְקוּמֶען דִי גְאוּלָה · (אַבַּיֵי) זָאגְט דֶר וָוס הַאלְט זִיךְ גְרוֹס אוּנ זָאגְט דֶעם פְּשָׁט גְלַייךְ וִויא עֶר נָעלְבְּט הָאט אִים גִיזָאגְט דֶער טוּט אֵיין עֲבֵירָה · אוּנ אִיז אוּךְ מְעַכֵּב דִיא גְאוּלָה :

## הלכות ספר תורה

עס איז אַגְרוֹסוּ מִצְוָה אוּטְלוּכֶר יְהוּדִי זָאל זִיךְ שְׁרַייבֶּן אַסֵפֶר תּוֹרָה דְרוּס צוּ לֶערְנֶען טָאג אוּנ נַאכְט אַז וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַתּוֹרָה) שְׁרַייבְּט אֵייךְ אוּף דִי תּוֹרָה אוּנ דֶר וָוס קָאן נִיט שְׁרַייבֶּן זָאל עֶר זִיךְ לָאזֶן שְׁרַייבֶּן אוֹדֶר עֶר זָאל קוֹיפֶן אֵיין סֵפֶר תּוֹרָה אוּנ נִיט דָס מֵיינְט מֶען דִי מִצְוָה צוּ גוּבִּין אֵיין סֵפֶר תּוֹרָה אִין שׁוּל אַרֵיין · דֶען דָס אִיז אַחוּץ אַנַאנְדֶר מִצְוָה · נָאר מֶען מֵיינְט עֶר זָאל הָאבּוּן בַּייא זִיךְ אַסֵפֶר אִין דֶר הֵיים · אוּנ מִיט אַחוּמָשׁ אִיז עֶר נִיט יוֹצֵא דֶען פוּן דֶר סֵפֶר תּוֹרָה קֶען מֶען פוּל מֵיין חָכְמוּת לֶערְנֶען וִוי פוּן אֵיין חוּמָשׁ · מִיטָאר נִיט פַר קוֹיפֶן קֵיין סֵפֶר תּוֹרָה · נָאר פוּן צְווַייא זַאכֶן וֶועגֶן · שְׂכַר לִימוּד צוּ צָאלֶן · אוּנ אַוַוייבּ צוּ נֶעמֶען אָבֶּר אַז עֶר הָט עֶפּוּס אַנְדוּרְס צוּ פַר קוֹיפֶן טָאר עֶר דִי סֵפֶר תּוֹרָה נִיט פַר קוֹיפֶן · אֵיין סֵפֶר תּוֹרָה תְּפִילִּין אוּנ מְזוּזוֹת אוֹדֶר אַנְדֶרוּ הֵיילִיגוּ סְפָרִים וָוס זֶענֶען פַר פוּלְט גְוָוארוּן זָאל מֶען זֵיי אַרֵיין לֵייגֶען אִין אֵיין עֶרְדֶנוּ כֵּלִי אוּנ מֶיזָאל זוּ בַּגְרָאבּוּן אִין דֶר עֶרְד בַּיי אַתַּלְמִיד חָכָם דָס עֶס זָאל נִיט קוּמֶען הוּנְטֶר דִי פוּס אָבֶּר מִיטָאר זֵיי נִיט פַר בְּרֶענֶען ח״ו · דֶען עֶס אִיז אַלַאו אִין דֶר תּוֹרָה נִיט אוּם צוּ מֶעקֶן אוֹדֶר צוּ פַר בְּרֶענֶען אֵיין (שֵׁם) ח״ו · אוּךְ טָאר מֶען קֵיין (כִּתְבֵי קוֹדֶשׁ) נִיט אַוֶועק וַוארְפֶן · אוּנ מֶען אִיז זֵיי מְחוּיָיב בְּכָבוֹד צוּ הַאלְטֶן · עֶס אִיז אָסוּר צוּ לֵייגֶען אֵיין (עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע) אוּף אֵיין חוּמָשׁ · דֶען דֶר חוּמָשׁ אִיז הֶעכֶער דֶער פוּן אַזוֹא אוּךְ נִיט קֵיין (כְּתוּבִים) אוּיף (עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע) · אוּנ נִיט קֵיין גְמָרָא אוּף כְּתוּבִים :

אוּךְ טָאר מֶען נִיט גֵיין מִיט אֵיין סֵפֶר תּוֹרָה אִין בֵּית הַכִּסֵּא אוֹדֶר אִין בָּאד אַרֵיין · אוּךְ נִיט אוּפֶן בֵּית הַחַיִּים · מֵיידֶען זוּ אִיז וַוייט פוּר אֵיילֶן פוּן אַקֶבֶר · אוּךְ טָאר מֶען נִיט אָן רוּרִין קֵיין סֵפֶר תּוֹרָה נַאקוּטֶער הַייד · אוּךְ טָאר מֶען נִיט זִיצֶן אוּף אֵיין בַּאנְק אוֹדֶר אַטוּשׁ אוֹדֶער אַבֶּעט וָוס לִיגְט דְרוּף אַסֵפֶר תּוֹרָה · אוּךְ טָאר מֶען נִיט וָואוּנֶען מִיטֶן וַוייבּ אִין דֶעם חֶדֶר וָוס אִיז דְרִינֶען דָא אַסֵפֶר תּוֹרָה · אוּנ דִי אַנְדֶרוּ סְפָרִים מוּז מֶען אוּךְ צוּ דֶעקֶן · אוּנ זֵיי זָאלֶן נִיט זַיין נָאהוּנְט לֶעבֶּן בֶּעט ·

אויך נִיט צוּ פוּסְן ׳ קוֹרְץ פוּן דֶר זַאךְ מֶען אִיז מְחוּיָיב נוֹהֵג כָּבוֹד זַיין צוּ דִי הֵיילִגוּ סְפָרִים · ז׳ וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פֶּרֶק (כָּל הַמְכַבֵּד אֶת הַתּוֹרָה גּוּפוֹ מְכוּבָּד עַל הַבְּרִיּוֹת · וְכָל הַמְחַלֵּל אֶת הַתּוֹרָה גּוּפוֹ מְחוּלָּל עַל הַבְּרִיּוֹת) דֶר וָוס הַאלְט עֶרְלִיךְ דִי תּוֹרָה הַאלְטְן אִים דִי לַייט אוֹיךְ עֶרְלִיךְ · אוּנ דָ, וָוס אִיז טָמֵא גְוָוארְן פוּן אֵיין (מֵת) אוֹדֶר עֶר הָט (רוֹאֶה קֶרִי) גִוֶוען ׳ אַזוֹ אוֹיךְ אַנִּדָּה · דִי אַלוּ זֶענֶען וואל אָן רוּרְן אֵיין סֵפֶר תּוֹרָה מִיט רֵיינוּ הֶענְט ׳ דֶען זוּא אִיז נִיט מְקַבֵּל טוּמְאָה דֶר וָוס זֶעט ׳ טְרָאגְן אַסֵּפֶר תּוֹרָה זָאל עֶר אוֹיף שְׁטֵיין פַר אִיר אוּנ זָאל בְּלֵייבְּן שְׁטֵיין בִּיז מֶען שְׁטֶעלְט זוּ אַוֶועק, אוֹיף אִיר אוֹרְט · אוֹדֶר דָס עֶר זֶעהְט זוּ שׁוֹן נִיט מִיטוּן אוּנ :

אויך אִיז אַגְרוֹסוּ מִצְוָה מִיזָאל מַאכְן צוּ דֶר ס״ת אַשֵׁיין אוּנ רֵיין אוֹרְט · מִטָּאר נִיט רֵידְן קֵיין שׁוּם וָוארְט מכ״ש קֵיין אוּם כְּתַּרְבּוּת וָוארְט אוּנ אוֹיךְ נִיט שְׁפֵּייאַן פַר דֶר ס״ת · גְלֵייךְ וִוי אִין שׁוּל ׳ אוֹיךְ טָאר מֶען נִיט אוּם שְׁטֶערְקְן דוּ פוּס · אוֹדֶר וֶוענְדְן דֶעם רוּקְן צוּ דֶעם ס״ת ׳ אוֹיךְ אִיז מֶען מְחוּיָיב צוּ שְׁטֵיין פַר אִיר אֲפִילוּ אִין זַיין הוֹיז מִיט פָארְכְט אוּנ אַנְגְסְטְן · אוּנ נִיט קֵיין קַלּוּת רֹאשׁ צוּ טְרַייבְּן ׳ אוּנ אוֹיךְ נִיט קֵיין גְלֶעכְטֶר · דֶען זוּ אִיז אֵיין עֵדוּת צוּ דֶר גַאנְצוּר וֶועלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנ דוּ תּוֹרָה זָאל זַיין צוּ אֵייךְ אֵיין עֵדוּת · דְרוּם אִיז אוּנְטְלוּכֶער מְחוּיָיב דִי סֵפֶר תּוֹרָה מְכַבֵּד צוּ זַיין · מֶען אִיז מְחוּיָיב צוּ לֵייאֶנֶן דִי סֶדְרָה אַלוּ וָואךְ צְוֵוייא מָאל דֶעם פָּסוּק · אוּנ אַמָאל תַּרְגּוּם · אוּנ אַמָאל אִין רַשִׁ״י · אוּנ אַז עֶר לֵייאֶנְט אַמָאל דֶעם פָּסוּק אִין דֶר הֵיים · אוּנ דָס אַנְדֶרוּ מָאל מִיטֶען חַזָּן אִין שׁוּל · אִיז עֶר אוֹיךְ יוֹצֵא אָבֶּער עֶס אִיז פוּל בְּעָסוּר עֶר זָאל צוּ הֶערְן אוּנְטְלוּכְם וָוארְט פוּנֶם חַזָּן · אוּנ זָאל נִיט פַר פֶעלְן אֲפִילוּ אֵיינְם פוּן זֵיי :

דֶר וָוס לֶערוּנְט תּוֹרָה אִיז גְלֵייךְ וִויא עֶר וָואלְט מְקַיֵּים גְוֶוען אַלוּ תרי״ג מִצְוֹת וָוס אִין אִיר שְׁטֵייאַן דֶען אִין (עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת) פוּן (אָנֹכִי) בִּיז (לְרֵעֶךָ) זֶענֶען תרי״ג אוֹתִיּוֹת · קוּגְן דִי תרי״ג מִצְוֹת · אוּנ ווייל גָאט הָט לוּבּ דִיא יִשְׂרָאֵל דְרוּם הָט עֶר זֵיי גְגוּבִּין פוּל מִצְוֹת : כְּדֵי זֵיי זָאלֶן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא ׳ אַז וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר) פוּן וֶועגְן זַיין גְרֶעכְטִיקַייט הָט עֶר גְגְרֵייסְט אוּנ גְשְׁטַארְקְט דִיא תּוֹרָה · כְּדֵי מִיר זָאלְן דוּרְךְ אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא ׳ אוּנ זוּא מַאכְט קְלוּג דֶעם מֶענְטְשׁן · אוּנ בְּרֶענְגְט דִי נְשָׁמָה אוֹיף אִיר אוֹרְט אוּנְטֶר דֶעם (כִּסֵּא הַכָּבוֹד) · אוּנ זוּ מַאכְט פְרֵיילוּךְ דָס הָאָרֶץ · אוּנ דֶר לַייכְט דִי אוֹיגְן · אוּנ פוּרְט דֶעם מֶענְטְשׁן אִין רֶעכְטְן וֶועג · אַז וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (תּוֹרַת ה׳ תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ ׳ עֵדוּת ה׳ נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי ׳ פִּקּוּדֵי ה׳ יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב · מִצְוַת ה׳ בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם) דִי תּוֹרָה פוּן גָאט אִיז גַאנְץ אוּנ דֶר קְוִויקְט דֶעם נֶפֶשׁ · דִי עֵדוּת פוּן גָאט אִיז וָוארְהַפְטוּג · זוּא מַאכְט קְלוּג דִי נַארְן ׳ דִי בֶּפֶעל פוּן גָאט זֶענֶען רֶעכְט פַארְטוּג · אוּנ דֶר פְרֵייאֶן דָס הָאָרֶץ · דִי מִצְוֹת פוּן גָאט זֶענֶען לוֹטֶר ׳ אוּנ דֶר לַייכְטְן דִי אוֹיגְן אוּנ דִי תּוֹרָה אִיז אַייטֶל שָׁלוֹם אַז וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שָׁלוֹם רָב לְאוֹהֲבֵי תוֹרָתֶךָ וְאֵין לָמוֹ מִכְשׁוֹל) פוּל שָׁלוֹם אִיז צוּ דִי וָוס הָאבְּן לוּבּ דַיין תּוֹרָה · אוּנ עֶס אִיז צוּ זֵיי קֵיין שְׁטְרוֹכְלוּנְג נִיט :

סליק פרק תלמוד תורה

## הלכות משא ומתן פרק שנים עשר

דֶר צְוֶועלְפְטוּר פֶּרֶק וִוי מִיזָאל הַאנְדְלֶן בֶּאֱמוּנָה אוּנ קֵיינוּר טָאר זַיין חַבֵר קֵיין אוּם רֶעכְט נִיט טָאן · אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא ה׳ הַהוֹלֵךְ בִּדְרָכָיו) וואוֹל דֶעם וָואס פָארְכְט זִיךְ פַאר גָאט · דָאס עֶר גֵייט אִין זַיינוּ וֶועגְן · אוּנ עֶס שְׁטֵייט דָאךְ שׁוֹן אוֹבְּן וָוס עֶס זֶענֶען דִי וֶועגְן פוּן גָאט ׳ וִוי עֶר אִיז אֵיין (רַחוּם וְחַנּוּן) אוּם זוּסְט · אַזוֹ זָאלְסְטוּ אוֹיךְ זַיין אֵיין (רַחוּם וְחַנּוּן) אֲפִילוּ אוֹיף בְּהֵמוֹת · מכ״ש אוֹיף מֶענְטְשׁן וִוי עֶר אִיז (נוֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה) מוֹחֵל דִי עֲבֵירוֹת דוּרְךְ תְּשׁוּבָה · אַזוֹ זָאלְסְטוּ אוֹיךְ מוֹחֵל זַיין דַיין חַבֵר אַז עֶר בֶּעט פוּן דִיר מְחִילָה · וִויא עֶר אִיז אֵיין (גּוֹמֵל חֶסֶד) · אַזוֹ זָאלְסְטוּ אוֹיךְ גּוֹמֵל חֶסֶד זַיין (יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ) אַז דִי וֶועסְט דִיךְ מְפַרְנֵס זַיין פוּן דֶר מְלָאכָה מִיט דַיינוּ הֶענְט וואוֹל דִיר אוֹיף דֶר וֶועלְט ׳ אוּנ עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין לְעוֹלָם הַבָּא · דֶען דוּ וֶועכְסְט מִיט קֵיינֶם נִיט קְרִיגְן ׳ אוּנ אַלוּ וֶועלְן דִיךְ לִיבּ הָאבִּין · אוּנ שָׁלוֹם הָאבְּן מִיט דִיר · דֶען דוּ וֶועסְט קֵיינֶם נִיט לֵייקֶנֶן אוֹדֶר פַאלְשׁ שְׁוֶוערְן אוּנ וֶועסְט בַּיי קֵיינֶם נִיט בָּארְגְן :

**דר** פסוק זאגט אין משלי (איש אמונת רב ברכות) דר מענטש וואס האנדולט באמונה דר בקומט פול ברכות · דען די לייט ווילן מיט אים האנדלין אונ פר זוכרין זיך אין אים · אונ לייאן אונ גטראויין אים · אונ לאזן זייער געלט ביי אים · אונ ער האט חן אונ ליבשאפט אין גאטס אוגן אונ אין לייטונס אוגן · אונ ער ווערט אפילו גרופן א צדיק · אז וויא דער פסוק זאגט (צדיק באמונתו יחיה) דער צדיק וואס האנדולט באמונה דער וועט לעבין לעולם הבא · אבר דר וואס האנדולט ניט באמונה דר האט פול פיינט · אונ פרייאט זיך ניט מיט דעם וואס גאט הט אים בשערט · אונ ער בגערט צום חברס געלט · אונ וויל קיינום ניט גלייך טאן · זיין חוב וויל ער ניט בצאלון · אונ אפילו ער בצאלט שון יוא · מוז יענור גרוס מיא אונ נאך לופנוש האבן דרוף · אונ ער רייסט אים אפ דר פון ער מיינט ער וועט דר פון רייך ווערון אבר אדרבה ער ווערט דרובר ארום · אז וויא דער פסוק זאגט ווייטור (ואץ להעשיר לא ינקה רע) דער וואס איילט רייך צו ווערון פון אום ריין געלט דר ווערט קיין מאל ניט ריין פון קיין ביז · דס עס קומין אוף אים בלבולים · דס געלט פר גייט · אונ די עבירות דר פון בלייבון ביי אים · אז ווי דער פסוק זאגט (עושה עושר ולא במשפט בחצי ימיו יעזבנו ואחריתו יהיה נבל) דער וואס מאכט זיך עבירות מיט אום רעכט געלט · אין זיינו האלב יארון וועט ער עס אן ווערון אונ זיין סוף וועט זיין שולקאפטוקט אונ לסוף וועט ער דארפן צו די לייטון אונ זיי וועלון אים פיינט האבן אובר זיין רשעות אונ וועלון אים ניט וועלון קיין צדקה גובן:

**דרום** איז צום בעסטון דר מענטש זאל האנדלון באמונה · אונ זאל ערליך בצאלון זיינו חובות מיט גוטן מיא אונ מיט ניט געלט · דס יענור זאל ניט דארפן אן ווערון דרון · אונ יענור זאל אים ניט דארפן נאך לופן אז ווי דר פסוק זאגט (אל תאמר לך שוב ומחר אתן לך) זאלסט ניט זאגון גייא אוועק אצונד קום מארגון וועל איך דיר בצאלון נייארט דו זאלסט אים תיכף ומיד בצאלון · אונ אז אימנצר איז דיר שולדוג זאלסטו אים ניט צווינגון טאמור האט ער ניט תיכף אזוא בוסטו דאך עובר אוף איין לאו אין דר תורה (לא תהיה לו כנושה) זאלסט צו אים ניט זיין ווי אמניר · (רב לוי) זאגט אז דו וועסט האנדלון באמונה וועסטו רייך ווערן · אונ אוב ניט וועסטו ארום ווערון דס איז גודרונגין פון דר תורה עס שטייט (לא יהיה וגו׳) זאלסט ניט האבן קיין צוויא ארלייא גוויכט אודר מאסון · דאס אז דו קופסט קופסטו מיט דר גרוסר מאס · אונ פר קופון פר קופסטו מיט דר קליינור מאס (לא יהיה לך) דרשת דו גמרא אז דו וועסט אזו טאן וועסטו ניט האבון · אונ אז דו וועסט ניט אזו טאן (יהיה לך) וועסטו פול האבין:

**תנו** רבנן די רבנן האבון גלערונט זובן ארלייא גנבים זענון פר האנדין · דס ערשטו ווער עס גנבת גאלד אונ זולבר דס אנדרו ווער עס גנבת די דעה פון לייטון · דס ער זאגט איינום אז ער האט אים א טובה גטאן אונ באמת איז עס לוגן · דס דרוטו ווער עס בעט צו זיך איין אורח אונ זיין הארץ איז ניט דר ביי דאס פערדו ווער עס שענקט א מתנה צו אזו א מענטשון וואס ער ווייסט ער וועט זי ניט נעמון · דס פופטו ווער עס איז איין שענקור אונ עפונט אוף א פיל פאס מיט משקה אונ זאגט צו איינם איך עפין עס פון דיינט וועגון אונ באמת וואלט ער זוא בלוז געפונט אודר נאך זעקסו גלייכין דר הייסט אוך א גנב · דס זעקסטו ווער עס הט פאלש גוויכט · אודר פאלשו מאסון · אודר פאלשו איילון · דס זובטו ווער עס מושט עסיק אין בוסל · אונ פר קופט עס פר בוסל · דס ארס איז פאר באטון אין דר תורה · אונ דער ערגסטור פון זייא איז דר וואס גנבת די דעה פון לייטון · דען עס איז גלייך וויא ער גנבת די דעה פון הקב״ה אוך אנדרו גניבות קאן ער אום קערון אונ דס קען ער ניט אום קערון · דר פסוק זאגט (לא תעשה עול במשפט) ביי גוויכט אודר ביי מאסון · פרעגט די גמרא ווי קומט דר צו דס ווארט פון (משפט) · ענפרט די גמרא דר וואס וועגט אודר ער מעסט הייסט ער איין (דיין) · אזו ווי דר (דיין) מוז רעכט פסקנן · אזו מוז דען אוך רעכט וועגון: אונ אזו ווי דער וואס משפט ניט רעכט ברענגט ער פונף זאכן אוף שונאי ישראל · אוך הט ער פונף ביזו נעמון (עול שנוי משוקץ חרם תועבה) · אזו איז אוך דר וואס וועגט אודער מעסט פאלש · אונ ער מאכט דס ישראל פאלין חו״ו אין דר שווערד · אונ מאכט גלות אונ גרושים ר״ל:

**דרום** וֶוענן דָס בּ״ד דָרוּף מְחוּיָיב הַשְׁגָחָה צוּ גוּבּין אוּנ לַייט דְ״רוּף צוּ זֶעצוּן • אוּנ וֶוענין מְחוּיָיב צוּ שְׁטְרָאפֿן דִי לַייט דְרוּף • דְרוּם אִיז אוּמְלוּכֶר קְרֶעמִיר מְחוּיָיב זַיינוּ וְואג אוּנ גְוִויכְט רַיין צוּ הַאלְטוּן • אוּנ אִיז זַיי מְחוּיָיב אוּפְט אוּם צוּוִוישׁוּן אוּנ צוּ פַארוּכְטְן • זַייא זָאלוּן גִירוּכְט זַיין דָר וָוס פַר קוּפְט מַשְׁקָאוֹת • וָוס אַמַשְׁקֶה עָס אִיז זָאל עֶר נִיט פַר קוּפִין מִיט דֶער שׁוּם • נָאר עֶר זָאל דִי שׁוּם אַרָאפּ נֶעמוּן אִין אַכְּלִי אַריין כְּדֵי זַיין מָאס זָאל גְרֶעכְט זַיין • אוּנ זָאל אוּך אַבִּיסָל צוּ גוּבִּין • דֶען עָס אִיז דָאך נִיט מִיגְלוּך עָס זָאל נִיט בְּלַייבּוּן אַבּוּסָל אִין דָר מָאס אוּך דָר וָוס וֶועגְט זָאל עֶר אַבּוּסָל אוּבֶּר וֶועגוּן • רִבִּי יוֹחָנָן זָאגְט וֶוער עָס גַנָבֶת בַּיי זַיין חַבֵר אֲפִילוּ נָאר וָוס אַשׁוּלֶגְגוּר אִיז וֶוערְט • אִיז גְלַייך וִוי עֶר גַנָבֶת בַּיי אִים זַיין נְשָׁמָה • אַז וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (כֵּן אוֹרְחַת כו׳) אַזוּ אִיז דֶר סֵדֶר פוּן דֶעם וָוס גַנָבֶת בַּיי זַיין חַבֵר • דָס עֶר נֶעמְט בַּיי אִים אַוֶועק זַיין נְשָׁמָה אוּנ דֶער גַנָב וָוס קֶערְט אוּם דִי גְנֵיבָה מוּז מֶען אִים מוֹחֵל זַיין • דֶען אוּב נִיט וֶועט עֶר קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט טָאן • (תָּנוּ רַבָּנָן) דִי רַבָּנָן הָאבּוּן גְלֶערוּנְט דִי גַנָבִים אוֹדֶר גַזְלָנִים אוֹדֶר דִי וָוס נֶעמִין רִיבִּית פוּן יְהוּדִים • אַז זַיי ווִילֶן אוּם קֶערוּן גֶעלְט פַר דָר זַאך טָאר מֶען בַּיי זַיי נִיט נֶעמוּן • אוּנ דָר וָוס נֶעמְט יוֹא הָאבְּן אִים דִיא חֲכָמִים פַיינְט • אָבֶּר אַז זַייא קֶערוּן אוּם דִיא זֶעלְבּוּגֶע זַאך זֶעלְבְּסְט בְּעֵין מָאג מֶען יוֹא בַּייא זַייא צוּ נֶעמוּן :

**מַעֲשֶׂה** אֵיינֶר הָאט אַמָאל גְוָואלְט תְּשׁוּבָה טָאן • אוּנ אוּמְזוּכְן זַיינֶס אוּם קֶערְן • הָט זַיין וַוייבּ צוּ אִים גְזָאגְט וִוי קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טָאן • דֶעם גַארְטוּל וָוס דוּ הָאסְט אוֹיף דַיין לַייבּ אִיז דָאך אוּך נִיט דַיין • אַזוּ הָט עֶר קֵיין תְּשׁוּבָה נִיט גְטָאן • דְרוּם הָאבּוּן דִי חֲכָמִים ז״ל אַתַּקָנָה גְמַאכְט דָס מִיזָאל בַּיי דִי גַנָבִים אוּנ גַזְלָנִים אוּנ (מַלְוֶה בְּרִיבִּית) נִיט מְקַבֵּל זַיין • אוּנ דָר וָוס אִיז יוֹא מְקַבֵּל אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דִיא רַייד פוּן דִיא חֲכָמִים • אוּנ מוּז עוֹנֶשׁ לַיידוּן • אַזוֹא אִיז דֶער דִין קָאן עֶר דִיא זַאך בַּיי זַייא מוֹצִיא זַיין בְּדַיָינִים • אוֹדֶר דוּרְך אַנַאנְדֶר אוּפְן • אוּנ עֶ״ר הָאט עָס נָאך נִיט מְיַיאֵשׁ גְוֶועזְ • מָאג עֶר ווָאוּל נֶעמוּן גְצָאלְט דֶר פַר • אוּנ אוּבּ נִיט טָאר עֶר קֵיין גְצָאלְט נִיט נֶעמֶן אָבֶּר דִי גְנֵיבָה זֶעלְבְּסְט מָאג עֶר יוֹא נֶעמוּן • אוּנ דֶר וָוס ווִיל זַיין אַצַדִיק זָאל עֶר אוּמְלוּכְן מוֹחֵל זַיין • אַז ווִי דִי צַדִיקִים אוּנ חֲסִידִים פוּן פַר צַייטוּן פְלֶעגוּן טָאן • אַלוּ נַאכְט אֵיידֶר זַייא הָאבּוּן זִיך גְלֵייגְט שְׁלָאפוּן הָאבּוּן זַיי מוֹחֵל גְוֶוען אוּמְלוּכְן אוֹיף אַלִים וָוס עֶר הָט זַיי גְטָאן • דָס קֵיינוּר זָאל קֵיין עוֹנֶשׁ נִיט לַיידוּן דוּרְך זַיי • אַז ווִידֶר פָּסוּק זָאגְט (גַם עֲנוֹשׁ לַצַדִיק לֹא טוֹב) עָס אִיז נִיט גוּט דֶער צַדִיק זָאל בְּרֶענְגִין אֵיינֶם צוּ עוֹנֶשׁ • אָבֶּר אַז עֶר הָט עֶפּוּס פַּלָארוּן • אוּנ זַיין חַבֵר הָט עָס גְפוּנֶן אוּנ ווִיל עָס נִיט אָפּ גוּבִּין • אוֹדֶר עֶר הָט גַגוּבִּין (רִיבִּית קְצוּצָה) מוּז עֶר עָס מוֹצִיא זַיין בְּדַיָינִים אָבֶּר אַז עֶר קֶען עָס נִיט מוֹצִיא זַיין מוּז עֶר עָס מוֹחֵל זַיין :

**אוּנ** חָאטש אֵיינֶר הָט גְנוּמֶן רִיבִּית פוּן אַיין יְהוּדִי • אוּנ אִיז גְשְׁטָארְבִּין • זֶענוּן זַיינוּ קִינְדֶר נִיט מְחוּיָיב אוּם צוּ קֶערוּן • סַיידוּן עָס אִיז אַזוּ אַכְּלִי אוֹדֶר אַיין בְּהֵמָה וָוס אוּמְלוּכֶר ווַייסְט אַז עֶר הָט זוּא גְנִימֶן פַר רִיבִּית • מוּזְן זַיי עָס אוּם קֶערוּן פוּן זַייעֶר פָאטוּרְס כְּבוֹד וֶועגוּן • אוּנ דָר וָוס נֶעמְט בַּייא אַיְהוּדִי רִיבִּית אִיז דִי עֲבֵירָה פוּל גְרֶעסִיר פוּן גְזֵילָה אוּנ גְנֵיבָה • דֶען עֶר פַר לַייקְנְט אִין גָאט אוּנ אִין זַיין תּוֹרָה • אוּנ וֶועט אוּך נִיט אוֹיף שְׁטֵיין צוּ (תְּחִיַית הַמֵתִים) • אוּך דֶר וָוס גוּט רִיבִּית צוּ זַיין חַבֵר אוֹדֶער דִיא עֵדוּת • אוֹדֶער דֶר רַב • אוֹדֶר דֶר סוֹפֵר וָוס שְׁרַייבְּט דֶעם שְׁטַר הוֹב • דֶער טוּט אוּך אַגְרוֹסוּ עֲבֵירָה • דְרוּם זָאל אוּמְלוּכֶר זַייעֶר גְוָוארוּנְט זַיין • אוּנ זָאל לֶערְנִין דִי דִינִים פוּן רִיבִּית דָס עֶר זָאל ווִיסוּן ווִי אַזוּ צוּ לַייאֶן בְּהֶיתֵּר : אַזוּ ווִי דִי חֲכָמִים הָאבּוּן אוּנז גְלֶערוּנְט אוּנ אַיין עֵצָה גְגוּבִּין • דֶר וָוס ווִיל לַייאֶן גֶעלְט בַּייא אַיין יְהוּדִי • אוֹדֶר עֶר ווִיל מִיט אִים הַבְרוּתָה מַאכִין • זָאל עֶר זִיך נִיט אָן פְרֶעגוּן בַּיי לוֹמְדִים • אוֹדֶר בַּיי דֶעם (אַב בֵּית דִין) ווִי אַזוּ עֶר זָאל טָאן בְּהֶיתֵּר • דָס עֶר זָאל נִיט גְשְׁטְרוּכוּלְט וֶוערוּן אִין דֶר גְרוֹסֶר עֲבֵירָה פוּן רִיבִּית • אוּנ אִין דֶעם גְרוֹסוּן עוֹנֶשׁ דֶער פוּן דִי דִינִים דָר פוּן זֶענוּן פוּל צוּ שְׁרַייבּוּן • נָאר דָס אִיז דִיא בְּעִקָּר עֵצָה • וֶוען אֵיינֶם אִיז זַיין חַבֵר שׁוּלְדִיג גֶעלְט • אוּנ דִי צַייט אִיז גְקוּמֶן עֶר זָאל אִים בַּצָאלוּן אוּנ דָס בֵּית דִין הָאבּוּן גְפַסְקֶנְט מִיזָאל בַּייא אִים אַמַשְׁכּוֹן נֶעמִין זָאל עֶר שְׁטֵיין אִין דְרוֹסוּן • אוּנ דֶער וָואס אִיז אִים שׁוּלְדִיג זָאל אִים אַרוֹם

טראגן אמשכון · אונ אז ער וויל אים ניט ארוס טראגן דארף דם בית דין שוקן איין שליח בײ אים אמשכון צו נעמן :

איין פועל וואס האט בײ דיר גארבײט · ביסטו מחוייב אים זיין שכר צו בצאלן אונ דעם זעלביגן טאג איידר די זון גייט הונטר אונ אוב ניט בוסטו עובר אוף אלאו אין דר תורה · (תנו רבנן) דיא רבנן האבן גלערנט קיין מענטש זאל ניט קופן אזו איין סחורה וואס אויסלובר הט איין אונ אויף איר פון איין (עין הרע) וועגן · אבר דם וואס דער מענטש האנדולט בסוד איז דרונן אייטל ברכה אוך האבן די חכמים ז״ל גזאגט פור ארלייא געלטן האבן קיין הצלחה ניט · דם געלט וואס איין סופר נעמט פר ספר תורות אונ תפילין אונ מזוזות שרייבן · אונ דם געלט וואס אדרשן נעמט פאר דר דרשה · אונ דם געלט פון דעם וואס רייזט איברן ים אונ דער וואס האנדולט מיט יתומים געלט · פרעגט די גמרא בשלמא דם געלט פון אדרשן וייל ער נעמט שכר שבת · אוך דר וואס רייזט איבערן ים פון סכנה וועגן דען ער קען חיו דר טרונקן ווערן · אונ אום קומן פון אלם זיין גוטס · אזו אוך דער וואס האנדולט מיט יתומים געלט · דען זיי קענן ניט מוחל זיין ווייל זיי זענן נאך קליין · אבר פר וואס הט קיין הצלחה ניט דעם סופרים געלט · זאגט (רבי יהושע בן לוי) די (אנשי כנסת הגדולה) האבן גפאסט פור אונ צוואנצג תעניתים אז די סופרים זאלן ניט רייך ווערן · דען זיי וועלן ניט וועלן שרייבן · אוף אקליינו זאך זאל קיינר ניט מדקדק זיין מיט זיין חבר אונ זאל עס אים מוחל זיין · אוך זאל ער קיין תרעומת ניט האבן אין זיין הארצון אוף זיין חבר · כמ״ש האם ער טאר זיך מיט אים ניט קרוגן · תמיד זאל אויסלובר זעהן צו האנדלין באמונה · דען עס איז גלייך ווי ער וואלט אום גלערנט כל התורה כולה · אונ וואלט זי מקיים גוועזן · אז ווי דר פסוק זאגט (צדיק באמונתו יחיה) דר צדיק וואס האנדולט באמונה וועט לעבן לעולם הבא · דער פון לערנן מיר אז דר וואס האנדולט באמונה איז גלייך ווי ער וואלט מקיים גוועזן דיא תרי״ג מצות · אונ ירושלים איז נאר דרובר חרוב גווארן · ווייל זייא האבן ניט גהאנדולט באמונה · אז וויא דער פסוק זאגט (שוטטו בחוצות ירושלים דעו נא וראו ובקשו ברחובות אם תמצאו איש עושה משפט מבקש אמונה ואסלח לה) שוועבט ארום אין די גאסן פון ירושלים · ווייסט אונ זעהט אונ זוכט אין די ברייטו גאסן אוב איר וועט גפונן אמענטש וואס טוט משפט · אונ בגערט צו האנדלן באמונה · אזו וועל איך איר מוחל זיין · אוך ווען איינר קומט צום משפט נאך זיין טוט פרעגט מען אים צום ערשטן האסטו גהאנדולט באמונה דם אנדרו האסטו גלערנט תורה · אונ האסט רעכט מעיין גוועזן · אונ זיך מפלפל גוועזן אין איר · האסטו דיר קובע גוועזן איין צייט צוא דער תורה · האסטו קונדר גהאט לשם שמים · האסטו גהאפט אוף דער גאולה :

אויך גייט ניט דר רעגן אין גלות · נאר פון וועגן דעם זכות פון די וואס האנדלן באמונה · אזו וויא דער פסוק זאגט (אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף) ווען דר אמת טוט שפראצון אוף דר ערד לוגט אראפ דם גרעכטיקייט פונם הומל · זאגט ווייטר דר פסוק (וה׳ יתן הטוב וארצנו תתן יבולה) גאט טוט גובין דם גוטס אונ אונזר לאנד טוט גובין איר פרוכט · עס זענן גלייך די מצוה פון צדקה מיט דר מצוה פון צו האנדלן באמונה · דרום וואול דעם וואס הט אין זיך די צווייא זאכן · ער הייסט ארעכטור עושר וואס איז זיך ראוי צו בארומן מיט זיין עשירות · אוך איז (עשיר) אותיות (שעיר) האר · דען דרייא ערלייא האר זענן פר האנדן בײ איין מענטשן · אופן קאפ אונ בארד · אונ אונטר דר ארום · אונ אוף דר ערוה · דר עושר וואס האט אין זיך די צווייא זאכן · ער איז קענגן די האר פונם קאפ אזו וויא די האר פונם קאפ אונ דוא בארד בשיינון דעם מענטשן · אזו וויא די גמרא זאגט (רבי יוחנן לא הוה ליה חתימת זקן) רבי יוחנן האט ניט גהאט קיין בארד דם איז דוא שונהייט פונם פנים אזו אוך מאנ זיך דער זעלביגער עושר בארומן מיט זיין עשירות · אונ עס ווייזן פר איטליכן אונ זאל אוך אפ שערן די האר פון זיין קאפ כדי ער זאל זיין צום שענסטן · אונ זאל פר זיי צדקה געבן · אונ אזו וויא די האר פון הונטר די ארום קומן ניט צו נוץ דעם מענטשן · אונ עס איז אים איין שאנד זייא צו ווייזן אזו איז אוך פאר האנדן איין עושר וואס פר לייקנט זיין

עשירות · אונ בהאלט דס געלט אין בוזום אונ זאגט איך האב ניט · אונ גוט קיין צדקה ניט · דעם ועלבוגון עושר איז ניט גוט · דר נאך זענון דו האר פון דער ערוה · אזו איז אוך פאר האנדרון איין עושר איין ערוה · דאס ער קרוגט מיט זיין געלט אונ טוט משיג גבול · אונ גוט נאך דעם יצר הרע מיט זיין געלט · אבר דר עושר וום האנדולט באמונה מיט זיין געלט אונ גוט צדקה · אוף אים איז נזאגט דער פסוק (חסד ושלום) אוך זאגט דער פסוק (חסד ואמת נפגשו צדק ושלום נשקו) חסד אונ אמת האבון זיך בגעגנט · אונ צדק אונ שלום האבון זיך בנאנדר גקושט · (וצדיק באמונתו יחיה) :

סליק הלכות משא ומתן

# הלכות משפט צדק פרק שלשה עשר

דר דרייצעטור פרק רעט וויא מיזאל רעכט משפט טאן :

**עושה** צדקה ומשפט נבחר לה׳ מזבח) דר וום טוט צדקה אונ משפט איז ער אוס דר ווילט בייא גאט מער איידר אלו קרבנות · דען גאט הט קיין שום זאך ניט אזו לוב וויא משפט · אזו וויא דר פסוק זאגט (צדק ומשפט מכון כסאך) צדקה אונ משפט איז אן גבריים אוף דיין (כסא הכבוד) · אונ דר וואס טוט ניט רעכט משפט · דער האט פונף שלעכטו נעמון (עול שנוי משוקץ חרם תועבה) (עול) איז טייטש ער טוט אום רעכט (שנוי) ער איז גפיינט אין גאטס אוגון אונ אין לייטונס אוגון · (משוקץ) ער איז אום ווערדוג (חרם) ער איז אין דעם חרם פון משה רבינו · (תועבה) ער איז גאר אונ גאנצון אום ווערדוג · אוך ברענגט ער פונף מיני פורעניות אוף דר וועלט אוף דו שונאי ישראל דם ערשטו ער איז מטמא דאס לאנד · דם אנדרו ער איז מחלל השם · דאס דרוטו ער טוט אפ דוא שכינה פון ישראל · דם פערדו ער מאכט דם שונאי ישראל פאלון אין דר שווערד · דם פופטו ער ברענגט גלות אונ גירושים ר״ל · אבר דר וום טוט רעכט משפט · איז ער גילובט אין גאטס אוגון אונ אין לייטונס אוגן :

**דרום** זאל מען מאכון דיינים פרומו לייט אונ (יראי שמים) אונ זאלון זיין בקי אין אלו דינים · אונ זאלון איינום ניט צו לוב האבון אודר איינום צו פיינט האבון · אונ זאל לייטונס ניט בדארפן אזעלכו לייט טרייבון בוודאי קיין חניפה ניט אונ פארכטון זיך ניט פר שלעכטו לייט · אבר אז מען זעצט אזו איין וום טוג ניט דר צו · איז גלייך וויא עבודת כוכבים גרונט : דם פול בייז קומט אוף שונאי ישראל · עס שטייט (לא תקחו שוחד) קיין דיין זאל קיין שוחד ניט נעמון · פרעגט דוא גמרא פשיטא טאר מען קיין שוחד ניט נעמון דען מיטאר דאך ניט אום רעכט פסקונן · ענפרט דו גמרא מיטאר קיין שוחד ניט נעמון אפילו רעכט צוא פסקונן · (כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים) דען דר שוחד מאכט בלונד דו אוגון פון חכמים אונ פר קרומט דו רייד פון צדיקים · כלומר אפילו דר מענטש איז אום גרעכט · דאכט זיך אים ער איז גרעכט דרום איז ניט מוגלוך ער זאל אים רעכט משפט טאן · ·ונ די עבירה איז זייער גרוס · דרום זאלון כל ישראל דרוגן גווארנט זיין ניט צו מאכון אזעלכו דיינים וום טוגון ניט דר צו · אוך דר דיין וום פסקנת איינום אום רעכט אפילו גאר אוף אשולנגור · טוז ער עס אים אפ גובין מיט זיין לייב אז וויא דער פסוק זאגט (נתתי את קובעיהם נפש) איך וועל גובן די דיינים וום פסקנון אום רעכט מיט זייער לייב טוזון זיי עס בצאלן נון וייל דר עונש איז אזו גרוס · דרום פלעגון זיך פר צייטון די צדיקים אונ חסידים פארכטן דר פר · אונ האבון ניט גוואלט זיין קיין דיינים · אז ווי די גמרא זאגט איידר (רב אסי) איז גשטארבן זענון צו אים אריין גגאנגון די חכמים ז״ל · הט ער אן גהובון צו וויינון · האבון זיי גזאגט צו אים רבי וום וויינט איר · איר הט דאך אלו אייערו טאג תורה גלערונט · אונ מצות אונ (גמילות חסדים) גטאן · אונ אוך הט איר אוף גשטעלט פיל תלמידים אין דער תורה · אונ איר הט אוך גהאט אין איך די גוטי מדה דם איר הט קיין מאל קיין דיין ניט גוואלט זיין · זאגט ער איך וויין דרום · דען ווען איך וואלט איין דיין גוועזן · וואלט איך בוודאי קיין אום רעכט ניט גטאן · אבר אצונד ווייס איך ניט אוב מיהאט אוטלובן רעכט משפט גטאן :

**אוך** טאר דר דיין קיין חניפות ניט טרייבון · ער טאר צו איינום ניט ריידן מיט ווייכו רייד · אונ

צום אנדרן מיט הארטי רייד · אויך מאר ער איינעם ניט אפ גובין (ברוך ובא) אונ דעם אנדרן ניט אונ אפילו עס קומן זיך לאדון אתלמיד חכם מיט איין עם הארץ זאל ער זיך הייסן ביידי זעצן אונ אז דר עם הארץ בלייבט שטיין איז אויך ניט קשה · אויך טאר ער צו איינעם ניט זאגן רייד נשווינדר ריינו רייד · אונ צום אנדרן זאל ער זאגן בטראכט דיך וואל · קורץ פון דער זאך ער מוז טאן צו ביידי גלייך · צום ערשטן אז זיי קומן פר אים · זאל ער זיי ב׳ דו האלטן פאר אום גערעכט · דר נאך אז זיי האבן מקיים גוועזן דעם פסק דארף ער זיי ביידי האלטן פאר גרעכט : דר פסוק זאגט (ואתה תחזה אנשי חיל) דו זאלסט אויס דר וויילן רייכי לייט וואס דארפן ניט צו לייטן · (יראי אלהים) גאטס פארכטיגי (אנשי אמת) ווארהפטיגי לייט וואס קענן דן זיין איינם גלייך מיט זיין חבר · (שונאי בצע) וואס האבן פיינט זייער איגן געלט · דס זיי אבטן עס ניט קונן גאטס פארכט · מכ״ש דס זיי וועלן קיין שוחד ניט נעמין · דיא גמרא זאגט ווער הייסט איין (רשע ערום) קלוגר רשע · דער וואס קומט פרור פארן דיין אונ זאגט אים טענות · אויך דער דיין טאר ניט צו הערן איינם אן דעם אנדרין · אז ווי דער פסוק זאגט (שמוע בין אחיכם) איר זאלט צו הערן צווישן אייערי ברודר בנאנד · דר פסוק זאגט (לא תגורו מפני איש) טייטש דיא גמרא דר דיין זאל זיך ניט פארכטן פר קיין שום בעל דין · אפילו פר איין עושר : אודר פאר איין תקיף · אודר אפילו ער זאל אים וועלן הונגר צוגן · אודר פר מסרן אוף זיין לייב אונ גוטס · זאל ער זיך דאך ניט פארכטן פר אים · אונ זאל אים ניט צו פסקנן · (כי המשפט לאלהים הוא) דען דר משפט איז צו גאט · דרום מוז דער דיין זאגן ווי רעכט איז · אבר איידר ער ווייסט דעם פסק · מאג ער וואל זאגן איך וויל מיט אים ניט האבן צו טאן · אויך טארן די דיינים ניט (מענה דין) זיין : דס די בעלי דינים זאלן זיי דארפן נאך לופן נאך זייער פסק · נייארט תיכף אז זייא קומן זאלן זיי אום הערן זייערי טענות · דר נאך זאלן זיי דרונן גוט מעיין זיין · אונ אוב עס איז זיי אספק זאלן זיי זיך גוט בטראכטן · אונ מוזן תיכף אום זאגן דעם דין · אונ אז די דיינים וועלן רעכט פסקנן וועט קומן משיח · אז ווי דר פסוק זאגט (ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה) · אויך זאגט דר פסוק (שמרו משפט ועשו צדקה כי קרובה ישועתי לבא וצדקתי להגלות אמן) :

סליק פרק משפט צדק

# הלכות אהבת חברים וגמילות חסדים פרק ארבעה עשר

דר פערצטור פרק רעט וויא איינר זאל זיין חבר ליב האבן וויא זיך זעלבסט אונ וואס אים איז ניט לוב זאל ער זיין חבר אויך ניט טאן · בפרט ניט צו ריידן אוף אים קיין לשון הרע · אונ זאל אויטלוכין גמילות חסד טאן :

לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא וגו׳ ואהבת לרעך כמוך אני ה׳) זאלסט ניט פיינט האבן דיין חבר אין הארצן · אונ מיטן מול וועסטו מיט אים ריידן מיט גוטי רייד נייארט הט ער דיר עפיס דר ווידר גטאן טארסטו אוף אום קיין שנאה ניט טראגן · נאר שטראף דיין חבר · אונ מאנסט אים פור האלטן ווארום ער הט דיר ווידר גטאן אבר טארסט אים ניט מבייש זיין פאר לייטן · אויך זאגט ווייטור דער פסוק זאלסט זיך ניט נוקם זיין אין דיין חבר · דס דו טארסט אים ניט קיין בייז בצאלן · אויך טארסטו ניט הוטן קיין שנאה אין דיין הארצן דס אז ער וויל ביי אים עפיס לייאן טאר ער צו אים ניט זאגן דוא האסט מיר ניט גוואלט לייאן · אצונד וויל איך דיר אויך ניט לייאן · דס איז אלאו · דר אנדרור לאו מיטאר אים אפילו ניט זאגן דו האסט מיר ניט גוואלט לייאן · אבר איך בין ניט אזו ווי דו איך וועל דיר יוא לייאן · דען מיטאר גאר קיין שנאה ניט טראגן אין הארצין :

דר נאך זאגט ווייטור דר פסוק (ואהבת לרעך כמוך) זאלסט לוב האבן דיין חבר ווי זיך זעלברט וואס דו האסט געורן מיזאל עס דיר טאן · זאלסטו עס דיין חבר אויך טאן · אונ אזו אויך פר קערט · דרום הט אונז הקב״ה פר באטן דס איינר זאל דעם אנדרן ניט שטראפן פר לייטן דען ער איז אים מבייש דער מיט · אונ דס איז דאך אגרוסי עבירה · אז ווי דיא גמרא ברענגט אין

גישין מיט (קמצא בר קמצא) דס גאט הט אים גהאלפין דר צו אז זיין בית המקדש זאל חרוב ווערן
ווייל מיהאט אים אזו מבייש גוועז · דרום האט גאט פר באטין מיזאל קיין שנאה ניט טראגין אין
הארצין · דען דס הייסט ווי (שנאת חנם) · אונ דס איז דאך ידוע אז פון (שנאת חנם) איז חרוב
גווארין דר בית המקדש · אונ דרובר זענין מיר אין אזו אשווערין ביטרין לאנגין גלות · אונ כל זמן
די גרוסו עבירה איז נאך דא ביי אונז · אונ מיר האבין זיא נאך ניט אפ גטאן פון צווישין אונז איז
אום מוגליך דס די גאולה זאל קענין קומן · דרום זאל אוטלובר יהודי ניט ברוגז ווערין פון אוואורט
ווענין · אונ זאל קיין שנאה ניט טראגין אופין חבר פון איין גארושקייט ווענין · אונ זאל אום
שטראפין בשתיקה · מכ"ש דס זיי זאלין זיך ניט קריגן אונ מבזה זיין איינס דס אנדרו · בפרט אין
ישובים ווי צוויי בעלי בתים וואנין מיט אנאנדר קריגין זיי זיך איינס מיטן אנדרין · בפרט אין גרוסו
שטעט ריידין זיי זולזולים איינר ד' ם אנדרין · דס ברענגט זיי צו (שנאת חנם) · אונ צום מיינסטין
גפונט מען עס ביי די ווייבר ווייל די מאנין ריידין זיי נאך אן דר צו אונ דס אלס קומט פון גאוה :
דרום זאל אוטלובר זיין איין ירא שמים אונ איין עניו אזו וועט ער בוודאי ניט האבין אין זיך דיא
בייזו מדה פון שנאת חנם · אבר ווען איינר שטעלט זיך קוגן חבר · אונ זאגט צו אים ווארום
האסטו מיר דס גטאן · אודר ווארום האסטו דאס אונ דאס פון מיר גרעט · אז ער זאל עס אים
זאגין בשתיקה אזו וואלט ער זיך פר ענפרט · אונ זיי וואלטין זיך איינס דס אנדרו מוחל גוועז · אבר
פון (שנאת חנם) ווענין קומט קיין גוטס ניט דען זוא ווערט אלו מאל גרעסור · אונ דר הוצט די
הערצור · דער נאך קומט עס דאך משפחות ליינין זיך אריין דרונן אונ עס ווערט דער פון חזו
אגרוסו קריג · דרום זאל מען אפ טון פון זיך די גאוה · אזו וועט מען ניט קומן צו שנאת חנם ·
דען דעם עניו פר דרוסט ניט קיין שום זאך · אונ ער פר הערט אונ פר שווייגט · אבר דעם גוותן
פר דרוסט אוטלובס וואורט · דען ער מיינט מען רעט אלס לגנאי · דען די גאוה איז דר מקור אונ
יסוד צו אלו הרבי עבירות ווס אין דר תורה זענין · פון גאוה קומט שנאת חנם · אונ רוגז · אונ
קריג · אונ גשלעג · אונ רציחה · אונ זנות · אונ עס ברענגט אוך צו צורת כוכבים דינן אונ אוך
אפילו די גאוה זעלברט איז גיגליכין צו עבודת כוכבים · אז וויא דער פסוק זאגט (תועבת ה' כל
גבה לב) עס איז אום ווערדיג צו גאט דס הוכי הארץ · אונ די צורת כוכבים הייסט אוך (תועבה)
פון גאוה קומט לשון הרע · קורץ פון דער זאך אלס דאס בייז קומט פון גאוה · אונ אלדוס גוטץ
קומט פון ענוות :

דא וועל איך אייך לערנין ווי אזו איר זאלט אפ טואן פון זיך דיא בייזו מדה פון גאוה למשל אז
איינר טוט אים עפיס וואס אים דוכט זיך עס איז אום רעכט · זאל ער גדענקין אין דעם (יום
המיתה) · אונ ווי מיוועט אים אריין לייגין אין קבר אריין · דען אלו מוזן דאך שטארבין אונ עס
העלפט קיינום ניט · אזו וועט אים בוודאי פר גיין זיין גאוה אונ דס איז דאך אוך ידוע אז דס ווס
מוז זיין · אונ עס קען אנדורש ניט זיין · איז גלייך ווי עס איז שון גוועזן · אזו אוך קען דס אנדורש
ניט זיין דס אוטלובר מוז שטארבין · דרום זאל זיך אים דוכטן גלייך וויא ער איז שון גשטארבין
אונ אז מען טוט עפוס אטוטין מענטשין אודר מירעט אים עפיס דא קאן ער דאך ניט ענטפרין אזו
וועט ער בוודאי זיין איין עניו · דרום די צדיקים ביי זייער טוט הייסין זיי לעבדיגי אז ווי דר פסוק
זאגט (ובניהו בן יהוידע איש חי) דעם (בניהו) · פאטור איז שון לאנג טוט גוועזן · אונ דער פסוק
רופט אים לעבדיגר מענטש · ווייל ער איז אצדיק גוועזן · אונ די רשעים הייסין ביי זייער לעבין
אוך טוט אז ווי דר פסוק זאגט (מות המת) · אוך זאגט דר פסוק (ואתה חלל רשע) · דער פון איז
גדרונגין אז דער רשע ביי זיינום לעבין ווערט אוך אן גרופין טוטר מענטש · אוך בייא זיין לעבין
קרוגט ער זיך אוף אוטלובס וואורט אונ נאך זיין טוט גשוכט אים גלייך וויא ער וואלט זיך אוך
גקענט קריגין · גלייך וויא בייא זיין לעבין · נמצא אז דרום איז זיין טוט מיט זיין לעבין גלייך
דרום הייסט ער ביי זיין לעבין אוך אטוטר מענטש אבר דר צדיק הייסט ביי זיין טוט אוך אלעבדיגר
מענטש · אונ ביי זיין לעבין דוכט זיך ער איז טוט · אונ ענפרט קיינום ניט · נון לוכו לייט ווער עס

ווייל

וויל מיך פאלגן זאל ער פון זיך אפ טאן די מדה פון גאוה · ווייל ער קענן קומן צו אלע גוטע מדות אונ די מדה פון גאוה ווערט צום מייסטן גפונן ביי עשירים · אז ווי דער פסוק זאגט (כסף וזהב ירבה לך ורם לבבך ושכחת את ה' אלהיך) אז עס ווערט דיר גמערט געלד אונ זולבר · ווערט דר הייכט דיין הארץ · אונ פר געסט איז גאט דיין גאט · אוך האט גאט קיין שום זאך ניט אזוא פיינט וויא גאוה אז ווי דער פסוק זאגט (אותו לא אוכל) איך קען ניט וואונן מיט דעם בעל גאוה אויף דער וועלט :

אוך זאגט הקב"ה דער גאותן טוט אן מיין קלייד · אז וויא דער פסוק זאגט (ה' מלך גאות לבש) גאט דר קוניג איז אן גקלייד מיט גאוה · אונ גאט טוט אן דאס קלייד אז ער טוט אנקמה אין די רשעים די בעלי גאוה · דס ער וויל ווייזן אז זייער גיאות איז ניט · אבער ווייטר שטייט דאך אין דר תורה אונ נביאים אונ כתובים · דס גאט איז איין עניו מידארף ניט מאריך זיין דרונן דען דס גפונט מען אין (ויתן לך) · נון ווי זאל דר זונדיגר מענטש ניט גדענקן אין דעם טוט דאס ער איז קיין שעה ניט זוכר · אונ קאן פר גיין אין ארגע אונ דר מענטש וס גדענקט דרונן פר גייט אים בודאי זיין גאוה · דר גאך קאן ער קומן צו פול גוטע מדות · אונ ווערט בהוט פאר פול הרבי עבירות · בפרט פון די עבירות וס צווישן אים אונ זיין חבר · דהיינו (לא תקום) אונ (לא תטור) אונ (לא תשנא את אחיך בלבבך) · אוך אנדרע עבירות · דהיינו שעלטן אונ קרענן דען דאס אלס קומט פון גאוה · אז ווי דר פסוק זאגט (הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא) אז דיין חבר הט דיר עפיס דר ווידר געטאן זאלסטו אים שטראפן · אונ זאגן צו אים ווארום האסטו מיר דס געטאן · אודר גרעט · אזו וועט ער זיך פר ענטפרן פר דיר אונ איר וועט שלום ווערן :

אבר עס איז צום בעסטן דס עס זאל אים ניט הארן קיין שום זאך · אונ קיין רייד · אונ זאל עס מוחל זיין · אז וויא דיא צדיקים אונ חסידים פר צייטן פלעגן טואן · דיא זעלביגו צדיקים הייסן ביי זייער טוט לעבדוגו רייט · אונ דס קומט אלס פון דר מדה פון ענוה · נאך מער דרשת די גמרא פון דעם פסוק (הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא) ווען דוא זעהסט איינם איין עבירה טואן · זאלסטו אים שטראפן בשתיקה ער זאל ניט מבויש ווערן · אבר אז ער וויל דיין שטראף ניט מקבל זיין מאגסטו אים וואול שטראפן אונ מבייש זיין פר לייטן · אונ אז ער וויל דיך ניט פאלגן · הייסט ער איין (כסיל) אנאר אונ ארשע · אזעלכן הט שלמה המלך פר באטן מיזאל אים ניט שטראפן · אזו ווי דער פסוק זאגט (באזני כסיל אל תדבר) אין די אוערן פון איין נאר זאלסטו ניט ריידן קיין שטראף רייד · אונ ער ווערט פלארן פון דר וועלט אונ פון יענער וועלט · אבר די לייט וס נעמן אן שטראף איז די שטראף פר לוב אז וויא דר פסוק זאגט (אל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך) זאלסט ניט שטראפן קיין לץ · טאמער וועט ער דיך פיינדן שטראף צו אחכם וועט ער דיך לובן · דען ער איז זיך משמח מיט דר שטראף · אז ווי די גמרא זאגט (רבי יוחנן בן נורי) זאגט איך האב גימאכט דאס (רבי עקיבא ע"ה) איז פול גשלאגן גווארן פון (רבן גמליאל) · אונ ער הט מיך נאך דרובר מער לוב גהאט · אוף אים אונ זיין גלייכן איז גזאגט דר פסוק (הוכח לחכם וגו') :

אלו צייט זאל אוטלוכר יהודי זעהן · אונ אכטונג גובין זיך ניט צו קרענן מיט זיינו חברים אונ זאל אוטלוכן גוטס טאן אז ווי זיך זעלברט אז ווי דר פסוק זאגט (ואהבת לרעך כמוך) זאלסט לוב האבן דיין חבר וויא דיך זעלברט (מה העלך סני לחברך לא תעביד) וואס עס איז אוף דיר גפיינט זאלסטו דיין חבר אוך ניט טאן · (רבי עקיבא) זאגט עס איז אקליינו פרשה (ואהבת לרעך כמוך) אונ דרונן הענגט כל התורה כולה · אונ אז ער שאפט מיט דיר עפוס זאלסטו עס טאן · גלייך וויא עס וואלט גווען פר קערט · דס דו וואלסט מיט אים גשאפט מכל שכן דס דו זאלסט לוב האבן דיין בשעפר · אונ זאלסט טאן אלס וס ער גביט אונ שאפט מיט דיר · נמצא אז כל התורה כולה הענגט אין די דריי ווערטר · אז ווי די גמרא זאגט איין עובד כוכבים איז גקומן צו (שמאי) אונ זאגט זיי מיך מגייר אונ לערן מיך כל תורה כולה ווייל איך קען שטיין אוף איין פוס · האט אים (שמאי) אוועק

גְשְׁטוּסְן · אִיז עֶר גְקוּמֶן צוּ הִלֵל · אוּנ הָט צוּ אִים אוֹךְ גְזָאגְט דִי אַיינְצִיגֶע וָוערְטֶער · הָט עֶר אִים מְגַייר גְוֶועזְן · דֶר נָאךְ הָט עֶר אִים גְלֶערְנְט דִי דְרַיי וָוערְטֶער (וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ) · דֶען דָס אִיז דֶר כְּלָל פוּן כָּל הַתּוֹרָה :

דְרוּם אִיז אוּנְטְלוּכֶר מְחוּיָיב צוּ גֶדֶענְקְן אִין זַיין חַבְרָס טוֹבָה גְלַייךְ וִויא אִין זַיין טוֹבָה · אוּנ אַז זַיין חַבֵר אִיז עֶפּוּס אִין אַסַכָּנָה · אוּנ עֶר קָאן אִים מַצִיל זַיין · אוּנ אִיז אִים נִיט מַצִיל · אִיז גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט אִים אוּם גְבְרַאכְט מִיט זַיין הַאנְט · אַז וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (לֹא תַעֲמֹד עַל דַם רֵעֶךָ) זָאלְסְט נִיט שְׁטֵיין בַּיי דַיין חַבְרָס בְּלוּט · דָס דוּ זָאלְסְט אִים נִיט פַר לָאזְן אִין אַיין צָרָה · נֵייאֶרְט דוּ בּוּסְט אִים מְחוּיָיב צוּ הֶעלְפְן מִיט דַיין לַייב אוּנ גוּטְס · אוּנ אוֹב דוּא ווִילְסְט זָאגְן אִיךְ קָאן אִים נִיט הֶעלְפְן · דְרוּם שְׁטֵייט דֶר בַּיי (וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ) זָאלְסְט זִיךְ פָארְכְטְן פַאר דַיין גָאט · דֶען עֶר ווֵייסְט אוֹב דִי קֶענְסְט אִים הֶעלְפְן · אוּנ אוֹב נִיט · אוּנ אַזוֹ אוֹךְ בַּייא אַלֶז זַאכְן וָוס דֶר מֶענְטְשׁ קָאן זִיךְ פַר עֶנְטְפֶרְן פַר לַייטְן שְׁטֵייט דֶר בַּיי (וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ) דֶען עֶר ווֵייסְט דֶעם אֱמֶת · אַיין גֵר וָוס אִיז מְקַיים דִי מִצְוֹת אִיז אוֹךְ אִין כְּלָל וִוי אַ עֶרְכְטֶער יְהוּדִי :

שְׁמוֹנָה אַכְט אָרְלַיי חַבְרוּתוֹת זֶענְן פַר הַאנְדְן דָס אַז מֶען בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ זַיי לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן זַייא זַייעֶרֶע מִדוֹת · דָס עֶרְשְׁטֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ מְלָכִים אוּנ שָׂרִים לֶערְנְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן זַיי דִי מִדָה פוּן גַאֲוָה · דָאס אַנְדֶרֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ רְשָׁעִים · לֶערְנְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן זַיי גֶעלְט אַיין צוּ זַאמְלִין · אוּנ תַּעֲנוּגִים זִיךְ אָן צוּ טוּאָן דָס דְרוּטֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ מִיט ווַייבֶּער לֶערְנְט עֶר אָפּ פוּן זַיי יֵצֶר הָרָע · אוּנ בַּייזֶע הִרְהוּרִים · דָס פֶערְדֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ יוּנְגֶע לַייט לֶערְנְט עֶר אָפּ פוּן זַייא אַייטֶל בַּייז · דְרוּם הָאבְּן דִיא חֲכָמִים גִיזָאגְט אִין פֶּרֶק דוּ וָוס רֵיידְן מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶר · אוּנ דִי וָוס זִיצְן בַּיי (עַמֵי הָאֲרָצִים) דָס מַאכְט אוּם צוּהְן דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶר וֶועלְט דָס פִינְפְטֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ שְׁלֶעכְטֶע לַייט לֶערְנְט עֶר אָפּ פוּן זַיי עֲבֵירוֹת · אוּנ פוּל בַּייז צוּ טָאן · אוּנ קַיין תְּשׁוּבָה נִיט צוּ טָאן דָס זֶעקְסְטֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ לֵיצִים לֶערְנְט עֶר אָפּ פוּן זַיי לְשׁוֹן הָרָע אוּנ רְכִילוּת אוּנ שְׁבוּעוֹת אוּנ קְלָלוֹת · אוּנ לִיגְן זָאגְן אוּנ נִיאוּף אוּנ נָאךְ זֶעלְכֶע גְלַייכְנֶס דָס זִיבְּטֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ אָרוּמֶע לַייט לֶערְנְט עֶר אָפּ פוּן זַיי עֲנִיוּת · אוּנ גָאט צוּ לוֹבְּן אוּנ זִיךְ לָאזְן בַּנוּגְן מִיט וָואס גָאט הָאט אִים גוּגוּבְּן · אוּנ בַּגֶערְט נִיט קַיין אוּבְּרִגְס · דָס אַכְטֶע וָוער עָס בַּהֶעפְט זִיךְ צוּ צַדִיקִים לֶערְנְט עֶר אָפּ פוּן זַיי חָכְמָה אוּנ פוּל מִדוֹת טוֹבוֹת . אוּנ דָס אִיז אוֹךְ אַ כְּלַל פוּן אַהֲבַת חֲבֵירִים · דָס מִיזָאל דֶעם חַבֵר דַן זַיין (לְכַף זְכוּת) · אַזוֹ אוֹךְ שְׁטֵייט אִין פֶּרֶק (וֶהֱוֵי דָן אֶת כָּל הָאָדָם לְכַף זְכוּת) זָאלְסְט דַן זַיין אוּנְטְלוּכְן מֶענְטְשְׁן צוּ זְכוּת · דֶער דִין אִיז אַזוֹ וֶוען דוּ זֶעהְסְט אַיינֶם עֶפּוּס אַזַאךְ טָאן · אוּנ עָס אִיז דִיר אַסָפֵק אוֹב עֶר אִיז אַפְרוּמֶר מַאן · אוּנ אוֹב נִיט · אוּנ אֲפִילוּ דוּ ווֵייסְט גְווִיס עֶר אִיז אַרָשָׁע · נָאר דוּ ווֵייסְט נִיט טָאמוֹר הָט עֶר תְּשׁוּבָה גְטָאן · בּוּסְטוּ אִים מְחוּיָיב דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת אָבֶּר אַז דוּ ווֵייסְט גְוִויס אַז עֶר הָט נָאךְ קַיין תְּשׁוּבָה נִיט גְטָאן מָאגְסְטוּ אִים דַן זַיין לְכַף חוֹבָה · אוּנ אוּם פַיינְט הָאבְּן אַזוֹ אוֹךְ זָאגְט דִיא גְמָרָא אֲפִילוּ דוּ זֶעהְסְט אַתַּלְמִיד חָכָם אַיין עֲבֵירָה טָאן · טָארְסְטוּ אוֹף אִים קַיין בַּייז נִיט גֶדֶענְקְן דֶען עֶר הָט בְּוַדַאי תְּשׁוּבָה גְטָאן :

אוּנ דֶר וָוס אִיז אִים יוֹא חוֹשֵׁד · אוּנ גֶדֶענְקְט אוֹף אִים בַּייז · קוּמֶן אוֹף אִים יְסוּרִים · אַז וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (הַחוֹשֵׁד בִּכְשֵׁרִים לוֹקֶה בְּגוּפוֹ) דֶר וָוס אִיז חוֹשֵׁד אַפְרוּמֶן מַאן · דֶער וֶוערְט גְשְׁלָאגְן אִין זַיין גוּף · דֶען דָס אַלְס קוּמְט פוּן שִׂנְאָה דְרוּם טְרַאכְט עֶר אוֹף אִים בַּייז תָּמִיד · אַז וִויא אִיךְ הָב אוֹבְּן גְשְׁרִיבְּן פוּן וַואנֶן עָס נֶעמְט זִיךְ פוּן גַאֲוָה דֶען דֶער בַּעַל גַאֲוָה הָט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם נִיט · אוּנ מֵיינְט קֶען טוּט אִים תָּמִיד דֶר ווִידֶר זַיין כָּבוֹד · אוֹךְ רָאזְט עֶר אַוֶועק פוּל מִצְוֹת פוּן זַיין גַאֲוָה וֶועגְן · נָאךְ מֶער בְּרֶענְגְט אִים זַיין גַאֲוָה · דָס עֶר פַאר שְׁווַייגְט נִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן אוּנ וִויא בַּאלְד מֶען רֶעט אִים אַוָוארְט · מֵיינְט עֶר מִירֶעט אִים דֶר ווִידֶר זַיין כָּבוֹד דְרוּם פַר דְרוּסְט עָס אִים · אוּנ עֶר קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי לַייטְן · נָאךְ מֶער בְּרֶענְגְט אִים זַיין גַאֲוָה · דָס עֶר אִיז קֵיינֶם נִיט מוֹחֵל אוֹף אַלוּם וָוס עֶר הָט קֶוגְן אִים גִזוּנְדִיגְט מִיט רֵייד מִיט הַשָּׂגַת גְבוּל אוֹדֶר מִיט אַנְדֶר זַאךְ אוּנ הַאלְט דִיא שִׂנְאָה בַּייא זִיךְ אוּנ ווִיל אוֹךְ יֶענֶעם קַיין מְחִילָה נִיט בֶּעטְן פוּן זַיין גַאֲוָה וֶועגְן אָבֶּר דֶר וָוס אִיז אַיין יְרֵא שָׁמַיִם אוּנ



ברענגט

בדענקט זיך איך האב דאך גאט אופט דער ווידר געטאן · נוא וויא זאל ער עם מיר מוחל זיין · אז איך וויל יענום ניט מוחל זיין אזו וועט ער פון זיך בודאי אראפ ווארפן די גאוה :

אוך דר גאוותן לייגט אויסלוכן אום צו בייזן · אבר דר עניו איז אויסלוכן דן (לכף זכות) : דרוף איז פר האנדן · דרייא מעשיות איין מעשה אמאל הט זיך איין ארוכאן פר דונגן ביי איין עושר אוף דריי יאר · איז זיין צייט אום גגאנגן אום ערב יום כיפור · זאגט ער מיין לובר בעל הבית גיב מיין שכר · דען איך וויל פארן אהיים · זאגט דער בעל הבית איך האב קיין געלט ניט זאגט ער גיב מיר בהמות · זאגט ער איך האב קיין בהמות אוך ניט זאגט ער גיב מיר פעלדיר זאגט דר בעל הבית איך האב קיין פעלדור אוך ניט · זאגט ער גיב מיר קליידר אודר בעט גוואנט פר מיין שכר · זאגט ער איך האב קיין שום זאך דיר ניט צו געבין · אזו איז ער געגאנגן אהיים גגאנגן מיט טרוארוג גמיט · און הט ניט גבראכט אפילו קיין פחות משוה פרוטה · נאך יום טוב הט דר בעל הבית אן גלאדן דריי אייזלין מיט עסן שפייז און געלט און קליידר און האט עם גבראכט דעם ארוכאן און פרעגט אים וויא האסטו מיך דן גוועהן זאגט ער איך האב מיר גדאכט טאמור האסטו מקדיש גוועהן אלם ווס דו האסט · זאגט ער מיזאל דיך אוך דן זיין צו זכות פונם הוטל ווי דו האסט מיך דן גוועהן :

נאך אמעשה אחסיד הט אמאל אום גלייזט אמוד פון דר תפיסה · אוף דער נאכט הט ער זוא גלייגט ביי זיך צו פוסן · אין דער פרוא האט ער זיך גטובלת · און פרעגט זיינו תלמידים וויא האט איר מיך דן גוועהן · זאגון זייא מיר האבון אייך דן גוועהן לכף זכות · זאגט ער גאט זאל אייך אוך דן זיין לכף זכות · נאך איי מעשה · (רבי יהושע בן חנניה) איז גגאנגן צו אזונה וויא ער איז גקומן פר איר הוז · הט ער אום גטאן זיינו תפילין · און גייט אריין צו איר און מאכט צו די טור · דער נאך איז ער ארוס גגאנגן · און הט זיך גטובולת און לערונט מיט זיינו תלמידים · הט ער זיי גפרעגט ווי הט איר מיך דן גוועהן · זאגון זיי מיר האבון אייך דן גוועהן צו אלום גוטן · זאגט ער עס איז אמת ! גאט זאל אייך אוך דן זיין לכף זכות פונם הוטל · דרום זאל זיך אויסלוסט אפ לערנון פון די דריי מעשיות · דס ער זאל אויסלוכן דן זיין לכף זכות :

אוך זאגט די גמרא דער ווס בגייאט זיך ערלוך מיט זיינו שכנים · און דר ווס לייאט דיא ארמו לייט אין זייערו נוטון · און דער ווס נעמט זיין שוועסטור טאכטור דר אווייב · אוף זיי איז גזאגט דר פסוק · וועון דו וועסט גאט אן רופן וועט ער דר הערון דיין תפלה · אמאל האט איינר מבזה גוועזן אחסיד הט דער חסיד גנומן אשוסל מיט גוטי פירות · און האט אים גשוקט · און בפעלט צו אים דם שיק איך דיר דרום וויל דו האסט מיך מכבד גוועזן מיט דיין חלק גן עדן · דאס איך האב בקומן וויל דו האסט מיך מבייש גוועזן · דרום זאל אויסלובר גווארנט זיין דרוגן · אוך טואן מיר דרוף דריי מאל אין טאג תפלה · דס מיר זאלון שטול שווייגון און קיינום ניט מבזה זיין אז וויא מיר זאגון (אלהי נצור לשוני מרע ושפתי וכו') מיין גאט היט מיין צונג פאר בייז · און מיינו לעפצון פון צו ריידון בייזו רייד · און צו די אלו ווס שעלטון מיך זאל מיין לייב שווייגון · און מיין לייב זאל זיין ווי ערד צו אויסלוכן מענטשון דען זענון די גוטו מלאכים זיינו מליצים · און זאגן צו גאט זעה ווי ער הט מוחל גוועזן צו די לייט ווס האבון אים פול בייז גטאן · אזו גהערסטו אים אוך מוחל צו זיין :

אזו אי מיר גפונן דס (רבי אליעזר) האט תפלה גטאן אוף רעגון · איז זיין תפלה ניט אי גנומן גווארון · דר נאך הט (רבי עקיבא) תפלה גטאן און הט גזאגט (אבינו מלכנו חטאנו לפניך) דא איז גקומן א רעגון · איז אראפ גגאנגן איין (בת קול) פונם הוטל איר זאלט ניט מיינון דער איז פרומר פון דעם נאר וייל דר איז אויסלוכן, מוחל דרום איז זיין תפלה דר הערט גווארון און (רבי אליעזר) איז ניט מוחל · דרום איז זיין תפלה ניט דר הערט גווארון דרום אוך ווען ישראל זענן אייגם און זענון מוחל איינם דם אנדרו און עס איז צווישון זיי קיין קריג ניט פאר האנדון זאגט אוף זייא דר פסוק (למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך) פון וועגון מיינו ברודר און גזעלון וועל איך ריידון

ילים צווישן דיר אונ גאט וועט אונז מאן אלו טובות אונ נחמות וואס די נביאים האבן געזאגט · אונ ער וועט אונז שוקן משיח · אונ וועט אונז דער לייזן אוס דעם גלות במהרה בימינו אמן :

סליק פרק אהבת חברים וגמילות חסדים

# ענין הכעס והחמה שלא לכעוס פרק חמשה עשר

דר פופצעטר פרק רעט דר מענטש זאל ניט זיין אין כעס · דען פון קיין כעס קומט קיין גוטס ניט : שכל אדם האריך אפו (ותפארתו עובר על פשע) דר שכל פונם מענטשן איז ער זאל דר לענגרן זיין צארן · אונ זיין שיינקייט איז ער זאל איבר פארן אוף דיא זונד אז ווי מיר געפונן ביא יצחק אבינו ע"ה דס אבימלך הט אים אוועק געטריבן · דר נאך אז ער איז צו אים גקומן הט ער אים מכבד גוועזן אונ הט אים ניט גוואלט קיין בייז בצאלן אזו אוך יוסף הצדיק · זיינע ברודר האבן אים פר קופט · אונ ער האט זייא גשפייזט אונ ערליך גהאלטן · עס איז אוך אמאל גוועזן א חסיד · אלו נאכט איידר ער האט זיך גלייגט שלאפן האט ער אזו גזאגט · דא בין איך מוחל אוטליכן מענטשן וואס הט מיר דר ווידר גטאן · דס ער זאל קיין עונש ניט ליידן דורך מיר אוך זאגט די גמרא דרייא זענען וואס גאט הט ליב · דר וואס ווערט ניט ברוגז · אונ דר וואס שיכורת זיך ניט אן · אונ דר וואס איז מוחל אוטליכן מענטשן (רב אדא) הט גלעבט עטליכע הונדרט יאר האבן אים זיינע תלמידים גפרעגט לובר רבי דורך וואס פר אזכות הט איר זוכה גוועזן אזו אלט צו ווערן זאגט ער איך האב קיין מאל ניט גצערנט אין מיין הוז · אוך בין איך ניט גגאנגן פרור פר דעם וואס איז עלטור אודר קעסטליכר גוועזן פון מיר אוך האב איך ניט מהרהר גוועזן אין דר תורה אוף איין אום ריין אורט · אוך איך בין ניט גגאנגן פור איילן אן תורה אונ תפילין · אונ איך האב ניט גשלאפן אין שול אונ אין בית המדרש · איך הב מיך ניט גפרייט אין דער צרה פון מיין חבר אוך האב איך קיינום ניט גרופן מיט קיין צו נאמן :

דרום זאל אוטליכר מענטש גווארנט זיין ניט צו זיין אין כעס · דען אין דעם בעל כעס גוועלטיקן אלו מיני גיהנם אוך קומן אוף אים פול קרענק · נוא פר זונדיגט ער דיא וועלט אונ יענע וועלט · רבי יונתן זאגט עס קומן פול קרענק אוף איין רגזון · אז וויא דר פסוק זאגט (ונתן לך ה' לב רגז וכליון עינים ודאבון נפש) גאט וועט דור גובין אצערונגדיג הארץ · אונ פאר בלענטו אויגן אונ ווייטאג צו דיין לייב · (אבא בר הונא) זאגט דר וואס איז אופט אין כעס איז אפילו דיא שכינה ניט גאכט אין זיינע אויגן אז ווי דר פסוק זאגט (רשע כגובה אפו בל ידרוש אין אלהים כל מזימותיו) דר רשע אובר זיין הוך צארן פארשט ער ניט אין גאט מיט אלו מחשבות · (רבי ירמיהו) זאגט ער פר געסט אוך זיין תורה · אונ ווערט נאריש אז ווי דר פסוק זאגט (כי כעס בלב כסילים ינוח) דען דר כעס רואט אין הארץ פון דו נארן אונ רשעים :

רבי נחמן זאגט ווער עס איז אבעסן זאלפטו וויסן דס זיינו עבירות זענען פול מער פון זיינו מצות אז ווי דר פסוק זאגט (ובעל חמה רב פשע) · דר צארנדיגר מענטש האט פול זונד · נאך זאגט די גמרא תמיד זאל אמענטש ניט צארנג זיין ווי (שמאי) נאר אזו ווי (הלל) הט קיין מאל ניט גצערנט אמעשה איז גוועזן איינר הט זיך גוועט צו הונדרט גולדן · דס ער וועט קענגן (הלל) אין כעס אריין ברענגן · אמאל אום ערב שבת שפעט · הט זיך דר (הלל) גצוואגין קומט ער צו גיין אונ הט גרופן צוויי מאל (הלל) איז אין דער היים · איז הלל אין דער היים · הט ער זיך פר בונדן זיין קאפ · איז גשווינד ארוס גגאנגן צוא אים · אונ זאגט צוא אים מיין זון וואס ווילסטו זאגט ער איך האב עפוס צו פרעגן · זאגט הלל פרעג · פרעגט ער אים פר וואס האבן דיא לייט פון בבל גלאטו קעפ · זאגט ער דו האסט גפרעגט אגרוסו זאך · דס איז דרום ווייל זיי זענען ניט קלוג אין אנייילו ארום הט ער ווידר גשרוגן איז (הלל) אין דער היים איז ער ווידר ארוס גגאנגן הט ער ווידר גפרעגט עטליכי מאל אזעלכו זאכן לסוף זאגט ער איך האב פול קשיות צו פרעגן נאר איך פארכט מיך דס דו וועסט ברוגז ווערן · זאגט הלל פרעג מיין זון וואס דוא ווילסט · איך וועל דא בלייבן שטיין · הייבט אן דר מענטש · אונ זאגט דו בוסט עס דער הלל דר נשיא פון ישראל ·

זאגט ער וואס פרעגסטו דען זאגט ער איך האב פר שפילט אובר דיר פור הונדערט גילדן דאס איך האב דיך ניט געקענט ברוגז מאכן · זאגט הלל זיי זייער געווארנט מיין זון ניט צו זיין אין כעס ער איז וואול ווערט הלל · דאס דוא זאלסט פאלורין הונדערט · אונ פור הונדערט גולדן · אונ הלל זאל ניט צערנן :

נאך אמעשה איין עובד כוכבים איז געקומן צו (שמאי) אונ זאגט צו אים וויפיל תורות האט איר ישראל זאגט ער צוויי תורות · תורה שבכתב · אונ תורה שבעל פה · דס איז (משניות) אונ (גמרא) זאגט ער זייא מיך מגייר אין דר תורה שבכתב וויל איך גלייבן · אונ אין דר תורה שבעל פה וויל איך ניט גלייבן אזו הט אים (שמאי) אשטום געגבן מיט זיין שטעקן · איז ער געקומן צו הלל האט ער אים יוא מגייר געוועז · אונ הט מיט אים אן געהובן צו לערנן (אב גד הו) אין דער פרוא לערנט ער מיט אים פר קערט (והדגבא) זאגט ער נעכטן האסטו מיט מיר אנדורש גלערנט זאגט הלל דו מעגסט מיר גלייבן איך קען מיט דיר לערנן · בקיצור דער גר איז געווארן איין (גר צדק) · נאך אמעשה איין עובד כוכבים איז דורך געגאנגן הונטר דעם (בית המדרש) הט ער געהערט דס איינר לערנט מיט זיין תלמיד (ואלה הבגדים) זעלכו קליידר זאל מען מאכן דעם כהן גדול אונ דער עובד כוכבים הט בגערט צו זעלכו קליידער אזו איז ער געקומן צו (שמאי) · אונ זאגט זייא מיך מגייר אונ מאך מיך פאר איין כהן גדול · הט ער אים אשטום געגבן מיט זיין שטעקן דר נאך איז ער געקומן פר (הלל) הט ער אים יוא מגייר געוועזן · דר נאך הט ער געוואלט מיזאל אים מאכן פר אכהן גדול · זאגט (הלל) צו אים עס קען ניט זיין בוז דו מוזט פרור לערנן אלו דינים פון איין (כהן גדול) · אז ער איז געקומן צו דעם פסוק (והזר הקרב) איין פרעמדר וואס איז ניט פון זרע (אהרן הכהן) אז ער גנעהנט צו טאן די עבודה קומט אים מיתה · פרעגט דר גר אוף וועמן גייט דער פסוק זאגט הלל אפילו אוף (דוד המלך) זאגט ער מכ״ש איך בין פון עובדי כוכבים בין איך בוודאי ניט ראוי אריין צו גיין אין בית המקדש אריין אודער דיא עבודה צו טאן · דער נאך איז ער געווארן אגר צדק · אמאל איז ער געגאנגן צו (שמאי) אונ זאגט צו אים ווארום האסטו מיר ניט געזאגט אז איך קען ניט זיין קיין (כהן גדול) דיין צארן הט מיך שיעור אום געבראכט פון דר יודישר אמונה אונ דו ענוה פון הלל האט מיך יוא געבראכט דר צו פיל ברכות זאלן קומן אוף זיין קאפ :

אמאל זענן זיך אלו גרים צוזאם גקומן בנאנדר אונ זאגן איינס צום אנדרן דר כעס פון שמאי הט אונז שיער אום גבראכט פון אונזר אמונה דרום זאל אוטלכר געווארנט זיין ניט צו זיין אין כעס · אוך זאגט די גמרא דס דריי מאל שטייט אין דר תורה דס משה רבינו ע״ה איז ברוגז געוועזן אזו הט ער זיך טועה בדין געוועזן · נוא מכ״ש אנאנדר מענטש · דרוף זאגן די חכמים ז״ל דר כעסן איז גלייך וויא אמשוגע · בפרט ווער עס מאכט עפוס כליה אודר ער שלאגט זיין קונד אין כעס האט ער בוודאי גרוס עונש דר פאר די חכמים גלייכן די זאך צו אמענטשן וואס טראגט אין איין האנט אכלי מיט גוטן אייל אונ אין דר אנדרור האנט אכלי מיט וואסור אונ ער דארף גייטונג אום לייזונג אהאנט אזו גוט דאך מיט דר שכל ער זאל אוועק ווארפן די כלי מיט וואסור אונ דעם אייל זאל ער האלטן · אונ דר וואס טוט פאר קערט איז ער דאך אגרוסר נאר אונ איין משוגע אזו איז דס אוך · ער זאל איין האלטן זיין כעס וואלט ער געקענט האבן עולם הבא · אז ער טוט אבר פר קערט פאלורט ער עולם הבא אונ האלט ביי זיך דס בייז · דא האבן די חכמים ז״ל איין קעסטלוכו עצה געגבן ווי אזו מיזאל פון זיך אראפ ווארפן דעם כעס דס מיזאל גרעדנקן אין טוט ווי אובן שטייט · אזו אוך ווען איינר וויל תשובה טאן אוף זיינו עבירות אונ איז אוף זיך מקבל תענית אז ער זאל נאר איין מאל איין האלטן זיין צארן פון גאטס וועגן איז גלייך ווי ער וואלט געפאסט אונ וואלט זיך סיגופים אן געטאן דען הקב״ה איז אים מוחל אלו זיינו עבירות דרום זאגן דוא חכמים ז״ל איידער מיזאל לײידן שווערי יסורים בעסור זאל מען לײידן די גרונגו יסורים פון כעס אוף האלטן אוך דס איז אים ניט מבטל פון זיין לערנן אונ דאוונן ניט · ער דארף פאר הערן אונ פר זעהן דורך דעם ווערן אים פר געבן זיינו עבירות אונ ער בקומט די זכיות פון יענעם וואס איז אים מבזה :

אונ יעגער בקומט דם גיהנם :

דרום האבן די חכמים ז"ל גזאגט ווער עס וויל אין זיך האבן די בעסטו מדה פון אלו מדות דם איז די ענוה · צום ערשטן מוז ער פון זיך אפ טואן דעם כעס · דען איין רגזן אפילו ער האט שון תשובה גטאן ווייפיל יאר פאר דארבט ער זוא מיט אמאל כעס · דם זוא איז פאר גישט גרעכונט דר (ראשית חכמה) שרייבט ווער עס וויל רעכט תשובה טאן זאל ער אשבועה טאן ניט צו זיין אין כעס · אונ אוב ער וועט פאר געסן דיא שבועה זאל ער זיך אקנס מאכן צו גובן אין צדקה אריין · אז ער וועט זיין אין כעס · אבר אז ער זעהט איינם איין עבירה טאן אזו וואלט ער דאך גמעגט ברוגז ווערן ווייל עס איז פון נאטס וועגן נאר ער מאר דאך ניט עובר זיין די שבועה · דרום זאל ער זיך שטעלן גלייך ווי ער איז ברוגז אזו זאל ער זיך נוהג זיין עטלוכו יאר · ביז ער וועט בקומן אין זיך די מדה פון ענוה · אין איין תענית איז דר מענטש גרונג ברוגז צו ווערן דרום זאל ער זייער גווארונט זיין דען דענמאלט איז ערגור וויא אין אנאנדר טאג · דען עס וואלט פול בעסור גוועזן ער זאל ניט פאסטן · אזו איז אוך דר דין אום שבת אום יום טוב · אזו אוך אז איינר הט ביי זיך אורחים דענמאלט איז אוך פיל גרעסור דיא עבירה פון כעס איידר אנאנדרט מאל · דען די אורחים מיינן ער מאכט דרום איין קרוג מיט זיין גזונד · כדי ער זאל אונז פטערן · דרום אוטלוכר מענטש ווס וויל האבן אין זיך יראת שמים · זאל ער פון זיך אפ טואן די ביזו מדה אזו וועט אים גאט מציל זיין פאר אלו ביזו פורעניות אונ יסורים אונ פר איין מיתה משונה · אונ פר דעם גיהנם · אונ ער האט שלום אויף דער וועלט · אונ אויף יענור וועלט אונ קומט מיט שלום אין גן עדן אריין אז ווי דר פסוק זאגט (או יחזיק במעוזי יעשה שלום לי) :

סליק פרק הכעס והחמה

# הלכות שלא לספר לשון הרע וניבול פה פרק ששה עשר

דר זעכצוטר פרק רעט מיזאל ניט ריידן קיין לשון הרע אונ (ניבול פה) :

לכו בנים שמעו לי יראת ה' אלמדכם מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה) גייט קונדר הערט מיך צו איך ווער אייך לערנן די יראה פון גאט ווער איז דר מענטש ווס וויל לעבן בעוה"ז ובעוה"ב · אונ ער הט ליב צו זעהן גוטס אין זיינו טעג · הוט דיין צונג פון לשון הרע · אונ דיינו לעפצן פון צו ריידן שאלקאפטוקייט · מעשה איין גוויר"ץ קרעמיר איז ארום גפארן פון אשטאט צו דער אנדרור אונ הט אזו אום גשרוגן ווער וויל קופן דם לעבין · ביי מיר איז דא קרייטוכצר פון, אייבוג לעבן אז דו טאכטור פון (רבי ינאי) הט אים דר הערט אזו שרייאון איז זוא גקומן פר איר פאטור · איז ער גגאנגן צו דעם מענטשן אונ זאגט אים פר קויף מיר דיינו קרייטוכצר זאגט ער צו אים די פר קופסט זעלבסט אוך די אייגנו קרייטוכץ · פרעגט אים (ר' ינאי) ווס איז דאס זאגט ער זאגט דען ניט דר פסוק (מי האיש החפץ חיים אוהב וגו) נון זעהן מיר וואל אז דם לעבין הענגט אין דר צונג אין מול פונם מענטשן אזו אוך זאגט דר פסוק (מות וחיים ביד הלשון) דר טוט אונ דם לעבן הענגט אין דר צונג · ווען דר מענטש רעט גוטי זאכן הט ער דם לעבן · אונ פר קערט הט ער דעם טוט · אז ווי דר פסוק זאגט (שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו) ווער עס הוט זיין מול אונ צונג · הוט ער פון צרות זיין ליב · דען די צונג איז גלייך ווי אהאנט דרום זאגט דער פסוק (מות וחיים ביד הלשון) אזו ווי די האנט קען אום ברענגן אמענטשן · אזו איז אוך דיא צונג אונ די צונג איז נאך פול ערגור דען די האנט קען ניט טייטן איין מענטשן סיידן זוא איז נאהונט צו אים · אונ בגרייפט אים אבער די צונג קען טייטן פר הונדרט מייל · דרום זאגט דר פסוק (חץ שחוט לשונם מרמה דבר) אז וויא אפייל אזו טוט קולן די צונג ווס רעט שאלקאפטוקייט אונ לשון הרע קען טייטן אמענטשן אפילו ער איז פר הונדרט מייל אז ווי דר פסוק זאגט (שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ) זיי טואן אין הומל זייער מול אונ זייער צונג גייט ארום אויף דר ערד כלומר לשון הרע גייט אזו ווייט ווי פון הומל צו דר ערד :

נאך אפשט איז זיי טואן זייער מול אין הוטל כלומר זיי ריידן פון גרוסו לייט אונ זייער צונג גייט ארום אויף דר ערד · כלומר זיי ריידן אפילו פון שאפלו לייט דען דר וואס גווינט זיך צו ריידן לשון הרע · רעט ער פון אלו לייט גלייך · אויף גוטו אונ שלעכטו אויף גאהונטו אונ ווייטו אונ מאנזבלון אונ ווייבור · אויף יונגו אונ אלטו · (כמה) וויא זייער גרוס איז דר עונש פון דיא וואס ריידן לשון הרע · לא די זיי פאר זונדיגן זייערו טעג · אונ עולם הבא אויך נאר זיי פר זונדיגן נאך זייערו ווייב אונ קונדר · אונ אז איין אשה רעט לשון הרע · פאר זונדיגט זוא איר מאן אונ קונדר אונ קומן אום פון זייער גוטס אפילו דער וואס הערט נאר צו לשון הרע טוט אויך גרוס עונש ליידן דרום הט גאט בשאפן די לעפלוך צום אויער דס אז איינר וועט הערן ריידן בייזו רייד זאל ער דער מיט פאר שטעקן די אויערן · אונ דרום זענון די פינגר שפיצוג כדי מ'זאל זיי קענן אין אויער אריין טאן ניט צו הערן קיין בייזו רייד :

**ראש** ארבוקייט פון דר עבירה פון לשון הרע לערנון מיר אפ פון מרים הנביאה זו הט גרעט אויף איר ברודר משה רבינו ע"ה · חאטשו איר כוונה איז דאך גוועזן צו גוטן אים אונ זיין ווייב דאך איז זוא פארט גשטראפט גווארון מיט צרעת · נוא ווי גרוס איז דר עונש פון דעם וואס איז זיך מתכוין צו ריידן בייזו רייד · אונ לשון הרע · דרום גהער זיך אויטלוכר הוטן דר פר דא וועט איך בשיידן וועלכוס הייסט לשון הרע ווער עס רעט פון דו לייטון אין דעם הוז לעבט מען וואול אין דעם הוז קאכט מען וואול אין דעם הוז עסט מען וואל אודר מען גייט אין שיינה קליידר וויא נעמון דס אלס די לייטון · אודר ער זאגט יענור הט שלעכטץ גטאן אודער ער זאגט דו קענסט דעם ניט · זאלסטו אים אזו קענון וויא איך וואלסטו זיך פאר וואונדרט · אודר רעט גלייכון נאך וועלכו רייד דס איז אייטל לשון הרע · קורץ פון דער זאך וואס איינר רעט פונם חבר אז ער הערט ניט הייסט לשון הרע רכילות הייסט אז איינר קומט צו זיין חבר אונ זאגט דס אונ דס האט דיר יענור גטאן · אודר גרעט אויף דיר דער פון קומט רציחות ר"ל בפרט אז מיט זיין לשון הרע אונ רכילות איז ער מזיק זיין חבר · הט ער בודאי קיין חלק לעולם הבא ניט די עבירה פון לשון הרע איז ארבור פון אלו עבירות וואס שטייאן פר באטון אין דער תורה. אויך איז גאט גיכר מוחל דיא עבירה פון זנות מיט איין אשת איש · איידר די עבירה פון לשון הרע · אז ווי מיר געפונן אין דער גמרא דוד המלך איז געזעסן ביי די סנהדרון אונ די סנהדרון האבון גלערנט אגדרו הלכות · דא האבון זיך אן גרופן (דואג אונ אחיתופל) ווער עס איז מזנה מיט איין אשת איש וואס פר אמיתה קומט אים אונ זייער כוונה איז גוועזן דוד המלך מבייש צו זיין זאגט דוד צו זיי דער וואס איז מזנה מיט איין אשת איש קומט אים חנק אבר ער הט דאך אחלק לעולם הבא · אבר דר וואס רעט לשון הרע · אונ איז מבייש זיין חבר · דר פאר לורט עוה"ז אונ עוה"ב · אונ אויף אלו עבירות פון דער תורה דר לענגורט הקב"ה זיין צארון · טאמור וועט ער תשובה טאן · אונ אויף לשון הרע שטראפט ער אים באלד אויף דר וועלט אין זיין לייב אונ גוטס אונ אויף יענור וועלט שטראפט ער זיין נשמה אונ אפילו די לייט וואס זוצן לעבון אים אונ שטראפון אים ניט דרוף וועלון אויך עונש ליידן :

**דרום** זאל מען אים אן שרייאון דו רשע רייד ניט פון די לייטון · אונ אז ער קערט זיך ניט דר צו זאל מען פון אים אנטלופון אונ אוב עס איז אזו אמענטש וואס מ'האט מורא פון אים צוא אנטלופון זאל מען צו מאכון די אויערון · אונ בעו"ה אצונדרט אין אונזרי דורות איז דאס לשון הרע אונ רכילות זייער נתרבה גווארון דרום האבון די חכמים איין עצה גגעבן ווי מ'זאל בהוט ווערון פון דער גרוסר עבירה אויטלוכר מענטש זאל זיך גווינון ווייניג צו ריידן · אזו וועט ער זיך ניט אום ריידן קיין שלעכטץ · אויך שטייט אין פרק (רבי שמעון) זאגט אלו מיינו טאג בין איך אויף גצוגן גווארון צווישן תלמידי חכמים האב איך קיין בעסרו מדה ניט געפונן אז שווייגן אויך האט שלמה המלך גזאגט (גם אויל מחריש חכם יחשב) אנאר זייבר שווייגט איז ער אויך גרעכנט פאר אחכם · אונ ווען איינר גווינט זיך אין שווייגן ווערט ער בשירמט פר לשון הרע אונ (רכילות) אונ ניבול פה) אונ פאר פול עבירות אונ תורה (ניבול פה) קומט פול בייז אויף שונאי ישראל ר"ל · אונ

ווי די גמרא זאגט דאס פון עבירות דר גייאן זיך אלע טאג איבר (ניבול פה):

רב נחמן זאגט אויטלויכר מענטש ווייסט וואול ווארום די חתן אונ כלה גייאן הונטר דר חופה · נאר דער וואס רעט (ניבול פה) פאלורט ער עולם הבא אונ אפילו עס איז אויף אים נגזר געווארן פול גוטס פר זיבציג יאר ווערט עס פאר קערט צו בייזן · (רבה בר שילה) זאגט פון וועגן (רב חסדא) מען מאכט אים אויך אטיף גיהנם אז ווי דר פסוק זאגט (שוחה עמוקה פי זרות זעום ה׳ יפול שם) אטיף גיהנם מאכט מען דעם וואס רעט פרעמדי רייד אונ (ניבול פה) דר וואס דער צערונט הקב״ה וועט אהין אריין פאלון · די גמרא זאגט אין (שבת) פון וועגן דער עבירה פון ניבול פה קומן אויף שונאי ישראל פול צרות אונ בייזי גזירות אונ דיא קינדר שטארבין ר״ל · אונ די יתומים אונ אלמנות שרייאן אונ קיינר ענטפורט זיי ניט אז ווי דער פסוק זאגט (על כל בחוריו לא ישמחו גו׳) זעה דאך דיא גרוסי עבירה וואס דר מענטש טוט מיט זיין מויל אונ צונג:

דרום איז ראוי דער מענטש זאל זיך וואול בדענקן איידער ער לאזט ארוס אוווארט פונם מויל ער זאל בעסור אום גובין פול געלט אויף אים נצלוכי זאכן איידר ער זאל ריידן אום נוצליכו רייד דען געלט קאן מען ווידר געווינן · אבר קיין ווארט קאן מען ניט צריק האפן · סיידן דורך גרוסי תשובה דען אויטלוכם ווארט וואס דער מענטש רעט ווערט איין געשריבן אין אבוך · אונ אויך רעט ער אגוט ווארט ווערט דרויס אגוטר מלאך אונ פון אשלעכט ווארט ווערט אשלעכטור מלאך אונ זיי בצאלן אים זיין שכר אונ עונש די חכמים ז״ל שרייבן דם מויל איז נאר באשאפן געווארן גאט צוא לובן אונ תורה צו לערנן אונ מצות צו טאן · אז וויא איך וועל דא עס בשיירן · דס איז דאך ידוע דם גאט הט זיך אום דר וועלט אין זיבנטון שבת איז דר זיבטר טאג שמיטה איז דאש זיבטו יאר · יובל איז די זיבטו שמיטה אויך דם זיבטו מוזגט יאר אז ווי אובן שטייט אין הלכות שבת אזו אויך דם מויל איז די זיבטו כלי עס שטייט צווישן צוויי אויגן אונ צווישן צוויי אויערן אונ צווישן צוויי נאז לעכור · אונ דם מויל איז דם זיבטו · דרום הט עס גאט אוס דר וועלט מיואל אים דר מיט לובן · אזו אויך אין מויל הט ער באשאפן צוויי כלים איינס גהער צו דעם גוף דאס איז דר (ווסט) · דם אנדרו גהער צו דער נשמה · דאס איז דער (קנה) · דאס ער איז באשאפן געווארן נאר צו אייטול נעטלוכי זאכן · צו תורה אונ מצות · אונ גאט צו לובן נוא וועז איינור איז מטמא זיין גוטו כלי מיט בייזו רייד · וו א גרוס אונ הארב איז דיא עבירה · אויך האט שלמה המלך ע״ה גזאגט (ברוב דברים לא יחדל פשע) דורך פול רייד ווערט ניט פר מיטן דיא זונד דם עס איז ניט גמאלט ער זאל זיך ניט אום ריידן קיין לשון הרע אונ רכילות אונ (ניבול פה)· אונ ליגן אונ חניפות · אויך האבן די חכמים ז״ל גזאגט (וכל המרבה דברים מביא חטא) ווער עס מערט רייד ברענגט ער זונד דען עס איז ניט גמאלט עס זאל ניט אום ריידן קיין לשון הרע · אונ בלוז איז דאך (דברים בטלים) אויך אגרוס הארבי עבירה:

דרום האבן די חכמים ז״ל גזאגט (יחוסותה דבבל שתיקותה) דער יחוס פון בבל איז שווייגן אבר דער וואס רעט פול דארף מען אים וואול בודק זיין אוב ער איז אמיוחס בפרט דר וואס איז זיך מתכבד מיט דר שאנד פון זיין חבר · אודר ער ווארפט אים אום אשם רע · זאלטו וויסן אז ער הט די זאך אין זיך זעלבערט רופט ער אים ממזר איז ער בוודאי זעלבערט איין ממזר רופט ער אים רשע איז ער זעלבסט ארשע · רופט ער אים גנב איז ער זעלבסט אגנב · אונ אזו אויך אלו זאכן (כל הפוסל במומו פוסל) דר וואס פסלת יענום מיט אמום · איז ער בוודאי זעלבסט פסול מיט דעם מום אויך האבן די חכמים ז״ל גזאגט דר רבי זאל לערנן מיט זיינו תלמידים מיט אקורץ לשון · נון איז דאך שון אכ״ש אונ ק״ו דם מיטאר ניט ריידן קיין אובערגו רייד אפילו אין דר תורה:

די לייט האבן גפרעגט אחכם פר וואס שווייגסטו תמיד האט ער געענפרט איך רייד ניט מער נאר אין תורה אונ מצות אונ אין דאווענן · אבער ניט אין אנדרי זאכן · אויך זאגט דיא תורה פון פור ארלייא זאכן וועגן זענן ישראל אום גלייזט געווארן פון מצרים · אונ איינס דער פון דם קיין לשון הרע איז ניט גווען צווישן זיי · (והא ראיה) גאט הט גזאגט צו משה רבינו ע״ה זיי זאלן אנטלייאן

אמענטש פון זיין חבר · אונ אשה פון איר גזעלן · זולבר אונ גאלד אונ אבנים טובות אונ קליידר אונ דס איז ביי זייא בסוד געוועז אגאנץ יאר · אונ קיינר הט זיי ניט פאר מסרת · דרום דארפן מיר אויך זיך אפ גוויינן פון בייזו רייד · דר דורך וועט קומן די גאולה · וועד עס איז דרונן גווארונט ווערט בהיט פאר צרות · אונ בייזו בגעגנש אז וויא דער פסוק זאגט (שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו) · אונ אויך האט ער לאנג לעבן אונ אייטל גוטי טעג · אז וויא דער פסוק זאגט (מי האיש החפץ חיים וגו׳) אז ווי אובן שטייט :

סליק פרק לשון הרע ורכילות וניבול פה

# ענין חניפות ליצנות שקרים פרק שבעה עשר

גם הוא לי לישועה כי לא לפניו חנף יבא) גאט יתברך וועט מיר אויך זיין אין מיין היליף דען פאר אים קומט ניט דר בעל חניפה (רב חסדא) זאגט פון (רבי ירמיהו) וועגן פיר כיתות קומן ניט אין דר מחיצה פון גאט · כלומר פר דער שכינה · די בעלי חניפה אונ בעלי שקר אונ בעלי לשון הרע · אונ ליצנים דר סימן דרויף איז (חשמל) (חנפנים · שקרנים מספרי לשון הרע ליצנים) די גמרא ברענגט דרויף פסוקים דריי זענען ווס גאט הט פיינט אחנפון ווס רעט מיטן מול אונ · דס הארץ איז ניט דר ביי אונ דר ווס ווייסט עדות צו זיין חבר אונ זאגט ניט · אונ ווער עס זאגט עדות איינר אליין דס זיין חבר הט מונה גוועזן · (רבי שמעון בן יוחאי) הט גדרשת ווס מיינט דר פסוק (אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב) וואול דעם מענטשן ווס גייט ניט אין וועג פון די רשעים · אין וועג פון די זונדיגו שטייט ער ניט · אונ אין דעם זוצונג פון שפעטורם זוצט ער ניט נאר דר פסוק ווייזט אונז אז דר ווס גייט אום מיט די רשעים · וועט ער דער נאך מיט זיי שטיין אונ זוצן · אויף אים זאגט דר פסוק (אם חכמת חכמת לך ולצת לבדך תשא) ביסטו אחכם אין דער תורה אונ מצות · איז דיין חכמה צו דיר זעלברט · כלומר עס איז קיינום ניט אזו גוט וויא דיר אז ווי די גמרא זאגט (רבא) הט גזאגט צו זיינו תלמידים איר זאלט ניט טרייבן קיין ליצנות · אזו וועט אויף אייך קיין יסורים ניט קומן :

רב קטינא) זאגט דר ווס טרייבט ליצנות ווערט גמונרט זיין שפייז אונ פרנסה · אז ווי דר פסוק זאגט (משך ידו את לצנים) גאט צוהט אוועק די פרנסה פון דער האנט פון די שפעטורס · לסוף קומט ער אין גיהנם אריין אז ווי דר פסוק זאגט (יום עברה היום ההוא) אונ (עברה) מיינט מען דעם גיהנם · (רבי יהושע) זאגט אבעל גאוה פאלט אריין אין גיהנם · (רבי תנחום) זאגט דער ווס טרייבט ליצנות · דר פאר לענגט די גאנצו וועלט · אז וויא דער פסוק זאגט (ואל תלוצצו כי כלה ונחרצה) איר זאלט ניט טרייבן קיין ליצנות · דען איר פאר לענגט די גאנצו וועלט (רבי אלעזר) זאגט דר ווס טרייבט חניפות פאלט אריין אין גיהנם אז ווי דער פסוק זאגט (הוי האומרים לרע טוב ולטוב רע ולבן כאכל קש לשון אש) וויא צו די לייט ווס זאגן צום שלעכטון מאן גוטס · אונ צום גוטען שלעכטץ פון חניפות וועגן · דרום וועלן זייא פאר ברענט ווערן וויא שטרויא אין דעם פייער פונעם גיהנם :

רבי אליעזר זאגט ווען איינר טרייבט חניפות צו איין מענטשן לסוף פאלט ער אריין אין זיין האנט אז (חנניה) דר (נביא שקר) האט פאלש נביאות גזאגט דם ישראל ועלון באלד דר לייזט ווערן פון בבל · אונ די כלי המקדש וועלן ווידר גבראכט ווערן קיין ירושלים · הט (ירמיהו) גזאגט (אמן) עס זאל אמת זיין נאר איך האב גהערט אנאנדר נבואה דס דיא אוברוגי כלים ווס זענען נאך דא וועלן אויך גנומן ווערן אונ די אוברגו ישראל וועלן נאך פאר טריבן ווערן אין גלות אריין דרום קערט אייך ניט צו דעם (נביאות שקר) אונ טוט תשובה · נון ווייל ער הט גזאגט (אמן) אויף זיין פאלשו נביאות · דס הייסט חניפות דרום איז ער גפאלן אין זיין האנט אריין · דס ער הט אים גנומן אין תפוסה אריין · אז וויא די גמרא זאגט (כל המחניף לרשע לסוף נופל בידיו) ווער עס חנפת ארשע לסוף פאלט ער אין זיין האנט אונ אז איין קהל חנפנון אמענטשן איז דם זעלבונו קהל מיאוס פר הקב״ה ווי אנדה אז ווי דר פסוק זאגט (עדת חנף גלמוד) :

רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא) זָאגְט זוּנְט דִּיא בַּעֲלֵי חֲנִיפָה זֶענֶען אוֹף גִשְׁטַאנֶען דָא פְּסָקוֹת מֶען פַאלְשׁוּ
דִּינִים · אוּנ אַלוּ דִי גוּטוּ מַעֲשִׂים זֶענֶען פַר דָארְבּוּן · אוּנ אֵיינֶר טָאר דֶעם אַנְדֶרוּן נִיט שְׁטְרָאפְן
אוּנ קֵיינוּר טָאר נִיט זָאגוּן צוּ זַיין חָבֵר יֶיענוּר אִיז בְּעָסוּר · אוּנ אַז דִיא בֵייזוּ מִדָה פוּן חֲנִיפוּת אִיז
צְוִוישֶׁן (תַּלְמִידֵי חֲכָמִים) אִיז נָאךְ פוּל עֶרְגֶער וִויא צְוִוישֶׁן (עַמֵי הָאֲרָצִים) אַזוֹא אוֹךְ הָאבּוּן גְזָאגְט
דִּי חֲכָמִים ז״ל דָר תַּלְמִיד חָכָם וָוס אִיז נִיט אִינְוֵויינִיג וִויא אוֹיסֶן וֵויינִיג כְּלוֹמַר זַיין הַארְץ מִיטֶען מוֹל
אִיז נִיט גְלַייךְ אִיז עֶר קֵיין תַּלְמִיד חָכָם נִיט (אַבַּיֵי) זָאגְט אַחוּנֶף הַייסְט (תּוֹעֵבָה) · אַזוּ אוֹךְ זָאגְט דִי
גְמָרָא · דֶר וָוס טְרַייבְּט חֲנִיפוּת אִיז אֶרְגֶער פוּן דֶעם וָוס דוּנְט עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים · דְרוּף אִיז פַר הַאנְדֶן
דְרַייא טְעָמִים · אֵיינְס דֶער וָוס דוּנְט עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים דוּנְט עֶר נָאר אֵיין עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים · אָבֶר דֶר
חוֹנֶף דוּנְט פוּל עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים · דָס עֶר חַנֶפְת פוּל לַייט · דָס אַנְדֶרוּ דִי עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים זֶעלְבֶּרְט
דֶער צֶערוּנְט נִיט גָאט · אָבֶר בַּיי חֲנִיפוּת · אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נָאר מְקַבֵּל חֲנִיפוּת דֶר צֶערוּנְט עֶר
אוֹךְ גָאט דָס דְרִיטוּ דִי לַייט קֶענֶען זִיךְ פַאר דֶעם חוֹנֶף נִיט הוּטֶן · דֶען עֶר גֵייט אַרַיין אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ
גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז אַצַדִיק אוּנ קֶען קֵיין צְוַוייא נִיט צֵיילוּן אָבֶר בֶּאֱמֶת אִיז זַיין כַּוָונָה נָאר דִיא לַייט
מְרַמֶה צוּ זַיין :

אוֹךְ הַייסְט דֶר חוֹנֶף אַגַנָב · דֶען עֶר גַנְבַת דִי דַעָה פוּן דִי לַייט · דָס מֶען פַאר טְרוֹיאֶרְט פַר זַייא
זַייעֶרוּ סוֹדוֹת · אוּנ דָס אִיז פוּל אֶרְגֶער וִוי דֶער וָוס גַנְבַת גֶעלְט · דְרַייא אֶרְלַייא חַנְפָנִים זֶענֶען
פַאר הַאנְדֶען דָס עֶרְשְׁטוּ וֶוער עֶס חַנֶפְת דִי לַייט · כְּדֵי זַיי זָאלוּן אִים לוּב הָאבּוּן · אוּנ עֶר זָאל חֵן
הָאבּוּן אִין זַייעֶרוּ אוֹגוּן · אַזוּ וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט אַז דֶר (מֶלֶךְ אַגְרִיפַּס) הָט גַלַייאֶנְט אוּם דֶער סֵפֶר
תּוֹרָה אוּם סוּכּוֹת אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ · אַז וִוי דֶר דִין אִיז דָס אַמָאל אִין זִיבְּן יָאר אִיז דֶר מֶלֶךְ מְחוּיָיב
צוּ לַייאֶנֶען דִי תּוֹרָה פַאר כָּל יִשְׂרָאֵל · הָט עֶר גְלַייאֶנְט אִין דֶר סֵפֶר תּוֹרָה גָאט הָט גְבָאטוּן וֶוען אִיר
וֶועט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַמֶלֶךְ מַאכוּן אוֹף יִשְׂרָאֵל זָאלְט אִיר נִיט מַאכוּן אַנֶר פַאר אַמֶלֶךְ נָאר אַזֶעלְכוּר
וָוס אִיז מְיוּחָס פוּן זֶרַע יִשְׂרָאֵל נִיט פוּן זֶרַע עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים · דָא הָט דֶער מֶלֶךְ אַגְרִיפַּס אָן גְהוֹבּוּן צוּ
וֵויינֶען · דֶען עֶר אִיז אַרוּם גְקוּמֶן פוּן גֵרִים · הָאבּוּן דִי חֲכָמִים צוּ אִים גְזָאגְט דוּ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל זַיי דִיךְ
נִיט מְצַעֵר · דוּ בּוּסְט אוּנְזֶר בְּרוּדֶר דוּ מָאגְסְט וואוֹל זַיין אַמֶלֶךְ · נוּא חָאטְשׁוּ עֶר אִיז דָאךְ אַפְרוּמֶר
מֶלֶךְ גְוֶוען · וַוייל זַיי הָאבּוּן אִים גְחַנֶפְת · זֶענֶען שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל חַיָיב גְוֶועזֶן פַאר דָארְבּוּן צוּ וֶוערוּן
פוּן דֶר וֶועלְט · נוּא מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוער עֶס חַנֶפְת אַרָשָׁע · וִויא גְרוֹס אִיז זַיין עוֹנֶשׁ · אוּנ דִי תְּפִלָה פוּנֶם חוֹנֶף
וֶוערְט נִיט דֶער הֶערְט · אוּנ וֶוערְט פַר שֶׁעמְט · אוּנ עֶר בְּרֶענְגְט פִיל צָרוֹת אוֹף דֶר וֶועלְט :

דָס אַנְדֶרוּ וֶוער עֶס טְרַייבְּט חֲנִיפוּת פוּן זַיין הֲנָאָה וֶועגֶן · דָס עֶר חַנֶפְת דִי עֲשִׁירִים אוֹדֶר (רָאשִׁים)
כְּדֵי עֶר זָאל בַּיי זַייא עֶפּוּס גְנִיסֶן · אוּנ הָאט זַיין בִּטָחוֹן דְרוּף דֶר חוֹנֶף אִיז נָאךְ פוּל עֶרְגֶער ·
אוֹף אִים זָאגְט דֶר פָּסוּק (אָרוּר הַגֶבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם) פַאר פְלוּכְט זָאל וֶוערוּן דֶר מֶענְטְשׁ וָואס
פַאר זוּכְט זִיךְ אִין אַמֶענְטְשֶׁן · דָס דְרִיטוּ וֶוער עֶס וַוייזְט זִיךְ גְלַייךְ וִויא עֶר אִיז פְרוּם אוּנ גֵייט
אִין שׁוּל אַרַיין · אוּנ בּוּקְט זִיךְ צוּ מוֹדִים · אוּנ זַיין כַּוָונָה אִיז דֶער מִיט כְּדֵי מֶ׳זָאל אִים מַאכוּן פַאר
אַגַבַּאי אוֹדֶער רֹאשׁ הַקָהָל · אוּנ זַיין כַּוָונָה אִיז מִיט זַיין חֲנִיפוּת אַיין צוּ פוּרֶן דָאס קָהָל כְּדֵי עֶר זָאל
הוֹךְ גְהַאלְטְן זַיין · אוּנ עֶר מַאכְט זִיךְ לַאנְגוּ קְלֵיידוּר אוּנ דֶעקְט אוּבֶּר זַיין פָּנִים מִיטוּן טַלִית · מֶען
זָאל מֵיינוּן עֶר דַאוֶוינְט בְּכַוָונָה אוּנ עֶר מַאכְט זִיךְ פַר אַצַדִיק אוּנ חָסִיד דֶער זֶעלְבּוּגֶר חוֹנֶף אִיז נָאךְ
פִיל עֶרְגוּר פוּן דִי עֶרְשְׁטוּ אוּנ עֶר פַאלוּרְט עוֹלָם הַבָּא · אוּנ עֶס הֶעלְפְט אִים נִיט סַיידוּן גְרוֹס תְּשׁוּבָה
עֶס שְׁטֵייט דָאךְ שׁוֹן אוֹבּוּן דָס פִיר כִּיתּוֹת קֶענֶען נִיט קוּמֶן פַר דֶר שְׁכִינָה (חנפנים שקרנים מספרי
לשון הרע ליצנים) דִי פִיר כִּיתּוֹת זֶענֶען גְטֵיילְט אוֹף עֶטְלִיכֵי חֲלָקִים דִי חַנְפָנִים זֶענֶען גְטֵיילְט אוֹף
נַיין חֲלָקִים · דָאס עֶרְשְׁטוּ וֶוען אֵיינֶר זֶעהְט זַיין חָבֵר אֵיין עֲבֵירָה טוּאָן אוֹדֶר עֶר וַוייסְט דָס עֶר הָאט
אֵיין עֲבֵירָה גְטָאן אוּנ עֶר גוּט אִים גְרֶעכְט פוּן זֶעלְכוּ חֲנִיפוּת קוּמְט פוּל בֵּייז · אֵיינְס עֶר מַאכְט דָס
יֶיענוּר בְּגֶערְט נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה צוּ טָאן דָאס אַנְדֶרוּ עֶר אִיז דָאךְ אִים מְחוּיָיב צוּ שְׁטְרָאפוּן אוּנ עֶר
גוּט אִים נָאךְ גְרֶעכְט · דָאס דְרִיטוּ עֶר מַאכְט דָס עֶר וֶועט עֶס וִוידֶר טָאן · דָס פֶערְדוּ עֶס קָאן דָאךְ
יין דָס מִיט דֶר עֲבֵירָה טוּט עֶר שָׁאדוּן אַמֶענְטְשֶׁן אוּנ עֶר שְׁטַארְקְט דִי עוֹבְרֵי עֲבֵירָה מִכָּל שֶׁכֵּן אַז דִיא

עבירה איז מפורסם פאר אלע לייט אונ דער חנפן מאכט גרעכט דעם רשע · אונ אום גרעכט דעם צדיק · דס איז צוויא ארליא עבירות דס אנדרו ווער עס לובט ארשע · פאר לייטן דען ווען עס זעלון אים זיינו מעשים מוז ער דאך אזו זיין ווי ער · אז וויא דער פסוק זאגט (עוזבי תורה יהללו רשע) די וואס פאר לאזן דיא תורה דיא לובן דעם רשע · דען אוב ניט וואלט ער קיין רשע ניט גלובט אונ וואלט דער ציילט זיינו בייזו מעשים · דס דריטו ווער עס לובט ארשע פר אים אליין אונ חנפת אים אונ זאגט אים די אונ דו גוטי מעשה האסט גטאן אונ זיינו בייזו מעשים גדענקט ער אים ניט דר מיט מאכט ער דאס ער טוט קיין תשובה ניט : אונ קרוגט נאך מער גאוה דאס האבן די חכמים ז"ל גזאגט אפילו די גאנצו וועלט זאגון דו ביסט אצדיק זאלסטו דאך דיך האלטן פאר ארשע · אונ זאלסט פיינט האבן דיא וואס לובן דיך דען זייא ברענגון דיך צו גרוסו לייד · אונ צום גיהנם :

דוד המלך ע"ה האט אוך גשאלטן דעם חונף · אז וויא דר פסוק זאגט יכרת ה' כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות) גאט זאל פאר שניידון די גלאטו לעפצון אונ די צונג וואס רעט גרוסקייט אוך אמייל לייט טרייבון חניפות די רשעים וואס זענון רייך דס זייא ווילן בייא זיי געלט אודר שררה בקומן · אוף אים זאגון די חכמים ז"ל דס דר כבוד ווערט פון אים אפ גשיידט דורך גרוס שאנד דאס פערדו ווער עס בהעפט זיך צו ארשע אונ לובט אים ניט אונ שטראפט אים אוך ניט דס הייסט אוך חניפות · אז וויא דר פסוק זאגט (בהתחברך לרשע פרץ ה' את מעשיך) דר נביא זאגט צו (יהושפט מלך יהודה) ווייל דו האסט דיך בהעפט צו ארשע · האט גאט צו בראכון דיינו מעשים כלומר דוא וועסט קיין מזל ניט האבן אוך איז דר חונף נמאס ביי גאט אז וויא דער פסוק זאגט (נבזה בעיניו נמאס) ער איז מבוזה אונ מיאוס אין זיינו אוגון · אוך איז ער נמאס ביי דיא צדיקים · דיא חכמים ז"ל זאגון אוך אז דר חונף מוז גלייך זיין מיט זיין רשע · אוך זאגט דר פסוק (כל עוף למינו ישכון ובן אדם לדומה לו) אויטלוכר פוגל רואט ביי זיין מין · אונ דר מענטש ביי דעם וואס איז גלייך צו אים :

אוך איז אפילו איין עבירה דעם רשע אין פנים אריין צו קוקון · אז וויא דר פסוק זאגט (לולי פני יהושפט מלך יהודה (אם אביט אליך ואם אראך) ווען ניט יהושפט מלך יהודה וואלט איך אפילו ניט גקוקט אין דיין פנים אריין · אוך זאגון די חכמים ווער עס קוקט אופט אוף ארשע ווערון אים פונצטר זיינו אוגון · אז ווי יצחק אבינו ווייל ער האט גקוקט אוף (עשו) איז ער בלונט גווארן דס פופטו ווער עס איז חשוב ביי קהל · אונ ער פאר פורט זיי אונ חנפת איינם אונ מאכט אים פר אראש הקהל · אודער פאר אגבאי אודר פאר איין (אב בית דין) אונ דער זעלבוגר מענטש איז ניט ראוי דר צו · פון דעם חניפות קומט פול בייז דס עס ווערט ניט רעכט גפסקונת · דס זעקסטו ווער עס קען שטראפון די לייט · אונ שטראפט זיי ניט כדי זיי זאלון אים ניט פיינט האבן אזו אוך ווער עס איז בכח די רשעים מבער זיין אונ ער לאזט זיי בלייבון ביי זייער מיטוויליקייט דר הייסט אוך ארעכטור חונף דס זובטו ווען איינר זעהט די לייט אום רעכט טואן · אונ ער גדענקט זיך וויא קום איך זיי צו שטראפון אודר וואס וועט העלפון מיין שטראף · נוא מאכט ער זייא נאך מער זונדיגן דער הייסט אוך אחונף דען מאמור וואלט יוא גהאלפון זיין שטראפון · דאס אכטו ווער עס הערט לייט ריידון בייזו רייד (לשון הרע) · אונ ניבול פה אודר ער זעהט לייט טואן בייז · אונ ער זוצט לעבון זיי אפילו ער ווייסט וואול גווים אז ער זאל זיי שטראפון וואלטון זייא אים ניט גהערט דאך ווייל ער זוצט לעבון זיי איז ער אוך אחונף דען זיי מיינון זייא טואן רעכט ווייל ער זאגט ניט איך וויל ניט זוצן מיט זעלכו רשעים :

דאס ניינטו ווער עס איז מכבד ארשע אפילו ער רעט אוף אים קיין גוטס ניט : הייסט ער אוך אחונף דען איין ירא שמים קוקט אפילו ניט אוף קיין רשע · אבר דאך אז ער פארכט זיך פר אים ער זאל אים קיין שאדון ניט טואן אין זיין גוף אודר געלט מאג ער אים חנפנון אז וויא יעקב האט גחנפת זיין ברודר עשו · די כיתה פון שקרנים זענון אוך גטיילט אוף ניין חלקים · דאס ערשטו ווער עס פאר לייקנט זיין חבר געלט אודר וואס עס איז ווערט געלט דהיינו איין פקדון אודר זיין שכר וואס

ער הט בייא אים פר דינט · אודר ער הט עפיס גפונן זיין חברס אונ לייקונט עס אים אודר ער זאגט
פאלש עדות אויף זיין חבר · אין דעם כלל איז אויך ווער עס טוט אום רעכט זיין חבר אין האנדול·
דרום ווערט ער א' גרופן (איש רע איש בליעל) · ער איז איין רשע אונ איז פסול לעדות · ביז ער
טוט תשובה · דס אנדרו ווער עס זאגט איין ליגנט כדי מיזאל אים ערלויך האלטן · אודר דס יענור
זאל מיינן ער איז זיין גוטר פריינד אונ זאל פר אים פר טרויאן אלז זיינו זאכן אונ זיין כוונה איז נאר
כדי ער זאל אים קענן אשאדין טואן · אויף אים זאגט דר פסוק (בפיו שלום ידבר את רעהו ובקרבו
ישים ארבו) מיט זיין מויל רעט ער פריינטליך מיט זיין חבר אונ אין זיין הארץ איז אייטל רמאות
דר נאך זאגט דר פסוק (העל אלה לא אפקד בם נאום ה' אם בגוי אשר כזה לא תתנקם נפשי) · אוב
אויף אזעלכו בייזו שטוק זאל איך ניט גדענקן אין ניי זאגט נאט · אונ אוב אין אזו אפאלק זאל
איך מיך ניט נוקם זיין · דו צווייא ערלייא שקרנים טואן צווייא עבירות · איינם זיי טואן שאדין
דו לייט · דאס אנדרו זיי זאגן ליגנט :

דאס דריטו ווער עס זאגט פיר זיין חבר אליגנט · דס ער וויל ער זאל אן ווערן דעם ריוח ווס ער
וואלט גיקענט גווינן · אודר ער וויל ער זאל אים אמתנה געבן דס איז אויך גלייך וויא ער
וואלט עבודת כוכבים גדינט · דס פערדו ווער עס טוט יענם קיין שאדין ניט מיט זיין ליגן זאגן
נאר ער זאגט סתם אפאטשט · דס איז אויך אהארבו עבירה · אויף אים זאגט דר פסוק (יפיח כזבים
עד שקר) דר ווס זאגט ליגן דר ווערט אויך פאלש עדות זאגן · אויך ווענן פר האנדרן אטייל לייט
אז זיי הערן אפאטשט זעצן זיי זיך אנודר אונ טראכטן נאך אום פול ליגן דר צו אבר פון שלום
וועגן מאג מען אליגנט זאגן · דס פופטו ווער עס זאגט מיט זיין מויל צום חבר ער ווערט אים עפיס
געבן אודר לייאן אודר שענקן אודר ער ווערט אים אטובה טאן אונ דם הארץ איז ניט דר בייא אויף
דעם בעטן מיר אלו טאג (אלהי נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה) גאט היט מיין צונג פון בייז
אונ מיינו לעפצן פון צו ריידן פאלשקייט :

דס זעקסטו ווער עס זאגט צו זיין חבר עפיס צו לייאן אודר צו שענקן · אונ ער האט זיך פר לאזט
דרויף דר נאך לייקנט ער אונ זאגט איך האב דיר ניט צוא גיזאגט · אודר ער זאגט איך האב
דיר צו גזאגט אויף אתנאי · דאס איז גלייך וויא ער וואלט עובר ברית גוועזן · אונ וואלט גבראכן זיין
נדר · אויף דעם זאגט דער פסוק (שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב ולא ימצא בפיהם
לשון תרמית) דס איבר בלייבונג פון ישראל זאלון ניט טואן קיין אום רעכט · אונ זאלון ניט ריידן
קיין ליגנט אונ עס זאל ניט גפונן ווערן אין זייער מויל קיין פאלשו צונג · אונ דר זעלבוגר ווס זאגט
עפיס צו זיין חבר אונ איז ניט מקיים איז ער איין רמאי · אונ איין בטרוגר · אזו אויך ווער עס ברומט
זיך פר לייטן וויא ער ווערט געבן אודר לייאן זיין חבר · טאר ער עס בוודאי ניט ברעכן · דען וויל
ער הט הנאה פון דעם ברומן זיך · איז עס גלייך ווי אנדר · אויף אים זאגט דר פסוק (נשיאים ורוח
וגשם אין איש מתהלל במתת שקר) עס איז פר האנדן איין שטורם ווינד אונ איין וואלקן אונ קיין
רעגן איז ניט דא · אזו איז אויך דר ווס בארומט זיך צו געבן זיין חבר אונ גיט אים ניט · אונ יענר
האפט דרויף · די עבירה איז נאך פול גרעסר אונ הארבור פון כל שקרים :

דס זיבטו ווער עס זאגט צוא זיין חבר איך האב דיר איין טובה גיטאן · אודער איך האב גירעט פון
דיינט וועגן אונ באמת איז עס ליגנט · דאס הייסט אויך שקרים אונ דר מענטש הייסט אגנב
דען מיטאר אפילו ניט נגנבין די דעה פון איין עובד כוכבים · דס אכטו ווען איינר ברומט זיך ער הט
אין זיך גרוסו מעלות אונ גוטי מדות אונ האט עס ניט אין זיך · אויף אים זאגט דר פסוק (לא נאוה
לנבל שפת יתר אף כי לנדב שפת שקר) עס איז ניט שיין צו איין שילקאפטוגן מענטשן איברונגע
רייד · אויך ניט דס איינר זאל זיך בארומן ער הט אין זיך גוטו מדות דס ער וויל זיך הויך האלטן ·
אונ באמת איז עס ליגנט · אויך האבן דו חכמים גזאגט ווען מען לובט איינם דאס ער קען צווייא
מסכתות · אונ ער קען מיין ניט נאר איינו זאל ער זאגן איך קען מיין ניט נאר איין מסכת · מכ"ש
דס קיינור טאר זיך ניט ברומן מיט ווס ער הט ניט אין זיך דס הט גאט פיינט · דען אפילו אויף איין

אמת מאר מען זיך אויך ניט ברומן אזו וויא עס שטייט אין פרק (רבי יוחנן) זאגט אז דו האסט פול תורה גלערנט האלט דיך ניט הויך אונ בארום דיך ניט · דען דו ביסט דרויף בשאפן געווארן · דם גיינטו ווער עס זאגט נאך איין פאטשט אונ פר ענדורט זיא אבוסל · חאטשו עס שאט דאך קיינום ניט · דאך ווייל ער האט הנאה פון זיין ליגן איז עס אויך אין כלל פון שקר · אזו וויא דר פסוק זאגט (למדו לשונם דבר שקר) זיי האבן געוויינט זייער צונגן צו ריידן פאלשקייט :

דרויא כיתה פון ליצנים איז גטיילט אויף פינף חלקים · דאס ערשטו ווער עס שענד דוא לייט · אונ ווארפט זיי אום איין מום · אזו וויא דר פסוק זאגט (תשב באחיך תדבר בבן אמך תתן דופי) דו זעצסט זיך אונ רעדסט אויף דיין ברודר · אונ אויף דיין מוטרס זון גוסטו איין שאנד · דר הייסט איין (לץ) אונ קיינור איז ניט גוט ביי אים אין דו אוגן דם ברענגט אים זיין גאוה · אזו וויא דער פסוק זאגט (זד יהיר שמו בעברתו זדון) דר מיטווילגר מענטש וואס האלט זיך בגאוה איז זיין נאמן ער טוט דו עבירות במזיד די צוויא ביזו מדות מיטווילקייט אונ גאוה זאמלן זיך איין צו אביייזן מענטשן · דר פון קומט דאס ער שפעט פון דו לייט · חאטשו ער האט דרונן קיין ריוח ניט · דאך מאכט ער יענום שפל אונ באשמורט אים מיט שאנד אונ איז אים מבייש · מכ"ש אז יענור הערט דו עבירה איז הארבור פון גזילה אונ גניבה · דען דר גנב טוט פון געלט וועגן אבר דר לץ הט גאר ניט דר פון · אונ ער מאכט נאך אנדרו לייט זונדיגן מיט זיינו ליצנות · אז ער זאל זיך אבר בדענקן וויא שפל ער איז זעלבסט וואלט ער ניט גשפעט פון אנדערו :

דם אנדרו ווער עס שפעט פון זיין חבר ווייל דם ער מיינט ער איז ניט אזו קלוג אודר אזו רייך אודר אזו חשוב אודר ער לערנט ניט אזו וואול וויא ער · דם קומט אויך פון זיין גאוה ווייל עס גייט אים וואול אונ יענום גייט אובל דרום שפעט ער פון אים אונ מאכט אים שפל אונ זיך מאכט ער הויך · דען ער מיינט ער הט דם אלם פון זיין חכמה אונ שכל אונ גדענקט ניט אז אלם איז פון גאט ער מאכט רייך אונ ארום ער דר הייכט אונ דער נודרט · ער בשאפט דעם שיינום אונ דעם מיאוסן איינום בשאפט ער גלייך אונ דעם אנדרן הונקודיג · איינום זעהנדיג דעם אנדרן בלונד · איינום הערונדיג דעם אנדרן טויב · דרום לאז ער זיך בדענקן אז גאט קען מאכן אז יענור זאל אים איין גרעהרון מום אום ווארפן · אויך אמאל קומט דאס ער שפעט פון תלמידי חכמים אונ צדיקים אונ חסידים · דען זייער לערנן אונ פרומקייט איז ניט גיאכט אין זיינו אוגן · דען (עבירה גוררת עבירה) איין עבירה שלעפט דו אנדרו עבירה · אויף דעם זאגט דר פסוק (בז לרעהו חוטא) דר וואס פר שעמט זיין חבר דר איז איין זונדיגר · אויך זאגט דר פסוק (לועג לרש חרף עושהו) ווער עס שפעט פון איין ארומאן דר שענד זיין בשעפור · אויך זאגט דר פסוק (אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן) צו דוא שפעטור פר שפעט גאט · אונ צו דו ענוים גוט ער חן אין גאטס אוגן אונ אין לייטנס אוגן :

אויך זאגט דר פסוק (יושב בשמים ישחק ה' ילעג למו) דר וואס זוצט אין הומל טוט לאכן פון זיי נאט טוט שפעטון פון זיי · דם דרויטו ווער עס שפעט פון דעם וואס יענור רעט אודר ער טוט דם האלט ער פר נישט אין זיין דעה · אונ זיינו רייד אונ מעשים געפעלון אים וויא צום בעסטון · דאס קומט אויך פון גאוה · אזו וויא דר פסוק זאגט (בז לדבר יחבל לו) דר וואס פר שעמט אלו זאכן טוט ער זיך פר דארבן דאס קומט אלם פון גאוה ווייל דם ער האלט זיך מער חכם פון דר גאנצור וועלט אויף אים שטייט אין פרק זאלסט ניט פר שעמן קיין שום זאך אונ דר וום האלט זיך יוא אזו הויך אונ קלוג ברענגט עס אים צו מינות דם ער וועט שפעטן פון דו מצות וום זיין שכל פר שטייט ניט דהיינו (ציצית) אונ (תפילין) (אתרוג) אונ (לולב) אונ נאך אזעלכו מצות וואס דוא אמונה פון יהודים הענגט דרונן · דם איז אלם ניט גיאכט אין זיינו אוגן אונ ער איז איינור פון דו ליצים וום שלמה המלך ע"ה הט פר באטון מיזאל זיי ניט שטראפן · אזו וויא דר פסוק זאגט (אל תוכח לץ פן ישנאך) זאלסט ניט שטראפן קיין שפעטור טאמור וועט ער דיך פיינט האבן · אויך זאגט דער פסוק (יוסר לץ לוקח לו קלון) ווער עס שטראפט איין שפעטור נעמט ער זיך איין שאנד דען ער זאגט צו אים וואס שטראפסטו מיך שטראף דיך זעלברט דוא ביסט דאך ערגור פון מיר · צו אזו אמענטש איז

קיין האפונג ניט · דען קיין מענטש טאר אים קיין וואָרט ניט ריידן · ער מיינט זיינע רייד זענען צום בעסטן · אויף אים גייט דער פסוק (רָאִיתָ חָכָם בְּעֵינָיו תִּקְוָה לִכְסִיל מִמֶּנּוּ) ווען דוא זעהסט איינער האַלט זיך פאַר אַחָכָם אין זיינע אויגן · איז צום נאָר מער האָפונג פון אים :

דאַש פערדו זענען דו לייט וואָס זיצן אין דו קראָמען אונ ריידן תמיד דְבָרִים בְּטֵלִים אודר דר וואָס גייט אַרום מיט אום נויצלוזע פּאַטשטעון דאָס הייסט דְבָרִים בְּטֵלִים דר פון קומען צוויייא האַרבע עֲבֵירוֹת · איינס ער טרייבט (לֵיצָנוּת) מיט זיינע דְבָרִים בְּטֵלִים · דאָס אַנדערע ער איז זיך מְבַטֵל פון דר תּוֹרָה ער גייט אַזו וויא איינר איז פרייא פון דר תּוֹרָה · דרום האָט זיין עונש גאָר קיין שיעור ניט · אוך איז אין דעם כְּלַל ווער עס איז זיך מְבַטֵל פון דר תּוֹרָה אונ גייט צום שפּילן · אודר צו דו עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים אין זייער פעסט שול דאָס איז אַלס אין כְּלַל פון (מוֹשַׁב לֵצִים) · דאָס פּוּפצע ווער עס שפּעט ניט אופּט נאָר אַמאָל אַז ער איז פרייליך אודר פאַר טרונקן · פון פאַר טרונקן קומט דרייא עֲרֵלַייא בייז · איינס ער שפּעט פון דוא לייט · אַזו וויא דר פסוק זאָגט (לֵץ הַיַּיִן הוֹמֶה שֵׁכָר) דאָס שפּעטן קומט פון וויין · אונ דאָס ברומען קומט פון שִׁיכּוֹרָן · דאָס אַנדערע ער רעט שלעכטע רייד בְּשַׁעַת ער איז פאַר טרונקן · אונ דעמאָלט וועט ער דער קענט אַז ער רעט אַסאַך איז ער אַנאַר · אַזו וויא דר פסוק זאָגט (וְקוֹל כְּסִיל בְּרוֹב דְבָרִים) דר וואָס רעט פול איז אַנאַר אונ אַרשע · דאָס דריטע ער פאַר טרונקט זיין שֵׂכֶל אונ איז מְבַטֵל זיין תּוֹרָה אונ תְּפִלָּה :

דרום זאָלט איר וויסן אַז דר וואָס טוט איינס פון דו פונף זאַכן וואָס שטייאן דאָ · דער זעלבוגער מענטש וויל אויף זיך ניט האָבן דעם יאָך פון תּוֹרָה אונ מִצְוֹת אונ אֲפִילוּ דו שְׁכִינָה איז ניט גיאַכט אין זיינע אויגן · אונ טוט גלייך ווי איינר האָט קיין הערן ניט איבר זיך · דרום איז זיין עונש זייער גרוס · דאָס ער מוז ליידן יסורים (מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה) · (לָשׁוֹן הָרָע) איז גטיילט אויף אכט חֲלָקִים · דאָס ערשטע איטלוכר זאָל זיין צונג גוויינן צו ריידן אַלס דאָס גוטס אונ קיין בייז ניט צו ריידן אֲפִילוּ אויף איין בְּהֵמָה טְמֵאָה · אַזו וויא עס איז גוועזן איין מַעֲשֶׂה · חֲסִידִים זענען בגאַנד גגאַנגן אין איין גאַס · דאָ איז גלעגן איין גפּיינרת אייזול · זאָגט איינר וויא שטונקט דו נְבֵלָה · זאָגט דער אַנדרער זעה דאָך זוא האָט ווייסי ציין · כְּלוֹמַר וואָרום האָסטו ניט גזאָגט איר שיינקייט וואָרום שענקסטו זוא נון מכ״ש דאָס מיטאָר קיין בייז ניט ריידן אויף קיין שום זאַך אין דר וועלט מכ״ש אויף אַמענטשן · דאָס אַנדערע ווער עס גוויינט זיך לוגן צו ריידן · אונ רעט פון דו לייטן דעם איז שווער תְּשׁוּבָה צוא טאָן דען ער ווייסט ניט וועמען ער האָט דר ווידר גרעט · ער זאָל אים מְחִילָה בעטן :

דאָס דריטע ווער עס רעט פון זיין חָבֵר אֲפִילוּ אֶמֶת · נאָר עס קאָן אים אַשאַדון דר פון אַרוס קומען דאָס הייסט אוך לָשׁוֹן הָרָע · דאָס פערדע עס איז אוך אַלאו אין דר תּוֹרָה מיזאָל ניט מְקַבֵּל זיין קיין לָשׁוֹן הָרָע · אַזו וויא דר פסוק זאָגט (לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא) זאָלסט ניט הערן קיין פאַלשע רייד · אין כְּלַל פון דעם לאו איז אויך ווער עס הערט צו (נִיבּוּל פֶּה) אודר (שְׁבוּעוֹת) אודר (קְלָלוֹת) אודר (לָשׁוֹן הָרָע) אודר (רְכִילוּת) אֲפִילוּ (דְבָרִים בְּטֵלִים) הייסט אַלס פאַלשע רייד · אונ עס איז גלייך דר עֲבֵירָה פון דעם וואָס הערט עס צו · צו דעם וואָס רעט עס · דאָס פּוּפטע איז ווער עס טרייבט רְכִילוּת גייט ער פון איינעם צום אַנדערן אונ זאָגט דיין חָבֵר האָט דאָס גטאָן · אודר ער האָט דאָס פון דיר גרעט דר הייסט (רָכִיל) פון רְכִילוּת קומט רְצִיחוֹת · דאָס דרייא מענטשן קענען אום קומן · דר וואָס מיזאָגט אויף אים אונ דר וואָס זאָגט · אונ דר וואָס איז מְקַבֵּל דען דר רָכִיל גוט דעם אַשווערד אין דר האַנט ער זאָל יענעם הרגנון · אַזו וויא דר פסוק זאָגט (אַנְשֵׁי רָכִיל הָיוּ בָךְ לְמַעַן שְׁפֹךְ דָּם) רְכִילוּת טרייבער זענען גיוועזן צווישן אייך כְּדֵי מיזאָל פאַר גוסן אום שולדוג בלוט · אין רְכִילוּת הענגט (גַּאֲוָה כַּעַס שְׁקָרִים שִׂנְאָה לָשׁוֹן הָרָע דְבָרִים בְּטֵלִים שְׁבוּעַת שָׁוְא רְצִיחוֹת) :

אונ וויא עס איז פאַר האַנדן לָשׁוֹן הָרָע אונ רְכִילוּת דאָרטן איז דו שְׁכִינָה ניט דאָ · אַזו וויא מיר גפונן ביי (אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל) אין זיינע צייטן האָבן דוא יִשְׂרָאֵל עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים גדונט אונ האָבן דאָך איין גנומן אלו מִלְחָמוֹת וויל עס איז קיין רְכִילוּת אונ לָשׁוֹן הָרָע ניט גוועזן צווישן זייא · אַזו וויא עס שטייט דאָס די (מַלְכָּה אִיזֶבֶל) האָט גהייסן הרגנן אלו נְבִיאִים · איז גגאַנגן דער נביא

עובדיהו אונ האט בהאלטן הונדרט נביאים · אונ פיל לייט האבן גוויסט דר פון · דר נאך הט זיך (אליהו הנביא) גשטעלט פר דעם מלך אונ כל ישראל · אונ הט גשריגן דאס עס איז שון מער קיין נביא ניט גבליבן ביי ישראל נאר ער · אונ קיינער הט ניט פאר מסרת דיא הונדרט נביאים · דרום האבן זיי גווינן אלו מלחמות · אבער אין שאול המלך צייטן האטשו זייא זענן גוועזן אייטל גרוסו תלמידי חכמים אונ האבן תורה גלערנט · אונ מצות אונ גמילות חסדים גטאן : אונ קיין עבודת כוכבים האבן זיי ניט גדינט האבן זיי דאך אן גוואורן די מלחמה · דס שאול המלך איז אים גקומן מיט זיינו זון · ווייל עס איז גוועזן לשון הרע ביי ישראל אונ דער תלמיד חכם (דואג) האט רכילות גזאגט דס דוד הט געסן אין דר שטאט (נוב) אונ די שטאט איז גוועזן אייטל כהנים אונ אובר זיין רכילות זענן גהרגות גוואורן אכציג קעסטלוכו כהנים דרום האבן זיי אן גוואורן די מלחמה ווייל די שכינה איז ניט גוועזן צווישן זיי · דען רכילות איז ערגור פון אלו עבירות אין דר וועלט :

אוך איז אמאל גוועזן איין עושר · ער האט גהאט דרייא טעכטור איינו איז גוועזן אגנבתה די אנדרו איז גוועזן אנאשרין · די דריטו איז גוועזן איין רכילות טרייברין · האט ער מורא גהאט זייא חתונה מאכן אין אנאנדער שטאט פון זייערו חסרונות וועגן · איז גוועזן א חכם וואס האט גהאט דרייא פיינו בחורים · איז ער גקומן צו דעם עושר אונ האט בגערט זיינו דרייא טעכטור צו זיינו דרייא זון · זאגט דר עושר איך וויל מיינו טעכטור ניט אום גובין אובר זייערו חסרונות זאגט ער מיין לובר פריינד פארכט אייך ניט גוט זיי צו מיר איך וועל זיי אפ גוויינן דר פון דר עושר האט זיך גלאזט אובר ריידן אונ האט חתונה גמאכט אלו דרייא טעכטור פאר די דריי בחורים אונ דר חכם פארט מיט זייא אהיים דער גנבתה האט ער גגובין געלט גנוג · דאס זוא האט מער ניט גדארפט צו גנבנן דער נאשורן הט ער גגבן אלורלייא שפייז · צו דר רכילות טרייברין פלעגט ער גיין צו איר אהיים · אונ הט גזאגט מיין לובו שנור וואס גייט דיר אפ זאג מיר איך וועל דיר אלס גובין · אונ אלי טאג האט ער זוא גקושט אונ גהאלזט פון ליבשאפט וועגן · אמאל איז דר עושר גקומן גוואר ווערדן צו זיי פרעגט ער די ערשטו טאכטור ווי גייט עס דיר מיין לובה טאכטר זאגט זוא עס איז מיר זייער וואול · איך האב אלס גינוג דאס איך דארף ניט גנבנן · פרעגט ער די אנדרו טאכטור וויא גייט עס דיר זאגט זוא אוך איך האב אלדינג איך דארף ניט נאשון פרעגט ער די דריטו טאכטור ווי גייט עס דיר מיין ליבה טאכטור זאגט זוא מיין לובר פאטור דו האסט מיך זייער בטרובט איך האב גמיינט דו האסט מיר אמאן גוגבון גיין דו האסט מיר צווייא מאנן גגובן · איז ער זייער דער שראקן גוואורן אונ זאגט וואס רעדסטו ח״ו זאגט זיא שטעל זיך הונטרן אובן וועסטו זעהן ער הט אזו גטאן · אין דעם קומט אריין איר שווער אונ הייבט זוא אן צו קושן אונ האלזן ווי זיין גוואונהייט · אזו איז דר פאטור ארויס גשפרונגן אונ האט אים גהרגות דר נאך איז איר מאן אהיים גקומן אונ הט זו גהרגות מיט איר פאטור אזו זענן דרייא לייט אום גקומן פון רכילות וועגן נון זעהט איר לובה לייט וואס עס קומט פון רכילות :

דס זעקסטו איז (אבק לשון הרע) ניט קיין רעכטור לשון הרע · אז וויא די גמרא זאגט צום מיינסטן טואן די לייט די עבירה פון זנות · צום מיינסטן טואן די לייט דיא עבירה פון גזילה אונ דיא גאנצו וועלט ווערדן גשטרויכלט אין (אבק לשון הרע) · דס איינר זאגט נאך אפאטשש פון זיין חבר אונ זיין כוונה איז ניט צו בייזן אים צו שענדן דס הייסט (אבק לשון הרע) קורץ פון דר זאך אלס וואס איינר רעט פון זיין חבר אונ זיין חבר איז ניט גערין דרונן · הייסט עס לשון הרע · אונ אוך אזו אזאך וואס אים אין דו אוגן רעט ער עס ניט · אונ הונטר די אוגן רעט ער עס יוא הייסט עס לשון הרע אוך טאר ניט ער זיין חבר לובן פר זיין שונא דען ער וועט אוף אים בייז ריידן · דרום אוך טאר מען זיין חבר ניט לובן פאר פול לייט טאמור גפונט זיך צווישן זיי אשונא סיידן זיין חבר איז אצדיק אונ הט אשם פר אחסיד · מאג ער אים וואול לובן · דען ער האט בודאי קיין שונא ניט · אונ אפילו איינר וועט יוא בייז ריידן אוף אים וועט מען אים ניט גלייבן · אונ די לייט וועלן אן שרייאן אוף אים · אונ דס איז איינס פון די גוטו מדות וואס מיזאל אגוטן מענטשן לובן אונ אשלעכטן זאל מען לאזן בלייבן :

דָם זובטו איז ניבול פה דען ווען אפילו עס איז נגזר געווארן גוטס אויף איינם פאר זיבציג יאר · מיט ניבול פה איז ער עס מבטל · אויך דר וואס הערט (ניבול פה) איז ער מחוייב אוועק צו גיין אונ אז ער קען ניט אוועק גיין זאל ער פר שטאפן זיינע אויערן אונטלובר מענטש איז מחוייב זיין מול צו גוויינן עס זאל דר פון קיין ביז אודר קיין אום ריין ווארט גיט ארוס גיין אזו גפונן מיר אויך דיא תורה האט אן גשריבן אומברוגי עליף אותיות (והבהמה אשר איננה טהורה) זוא האט דאך וואול גקענט שרייבן טמאה · נאר זוא הט קיין אום ריין ווארט ניט גוואלט שרייבן · אויך גפונן מיר אויך אז דיא חכמים זענן זייער גוהר גוועזן דרויזן דרום זאל זיך דר מענטש גיט בטראכטן איידר ער לאזט ארוס איין ווארט פונם מול דען פון אביין ווארט ווערט בשאפן אבייזור מלאך אונ פון אגוט ווארט ווערט בשאפן אגוטר מלאך · דרום האבן די חכמים גזאגט דס קיין בעסורי מדה איז ניט פר האנדן פון שווייגן :

דָם אכטו איז איין (נרגן) דס ער ווארטשוט תמיד אינ אלס וואס מירעט איז ער גיט צו פרידן ער מיינט מען טוט אים אלס להכעים אונ אויסרעכט · אונ אלו די טובות וואס מען טוט אים איז אים צו ווייניג דען ער מיינט מען דארף אים נאך מער טואן טוט אים איינר נאר אזאך וואס געפעלט אים ניט מיינט ער יענער הט אים פול בייז גטאן אונ פר קערט אז ער טוט יענעם פול בייז מיינט ער ער האט אים גאר ווייניג גטאן אונ תמיד קריגט ער זיך מיט זיינע חברים · אונ מיט זיין הויז גזינד אונ אז איינר טוט אים אטובה אכט ער עס פאר נישט · אונ טוט אים אפ בייז דר פר · מכ"ש ווען איינר טוט אים עפיס וואס געפעלט אים ניט וויל ער זיך נוקם זיין אין אים · אויף אים זאגט דר פסוק (דברי נרגן כמתלהמים והם ירדו חדרי בטן) דיא רייד פון דעם נרגן זענען אייטול קריג אונ זיי נודרן ביז אין בויך אריין דס איז דר כלל פון לשון הרע :

רְכִילוֹת ווערט אויך גטיילט אויף פיר חלקים · דס ערשטו ווער עס זאגט לוגן אויף זיין חבר דס אנדרו ווער עס זאגט אבוסל לוגן · אונ אבוסל אמת · דס דריטו ווער עס זאגט גאר אמת גאר ער זעצט צו עטליכו ווערטור · אודר ער מאכט מיט אנאנדר נוגון · דס יענער פר שטייט עס איז רכילות · דס פערדו ווער עס זאגט אייטל אמת נאר ער מאכט קריג דר מיט אז וויא (דואג) האט פאר מסרת (דוד המלך) פאר (שאול) אזו זענן פול כהנים נהרג געווארן אובר זיין רכילות · חאטשו ער הט דאך גאר אמת גזאגט · דרום ווער עס וויל בהוט ווערן פון רכילות אונ לשון הרע זאל ער תמיד תורה לערנן · אונ אין וועלטליכו זאכן זאל ער ווייניג ריידן · אז וויא דוד המלך ע"ה זאגט (ישבו שרים בי נדברו עבדיך ישיח בחוקיך) אז די שרים זענען זיך בנאנדר ריידן זיי פון מיר · אבר איך בין דיין קנעכט · אונ טוא ריידן אין דר תורה · אונ דר מענטש וואס הוט זיין צונג פון לוגן · אונ פון חניפות אונ פאר לשון הרע אונ רכילות · אונ פון (ניבול פה) אונ פון שבועות אונ קללות · אונ פון אלו די בייזו רייד · דער זעלביגר מענטש איז אבן עולם הבא · אונ איז גלייך וויא ער וואלט די גאנצו וועלט גמאכט מצות טאן ווי דר פסוק זאגט (תורת אמת היתה בפיהו ועולה לא נמצא בשפתיו בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון) דיא ווארהפטיגו תורה איז גוויינטליך אין זיין מול · אונ קיין אום רעכט ווערט ניט גפונגן אין זיינו לעפצן מיט שלום אונ גלייכקייט איז ער גאנגן מיט מיר אונ פול לייט האט ער ווידר גקערט פון זונד · אונ האט וויא גמאכט מצות טאן :

סליק פירקא

## סוד חבירך לא תגלה פרק שמונה עשר

דר אכצוטר פרק רעט מיזאל דעם חברס סוד ניט מגלה זיין

לא תעמוד על דם רעך) זאלסט ניט שטיין אויף דיין חברס בלוט דר פסוק זאגט אונז דס קיינר זאל זיין חבר צו קיין שאדן ניט ברענגן · סייא מיט רייד אודר מיט מעשים · אונ דו בוסט אויך מחוייב צו העלפן אויטליכן מענטשן מיט דיין לייב אונ גוטס אז עס קומט אים צו אשאדן · אונ בוסט אים אויך מחוייב צו היטן עס זאל אים קיין שאדן גיט צו קומן · אז וויא דא ווערט בשיידט

שערן אמשל ווען דו זעהסט אמענטש ווערט דר טרונקן אין וואסר אודר גזלנים לופן נאך איין מענטשן אים צו הרגנן אודר צו בגזלנן בוסטו אים מחוייב צו העלפן ווי ווייט דו קענסט מכ"ש דאס דו טארסט אים ניט מזיק זיין אין זיין לייב אודר אין זיין גוטס. מכ"ש דס דו טארסט אים ניט פאר מסרן האטשע עס שטייט דאך אופט פאר באטן אין דר תורה. איז עס אוך גרירונגן פון דעם פסוק (לא תעמוד וגו׳) דס וויא באלד דו ווערסט גוואר אז דיין חבר קען אשדון צו קומן אונ דו קענסט אים העלפן ביסטו אים מחוייב צו העלפן. אונ אוב ניט בוסטו עובר אוף דעם גרוסן לאו פון (לא תעמוד וגו׳) אין דעם כלל איז אוך ווען דיין חבר פאר טרויערט פאר דיר אסוד טארסטו אים ניט מגלה זיין דען עס קען אים דורך דעם אשאדן קומן. אין דעם כלל איז אוך דס מיטאר ניט עפנן דעם חברס בריב. טאמיר הט ער דרונן גשריבן אסוד וואס קיינר טאר פון אים ניט וויסן. דען אמאל קען זיין אז עס איז אים אסכנה אין זיין לייב אודר געלט אז אימנצר וועט וויסן פון דעם סוד. מכ"ש אז זוא איז פר התמותו טאר מען זוא בוודאי ניט עפנן. אוך דר (מאיר הגולה) דר רבינו גרשון) הט דרויף איין (חרם) גגובן:

דר מדרש ברענגט אמעשה אמיידל איז געגאנגען אין ירושלים. אונ הט עפעס געטראגען אין אשוסל אונ אשוסל דרובר צו גדעקט. האט זי אמענטש גפרעגט וואס טראגסטו דא זאגט זוא ווען מיין מוטר זאל וועלן אז מיזאל וויסן וואס דא איז. וואלט זוא עס דאך ניט צו גדעקט נוא ווארום בגערסטו צו וויסן דעם אנדרונס סודות דרום בוסטו אשוטה. אונ האסט קיין דרך ארץ ניט דר פסוק זאגט (הולך רכיל מגלה סוד) ווער עס גייט מיט רכילות דר איז מגלה סוד דרשת די גמרא אזו דעם פסוק ווען איינר האט אמשפט מיט זיין חבר פאר דיינים אונ ער וויל ער זאל פר געסן זיינע גוטי טענות. דא גייט ער אונ מאכט אים צארונג אונ ווארפט אים אום אלס וואס ער הט גטאן אונ איז אוף אים מגלה סוד אוף אים גייט דר פסוק (הולך רכיל וגו׳) אונ דס איז אזו אהרבי עבירה וואס דרונן העגנגן פול עבירות. דס ערשטו ער איז מגלה סוד. דאס אנדרו ער איז אים מבייש דס דריטו ער איז עובר אוף (לא תשנא אחיך) זאלסט ניט פיינט האבן דיין ברודר דס פערדו ער איז עובר אוף (לא תלך רכיל) דס פופטו ער רעט לשון הרע. דס זעקסטו ער איז עובר אוף (לא תעמוד על דם רעך) דס זובטו ער איז עובר אוף (ואהבת לרעך כמוך) זאלסט לוב האבן דיין חבר וויא זיך זעלבסט דאס אכטו ער איז עובר אוף (לא תגזול). דען אז ער וועט ניט קענן רעכט טענון. דא בקומט ער זיין געלט צו אום רעכט. דס ניינטו ער איז עובר אוף (לא תחמוד) זאלסט ניט גלוסטן דיין חברס געלט דס צעהנטו ער איז עובר אוף (הולך רכיל מגלה סוד):

אוף אים זאגט דר פסוק (ריב את ריבך וסוד אחר אל תגלה) קריג דיין קריג. אונ קיין אנדרונס סוד זאלסטו ניט מגלה זיין. נמצא אז דר רשע איז עובר אוף צעהן ארבי עבירות. גליך וויא ער וואלט עובר גוועזן אוף דוא (עשרת הדברות) דרום זאל אוטלוכר גוואורנט זיין זיין חבר צו קיין שאדן ניט ברענגן מיט קיין שום זאך. בפרט זיין סוד ניט מגלה צו זיין. אפילו ער האט דר פון קיין שאדן ניט. אז ווי דר פסוק זאגט (ונאמן רוח מכסה דבר) דר בגלייבטר פר הולט די זאכן דער וואס הט איין אופן מול דר קען בייא זיך קיין סוד ניט איין האלטן. אונ ער הייסט איין רכיל. אונ דר וואס האט איין צוגשלאסן מול דר קאן זוא איין האלטן ביי זיך אסוד. אונ ער הייסט איין (נאמן) דרום האבן די חכמים ז"ל פאר באטן פאר קיינם קיין סוד ניט פאר טרוארן. סיידן ער ווייסט גוויס אז ער האט איין צו גשלאסן מול: אז וויא דער פסוק זאגט (סודך לאחד מן האלף אל תגלה) דיין סוד זאלסטו אפילו איינם צווישן טויזנט ניט מגלה זיין. אחכם האט גזאגט דיין סוד האלט בייא זיך תפוס כלומר אז דו ביסט מגלה אסוד דיין חבר. אזו בוסטו ביי אים תפוס דם דוא האסט מורא ער זאל אים פאר קיינם ניט מגלה זיין. תמיד זאל אוטלוכר גוואורנט זיין ניט צו פאר טרוארן קיינם קיין סוד. סייא אוף זיך מכ"ש אוף זיין חבר (רבי יוסי) האט זיך בארומט אלו מיינו טעג האב איך מיך ניט ארום גקוקט כלומר איך האב קיין מאל קיין סוד ניט גזאגט דס איך זאל זיך דארפן ארום קוקן קיינר זאל אים ניט הערן. עס איז גוועזן אבחור וואס האט אום גזאגט וואס מען

האט גרעט אין בית המדרש פאר צווייא אונ צוואנצג יאר האט מען אים ארוס גשטופט פונם בית המדרש אונ מיהאט אים גרופן (מגלה סודות) קיין מאל זאלסטו ניט פאר טרוארן פאר קיינם קיין סוד · אז וויא דם שפריך ווארט גיט דעם סוד וואש דו ווילסט ניט פאר טרוארן פאר דיין פיינט פר טרואר אוך ניט פאר דיין פריינד דען ער קאן נאך ווערין דיין פיינט :

מעשה אחכם האט פאר טרוארט א סוד פארן אנדרן חכם · האט ער צו אים גזאגט האסטו מיך רעכט פאר שטאנן בלומר לאז עם בייא דיר בלייבן · האט אים יענור גענפרט עש איז גלייך בייא מיר וויא איך האב אים פאר געסן דו האסט קיין זארג ניט צו האבן דר וואס איז מגלה זיין חבר'ס סוד אפילו איין אמת · איז גלייך ווי ער וואלט גדונט עבודת כוכבים מכ"ש ווער עש זאגט נאך אלוגן · דר איז אום ווערדיג אין גאטש אוגן · אונ אין לייטונש אוגן · אז עש איז קיין ערגרו בריאה פון אים ניט פאר האנדן אוף דר וועלט · אז ווי דר פסוק זאגט (ושבועת שקר אל תאהבו כי את כל אלה שנאתים נאום ה') :

סליק פרק הולך רכיל ומגלה סוד

# ענין לישמח בחלקו פרק תשעה עשר

דער ניינצטור פרק רעט ווי אוטלוכר זאל זיך בנוגן אונ זאל זיך משמח זיין מיט וואס גאט שוקט אים צו סיי גוטש סייא ביז :

צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר) דר נביא זאגט דר צדיק עסט צו זעטון זיין לייב דם ער זאל גזונד זיין צו גאטס דינסט · אבר דר בוך פונם רשע איז תמיד גמונגרט בלומר דר צדיק לאזט זיך בנוגן מיט וום גאט בשערט אים · ער בגערט ניט קיין אוברוג עסן אונ טרונקן נאר צו דר האלטן זיין לייב · אוך בגערט ער ניט קיין אוברגו קליידר · נאר ווערדלוג ער זאל ניט מבוי"ש ווערון פאר לייטן אונ בגערט אוך ניט קיין שיינו הייזור · דען זיין כוונה איז אלם לשם שמים · דרום קוקט ער ניט אוף גאלד אונ זולבר · אבער דער רשע בגערט נאר אוברוג עסן אונ טרונקן האט ער שיינו קליידור בגערט ער נאך שענורו האט ער אשיין הוז וויל ער אשענורם הט ער פיל גאלד אונ זולבר וויל ער נאך מער דם ברענגט אים אלם זיין גאוה · אבר דר צדיק גדענקט תמיד אלם וום גאט גיט דם גוט ער מיט חסד אונ רחמים · דען ער איז דעם מענטשן ניט מחוייב צו גובן · אונ אלם וויש ער גוט אים איז אוברוג :

דען הקב"ה האט דרוף בשאפן דעם מענטשן דאס ער זאל אים דינן אונ זיין תורה לערנן אונ זיינו מצות טאן אונ זאל בעסור זיין פון אמלאך · דען דער מלאך האט קיין עולם הבא ניט · אזו גדענקט זיך דער צדיק דרום לאזט ער זיך בנוגן · נאר ער זאל קענון זיין נשמה דער האלטן אין גוף · כדי ער זאל קענן גאט דינן · אונ אפילו עם גייט אים אובל איז ער עם אוך מקבל באהבה דען ער רעכונט זיך פאר אגאסט אוף דער וועלט · אונ גדענקט זיך אז איך וועל אהיים קומן ווערט מיר בעסור זיין · אבר דר רשע איז אלם פאר קערט · ער מיינט ער איז דרוף בשאפן גווארן נעקט אונ גוטס איין צו זאמלן · אונ זיך שיינו קליידור מאכן · אונ שיינו הייזור בואן · אונ זאל פרעסן אונ זופן אז וויא דיא עובדי כוכבים טואן · ער מיינט דיא וועלט איז דיא רעכטו וועלט · אונ ער גדענקט ניט דם דער טוט שטייט הונטר אים · דאס ער ווערט אלם מוזן אובר לאזן דרום הייסט ער ארשע · ווייל ער טוט ניט זיין שליחות וום ער איז דר צו גשוקט גווארן :

עם איז אמש"ל אמלך שוקט ארוס צווייא שלוחים · אזו איז אשליח גוועזן איין נאמן · אונ הט זיך ניט גזומט הונטר ווענן אונ האט גגעסן אלם וואס איז אים צו גקומן אפילו טרוקן ברוט · נאר ער זאל קענן זיין לעבן דער האלטן צו טאן דאס שליחות פונם מלך · דער אנדרור שליח הט זיך שון יוא גזומט הונטר ווענן · אונ איז נאך גגאנגן זיין וואול לוסט מיט עסן אונ טרונקן אונ איז גבליבן ליגן אין דער ארברוג · אונ הט פאר געסן זיין שליחות · נוא אז דר שליח נאמן קומט פארן מלך · דא פרייאט זיך דר מלך · אונ בצאלט אים זיין שכר · אבר יענור שליח וום האט פאר געסן זיין שליחות שוקט נאך אים דער מלך · אונ זאגט צו אים איך האב דיך גשוקט מיינו זאכו



זאג

צו פארוכטון אונ די האסט דרונון פאר געסון אונ בוסט נאך גגאנגון נאך דיין לוסט אזו לאזט ער אים הענגון · אזו איז דאס אוך · דער צדיק טוט דם שליחות פון גאט בקומט ער עוה"ב · אבער דר רשע איז פאר קערט קומט ער אין גיהנם :

דרום וארום זאל דר מענטש אזו אלס גאך לופן גאך געלט · ער מוז עס דאך אלס אובר לאזן וארום זאל ער בעסור ניט איין זאמלון זעלכו זאכון וואס ער נעמט מיט זיך מיט אוף יענור וועלט · דס איז תורה אונ מעשים טובים · אוב דר מענטש וויל זיך גדענקון איך וועל אובר לאזון דאס געלט מיינו קונדר דס איז די גרעסטו נארישקייט אין דר וועלט דען טאמור וועט ער ארום ווערון נאך בייא זיין לעבון · אז וויא דר פסוק זאגט (בחצי ימיו יעזבנו ואחריתו יהיה נבל) אין זיינו האלבו יארון וועט ער דאס געלט פאר לאזון אונ זיין סוף וועט זיין שולקאפטוג · אונ דאס זעהן מיר דאך אלו טאג דם איינור ווערט רייך · אונ דר אנדרור ווערט ארום · דם אנדרו ווער ווייסט אוב זיינו קונדר וועלון עס בהאלטון :

דם דרוטו טאמור וועלון זיינו קונדר נאך זונדרוגן דער מיט · דס זיי וועלון זיך בגאוה האלטון אודר זיי וועלון משיג גבול זיין · אודר טאמור וועלון זיי זיך קרוגן דר מיט · אודר זיי וועלון דר מיט טואן אנדרו ארבי עבירות · אונ טאמור אז זיי וועלון קיין געלט ניט האבון וועלון זייא זיין צדיקים · אונ אפילו ער וועט זיך שון ערלוך פוהן מיט זיין געלט · טאמור וועלון זיינו קונדר דער מיט זונדוגען נוא קאן דאך זיין ער זאל דרובר עולם הבא אן ווערון · אז וויא דר פסוק זאגט (יש עושר שמור לבעליו לרעתו) עס איז פאר האנדון אזו איין עשירות וואס איז גהוט צו זיין בעלים צוא זיין בייז · דרום זאל זיך אוטלוכער מענטש תמיד משמח זיין מיט וואס גאט האט אים בשערט · אפילו ער איז גאנץ ארום זאל זיך אים דוכטון ער איז רייכור פונם מלך · אונ זאל זיין בטחון האבון אוף גאט דם ער שפייזט די גאנצו וועלט וויא דער פסוק זאגט (נותן לחם לכל בשר) גאט גוט ברוט צו אלו בשעפנוש אוך שטייט (פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון) ער עפונט זיין האנט אונ מאכט זעטון אוטלוכן מענטשון נאך זיין רצון נאך דעם מענטשון גוט ער ברוט אונ פלייש · אונ דיא בהמות גוט ער שפייז · דרום איז ראוי אז דער מענטש זאל זיך (משמח בחלקו) זיין · אז וויא די בהמות אונ חיות זענון פריילוך צו זייער שפייז :

אין (מדרש) שטייט אמעשה · עס איז גיוועון אחסיד בשעת ער הט גוואלט עסון · האט ער זיך אן גטאן טלית אונ תפילין אונ הט צום אוף גזאמולט זיינו תלמידים · אונ הט זייא אוך אן גטאן טלית אונ תפילין אוך זיין גזונר האבון אוך אן גטאן זייערו טליתים אונ תפילין · אונ זייא אלו האבון אן גהובון צו זונגון שיינו לובון גזאנג צו הקב"ה פארון עסון · האבון אים דיא לייט גפרעגט וואורום טוט איר דם · הט ער גזאגט ווען איך זאלט זיין אין אתפיסה אונ זאל ניט האבן צו עסון · וואלט איך בוודאי גבעטון דעם פון דער תפיסה · אונ וואלט אים פול געלט גגובן ער זאל מיר תאטשו געבון אשטוקל גערשטון ברוט · דאס איך זאל ניט שטארבון פר הונגר נוו מכ"ש וק"ו הקב"ה גוט מיר עסון אונ איך זוץ הונטר מיין טוש אונ טוא מיר אן תענוג נאך מער ער גוט מיר מיין ברוט אן טירחא · ווען אפילו איך זאל דארפון איין אקרון אונ זייאון אונ שניידון אונ דרעשון · אונ ווינד שובלון אונ מאלון · אונ זופן אונ קנעטון אונ באקון · וואלט איך דאך דר מיט גרוס מיא גהאט דאך וואלט איך בדארפט צו לובון נוא מכ"ש אז ער גוט מיר אלס פארטונס אונ צו דער צייט · דארף איך אים דאך בוודאי לובון מיט גרוס שמחה אוף דעם גרוסון חסד וואס ער טוט אלו טאג · נאך איינס איך דארף דאך לובון הקב"ה דם ער גוט מיר מיין שפייז אונ בערעפנוש פון זיין מולדו האנט · ניט פון לייטונס גאב · דען זייער גאב איז וויגצוג אונ די שאנד איז פול דרום לוב אוך הקב"ה אוף זיין גרוס חסד · דם איך זוץ ביי מיין טוש · אונ האב נאך אורחים בייא מיין טוש · דען דער וואס זוצט אובר אפרעמדון טוש · אונ עסט מיט פרעמדו לייט · דעם איז די גאנצו ווערט פאר פונצטורט · (רב חסדא) זאגט זיין לעבון איז קיין לעבון ניט · דרום האב איך הקב"ה צו דאנקון :

תָּנוּ רַבָּנָן דִי רַבָּנָן הָאבְּן גְלֶערְנְט · דְרַייא זֶענֶען וָואס זַייעֶר לֶעבּן אִיז קֵיין לֶעבּן נִיט · דֶער וָואס הָאפְט צוּ זַיין חַבְרִים טוּש דֶר עֶסְט נִיט צוּ דֶר צַייט אוּנ אוֹךְ נִיט דִי שְׁפַּייז וָואס אִים לוּבּ אִיז · דָם אַנְדֶערְן וֶוער עֶס לָאזְט דָם וַוייבּ גֶוועֶלְטוּנְגֶן אִיבֶּר זִיךְ · דָם דְרִוּטִי וֶוער עֶס הָט יְסוּרִים אִין זַיין לַייבּ אַטַייל זָאגְן אוֹךְ דֶר וָוס הָט מֵיין נִיט נָאר אַיין הֶעמֶד אָן צוּ טָאן · דָאךְ אֲפִילוּ עֶר עֶסְט אֲפִילוּ בַּייא אַפְּרֶעמְדִן טוּש זָאל עֶר דָאךְ גָאט לוֹבּן אוּנ זָאל זִיךְ לָאזְן בַּנוּגְן גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט רַייךְ גֶוֶוען אוּנ וָואלְט גֶגֶעסְן בַּיי זַיין טוּשׁ · אִיטְלוּכֶר יְהוּדִי אִיז מְחוּיָיבּ גָאט צוּ לוֹבְּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִים אִיבֶּל אוֹדֶר עֶר אִיז אָרוּם · אוֹדֶר עֶר אִיז קְרַאנְק · אוֹדֶר אֲפִילוּ עֶר אִיז אִין דֶר תְּפִיסָה · אַזוֹ וִויא דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (צָרָה וְיָגוֹן אֶמְצָא וּבְשֵׁם ה׳ אֶקְרָא) צָרָה אוּנ קְלָאג הָאבּ אִיךְ גֶפוּנֶן אוּנ אִין דֶעם נָאמֶן פוּן גָאט הָאבּ אִיךְ דָאךְ גְרוּפְן · אוֹךְ זָאגְט דֶר פָּסוּק (צֶדֶק וּמִשְׁפָּט אָשִׁירָה לְךָ אֲזַמֵּרָה) נִיט אַזוֹ וִויא דִי עוֹבְדֵי כוֹכָבִים טוּאָן וֶוען עֶס גֵייט זֵיי וואול לוֹבְּן זַייא זַייעֶרוּ צוּרוֹת כּוֹכָבִים · אוּנ וֶוען עֶס גֵייט זֵיי אִיבֶּל פְלוּכְן זַייא זַייעֶרוּ צוּרוֹת כּוֹכָבִים · וִויא דֶר פָּסוּק זָאגְט (כִּי יִרְעַב וְהִתְקַצַּף בְּמַלְכּוֹ וּבֵאלֹהָיו) אַז עֶר אִיז הוּנְגְרִיג צֶערְנְט עֶר אוֹף זַיין מֶלֶךְ אוּנ גָאט · אָבֶּר מִיר קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מְחוּיָיבּ גָאט צוּא לוֹבְּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוּנְז אִיבֶּל · דֶען אֲפִילוּ עֶר שִׁוּקְט יְסוּרִים אוֹיף אַמֶענְטְשׁוּן אִיז עֶס אַלְם לְטוֹבָה :

עֶס אִיז אַמָשָׁל אַיינֶר אִיז חַיָיב מִיתָה גֶוָוארְן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ · אַזוֹ שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ בְּכָל הַיְכוֹלֶת אוּנ מִיט כָּל הַתַּחְבּוּלוֹת דָם מִיזָאל אִים נָאר אַיין הַאנְט אָפּ שְׁנַיידְן · אוּנ אַז עֶר פוּלְט דֶעם חֶסֶד דָאם עֶר וֶוערְט דֶער לֵייזְט פוּנֶם שְׁוֶוערְן טוֹט דַאנְקְט עֶר דָאךְ אוּנ לוֹבְּט דֶעם מֶלֶךְ · אַזוֹ אוֹךְ אַז עֶס קוּמֶן יְסוּרִים אוֹדֶר קְרֶענְק אוֹדֶר אָרוּמְקַייט אוֹפְן מֶענְטְשׁוּן אִיז דָאם דָאךְ אַיין כַּפָּרָה אוֹף זַיינוּ זוּנְד וָואס עֶר וָואלְט אוֹף זַייא גְמוּזְט גְרוֹס עוֹנֶשׁ לַיידְן אִין גֵיהִנָּם · אוּנ עֶר קוּמְט דָאךְ אָפּ מִיט אַקְלַיינִי גֵייכוּ יְסוּרִים אוֹף דֶר וֶועלְט · אַזוֹ דַארְף עֶר דָאךְ דַאנְקְן גָאט דְרוֹף · אַזוֹ גֶפוּנֶן מִיר אוֹךְ דָם (אִיּוֹב) אִיז אוּם גְקוּמֶן פוּן זַיין גוּטְס אוּנ פוּן זַיינוּ בְּהֵמוֹת · אוּנ שֵׁיינוּ הַייזוּר · אוּנ קֶעסְטְלוּכֵי קִינְדֶר · הָאט עֶר דָאךְ גְלוֹבְּט גָאט · אוּנ הָאט גֶזָאגְט גָאט הָט עֶס מִיר גֶגֶעבְּן אָן מִשְׁפָּט אוּנ גָאט הָט עֶס בַּיי מִיר וִוידֶר גְנוּמֶן מִיט מִשְׁפָּט · דֶען עֶר הָט דָאךְ גְזֶעצְט זַיין בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה מִיט מַלְאָכִים אוּנ זֵיי הָאבְּן גְמִשְׁפָּט אוּבּ עֶר זָאל עֶס בַּיי מִיר וִוידֶר נֶעמֶן אַזוֹ הָאבְּן זַייא דָאךְ בְּוַדַאי גְמִשְׁפָּט פוּן מֵיין טוֹבָה וֶועגְן · אַזוֹ אוֹךְ דַארְף אִיטְלוּכֶר מֶענְטְשׁ טוּאָן :

אוּנ דֶר מֶענְטְשׁ וָוס אִיז בּוֹעֵט אִין יְסוּרִים אוּנ אִיז זֵיי אוֹף זִיךְ נִיט מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה אוּנ אִיז זִיךְ תּוֹ מְצַעֵר דְרוֹף טוּט עֶר אַגְרוֹסֵי עֲבֵירָה · דָאם עֶרְשְׁטוּ עֶר נֶעמְט נִיט אָן פַר לוּבּ דִי שְׁטְרָאף פוּן גָאט · דָם אַנְדֶרוּ אַז עֶר זָאל זוּא יוּא אָן נֶעמֶן פַר לוּבּ וָואלְטֶן זֵיי דָאךְ גֶוועֶן אַיין כַּפָּרָה אוֹף זַיינוּ זוּנְד · וִוי עֶס שְׁטֵייט (אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה׳ יוֹכִיחַ) וֶועמֶן גָאט הָאט לוּבּ שְׁטְרָאפְט עֶר · כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַיין כַּפָּרָה אוֹיף זַיינוּ זוּנְד · אוּנ אַז עֶר נֶעמְט זַייא נִיט אָן פַר לוּבּ זֶענֶען זַייא קֵיין כַּפָּרָה נִיט · (מַעֲשֶׂה אַמֶּלֶךְ הָט בַּיי זִיךְ גְהַאט אַדָאקְטוּר אַיין יְהוּדִי · לְסוֹף אִיז דֶר מֶלֶךְ בְּרוּגֶז גֶוָוארְן אוֹף אִים · אוּנ הָט אִים גְנוּמֶן אִין תְּפִיסָה אַרַיין אוּנ הָט אִים אָן גְטָאן אַיְיזֶערְנוּ קֵייטְן אוֹף זַיינוּ הֶענְט אוּנ פוּס אוּנ אוֹיפְן הַאלְז · אוּנ הָט אִים גֶגֶעבְּן אַלוּ טָאג נָאר אַשְׁטוּקְל גֶערְשְׁטוּן בְּרוֹט אוּנ אַקְרוּגְל וַואסֶר אוּנ הָט אִים אָן גְטָאן גְרָאבּוּ קְלֵיידוּר דָם עֶר הָט אִים גְוָואלְט פַּיינִיגְן · דֶר מֶלֶךְ הָט גְוִויסְט דָאם דֶער דָאקְטוּר אִיז אַגְרוֹסֶר חָכָם · הָט עֶר אַלְם נָאךְ גְפְרֶעגְט וָואס עֶר רֶעט · אָבֶּר דֶר דָאקְטוּר הָאט וואול גְוִויסְט דָם דֶר מֶלֶךְ וָואלְט גֶערְן גְהֶערְט וָוס עֶר רֶעט · אַזוֹ הָט עֶר נִיט גְרֶעט קֵיין שׁוּם וָוארְט דוּא גַאנְצוּ צַייט אֲפִילוּ מִיט דִי שׁוֹמְרִים · אוּנ הָט אֲפִילוּ נִיט גְזָאגְט אִיךְ בִּין הוּנְגְרִיג :

אַמָאל הָט דֶר מֶלֶךְ גְשִׁוּקְט נָאךְ זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶר אוּנ זָאגְט צוּ זֵיי · זֵיי זָאלְן צוּ אִים קוּמֶן אִין תְּפִיסָה אַרַיין אוּנ זָאלְן מִיט אִים רֵיידְן · וֶוען זֵיי גְגַאנְגְן צוּ אִים · אוּנ דֶר מֶלֶךְ הָט זִיךְ צוּ גְהֶערְט וָוס זֵיי וֶועלְן רֵיידְן · הָאבְּן זַייא גְזָאגְט צוּ אִים דוּ בִּיסְט דָאךְ אִין גְרוֹסֵי לֵייד · אוּנ לֵייְדְסְט גְרוֹס הוּנְגֶר אוּנ דָארְשְׁט · אוּנ דוּ בִּיסְט דָאךְ שֵׁיין אוּנ רוֹט אוֹיפְן פָּנִים אוּנ בִּיסְט פֶעט · זָאגְט עֶר מֵיינוּ לוּבּוּ פְרַיינְד אִין אַלוּ מַיין עֶסְן אוּנ טְרוּנְקֶן טוּא אִיךְ אַרַיין זוּבּן עֶרְלַייא קְרַייטוּכְץ דְרוּם בְּלַייבְּט שֵׁיין מַיין פָּנִים זָאגְן זֵיי צוּ אִים זָאג אוּנְז טָאמוּר וֶועט אוּנְז אוֹךְ אַמָאל אַזֶעלְכוּ יְסוּרִים צוּ קוּמֶן וֶועלְן

מִיר וַויסְן וָוס צוּ טָאן · זָאגְט עֶר אִיךְ וָועל אַייךְ זָאגְן וָואס דִי זוּבְּן עֶרְלַייא קְרַייטוּכְץ זֶענֶען · דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז בִּטָּחוֹן דָס אִיךְ הָאבּ מַיין בִּטָּחוֹן צוּ הַשֵּׁי״ת דָס עֶר וָועט מִיךְ מַצִּיל זַיין פוּן אַלוּ צָרוֹת · אוּנ וָועט פַאר קֶערְן דֶעם מֶלֶךְ זַיין הַארְץ עֶר זָאל זִיךְ מְרַחֵם זַיין אִיבֶּר מִיר · אוּנ עֶר וָועט מִיר בְּוַדָּאי הֶעלְפְן · אַזוֹ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה׳ וְהָיָה ה׳ מִבְטַחוֹ) דֶען וֶוער עֶס פַר זִיכֶרְט זִיךְ אִין גָאט אִיז גָאט זַיין פַר זִיכֶרוּנְג · דָס אַנְדֶרֶע אִיז (תִּקְוָה) אִיטְלוּכֶר דַארְף הָאפְן צוּ גָאט דָס עֶר וָועט נִיט פַר פַאלְן וֶוערְן אִין זַיינֶע צָרוֹת :

דָס דְרִיטֶע אִיז (סִיבָּה) עֶס קוּמְן נִיט קֵיין יִסּוּרִים אוֹיף מֶענְטְשְׁן חַיידְן אוּבֶּר אַסִיבָּה · דָס עֶר הָט דָאס זִיךְ פַאר זִינְדִיגְט · דָאס פֶערְדֶע אִיז (מָה אֶעֱשֶׂה) וָוס קֶען אִיךְ טָאן · וִויא זָאל אִיךְ וָוענְדְן דִיא הַאט פוּנֶם מֶלֶךְ · חַיידְן מִיט הָאפוּנְג צוּ גָאט · דָס פִינְפְטֶע אִיז (שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִים) אִיךְ פְרֵייא מִיךְ מִיט הַיינֶע יִסּוּרִים דָאס גָאט שְׁטְרָאפְט מִיךְ אוֹיף דֶר וֶועלְט כְּדֵי אִיךְ זָאל רֵיין קוּמְן לְעוֹלָם הַבָּא · אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר תְּיַסְּרֶנּוּ יָהּ) וואוֹל דֶעם מֶענְטְשְׁן וָוס גָאט שְׁטְרָאפְט אִים אוֹיף דֶער וֶועלְט · דָס עֶר וֶוערְט גְלַייטוּרְט לְעוֹלָם הַבָּא · אַזוֹ וִויא דִי גְמָרָא זָאגְט (רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי) זָאגְט וֶוער עֶס פְרֵייאַט זִיךְ מִיט זַיינֶע יִסּוּרִים אוֹיף דֶר וֶועלְט בְּרֶענְגְט עֶר דִי גְאוּלָה · וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (בָּהֶם עוֹלָם וְנִוָּשֵׁעַ) מִיט דִי יִסּוּרִים וֶוערְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גְהָאלְפְן · דָאס זֶעקְסְטֶע אִיז (שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ) אִיךְ פְרֵייא מִיךְ מִיט מַיין חֵלֶק וָוס גָאט הָט מִיר גְגֶעבְּן אוּנ לָאז מִיךְ בַּנוּגֶן דֶר מִיט · אוּנ הַיְּער נִיט נָאךְ וואוֹל טֶעג · אוּנ גֶדֶענְק עֶס אִיז נָאךְ פַר הַאנְדְן אַזֶעלְכֶע וָוס לַיידְן נָאךְ עֶרְגֶרֶע יִסּוּרִים פוּן מִיר · דָאס זִיבְּטֶע אִיז (יְשׁוּעוֹת ה׳) אִיךְ וַויים דָס הַשֵּׁי״ת קָאן מִיר הֶעלְפְן אִין אַיין אוֹגְן בְּלִיק דֶען עֶר אִיז אַיין (רַחוּם וְחַנּוּן) עֶר דֶר בַּארוּמְט זִיךְ אִיבֶּר דֶעם מֶענְטְשְׁן אוּנ טוּט אִים פוּל חֶסֶד · עֶר וָועט דָס בַּייז פוּן מִיר אָפּ טוּאָן · אוּנ וָועט בַּצְאלְן מַיינֶע פַיינְד וָוס הָאבְּן מִיךְ פַר מַסָּרְתּ בַּיי דֶעם מֶלֶךְ :

נוּן מַיין לִיבֶּע פְרַיינְד אִיטְלוּכֶר זָאל זִיךְ דִי זוּבְּן עֶרְלַייא קְרַייטוּכְץ אִין מוֹחַ אַרַיין נֶעמְן · וָועט אִים הַשֵּׁי״ת בְּוַדָּאי נִיט פַר לָאזְן · אַזוֹ וִוי דֶר פָּסוּק זָאגְט (וּבוֹטֵחַ עַל ה׳ יְדֻשָּׁן) וֶוער עֶס פַר זִיכֶערְט זִיךְ אִין גָאט וֶוערְט פֶעט · דֶען עֶר הָט תָּמִיד אַגוּט לֶעבְּן אוּנ אִיז פְרֵיילוּךְ אַזוֹ וִוי (רַבִּי אֱלִיעֶזֶר) זָאגְט וֶוען אַיינֶר הָט הַיינְט צוּ עֶסְן אוּנ פְרֶעגְט וִוי וָועל אִיךְ מָארְגְן נֶעמְן · דֶר אִיז (מִקְּטַנֵּי אֲמָנָה) · עֶר גְלַייבְּט נִיט דָאס הַשֵּׁי״ת גִיט אִיטְלוּכְן מֶענְטְשְׁן זַיין שְׁפַּייז :

מִיר קֶענֶען דָאךְ אָפּ לֶערְנְן פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ · עֶר אִיז דָאךְ דֶר רַייכְסְטוּר מֶלֶךְ גְוֶועזְן אוֹיף דֶר עֶרְד · אַזוֹ וִויא דִי חֲכָמִים שְׁרַייבְּן · אוֹךְ אִין (מְלָכִים) שְׁטֵייט אוֹךְ פוּל פוּן זַיין עוֹשֶׁר · אַזוֹ וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵין כֶּסֶף נֶחְשָׁב בִּימֵי שְׁלֹמֹה לִמְאוּמָה) קֵיין זִילְבֶּר אִיז נִיט גִיאַכְט גְוֶועזְן אִין דִיא צַייטְן פוּן שְׁלֹמֹה · עֶס אִיז גְלֶעגְן אוֹיף דֶר גַאס אַזוֹ וִויא אַצוּנְד לִיגְן דִי שְׁטֵיינֶער אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָט גְזֶעהְן דָס בַּייז וָואס עֶס קוּמְט פוּן עֲשִׁירוּת · דֶען דֶר עוֹשֶׁר הַאלְט זִיךְ בְּגַאֲוָה · אוּנ טוּט אָפּ פוּן זִיךְ יִרְאַת שָׁמַיִם · אוּנ דוּרְךְ דֶעם פַר זִינְדִיגְט עֶר עוֹלָם הַבָּא אַזוֹ הָט עֶר גְבֶּעטְן צוּ הקב״ה (רֵאשׁ וָעֹשֶׁר אַל תִּתֶּן לִי הַטְרִיפֵנִי לֶחֶם חֻקִּי) קֵיין אָרוּמְקַייט אוּנ קֵיין עֲשִׁירוּת זָאלְסְטוּ מִיר נִיט גֶעבְּן נָאר גִיבּ מִיר מַיין שְׁפַּייז אַלוּ טָאג · דֶען דָס עֲשִׁירוּת וָועט מִיךְ בְּרֶענְגְן פוּן עוֹלָם הַבָּא · אוּנ אוֹךְ דָס אָרוּמְקַייט וָועט מִיךְ בְּרֶענְגְן צוּ גְנֵיבָה אוּנ חִילּוּל הַשֵּׁם :

נוּן זֶעהְט וִויא גְרוֹס אִיז דִי מִצְוָה פוּן דֶעם וָואס אִיז זִיךְ (מְשַׂמֵּחַ בְּחֶלְקוֹ) אוּנ לָאזְט זִיךְ בַּנוּגֶן מִיט וָוס גָאט הָט אִים גְגֶעבְּן · דֶען עֶר וֶוערְט בַּהוּט פוּן פוּל גְרוֹסֶע עֲבֵירוֹת · פוּן גְנֵיבָה אוּנ גְזֵילָה · אוּנ קִנְאָה אוּנ שִׂנְאָה אוּנ (הַשָּׂגַת גְבוּל) אוּנ גְלוּסְט נִיט צוּ זַיין חַבְרִים זַאכְן · דֶען דֶר וָוס אִיז עוֹבֵר אוֹיף (לֹא תַחְמֹד) אִיז עֶר כִּמְעַט עוֹבֵר אוֹיף כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה · דֶען דוּא אַלוּ עֲבֵירוֹת הֶענְגְן דְרוּגְן · גְנֵיבָה אוּנ גְזֵילָה אוּנ רְצִיחָה אוּנ עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים · דֶען וָוען אַיינֶר גְלוּסְט צוּ זַיין חַבְרִים גֶעלְט דָא אִיז עֶר אִים מְקַנֵּא דֶר פוּן קוּמְט שִׂנְאַת חִנָּם אַיין עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט דִי אַנְדֶרֶע עֲבֵירָה אוּנ דֶר בַּעַל מְקַנֵּא הָט קֵיין מָאל קֵיין מְנוּחָה נִיט :

אַיין חָכָם הָט גְזָאגְט וִויא הַארְבּ אִיז דֶר עוֹנֶשׁ פוּנֶם בַּעַל מְקַנֵּא · דֶען יֶענֶער וָוס עֶר אִיז אִים מְקַנֵּא דֶר זֶעהְט אִין אִים נִיט גְקְמָה · דֶען דֶר בַּעַל מְקַנֵּא אִיז זִיךְ אַלוּ מָאל מֶער מְצַעֵר פַאר וָואס עֶס


גיים

ניט יענום וואול · אונ זיין לעבן איז אין אייטל צרות אונ וויא טאג · אזו ווערט ער צארונג איבר השי״ · דס עס גפעלט אים ניט וויא ער טוט · דרום ווערט די קנאה ביי אים גשטארקט · אזו קומן אוף אים פיל חולאים רעים · ער מוז שטארבן אין האלב יארן · אזו אוך שטייט אין פרק רבי אליעזר הקפר זאגט די קנאה אונ די תאוה אונ דר כבוד צוהן אום דעם מענטשן פון דר וועלט דרום זאל איטליכר געווארנט זיין אפ צו טואן פון זיך דוא בייזו מדה פון קנאה · אונ זאל זיך בנוגן לאזן אונ זיך משמח זיין מיט וואס גאט הט אים בשערט · עושר · אודר דלות · גזונד אודר קרענק וואול טאג · אודר יסורים · אונ זאל קיין פעסורש ניט בגערן · אזו טואן די רעכטו צדיקים וואס האבן זייער בטחון אין השי״ :

אוך דר וואס גלוסט צו אלום דר לאזט זיך אוך ניט בנוגן · אוך דר וואס בגערט כבוד דר איז זיך אוך ניט משמח מיט דעם זיינגן וואס גאט הט אים צו גטיילט · אונ הט קיין בטחון ניט אין גאט · דס ער קען אים געבן כבוד אודר עושר · דא וועל איך אייך גבין פר שטיין וויא מיזאל דער קענן איין מענטשן אוב ער איז איין בעל מקנא בפרט אין איין עושר · דס עשירות איז גטיילט אוף צוויא חלקים איינער איז איין עושר פון זיין מזל וועגן · דער אנדערור איז איין עושר פון זיין זכות וועגן · דר וואס איז איין עושר פון מזל דר הט קיין בטחון ניט אין גאט (והא ראיה) ער איז קארג אונ וויל קיין צדקה ניט געבן · דר שטן זוצט אוף זיין געלט ער זאליוועט זיך זעלבסט אום צו געבן אזו זויא אובן שטייט פול דר פון אין הלכות (משא ומתן) · אבר דר עושר פון גאט ער גוט צדקה אונ הט זיין בטחון אין גאט · אזו וויא דר פסוק זאגט (ברכת ה׳ תעשיר) די ברכה פון גאט מאכט רייך אבר דר עושר וואס הט ניט זיין בטחון אין גאט · זאגט אוף אים דר פסוק (ואבד העושר ההוא) דר זעלבגר עושר וועט פלארן ווערן :

דרום זאל איטליכר אוף זיך נעמן דוא מדה פון בטחון · אונ זאל זיך (משמח בחלקו) זיין · אונ זאל מודה זיין דאס די השגחה פון גאט איז אוף איטליכן מענטשן · דס ער גוט איטליכן זיין שפייז אלו טאג צו דר רעכטור צייט · אבר דר וואס פר לאזט זיך אוף זיין חכמה נעמט ביי אים גאט אוועק זיין חכמה · וויא דער פסוק זאגט (לוכד חכמים בערמה) ער בצווינגט די חכמים מיט זייערו ערמות · אונ דר וואס פר לאזט זיך אוף זיין עושר נעמט ביי אים גאט אוועק זיין עושר · וויא דער פסוק זאגט (והבוטחים על חילם) די וואס פר זיכרן זיך אוף זייער געלט · ווערט עס פלארן וויא איין אדלור פלוהט אוועק · אוך זאגט דר פסוק (בחצי ימיו יעזבנו) אין זיינו האלבו יארן ווערט ער דס עשירות פר לאזן · (ואחריתו יהיה נבל) אונ זיין סוף וועט זיין שולקאפטוג · נאך מער טוט גאט דעם וואס פר זורגט זיך אין זיין עשירות אונ האלט זיך גרוס דר מיט · דס ער קען דר פון קיין הנאה ניט האבן · אזו ווי דער פסוק זאגט (ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו) גאט הט אים נוט גמאכט געוועלטוגן צו עסן דר פון :

נאך מער דר וואס נעמט זיך אובר מיט זיין געלט דר פר לייקנט אין גאט הי״ו · ווי דר פסוק זאגט (כפירים רשו ורעבו ודורשי ה׳ לא יחסרו כל טוב) די וואס פר לייקנן אין גאט ווערן א״וס אונ הונגרוג · אבר די וואס פארשטון גאט זענון ניט גמונגרט אלדום גוטס · אונ דר וואס פאר זורגט זיך אין זיינו קרובים וועלון זיי אים פר לאזן · ווי דר פסוק זאגט (אח לא פדה יפדה איש) איין ברודר וועט ניט אום לייזן דעם אנדרן אין זיינו נוטן · אזו זאגט גאט ער זאל זיך ניט ברומון דר גבור מיט זיין גבורה · אונ דר עושר מיט זיין עשירות · (השכל וידוע אותי) ער זאל קלוגן אין דר תורה אונ זאל וויסן מיינו וועגן · אזו וויא איך בין איין (רחום וחנון) אזו זאל ער אוך זיין :

ווען איינער איז אפילו איין ארומאן זאל ער זיך דאך משמח זיין מיט זיין דלות · גלייך וויא גאט וואלט אים גבענשט מיט אגרוסו מציאה · אונ ער זאל תמיד אזו זאגן מיין לובר גאט דוא האסט מיך בשאפון פון נישט אונ האסט מיך גשפייזט אונ מיין מוטערס בוך : אונ דוא האסט מיך גשפייזט מוט מיין מוטערס ברוסט · אונ אוך פון מיין יוגנט ביז אצונד · ניט פון וועגן מיינו גוטע מעשים · דען איך בין איין זונדוגר מענטש · אונ בין ניט ראוי דס גוטס וואס איך האב גהאט פון

דיר גאט מיין גאט · נאר פון דיין גרוס גנאד אונ בארום הרצוקייט וועגן · דם דיין חכמה ווייזט אזו אוס · נון אצונד האטשו מיינו שפייז וענן אבוסל פאר ענדרט בין איך מיך משמח מיט דיין שטראף אונ בין עס מקבל באהבה דען איך וייס וואול דם דוא טוסט מיר אלס לטובה דר גאט וס האט מיך גשפייזט פון מיין יוגנט ביז אהער · אים לוב איך אונ בין אים מתחייב צו לובן אוף דעם אלזם וס ער הט מיר גטאן · אונ אוף דעם וס ער טוט מיר אונ אוף דעם ואס ער וועט מיר טאן נון ווי זיין הייליגר נאמן וויל אונ גביט אוף מיר בין איך אוף מיר אלס מקבל באהבה אונ וועל מיך פרייאן דער מיט · גליך ווי מיט אגרוסו מציאה :

מעשה אמלך הט ארוס גקוקט פונם פענצטור פון זיין שלאס · אונ דר שלאס איז גשטאנון לעבן טייך · האט ער גזעהן וויא עס איז גקומן איין אלטור מאן · אונ הט זיך גזעצט אופן זאמד בייא דעם וואסור · אונ האט ארוס גנומן אדאר שטוקל ברוט אונ הט עס צו ווייקט אין וואסור ביז עס איז צו ווייקט גווארן · דר נאך הט ער עס גגעסן · אונ האט גטרונקן וואסור פונם טייך דר נאך הט ער זייך גלייגט שלאפן אופן זאמד · אזו הט אים דער מלך גשוקט רופן אונ הט אים גפרעגט דו בוסט דא גזעסן אופן זאמד · זאגט ער יוא מיין לובר קונג זאגט ער איך פר וואנדר מיך דו אלטור מאן · וויא דו לאזט זיך בנוגן אונ האסט אזו אביז לעבן · זאגט ער מיין לובר קונג איך בין מיך משמח דר מיט גלייך וויא איך וואלט געסן (מעדני מלכים) זאגט דר מלך איך פאר וואנדר מיך ווי דו בוסט זיך משמח מיט אזו אביז לעבן · זאגט ער מיין לובר קונג איך וועל אייך זאגן ווער עס הט איין ארגור לעבן פון מיר · זאגט דר מלך זאג · זאגט ער ווער עס לופט נאך געלט אונ גוטס · אונ וואלט גערן רייך גווארן · דר האט איין ארגור לעבן פון מיר דען ער האט קיין מאל קיין רוא ניט אוף זיין הארצן ביי טאג לופט ער אהין אונ אהער וויא אמשוגנר אונ בייא נאכט שלאפט ער ניט · אונ טראכט וויא אזו ער זאל געלט גווינן אונ ער פארט אובר ימים אונ מדבריות אוף יארידים אונ טאג אונ נאכט האט ער מורא אונ זארגט פאר גזלנים · אונ אז ער קומט שון אהיים · דא זארגט ער ווידר · אונ רעכנט חשבונות מיט זארג אונ אנגסט אונ עס איז אים קיין מאל ניט גנוג ער רוכט זיך תמיד ווידר צו פארן · אונ וויא מיין ער גווינט · וויל ער נאך מער האבן · (אוהב כסף לא ישבע כסף) ווער עס הט לוב געלט דר ווערט ניט זאט מיט געלט אזה קאן ער קיין מאל ניט שלאפן ווי דר פסוק זאגט (השובע לעשיר אינו מניח לו לישן) איין עושר וס לאזט זיך ניט בנוגן דר קאן קיין מאל ניט שלאפן אונ זיין סוף איז ער פר לורט ביידו עולמות דם ער ווערט אן זיין געלט אונ ווערט אן עולם הבא אוך :

**אז** דר מלך האט דם דער הערט פונם אלטון מאן האט ער אים מודה גוועזן אונ הט אים זייער גלובט · אונ האט אים גגעבן גרוסו מתנות · דרום זאל זיך אוטלוכר די מעשה אין מוח ארייין נעמון · אונ זאל זיך (משמח בחלקו) זיין · אונ זאל זיין בטחון האבון צו הקב"ה אונ עס איז בעסור ער זאל זיך בהעלפון וויא ווייט ער קאן · אונ זאל אום שבת עסון גלייך וויא אום דר וואכון · אונ זאל צו קיין לייטון ניט בדארפון וואול דעם מענטשון וס דר נערט זיך פון זיין (יגיע כפיו) וויא דער פסוק זאגט (יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך) אז דו וועסט עסון פון דעם וס דו ארבוסט מיט דיין האנט · וועט דיר וואול זיין בעוה"ז ובעוה"ב נמצא אז דער וס איז קיינום ניט מקנא אונ איז זיך (משמח בחלקו) דר האט אגוט לעבון אונ לעבט מיט שלום אונ פרייד · אז וויא דוד המלך ע"ה האט גזאגט (נתת שמחה בלבי מעת דגנם ותירושם רבו) עס גוט מיר אשמחה אין הארצון ווען דם קארון אונ ויין פון דיא רשעים טוט זיך מערון · כלומר איך בין מיך מיין משמח מיט מיין בוסל · וויא דו רשעים וענון זיך משמח מיט זייער פיל קארון אונ ויין · דען זייא וענון זיך ניט משמח · אונ גלוסטון תמיד צו מער · אבר איך לאז מיך בנוגן מיט מיין בוסל · איך לייג מיך מיט שלום אונ שטייא אוף מיט שלום אונ שלאף במנוחה · אונ שטייא אוף במנוחה · וויא דר פסוק זאגט (בשלום יחדיו אשכבה ואישן כי אתה ה' לבדד לבטח תושיבני אמן) :

סליק פרק לשמוח בהלקו

דער צוואנציגסטער פרק וויא מזאל די מצות טאן:

**אם** בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו׳) דאס איז דאך ידוע אז דיא מצות פון דער תורה זענען געטיילט אויף דריי חלקים אטייל הייסן חוקים אטייל הייסן (מצות) אונ אטייל הייסן (משפטים) (חוקים) זענן די מצות וואס מיר ווייסן אויף זייא קיין טעם ניט דהיינו (ציצית) (שעטנז חזיר) · ועלכו מצות וס דער יצר הרע אונ די עובדי כוכבים שפעטן דר פון די הייסן חוקים · (מצות) זענען אזעלכו מצות וס מיר ווייסן יוא דעם טעם דער פון · דהיינו (שבת) אונ יום טוב) (סוכה) (משפטים) דאס זענען די דינים · ווען איינר דעם אנדרן איז שולדיג געלט · אודר ער טוט אים אשאדן אודר גניבה (גזילה) · דס הייסט (משפטים) דס זאגט די תורה (אם בחוקותי תלכו) אוב איר וועט גיין אין מיינו חוקים · תאטשו איר ווייסט ניט דעם טעם דר פון · אונ מיינו מצות וועט איר היטן כלומר אז וויא איינר וס היט אונ ווארט עס זאל אים צו קומן אמצוה · דס ער וויל זוא טאן אום גזומט:

**דיא** גמרא זאגט אין (עבודת כוכבים) (אם בחוקותי תלכו) דאס מיינט מען איר זאלט זיך מיהן אין דער תורה · אונ אלו אייערו עסקים זאלן זיין אין איר (ואת מצותי תשמרו) דס מיינט מען איר זאלט דיא מצות טאן · דען ווען איינר לערנט תורה · אונ טוט קיין מצות ניט איז זיין תורה פאר נישט גרעכנט · אונ אז ער טוט מצות אונ לערנט קיין תורה ניט זענען זיינו מצות פר נישט גרעכנט · דען ער ווייסט דאך ניט וויא אזו די מצוה צו טאן אז וויא איך וועל דא בעסור בשיידן · וויא דר פסוק זאגט (ואם לא תשמעו לי ולא תעשו) אוב איר וועט מיך ניט צו הערין צו לערנן תורה וועט איר ניט קענן די מצות טאן · די גמרא זאגט ווייטור אויף דעם פסוק דר וס לערנט ניט קיין תורה · דער טוט פול עבירות דס ערשטו ער לערנט קיין תורה ניט · דאס אנדרו ער טוט די מצות ניט דם דרוטו ער הט פיינט דיא וס לערנן תורה · דס פערדו דיא תורה אונ מצות זענן אים מיאוס · דס פופטו ער וויל ניט ליידן אנאנדרור זאל תורה לערנן אודר די מצות טאן · דאס זעקסטו ער הערט אנדרו תורה צו לערנן · אודר דיא מצות צוא טאן · דאס זובטו ער איז (כופר בעיקר) · אבר דר וס לערנט יוא תורה אודר ער העלפט צו תורה לערנן · אונ ער לערנט זוא דרום כדי ער זאל וויסן וויא אזו די מצות צו טאן אונ ער לערנט אוך מיט תלמידים אונ מאכט די לייט תורה לערנן אונ מצות טאן · דער בקומט לאנג לעבן אויף דער וועלט · אונ איז אוך זוכה לחיי עולם הבא · אונ דר וס הייבט אן אמצוה צו טאן זאל ער זי גומר זיין אונ אוב ער איז זוא ניט גומר איז זיין עונש דאס ער בגראבט זיין ווייב אונ קינדר דס לערנן מיר אפ פון (יהודה) ער האט אן גהובן אמצוה צו טאן · דס ער הט זיין ברודר (יוסף) מציל גוועזן פונם טוט נאר וייל ער האט זוא ניט גומר גוועזן · דס ער האט אים ניט אהיים גבראכט צום פאטור: דרובר הט ער פר זונדיגט זיין ווייב (בת שוע) אונ זיינו צווייא זין (ער ואונן) אלו צייט זאל אמענטש נאך קלערן וויא עס איז ערגוץ דא אמצוה צו טאן זאל ער זוא טאן אום גזומט אונ מיט שמחה גלייך ווי ער וואלט אמציאה גפונן עס איז אמשל אמלך זאגט צו איינם גייא אונ ברענג מיר ארוז דס איך זאל פון איר הנאה האבן דא וועל איך דיך רייך מאכן · אונ וועסט ביי מיר נושא חן זיין · דר וואס איז קלוג דר גייט מיט שמחה אונ זוכט אום די שענסטו רוז אונ לייגט זוא אריין אין אזיידן טוכל אונ ברענגט זוא פארו, מלך מיט שמחה · אזו גוט אים דער מלך נאך מער וויא ער הט אים צו גזאגט · אבר דר וס איז ניט קלוג · טראכט ער זיך וס וועט מיר דר מלך גובין · ער האט וואול אנדרו רוזן אין זיין גארטן וס בדארף ער מיין רוז · אונ גייט אונ פאר לאזט דעם מלך גבאט דער וייל גייט ער אונ גפונט איין פאר שמירטו רוז · נעמט ער אונ ברענגט זוא פארן מלך אזוא ווארפט ער אים זוא דאך אין פנים אריין אונ הייסט אים ארוס ווארפן:

**אזו** זענען די מצות ווער עס זוכט נאך · נאך זיי אונ טוט זיי מיט שמחה אונ האלט די גבאט פון הקב״ה אזו האט ער גרוס שכר אבר דר נאר דר רשע גייט נאך וואול טאג אונ טראכט ניט אויף די מצות אונ אז די מצוה קומט צו אים בשוגג טוט ער זוא אן כוונה אונ אמאל הט ער אך בשעת מעשה אין זונן אויף איין עבירה דר איז מבטל זיין מצוה דרום וערט ער ארוס גשטוסי

מיט איר דרום זאל אויטלוקר דיא מצוה טאן מיט שמחה אונ מיט כבוד אזו וויא אז איינר קולוס איין עוף טאר ער זיך דאך דס בלוט ניט צו דעקן מיט דם פוס אודר מיט אשטעקן נאר מיט דר האנט אודער מיטן חליף אזוא זאלן זיין אלו מצות עס שטייט אין פרק (הֱוֵי זָהִיר בְּמִצְוָה קַלָּה כְּבַחֲמוּרָה) זייא גוואורנט אין אגרונגר מצוה גלייך וויא אין אהרבור מצוה דען די ווייסט ניט דעם שכר פון קיין שום מצוה אופט איז דר שכר פון אגרונגר מצוה אונ פון אהרבור גלייך והא ראיה ביי כיבוד אב שטייט (לְמַעַן יַאֲרִיכוּן יָמֶיךָ) דס איז דאך די ארבסטו מצוה אין דר וועלט וויא אזו סען דארף זיך מיט אום נוהג זיין וויא עס שטייט אין הלכות כיבוד אב יאם דא שטייט דר שכר דר בייא דס לאנגו לעבון אונ ביי דר גרונגר מצוה פון (שִׁלּוּחַ הַקֵּן) אז ער גפונט אן כוונה אנעסט מיט פוגול זאל ער די מוטר אפ לאזון אונ די קונדר זאל ער נעמון דס גווערט דאך נאר איין רגע שטייט אוך דר שכר דר בייא (וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים) דס לאנגו לעבון :

**דרום** האבון די חכמים ז"ל גזאגט · (אֵין מַעֲבִירִין עַל הַמִּצְוֹת) מיזאל ניט אובר פארון אוף דיא מצות דס איינר ווערט ועלון זאגון איך וועל בעסור טאן יענו מצוה אונ דיא וועל איך לאזון גיין · (הָעוֹסֵק בְּמִצְוָה פָּטוּר מִמִּצְוָה) ווען איינור איז עוסק אין אמצוה איז ער פטור פון דר אנדרור מצוה אזו אוך וועלכו מצוה עס קומט אום פרנער די איז ער מחוייב צו טאן אונ זאל ניט זאגון איך וועל די מצוה לאזון אונ וועל ווארטון אוף יענור מצוה וויס איז גרעסור פון דר גיין ער זאל די ערשטו מצוה טאן אום גזומט אונ אפילו ער פר זומט יענו מצוה אובר דר איז אים גרעכונט גלייך ווי ער וואלט ביידו גטאן אבר אז ער קען טאן ביידו מצות אונ טוט נאר איינו איז אים יענו ניט גרעכונט איר זאלט ניט מיינון דאס עס איז פאר האנדון גרונגו אודר קליינו מצות גיין אלו מצות זענון הארב אונ גרוס אונ קעסטליך אונ עס איז גרוס שכר אוף זייא נאר וואס דען מיינין דיא חכמים זאלסט גוואורנט זיין אין אגרונגר מצוה דס מיינט מען אזו אמצוה וויס קאסט ווינוג געלט דהיינו ציצית אונ סוכה · אודר אנדרו מצות וואס קאסטון ווינוג אבר דר תכלית המצוה איז ניט גרונג :

**דיא** מצות פון דר תורה זענון גטיילט אוף צווייא חלקים · איין חלק הייסט מצות עשה דר אנדרור חלק הייסט מצות לא תעשה אזעלכו מצות וואס הקב"ה הט גבאטון צו טאן דהיינו ציצית אונ תפילין אונ מזוזה · דס הייסט מצות עשה אונ אזעלכו מצות וויס הקב"ה הט גבאטון ניט צוא טאן דהיינו חזיר טריפות שעטנז דס הייסט מצות לא תעשה · ווען איינור איז עובר אוף איין לא תעשה שטייט זיין עונש אין דר תורה מלקות אודר מיתה · למשל ווען איינור איז מחלל שבת קומט אום סקילה אונ ווען איינור איז מזנה מיט איין אשת איש קומט אום חנק · אז ער עסט חזיר אודר ער טוט אן שעטנז קומט אום מלקות · אבר אוף דיא מצות עשה שטייט קיין עונש ניט נאר אוף צווייא שטייט יוא איין עונש דר וויס איז זיך ניט מל · אונ דר וויס ברענגט ניט קיין קרבן פסח איז זיין עונש כרת ווייטור שטייט קיין שום עונש ניט אוף די מצות עשה נון זאל זיך קיין מענטש ניט גדענקון אז איך וועל די מצוה טאן וועל איך שכר האבון אונ אז איך וועל זוא ניט טאן וועל איך קיין עונש ניט האבון · אזו וויא אטייל לייט זענון זיך טועה אונ מיינון עס איז קיין עונש ניט פר האנדון אוף די מצות עשה · דרום די מצוה וויס קאסט זייא קיין געלט ניט אונ זייא האבון קיין טירחה ניט טואן זייא · אונ די איבריגו מצות טואן זייא ניט דרום זאלט איר וויסון אז דר וויס נעמט זיך אין סוף אריין אזו אבייזו מחשבה דס דיא מצות זענון ניט גאבט אין זיינו אוגון איז זיין עונש פיל גרעסור פון דעם וויס איז עובר אוף איין לא תעשה :

**דען** ווען איינור איז עובר אוף איין · (לא תעשה) דא בצווינגט אים דר יצר הרע דר צו דס ער זאל דיא עבירה טון דרום אז ער טוט תשובה אונ חרטה אונ נעמט אוף זיך שון ניט צו טאן קיין עבירות איז אים הקב"ה מוחל · אבר דר וויס איז מבטל איין מצות עשה דהיינו ער לייגט קיין תפילין ניט אטאג אודר בענטשט קיין אתרוג אונ קיין לולב ניט דא רייצט אים דר יצר הרע ניט אן דר צו נאר זיין בוטר הארץ איז אזו דס די מצוה איז בייא אים ניט גאכט · אונ אז ער פאר זומט אמצוה מען ער זו ניט צו רוק חאפון עס איז אמשל אמלך זאגט צו זיינו קנעכט ווער עס ווערט הייגט טאן מיין

ארבוט אין מיין גארטון וועל איך אים געבן הונדרט גולדין · אטייל קנעכט ארבוטון ערונצט און
אטייל קערון זיך ניט דר צו · און ארבוטון אנגדרון און פר דונן אהאלבן גולדן · נוא זאל דר מלך
ניט ברוגז זיין דרוף דאס זיי פר שעמון זיין ארבוט מיט די הונדרט גולדין און ארבוטן כר אה. לבין
גולדן · אזו איז דם אויך ער פר זוימט די מצוה · און גייט נאך זיינו עסקים וואס טרעפט ניט אן קיין
טוזנט חלק פון דעם שכר פון דר מצוה · נמצא אז דר וואס איז מבטל איין מצות עשה · איז הרבור
ווי דר וואס איז עובר אויף איין לא תעשה · (בעולם הזה) אוף דער וועלט איז צייט דר מע טש זאל
ארבוטן אין תורה און מצות · און (לעולם הבא) בקומט ער זיין שכר פר דר ארבוט · אבר דר וואס
הט קיין מצות ניט גטאן פר וואס זאל ער שכר נעמון · דר וואס נעמט זיך ניט מיט קיין צערונג אויף
דעם וועג פון וואס וויל ער זיך צערן · די וועלט איז גלייך וויא די וואך · און יענו וועלט איז גלייך
ווי שבת אזו ווי דר וואס גרייט זיך נוט אן פר שבת דר הט ניט צו עסן אום שבת · אזו אויך ווער
עס טוט קיין מצות ניט אוף דר וועלט דר הט קיין שכר ניט אוף יענור וועלט. אבר דר וואס טוט יוא
מצות אוף דר וועלט · דר הט יוא שכר אוף ייענור וועלט · אזו ווי דר פסוק זאגט (כל אשר תמצא
ידך לעשות בכוחך עשה כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה) דאס
מיינט מען אלץ וואס דו קענסט גרייכון מצות צו טאן אוף דר וועלט זאלסטו טאן אין קבר ווערסטו
קיין מצות ניט קענון טאן · און אויך קיין תורה ניט לערנון · דרוף זאגט דר פסוק (וחסרון לא יוכל
להמנות) ווען איינר איז און איין חברותא וואס טואן מצות און אמאל פר זוימט ער איין מצוה ווערט
ער גמונרט פון איר · דס ער ווערט ניט גציילט מיט זיין חברותא צו נעמון שכר אוף איר :

דרום זאל קיינור ניט פר זוימון קיין מצוה · און זאל ניט זאגון יענו מצוה איז גרעסר דען דם איז
דאך ידע׳ס דם מיר קענון ניט וויסן פון וועלכור מצוה עס איז גרויס דר שכר און פון וועלכר
עס איז קליין · דער פסוק זאגט (ושמרתם את המצות) איר זאלט היטן די מצות · דרשות די גמרא
אזו וויא מען דארף מאכון די מצות אום גזומט · אזו זאלט איר אויך טאן די מצות אום גזומט תיכף
ומיד · אז עס קומט איינם צו איין מצוה זאל ער זוא טאן אום גזומט און זאל זוא ניט אפ לייגון ·
דס ער זאל ניט זאגון איך וועל זוא נאך צייט האבון צו טאן · און זאל זיך גדענקון אז אמלך בשר
ודם זאל אים הייסן עפוס טאן וואלט ער עס דאך בוודאי באלד גטאן · חאטשו ער גוט עס דאך
פון זיין טובה וועגון · ניט פונם מענטשונס טובה וועגון · מכ״ש וק״ו דר מלך מלכי המלכים הקב״ה
גבוט אים דארף ער דאך עס בוודאי טאן גשווינד און גפרושט און מיט פריילוך גמוט דען ער גבוט
דאך עס פונם מענטשונס טובה וועגון · דם ער זאל זוכה זיין לחיי עולם הבא · וויא דר פסוק זאגט
(יי׳ חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר) און כדי דר מענטש זאל אן גברייט זיין צו עולם הבא ·
דרום הט ער די תורה גרויס גמאכט און הט פול מצות גבאטן דם איטלוכר זאל קענון מצות טאן :

און ווען איינר טוט איין מצוה זאל ער זוא זעלבסט טאן מיט זיין האנט · און זאל זוא ניט הייסן
טאן זיין זון אודר זיין קנעכט · כדי דוא מצות זאלון גלובט זיין אין זיינו אוגן · דהיינו ביא
חנוכה לוכטלוך זאל מען קיין געלט ניט ציילון · און אויך קיין אנדור זאך ניט נוצון דר ביי דעסט
גרייכון דוא ליכט פונם שול דארף מען אויך ערלוך האלטון אודר דעסט גלייכן אנדרו מצות · אזו
וויא די גמרא ברענגט דרוף איין מעשה (ישששכר כהן גדול) פון דעם דארף (ברקאי) ער האט דוא
מצות שוואך גהאלטון ; בשעת ער הט גבראכט קרבנות הט ער זיינו הענט איין גוויקולט אין איין
זיידון טוכול · כדי ער זאל זיי ניט איין שמוצן · אמאל האבון זיך דר מלך מיט דר מלכה גוועס
דר מלך הט גזאגט איזנג צוקלו איז גוט צו עסן · און די מלכה הט גזאגט איונג שעפלו איז בעסר
צו עסן · האבון זיי גזאגט וויא וועלון מיר עס וויסן · לאמור שוקן נאך דעם כהן גדול האבון זייא
אים גפרעגט וועלכוס איז בעסור · איונג צוקעלו · אודר איונג שעפלו · הט ער גשאקולט מיט זיין
האנט און הט גזאגט אשעפלו · דען אוב ניט ווארום הט מען גהייסן מקריב זיין אשעפלו פר איין
קרבן תמיד · און ניט קיין צוקעלו · דא איז דר מלך זייער ברוגז גווארון דם ער הט אזו גשאקולט
מיט דר האנט · און הט גהייסן מיזאל אים אפ האקון די רעכטו האנט · הט ער שוחד געגבן הט

מען אים אפ געהאקט די לונקע האנט · איז דר מלך גוואר געווארן האט ער אים גהייסן די אנדרע אויך אפ האקן · זאגט רב יוסף גלובט איז גאט וואס ער האט דעם יששכר זיין שכר אפ געגעבן אויף דר וועלט דס ער וועט קומן ריין לעולם הבא · נוא וואס זעהט מען אזו דר וואס האלט גרונג די מצות טוט ער ענש ליידן אויף דר וועלט אודר אויף יענר וועלט · אויך איז איטלוכר מחוייב אלע מצות חשוב צו האלטן ניט פר גרינג אונ קיינר זאל ניט קלוגן צו זאגן וואס הארט עס הקב״ה אז איך וועל גייא אין שעטנז · אודר איך וועל קיין שופר ניט הערן בלאזן · אודר איך וועל אין סוכה ניט עסן אודר איך וועל עסן אום גוואשן · אודר איך וועל קיין ברכה ניט מאכן · קיינר טאר זיך אזוא ניט גדענקן · אונ זאל גדענקן וועד עס הט דס גבאטן · אונ אפילו ער ווייסט ניט דעם טעם אונ די כוונה פון דר מצוה זאל ער זוא דאך טואן · דען דר וואס האט גבאטן די מצוה ער איז איטל חכמה · אונ עס איז ניט פאר האנדן קיין שום מצוה אין דר תורה עס זאל אין איר ניט זיין קיין גרוס חכמה · וויא דר פסוק זאגט (כי לא דבר רק היא מכם) משה רבינו ע״ה זאגט צו די ישראל לערנט די תורה אונ טוט די מצות · דען עס איז קיין לער ווארט ניט דא אין איר אונ עס איז גרוס חכמה אונ גרוסע סודות אונ איטלוכי מצוה ברענגט דעם מענטשן צום אייביגן לעבן :

דרוף זאגט דר פסוק (אמרת אלהי צרופה מגן הוא לכל החוסים בו) די זאג פון גאט זענען גלייטרט אונ לייטרון אויך דעם מענטשן צו עולם הבא · אונ עס איז איין בשיצונג צו דיא אלו וואס בשיצן זיך אין הקב״ה אונ איין נאר אונ ארשע וואס זאגט וואס נוצט די מצוה אונ שפעט פון איר זאל ער פר פלוכט ווערן · דער פסוק זאגט (ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי) איך האב אייך אפ גשיידט פון דיא פעלקור איר זאלט זיין צו מיר · דרשות די גמרא אויף דעם פסוק · מניין פון וואנן איז גדרונגן דאס קיינר זאל ניט זאגן חזיר איז מיאוס איך קאן עס ניט עסן · אודר מיר איז מיאוס שעטנז צו טראגן · נאר איר זאלט זאגן איך וואלט גערן חזיר געסן אודר שעטנז גטראגן נאר איך וויל זיין גאטס קנעכט · אונ וויל האלטן אלס וואס ער הט גבאטן אין זיין תורה ווי דר פסוק זאגט (להיות לי) איר זאלט פון מיינט וועגן מצות טאן · אונ ניט פון אייערט וועגן :

אויך דרשות דר פון די גמרא ווען איר טוט די מצות דא זענט איר מיין פאלק · נמצא איז דר פון גדרונגן ווען איינר טוט קיין עבירה ניט איז זוא אים גרעכנט פר אמצוה · למשל ווען איינור איז הונגריג אונ וויל עסן · זאגט מען אים עס דס ניט עס איז טריפה · אונ ער עסט עס ניט · איז עס אים גרעכנט פר אמצוה · אודר דעסט גלייכן איינר וויל אמלבוש אן טאן אונ מען זאגט אים עס איז שעטנז אונ ער טוט עס ניט אן · אזו איז עס אים גרעכנט פאר אמצוה · דער פסוק זאגט (ולמען צדקו יגדיל תורה ויאדיר) פון וועגן זיין גרוס צדקות פון הקב״ה הט ער גרוס גמאכט זיין תורה אונ הט פול מצות גבאטן כדי כל ישראל זאלן קענן זוכה זיין לעולם הבא · אונ וועגן זיין לובשאפט צו אונז האט ער אונז בלובט מיט זיינו מצות · ציצית אין אונזרו קליידר תפילין אויף אונזרו קעפ · אונ אויף אינזרו ארום · מילה אונ אונזר לייב · מזוזה אונ אונזרי הייזור · אויף דעם זאגט דר פסוק (שבע ביום הללתיך על משפטי צדקך) פון וועגן זובן מצות וואס די האכט אונז געגעבן דס מיר טואן זיי אלו טאג דרום האבן מיר דיך צו לובן · דס זענן די זובן מצות · תפילין אונ ציצית · אונ מילה · אונ מזוזה · עס זענן דרוף פול טעמים ווארום דס הייסט זובן מצות איין טעם איז די פיר פרשיות פון תפילין זענן ווי פיר מצות · אונ ציצית אונ מזוזה אונ מילה איז זובן :

אמייל לייט זאגן תפילין זענן אכט מצות · דען צווייא תפילין זענן אכט פרשיות · אונ ציצית זענן פיר מצות · דען פיר ציצית העגגן אין איטלוכען טלית · אמייל לייט זאגן פיר ציצית זענן אכט אונ דרייסיג פארום · אזו זענן זייא אכט אונ דרייסיג מצות · אמייל לייט זאגן ציצית זענן צווייא אונ פופציג · דען דוא צוואנציג קנופן זענן אויך צוואנציג מצות · נאך איין פשט איז אויף דעם פסוק (שבע ביום הללתיך) לייען עס שובע זאט · מען איז מחוייב צוא לובן הקב״ה ביז מען ווערט זאט פון זיין לוב · אויף די מצות וואס ער הט אונז גגעבן · זיי ווייזן אונז דעם רעכטן וועג צו עולם הבא · וויא די גמרא ברענגט אין מדרש · אמאל איז דוד המלך ע״ה

עסֶן אִין בָּאד · אִיז עֶר בַּזָארְגְט גִיוֶועןְ וַוייל עֶר אִיז גִוֶועןְ אָן מִצְוֹת · אָן תְּפִלִּין · אָן צִיצִית · אַז עֶר הָט גִדַאכְט אִין דֶר מִילָה הָט עֶר זִיךְ מְשַׂמֵחַ גִוֶועןְ דָאס עֶר גֵייט נִיט אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע אָן אֵיין מִצְוָה · אַז עֶר אִיז אַרוֹיס גְגַאנְגֶן פוּנֶם בָּאד הָאט עֶר גְלוֹבְּט הקב"ה אוּנ הָט גְזָאגְט דֶעם מִזְמוֹר (לַמְנַצֵּחַ עַל הַשְּׁמִינִית) פוּן וֶועגְן דֶר מִילָה וָואס זוֹא אִיז גִבָּאטְן גִוָוארְן צוּם אַכְטְן טָאג :

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (לִוְיַת חֵן הֵם לְרֹאשֶׁךָ) אֵיין בַּהֶעפְטוּנְג פוּן חֵן זֶענֶען דִי מִצְוֹת צוּ דַיין קָאפּ · דַרְשׁוּת דֶער מִדְרָשׁ (לִוְיַת) מֵיינְט מֶען דִי מִצְוֹת זֶענֶען מְלַוֶּה דֶעם מֶענְטְשׁן וְויא אַהִין עֶר גֵייט · עֶס זָאל אִים קֵיין שָׁאדְן נִיט גְשֶׁעהְן · אוּנ אוֹיךְ בַּלֵייטְן אִים דִי מִצְוֹת פוּן זַיין גְבָּארְן בִּיז זַיין נְשָׁמָה גֵייט אוֹיס · צוּם אַכְטְן טָאג אִיז מֶען אִים מָל · דֶר נָאךְ טוּט עֶר אָן אַקְלֵייד אִיז דֶר בַּיי דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אוּנ שַׁעַטְנֵז · שֶׁערְט עֶר זִיךְ טָאר עֶר דִי פֵּאוֹת נִיט אָפּ שֶׁערְן · עֶסְט עֶר טָאר עֶר נִיט עֶסְן קֵיין טְרֵיפוֹת · אוֹדֶער וָואס אָסוּר אִיז · אַקֶערְט עֶר זַיין פֶעלְד טָאר עֶר עֶס נִיט אַקֶערְן מִיט כִּלְאַיִם · דָס מֵיינְט מֶען אֵיין אוֹקְס מִיט אֵיין פֶערְד · דֶר נָאךְ זֵייאַט עֶר זַיינוּ פֶעלְדֶר טָאר עֶר זַיי נִיט זֵייאֶן קֵיין כִּלְאַיִם צְוַויא מִינִים בַּנַאנְדֶר · שְׁנֵייד עֶר תְּבוּאָה אוֹדֶר בֵּיימֶר טָאר עֶר נִיט אָפּ שְׁנֵיידְן אִין גַאנְצְן · עֶר מוּז לָאזְן (לֶקֶט שִׁכְחָה פֵּאָה) צוּא עֲנִיִּים · גֵייט עֶר אִין וֶועג אוּנ בַּגֶעגְנְט אַנֶעסְט מִיט פֵייגֶל טָאר עֶר נִיט נֶעמְן דִי מוּטֶר מִיט דִי קִינְדֶר · אִין דֶר פְרִיא דַארְף עֶר דַאוְונֶען מִיט טַלִּית אוּנ תְּפִלִּין · פַר נַאכְט דַארְף עֶר דַאוְונֶען מִנְחָה אוּנ מַעֲרִיב · פַאר דֶעם שְׁלָאף דַארְף עֶר לֵייאֶנֶען קְרִיאַת שְׁמַע · אוּם שַׁבָּת דַארְף עֶר טָאן דִי מִצְוֹת וָואס גְהֶערְן צוּם שַׁבָּת · אוּם יוֹם טוֹב דִי מִצְוֹת וָוס גְהֶערְן צוּ יוֹם טוֹב (רֹאשׁ הַשָּׁנָה) דַארְף עֶר שׁוֹפָר בְּלָאזְן (יוֹם כִּפּוּר) דַארְף עֶר פַאסְטְן · (סוּכּוֹת) דַארְף עֶר בֶּענְטְשְׁן (אֶתְרוֹג) אוּנ (לוּלָב) :

קוּרְץ פוּן דֶער זַאךְ פוּן זַיין גְבָּארְן בִּיז זַיין טוֹט אִיז עֶר בַּלֵייט מִיט מִצְוֹת · בִּפְרַט תּוֹרָה לֶערְנֶען אִיז עֶר מְחוּיָּיב כָּל זְמַן עֶס רוּרְט זִיךְ נָאר אֵיין אֵבֶר אִין אִים · דָס בַּטֵייט דָס וָוארְט (לִוְיַת חֵן) דִי מִצְוֹת בַּלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשְׁן מִיט אֵייטֶל חֵן אוּנ חֶסֶד אוּנ רַחֲמִים · עֶס אִיז אַמָשָׁל אַמֶלֶךְ הָאט פוּל קֶנֶעכְט אוּנ אַטֵייל פוּן זֵייא הָאט עֶר זֵייעֶר לוּבּ וְויא זַיין הַארְץ · זָאגְט עֶר צוּ זַיי מֵיינוּ לוּבּוּ קְנֶעכְט זֵייט מֵיינוּ גְטְרֵייא בַּדִינֶער וֶועל אִיךְ אֵייךְ גֶעבְּן מֵיין שׁוּלְט אוּנ מֵיין פַאנְצוּר אוּנ מֵיין חוֹתָם וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ גְהַתְמוּת צוּ מֵיין חַתוּנָה · אוּנ דִי אִיבְּרִיגֵי קְנֶעכְט וֶועל אִיךְ עֶס נִיט גֶעבְּן · דֶען זַיי וֶועלְן עֶס נִיט אַכְטְן · אוּנ וֶועלְן עֶס פַר אֵיין גְשֶׁפֶּעט הַאלְטְן · אַזוֹ אוֹיךְ הקב"ה אִיז דֶער (מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים) אוּנ דִי גַאנְצוּ וֶועלְט זֶענֶען זַיינוּ קְנֶעכְט · אוּנ דִי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זַיינוּ לוּבּוּ קְנֶעכְט דְרוּם גִיט עֶר זַיי זַיינוּ מִצְוֹת אוּנ זַיין חוֹתָם דָס אִיז דִי תְּפִלִּין · אוּנ דֶעם אֱמֶת · נוּא זֶעהְן מִיר אַז דָס אַלְס אִין אֵיין מַתָּנָה פוּן לוּבְּשַׁאפְט וֶועגְן :

דִיא גְמָרָא זָאגְט אִין (קִידוּשִׁין) דֶר וָוס טוּט אַמִצְוָה מִיט דֶר גַאנְצוּר כַּוָּונָה וֶוערְט אִים גְטָאן פוּל גוּטְס אוּנ מֶען דֶר לֶענְגוּרְט אִים זַיינוּ יָאר אוּנ טֶעג · אוּנ עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַרְבּוּן דָס לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל · אָבֶר אַז עֶר טוּט זוֹא אָן כַּוָּונָה וֶוערְט אִים קֵיין גוּטְס נִיט גְטָאן אוּנ זַיין יָאר אוּנ טֶעג וֶוערְן דֶר קוּרְצְט · אוּנ עֶר וֶועט נִיט אַרְבּוּן דָס לַאנְד · אוּנ דֶר וָוס קֶען נִיט לֶערְנֶען קֵיין (מִקְרָא) אוּנ קֵיין (מִשְׁנָה) אוּנ הָט אִין זִיךְ אוֹיךְ נִיט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ · אִיז עֶר נִיט רָאוּי מִיזָאל מִיט אִים וואוֹנֶען אִין אֵיין שְׁטָאט · אָבֶר דֶר וָואס הָט יוֹא אִין זִיךְ דִי אַלוּ דְרַייא · דֶעם קוּמְט קֵיין בַּייז נִיט צוּ · אוֹיךְ זָאגְן דִיא חֲכָמִים וֶוער עֶס טוּט אַמִצְוָה אַשָׁעָה פַר זַיין טוֹט אִיז גְלַייךְ וְויא עֶר וָואלְט מְקַיֵּים גִוֶועןְ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה · אוּנ פַר קֶערְט אַז עֶר טוּט אֵיין עֲבֵירָה אֵיין שָׁעָה פַר דֶעם טוֹט אִיז גְלַייךְ וְויא עֶר וָואלְט מְבַטֵּל גִוֶועןְ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה :

רַבִּי יוֹנָתָן זָאגְט דֶר וָוס טוּט אַמִצְוָה רֶעכְט אוֹיף דֶר וֶועלְט דָא גֵייט זוֹא פַר אִים · אוּנ בַּלֵייט אִים צוּ עוֹלָם הַבָּא אִין גַן עֵדֶן אַרַיין · אוּנ וֶוער עֶס טוּט אֵיין עֲבֵירָה אוֹיף דֶר וֶועלְט אוּנ טוּט דְרוֹיף נִיט תְּשׁוּבָה פַארוּן טוֹט · דָא בַּגְרוּפְט זוֹא אִין אִים אוּנ לָאזְט אִים נִיט אָפּ אוּנ שְׁלֶעפְּט אִים מִיט זִיךְ אִין גֵיהִנֹּם אַרַיין · דִי מִצְוֹת גְהֶערְן צוּם גַן עֵדֶן אוּנ דִי עֲבֵירוֹת צוּם גֵיהִנֹּם · וְויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (אַשְׁרֵי הָאִישׁ יְרֵא אֶת ה' בְּמִצְוֹתָיו חָפֵץ מְאֹד) וואוֹל דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס פָארְכְט זִיךְ פַר גָאט · אוּנ גְלוּסְט

זייער צו זיינו מצות · אונ דר מענטש וואס בצווינגט דעם יצר הרע קומט אים קיין עבירה ניט צו האנדין אונ אז ער טוט יוא איין עבירה טוט ער אוף איר תיכף תשובה אין זיין יוגנט דער הייסט ארעכטור ירא שמים (רבי אליעזר) זאגט (במצותיו חפץ מאוד) אין זיינו מצות בגערט ער זייער אבר ניט אין דעם שכר פון זיי כלומר ער טוט זיי פון ליבשאפט וועגן אפילו עס זאל אוף זייא קיין שכר ניט זיין דר הייסט ארעכטור ירא שמים · אונ אפרומר מאן ער דינט הקב״ה פון ליבשאפט וועגן ווי אזון זיין פאטור ווייסט דאך וואול אלו זאכון פון זיין פאטור אונ טוט וואס אים וואול געפעלט אזו זאל אוך אומלוכר אוועק לאזון זיינו עסקים דעו הקב״ה וועט זיי אים פארוכטון אונ זאל נאט דינון :

אוך זאגט די גמרא אטייל שכר פון דר מצוה גוט מען אוף דר וועלט דהיינו אז איינר מאכט אשיין חנוכה לוכט · אונ איז זייער נזהר אין דר מצוה דס דיא חכמים האבון גבאטון אזו האט ער אוך קונדר תלמידי חכמים · אונ ווער עס איז נזהר אין מצות (מזוזה) בקומט ער אשיינו דירה ווער עס איז נזהר אין מצות (ציצית) בקומט ער אשיין קלייד ווער עס איז נזהר צו האבון וויין אוף קידוש איז ער זוכה צו רייכקייט אונ צוא פול וויין ווער עס איז מכבד אלטו לייט איז ער זוכה אלט צו ווערון ווער עס איז מכבד פאטור אונ מוטר דר לעבט לאנג אזו זענון אלו די מצות פון כל התורה בולה חוץ דעם גרוסון שכר וואס ער הט לעולם הבא אוף דר וועלט עסט ער דיא פירות · אונ אוף יענור וועלט בקומט ער דס קרן אונ דר וואס טוט דיא מצוה באהבה ניט פון שכר וועגן דר בקומט פיל טויזנט מאל מער שכר פון דעם וואס טוט זוא פון שכר וועגן · וויא דר פסוק זאגט (ליראי ה׳ ולחושבי שמו) הקב״ה גוט שכר צו די וואס פארכטון זיך פאר אים אונ גדענקון זיין נאמון דרשת די גמרא דאס מיינט מען ווער עס גדענקט אמצוה צו טאן אונ ער קען זוא ניט טאן אובר איין אונס רעכונט אים הקב״ה גלייך ווי ער וואלט זוא יוא גטאן :

רבי חנינא בר אבין) זאגט ווער עס טוט איין מצוה מיט דר רעכטור כוונה וויא ער איז גבאטון געווארון קומט אים קיין בייז ניט צו · וויא דר פסוק זאגט (שומר מצוה לא ידע דבר רע) ווער עס הוט אמצוה וועט ניט וויסון פון קיין בייזו זאך · (רב אסי) אונ אטייל לייט זאגון (רב חנינא בר פפא) דרשת אוך פון דעם פסוק ווער עס טוט אמצוה מיט דר גאנצור כוונה אפילו עס איז אוף אים בגזר געווארון איין בייזו גזירה ח״ו איז ער זוא מבטל · (רבי יהושע בן לוי) זאגט וואס מיינט דר פסוק (אשר אנכי מצוה אתכם היום לעשותם) הקב״ה זאגט איך גביט אייך היינט די מצוה צו טאן איז מען דען מארגון פטור פון די מצות נאר אזו מיינט מען איר זאלט היינט די מצות טאן אויף דער וועלט אונ מארגון צו עולם הבא וועט איר אייער שכר בקומון דען דארטון קען מען קיין מצות ניט טאן · נאך מער זאגט (רבי יהושע בן לוי) אלו די מצות וואס ישראל טואן אוף דער וועלט צו עולם הבא קומן די מצות זעלברט אונ זאגון עדות פאר הקב״ה די מצוה האט דר (פלוני) גטאן אונ דיא מצוה הט יענור (פלוני) גטאן וויא דר פסוק זאגט (יתנו עדיהם ויצדקו) דאס מיינט מען די מצות זעלברט זאגון עדות ווער עס הט זייא גטאן · דר נאך זאגט ווייטור דר פסוק (ישמעו ויאמרו אמת) · לעולם הבא ווערון דיא עובדי כוכבים הערון · אונ ווערון אוך מוזן עדות זאגון דאס ישראל האבון מקיים גוועזן די מצות · אונ האבון זיך גלאזט ממית זיין אוף קידוש השם מיר האבון גלערונט אין דר (מכילתא) דרשת ער דעם פסוק (ועושה חסד לאלפים לאוהבי ולשומרי מצותיו) הקב״ה טוט חסד צו צוויא טויזנט דורות צו די וואס טואן די מצות פון ליבשאפט וועגן ניט פון שכר וועגן אונ צו די זעלבגו וואס ווארטון די מצות זאלון זיי צו קומן אונ טואן זייא (תיכף ומיד) מיט דר רעכטר כוונה · אונ ווער זענון די זעלבגו לייט · דס זענון די צדיקים אונ חסידים וואס וואונון אין ארץ ישראל אונ זענון זיך מוסר נפש פון די מצות וועגן אז וויא עס איז גוועזן אין דער צייט אז די עובדי כוכבים האבון גוזר גזירות גוועזן · אז מען הט אום גפורט איינום צו הרגנון הט מען אום גרופון דער גייט אום צו הרגנון ווייל ער האט זיין קונד מל גוועזן · פר דעם אנדרון האט מען אום גרופון דעם פורט מען אום צו הענגון ווייל ער האט מצות גגעסון דעם האט מען גשמוסן מיט ארוט ווייל ער הט (לולב) בענטשט דס אלס איז גקומן פון וועגן זייער ליבשאפט וואס זייא האבון גהאט הקב״ה האבון זייא

מקדש השם גוועזן · וואל דעם זעלבגן אונ וואל זיינו קונדר ביז איבוג :

קיין מענטש זאל ניט גדענקן וואס זאל איך מצות טאן · איך בין דאך ארוטא אונ האב פול עבירות גטאן וואס ווערלן מיר דיא מצות העלפן · אוף דעם זאגט דיא גמרא האסט גטאן פול עבירות טוא דער קעגן פול מצות · מיט די איינגו איברים וואס דו האסט די עבירות גטאן האסט איין עבירה גטאן מיט דיא אוגן · דא לייג תפילין צווישן דיינו אוגן האסטו איין עבירה גטאן מיט לוגן זאגן זאלסטו תורה ריידן מיט דיין מול האבן דיינו הענט פאר גאסן אום ריין בלוט דאס מיינט מען דו האסט איינעם מבייש גוועזן אזו האסטו אים זיין בלוט פר גאסן הד קוגן מאך שלום צווישן מאן אונ וייב אונ צווישן איינעם אונ זיין חבר · אונ טוא תשובה אונ תפלה אונ צדקה · האסטו גזונדיגט מיט דיינו הענט לייג תפילין אוף דיינו הענט אונ גוב צדקה האסטו גהאט בייזו מחשבות זאלסטו האבן גוטו מחשבות אונ אזו אוך מיט די איברגו אברים · אזו אז דו ווערסט קומן צום יום הדין ווערלן די מצות אפ גרעכונט זיין קעגן די עבירות · אונ אוב די מצות ווערלן מער זיין ווערט דיר גוט זיין אונ אוב די עבירות זענון מער איז דיר שלעכט :

דיא מצות פון דר תורה זענון תרי"ג זעקס הונדרט מיט דרייצן דרייא הונדרט מיט פונף זעכצג (לאוים) קוגן די טעג פונם יאר אונ אוטלוכר טאג זאגט צום מענטשן טוא אין מיר קיין עבירה ניט · אונ ווידר זענן צווייא הונדרט מיט אכט אונ פערצג (מצות עשה) קוגן דיא אברים פונם מענטשן אונ אוטליכער אבר זאגט צום מענטשן טוא מיט מיר אמצוה ניט קיין עבירה אוך שטייט אין פרק (אל תהי רשע בפני עצמך) דס דו זאלסט קיין עבירות ניט טאן בשתיקה אונ פר לייטן חעסטו פרום זיין ·

דר פסוק זאגט (כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם) דען עס זענן רעכט פארטוג די וועגן פון גאט די צדיקים גייאן אין זיי · אוג די רשעים ווערן גשטרוכלט אין זיי די גמרא שרייבט דרוף אמשל ווען עס איז אסעודת מצוה דא עסט דר צדיק פון מצוה וועגן אבר דר רשע עסט נאר זיין בוך אן צו פולן דאס מיינט דר פסוק (צדיקים ילכו וגו') דרום זאל קיינור ניט עסן פון זיין הנאה וועגן · נאר פון מצוה וועגן דס גאט הט אזו גבאטן אפילו ער הט הנאה פון דר מצוה הארט מיך ניט · אז וויא מיר עסן שלש סעודות אום שבת האמשו אמאל הט ער דאך דר פון קיין הנאה ניט דס ער איז זאט · דאך טוט ער עס פון מצוה וועגן אזו זאלך אוך אלו מצות זיין · אונ זאלסט זיי טאן פון דעם שענסטן אונ בעסטן גוסטו איין ארומאן גוב אים פון דעם בעסטן קופסטו איין אתרוג אונ אלולב · קויף פון דעם בעסטן אונ שענסטן זאלסט אוך קופן אשיינום טלית אונ תפילין אונ אשיינו סוכה :

אוך ווען איינור האט גקופט איין אתרוג דר נאך טרעפט זיך אים אטייערור צו קופן · איז ער מחוייב קופן אפילו ער טרעפט אן טייערור מיט אשליש פונם ערשטן למשל אז דר ערשטר קאסט זעקס גולדן · זאל ער נאך דר לייגן צווייא גולדן · דס הייסט אשליש מלגו · אטייל לייט זאגן ער איז מחוייב מוסיף צו זיין ביז איין (שליש מלבר) דס הייסט דרייא גולדן חוץ ייענו זעקס אזו זענגן אוך אלו די מצות · אוך איז אוטלוכר מחוייב די מצוה צו טאן (לשם שמים) ניט פון גאוה וועגן זיך צו ברומן פאר לייטן דען דער מיט נעמט ער אפ זיין שכר אוף דר וועלט אונ זו ווערט אים נאך צו איין עבירה · אבר אז זיין כוונה איז לשם שמים אפילו לייטן ווייסן דר פון איז אוך נושט קשה · דען זיין כוונה איז דאך ניט פון לייטן וועגן · נאר פון גאטס וועגן אז וויא דר פסוק זאגט (ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך) ווארום שטייט ניט (לבך) ריין איין הארץ נאר (לבבך) מיינט מען מיט דיינו ביידו הערצור מיט דעם יצר טוב אונ מיט דעם יצר הרע זאלסטו דינגן הקב"ה · אונ זאלסט טאן אלו די מצות לשם שמים :

האדם דר מענטש איז ניט בשאפן גווארן נאר אוף תורה לערנן אונ אורו מצות צו טאן אזו ער איז נאר ווי אשליח וואס איינור שוקט אים זיינו זאכן אום צו רוכטן אז ער טוט זיין שליחות באמונה דא בקומט ער זיין שכר · אונ אוב ער פאר געסט דרזגן · אונ גייט נאך נאך

וואול טעג מיט פרעסן אונ זופן · אזו איז דאך ווי צו דעם שליח · אזו איז אוך דר מענטש גשוקט פון גאט צו פארוכטן זיינו זאכן אונ אז ער טוט זיין שליחות באמונה דם ער לערנט תורה אונ טוט מצות לשם שמים · אזוא בקומט ער פיל שכר לעולם הבא · אונ עסט אוך דיא פירות פון די מצות אוף דר וועלט · אבר אז ער גייט נאך נאך וואול טעג · אונ פר געסט זיין שליחות איז דאך וויא צו אים דם ער פאר שעמט די מצות וואס הקב"ה הט גגובן צו משה רבינו ע"ה אונ משה רבינו האט זייא אובר געגפרט צו יהושע · אונ יהושע צו די זקנים · אונ די זקנים צו די נביאים אונ די נביאים צו די אנשי כנסת הגדולה · אונ דר נאך איין דור נאך דעם אנדרן ביז דיא חכמי המשנה · דער נאך די חכמי התלמוד · דר נאך די פוסקים · דאס זענן דיא רעכטו מצות וואס דער מענטש איז בשאפן גווארן זייא צו טאן ניט קיין אנדר מלאכה · אבר דר מענטש מוז אוך האבן א מלאכה צו זיין פרנסה אונ קליידור אונ וואונוג דען אז ער וועט קיין פרנסה ניט האבן וועט ער גיט קענן גאט דינן אבר זיין עיקר הענדול זאל זיין צו תורה אונ מצות אונ זיין עסן אונ טרינקן א"ל זיין כדי ער זאל קענן גאט דינן מיט תורה אונ מצות · ווי דר פסוק זאגט (ודברת בם) זאלסט ריידן אין תורה אונ מצות :

# תם ונשלם שבח לאל בורא עולם